STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03150

ZIKHROYNES UN SHRIFTN FUN A BYALISTOKER

Jacob Jerusalimski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב יערוזאַלימסקי

זכרונות און שריפטן פון אַ ביאַליסטאָקער

צום אָנדענק פון אומפאַרגעסלעכן
מאַן און פאָטער
אַרויסגעגעבן דורך דער פרוי, טאָכטער,
זון און שנור רעגינע ע״ה

קאָמיטעט צום אַרויסגעבן די שריפטן פון יעקב יערוזאַלימסקי:

מלכה יערוזאַלימסקי, קאַליפאָרניע, אַמעריקע; גרשון יערוס (יערוזאַלימסקי), קאַליפאָרניע, אַמעריקע; אידאַ יערוזאַלעם קאַליפאָרניע, אַמעריקע; זלמן ירושלמי, תל־אביב, ישראל; יצחק ריבאַל (ריבאַלאָווסקי), ניו־יאָרק, אַמעריקע; דורה קליין, קאָנעקטיקעט, אַמעריקע; ירחמיאל דאַווידסאָן, אַנטווערפּן, בעלגיע; געניאַ דרייזען פּאַריז, פראַנקרייך; יוסף כהן (קאַגאַן), בני־ברק, ישראל.

יעקב יערוזאַלימסקי

זכרונות און שריפטן
פון
אַ ביאַליסטאָקער

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשמ"ד — 1984

JACOB JERUSALIMSKI

MEMOIRS AND WRITINGS OF A BIALYSTOKER

©

יעקב יערוזאַלימסקי / זכרונות און שריפטן פון אַ ביאַליסטאָקער

הוצאת ספרים ע"ש י. ל. פרץ, תל־אביב

I. L. PERETZ Publishing House, 14, Brener Str., Tel Aviv

נדפס בישראל, תשמ"ד — 1984

דפוס „אורלי", תל-אביב, טל. 372062



דער מחבר אין עלטער פון 68 יאָר



דער מחבר מיט זיין פאַמיליע

אינהאַלט

7 יעקב יערוזאַלימסקי — אַ ביאָגראַפיע פון אַ ביאַליסטאָקער שריפטשטעלער

ערשטער טייל

11 ביאַליסטאָק — זוניקע בילדער פון מיין יוגנט, בלוטיקע שטיקער פון מיין האַרץ
18 די נייע מאָדערנע תלמוד־תורה אויפן נאָמען פון זאב וויסאָצקי
28 דער אַלטער בית־עולם און שכנות־דיקע קוואַרטאַלן פון אַרעמקייט
36 „רעמעסלענאַיע״: דער שידוך פון אַרבעט מיט בילדונג
51 אַ שפּאַציר איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן שבת נאָכמיטאָג
57 ראָמאַנטישע אָוונטן פון ביאַליסטאָקער שטאָטגאָרטן
64 טיפּן פון ביאַליסטאָקער משוגעים און עקסצענטריקערס
86 דער וועג צום פּאַרק ראַסקאָש
91 צערטלס וואַלד
97 פּאַרק ראַסקאָש
105 שכנים פון גאַניאַנדזסקיס הויף
119 דער טויט פון אַ ביאַליסטאָקער לערער
125 ביאַליסטאָק אין דער ערשטער וועלט־מלחמה
140 דער אַריינמאַרש פון די דייטשן
149 די נייע דייטשישע אָרדענונג
153 נייע גבירים און נייע אָרעמעלייט אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע
159 הונגער און גייעג נאָך אַרבעט
165 עלעקטריע, ליבע און קונסט אין סופּראַסלע
170 די ראָמאַנטישע יאָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה
177 מיין ברודער דוד נעמט זיך צו מלחמה־פּרנסות
182 דער אויפבלי פון יידיש אין ביאַלי־סטאָק אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע
189 די וואונדערלעכע הילף פון „לינת־חולים״ פאַר די ביאַליסטאָקער קראַנקע
191 פון וואָס ביאַליסטאָקער יוגנט האָט געחלומט
194 די ערשטע סימפּטאָמען פון דער דייטשישער רעוואָלוציע
198 דער צוזאַמענברוך פון דייטשישן מיליטאַריזם
205 טיפּן פון ברעמל־קרעמערס
215 ליטעראַטור, קונסט און ראָמאַנטיק אין ביאַליסטאָק
219 „לינת־חולים״ און „לינת הצדק״ — מעדיצ. הילף און יידישע קולטור
225 קונסט און ראָמאַנטיק
230 יידיש טעאַטער
234 דער אָנזאָג פון אָנקומענדיקן שטורעם
236 דער הספד נאָך ביאַליסטאָק
240 וויינען ווינטן (ליד)

צווייטער טייל

241 די שפּין
246 דימענט־שניידערס
249 די צוואה
254 רחמנות פון אַ קאָזאַק
260 דער באָבעס נחת
266 דער טויט פון לייזער בעל־תשובה
274 דריי יאָרצייטליכט
281 דער בוקעט פון זשאַסמין און רויזן
286 זי איז געוואָרן אַ כלל־טוערין
298 ווידער צו שפּעט
310 דער טעות
318 פּענדזל־שטריכן פון ביאַליסטאָקער באַל
322 דריי ביאַליסטאָקער מיידלעך
329 פאַרגאַנגענהייט
331 אין אַ רעגנדיקן אָוונט
333 דער אייביקער קאַמף צווישן יידישע קריטיקערס און יידישע אַקטיאָרן
335 דער אַמאָליקער טעאַטער און די פּרעסע אין ביאַליסטאָק
337 צו דער דיסקוסיע צווישן וואַר־שאַווסקי, שעפּנער, רייך
339 דער 11טער נאָוועמבער אין פּאַריז
341 שיינקייטן פון פראַנקרייך און פון מיין פּראָווינצשטאָט

יעקב יערוזאַלימסקי — אַ ביאָגראַפיע פון אַ ביאַליסטאָקער שריפטשטעלער

יעקב יערוזאַלימסקי (אין די פאַראייניקטע שטאַטן געביטן דעם נאָמען אויף יערוזאַלעם) איז איינער פון דער פאַרצווייגטער פאַמיליע יערוזאַלימסקי אין ביאַליסטאָק (שפּעטער, אין ישראל — ירושלמי). ער איז געבוירן אין ~~1907~~ אין ביאַליסטאָק, דעמאָלט אונטער דער 1897 רוסישער הערשאַפט, ביי די עלטערן — טעמע און גרשון, אַלס דער צווייטער פון די דריי זין, אָבער געבליבן דער איינציקער זון. ווען ער איז אַלט געווען דרייצן יאָר, איז געשטאָרבן זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ לערער און דירעקטאָר פון אַ יידישער שולע אין ביאַליסטאָק. דער פאָטער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם קליינעם יאַנקעלע, ווי זיין גייסטיקער וועגווייזער.

יאַנקעלע האָט געהאַט אַ גרויסן דורשט נאָך קענטעניש און פלעגט לייענען מיט ליידנשאַפט יעדע שריפט אין יידיש אָדער רוסיש. עס האָט אויף אים געווירקט די טראַגישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטער דעם צאַרישן רעזשים און שפּעטער ווען פוילן האָט באַקומען איר אומאָפּהענגיקייט און ביאַליסטאָק איז אַריבער אונטער פוילישער הערשאַפט. ער האָט געפילט אַ שטאַרקע אידענטיפיקאַציע מיט זיין פאָלק און האָט געליטן מיט אים צוזאַמען פון דעם אומרעכט וואָס מען האָט אים געטאָן.

אין עלטער פון 17 יאָר האָט ער געענדיקט די ביאַליסטאָקער „רעמעסלענאַיע" (פאַכשולע) אַלס פאַכמאַן אין טעקסטיל, וואָס איז געווען איינע פון די הויפּט בראַנזשעס אין דער ביאַליסטאָקער אינדוסטריע. אין 1919 האָט ער חתונה געהאַט מיט מאַניען (מלכה), איינער פון די 11 קינדער פון אַ בכבודיקער פאַמיליע, פון צבי־הירש און רייזל (געבוירן לעווקאָווסקי) קאַגאַן. אין דער צייט פון פויליש־רוסישן קריג האָט ער פאַרלוירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן און ער האָט געפּרוווט זיין גליק אין „שפּאַגאַט"־ביזנעס.

אין יאָר 1920 איז געבוירן געוואָרן זיין זון גרשון. אין 1921 זיין טאָכטער אידאַ. נישט זעענדיק קיין צוקונפט פאַר זיין פאַמיליע אין פוילן האָט ער אין 1924 עמיגרירט קיין בעלגיע. זיין פרוי מיט די צוויי קינדער זיינען געקומען צו אים אין 1925. זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַנטווערפּן, בעלגיע, וווּ ער האָט געלערנט דעם דימענטן־פאַך. ער

האָט געמאַכט דערפון אַ גאַנץ פיין לעבן ביז אין 1931, ווען דער וועלט־קריזיס האָט שטאַרק געווירקט אויף דער דימענטן־בראַנזשע אין בעלגיע.

בכדי איבערצוקומען די שווערע צייט האָט זיין פרוי מאַניע אָנגענומען פאַרשידענע אַרבעטן אַלס נייטאָרין, ביז זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ קאָרסעטן־סאַלאָן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן גאַנץ באַפרידיקנדיק. אָנווענדנדיק זיין דערפאַרונג אין טעקסטיל, האָט יעקב אויפגעבויט אַ צודאַטן־געשעפט אין דער קאָרסעטן־בראַנזשע, וואָס האָט פּראָספּערירט גאַנץ פיין ביז צום טאָג פון דער נאַצישער אינוואַזיע אין בעלגיע אין יאָר 1940.

אין אַנטווערפּן איז יעקב געווען אַקטיוו אין דאָרטיקן יידישן לעבן, באַזונדערס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז געוואָרן אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פון פועלי־ציון אין בעלגיע, אין דער זעלבער צייט, ווען לעאָן קובאָוויצקי איז געווען פּרעזידענט און ד״ר פּרוזשאַנסקי וויצע־פּרעזידענט. גלייכצייטיק איז ער אויך געווען סעקרעטאַר פון קאָמיטעט פון פּוילישע יידן. זיינע פעיקייטן צו אָבסערווירן געשעענישן מיט אַ שאַרפן בליק און אַרויסציען פּאָליטישע מסקנות, האָבן אים געבראַכט צום ראַנג פון אַ זשורנאַליסט אין דער צייטונג „דער בעלגישער טאָג״. ער האָט זיך אויך ספּעציאַליזירט אין קריטיק פון יידישן טעאַטער אין אַנטווערפּן. די אַרטיסטן האָבן זיך זייער גערעכנט מיט זיינע שאַרפע רעצענזיעס, ווייל ער האָט זיך נישט געשעמט צו באַשרייבן אַ פּיעסע אַזוי ווי ער האָט זי געזען און געפילט. זיין ווילן איבערצוגעבן זיינע אימפּרעסיעס אין ווערטער האָט געבראַכט דערצו, ער זאָל ווערן אַ בעלעטריסט, שרייבער פון קורצע דערציילונגען, סקעטשן, עפּיזאָדן פון יידישן לעבן אין אַנטווערפּן. זיינע שאַפונגען זיינען געווען גוט אָנגענומען ביי דער יידישער פּרעסע און האָבן זיך געדרוקט אין פאַרשידענע אויסגאַבעס. מיט זיין שאַרף אויג און זיין פילבאַרן חוש פאַר דער צוקונפט האָט ער ריכטיק אַנאַליזירט די פּאָליטישע לאַגע אין איירָאָפּע, ווען דער נאַצי־רעזשים האָט גענומען ווייזן זיין אמתן פּרצוף. אין אויגוסט 1939, אַ חודש פאַר דער נאַצישער אינוואַזיע אין פּוילן, האָט ער באַזוכט זיין היימשטאָט ביאַליסטאָק אַלס אַ זשורנאַליסט. בעת דעם קורצן באַזוך האָט ער געזען די „האַנטשריפט אויף דער וואַנט״ און געפּרוּווט וואָרענען זיינע קרובים קעגן דעם אָנקומענדיקן אומגליק. צום באַדויערן איז אָבער זיין וואָרענונג נישט ערנסט אָנגענומען געוואָרן. מ׳האָט זי געהאַלטן ווי אַ גוזמא. אויפן צוריקוועג פון פּוילן קיין בעלגיע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף 24 שעה אין בערלין און געזען די נאַצישע דראַנגמאַשין אין פולן שוווּנג

און צוגרייטונג צום שטורעם. צוריקקומענדיק קיין בעלגיע, האָט ער געוואָרנט די ייִדישע באַפעלקערונג קעגן דער פאַרשפרייטונג פון נאַציזם אין גאַנץ אייראָפּע. ער איז געוואָרן מיטגליד פון באָיקאָט־קאָמיטעט אויף דייטשישע סחורות. זיין פּאָרויסזען איז געווען פּשוט אומגלויבלעך. ער האָט פאָרויסגעזען די דייטשישע אינוואַזיע אין מערב־אייראָפּע. ער האָט צוגעגרייט פאַר יעדן איינעם פון זיין פאַמיליע אַ וואַליזע מיט די נויטיקסטע אַרטיקלען צו אַ גיכן אַנטלויפן. ער האָט אויך געשיקט זיין זון אין אַפּריל 1940 אין בעלגיש־קאָנגאָ (איצט זאַיר) מיט דער לעצטער שיף פאַר דער נאַצישער אינוואַזיע אין בעלגיע און דער זון איז אָנגעקומען קיין לעאָפּאָלדוויל 5 טעג פאַר דער אינוואַזיע. (10 מאַי 1940). יעקב מיט דער פרוי און טאָכטער האָבן געפונען צייטווייליק אַן אָרט אין מאַרסיי, ווו זיי האָבן באַקומען די אַמעריקאַנער וויזע. (די צוגרייטונגען צו באַקומען אַן עמיגראַנטן־וויזע אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט יעקב אָנגעהויבן אין אַנטווערפּן, פאַר דעם קריג־אויס־ברוך). דורך שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זיינען זיי אָפּגעפאָרן און געקומען מיט דער שיף קיין ניו־יאָרק אין סעפּטעמבער 1941. לויט דעם פאָר־שלאַג פון אַמעריקאַנער קאָנסול אין מאַרסיי האָבן זיי געקירצט זייער פאַמיליע-נאָמען אויף יערוזאַלעם, אָבער אין אַלע זיינע שריפטן האָט יעקב ווייטער באַנוצט דעם נאָמען ירוזאַלימסקי.

אין ניו־יאָרק האָט יעקב ירוזאַלימסקי זיך צוריקגעקערט צום דימענטן־פאַך. גלייכצייטיק איז ער געווען טעטיק אין די ייִדישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און געווען זייער אַקטיוו פאַר ארץ־ישראל. ער האָט ווידער אָנגעהויבן שרייבן קורצע דערציילונגען און פאַרדינט די ערשטע 10 דאָלאַר אין אַמעריקע מיטן פאַרעפנטלעכן אין „דער אַמעריקאַנער" די דערציילונג „דריי יאָרצייטליכט". געמוטיקט דורך דעם אָנהויב זיינען געקומען ווייטערדיקע שאַפונגען. קורץ נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיינע מעמואַרן פון דער אַמאָליקער היימשטאָט ביאַליסטאָק, און ער האָט זיי געדרוקט אין דער „ביאַליסטאָקער שטימע", די פעריאָדישע צייטונג פון די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט. ער האָט אָנגעהויבן פּובליצירן די זכרונות אין 1949 און מיט פאַרזעצונגען האָט עס געצויגן ביז 1969, אונטערן טיטל: „ביאַליסטאָק — זוניקע בילדער פון מיין יוגנט".

צוזאַמען מיט פריינד: ה"ה ריבאַלאָווסקי (איצטיקער סעקרעטאַר פון ביאַליסטאָקער היים אין ניו־יאָרק), קאַגאַנאָווסקי, פּאַלאַן, גאָלד־בערג און נאָך אַנדערע, וועלכע מיר געדענקען נישט איצט, האָבן זיי געגרינדעט דעם קלוב פון ביאַליסטאָקער פריינד אין ניו־יאָרק.

נאָך דעם, ווי זיינע קינדער זיינען אַריבערגעפאָרן קיין לאָס־אַנזשעלעס, האָט ער זיך אין 1961 אויך אַריבערגעצויגן אַהין, כדי זיך צו דערנענטערן צו זיין פאַמיליע. אין אָנהויב 1970 האָט ער אָנגעהויבן ליידן אין געזונט. דאָס האָט זיך געצויגן לענגערע יאָרן. ער האָט געהאַט עטלעכע שאַרפע האַרץ־אַטאַקן און געווען עטלעכע מאָל נאָענט צו פאַרלירן דאָס לעבן; דאָקטוירים איז געלונגען אים צו ראַטעווען, אָבער זיין געזונט האָט זיך ווייטער פאַרערגערט.

אין אַפּריל 1979 האָט ער באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג און דערנאָך אויך אַ האַרצאַטאַק און איז אַוועק פון אונדז אויף אייביק דעם 24טן מאַי 1979 (כ״ז אייר תשל״ט). זיין רו איז אויפן בית הקברות (בית עולם) מאָונט־סיני מעמאָריאַל־פּאַרק (באַרג סיני אָנדענק־פּאַרק) אין פאָרעסט־לאָון, קאַליפאָרניע.

ער האָט איבערגעלאָזט אין טרויער זיין פרוי, צוויי קינדער, די שנור רעגינע און אַן אייניקל נעמי־ראָזע.

כבוד זיין אָנדענק, ווערלכן דאָס בוך וויל פאַראייביקן.

די פאַמיליע

לאָס־אַנזשעלעס 1981.

דער מחבר און די מיטגרינדערס פון קלוב פון ביאַליסטאָקער פריינד אין ניו־יאָרק

ערשטער טייל

ביאַליסטאָק — זוניקע בילדער פון מײַן יוגנט
בלוטיקע שטיקער פון מײַן האַרץ...

ליבער לייענער, זייט מיר מוחל פאַר מיין דרייסטקייט צו שרייבן אויטאָ־ביאָגראַפישע נאָטיצן. מיין באַשיידענע פערזענלעכקייט גיט מיר ניט קיין רעכט דערצו. אָבער איך טו דאָס מיט איין ציל: שטייענדיק אין שאָטן, אין הינטער־גרונט, מאָלן בילדער, צייט־מאָמענטן, טיפּן און פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן גע־האַט אַ שייכות צום דעמאָלטיקן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונ־דזער געוועזענער אַזוי טייער באַליבטער, שטאָט ביאַליסטאָק.

דאָס איז מיין חוב, מיין הספד, און מיין דענקמאָל צו מיינע אויסגעמאָרדעטע משפחה־מיטגלידער, פריינד, שכנים, שול־און געזעלשאַפט־חברים און די עטלעכע יוגנטפריינד פון פרויען־געשלעכט, וואָס האָבן אין מיר דעם מאָן אויפגעוועקט, אַריין טיף אין האַרצן און דאָרט געוועלטיקט, דערהויבנדיק מיך ווי אַ פּרינץ און באַהערשנדיק מיינע וויזיעס, טרוימען און נאַכט־חלומות, צוגעבנדיק אַ זיסן רייץ די גאַסן און געסלעך פון אונדזערע „סווידאַניעס" ווי: די הויפּטגאַס ניקאָלאַיעווסקע און די סוחרישע גומיענער, פאַלקסגאַס, סוראַזער און מאַרקגאַס, פּיאַסקעס, אין דער פאַרוואָרפענער ווייטער באַיאַרע און הינטער דער טורמע, צענטערס פון אָרעמקייט — כאַנייקעס און שייעס גאַס — און די געשעפטן־גאַס ליפּאָווע, דאָס אָרט פון גוליאַניעס און שטאָטישן שפּאַציר: „גאָראָדסקאָי סאַד", דאָס אָרט פון „סווידאַניעס", זווערינִיעץ, צערטלס וואַלד, פּאַרק ראַסקאָש אין דער גרינער אַלעע און אין ווינקלען פון וואַלד, ווו אונטער דער באַגלייטונג פון מעלאַנכאָלישע נאַכט־געזאַנ־גען פון פאָלקסלידער ווי „מאַרגאַריטקעלעך", „שיין איז רייזעלע דעם שוחטס", „פרייטיק אויף דער נאַכט", „אַ בריוועלע דער מאַמען", און „דאָס טליתל", פאַר־מישט מיט די רוסישע האַרץ־אָטעמדיקע לידער ווי „אָטשי טשאָרניאַ", „יאַמשטשיק ניע גאָני לאָשאַדיעי", „אַך זאַטשעם עטאַ נאָטש", האָב איך מיין ערשטן קערפּער־ציטער באַקומען פון יונג־מיידלשע באַרירונגען און קושן, וואַרעמקייטן פון קער־פּער און פיבער פון בלוט, פון אומשולדיקער ראָמאַנטיק און ביינאַכטיקע זיפצן פון בענקשאַפט, צו אונדזערע שטילע, צניעותדיקע סענטימענטאַלע, מיט באַשיידנ־קייט באַצירטע, ביאַליסטאָקער טעכטער, וואָס האָבן אַזוי ווייניק פאַרלאַנגט און אַזוי פיל גליק געקענט געבן. אָט צו אייך, אַלע געקומענע, פאַרשווונדענע, ווידמע איך די ווערטער, און איך בוק זיך פאַר אייערע נשמות, וואָס שוועבן

איבער דעם פינצטערן הימל פון ביאַליסטאָק. ווערטער פון טיפן דאַנק פאַר די גליקלעכע יאָרן, פאַרבראַכטע אין אייער סביבה; און זאָלן מיינע אַרטיקלען זיין אַן אָנדענק צו אייער נאָמען און אַ שטילע, מיט טרערן באַוואַשענע מצבה, אויף אייערע פריצייטיק פאַרשניטענע לעבנס, אויסגעריסענע מיטן וואָרצל, לעבנס וואָס האָבן געהאַט אין זיך מער נשמה ווי דורות שאַפונגען פון דער „דייטשישער קולטור״ און איין לעבן פון אַ ביאַליסטאָקער ייִדן, איז דאָך מער ווערט געווען ווי די עקזיסטענץ פון גאַנצן דייטשישן פאָלק... ווייַ איז צו אַ וועלט וואָס איז בלינד צו דער שיינקייט פון ייִדישער נשמה און מאָראַל, פון ייִדישן פאַמיליע-לעבן און פון דער טויזנטיאָריקער ירושה פון „לא תרצח״ און צניעותדיקער טהרת-המשפחה, באַפינקלט מיט פרייטיק-צונאַכטיקע ליכט-פלעלעלעך פון אייביקן ייִדישן שבת, דעם שבת פון המבדיל בין קודש לחול, דעם אייביקן שבת און יום-טוב וואָס מיר ייִדן טראָגן אין אונדזערע געפילן און הערצער און וואָס טיילן אונדז אָפּ אַזוי שטאַרק פון דער גרויער, ווולגאַרער, וואָכעדיקער, מגושמדיקער, קריסטלעכער וועלט..

עס קלינגט מיר אין די אויערן אַ רוסיש ליד:

ווו זייט איר גליקלעכע טעג?
פאַרגעסן, פאַרשוווּנדן, פאַרפלויגן
נאָר טרויער און ליידן אַ סך
האָבן מיין קערפּער געבויגן...

✶

ביאַליסטאָק יאָר 1907, יולי מאָנאַט. אַ זוניקער תמוז-טאָג. מיין פאָטער קושט מיך האַרציק און גראַטולירט מיר. איך בין היינט זיבן יאָר געוואָרן.

— יאַנקעלע, כ'האָב היינט פאַר דיר אַ סורפּריז צו דיין געבורטסטאָג, — און ניט פרעגנדיק מיר, נעמט ער מיך אָן פאַרן הענטל און פירט מיך פון שייעס גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט, צו דער ענדע פון מירקעס געסל ווו, קעגן איבער לייבל רחלס בית-מדרש און וויעטשאָרקעס פאַבריק, זע איך אַ צוויי-שטאָקיקן מויער, מיט אַ גרויסן שילד, מיט גאָלדענע בוכשטאַבן: „דוווּקלאַנסאַיע נאַראָדנאַיע אוטשילישטשע״.

— יאַנקעלע, דו וועסט שוין מער אין חדר ניט גיין — זאָגט מיר מיין פאָטער — איך וועל דיך אַרויספירן אויף דער סטעזשקע פון בילדונג און ווייטער ווענדט זיך אָן דיר... דאָ איז פרידמאַנס שולע. ער וועט דיך איצט פאַרהערן. זע פאַרשעם ניט דיין טאַטן... (ווען איך האָב אין 1925 באַקומען מיין סטודענטן-קאַרטע פון פאַריזער פּאָליטעכניקום, האָב איך זי געקושט און געוויינט, דערמאָנענדיק זיך אין מיין טאַטנס ווערטער). אָט בין איך אין אַ קליין צימערל פון פרידמאַנס „אוטשילישטשע״, אַ באַהאָנגענע מיט צוויי בילדער פון „קיסר פאָטערל״ ניקאָלאַי

אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס קוקט שטרענג צו מיר אַראָפּ, און פון איר מאַיעסטעטין, מאַריאַ פיאָדאָראָוונא, דער „סענטימענטאַלער דיטשקע", ווי מען האָט זי גערופן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פרידמאַן, דער פאַרוואַלטער פון שולע, אַ קורצער, דיקער מיט אַ פליישיק פאַרשווומענעם פּנים און קליינע אייגעלעך, קורץ געשאָרענע האָר און אין אַ גרינעם מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ, קוקט מיך אָן און לאַכט חוזקדיק, זאָגנדיק צו מיין פאָטער, מיט וועמען ער איז גוט באַפריינדט, ווי קאָלעגן און מיטגלידער פון קאָמיטעט פון לערער־פאַרבאַנד.

— גריגאָרי זעלמאַנאָוויטש! וועמען האָט איר דאָ מיר געבראַכט? מען דאַרף דאָך צו אים האָבן אַ ניאַנקע...

מיין פאָטער שמייכלט געהיימניספול, ענטפערט גאָרנישט, הויבט מיך אויף, שטעלט מיך אַוועק אויף אַ שטול און זאָגט:

— יאַקאָוו, נאַטשינאַי...

מיין קליין יונג הערצל קלאַפּט האַסטיק. דאָס בלוט שפּאַרט מיר אין מיין יונג מוחל, מיין שטימעלע ציטערט, אָבער צו ביסלעך פאַרגעס איך אין דעם חוזקדיקן רונד פּנימדיקן פרידמאַנען און איך טראָג זיך אַריבער צום אויסגע־שטערנטן הימל פון אוקראַינע אין פּושקינס „אוקראַינישע נעכט" און מיין קלינ־גענדיק פאַרחלומט קולכל רעציטירט:

— שטיל זיינען די אוקראַינישע נעכט. די שטערנס בליצן, צעפּלאָסענע טייכן יאָגן זיך צווישן פעלדער, וועלדער און בערג אין די לבנה־נעכט. די פאַרדרימלטע וואַסערן גליטשן זיך דורך געדרייטע וועגן, קושן די ברעגן און פליסטערן סודות־דיק, שפּינען לעגענדעס פון וואַסער־מיידן, וואָס לאַכן פאַרפירעריש פון די לבנה־נעכט, און לאָקן פאַרליבטע פאָרלעך אין די טיפענישן פון זשורטשענדיק פאַר־וויגנדיקן טייך...

איך ענדיק. איך כאַפּ זיך אויף און דערמאָן זיך ווו איך בין. איך באַגעגן דעם אַנטציקטן בליק פון גוטמוטיק לאַכנדיקן פרידמאַנען, וועלכער קנייפּט מיר אין בעקל און זאָגט:

— טי פּריניאַט... אוטשאַני מוזש...

און מערקווירדיק ווי לעם פרידמאַנס שולע האָב איך אָנגעטראָפן פיר סימ־באָלן פון אייביקע קאָנפליקטן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין גאַנצן לעבן — דאָס זיינען געווען: דער קליינער ליבע רחלס בית מדרש, אַ פאַרלווירענער אין ווינקל פון מערקעס געסל, ווו אין די אָוונט־שעהען פון דער צוגעפּאַלענער נאַכט, האָבן זיך, אין די האַלב טונקעלע פענצטער, געוויגט קליינע ליכט־פייערלעך אויף די סטענדערס פון גמרא־יידן, מיט זייער האַלב מרה־שחורהדיק פאַרחלשטן ניגון. קעגן איבער פרידמאַנס שולע, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן הילצערנעם פּאַרקאַן, האָט געמיניעט די רויט פאַרגייענדיקע זון אין די הונדערטער פענצטער־

לעך פון וויעטשאָרעקס פאַבריק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טונקעלע גיגאַנטישע חיה, מיט הונדערטער האַלב טויטע אויגן, וואָס שלינגט איין אין די פרימאָרגנס פאַרשלאָפענע אַרבעטער־געשטאַלטן און וואַרפט זיי אַרויס צוריק אין דעם בלוי־טונקל הימלדיקן אָוונט; און דאָס לעצטע בילד פון פרידמאַנס שולעס שכנים, איז דער רויט האָריקער חזירניק, וואָס פלעגט יעדע עטלעכע טעג, האַרט לעבן וואַנט פון פרידמאַנס שולע, קוילען חזירים, אויפן הויף אין זיין אָפּגעצוימטן חזירים־שטיבל, האַקנדיק זיי מיט אַ קלאַניצע איבער די קעפּ, מיט צעווילדעטע צעיושעטע קלעפּ; און די חזירים פלעגן ריטשען טויט אַנגסטיק, פאַרטויבנדיק די לופט מיט זייערע גסיסה־כאָרכלענישן און אָנפילנדיק אונדזערע יונגע הערצלעך מיט עפּעס אַן אומבאַוווּסטער מורא פאַר דער צוקונפט...

פרידמאַנס שולע, וויעטשאָרעקס פאַבריק, ליבע רחלס בית־מדרש און להבדיל דער חזירנדיק האָבן זיך אין מיין צוקונפטיקן לעבנסוועג געוואָרפן אין די אויגן ווי אייביקע סימבאָלן פון אַלוועלטלעכן מענטשלעכן קאָנפליקט: קולטור, אַרבעט, רעליגיע און מאָרד...

פרידמאַנס שולע איז געווען איין גאַס פון שייעס געסל, ווו מיר האָבן געוווינט און שייעס געסל איז געווען אין האַרץ פון דער באַרימטער כאַנייקעס. דאָס געסל איז געווען ווי אין אַ ראַם אַריינגעפּאַסט פון צוויי זייטן מיט קריסטלעכע בית־עלמנים. פון איין זייט שוויענטי ראָך, אויפן באַרג וואָס האָט זיך געצויגן פון בײדע זייטן פון אַלטן און נייעם שאָסיי, און פון דער צווייטער זייט — די „מאַגילקעס" וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פון קראָטשאַקס גאַס ביז משה־ראובנס געסל.

כאַנייקעס איז געווען דאָס האַרץ פון אָרעמקייט. טרעגערס, פורמאַנעס, שוס־טערס, שניידערס, קאַטערינשטשיקעס (אויפן שטייגער פון איטאַליענער מיט אַ מאַלפּעלע אָדער אַ פּאַפּוגאַי, וואָס ציט אַרויס דעם „מזל"), קאָמעדיאַנטן וואָס שפּרייטן אויס אַ געבלומטן טרעטער אין מיטן גאַס און אין קורצע געשטרייפטע הייזלעך קערן זיי זיך „קאָזיאָלקע", שלינגען פייער און שווערדן צופּויקנדיק מיט אַ צימבל און קלויבנדיק נדבות. דאָרטן, אויף שייעס געסל, האָב איך געזען דעם ערשטן מאַריאָנעטן־טעאַטער, ווו קליינע ליאַלקעס, אויפן שפּיץ פון אַ פּיר־קאַנטיקער בויד, זינגען און שפּילן, דערקלערן זיך אין ליבע און שלאָגן זיך, צום גרויסן פאַרגעניגן פון די אָרעמע קינדערלעך, וואָס פּאַטשן מיט די הענטלעך פאַר פאַרגעניגן, צו זייערע ערשטע קינדערשע גאַסן־טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

כאַנייקעס האָט פּראָפעסיאָנעלע בעטלערס וואָס מאַכן אַ לעבן פון בעטלען אַ גאַנצע וואָך איבער די הייזער, אויך אַ קליין „שטיל" געסל פון גאַסן־פרויען, „חתנים" און גנבים... און אין ראָג פון דעם געסעלע איז דאָ אַ טראַקטיר אין וועלכן עס ווערן פאַרקויפט אַ „סאָראָקאָווקע" שנאַפּס, געדיכטע אייער און אַ זויערע אוגערקע, און לייזער דער טראַקטירשטשיק, אַ פרומער ייִד אין אַ יאַרמלקע,

מיט אַ שפּיציק בערדל און געלאָקטע פּאות, מיט אַ גרויסן טלית־קטן איבער די קני, וואָס איז פול מיט פעטספּלעקן און זעט אויס ווי אַ געאָגראַפישע לאַנדקאַרטע, זאָגט די ערשטע ברכות פון „פּאַרנט״־דאַוועגען און שמייענדיק באַדינט ער זיינע געהויבענע געסט, די איינוווינערס פון דעם שטילן געסל...

ווי קומען מיר אין שייעס געסל? מיין פּאָטער איז געווען אַן אידעאַליסט אַ לערער, וואָס האָט זיך אָנגעשמעקט מיט דער אידעע פון דער „נאַראָדניטשעסטוואָ״ (די באַוועגונג „גיין צום פאָלק״) און פון „מפיצי השכלה״, פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן. מיין פּאָטער, אַ געבילדעטער און טיף באַלעזענער מענטש, האָט גרינטלעך געקענט פיר שפּראַכן: רוסיש, העברעיש, פראַנצויזיש און דייטש (איך האָב נאָך זיין טויט געירשנט אַ היפּשע ביבליאָטעק פון פראַנצויזישע און רוסישע ביכער, וואָס איז געווען פאַר מיר אַ קוואַל פון באַרימטע שאַפונגען, וואָס האָבן זיכער באַאיינפלוסט מיין ראָמאַנטיזם, עסטעטיק, מאָראַל און דורשט נאָך שיינקייט אין אַלע לעבנס־פאָרמען).

מיין טאַטע האָט אויסגעזוכט דעם אָרעמסטן קוואַרטאַל, זיך דאָרט באַזעצט און געעפנט אַ שולע מיט גלויבן און האָפענונג, צו בילדן די אָרעמסטע און צוריקגעשטאַנענסטע יידישע פאָלקס־מענטשן.

שייעס געסל אויף כאַנייקעס האָט געהאַט אויך יחסנימדיקע איינוווינערס...

די צוויי משפחות קאַנעל, די אייגנטימערס פון אַ גרויסער טעקסטיל־פאַבריק און דאַמפשטולן, רייסעריי און שפּינעריי. פיר פון זייערע קינדער זיינען מיינע חברים געווען: אביגדור און חיים (איך גלויב אַז זיי זיינען היינט אין ארץ־ישראל), אסתר און גליקע. די ערשטע צוויי — שילערס פון אַלעקסאַנדראָווס גימנאַזיע און די צוויי מיידלעך, אין ברוינע, מיט גרינע פּאַסיקלעך באַדעקטע קליידלעך, וואָס האָבן שטייף אַרומגענומען זייערע יונג מיידלשע קערפּערס — שילערינס פון דער קאָמערץ־שולע.

אויסגעצייכנט האָט זיך אסתר. אַ קרעפטיק, ספּאָרטיוו, דרייסט מיידל, וואָס איז שטענדיק געווען צווישן אונדז, געשפּילט מיט אונדז אין קראָקעט און פּלאָנט און אפילו אין „טשאָרט״, וואַרפנדיק די „צעלעס״ אין פלעקל ניט ערגער פון אונדז; און אפילו ווען אַ צעלע האָט איר געטראָפן אין פוס, פלעגט זי פאַרבייסן די ליפן, אונטערטאַנצנדיק אויף איין פוס און פאַרענדיקן מיט אַ געמאַכטן בריהשן געלעכטער... (איינער פון די קאַנעלס, הערשקע, געפינט זיך היינט אין ניו־יאָרק).

דער צווייטער פון דער סעריע יחסנים, איז געווען שלוימקע דער פעלדשער (שלוימקע גאָלדבערג), וואָס האָט פון זיין פעלדשעריי אַליין קיין חיונה ניט געקאָנט ציען, און דעריבער געהאַט אַ ראַזורע. אַ ייד מיט אַ שפּיציק בערדל און פענסנע, פלעגט ער שטענדיק אַרומשמייען איבער די אָרעמע געסלעך פון כאַנייקעס מיט זיין רענצעלע, פלעגט זייער אָפּט זיך אַרויסגנבענען פון אַן אָרעמען פּאַציענט, ניט בעטנדיק פאַרן וויזיט...

שלוימקע דער פעלדשער האָט געהאַט עטלעכע קינדער, צווישן זיי מיינע פריינד ראָטע און דאַווטשיק. ראָטע, דאָס עלטסטע מיידל, האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף אונדז ווי אויף יונגע סמאַרקאַטשעס, וועלכע שטעלן נאָך ניט פאָר פאַר איר קיין מאַטעריאַל פאַר „סעקס אַפּיל", — דאַווטשיק, אַ שיין ייִנגל מיט מיידלשע געזיכטשטריכן, איז געווען אומבאַהאָלפן, אַ ביסל שרעקעוודיק, און האָט ניט געקאָנט מיטמאַכן אונדזערע געשלעגן מיט די שקצים פון אַלטן שאָסיי, און געסלעך אַרום „מאַגילקעס" פון שוויענטי ראָך...

אַנדערע חברים פון אונדזער „אַריסטאָקראַטן-גרופּע" פון שייעס געסל זײַנען געווען פסח פאַרבשטיין, דער זון פון איטשע פאַרבשטיין, אַ ייִד אַ כעסן, וואָס האָט אָפט געקאָנט דערלאַנגען אַ קלאַפּ זײַנע קינדער, אָבער דערפאַר אַ הייסער ייִד, וואָס האָט געשטויסן די קינדער צו ייִדישקייט און בילדונג. פסח, מײַן חבר, איז געווען אַ געזונט, קרעפּטיק ייִנגל, וואָס פלעגט שנעל רעדן און שטענדיק עפּעס קײַען, ער האָט אונדז דערלויבט צו קריכן אויף דיביימער פון זייער סאָד און רײַסן האַלב-צייטיקע עפּל; און זײַנע צוויי שוועסטער, דאָבטשע און שאָשקע, האָבן אונדז אויך ניט געהאַלטן פאַר „קאַוואַלירן" מיט וועלכע עס לוינט זיך צו מאַכן „סווידאַניעס" (זיי זײַנען אַלע דאָ אין ניו-יאָרק). איטשע פאַרבשטיין איז געווען אַ בעל-הבית פון הייזער און אַ שפּייזקראָם, מיט אַ געזינדעלע קינדער, געזונטע, שיינע, פּולבלוטיקע, וואָס זײַנען געווען „ביזי" אין קראָם, פאַרקויפנדיק ביאַליסטאָקער קיכעלעך, אַ שטרודל, אַ מצה מיט מאָן, אַ פונט מאַנטשקע אָדער אַנצאַפּנדיק אַן עמער וואַסער פון דרויסן פאַר אַ קאָפּיקע.

די סעריע „יחסנים" פון שייעס געסל מוז איך פאַרענדיקן מיט גוסינסקי דעם קאַרעטניקס קינדער, צאַלקע און מונטשיק, וואָס פלעגן רעדן ייִדיש ווי גויים, מיטן רוסישן „רייש" געירשנט פון זייער מוטער, וואָס איז געווען, ווי מען האָט געזאָגט, אַ גרטע פון ווייטן קאַווקאַז... (איך האָב געהערט אַז זיי זײַנען אין ארץ-ישראל און זייער שוועסטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ ביאַליסטאָקער ייִדן ה' קאַפּלאַן, געפינט זיך אין ניו-יאָרק).

און נאָך אַ קאַטעגאָריע „יחסנים" האָט כאַנייקעס פאַרמאָגט: „תורה-יחסנים", די בעל-מלאכישע גרופּע פון „פּועלי-צדק", פּשוטע בעל-מלאכות, וועלכע פלעגן, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, אָפּעסן אַ שטיקל שוואַרצן ראַזעוואַנעם ברויט מיט הערינג, פאַרבייסן מיט אַ קרופּניק מיט מילך, אַוועקגיין אין „כאַנייקעווער" בית-מדרש, און דאָרטן, אין אַ ווינקל פון בית-שני, פלעגן זיי זיך פאַרוואַנדלען אין לומדים, און קנעלן אַ בלאַט גמרא אונטער דער השגחה פון זייער רבין ר' משה, אַ ייִדן מיט אַ ברייטער טאַקאַקבאָרד און שטילע, אומעטיקע אויגן. ברומענדיקע ניגונים פלעגן זיך טראָגן איבערן טונקעלן בית-מדרש, ווען די בערדיקע בעל-מלאכות, קייענדיק אַ שפּיץ פון דער באָרד, פלעגן זיך שאָקלען צום טאַקט פון זייערע טאַנצנדיקע שאָטנס אויף די ווענט, און עפּעס אַ געהיימע מורא, ווי נשמות

פון אומגעזעענע מלאכים און צדיקים וואָלטן געשוועבט אין די ווינקלען אַרום דעם ארון־קודש און די כּרובים מיט די עשרת־הדיברות...

און אין וועלכן טייל פון שטאָט האָט מען געפילט אַזוי דעם שבת ווי אין דעם אָרעמען כאַנייקעס, ווען די שאָקלענדיקע פרייטיק צונאַכטיקע ליכט־פלעמלעך, פלעגן אַרויסשיינען פון די הילצערנע געקאַלעכטע איינשטאָקיקע הייזלעך פון שלמה דעם שטריקדרייער, אַ ייִד מיט אַ פולן קיילעכדיקן ברייטן פּנים, איינגעראַמט אין אַ ברייט פּעכערדיקער ווייסער באָרד, און וועלכער פלעגט מאַכן קידוש מיט אַ ציטערדיקן יראת־שמימדיקן ניגון? אָדער ווען שמואל מאַאָס דער שניידער פלעגט מאַכן אַ המוציא און שאָקלען מיטן קאָפּ צו זיין ווייב דאָבע: נו, אַ, נו... סכּין (אַ מעסער) נו: מלח (זאַלץ)... ווייל דאָבע, אַ קליינע, איינגעשרומפּענע ייִדענע, איז געווען אַ ביסל טויבלעך... אין דעם קליינעם שטיבעלע, אַ באַהאַנגנס מיט ווייסע פאַרהאַנגען מיט שפּיצן, אַ באַשאָטנס לכּבוד שבת מיט ליכטיק ריינע פּילינעס, האָט דער הילצערנער געהובליעוועטער טיש, מיטן ווייסן געקראָכמאַליעטן טישטעך, געוווּנקען צו די געפּילטע פיש אויף דער פּילמעס, מיט די רויטע מערעלעך אַרויפגעלייגטע פינקטלעך אין דער מיטן פון יעדן שטיקל.

אין אַ זומערדיקן פרייטיק צונאַכט נאָכן עסן פלעגן די מיידלעך מיט די אויסגעצוואָגענע קעפּלעך און רויטע און ווייסע סטענגעס אין זייערע צעפּלעך, און די ייִנגלעך מיט די שוואַקס אָפּגעפּוצטע שיכלעך און מיט אמתע ריינע נאָזטיכלעך אין די הענט, אַרומשפּאַצירן איבער שייעס געסל, קנאַקנדיק יאַנדרעס, קייענדיק באָב און אַרבעס, וואָס מען פלעגט קריגן צו קויפן ביי דער „באָביצקע" אויף פּאָפּאָווטשיזנע לעבן קאַרמאַנס הייזער, אָדער לעבן וועלער דעם קצב.

און פון שייעס געסל, פאַרקירווענדיק זיך צום נייעם שאָסיי, אונטער די טונקעלע שאָטנס פון צוויי רייעןביימער, אויף ביידע זייטן אַספּאַלט, אונטער די ווינקענדיקע פלעמלעך פון די עלעקטרישע גאַסן־לאָמפּן, פלעגן זיך באַגעגענען די דערוואַקסענע בחורימלעך „קאַוואַלירן" און מיידלעך „באַרישניעס" אויף כּלו־מרשט אַ צופעליקער „סווידאַניע", שטיפן און לאַכן מיט קלאַפּנדיקע הערצלעך, טרינקענדיק מיט פולע בעכערס די זיסע מינוטן פון פאַרגעניגן, שבתדיקער רו, שבתדיקע מלבושים און אַן אמתן זאַטן מאָגן איין מאָל אין אַ גאַנצער וואָך...

יאָ, כאַנייקעס: אַ שלעכטן נאָמען האָסטו געהאַט, צוליב דיין אָרעמקייט און עטלעכע געשטרויכלטע ייִדן. אָבער דיינע בעל־מלאכות, למדנים, צדיקים, דיינע פרומע, ייִדישע צניעותדיקע טעכטער, דיינע ייִדישע שבתים און יום־טובים, די האַרציקע באַציִונג צווישן שכנים, די רייכע פאַנטאַזיע פון די אָרעמע קינדער, די גאַסטפריינדלעכקייט און ברייטקייט פון די ענגע וווינונגלעך האָבן פרעמדע ניט געזען, נאָר מיר וועלכע האָבן דאָרט געוווינט... אין דעם האָב איך זיך נאָך מער איבערצייגט, ווען מיר האָבן שוין געוווינט שפּעטער אויף גומיענער גאַס.

די נײַע מאָדערנע תּלמוד־תּורה אויפֿן נאָמען פֿון זאב וויסאָצקי

דאָס יאָר 1905, ווען עס איז אויסגעבויט געוואָרן די מאָדערנע תלמוד־תורה און די רעמעסלענאַיע (האַנטווערקער־שולע), איז געווען פֿאַר ביאַליסטאָק אַ יאָר פֿון גרויסע פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע דערגרייכונגען.

אין זעלבן יאָר עפֿנט זיך די ביאַליסטאָקער קאָמערץ־שולע פֿאַר מיידלעך, ווי אויך די פּראָפעסיאָנעלע פֿאַכשולע פֿאַר מיידלעך, ביי יודל קאַלעצקין אויפֿן הויף די ליפּאָווע גאַס. אויך ווערט געגרינדעט אין זעלבן יאָר די שפּעטער באַרימטע ביאַליסטאָקער קולטור־געזעלשאַפֿט „אידישע קונסט" וועלכע ווערט אין יאָר 1916, אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, אַנגעפֿירט דורך דער רעדאַקטאָר פֿון „דאָס נייע לעבען" פּסח קאַפּלאַן, אַלס לייטער פֿון דער ליטעראַרישער און מוזיקאַלישער טייל, מיט דער מיטווירקונג פֿון זיין זון יוסף קאַפּלאַן. אָבער אויך אין דעם זעלבן יאָר טרעפֿט אונדזער ביאַליסטאָק „דער שבת נחמו"־פּאָגראָם (יולי 1905) מיט אַ רוסישער מיליטערישער שטראָף־עקספּעדיציע אויף סוראַזער גאַס פֿאַר דער יידישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, אין וועלכער עס קומען אום איבער דרייסיק ביאַליסטאָקער ייִדן.

די שטורעמדיקע ווינטן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע אין רוסלאַנד האָבן געשאַפֿן אַן איבערבראָך אין דער קליינבירגערלעכער איינשטעלונג פֿון די ייִדן און עס האָט אָנגעהויבן צו הערשן דער לאָזונג: „מלאכה איז מזל־ברכה"...

אַלס רעזולטאַט ווערט אין יאָר 1905, לויט דער איניציאַטיוו פֿון יודל קאַלעצקי, אַ רייכן סוחר, געזעלשאַפֿטלעכן טוער און בעל־הבית פֿון הייזער אויף ליפּאָווע גאַס. געעפֿנט די נייע מאָדערנע תלמוד־תורה און די רעמעסלענאַיע אויפֿן נאָמען פֿון זאב וויסאָצקי, וועלכער איז דער היפּט־מעצענאַט און אויסהאַלטער פֿון די צוויי אינסטיטוציעס. פֿאַרן דירעקטאָר פֿון רעמעסלענאַיע באַשטימט ער טאַקע זיין אייגענעם זון סאַמויל יוליאַנאָוויטש קאַלעצקי.

זאב וויסאָצקי איז דעמאָלט באַרימט איבער גאַנץ רוסלאַנד אַלס דער קעניג פֿון טיי, און אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקלען פֿון גיגאַנטישן רוסלאַנד, פֿון וואָרעמען קאַווקאַז ביז דעם קאַלטן סיביר, פֿון די רייכסטע זאַלן פֿון רוסישע פּריצים ביז דער שטרויענער כאַטקע אין אַן איינזאַמען דאָרף, איז באַקאַנט דאָס פּעקעלע טיי אין זילבער־פּאַפּיר, מיטן גאָלדענעם אויפֿשריפֿט: „טשאַי וו. וויסאָצקי". און ביאַליסטאָק געניסט פֿון די חסדים פֿון דעם טיימאַגנאַט, ווייל וויסאָצקי איז דער מחותן פֿון ביאַליסטאָקער אָנגעזעענעם כלל־טוער חיים בער זאַקהיים.

יאָרן שפּעטער נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, אין אָקטאָבער 1917, האָט איבער גאַנץ רוסלאַנד קורסירט אַ וויץ, וועלכער האָט געדאַרפֿט אילוסטרירן די מאַכט פֿון די ייִדן. לויט דעם וויץ זיינען דריי וויכטיקסטע זאַכן אין רוסלאַנד

געלעגן אין מעכטיקע יידישע הענט: די טיי ביי ווישאַצקין, דער צוקער ביי בראָדסקין און די מלוכה ביי טראַצקין.

*

אויפן גרויסן, רונדן פּלאַץ, וואָס האָט זיך געצויגן אין הינטערגרונט פון קאַנייקעס און אין פּראָנטאָוון טייל ביז ליפּאָווע, איינגעראַמט פון רעכטס מיטן קריסטלעכן שפּיטאָל, און פון לינקס מיט באַצערס הויף, האָבן זיך געפונען די געביידעס פון דער מאָדערנער תלמוד־תורה און רעמעסלענאָיע.

די תלמוד־תורה האָט מען גערופן מאָדערנע, ווייל אין ביאַליסטאָק איז געווען אַן אַלטע תלמוד־תורה אין אַן אַלטמאָדישער געביידע, ווו די יינגלעך האָבן באַקומען אַן אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע, רעליגיעזע דערציונג, אַן וועלט־לעכער בילדונג. פּונקט דער היפּוך איז געווען די ניי־געשאַפענע תלמוד־תורה אויפן נאָמען פון זאב ווישאַצקי: אַ גרויסע, נייע געביידע, ברייטע פענצטער, פול ליכט און לופט און אַ גרויסער הויף צו שפּילן זיך. מען האָט געלערנט חומש און רש״י (ר׳ שלמה יצחקי) און תנ״ך (תורה, נביאים, כתובים), שולחן־ערוך, דקדוק, חיבורים אין העברעיש, רוסישע און יידישע ליטעראַטור און געשיכטע (גרעצס) געאָגראַפיע און אַריטמעטיק, געזאַנג (דורכן באַוווסטן דיריגענט פון ביאַליסטאָקער כאָרשול בערמאַן) און אפילו פיזישע איבונגען (גימנאַסטיק), וואָס דאָס איז געווען דעמאָלט דער קולמינאַציע־פּונקט פון מאָדערניזם.

די נייע תלמוד־תורה האָט שוין פאַרמאָגט אַזאַ מאָדערנעם פּעדאַגאָג אין העברעיש, חומש און תנ״ך, ווי דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער שרייבער און רעדאַקטאָר, קולטור־טוער און מוזיקער: פּסח קאַפּלאַן. מיר איז באַשערט געווען ער זאָל זיין מיין ערשטער לערער פון העברעיש און מיין ערשטער רעדאַק־טאָר. אַ מאָדנער קאָנטראַסט איז געווען זיין אויסערלעכער אויסזען און אינער־לעכער אינטעלעקט. די נאַטור האָט אים באַוועלט פיזיש און רייך באַלוינט גייסטיק, ווי דאָס איז אַן אָפטע דערשיינונג און האָט אַ פילאָזאָפישע באַגרינדונג. ער איז געווען קורץ געוואַקסן, נישט פּראָפּאָרציאָנעל: קורצע פיס און אַ פיל לענגערער אויבערשטער טייל פון קערפּער, וואָס האָט זיך וואַקלענדיק געבויגן אין גאַנג; זיין קאָפּ אָבער, מיטן ענערגישן אויסזען, מיט די עטוואָס איינגעפאַלענע באַקן מיט קינבאַקן, פול מיט אַנטשלאָסנקייט און טיפע, קלוגע, דורכדרינגלעכע אויגן, האָט ווי אַדורכגעשפּיזט זיין מיטשמועסער, אונטערגעוואָרפן אים אונטער דער ווירקונג פון זיין טיפן, קלוגן, אַנאַליטישן דענקען. ער איז געווען אָפט דעספּאָטיש, ווי עס איז אָפט דער פאַל ביי טאַלאַנטירטע אויטאָדידאַקטן און „סעלף מייד מען״, וואָס אַרבעטן זיך אַרויף מיט זייער אייגענער ענערגיע און אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן.

זיינע פירושים אויפן תנ״ך, זיינען, מיט זיין אַ ביסל הייזיקלעכער אָבער דייטלעכער דיקציע און שפּראַכרייכקייט, געווען אַזוי ביבליש היסטאָריש אינ־

טערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק, אַז ער האָט געהאַלטן דעם גאַנצן קלאַס אין שפּאַנונג. און לייענענדיק שפּעטער, ביי מיין באַזוך אין יולי 1939 אין ביאַליסטאָק, זיין בוך „ביבלישע געזאַנגען", האָבן פאַר מיר אויפגעבליצט יענע אומפאַרגעסלעכע שעהען פון זיינע תנ"ך-לעקציעס, וואָס איך האָב מיטגעמאַכט אין מיינע קינדער־יאָרן אין דער תלמוד־תורה. אגב אורחא, איז אין ביאַליסטאָק, אין פּסח קאַפּלאַנס „אונזער לעבען", דערשינען מיין לעצטע פאַרעפנטלעכע דערציילונג אויפן אייראָ־פּעישן באָדן (דאָס איז געווען די דערציילונג „דימענט־שניידערס" פון לעבן פון בעלגישע דימענט־אַרבעטער).

פאַר מיינע אויגן שטייט נאָך אויך דאָס געשטאַלט פון דירעקטאָר פון דער נייער תלמוד־תורה, ווו איך בין צוויי יאָר אַ תלמיד געווען, פון הויכן, קרעפטיק געבויטן סאַמסאָן יאַקאָוולעוויטש גראָסמאַן, מיט זיין גלאַט געראַזירטן, גויישן פּנים און שוואַרצער, געדיכטער קוטשמענע האָר, וואָס איז אין פּאַטעטישע לאָקן געפאַלן איבער זיינע אויערן, ווייל ער איז שטענדיק געגאַנגען אָן אַ היטל. אין זיין פּרעכטיקן, אַקצענטירטן, שאַרפן רוסיש האָט אָט דער שטאָלצער נאַציאָנאַלער רוסיפיצירטער ייִד, מיטן גויישן פּנים און גוטן, ייִדישן האַרץ זיך פאַרמאָסטן מיט אַלע כּוחות צו דערציִען אין אָט דער מאָדערנער תלמוד־תורה, צו וועלכער דער נאָמען האָט זיך אפילו ניט געקלעפּט, די ייִדישע קינדער אַלס שיינע, ריינע, נאַציאָנאַל־שטאָלצע ייִדן מיט זעלבסטווערדע, וואָס זאָל אַרויסרופן רעספּעקט צו זיך. און עס איז קיין צווייפל ניט, אַז אַזעלכע באַרימטע פּעדאַגאָגן, ווי רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן און דיריגענט בערמאַן, האָבן גראָסמאַנען פיל מיטגעהאָלפן.

אָט די גרויסע פיגור פון פּסח קאַפּלאַן נויטיקט זיך נאָך אין אַ ביאָגראַף; און איך מוז אויסדריקן גרויס אָנערקענונג אונדזער רעדאַקטאָר דוד סאָהן, דעם טאַלאַנטפולן שרייבער, וואָס האָט אַ וואַרעמע נשמה פון אַ קולטור־טוער און איז אַ קענער און ליבהאָבער פון ייִדישער ליטעראַטור. אין זיין רשות געפינט זיך אַ רייכער קאָרעספּאָנדענץ־אַרכיוו פון באַרימטע מענטשן, צווישן זיי פיל בריוו פון פּסח קאַפּלאַנען, וואָס וועלן זיין אַ ביז גאָר ווערטפולער מאַטעריאַל פאַרן צוקונפטיקן ביאָגראַף פון פּסח קאַפּלאַנען.

אויך דיריגענט בערמאַן איז געווען ביי אונדז פּאָפּולער און באַליבט. מיר האָבן געהאַט אַ באַזונדערן שטאָלץ און פאַרגעניגן צו אָבסערווירן בערמאַנען, ווייסנדיק אַז ער איז אונדזער לערער, זיין רויקן, געלאַסענעם גאַנג מיט אַ סך זעלבסטווערדע, זיין שטאָלצע, גלייכע פיגור, מיט זיין ווייסן, איידעלן פּנים, קלוגע אויגן און וווּנדערלעך שיינע, ווי געשניצטע געזיכט־טיילן, זיין זילבערנעם קאָפּ האָר און שפּיציק, פיין צוגעשאָרן בערדעלע. געווען איז ער שטענדיק געקליידט אין זיין אייביקער, טאָפּלטער בלויער פּעלערינע איבער די אַקסלען, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ פּראָפעסאָר פון אַ מוזיקאַלישער קאָנסערוואַטאָריע.

און אָט זע איך פאַר זיך די געשטאַלט פון לערער דרוסקין, וואָס איז געווען

אַ הויך געבילדעטער מענטש און שפּעטער אַליין געעפנט אַ גימנאַזיע אין ביאַליס־טאָק. אויך לערער דרוסקין איז געווען פון די רוסיפיצירטע אינטעליגענטן. מיט זיין זויבער אַריסטאָקראַטישן אויסזען און בערדעלע פון אַ פראַנצויזישן קונסט־מאָלער פון „מאָנפּאַרנאַס" און זיין קאַרעקטער האַלטונג האָט ער געצווונגען אפילו די יינגלעך פון כאַנייקעס, מירקעס געסל און קאַראַטשאַקעס צו האָבן פאַר אים דרך־ארץ.

דערפאַר האָבן מיר אָבער געהאַט צוויי לערערס, וואָס האָבן ביי אונדז קיין מזל נישט געהאַט און מיר זיינען זיי דערגאַנגען די יאָרן.

איינער פון זיי איז געווען דער לערער פון העברעיִש ראַקאָווסקי: אַ מיטלוווּק־סיקער, אַ געלער, מיט אַ טרוקן, קאַלטן געזיכט און בייזע אויגן. מיר האָבן אויף זיין געזיכט קיין מאָל קיין שמייכל ניט געזען און ער איז געווען אַ מענטש פון שטרענגער דיסציפּלין. ווען אַ שילער פלעגט פאַרשפּעטיקן און פלעגט עפענען די טיר פון קלאַס ווו ראַקאָווסקי האָט געלערנט, פלעגט דער גאַנצער קלאַס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם וואַרטן וואָס דאָ וועט זיין. ראַקאָווסקי פלעגט זיך דערנענטערן מיט לאַנגזאַמע טריט צום קרבן, און זיין געל־באַשפּרינקלט געזיכט פלעגט רויט ווערן ווי זיינע האָר. אָן עפּעס צו זאָגן פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן דעם שילערס רענצל מיט די ביכער און אַ שליידער טאָן אין אָן אַנדער ווינקל פון קלאַס, און אָנהויבן צו טרייסלען דאָס יינגל ווי אַ לולב. אָפט מאָל, ווען דער שילער פלעגט ניט אַרויסווייזן גענוג געהאָרכזאַמקייט צו אַזאַ האַנדלונג און וואָגן צו פּראָטעסטירן, פלעגט ער אים אפילו אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש.

דער צווייטער לערער, דווקא אַ שטילער, וואָס האָט אָבער ניט נושא־חן געווען ביי די שילערס, איז געווען לוסטערניק, דער לערער פון רוסישער היסטאָריע און געאָגראַפיע, באַקאַנט אין ביאַליסטאָק ווי אַ גוטער פּעדאַגאָג און לערער אין יאַפּעס שולע.

לוסטערניק פלעגט זיין שטענדיק אָנגעבלאָזן, וואַזשנע, מיט זיין קליינעם קערפּער און ראָז פּעטעלעכן פּנים. געגאַנגען איז ער אָנגעטאָן אין אָן אָפיציעלן, גרינעם מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ און אויף זיין פּנים האָט גערוט אַ זעלבסט־צופרידענע גאווה. און נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען דער לערער לוסטער־ניק האָט געטייטלט מיט דער אוקאַזקע (שטעקעלע) אויף דער געאָגראַפישער לאַנד־קאַרטע, ווייזנדיק די אַרכיפּעלאַגן אָדער אַרקטישע לענדער פון נאָרדפּאָל, סיביר, אָדער אַלאַסקאַ, פלעגט זיך אַ שילער אונטערגנבענען און אויסשמירן אים די גאָלדענע קנעפּ מיט טינט, און אַזוי ווי ער פלעגט האָבן אַ געוווינהייט צו האַלטן די הענט אויף הינטן, לעבן די הינטערשטע קנעפּ, פלעגט ער אויסשמירן די פינגער מיט טינט און, ווישנדיק דעם שווייס פון זיין פּעטן פּנים, אויסשמירן אויך דאָס פּנים און אפילו די נאָז מיט טינט. ווען ער פלעגט זיך אומדרייען מיטן פּנים צום קלאַס און די שילערס פלעגן דערזען זיין פּנים אָן אויסגעשמירטס מיט טינט,

וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ טאַטויִרטן אינדיאַנער, פֿלעגט דער גאַנצער קלאַס אויסשיסן אין אַ ווילד געלעכטער. און וואָס מער די שילערס פֿלעגן קוקן אויפֿן פּנים פֿון לערער, אַלץ מער פֿלעגן זיי היסטעריש לאַכן. לוסטערניקס פּנים פֿלעגט פֿאַרלאָפֿן ווערן מיט בלוט פֿון כּעס און ער פֿלעגט אַרויסלויפֿן פֿון קלאַס און אין צען מינוט אַרום, אַן אַרומגעוואַשענער, צוריקקומען אין באַגלייטונג פֿון דירעקטאָר, סאַמסאָן יאַקאָוולעוויטש גראָסמאַן.

דערזעענדיק דעם דירעקטאָר, פֿלעגן די קינדער מיט אַ מאָל שטיל ווערן. דעמאָלט פֿלעגט גראָסמאַן, אויסציענדיק יעדעס וואָרט אין זיין פּרעכטיקן רוסיש, האַלטן פֿאַר זיי אַ ביטערע לעקציע וועגן דערציִונג און גוטע מאַניערן, און פֿאַר־ ענדיקן זיין שאַרפֿע דרשה מיט פֿאַרביטערונג און אויסרופֿן:

— ניע זאַביוואַיטיע, טוט ניע טאַלמוד־טאָראַ! (פֿאַרגעסט ניט, דאָ איז ניט קיין תּלמוד־תּורה)...

יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגט דער דירעקטאָר גראָסמאַן מאַכן אַן אינספּעקציע איבער די פֿיר קלאַסן. ווען ער פֿלעגט אַריינקומען פֿלעגן זיך אַלע שילערס אויפֿשטעלן און זיך צוריקזעצן און אַ שטילקייט פֿלעגט הערשן אין קלאַס. ער פֿלעגט באַטראַכטן יעדן שילער צי ער איז אַרומגעוואַשן. פֿלעגט אַריינקוקן אין האַלדז און אין די אויערן צי זיי זיינען ניט שמוציק; פֿלעגט באַטראַכטן די קליידער צי זיי זיינען ריין און צי די קנעפּלעך זיינען איינגענייט. און ווי איז געווען צו אַ יִנגל וואָס איז געקומען מיט אַ שמוציקן האַלדז, שמוציקע אויערן, אָדער וואָס האָט געהאַט צעריסענע קליידער צוליב אַ געשלעג בעת דער „פּערעמענע" (פּויזע). גראָסמאַן פֿלעגט דאַן צונויפֿפּרעסן די ליפּן, צונויפֿזשמורען די אויגן און ביי דער אַלגעמיינער שטילקייט פֿון קלאַס, פֿלעגט ער דעם שילער אַרויספֿירן אין מיטן צימער און, שאַרף אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט אין זיין ערשטקלאַסיקן ליטעראַרישן רוסיש, פֿאַרענדיקן מיט זיין שטענדיקן פּזמון, וואָס האָט געקלונגען מיט חוזק און איראָניע:

— ניע זאַביוואַיטיע, טוט וואַם ניע טאַלמוד־טאָראַ!...

איך האָב געהאַט שטענדיק דאָס געפֿיל, אַז דער שטאָלצער, געבילדעטער, רוסיפֿיצירטער סאַמסאָן יאַקאָוולעוויטש גראָסמאַן,ליידט שטאַרק, וואָס ער איז לערער און דירעקטאָר פֿון אַ לערן־אַנשטאַלט מיטן נאָמען תּלמוד־תּורה. די סיבה דערפֿון איז געווען, וואָס דער נאָמען פֿון דער אַלטער תּלמוד־תּורה איז געווען דער סינאָנים פֿון אָפּגעשטאַנענקייט און קאָנסערוואַטיווער פֿרומקייט, און האָט זיך געפֿונען אין הענט פֿון מדריכים, וועלכע זיינען געווען פֿרעמד צו וועלטלעכער בילדונג.

אין דער נייער תּלמוד־תּורה, פּונקט ווי אין דער אַלטער, האָבן זיך געלערנט מערסטנס קינדער פֿון בעל־מלאכות און אָרעמען מיטלשטאַנד, און דאָס איז געווען קענטיק אויף זייער קליידונג און פּעקלעך עסן אין זייערע רענצלעך. אויף זייערע קונציק פֿאַרלאַטעטע תּחתּונימלעך, פֿאַרשטשאָבעטע זעקלעך, קינצלעריש אַריינגע־

זעצטע לאַטקעס „אויפן ריכטיקן אָרט" און אין די קני, בורקעלעך און פּאַלטאָס איבערגעניייטע פון טאַטן, אָדער אויסגעוואַקסענע, און איבערגעניצוועטע פון עלטערע ברידער.

אָבער אויך אין די פּעקלעך עסן, וואָס ליבע, געטרייע אָרעמע ביאַליסטאָקער מאַמעס פלעגן מיטגעבן אין שולע, כּדי צו באַרויִקן אַ ביסל דעם מאָגן אויף די „פּערעמענעס", איז געלעגן דער דלות. אין די ברוין פּאַפּירענע זעקלעך (וואָס געוויינטלעך פלעגט מען מיט זיי איבערדעקן דעם שטערצל פון שבתדיקן טשאָלנט, באַדעקט מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ), האָט זיך געפונען אַ שטיקל ראַזעווע ברויט מיט אַ שטיקל געווענדזלטן הערינג; ביי אַ מער פּאַרמעגלעכן, אַ שטיקל געבייטלט ברויט מיט היימיש געמאַכטן „קלאָפּס" מיט קנאָבל; און ביי אַ נאָך מער פּאַרמעג־לעכערן — אַ גריסקע מיט דאַרער קישקע, אָדער אַ ביאַליסטאָקער קוכעלע מיט אַ שטיקל כאַלווע, וואָס דאָס איז שוין געווען אַ שטיקל לוקסוס, און די חברים פלעגן אויסבעטלען אַ שטיקעלע צו פאַרזוכן. דערצו פלעגן די מער פּאַרמעגלעכע באַקומען צו עטלעכע קאָפּיקעס, וואָס דאָס האָבן זיי שוין פאַרטאַכלעוועט ביי דער „ווייבעלע", דאָס הייסט, ביי דער ייִדענע מיטן בופעט, וואָס איז געווען אָן איינפאַך הילצערן טישל אַוועקגעשטעלט זומער אויפן הויף און ווינטער אין קאָרידאָר פון שולע, מיט אָנגעשטעלטע גוטע זאַכן פאַר די קליינע קונדן.

געוויינטלעך זיינען ביי דער ווייבעלע, וועלכע מען פלעגט באַפאַלן בעת דער „פּערעמענע" ווי די פליגן, געווען אויסגעשטעלט פאָלגנדיקע „דעליקאַטעסן": ברוין גלאַנציקע בייגל פון תנחום דעם בעקער, גרעטשענע אולניקלעך, קיטשמיטש און נאָוועט (אָזעלכע צוקערקעס באַשאָטן מיט רייז אָדער מאָן), פליישעלעך (רונדע, ווייכע, קאָלירטע מאַרמעלאַדקעס), באַרימטע לאַנדרין־צוקערקעס. מיט וואָסער גע־שיקטקייט די „ווייבעלע" פלעגט זיך ספּראַווען מיט אירע צענדליקער קונימלעך איז פאַר מיר ביז היינט אַ רעטעניש, ווייל די „פּערעמענע" האָט געדויערט נאָר צען מינוט. און געווען שוין אָזעלכע „מאַרקסיסטן" צווישן די אָרעמע שילערס, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול צו „פּריוואַט־אייגנטום" און געהאַלטן פאַר אַ מצווה שטילערהייט אַוועקלקחענען אַן „איריסל" אָדער אַ קוגעלע פון דער „ווייבעלעס" בופעט.

צווישן די צוויי גרויסע געביידעס פון תלמוד־תורה און רעמעסלענאַיע, וועלכע זיינען געווען פאַראייניקט דורך איין גרויסן הויף, האָט אַ שטיק פּלאַץ פאַרנומען דער גאָרטן פון גויישן שפּיטאָל, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ נידעריקן פּאַרקאַן. אַזוי, אַז די שולייִנגלעך פלעגן אַרויפקריכן אויפן פּאַרקאַן און רויִק צוקוקן, וואָס אין גויישן שפּיטאָל קומט פאָר. און איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן, ווי אין גאָרטן צווישן די שפּיטאָל־פּאַציענטן, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אין גרוי־לייוונטענע כאַלאַטן און שטעקשיך, האָט זיך געפונען אַ שיין, יונג, קריסטלעך מיידל, מיט אַ קאָפּ לאַנגע, צעלאָזענע בלאָנדע האָר און אָפענער ברוסט (וואַרשיינלעך געווען

פּסיכיש אומנאָרמאַל) און עטלעכע טעג שפּעטער, ווי בין איך פאַרציטערט געוואָרן, ווען אין גאָרטן, דאָס מאָל אַ לײדיקן פון פּאַציענטן, אויף אַן איינפאַכן הילצערנעם טיש אויף וועלכן מען פלעגט סעקציאָנירן (פּאַלמעסן) מתים, האָב איך דערזען דאָס שיינע בלאָנדע שיקסל, מיט די בלאָנדע צעלאָזענע האָר, אַ טויטע אויפן טיש און אַ דאָקטאָר האָט מיט אַ שאַרפן לאַנצעט אָפּגעדעקט די הויט פון איר מאָרך און זיך געראַיעט אין אירע געהירן. עס איז געווען אַ זומערדיקער טאָג און אַ מאַסע פליגן האָבן זיך געדרייט אַרום דעם טויטן קערפּער, און עפּעס אַ שפּיטאָל־גוי, האָט פויל, על פּי יוצא וועגן, געפּאָכעט מיט אַ גרינעם צווייגל איבערן טויטן קערפּער. אָבער די פליגן האָבן רויִק זיך געזעצט אויף די טיילן פון טויטן קערפּער וואָס זיי האָבן געפונען באַקוועם.

די סצענע האָט מיך אויפגעשוידערט צוליב צוויי זאַכן: ווי אַזוי אַ שטאָטישער גוייִשער שפּיטאָל האָט זיך געקאָנט דערלויבן פּאַלמעסן אַ טויטן קערפּער אָפן, אין מיטן גאָרטן מיט פיל יונגע קינדער וואָס זיצן אויפן פאַרקאַן, און וואָס פאַר אַ גוואַלדיקן סאַניטאַרן פאַרברעך ער איז באַגאַנגען, פּאַלמעסנדיק אַ טויטן קערפּער וועלכן פליגן האָבן רויִק געביסן און שפּעטער צעטראָגן צווישן די איינוווינערס עפּידעמישע קראַנקייטן.

די סצענע האָב איך זיך דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אין ביאַליס־טאָק, אויף אַלעקסאַנדראָווסקע גאַס (וואַרשעווער), האָט עקזיסטירט אַ ייִדישער שפּיטאָל, וועלכער איז געווען אַ מוסטער פון מעדיצינישער אויסשטאַטונג, באַהאַנ־דלונג און סאַניטאַרער ריינקייט, און דאָך האָבן אַ גרופּע פּוילישע קריסטלעכע שטאָטפּאָטערס אַרויסגעגעבן אַ פּנקס ביאַליסטאָק (איך גלויב אין 1932) און לויט זייער פּויליש־קריסטלעכן נוסח, אויפגעהויבן אין הימל די פאַרדינסטן פון די פּויליש־קריסטלעכע קולטור־טרעגערס און כּלל־טוערס און מינימיזירט די גרויסע קולטורעלע, סאָציאַלע און אינדוסטריעלע פאַרדינסטן פון די ביאַליסטאָקער ייִדישע כּלל־טוערס.

איך דערמאָן זיך, אַז בעת מיין באַזוך אין ביאַליסטאָק, אין יולי 1939, אין אַ דריי שעהעדיקן פּערזענלעכן שמועס מיטן אומגעקומענעם גרויסן געלערנטן און היסטאָריקער ש. הערשבערג ז״ל, וועלכן איך האָב דעמאָלט געטראָפן אויף דער דאַטשע אין צערטלס וואַלד, ביי מיין שוואָער צבי הערש כּהן ע״ה, האָט מיר ש. הערשבערג טאַקע מאָטיווירט זיין שרייבן דעם „פּנקס ביאַליסטאָק״ אַלס רעהאַבילי־טאַציע און היסטאָרישן אמת, פאַר די גרויסע פאַרדינסטן פון דער ביאַליסטאָקער ייִדישער באַפעלקערונג. ער האָט מיר דערמאָנט איינעם אַ קאָנאָפּינסקי אָדער קוואַ־פּינסקי, לאַווניק פון ביאַליסטאָקער שטאָטראָט, וואָס איז געווען דער איניציאַטאָר פון דעם שענדלעכן גוייִשן פּנקס־ביאַליסטאָק און וואָס האָט באַוויגן אים, ש. הערשבערגן, שאַפן דעם אמתן היסטאָריש ריכטיקן „פּנקס ביאַליסטאָק״, וואָס זאָל

אויפדעקן אין דער פולער מאָס דעם ריזן־אַנטייל פון ביאַליסטאָקער ייִדן אין דעם אויפבוי פון דער שטאָט.

★

„ווו נעמט מען פערד און וואָגן
די קינדער־יאָרן צו דעריאָגן..."

יאָר 1909:

ניין יאָר בין איך אַלט געוואָרן, ווען איך בין אין דריטן קלאַס פון דער נייער תלמוד־תּורה אָנגעקומען. און עלף יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב זי געענדיקט. צוויי זיסע, ליכטיקע יאָרן האָב איך דאָרט פאַרבראַכט, לערנענדיק דאָרט די שיינקייט און היסטאָרישע גרויסקייט פון אונדזער ייִדיש פאָלק. און דערוויסנדיק זיך אונדזער רייכע, שטאָלצע פאַרגאַנגענהייט דורך דעם חומש און תּנ"ך, און דאָרט האָב איך אין זיך איינגעזאַפּט די שיינקייט פון די ווערק פון די ערשטע אויפגייענדיקע שטערן פון דער העברעישער ליטעראַטור און פון איר פּאָעזיע, און זיך דערצויגן אין עסטעטישן שטאָלץ פון אַ נאַציאָנאַלן ייִדן. עס פלעגן מיר קלינגען אין מיינע אויערן די שטאָלצע ווערטער פון חנוכּה־ליד:

„דו ביסט אַ מאָל אַ פאָלק געווען,
דו האָסט אַ מאָל אַ לאַנד געהאַט..."

איך פלעג יעדן פרייטיק בייטן די ביכער אין דער ביבליאָטעק פון תּלמוד־תּורה און שפּעטער, ווען איך האָב זי שוין אויסגעשעפּט, האָב איך געהאַט די זכיה צו באַקומען ביכער פון דער פּערזענלעכער ביבליאָטעק פון אונדזער דירעקטאָר גראָסמאַן.

אין ווינטערדיקע פרייטיק־צונאַכטסן, נאָכן עסן, ווען אין שטוב פלעגט זיין וואַרעם פון אויסגעהייצטן קאַפליאָון אויוון, און די קופּערנע בונקעלע פלעגט זינגען, זידן און בולקען אין אויבערשטן אויוועלע, פלעגט מיין מאַמע מיר סערווירן מחיהדיקן טיי מיט ציטרין, פאַרביסנדיק מיט דער מאַמעס מאַלינקעס איינגעמאַכטס „הלוואי מען זאָל ניט דאַרפן", ווייל געוויינטלעך פלעגט מען נוצן דעם מאַלינקע־סאָק צום שוויצן, ווען עמעצער איז קראַנק געוואָרן.

די פרייטיק־צונאַכטיקע ליכט־פלעמלעך פלעגן זיך שוין בויגן כּורעים פאַרן אויסגיין, זיך ראַנגלענדיק, ניט וועלנדיק אויסגעלאָשן ווערן, ווי לעבעדיקע נשמות וואָלטן אין זיי געזעסן, און אָנפילן די שטוב מיט אַ זיסן טשאַד פון חלב־ליכט, וואָס ביז היינט רופן זיי ביי מיר אַרויס פרייטיק־צונאַכט־דערינערונגען און זיסע אומעט־געפילן פון פאַרשוווּנדענע יונגע יאָרן אין דער מאַמעס היים.

דער טאַטע פלעגט אַוועקגיין לערנען אַ שיעור מיט די בעל־מלאכות אין פּועלי־צדק פון כאַנייקעווער בית־מדרש, און די מאַמע פלעגט „אָוועקפּאַלן" אַ טויט מידע אין די קליידער אויף דער שוואַרצער, גלאַנציקער צעראַטענער קושעטקע, פלעג איך

זיך אַוועקזעצן איבער העברעישע ביכלעך, אונטערשפּאַרנדיק די באַקן מיטביידע הענטלעך. און מיט דער קראַפט פון דער שרייבערישער פאַנטאַזיע פון די ביכלעך, פאַרבראַקט מיט מיין אייגענער פאַנטאַזיע, פלעג איך זיך אויפהויבן ביז צום פאַלאַפ, עפּענען דעם דאַך און אַרויספליען אין הויכן, ווייטן, אויסגעשטערנטן הימל צו אַ לופטשפּאַציר אין די ווייטע לענדער, צו די קאַליפן פון פּערסיע און שייכן פון באַגדאַד; צו דער פּרינצעסין שעכרעזאַדע פון טויזנט און איין נאַכט, מיטן פליענדיקן, לעגענדאַרן לופטטעפּיך, און באַוואונדערן די כישופדיקע נסים פון איין וויש מיטן האַנט, איבער אַלאַדינס צויבערלאַמפּ.

און אַט בין איך צווישן די קינדער־העלדן פון אַנדערסענס און ברידער גרימס מעשהלעך. אַט בלאָנדזשע איך איבער דער גרויסער וועלט אין אַ שטערנדיקער נאַכט, מיטן יינגעלע גרויס ווי אַ פינגערל, וואָס קאָן זיך באַהאַלטן אין אַ קעסטעלע שוועבעלעך. אַט שטיי איך נעבן דער שניי־ווייסער שיינהייט „סנעגוראַטשקאַ", וואָס די שלעכטע משפחה און די נישט־פאַרגינערקעס, די בייזע פּרינצעסינס, האָבן געוואָלט אומברענגען דורכן פאַרסמטן עפּעלע, און שוין ביי דער לוויה, אַנקלאַפּנדיק אין אַ בוים, שפּרינגט אַרויס דאָס פאַרסמט עפּעלע און, צו מיין גרויס גליק, איז „סנעגוראַטשקאַ" לעבעדיק...

איך פלעג צו ביסלעך איינשלאָפן, אַוועקלייגנדיק מיין קליין, יונג, בלאָנד קעפּעלע אויפן ביכל, און אין זיסן, קינדעריש אומשולדיקן שלאָף, פאַרענדיקן מיינע נסיעות איבער וועלדער און ימען צום בית־המקדש אין ירושלים, צו די העלדן פון בר־כוכבא און מיטזינגענ אין חלום גאָלדפאַדענס „אין בית־המקדש אין אַ ווינקל חדר זיצט די אַלמנה בת־ציון אַליין". דאָס ליד, וואָס איך האָב אַזוי אָפט געהערט פון מיין פאַרזאָרגטער, פאַרקלאָגטער מאַמען, ווען זי פלעגט אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון זאָרג, און שבת נאָכן עסן, האַלטנדיק די הענט פון הינטן דעם קאַפּליאָוון אויוון, און אין וואַרעמען, קליינעם צימערל, פאַרפולט מיטן ריח פון ברוינע קאַרטאָפּעלעך־טשאָלנט און איינגעשטעלטע זויערע קרויט אין ווינקל אין אַ קאַדקע איבערגעדעקט מיט אַ לאָקשנברעט און צוגעדעקט מיט אַ שטיין, פלעגט זי, האַלטנדיק מיין קעפּל אויף איר שויס און צוטוליענדיק עס צו איר ברוסט, אַט די ציון־לידער זינגען. און איך, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן ווי אַ קאַץ אויף דער זון, פלעג אַריינזאַפּן אין זיך אַט די ליכטיקע, מיט זיסע חלומות פאַרפולטע, פאַנטאַזיע וועקנדיקע, נאַציאָנאַלע לידער פון גאָלדפאַדען, אליקום צונזער, ח. נ. ביאַליק, ש. אימבער, ש. פרוג און אַנדערע גדולים און זינגערס, באַקלאָגערס און באַוויינערס פון יידישן צער און טרויער.

עלף יאָר בין איך אַלט געווען ווען איך האָב געענדיקט די תּלמוד־תּורה. אָנגעהויבן אין פרידמאַנס שולע מיט רוסישער ליטעראַטור, בין איך אין דער תּלמוד־תּורה אַריבער צו דער העברעישער ליטעראַטור. מיין טאַטע, מיין מאַמע,

מיין ברודער דוד, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען האַלטן אַ באַראַטונג וועגן מיין ווייטערדיקן וועג פון שטודיום.

מיין ברודער דוד איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ פיר יאָר און געווען אַ שילער פון רעמעסלענאַיע. איך האָב אָבער געטרוימט פון די עלעגאַנטע אוני־פאָרמען פון דער רעאַל־שולע, קאָמערץ־שולע אָדער אַלעקסאַנדראָווס גימנאַזיע. מיין ברודער האָט געטענהט, אַז איך בין נישט מער יחסן פון אים און קאָן אויך גיין אין רעמעסלענאַיע. מיין טאַטע האָט טרויעריק געשוויגן, ווייל ער האָט מיך זייער ליב געהאַט און געהאַלטן שטאַרק פון מיינע פעיקייטן, אָבער געוווסט אונדזער טרויעריקן פינאַנסיעלן מצב. מיין מאַמע האָט שטיל געווישט אַ טרער מיטן פאַרטעך, פון איר שיינעם, רונדן פנים פול מיט לעבן און געלעכטער, אָבער אויך צער און טרערן, וואָס האָבן זיך אַזוי אָפט געביטן אויף איר געזיכט. אירע ברוינע, האַרציקע מאַמעשע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר און אין פאַנטאַזיע האָט זי זיך מסתמא פאָרגעשטעלט, ווי איר יאַנקעלע גייט שוין אין שיין געפאַסטן גימנאַזיסטן־אוני־פאָרם, מיט די גלאַנציקע גאָלדענע קנעפּ, און גימנאַזיסטן־היטל מיט דער קאָקאַרדע פון קעניגלעכן אָדלער.

די טרויעריקע ווירקלעכקייט האָט אָבער געזיגט. מיין טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און מיין ברודער האָט זיגעריש אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נאָר דאָ האָט מיין מאַמע אויפגעשטראַלט מיט האָפענונג און אַ זאָג געטאָן:

— אָבער גרשון, דו פאַרגעסט, אַז אין רעמעסלענאַיע נעמט מען צו נישט יינגער פון דרייצן יאָר און אונדזער יאַנקעלע איז דאָך נאָר עלף יאָר.

האָט דער טאַטע אַ ווילע געקלערט, פאַרשטאַנען מיין מאַמעס לעצטן פּרווו צו ראַטעווען מיין גימנאַזיסטן־אוניפאָרם, און שטיל געענטפערט:

— טעמע, דו פאַרגעסט אַז יאַנקעלע איז פאַרשריבן על־פּי טעות אין דער מעטריקע אויף אונדזער פאַרשטאָרבענעם שלוימקעלעס יאָרן, מיט דריי יאָר עלטער. אויף זיין מעטריקע איז ער שוין אין פערצנטן יאָר.

מיין מאַמע האָט מיך אַרומגענומען, צוגעטוליעט מיין קעפּל צו זיך, און פייכטע, מאַמעשע טרערן האָבן באַנעצט מיין פּנים...

זי האָט שטיל געכליפּעט, ווי זי וואָלט שולדיק געווען, וואָס איר קינד קאָן נישט אַרויסגעפירט ווערן אויפן ברייטן שליאַך פון „וועלטלעכער בילדונג" מיט „לייטישע קינדער" צוגלייך.

מיין ווייטערדיקע „אַלמאַ מאַטער" איז געווען די ביאַליסטאָקער „רעמעסלענאַיע אוטשילישטשע", אָדער באַקאַנט מיטן קורצן נאָמען „רעמעסלענאַיע" (האַנטווער־קער־שולע).

מען האָט מיך, דעם עלף־יאָריקן יינגעלע, איינגעשפּאַנט אין יאָך פון אַרבעט און בילדונג און איבערגעלאָזן אין מיינע הענט מיין ווייטערדיקן וועג צו די ווייטע שטרעבונגען, צילן, און האָריזאָנטן פון דאָס גרויזאַמע, וואָס הייסט: „לעבן!"...

דער אַלטער בית־עולם און די שכנותדיקע קוואַרטאַלן פון אָרעמקייט

דער אַלטער בית־עולם אין ביאַליסטאָק האָט זיך ברייט צעלייגט אין מיטן פון אָרעמקייט־קוואַרטאַלן און מיט קאַלטער, רויִקער זיכערקייט דערמאָנט זייערע שכנים: פריער אָדער שפּעטער, צו מיר וועט איר קומען...

אין הינטערגרונט פון בית־עולם האָבן זיך געשטופּט די פּאָדערשטע געסלעך פון כאַנייקעס. לינקס — די פּאַפּאָוושטשיזנע (ווי עמך פלעגט רופן: „פּאָ ווי־טשיזנע"). וואַרשיינלעך האָט זי דעם נאָמען באַקומען צוליב דער רוסישער פּראַ־וואָסלאַוונער, הויכער שטאָלצער האַלב קופּאָלדיקער צערקווע אין ביזאַנטישן סטיל, אַרומגערינגלט מיט קליינע, ווייס געקאַלעכטע הייזלעך, ווו די זאַטע, פּאָפּישע משפּחות האָבן געוווינט און זי האָט פאַרנומען אַ הויפּטווינקל פון דער סוחרישער ליפּאָווער גאַס און אַנהויב פון פּאַפּאָוושטשיזנע.

קעגן איבער האָט זיך געפונען די גוט באַקאַנטע „ביליקע קיך" (דיעשאָוואַיאַ סטאָלאָוואַיאַ), ווו אייניקע ביאַליסטאָקער ווילטעטיקע דאַמען האָבן סערווירט פאַר אָרעמע ייִדן ביליקע מיטאָגן פאַר צוויי קאָפּיקעס, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַ דינעם פענעץ פלייש וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאָדעשווע, פּערלגרייץ מיט בעבלעך, אָדער לינדזן און שוואַרצן ראַזעווען ברויט, וואָס האָט פאַרשמעקט די גאַנצע גאַס.

אין דער זעלבער געגנט האָט געוווינט מיין חבר קורלאַנדסקי, אַ שיינער, בלאַסער, פאַרקלערטער ראָמאַנטישער בחור, וואָס האָט אין די יאָרן נייַנצן הונדערט דרייסיק געהאַט אַן אויסשטעלונג אין בעלגיע אַלס קונסטמאָלער, אָבער געמאַכט אַ לעבן האָט ער פון „אבנים טובות", דאָס הייסט, געווען אַ דימענט־שניידער פונקט ווי איך. איך האָב געשריבן און ער האָט געמאָלן און ביידע האָבן מיר פאַרמאָגט קינסטלערישע אַמביציעס און זיפּצנדיק באַדויערט די פּראָזאַישע וועלט, וואָס האָט ניט קיין מבינים אויף אונדזערע טאַלאַנטן.

אין זעלבן ראַיאָן פון דער ביליקער קיך און רוסישער צערקווע איז געווען ליפּשיצעס בוכהאַנדלונג, וועמען איך האָב געוואָלדיק מקנא געווען — אַ קלייניקייט, אַ ייִד פאַרמאָגט אַזאַ אוצר מיט ביכער!

איך האָב די ביכער געשלונגען מיט די אויגן קוקנדיק אויף די רוקנס, לעזנדיק די אינטערעסאַנטע, פאַרכאַפּנדיקע נעמען פון די ווערק און די נעמען פון די רוסישע שרייבערס. איך האָב זיי אָבער אויך געשלונגען מיט די אויגן דורך די נעכט ליגנדיק אויף מיין געלעגער ביז צוויי אַ זייגער פאַר טאָג, ביים שיין פון רויט פאַרחלשטן נאַפטלעמפּל, וואָס האָט זיך נעבעך געראַנגלט מיט די לעצטע טראָפּנס נאַפט און געשרפעט דעם רויט־פייערדיקן קנויט.

מיין מאַמע פון צווייטן צימער פלעגט האַלב פאַרשלאָפן מיר דערמאָנען:
— יאַנקעלע, אפשר גענוג שוין צו בלענדן די אויגן? וועסט דאָך מאָרגן דעם קאָפּ נישט קאָנען אויפהויבן.

און איך פלעג נאָך אַ מאָל אומברחמנותדיק אַ דריי טאָן דאָס קנעפּל פון קנויט אויפצוהויבן דאָס איינגעזונקענע פייערל און ענטפערן:
— באַלד, מאַמע, באַלד, איך ענדיק שוין!

און קלערן ביי זיך: גיי זיי אַ בריה און ענדיק, ווען דו האַלטסט אָט־אָט ביים סאַמע סוף פון ל. נ. טאָלסטאָיס „אננא קאַרעונינאַ" אָדער „אויפן אָפּגרונט" פון מאַקסים גאָרקי.

קעגן איבער דער רונד מאַיעסטעטישער רוסישער צערקווע, לעם וועלער דעם קצב, האָט געוווינט דאָקטאָר פּין, אַ קורצער, דיקער, מיט אַ גרויסן רונדיקן קאָפּ שיטערע האָר, וואָס איז געווען אונדזער משפחה־דאָקטאָר און גערופן האָט מען אים אין דער לעצטער מינוט ווען מען איז שוין געווען, חלילה, פאַרביי. אזאַ ביאַליסטאָקער געוווינהייט געווען.

אויך איז דאָרט געווען אַ גרויסער הויף מיט אַן אכסניה, ווו עס פלעגן פאַר־פאָרן די קליינשטעטלדיקע פורמאַנעס מיט דראָנגאָווע ווענענער ווו די פּאַסאַזשירן פלעגן זיך טיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: מיט די פיס אַרויף און מיט די פיס אַראָפּ. מיט די פיס אַראָפּ איז געווען די אָרעמע קאַטעגאָריע, ווייל מען פלעגט דאַרפן האַלטן די פיס אַראָפּגעהאַנגען איבערן פור, און פאַרנדיק פון זאַבלודאָווע אָדער כאָראָשטש, ביי אַ צוויי שעה, פלעגט מען אָנקומען מיט פאַרחלשטע איינגעשלאָפענע פיס און זייטן־שטעכעניש אַזוי, אַז אַראָפּגייענדיק פון פור דאַרפן אונטערטאַנצן אַ האַלבע שעה צו דערפילן אַז מען האָט צוריק פיס.

און אָט אויף דעם אכסניה־הויף האָט געהאַט אַ שפּייכלער מיט אייער אַ ייִד מיטן נאָמען באָראַקין. זיין זון, אַן אויסשטודירטער אין בעלגיע דאָקטאָר מעדיצין, פלעגט מיך אין בעלגיע באַזוכן און איך פלעג באַוווּנדערן דעם קאָנטראַסט: דער פּראָסטן, איינפאַכן ייִד, זיין טאַטן, און דעם זון, דעם דאָקטאָר און שטאָלץ זיין מיט ביאַליסטאָק, וואָס פון אַזעלכע איינפאַכע, אומגעלערנטע טאַטע־מאַמעס קאָנען אויסוואַקסן פּראָמינענטע דאָקטוירים.

רעכטס פון בית־עולם האָט פאַרנומען דער פּיאַסקאָווער טייל מיטן ברייטן פּיאַסקאָווער מאַרק, ווו עס איז געווען דער אָרט פון יאַרידים און קליינע, פינצטערע, אָרעמע קרעמלעך מיט אייביק אָפענע טירן, אין וועלכע עס איז געווען צום פאַרקויפן הערינג, גאַזע, שמאַראָווידלע, גאָמעלקעס קאַלך, בייטש־שטעקלעך, קלייען, שעטשקע, זויערמילך, סוואָרעכץ, ראַזעווע ברויט מיט טשער־נושקע, געבייטלטע און שיטנע ברויט, ביאַליסטאָקער קוכעלעך מיט ציבעלע און מאָן און רונדע שטריצלעך באַשאָטן מיט מאָנטשקע; קרעמלעך פון ליימענע טעפּ און קופּערנע בונקעס, הילצערנע וואַלגער־האָלצן און בלעכענע ריבאייזנס, הילצערנע

לעפל צו פאַרברענען דעם חמץ, און ברוין לאַקירטע סאָלדאַטסקע לעפל, וואָס דער רוסישער סאָלדאַט, „פאַניע זעמליאַק", פלעגט דאָס טאָג און נאַכט מיט זיך אַרומ־טראָגן אַריינגערוקט הינטער דער כאָלעווע פון זיינע שטיול באַשמירטע מיט דזיעגעכץ.

און אַרום אַט די אַלע קרעמלעך אויף פּיאַסקעס האָט געשוויבלט און געגריבלט, מיט קורצע, גראַבבייניקע יידענעס אין פּאַטשיילעס, באָרוועסע, פלאַקס־האַריקע שקצים מיט פאַרריסענע נעזער, דאָרפישע גויעס, וואָס פלעגן מאַרשירן פון די דערפער באָרוועס, מיט אַריבערגעוואָרפענע שיך איבערן אַקסל און קוים זיך פאַרגינען אָנטאָן זיי אַריינגייענדיק אין שטאָט.

אין דער לינקער זייט פון אַלטן בית־עולם (קלאַדבישטשאַנסקאַיאַ) האָט זיך געצויגן אַ רייע שמאָלע געסלעך מיט קליינע, פאַרחושכטע, נידעריקע הייזלעך. אָפט מאָל מיט אַ פאַרקלעפּטער פּאַפּירשויב, וואָס פלעגט מאַכן אַן איינדרוק פון אַ בלינדן בעטלער אויף איין אויג. אַט די קליינע, שמוציקע געסלעך מיט דעם רינשטאָק אין מיטן האָבן געטראָגן שיינע, הייליק־קלינגענדיקע פאַר יידן נעמען: ירושלים־גאַס, פּאַלעסטינע־גאַס, און ציון־גאַס...

ווי אַ קלינגענדיקער חוזק איבער די יידן און זייערע נאַציאָנאַלע חלומות איז געווען דער ביטערער שפּאַס פון דער צאַרישער מאַכט אָנצורופן אַט די ענגע, שמאָלע, אָרעמע הינטערגעסלעך: יערוסאַלימסקאַיאַ, פּאַלעסטינסקאַיאַ, און סיאָנס־קאַיאַ.

דורכשניידנדיק אַט די צעדרייטע, פאַרפינצטערטע, שמאָלע יערוסאַלימסקע געסל און אַרויסקומענדיק אויף אַ ברייטן ראָג פון עטלעכע געסלעך, איז ווי פלוצלינג אויסגעוואַקסן די צוויי־שטאָקיקע הילצערנע געביידע פון באַרימטן כאַנייקעווער בית־מדרש, אַ טונקל־ברוין באַפאַרבטן, מיט ברייטע פענצטער, וואָס האָט פאַרשפּרייט יידישקייט, רעליגיעזע צוגעבונדנקייט, אויפקלערונג פון שטאָלצער געשיכטע, פון יידישער פאַרגאַנגענהייט און די לימודים פון חומש און תנ"ך, מאַראַל, דינים פון יושר און פאַמיליע־לעבן, איינגעשלאָסענע אין די אַלטע פאָליאַנטן פון גמרא און שולחן־ערוך.

ווי אַ קוואַל פון ליכט, ווי אַ ליכטיק לויכטנדיקער לייכטטורעם אין ים פון פינצטערניש, איז געשטאַנען דער הילצערנער, ביי שווערע פינאַנסיעלע באַדינ־גונגען איינגעעקשנטער טרעגער פון יידישקייט, דער כאַנייקעווער בית־מדרש, אין צענטער פון אָרעמקייט, מאָראַלישער געפאַלנקייט גליטשן זיך צום אָפּגרונט פון פאַרברעכנס, גנבה און זנות, די קאָנסעקווענצן פון עקאָנאָמישער נויט, פאַרצוויי־פלטן דלות, גאַסן־דערציונג און גאָר קיין דערציונג נישט. אַטמאָספערע פון אונ־טערוועלט־טיפן מיט זייער וווילונגערישן חוזק פון יאַלדישער הערלעכקייט.

דאָס איז געווען די נקמה פון אָרעמקייט קעגן זאַטקייט, פון געפאַלנקייט קעגן גאווה.

די גרויסע פאַרדינסטן פאַר אויפהאַלטן די עקזיסטענץ פון כאַנייקעווער בית־מדרש, ציענדיק יניקה פון מאַגערע הכנסות פון די אָרעמע שולדאַוונערס, מוזן צוגעשריבן ווערן אייניקע ייִדישע בעלי־בתּים, צווישן זיי ר׳ יעקב וואַליע, דעם „שרייבער פון בענקל״, אַ רירעוודיק זשוואַווע ייִדל, אַ בעל־הבית פון אַ שפּייז־קרעמל אויף כאַנייקעס, ווו מ׳האָט געקאָנט שטענדיק זען אײנעם פון זיינע קינדער זיצנדיק אין קרעמל מאַכנדיק די אוראָקן, דרייענדיק מיט אַן אָרויסגעשטרעקטער צונג פאַרטיפט אין אַ „זאַדאַטשקע״. אָבער די הויפּטראָל ביים אויפהאַלטן דעם כאַנייקעווער בית־מדרש האָט געשפּילט אייזיק דער שמש, אַ הויכער, שטייפער, ערנסטער ייִד, מיט אַ פּאָר קלוגע, ענערגישע אויגן. אייזיק דער שמש איז געווען אַ לעגענדאַרע פיגור פון כאַנייקעווער בית־מדרש.

אַזאַ עלעמענט, צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען טרעגערס און בעל־עגלות, גאַנץ אָפט פרומע, ערלעכע אָבער פאַרביטערטע און ביטערע אָרעמע־לייט, „פאַסערס״ (אויפקויפערס פון געגנבעטע זאַכן), ייִדן פון לייכטע פאַרדינסטן און סתּם גנבים פון אַ קלענערער מדרגה (פון דער קאַלעקציע „אורקע נאַכאַלניקס״ טיפּן), האָט נאָר אַזאַ ייִד ווי אייזיק דער שמש געקאָנט באַצווינגען: איין הויב פון זיין אויג אָפרייסנדיק אין מיטן לייענען די תּורה, איין באַוועג פון זיין גרויסער ברעם איבער זיין שאַרף דורכדרינגלעכן בליק, האָט געקאָנט אָפּשטעלן די גרויסע מחלוקת אין פאַליש, אָדער געשלעג אין הינטערגרונט פון קאַכליאַוון אויוון. איין לאַנגזאַמער קרעפּטיקער פּאַטש איבערן שטענדער אין מיטן לייענען פורים די מגילה, האָט געקאָנט אָפּשטעלן די צעווילדעוועטע קלאַפּעריי פון קאַלעקאַטקעס און קאַסטנדרייערס פון די צעיושעטע, צעהירזשעטע ווילדע יונגען, וואָס האָבן ניט אַזוי געקוואַלן פון ארור המן, ווי פון אַ מעגלעכקייט אויף אַ „לעגאַלן וועג״ צו מאַכן אַ טומל, אַ טראַסקעריי, אַ געפּילדער און פייפעריי, אַז דער בית־מדרש האָט אַזש געציטערט.

ניט גרויס איז אָבער געווען די צאָל פון די ייִדן מיט וועלכע כאַנייקעווער ייִדן האָבן זיך געשעמט. זיי פלעגן זיין פאַררוקט אין אַ ווינקל פון בית מדרש, ווו דעם אויבנאָן האָבן פאַרנומען ייִדן בעל־מלאכות און קרעמערס, ייִדן למדנים און יראי־שמים וואָס האָבן געציטערט און אַכטונג געגעבן אַז אין „זייער״ כאַנייקעס זאָלן די „אומריינע״ ניט אויפהויבן דעם קאָפּ און זיי זאָלן בלייבן פאַררוקט אין די לעכער פון כאַנייקעס.

מיר האָבן געוווינט אין איין הויז מיט אייזיק דעם שמש, שכנים געווען, און מיך האָט אַזוי געצויגן צו זיי.

צוויי קינדער האָט געהאַט אייזיק דער שמש: אַ טאָכטער אסתּרקע, אַ מיידל אין עלטער פון 14־15 יאָר, מיט צוויי יאָר עלטער פון מיר. געחלומט האָב איך פון איר רונדן, פולן פּנים, פייערדיקע אויגן, האַרציקן געלעכטער פול מיט לעבן, וואָס

האָט זיך ווי געררייצט מיט מיר, פולע ליפּן פון לײדנשאַפט, אַ געזונטן ראָזן, דאָר־פישן פּנים און רויטע באַקן, ווי אויסגעפּאַטשטע.

אין קלײנעם גערטעלע מיט געציילטע גרינע ביימער און הויכן גראָז פלעגן מיר זיך צופעליק טרעפן און צוזאַמען רייסן ווייס־בלוילעכע אומשולדיקע פויגל־מילך־צווייגן, און ווען מיר פלעגן צופעליק ביידע אַ כאַפּ טאָן דאָס זעלבע צווייגל און אונדזערע הענט באַרירן אין אַ וואַרעמען ברען, פלעגן מיר זיך ביידע הילכיק צעלאַכן, אָבער אונדזער לאַכן האָט געקלונגען געקינצלט, ווייל איר האַנט־באַרירונג פלעגט אַרויסרופן ביי מיר אַן אומבאַשטימט זיס פאַרגעניגן, וואָס פלעגט צעגיין איבערן גאַנצן קערפּער, אַז עס פלעגט זיך וועלן ווײנען, לאַכן, פון עפּעס אומבאַשטימטס וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן אין יונגן קערפּער, „עפּעס" וואָס איז אייביק באַקאַנט און וועט זיין די אייביקע טעמע פאַר ראָמאַנען, טעאַטער, קונסט און לעבן.

איר ברודער, בן־ציונקע, איז געווען דער היפּוך פון איר. אַ שמאַלער, שלאַנקער יינגל, מיט אַ מילכיק, פאַנאַטיש רעליגיעזן פּנים, מיט אַ פּאָר שלענגלדיקע פּאהלעך, אַ פאַרטראַכטער, און מיר דערמאַנט אָן דעם „פּרוש", אָן דעם אומעטיק טרוימערישן בית־מדרש־לערנער פון ביאַליקס „המתמיד".

דער אַלטער בית־עולם איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט אַ נידעריקער, ברייטער שטיינערנער וואַנט, וואָס פלעגט דערגרייכן ביז צו די פענצטער פון אייניקע הייזער, וואָס זיינען געווען האַרט אָנגעשפּאַרט צום בית־עולם.

די קינדער פלעגן לויפן אויף די ברייטע, שטיינערנע ווענט פון בית־עולם, גייענדיק אין חדר אָדער צוריק אין זומערצייט, און אין ווינטערצייט, אין די קאַלטע, לבנהדיקע בלוי־אויסגעשטערנטע נעכט, גייענדיק צוריק פון חדר לעם דער בית־עולם־וואַנט, אויפן סקריפּענדיקן האַרט־שטייפן שניי אין דעם שאַרפן פראָסט, וואָס פלעגט צופן פאַר די אויערן אפילו אונטער די „באַושניקעס" און מיט אָנגעבונדענע בלעכענע אָדער פּאַפּירענע לאַמטערנעס זיך נוקם זיין אין רבין מיטן קאַנטשיק, זינגעדיק:

„דער רבי איז געפאָרן קיין בערלין,
האָט ער געקויפט אַ קראַצמאַשין...
אַצמאַ, אַצמאַליאַ" !...

איך בין געווען אָן אָפטער גאַסט זומערצייט אויפן בית־עולם, בלאָנדזשען צווישן די קברים, לייענען די אויפשריפטן און זיך אָפּשטעלן מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ נעבן די אוהלים פון רבנים און גאונים און שטענדיק, אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע, פלעגן זיי מיר דערמאָנען אין דער ביבלישער מערת־המכפּלה פון אונדזערע אבות אין ארץ־ישראל, און איך פלעג מיט האַרץ־קלאַפּעניש און נייגע־

ריקייט צולייגן אַן אויער צום ווענטל און וואַרטן, אפשר וועל איך דערהערן אַ ווייטע, סודותפולע שטימע פון יענער וועלט, אָדער אַ וויינענדיק קלאָגליד פון אונדזער מוטער רחל.

אין תשעה־באב פלעגן מיר, יינגלעך, זיך צעשפּרייטן איבערן בית־עולם, אָנפּילן אים מיט קינדערשע קולכלעך, זוכנדיק און רייסנדיק פון די נידעריקע גרינע ביימעלעך די גרינע רונד־ביסלדיקע שטעכעדיקע „סיסקעס".

תשעה־באב פלעגן מיר אָנהויבן אַ ווילדן געיעג נאָך מיידלעך און ווייבלעך און זיך צילעווען אַריינצווואַרפן אין זייערע האָר די שטעכעדיקע „סיסקעס" און מיר פלעגן האָבן אַ סאַדיסטישע הנאה, צוזעענדיק ווי זיי אַנטלויפן פון אונדז און מאַטערן זיך אַרויסצופּלאָנטערן די „סיסקעס" פון זייערע האָר, לאַכנדיק און קוויטשענדיק מיט אַ גוטמוטיקן געלעכטער און שעלטנדיק אונדז מיט טויטע קללות.

אין די ימים־נוראים, ווען אין דער לופטן זיינען געהאַנגען די תּענוגדיקע ימים־טובים סוכות און שמיני־עצרת, הושענא־רבה און שמחת־תורה, מיט געשמאַקע יום־טובדיקע עסנס, נייע בגדימלעך, פלעגן קליינע מיידעלעך זיך שלעפּן מיט געשאָכטענע עופות דורך דעם בית־עולם. דאָס האָבן זיי זייערע מאַמעס פון כאַנייקעס געשיקט אין „רעזשניצע" אויף יענער זייט בית־עולם אין פּיאַסקעווער טייל, צו שעכטן אַן עוף אויף יום־טוב און דאָס קליינע מיידעלע פלעגט שטיין אַ דערשראָקענע צווישן געפילדער פון ווייבער און צעיאָכמעטע, שרייענדיקע הענער, וואָס האָבן גערופן דעם רעוואָלט קעגן שוחט און פּינטלענדיק צעטומלט מיט די אייגעלעך און, ווישנדיק מיטן אַרבל דאָס פאַרסמאַרקעוועטע נעזעלע, שטופּן די הון אונטערן נאָז פון שוחט און זיך בעטן ביי אים:

— ר' שוחט, קוילעט מיר פריער.

דער שוחט, אַ באַבערדלטער געלער ייד, מיט קאַלטע, רויִקע אויגן, פלעגט אויסצופּן אַ פּאָר פעדערלעך ביים גאָרגל, אַ מורמל טאָן אַ פּסוק, אַ כיטשקע טאָן מיטן חלף, אַ וואָרף טאָן אויף דער ערד דעם געשאָכטענעם עוף צו דעם מיידעלעס פיס. און דאָס קליין מיידעלע, אַ פאַרציטערטע, אַ באַשפּריצטע מיט בלוט, פלעגט נאָך פיל ראַנגלעניש מיטן גוססדיקן עוף, אים אויפהענגען אויפן אייזערנעם האָק און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ קוקן אויף זיינע ווייס פאַרצויגענע אייגעלעך, וואָס שליסן זיך אין די לעצטע קאַנוולסיעס און שפּעטער שלעפּן אים פאַר די פּיסלעך פון פּיאַסקעווער רעזשניצע איבערן בית־עולם ביז כאַנייקעס.

אין די יעשענדיקע אלול־טעג, ווען די קאַלטע זון, וואָס האָט שוין געוואָרעמט ווי אַ שטיפמאַמע, האָט באַצויגן דעם בית־עולם מיט קרומע שטראַלן פון זוניקע שאָטנס, פלעגט דער בית־עולם זיין באַזייט מיט צענדליקער יידן און יידענעס, וואָס פלעגן ליגן אויסגעצויגן אויף די קברים פון זייערע ליבסטע און זיך פאַרגיין אין אַ האַרצרייסנדיקן שלוכצנדיקן געוויין, יללות און קרעכצן אויסגעמישט מיט

תחנוגים „צום האַרציקן טאַטן אין הימל", אָדער „צו דער טייערער מאַמעניו אויף יענער וועלט", זיי זאָלן זיך „מיען" פאַר זיי, זיין אַ מליץ־יושר, עס זאָל שוין נעמען אַ סוף צו די ייִדישע צרות און פאַר איין וועגס זיי אָנשרייבן אַ גוט יאָר און צושיקן דעם גוטן קוויטל.

דער בית־עולם האָט אויך געדינט פאַר אַ „מעלינע" פאַר געגנבעטע זאַכן און אַרט פון קאָנספּיראַציע פאַר דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט און נישט איין מאָל פלעגן די אויף אייביק איינגעשלאָפענע איינוווינערס פון בית־עולם געשטערט ווערן אין זייער אייביקער רו דורך פּאָליציי־אַבלאַוועס, פייפקע־סוויטשעריי און רעוואָלווער־שאָסן פון דער רוסישער פּאָליציי און אָכראַנע־אַגענטן. איך זע נאָך קלאָר פאַר מיינע אויגן די טיפן פון דער דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, אין שוואַרצע בלוזעס מיט געשלאָסענע קראַגנס ביז צום האַלדז, און שוואַרצע, געפלאָכטענע זיידענע גאַרטלען אַרום די טאַליעס. און די מיידלעך אין די זעלבע בלוזעס און קורץ־געשאָרענע האָר (די טיפּן פון „לאַ גאַרסאָן" פון פראַנצויזישן שרייבער וויקטאָר מאַרגעריט) און די וואָס צילעוען זיך מיט די רויכנדיקע רעוואָל־ווערן אין די מצבות פון בית־עולם, פאַרזשמורענדיק איין אייגל און זיך לערנענ־דיק שיסן. און נישט איין רוסישער גאָרדאָוואָי, פּריסטאַוו אָדער אפילו גענעראַל־גובערנאַטאָר, איז שפּעטער געפונען געוואָרן אין דער שוואַרצער נאַכט אין אַ ווינקל פון אַ פינצטערער גאַס אַ דערשאָסענער דורך אַ קויל פון אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט די איבונג געמאַכט אויף „מיין" בית־עולם.

אין די לבנהדיקע נעכט, ווען איך פלעג אַרויפגיין אויף דער שטיינערנער וואַנט פון בית־עולם צו פאַרמאַכן די לאָדנס פון אונדזערע פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט צו די מצבות, פלעג איך בלייבן שטיין לאַנג, לאַנג, באַטראַכטנדיק דעם בית־עולם אונטערן גרויסן, הימל־בלויען פּרוכת, ווו די לבנה אַן אייביק געהיימנישפולע, שמייכלענדיקע, שווימט דורך די ווייסע וואָלקנדלעך, ווי באַגלייט דורך ווייסע מלאכימלעך, פאַרגיסט דעם בית־עולם מיט בלייכן לבנה־שיין און די בלייכע ביימעלעך שאָקלען זיך פון ווינטל ווי די בעטלערס אין מתים־טאַנץ אין אַנסקיס „דיבוק", און די קליינע מצבהלעך פון די קינדערשע קברימלעך טוליען זיך צו די גרויסע אוהלים פון רבנים און צדיקים, ווי אייניקלעך צו זייערע געטרייע זיידעס.

איך האָב פאַרן בית־עולם קיין מאָל קיין שרעק נישט געהאַט און אין די בלאַסע, שטילע, סודותפולע לבנה־נעכט, האָב איך געפילט, אַז איך האָב מיט אים אַ געמיינזאַמע שפּראַך און מיר שמועסן זיך שטיל אַדורך אויף אונדזער שטום־לשון, אונדזער געדאַנקען־שפּראַך, אַז דער איבערגאַנג פון דער וועלט צו דער מתים־וועלט איז אַ רויִקער שפּאַציר, וואָס מיר מאַכן דורך אין אונדזער לעבנס־וועג פון וויגל ביז צום קבר.

דער אַלטער בית־עולם איז אָבער אויס יחסן געוואָרן. עס דראָט אים צו פאַרשווינדן אין פאַרגעסנהייט. ער האָט אַ גרויסן קאָנקורענט באַקומען אין דעם נייעם בית־עולם, דעם לעצטן בית־עולם, דעם געטאָ־בית־עולם פון דער גאַנצער יידישער אומגעקומענער ביאַליסטאָק.

צענדליקער טויזנטער ביאַליסטאָקער, צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער וועלט, שטייען אויף יעדן פרימאָרגן און גייען צו בעט ביינאַכט, מיט הערצער פול מיט צער און מיט טרויער אין די אויגן, געווענדט צום נייעם בית־עולם און נישט איין ביאַליסטאָקער וועט שטאַרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע און די טרוקענע דיאַגנאָסטיק פון קאַלטן דאָקטאָר וועט דאָס צושרייבן צו אַרטעריאָסקלעראָזיס, אָדער קאַראָ־נעראָ־טראָמבאָזיס, נישט ווויסנדיק, אַז דאָס האָט דער נייער בית־עולם אין ביאַ־ליסטאָק געבראַכט נאָך אַ קרבן, געמאַכט פּלאַצן נאָך אַ ביאַליסטאָקער יידיש האַרץ, וואָס האָט נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן דעם פאַרשטיקטן טרויער, דעם ווייטיק און געפיל פון געוויסנסביסן און עס האָט זיך אים, דעם אַמעריקאַנער ברודער, געדאַכט, אַז אפשר האָט ער אויך אַ חלק אין דעם טראַגישן גורל פון זיינע ברידער און שוועסטער, וואָס ליגן דאָרט, אין דער צעריבענער קופּע פון פאַרפוילטע מענ־טשנפלייש און לעכערדיקע אויגן פון טויטע שאַרבנס, וואָס פאַרפאָלגן אים מיט שפּיזיקן פאָרוואורף און דערגרייכן צו אים אַזש דאָ, אין זיין רויקער היים אין אַמעריקע, אַזש פון דאָרטן, פון דעם נייעם ביאַליסטאָקער בית־עולם...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך וועל שוין קיין מאָל ניט באַטרעטן די ערד פון ביאַליסטאָק, ווייל איך קאָן ניט, איך וויל ניט זען דאָס איצטיקע ביאַליסטאָק, וואָס איז איין גרויסער נייער בית־עולם.

און ווי אַ וואַנזיניקע מוטער, וואָס צערטלט, קושט און זינגט אויס אַ וויגליד טוליענדיק צו זיך דאָס טויטע קינד, און וויל ניט וויסן אַז דאָס קינד איז טויט, אַזוי וועל איך אייביק, אייביק, צערטלען דאָס באַליסטאָק פון מיין קינדער־פאַנ־טאַזיע און יוגנט־חלומות און אויסזינגען איר מיינע טרויעריקע לידער, ניט וועלנ־דיק וויסן, אַז „מיין" ביאַליסטאָק איז שוין טויט...

ניין, פאַר מיר איז ביאַליסטאָק, דאָס אַמאָליקע ביאַליסטאָק, ניט טויט, זי לעבט אַרום מיר, און אין מיר...

„רעמעסלענאַיע״: דער שידוך פון אַרבעט מיט בילדונג

אין די גרויע פרימאָרגנס פון קאַלטן שנייקן ווינטער, אָדער אין די זומער־דיקע ליכטיקע זון שטראַליקע, פלעגן הונדערטער ייִדישער בחורים זיך ציען צום קוואַל פון אַרבעט און בילדונג: צו דער „רעמעסלענאַיע״.

האַלב הונגעריקע קינדער פון קבצנישע בעל־עגלות, פורמאַנעס, טרעגערס, קאַלכערס פון כאַנייקעס; בעל־הביתישע קינדער פון שפייז־און אייזן־קרעמערס און מלמדים, גאַטאַוואַ־פלאַטניקעס (פאַרטיקע קליידער), און שיך־געשעפטן פון סוראַזער, שולהויף און מאַרק, און מער יחסנימדיקע פון שניט־סוחרים, גאַלאַנ־טעריע־קרעמערס, קאָלאָניאַל־פּאַפּיר־געשעפטן און גלאָז־קרעמערס, פון ליפּאָווע, גומיענער און ניקאָלאַיעווסקע.

אויך בחורים פון דער „פּראָווינץ״ האָבן זיך געלערנט אין „רעמעסלענאַיע״. געזונטע, קרעפטיקע, מיט פאַרברוינטע פּנימער, מיט לעבעדיקע, גלאַנציקע אויגן, געהאָדעוועטע אין די אַרומיקע זאַטע ייִדישע שטעטלעך און דערפער, אין די הילצערנע גרינע מאַך באַוואַקסענע קלעצערדיקע הייזער, דאָרפישע כאַטעס מיט פּרוכטסעדער און גערטנער, אַרומגערינגלט מיילן אַרום מיט גרינע ווילדע וועלדער און פויעריש צעאַקערטע גרינע פעלדער.

בחורים פון סאָקאָלקע און פון דער פּריצישער גימנאַזישער לאָמזשע; פון ייִדישע סאַדאָווניקעס פון כאַרשטש און שפּייזקרעמערס פון סטאַראָסעלצע; פון דער געהילץ־טאַרטאַקישער וואַשליקאָווע און פון וועבערישן האַראַדאָק; פון דעם „ייִדישן קרולס״ שמואל ציטרינס סופּראַסלע און שניט־קרעמערישער זאַבלודאָווע; פון גאַרבאַרישן צענטער קרינעק און „דעמבענע״ בחורים פון ווייטן ביעלאָוועזש.

פון דעם באַרימטן ביעלאָוועזשער וואַלד מיט די אוראַלטע הונדערט־יעריקעביימער, מיט די לייכט־פּיסיקע הירשן און סערנעס און שווער־לייביקע ווילדע זוברעס. אָט דער ווילדער אוראַלטער ביעלאָוועזשער וואַלד, ווו דער מעכטיקער „אימפּעראַטאָר פון גאַנץ רוסלאַנד״, צאַר ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו דער צווייטער, איז געקומען מיט זיין לעביונגערישער קעניגלעכער סוויטע, באַלעבנדיק די שטענדיק שטילע ליידיקע, מיט קליינע שטיינדעלעך און צוויי־קעפּיקע אָדלערס געפּלאַס־טערטע קעניגלעכע שאָסייען, ווו נאָר דער געזשום פון די „באַנקעס״ האָט זיך געהערט אין עכאָ פון פויגל־קאָנצערט צווישן די הויך דעמביקע ביימער.

יאָ, די פּראָווינצער... די פּראָווינצער און זייערע צונעמענישן... און ווי האָט מען דאָס געקאָנט אָנרופן אַ שטעטל אָן דעם צונעמעניש? עפּעס האָט זיך שוין נישט ווילנדיק געצויגן דאָס צונעמעניש צום נאָמען פון שטעטל. און אָט איז אַ קורצער צעטל: קרינקער גנבים; זאַבלודאָווער קאַשניקעס; וואַשליקאָווער קאָזעס;

סאָקאָלקער רבונו של עולמס; בריסקער לבנות; לאָמזשער חלהלעך; גראַיעווער פלאָטקעלעך; און אחרון חביב: ביאַליסטאָקער קוכנפרעסערס.

אָט דער מישמאַש פון ביאַליסטאָקער און פּראָווינצער יִדישער יוגנט איז געקומען שעפּן וויסן און מלאכה אין דער „רעמעסלענאַיע“, וואָס איז געווען באַרימט הונדערטער מיילן אַרום ביאַליסטאָק און וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט אירע געענדיקטע שילערס איבערן ברייטן רוסלאַנד, אין מערב־אייראָפּעישע לענדער און פאַרשמיסן אַזש העט־העט ווייט מעבר לים, אין קאָלומ־בוסעס מדינה, אין דער דרום־אַמעריקאַנישער אַרגענטינע.

אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס און אָנגענומען אַלס שילער, האָב איך, דאָס האַלבע קינד, געדאַרפט טיילן מיין זוניקן קינדערטאָג אויף לערנען און אַרבעטן.

דריי אָפּטיילונגען האָט די „רעמעסלענאַיע“ געהאַט: טעקסטיל, מעכאַניק און סטאָלעריי.

אין דער טעקסטיל־אָפּטיילונג האָט מען ביים ענדיקן די שולע באַקומען אַ דיפּלאָם אַלס מייסטער פון דאַמפּשטולן און מוסטערן־מייסטער; ווייל מען האָט געלערנט אַנאַליזירן מוסטערן פון געוועבטע שטאָפן, אויסטעפּנדיק פאָדים נאָך פאָדים, צוזאַמענשטעלנדיק דעם מוסטער און פעסטשטעלנדיק דעם גאַרן שטאָף, צי ער שטאַמט פון וואָל, באַוול (בוימוואָל) אָדער קאַמגאַרן, כדי צו קאָנען קאָפּירן. די מעכאַנישע וועבשטולן האָט מען גערופן דאַמפּשטולן, ווייל זיי זיינען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג דורך עלעקטריציטעט פון דינאַמאָ־מאַשינעס, אויסגעאַרבעטע דורך דער קראַפט פון דאַמפּקעסלען. געלערנט האָט מען אויך פאַרבן, אַפּרעטירן ווי אויף שפּולן, שערן און נופּן.

אין דער פאַבריק פון „רעמעסלענאַיע“ האָבן זיך געפונען ביי אַכט מעכאַנישע וועבשטולן, פון פאַרשידענע דעמאָלט באַרימטע דייטשישע פירמעס: גראָסענײַנער, שוואַבישע און שײַנער־שטולן. די גראָסענײַנער דאַמפּשטולן זיינען אויך געווען די דעמאָלט באַרימט געוואָרענע „זשאַקאַרד־שטולן“, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט געבלומטע וואָלענע דעקן „מאָנטאַניאַק“ וואָס שטאַמט אפשר פון פראַנצויזישן וואָרט „מאָנטאַניאַר“, וואָס באַדייט בערג־איינוווינער. אָט די געבלומטע וואָלענע דעקן האָבן אָנגעשפּאַרט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון ריזיקן רוסלאַנד; און הונדערטער ביאַליסטאָקער „וואַיאַזשאַרן“ פלעגן זיך אַרויסלאָזן איבער דער וועלט צו פאַרשפּרייטן די פּראָדוקציע פון ביאַליסטאָקער יִדישער פלייס, שווייס און ענערגיע...

אַ ריי ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף דעקן־־אויס־אַרבעטונג, צווישן זיי אַזעלכע באַרימטע פירמעס ווי: פרייסמאַן, טרילינג, גוביני־סקי, ציטרין, ברידער מאָרין, ברידער מאַרקוס, נאָוויק, קאַנעל, קאָמיכאָו און אַנדערע.

אין „רעמעסלענאַיע“ האָט מען אויך אויסגעאַרבעט די באַרימטע ביאַליסטאָקער

אַנצוג־שטאָפן „קאַרעלעך״ פון אַ ביליקן וואָלשטאָף (פון גערינסענע שמאַטעס), וואָס איך האָב אין שפּעטערדיקע יאָרן אין מײַנע רײַזע־וואַנדערונגען איבער לענדער, געטראָפן אין די קלײדער־געשעפטן פון בערלינער „גרענאַדיר־שטראַסע״, פּאַריזער „רי דע ריוואָלי״, אַנטווערפּענער „דיפּע סטראַט״ און לאָנדאָנער „ווײַטשעפּל״.

ביאַליסטאָק האָט זיך אויך ספּעציאַליזירט אין „קאַסטאָר״־אַנצוגשטאָף, אַ ביליקן געמיש פון באַוול און וואָל. אַ גרויסער טײל פון ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן און לווינקעטניקעס האָבן געמאַכט אַ לעבן פון „קאַסטאָר״ און באַרימט איז געווען דער וויץ פון דעם טוך־סוחר דעם עם־הארץ אין רוסיש, וועלכער האָט טעלעגראַפירט דרינגענד: „ניע מאָגו ווידערזשאַט וויסילאַיטע קאַסטאַרקו״. דאָס האָט געמײנט אין יידיש: איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן, שיקט „קאַסטאַרקע״. און „קאַסטאַרקע״ מײנט אין רוסיש: ריצנאײל.

אויך האָט ביאַליסטאָק פּראָדוצירט אַ סך „דראַפּ״ — גראָבן, דאָפּלטן ווינטער־שטאָף אויף מאַנטלען, ווו די לינקע זײַט איז געווען פאַרביק געמוסטערט און מען האָט פאַרשפּאָרט אונטערנײען אין די ווינטער־מאַנטלען אַ „פּאָדשעווקע״ (אונטער־שלאַק). מיר, שילערס פון רעמעסלענאַיע״, האָבן געהאַט געברענטע צרות אויסצו־טעפּן אָט די גראָבע, דאָפּלטע, געמוסטערטע „דראַפּ״־מוסטערן.

אין דער מעכאַנישער אָפּטײלונג האָט מען געלערנט האַקן און פײלן מעטאַלן, פאַרריכטן מאַשין־טײלן, פאַרגיסן מעטאַל (מיט צווערשטאָף); צײכענען פּלענער פון מאַשין־טײלן, כּדי זײ אויסצוגיסן אין מעטאַלורגישע זאַוואָדן, צײכענען און קאָפּירן מיט מילימעטרישער פּינקטלעכקײט מעכאַנישע טײלן אין פּאַסאַד, פּראָפיל, דיסטאַנס, פּריזמאַ, פּערספּעקטיוו; אונטערשײדן מעטאַלן, וויסן די אָנגענומענע פאַרבן וואָס באַצײכענען פאַרשידענע מעטאַלן אין די זאַוואָדן אויף די געאָמעט־רישע צײכענונגען און פּלענער; און אויף די יערלעכע אויסשטעלונגען פּלעגן די עקספּאָנאַטן פון דער מעכאַנישער אָפּטײלונג צוציען גרויס אויפמערקזאַמקײט מיט זײערע אויסגעאַרבעטע מאַשינען, ווי: מאַשינען צום בוירערן, טאָקן און זעגן, און אויך געצײג ווי: האַמערס, בויערס, מעטאַלענע ליניקעס, זאַוועסעס און אַנדערע נוצלעכע קעגנשטאַנדן.

די סטאָלערײ־אָפּטײלונג האָט געלערנט צו ווערן אַן ערשטקלאַסיקער קוואַלי־פיצירטער מעבל־מײַסטער מיט אַ הויכער פאַך־קענטעניש פון פּלאַנען־צײכנונג, מאָדערנע סיסטעמען פון בײגן האָלץ, קלעפּן דיקטן, צוזאַמענשטעלן מעבל מיטן פײַנסטן מאָדערנסטן געשמאַק און שטאַרקײט, לערנענדיק די טעאָריע פון אַטמאָס־פערע־ווירקונג אויף פאַרשידענע האָלצן און קרײַצנדיק געוויסע האָלצן אין פאַר־קערטע ריכטונגען, כּדי אויסצומײַדן אײַנשרומפּונגען פון האָלץ־מאַטעריאַלן, ווי אויך פּאָלירן מיט כעמישע פאַרבן און פּליסיקײטן, כּדי צו באַקומען אַ שײַנעם און דויערהאַפטן גלאַנץ.

✱

איך בין אָנגעקומען אין דער טעקסטיל־אָפּטיילונג. מיינע חברים זיינען געווען גרויסע „יאָלאָפּס" פון 14 ביז 18 יאָר, און איך האָב אויסגעזען קעגן זיי ווי אַ ליליפּוטל, ווי אַ קאַרליקל אין אַנדערסענס מעשהלעך. זיי האָבן מיט מיר געלערנט בלק, געלערנט די תורה פון מאַכט פון שטאַרקערן.

איבערהויפּט האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיינע יאָרן מיינער אַ שול־חבר, פּאַרוש. (אַ משפּחה פון די פּאַרושעס, פון וווּרשטגעשעפט), אַ הויכער. בלאָנד־געלבלעכער, ראָז־הויטיקער געשפּרענקלטער בחור, אפשר מיט פיר יאָר עלטער פון מיר, און ווי אַ רויקער אינקוויזיטאָר, מיט אַ סאַדיסטישן שמייכעלע — ווען ער איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג פאַר זיין באַקומען אַ צוויי אויף רוסיש — פלעגט ער מיך אונטערכאַפּן אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר און זיך דערנענטערנדיק צו מיר מיט לאַנגזאַמע טריט, ווי אַ שפּין צו אַ פליג, מיך אָננעמען פאַרן קאָפּ און, אַזוי ווי איך האָב אים געגרייכט ביז צו זיין אָרעם, פלעגט ער מיט זיין האַנט ווי מיט אַן אייזערנער צוואַנג אַראָפּדריקן מיין קאָפּ ביז צו דער ערד און האַלטן אַזוי אַ לאַנגע צייט מיין צוזאַמענגעדרייטן קערפּער מיט דעם זעלבן רויקן, גיפטיקן, סאַר־קאַסטישן שמייכעלע. אין מיר פלעגט זיך צעבונטעווען מיין האַס קעגן אָט דעם „אונטערדריקער". פלעג איך אים בריקען מיט די פיס, בייסן מיט די ציין, דראַפּען מיט די נעגל און לאָזן אין גאַנג מיינע שוואַכע אומבאַהאָלפענע כלי־זיין פון פאַרטיידיקונג און, פאַרשטייט זיך, אַז איך פלעג אַרויסקומען אין דעם נישט־גלייכן קאַמף אַ צעמזיקטער. און אויב איך האָב פון דעמאָלט אָן באַקומען אַ האַס צו אונטערדריקונג, דיקטאַטור און דעספּאָטישער מאַכט, איז, לויט זיגמונד פרוידס פּסיכאָאַנאַליטישער טעאָריע פון „קינדהיים־ווירקונג", אָט דער טיפּ פון פּאַרושן מיין שול־חבר געווען איינע פון די סיבות.

אָט דער עפּיזאָד פון ברוטאַליטעט מצד שול־חברים, וואָס איז אַזאַ אָפּטע טרויעריקע דערשיינונג אין די לערן־אַנשטאַלטן, האָט מיר געדינט אַלס אַ טעמע פון אַ דערציילונג, וואָס איך האָב געדרוקט אין וואַרשעווער „וואָכנשריפט פון קונסט און ליטעראַטור" אין יאָר 1930, אונטערן נאָמען „די שפּין".

לערנען די אַרבעט, לעקציעס פון טעפּען און צוזאַמענשטעלן מוסטערן, צע־נעמען און צוזאַמענשטעלן דאַמפּשטולן, האָבן מיך ווייניק וואָס אינטערעסירט. איך בין געווען שטענדיק היגטערשטעליק אין די אַרבעט־לימודים. דערפאַר אָבער בין איך געווען פון די ערשטע אין צוויי קעגנשטאַנדן: טעאָריאַ סלאָוועסנאָסטי (רוסיש) און מאָלן.

רוסיש האָט מיט אונדז געלערנט דער פּאַרוואַלטער פון דער נייער תּלמוד־תּורה, וואָס איז אויך גלייכצייטיק געווען אַ לערער פון רוסיש ביי אונדז, סאַמסאָן יאַקאָוולעוויטש גראָסמאַן. כמעט די גאַנצע קלאַסישע רוסישע ליטעראַטור איז ער מיט אונדז אַדורך אין די דריי יאָר וואָס איך האָב דאָרט געלערנט. פאַר מיר איז דאָס ניט געווען קיין נייעס, ווייל איך בין שוין אָנגעקומען אַן „אָנגעזאַפּטער"

מיט די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקערס נאָך פון פרידמאַנס שולע און פון איינ־שלינגען די ווערק פון מיינע באַליבטע רוסישע שרייבערס אין די לאַנגע ביאַליס־טאָקער ווינטערדיקע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן ווי מיר האָבן געלערנט „טאַראַס בולבאַ״ און אין דעם זעלבן טאָג האָט מיר מיין מאַמע אָנגעטאָן אַ פּאָר נייע הויזן, זייער ברייטע און לאַנגע, „אויף וואַקסן״, (מיין מאַמע האָט אַלץ געזוכט סגולות צו מיין קליינעם ווּוקס) און איך בין געלאָפן מיט אַ שמחה אין שולע און — ווי געוויינטלעך — פאַרשפּעטיקט. מען האָט געלערנט „טאַראַס בולבאַ״ און, ווי נאָר דער לערער האָט געענדיקט באַשרייבן די ברייטע הויזן פון דעם אוקראַאינישן קאָזאַק טאַראַס בולבאַ, וואָס זיינען געווען ברייט „ווי דער שוואַרצער ים״, האָט זיך געעפנט די טיר פון קלאַס און אני הקטן בין געבליבן שטיין אויפן שוועל מיט מיינע נייע אויפגעבלאָזענע ברייטע הויזן און, ווי דער לערער און די שילערס האָבן דערזען מיינע נייע הויזן, האָבן זי אַרויסגעשאָסן אין אַ ווילדן געלעכטער, קלאַפּנדיק מיט די ברעטלעך פון די „סקאַמייקעס״ (שולטישן) און טייטלענדיק מיט די פינגער אויף מיינע ברייטע, צעפּאַלדעוועטע הויזן. און איך בין געשטאַנען בעת מעשה אַ רויטער ווי אַן אָפּגעפּאַרעטער. און ווען איך כאַפּ אונטער אין דעם מאָמענט מיין מאַמען, ווער ווייסט וואָס איך וואָלט איר געטאָן. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי אַ צייט לאַנג מיך איבערגערופן: „שאַראַוואַרי שירינאַי ו טשאַרנאַיע מאָריע״ (הויזן ברייט ווי דער שוואַרצער ים).

איך האָב ליב געהאַט צו מאַכן „סאָטשיניעניעס״ (פאַרפאַסונגען) אין רוסיש, און, ווען דער לערער האָט זיי געלייענט הויך אויפן קול אין דער געשפּאַנטער שטילקייט פון קלאַס, האָב איך געפילט דאָס ערשטע האַרץ־קלאַפּעניש פון אַ שרייבער, דעם זיסן ציטער פון באַהעפטן זיך מיטן לייענער און פאַרפירנדיק אים אין מיינע חלומות־וועלטן.

אין אַ ביאַליסטאָקער ווינטערדיקן פרימאָרגן פלעגט מיין מאַמע מיך אויפוועקן זיבן אַ זייגער אין דער פרי, מיט גוטן אָדער מיט בייזן מיך אַרויסשלעפּן פון מיין אויסגעוואַרעמט בעט, אַריינטאָן אין אַ ברוינעם פּאַפּירענעם זעקעלע אַ גריסקע מיט אַ שטיקל דאַרער קישקע אָדער אַ ביאַליסטאָקער קוכעלע מיט אַ שטיקל גע־ווענדזלטן הערינג; מיר אַרויפציען אַ פּאָר וואַליאַקלעך מיט קאַלאָשן, דעם האַלדז אַרומבינדן מיט אַן אָפּגעריסענעם שטיקל פון אַן אַלטער פּאַטשיילע, אַריינוואָרפן מיך אין אַ לאַנגער בורקעלע ביז צו די פיס, אַרויפציען אויף מיין קאָפּ אַ שוואַרצע פּאַרפלנע „כמו באַראַשקאָווע״ היטל, אָנטאָן אַ פּאָר נאַושניקעס אויף מיינע אויערן און אַרומבינדן מיין קאָפּ מיט אַ קאַפּישאָן. ווען איך בין געגאַנגען אין דעם פּראָס־טיקן פרימאָרגן פון כאַנייקעס צו ליפּאָווע, האָב איך אויסגעזען ווי אַ קליין „פּאַראַוו־קעלע״ ווייל פון דער ווייטן האָב איך אויסגעזען ווי אַ קליינער טונקעלער קנויל פון

זאַכן, פון וועלכן עס זעצט אַ פּאַרע פון מויל, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער טייל פון מיין קערפּער, וואָס איז געווען ניט פאַרשטעלט.

אַזוי בין איך, דאָס קליין באַשעפעניש, געגאַנגען לערנען און אַרבעטן כּדי זיך אַריינפּאַסן אין דער געזעלשאַפט און ווערן „אַ מענטש".

*

קינדער־יאָרן, זיסע קינדער־יאָרן,
אייביק בלייבט איר וואַך אין מיין זכרון...
(פון מרדכי געבירטיג)

צוליב דריי מאָטיוון באַשרייבט איך „רעמעסלענאַיע": כּדי צו געבן אַ מיניאַטור־בילד פון אַ דעמאָלטיקער פאַכשולע, צו אילוסטרירן די דרייפאַכיקע קאָמבינאַציע פון אַרבעט, בילדונג און ייִדישקייט, און פאַרבייצופירן אַ גאַלעריע פון דעמאָלטיקע ביאַליסטאָקער און פּראָווינצער בחורים אין זייערע פריידן און ליידן. און אויב פיל ביאַליסטאָקער פון אַמעריקע און פון אַנדערע וועלטטיילן וועלן דערקענען צווישן מיינע ביאַליסטאָקער שול־חברים זייערע אַמאָליקע פריינד, קרובים אָדער שכנים, מיט וועלכע זיי האָבן אַ טיר נעבן אַ טיר געוווינט און צוזאַמען די ביאַליס־טאָקער לופט אַריינגעאָטעמט און אויב מיין אַרעמער פּען וועט געלינגען, אין דער איצטיקער טראַגישער פינצטערניש, אויפבליצן און באַלויכטן די לאַנגע ווייטע ביאַליסטאָקער פאַרגאַנגענהייט, אָט די ליבע פּאַר זיי געשטאַלטן, אַרויספישנדיק זיי פון דער שוואַרץ־נאַכטיקער חורבן־פאַרגעסנקייט, וועל איך אין דעם מיין באַ־פרידיקונג און שכר באַקומען.

פאַר אייך שרייב איך אָט די שורות, פאַר אייך ביאַליסטאָקער, לעבנגעבלי־בענע, אָפּגעשפּאָלטענע דימענטענע שפּריצן פון דעם גרויסן פינקלדיקן בריליאַנט פון שבתים, יום־טובים, תורה און בילדונג, וואָס האָבן געהייסן: ביאַליסטאָק!

נייע ווינטן האָבן געבלאָזן דעמאָלט אין רוסלאַנד, מיט דעם דעמאָלט באַרימטן לאָזונג: „אוטשעניע סוויעט, ניעוטשעניע טמאַ" (בילדונג איז ליכט, אומגעביל־קייט — פינצטערניש).

מען האָט אויפגעפּראַלט ברייט די טירן פון דער אָפּגעשלאָסענער ייִדישער חדר־און בית־מדרש־וועלט און די ייִדישע יוגנט האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו נאַשן פון טאָפּ פון דער רוסישער וועלטלעכער קולטור, אַזאַ אומבאַקאַנטער און אַזאַ

לאַקנדיקער. און אין ענגער צוזאַמענאַרבעט פון דער רוסישער רעגירונג מיט דער ייִדישער רוסיפיצירטער אינטעליגענץ, האָט די רוסיפיקאַציע מיט מעכטיקע שריט געשפרייזט איבער די ייִדישע גאַסן און דאָרט געזייט די רוסישע שפּראַך און ליבע צו דער רוסישער ליטעראַטור. אויך אונדזער „רעמעסלענאַיע" איז איינגעשלונגען געוואָרן פון דעם רוסיפיקאַציע־שטראָם; און אין די ביאַליסטאָקער באַשנייטע לאַנגע ווינטערדיקע נעכט פלעג איך שלינגען צענדליקער ביכער פון די זיילן פון דער רוסישער ליטעראַטור און בין געווען אַזוי רוסיש אַסימילירט, אַז ווען איך פלעג ווערן אין כּעס, פלעג איך אויטאָמאַטיש זיך זידלען אין רוסיש. און אפילו אין געוויינטלעכן שמועס האָב איך אויף צוויי ייִדישע ווערטער געמוזט נוצן פיר רוסישע. אַזוי אָרעם איז געווען מיין ייִדישער וואָקאַבולאַר.

מיינע צוויי שטאַרקסטע קאָנקורענטן אין דער רוסישער שפּראַך אין דער „רעמעסלענאַיע" זיינען געווען די חברים סמאָזאַנאָוויטש און שאַצקי. (סמאָזאַנאָוויטש איז אומגעקומען, שאַצקי געפינט זיך היינט אין ניו־יאָרק).

מייטשיק סמאָזאַנאָוויטש איז געווען אַ ייִנגל פון אָרעמע עלטערן, פון אַן אָרעם שמאָל געסעלע לעם שייעס גאַס אויף כאַנייקעס, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט האַרט אויף דעם פּאַרקן פון טרויעריק באַרימטן גראַנאָווסקיס גאָרטן. זיין פאָטער האָט געשטאַמט ערגעץ פון רוסלאַנד, און אין זייער שטוב, אַן אָרעמער, אָבער אַן אינטעליגענטער, איז רוסיש געווען די שטובשפּראַך. זיין פאָטער האָט געהאַט אויף כאַנייקעס אַ צונעמעניש „קליענטער", אַ פאַלקס פאַרדרייט וואָרט פון „קלאַרנעט". ווארשיינלעך איז ער געווען אַ כּלי־זמר און געשפּילט אויף דעם אינסטרומענט.

אויך מייטשיק סמאָזאַנאָוויטש האָט געהאַט אויף שייעס געסל אַ צונעמעניש. מיר האָבן אים גערופן „טשיזשיק", ווייל ווען ער פלעגט באַגעגענען אַ חבר אויף דער גאַס, פלעגט ער אים אויסזינגען דאָס לידל: „טשיזשיק, טשיזשיק גדיע טי ביל... נאַ וועסעליע וואָדקו פּיל..." און פאַרענדיקן זיין לידל מיט דער פראַגע: נו, וואָס מאַכסטו טשיזשיק? סמאָזאַנאָוויטש־„טשיזשיק" האָט גערעדט אַ רייכן גראַמאַטיקאַלישן רוסיש מיט אַן עכט רוסישן אַקצענט.

מיין צווייטער קאָנקורענט שאַצקי (דאָקטאָר שאַצקיס ברודער, מאַניע דער אַקושערקעס זון פון גומיענער גאַס), אַ ברוין־הויטיקער, שלאַנקער, שטייפער געלאַסענער ייִנגל, מיט אַ פּאָר פייערדיקע קוילאויגן און אַן אָדלערנאָז, אַ טיפּ פון אַ קאַווקאַזער טשערקעס, האָט גערעדט אַ שיינעם רייכן רוסיש, האָט זיך אָבער צוגעפוילט אַ ביסל צו לערנען; זיין קאָפּ איז שוין געלעגן ביי די מיידלעך פון דער פּראָפעסיאָנאַל־שולע (פּרויען־פּאַכשולע) פון יודל קלעצקיס הויף אויף ליפּאָווע גאַס, מיט וועלכע ער און נאָך אַנדערע חברים פון „רעמעסלענאַיע" זיינען אַרומגעגאַנגען און געמאַכט „סווידאַניעס" אין דער גרינער אַלעע פון ביאַליסטאָקער וואַלד, אָנפילנדיק אים אין די זומערדיקע ליכטיקע בלוי אויסגעשטערנטע נעכט מיט צאַרט־אומעטיקע טענער פון „אָטשי טשאָרניע" און „מאַרגאַריטקעלעך"... אַ גאַנצע

גרופּע האָט זיך געבילדעט פון די שילערס פון „רעמעסלענאַיאַ״, וואָס האָבן ראָמאַנ־סירט מיט די פּראָפעסיאָנאַלקעס.

אָט שטייט פאַר מיינע אויגן דער דאָן־זשואַן האַלפערן, אַ מיטלוווקסיקער, אַ פאַרחלומטער ראָמאַנטישער בחורל פון ביעלאָוועזש, וואָס האָט מיטגעבראַכט פון די ביעלאָוועזשער וועלדער רוסישע לידער און עפּעס מעלאַנכאָלישס אין זיינע אויגן. געקליידט אין אַ טונקל־בלויער פּעלערינקע, אין סטיל פון פראַנ־צויזישע „אַזשאָן דע פּאַליס״, וואָס איז געווען דאַן אַזוי מאָדערן. זיין האַרצ־שוואַכקייט איז געווען די פּראָפעסיאָנאַלקע זלאַטקע קעסלער, אַ סענטימענטאַלע, גראַציעז־באַהנטע מיידל, מיט אַ פּאָר שטענדיק פרעגנדיקע ראָמאַנטישע אויגן (זלאַטקע קעסלער איז היינט אין ניו־יאָרק, פאַרהייראַט מיטן ביאַליסטאָקער יונגן־מאַן חיים קעשין, וועלכער איז אַ זון פון גוט באַקאַנטן אין ביאַליסטאָק שניידער קנישינסקי).

צו דער גרופּע האָט אויך געהערט דער שילער פּאַקזשיווע, אויך פון ביעלאָ־וועזש, אַ הויכער געלער בחור מיט זומער־שפּרענקעלעך, אַ ברודער פון באַרימטן דאַן אין ביאַליסטאָק אַמאַטאָר־„באַרעץ״ (רעסטלער) דעם שווער־וואָגיקן גיבור פּאַקזשיווע, וואָס איז געווען שיין און אינטעליגענט — אַ זעלטנהייט אין דער פּראָפעסיע.

איינגעשלאָסן איז אויך געווען אין דער גרופּע פון „אוכאַזשאָרן״ אוטקעס, דער בעסטער שילער פון צייכענען אין אונדזער קלאַס, אַ שלאַנקער, שיינער, הויך געוויקסיקער בחור, מיט אַ שעמעוודיק מיידלשן געלעכטער, אַ זון פון אַן אָרעמען ביאַליסטאָקער מאָלער און גלעזער ערגעץ פון סוראַזער גאַס. אוטקעס האָט פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקן טאַלאַנט צו צייכענען און קינסטלערישע מאָלערישע פעיקייטן. איך האָב אין אוטקעסן שטענדיק באַוווּנדערט דריי אייגנשאַפטן: קינסטלערישן טאַלאַנט, קערפּערלעכע שיינקייט (אַן אויסזען פון אַ האָליוווּדער פילמסטאַר) און באַשיידנקייט. און דאָס בלימעלע פון טאַלאַנט און שיינקייט האָט זיך געהאָדעוועט אין גרויס אָרעמקייט.

איינגערעכנט אין דער גרופּע „קאַוואַליערן״ איז אויך געווען דער שילער וויינשטיין, וועלכער האָט געהאַט גרויסע פעיקייטן צו פּאָעזיע און מאָלעריי, איינער פון די אומצאָליקע טאַלאַנטן, וואָס ווערן אויסגעלאָשן אין פינצטערניש פון אָרעמקייט. וויינשטיין האָט אָבער אויך געהאַט אַ טאַלאַנט צו עסן... דאָס איז געווען אַ יינגל מיט אַ מוראַדיקן הונגער. יעדן טאָג מיטאָגצייט, ווען מיר פלעגן אין „רעמעסלענאַיאַ״ זיך אַראָפּלאָזן אין קעלער אין אונדזער עסזאַל צו סערווירטע מיטאָגן פון ראַזעווען שוואַרצן ברויט, לינדזן אָדער פּערלגרייץ און אַ פּענעץ פלייש, וואָס מען פלעגט ברענגען פון דער באַרימטער ביאַליסטאָקער ביליקער קיך פון פּאַפּאָוושטשיזנע, (אויסגעבויט אין יאָר 1905 מיט דער מיטהילף פון ד״ר ש. ציטראָן), פלעגט וויינשטיין אין איין מינוט איינשלינגען זיין טעלער לינדזן

(דאָס איז געווען זיין ליבלינגס־מאכל און מיר פלעגן אים דערפאַר איבעררופן: „עשוס קאָנקורענט"). און אַזוי ווי אני הקטן האָב פאַר מיין קליין קערפּערל קיין סך פיזישע נאַרונג ניט באַדאַרפט, בין איך דאָס געוואָרן זיין צושטעלער און בוזעמפריינד, וואָס פלעגט אים מחיה זיין מיטן טעלער לינדזן אָדער פענעץ ברויט.

צו די טיפּן „רעמעסלענאַיע"־„קאַוואַליערן" האָבן אויך באַלאַנגט די ברידער געלבאַרט אָדער די „פּוילישע", ווי מיר פלעגן זיי רופן, ווייל זיי זיינען אַריינ־געפאָרן אין ביאַליסטאָק ערגעץ פון אַ פּויליש שטעטל, און זיי האָבן גערעדט ייִדיש מיט אַ פּויליש־ייִדישן דיאַלעקט, וואָס האָט אין אונדזערע ביאַליסטאָקער ליטוואַ־קישע אויערן געקלונגען משונה־ווילד. מיר פלעגן זיי נאָכקרימען און נאָכמאַכן זייער „יאַך", „ענק" און „עץ".

אונדזער לערער פון צייכענען איז געווען אַבוקאָוו, אַ מיטל־וווקסיקער, מיט אַ צופרידענעם שטענדיק שמייכלענדיקן ראָזן אויסגעכאַוועטן פּנים און אַ קליין בערדעלע פון אַ קינסטלער־מאָלער. גערעדט האָט ער לאַנגזאַם, אויסציִענדיק יעדעס וואָרט און מעסטנדיק מיט זיין בלייפעדער בילדער פון דער ווייטנס אין פּערעספּעקטיוו, פאַרזשמורענדיק איין אויג, כּדי צו זוכן אַ פּראָפּאָרציע צווישן לענג און ברייט פון קעגנשטאַנד.

צווישן די בעסטע שילערס פון צייכענען זיינען געווען, ווי איך האָב דערמאָנט, אוטקעס, וועלכן מיר האָבן איבערגערופן „וויד איז מאַיעוואָ אָקנאַ" (בילד פון מיין פענצטער). ווייל אוטקעס האָט איין מאָל געמאָלן אַ לאַנדשאַפט דורך אַ פענצטער, געקרוינט זיין שאַפונג מיט אָט דעם נאָמען, איז שוין ביי אונדז, חברה „יאָרן דערגייערס", געוואָרן פאַרטיק פאַר אים אַ צונעמעניש.

איך מיט יעקב געלבאַרטן, דעם „פּוילישן", האָבן קאָנקורירט פאַרן צווייטן פּלאַץ. מיר האָט דער לערער אַבוקאָוו אַ נאָמען געגעבן „דיעוואָטשקאַ" (מיידעלע) פאַר מיין מיידלשן פּנימל און שטילער פאַרטראַכטקייט.

מיר פלעגן מאָלן פון נאַטור, קאָפּירן, פאַרגרעסערן, מאָלן פון פאַנטאַזיע טויטע קעגנשטאַנדן און לעבעדיקע אָביעקטן. געמאָלן האָבן מיר מיט ספּעציעלן יאַפּאַנישן טינט (גראַוויורן), מיט אַקוואַרעל (וואַסערפאַרב) ספּעציעלע קאָלירטע בלייפעדערס און דעם פינאַל — קונסט־אייל־פאַרב. אָבער אויך מענטשלעכע טיפּן און לאַנדשאַפטן האָבן מיר געמאָלן. ווינטער־פּייזאַזשן און פאַרחלומטע טייכלעך אין פאַרוואָרפענע וועלדלעך. איין מאָל אין יאָר פלעגט די „רעמעסלענאַיע" איינ־אָרדענען אַ יערלעכע עפנטלעכע אויסשטעלונג פון די בעסטע צייכענונגען און טויזנטער ביאַליסטאָקער ייִדן פלעגן דעפילירן, באַקוקן און באַוואונדערן די צייכע־נונגען און מיר פלעגן זיין שטאָלץ מיט אונדזער „רעמעסלענאַיע".

יאָ, דאָס איז געווען „רעמעסלענאַיע"! ווער עס האָט געוואָלט, האָט געקאָנט ענדיקן האָבנדיק אַ סך וויסן, און ווער עס האָט ניט געוואָלט זיך לערנען, האָט מען אים מוחל געווען, וויסנדיק אַז ער שטאַמט פון אָרעמע עלטערן און דער

עיקר איז ביי אים דאָס אויסלערנען זיך דעם פאַך, כּדי ער זאָל קאָנען בייהילפיק זיין זיינע אָרעמע עלטערן, וואָס קוקן שוין אויס אויף זייער קינדס ערשטע פאַרדינטע פאַר רובל.

צוויי מייסטערס האָבן מיר פאַרמאָגט פאַרן טעקסטילפאַך: שיפער און גראַבאָווסקי. שיפער, אַ קורצער פול־געפאַקטער, רונד־בייכיקער „יידישער יעקע", איז געווען ביי אונדז דער מייסטער פון שטאָף־מוסטערן. אַן ערשטקלאַסיקער פאַכמאַן, אָבער מוראדיק פאַרליבט אין דייטשלאַנד. געענדיקט אין לייפּציק אַלס טעקסטיל־אינזשיניער און גערעדט נאָר דייטש. געוווינט האָט ער אויף פּאַטשטאָווע גאַס, געווען אַ שכן פון מיין עלעגאַנטער אַריסטאָקראַטישער קוזינע כייטשע שוסטיצקי, און רעדנדיק וועגן מיר פלעגט ער זאָגן אויף דייטש:

— איר קוזען איזט איין צימליך פעיקער בורשע, אַבער האַט קיין פּעראַנגלאַסונג צו פאַך־קענטניסע. — און דאָס איז געווען דער אמת, ווייל אַרבעט איז מיר ניט געקראָכן אין קאָפּ.

דער צווייטער מייסטער, גראַבאָווסקי, איז געווען אַליין אַ געוועזענער שילער פון „רעמעסלענאַיע", פון די ערשטע געענדיקטע און געוואָרן שטולמייסטער טאַקע אין דער זעלבער „רעמעסלענאַיע". זייער אַ שוואַכער קענער פון רוסיש, אָבער אַן ערשטקלאַסיקער מייסטער פון דאַמפּשטולן. אין 1920 איז ער געוואָרן מיין שותּף צו טעקסטיל־פאַבריקאַט, צוזאַמען האָבן מיר געקויפט שמאַטעס, געריסן, געשפּונען, געוועבט און אַפּרעטירט ביי מאַיסעי פּרייסמאַן, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. (דאָס איז געווען פינף יאָר פאַר מיין אַפּפאָר נאָך בעלגיע און פראַנקרייך). גראַבאָווסקי איז געווען אַן איינגעשלאָסענער ערנסטער מענטש, אַ ביסל ניט געהובלעוועטער „עמך"־טיפּ, שטענדיק געווען געקליידט אין אַרבעטזאַכן און זיך געפונען פאַרלוירן צווישן זיינע קאָלעגן, די רוסיפיצירטע לערערס־אינטעליגענטן.

אויך מיר, שילערס, האָבן זיך געטיילט אויף קאַסטעס. אַ מין רוימישער פּאַטריציער־און פּלעביייער־סיסטעם (אַדעליקע און נידעריקע), אָדער אין סטיל פון אינדישע פּאַריאַס. עלטערן־יחוס האָט געשפּילט אַ ראָלע אין באַציונגען צווישן חברים, אפילו אין דער „רעמעסלענאַיע", און אפילו אין משפּחה־לעבן אין ביאַליסטאָק. איך דערמאָן זיך ווי איך האָב איין מאָל באַזוכט מיין רייכע קוזינע יהודית ראָזענטאַל, די פרוי פון גרשון ראָזענטאַל, דעם אַפּרעטור־אייגנטימער, האָט זייער קליין מיידעלע, צוועלף יאָר אַלט, אויסגעפּוטשעט דאָס קליינע בייכעלע, מיך שטאַרק אָנגעקוקט, באַטראַכט מיינע קליידער, און, האַלטנדיק דאָס פינגערל אין מויל, האָט זי מיך געפרעגט אויף רוסיש: — ווי באָגאַטי? (צי זייט איר רייך?). (מיין קוזינע ראָזענטאַל איז געווען די שוועגערין פון באַקאַנטן כּלל־טוער זיידל כאַבאַצקי פון ביאַליסטאָקער ברענטש 88).

איך דערמאָן זיך דעם פאַל אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שילער ניעוויאַדאָמסקי,

אַן אָרעם געקליידט יִינגל, מיט שטאַרק אָפּגעטראָגענע פּאַרלאַטעטע שיך, אין אַ צעקנייטשטן קאַרטענעם אַנצוג און מיט אַ פאַרשולדיקט פּנים. ווייניקע האָבן זיך מיט אים געחברט און געווען איז ער מערסטנס אָפּגעזונדערט אַליין. און די שילערס, יִינגלעך וואָס ווייסן ניט פון קיין רחמנות, פלעגן אים איבעררופן „בייטעלע״, ווייל זיין פאָטער, אַן אָרעמער ייִד אין אַן אַלטער קאַפּאָטע און חסידיש היטל, אַ בלינדער אויף איין אויג, אַרומגעבונדן מיט אַ שוואַרצן באַנד, פלעגט שטיין נעבן דער גרויסער שול קעגן איבער דעם אַלטן בית מדרש מיט אַ בייטעלע מיט נומערן, און די קינדער פלעגן ציען ביי אים די נומערן פאַר אַ קאָפּיקע, צו געווינען אַן איריסל, אַ צוקערקע אָדער געלט און דערפון האָט ער זיך מפרנס געווען.

מיר האָבן אויך געהאַט פריילעכע חברים און דאָס איז געווען קאַרניאַנסקי מיט די חן־גריבעלעך. (היינט אין ניו־יאָרק). שטענדיק אַ לאַכעדיקער, אַ פריי־לעכער, זיך וויגנדיק ביים גיין און דערציילנדיק עפּעס שטיפעריש, פון וואָס זיינע אויגן פלעגן ווערן שמאָל פאַרשוומען און זיינע חן־גריבעלעך אויפן פּנים נאָך זיסער.

אַ טיפּ, וואָס פלעגט אַרויסרופן ביי אונדז פיל געלעכטער, איז געווען דער שילער קאַפּלאַנסקי (היינט אין ניו־יאָרק). אַ ווילער, גוטער, שטענדיק שמייכ־לענדיקער חבר, אָבער אַ קינסטלער צו האָבן שטענדיק אַ טייל פּנים פאַרשמירט מיט טינט, סאַזשע אָדער שוואַרצן איילפּעטס פון די מאַשינען. ווען קאַפּלאַנסקי פלעגט אַריינקומען אין קלאַס, פלעגט דער לערער זיך איבערווינקען מיט אונדז, זיך אומדרייען, אים גוטמוטיק לאַכנדיק באַטראַכטן און עס האָט נישט פּאַסירט אַ פאַל, אַז קאַפּלאַנסקיס נאָז אָדער באַק זאָל ניט זיין אויסגעשמירט מיט שוואַרצע איילפלעקן (פון די מאַשינען פון דער מעכאַנישער אָפּטיילונג), און ער פלעגט אויסזען ווי אַן אויסגעשמירטער לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט. און דער לערער מיט די שילערס פלעגן זיך איבערקוקן און אויספּלאַצן אין אַ געלעכטער. אָבער דער גוטער קאַפּלאַנסקי פלעגט גוטמוטיק שמייכלען, ווי נישט אים מיינט מען דאָס.

אַ קאָנטראַסטטיפּ צו אַלע חברים, אַ שטילער ייִנגל און פרום ייִדיש, איז געווען פּאָדראָביניק (היינט אין ניו־יאָרק. פון דער משפחה פּאָדראָביניק, פון וועלכער אַ מיידל איז געהרגעט געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914 פון אַ דייטשישער לופטבאָמבע, אויף דעם ראָג אַלעקסאַנדראָווסקע גאַס). עפּעס איז געלעגן אויף פּאָדראָביניקס פאַרקלערטן פּנים און אַ ביסל לענגערע פּאות אַ שטעמפּל פון אַ ישיבה. און ער האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ ישיבה־בחור וואָס איז אַריינגעפאַלן צווישן אַ חברה פריילעכע לצים.

אַ גוטע קאַריערע האָט געמאַכט אונדזער שול־חבר סעגאַל מיטן צונעמעניש „קוגעלניקל״. זייענדיק אַ קליין־געוויקסיקער און וועלנדיק אויסזען מער „מאַן״, איז ער אַראָפּגעקומען צו אונדז איין מאָל אין שולע מיט אַ רונדן שטייפן האַרטן

קאַפּעליושל אויפן קאָפּ. האָבן די חברה לצים גלייך אויפן אָרט אים געקרויינט מיטן נאָמען „קוגעלניקל". ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ רייכן פאַבריקאַנט און געוואָרן אַליין אַ גרויסער טוך־פאַבריקאַנט און געלאַכט פון אונדז.

איך מוז אויך דערמאָנען צוויי טיפּן ווי דאָרפישע דעמבעס, די צוויי געוויק־סיקע, געלהאָריקע, מיט זומער־שפּרענקעלעך, ברידער באַביטש (זיי האָבן געהאַט אַ שפּייזקראָם אויף סטאַראָשאָסיינע), אָבער אויך טאַלאַנטירטע צו רעציטירן און שרייבן. איינער פון זיי, מרדכי (מאַקס), איז געוואָרן שפּעטער אַ מיטאַרבעטער פון פּסח קאַפּלאַנס „דאָס נייע לעבען", געפינט זיך היינט אין ניו־יאָרק. זיי זיינען געגאַנגען אין די העכערע קלאַסן און געווען נאָענטע חברים פון מיין פאַרשטאָר־בענעם ברודער.

איינער פון די „פאַרבאָרגענע צדיקים" פון „רעמעסלענאַיע" איז געווען דער בוכהאַלטער גאָלדשטיין, אַ האַרציקער וועלטלעכער ייד. אַ קורצזיכטיקער, מיט אַ טאַטישן שמייכל און גוט ווי אַ מלאך. געוווינט האָט ער אויף דעם הויף פון „רעמעסלענאַיע" און ער פלעגט שטילערהייט, בגנבה, אַרויסגעבן ביודעים ובלא יודעים, אומזיסטע לערנביכער צו מער אָרעמערע שילערס און געווען צו זיי ממש אַ טאַטע.

ביים אַריינגאַנג צו דער „רעמעסלענאַיע", אויף ליפּאָווע, איז געווען אַ רייכער ערשטקלאַסיקער קאָנסערוון־און פּרוכטן־געשעפט פון ה. גוטמאַן. אַן אויג־פאַר־כאַפּנדיק שויפענצטער פון די שענסטע פּרוכטן, וואָס פלעגן מיך פאַרהאַלטן, ווי אַ היפּנאָטיזירטן, אויף לענגערע מינוטן. ערשט היינט, אין דער רייכער זאַטער אַמעריקע, קאָן איך פאַרשטיין די דראַמע פון אָרעמקייט, ווען אַ ביאַליסטאָקער יינגל פלעגט אָפּשטיין אַ לאַנגע צייט נאָר כדי צו באַקוקן די פּרוכטן, זייענדיק געררייצט פון זשעדנעקייט נאָך אַ פּרוכט אָדער אַ „טשאַסטע" אין שויפענצטער. היינט שטייט ביי מיר אונטער אַ גרויסן צווייפל די אָנגענומענע ווערסיע פון פּסי־כאָלאָגיע און יוריספּרודענץ, אַז אָרעמקייט און עקאָנאָמישע נויט איז די מוטער פון פאַרברעכן. לויט דער טעאָריע וואָלטן ניינציק פּראָצענט פון מיינע שול־חברים געדאַרפט זיין גנבים אָדער פאַרברעכערס.

אויב דאָס איז ניט געווען דער פאַל, איז דאָס וואַרשיינלעך אַ דאַנק דער יידישער רעליגיעזער דערציונג און דער יידישער עטיק פון אונדזערע ביאַליס־טאָקער היימען, וועלכע זיינען געווען דער קאָנטער־באַלאַנס פון יצר־הרעדיקע נייגונגען און אינסטינקטן פון אויסגעהונגערטן גוף. אין משך פון יאָרן איז מיר קלאָר געוואָרן די גרויסקייט און טיפקייט פו דער יידישער אמונה, און דאָס דינט אפשר אַלס ענטפער צו דער גרויסער עפּידעמיע פון יוגנט־פאַרברעכנס, אין די אַזוי גערופענע יידישע היימען אין הייניטיקן ניו־יאָרק.

גאַנץ „רעמעסלענאַיע" פלעגט זיך פיבערהאַפּט גרייטן צום יערלעכן חנוכּה־באַל. עס פלעגן שוין קלאַפּן די הערצלעך פון די אומגעדולדיקע „פּראָפעסיאָנאַל־קעס" (מיידלעך פון דער פאַכשולע) צו זיין אויף דעם גרויסן באַל אין די גרויסע זאַלן פון „רעמעסלענאַיע", וועלכע פלעגן ספּעציעל יום־טובדיק דעקאָרירט ווערן, כּדי צו קענען „לעגאַל" פלירטעווען מיט די שילערס פון „רעמעסלענאַיע", פּירנדיק אַ וויצלדיק־גאַלאַנטן שמועס „אונטער די פעכערס", אויסהערן רויטלענדיק זיך קאָמפּלימענטן און פאַרענדיקן מיט אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן וואַלס, פּאָלקאַ, אָדער פּאַ־ד'עספּאַן (וואָס הייסט אין פראַנצויזיש: שפּאַנישע טריט) אין די אָרעמס פון אויסדערוויילטן קאַוואַליער.

אַלע לערערס פלעגן זיין אָנגעזונד מיט זייערע פרויען, פריילעכע, וויצלדיקע און אַזוי צוגעלאָזענע. איבערהויפּט איז ניט געווען צו דערקענען אונדזער שטרענגן לערער סאַמסאָן יאַקאָוולעוויטש גראָסמאַן, וועלכער פלעגט מיט אַ צעשטראַלטן פּנים, קעמענדיק יעדע ווײַלע מיט זיינע פינגער זיין גערדיכטע פאַעטישע קוטשמענע האָר. גיין פון איין שילער צום צווייטן, פאַרפירנדיק אַ שמועס. און ווען די פאַרלעך פלעגן זיך אַוועקלאָזן אין אַ ריטמישן טאַנץ מיט גליק פאַרחלומטע אויגן, פלעג איך אויסן בלייבן, ווייל איך בין געווען צו יונג און צו קליין צו טאַנצן. פלעגט ער זיך מרחם זיין אויף מיר, אַרויפלייגן זיין האַנט אויף מיין קאָפּ (איך האָב אים דערגרייכט ביז די קנעכל) און זאָגן צו מיר מיט אַן איראָנישן שמייכעלע, אַזוי ווי ער וואָלט מיך געטרייסט:

— נו, איצט „אוטשאַני מוזש", וועלן מיר זיי איבערלאָזן, די פּוסטע טענצערס, און זיך אַדורכשמועסן וועגן דער רוסישער ליטעראַטור.

דער חנוכּה־באַל איז אויך געווען באַגלייט מיט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג פון אַ געמישטן פּראָגראַם: פון שלום־עליכמס אַ קאָמעדיע, דעקלאַמאַציעס, רעצי־טאַציעס און לעבעדיקע בילדער, באַלויכטענע פון בענגאַלישע פייערן.

עס שטייט נאָך פאַר מיינע אויגן דער חנוכּה־באַל פון יאָר 1913. דער גרוי־סער זאַל איז העל באַלויכטן, עס פינקלען פייערלעך מיניענדיקע אין דער ראַשיקער ליכט, וואָס איז אַזאַ גרויסער קאָנטראַסט מיט דער טשמיטשענדיקער אָרעמער באַלויכטונג פון די פאַרקאָפּטשעטע נאַפּטלעמפּלעך אין אונדזערע אָרעמע היימען.

עס הויבט זיך אָן די טעאַטער־פאָרשטעלונג. דער רעזשיסאָר און הויפּט־אַקטיאָר איז, ווי שטענדיק, דער טאַלאַנטפולער שוואַרץ־חנעוודיקער, לעבעדיק באַוועגלעכער, שטענדיק אַרומלויפנדיקער, פאַרשמאַיעטער, נחום גלאַגאָווסקי (היינט אין אויסטראַליע). איך האָב גוט געקענט נחום גלאַגאָווסקין, ווייל מיין ברודער פלעגט מיך שיקן יעדן פרייטיק פאַר ליכטבענטשן צו אים אַהיים, נאָך די דעמאָלט באַרימטע דעטעקטיוו־ראָמאַנען פון נאַט פּינקערטאָן, ניק קאַרטער און שערלאָק האָלמס.

אָט שטעלט מען איינע פון שלום־עליכמס קאָמעדיעס, דעם צווייאַקטער „דער

גט" (נחום גלאַגאָווסקי האָט אויסגעפירט שלום־עליכמס איינאַקטערס: „מזל־טוב", „עקספּראָפּריאַציע", „אַ דאָקטאָר — אַ סוחר" און אַנדערע)...

אין מיטן פאָרשטעלונג — אַ טומל. מען איז געצוווּנגען איבערצורייסן. מען שושקעט זיך, אַז די רוסישע פּאָליציי לאָזט ניט אויפפירן די פּיעסע אין ייִדיש. די לופט איז געשפּאַנט. מען זאָגט, אַז עס גייען אונטערהאַנדלונגען מיטן רוסישן פּריסטאַוו און ענדלעך דערוויסן מיר זיך, אַז מען האָט אים אַריינגערוקט „אַ מכה", און די פאָרשטעלונג ווערט פאָרגעזעצט.

אָט שטעלן מיר אַ לעבעדיק בילד „אויפן פּריפּעטשיק", ווי דער רבי לערנט מיט קליינע קינדערלעך, באַלויכטעטע מיט פאַנטאַסטישע קאָלירן פון בענגאַלישן פייער. בערמאַן מיט אונדזער כאָר שטייען הינטער די קוליסן און זינגען „אויפן פּריפּעטשיק". די קליינע אויסגעפּילטע, שטענדיק רירעוודיקע מיידעלע אַווגוס־טאָווסקי זינגט מיט אַ מענערישן אַלט, און איך, דער ייִנגל, קוויטשע מיט אַ דינינקן דיסקאַנטעל.

דערנאָך ווייזט מען „חנה מיט די זיבן זין". אונדזערע הערצער קלאַפּן פון ענטוזיאַזם, ווען חנה לאָזט ניט איר לעצטן, ייִנגסטן, זיבעטן זון, זיך בוקן פאַרן סירישן רשע, אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס, אפילו אונטערן אויסרייד פון אויפהייבן אַ פינגערל, און איז גרייט צו שטאַרבן מיט אירע זיבן זין פאַרן כבוד פון ייִדישן גאָט.

אָט גייט אַ סעריע לעבעדיקע בילדער, וואָס אילוסטרירן ליבע צו אַרבעט. אויף דער בינע — אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ קאָוואַל. עמך... שער און אייזן. יעדער מיט זיין געצייג און באַלויכטענע דורך ראַשיק פאַרביקע בענגאַלישע פייערן, זינגען זיי יעדער אַ ליד אין העברעיִש. דער שניידער הייבט אָן מיט אַ „הנני חייט ובמחט"... דער שוסטער — „הנני סנדלר" און מיר קווען אָן פון דער גרופּע, וואָס פאַרקערפּערט די שיינקייט און נוצלעכקייט פון אַרבעט.

דערנאָך טרעט אַרויס מיט אַ דעקלאַמאַציע אונדזער מייסטער פון דער מעכאַ־נישער אָפּטיילונג, בעלענקי. אין אָפּוכטינס אַ פּאָעמע „ביעלאַיע פאָקריוואַלאָ" (דער ווייסער שאַל). בעלענקי, אַ הויכער, קרעפטיק געבויטער יונג, מיט אַן איי־זערנעם מוסקולדיקן קערפּער און גוייִשן פּנים פון אַ זאַוואָד־אַרבעטער, דעקלאַ־מירט אין אַ פּרעכטיקן „גויִשן" רוסיש. און ווונדערלעך קלינגט אין זיין מויל אָפּוכטינס פּאָעמע וועגן דער אונגאַרישער גרעפין, וועלכע זאָגט ביי איר לעצטן באַזוך אין געפענגעניש צו איר צום טויט פאַראורטיילטן זון, דעם אונגאַרישן גראַף, אַז זי גלויבט, אַז זי וועט אויספּועלן זיין באַגנעדיקונג, און אויב זי וועט אין מאָמענט פון פירן אים צום הענגען זיין געקליידט אין אַ ווייסן שאַל, איז אַ באַוויַיז, אַז מען האָט אים באַגנעדיקט. און אין לעצטן מאָמענט פאַרן אָנטאָן אים די פּעטלע אויפן האַלדז וועט מען אים זיין באַגנעדיקונג מעלדן. און ווען דער אונגאַרישער גראַף באַוויַיזט זיך אויף דעם עשאַפאָט און זעט זיין מוטער אין ווייסן שאַל, איז ער זיכער, אַז מען וועט אים באַלד באַגנעדיקן, און גייט אַ מונ־

טערער, אַ דרייסטער צו דער תּליה. די אונגאַרישע גרעפין האָט איר ציל דערגרייכט. איר זון וועט שטאַרבן העלדיש, ניט באַפלעקנדיק מיט פּחדנות זייער אַדעליקן גרעפישן שטאַם.

און אָט איז חנוכּה אין מיין טאַטנס הויז.

די גאַס וויגט זיך אין בלווילעך־נאַכטיקער טונקלקייט. די פאַרפרוירענע אייזליכטלעך בליצן פינקלדיק, הענגען אַראָפּ פון די דאָפּלטע פענצטער אָנגע־פּילטע מיט ווייסער וואַטע און פאַרקלעפּטע מיט פּאַפּיר. די גאַסן, באַדעקט מיט וויסן פראָסטיקן שניי ווי מיט ווייסע פערענעס, און הונדערטער חנוכּה־ליכטלעך, שימערירן און ווינקען ביי די ברעגן פון די פענצטער.

אין שטוב איז אַ יום־טובדיקע שפּאַנונג. דער טאַטע צינדט אָן די ליכטלעך און פאַרקלערט זיך יעדן מאָל נאָכן אָנצינדן אַ ליכטל. איך קען מיין טאַטן. מסתּמא פליען פילאָזאָפישע געדאַנקען פאַרביי זיין מוח נאָכן אָנצינדן אַ ליכטל, וואָס וויגט זיך מיט זיין פלעמעלע, ווי אַ לעבעדיק מיקראָסקאָפּיש באַשעפעניש, און ווי דאָס ליכטל וואָלט מיט זיין רויט פייערדיקן קעפעלע זיך אויסגעטענהט.

די שטוב איז פאַרטשאַדעט מיטן ריח פון געפרעגלטע לאַטקעס און מיין מאַמע, מיט רויטע צעפלאַמטע באַקן, שטייט נעבן טאַטן און באַטראַכט ווי אַ הייליקטום יעדער ליכטל וואָס ער צינדט אָן מיט דרך־ארצדיקן שטילשווייגן.

איך שטיי נעבן פענצטער און וויג זיך צום טאַקט פון די פייערדיקע פלעמע־לעך. פאַר מיר זיינען דאָס ניט קיין איינפאַכע פלעמלעך ,נאָר נשמות פון די העלדישע געשטאַלטן פון יהודה המכבי מיט זיינע זין, אין העלדישן קאַמף פאַרן ייִדישן לאַנד, פאַרן פאָלק און פאַרן בית־המקדש. דער טאַטע זינגט „הנרות הללו" און די מאַמע טוליעט מיין בלאָנד קעפל צו איר ברוסט, און נאַסע ריטשקעלעך טרערן רינען איר איבער די באַקן און זי שעפּטשעט שטיל תּפילהדיק:

— גאָט אין הימל, טייערער פאָטער, גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, היט אויס פון בייז און שלעכטס מיין קינד, און זאָל ווי דער נר־תּמיד ברענען אין זיין האַרצן דאָס פלעמעלע פון ליבשאַפט צו דיר, אַ גרויסער גאָט, און צו דיין פאָלק ישראל...

און איך, ווי פילנדיק עפּעס די מורא פאַר צוקונפטיקע לעבנס־זאָווערוכעס און גרויסע געפאַרן, ניורע איך איין מיין קעפל אין מיין מאַמעס פאַרטעך, און, נישט ווייסנדיק אפילו פאַר וואָס, וויין איך שטיל מיט.

אַ שפּאַציר איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן שבת נאָכמיטאָג

ביאַליסטאָק, שבת מיטאָג. די רויִקייט איז אויסגעשפּרייט איבער די גאַסן. די זשאַלוזיעס אַראָפּגעלאָזענע איבער די קראָמען זאָגן אָן די איינצלנע פאַרבלאָנדזשעטע פויערים, וואָס פאָרן לאַנגזאַם פויל מיט זייערע פערדלעך פון שאָסיינע צו ליפּאָווע, אַז היינט איז „זשידאָווסקאַ סובאָטאַ" און עס איז נישטאָ נאָך וואָס זיך צו איילן. ווי פלעגט מען זיך ווינצלען: „ניעמאַ זשידקי, ניעמאַ דיטקי". פון צייט צו צייט לויפן פאַרביי פאַרשפּעטיקטע יידישע מיידלעך מיט קאָלירטע סטענגעס אין די אויסגעצוואָגענע קעפּלעך, מיט טשאָלנטן און טעפּלעך און דוניצעס, באַדעקטע מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ און איבערגעדעקטע מיט ברוינע זעקעלעך פּאַפּיר.

אייניקע קראָמען זיינען אָפן. דאָס איז די קראָם פון באַרימטן מאַקעדאָניעץ אויף ליפּאָווע, לעם אשר טאָפּאָלסקיס גלאָזגעשעפט, און די טורעצקע בולאָטשנע אויף ראָג ליפּאָווע. יונגע לייטלעך וועלכע „פּייפן" אויף יידישקייט זיינען זייערע קונדן. דער מאַקעדאָניעץ שיסט אויף מיטן קנאַק די פלעשער בוזאַ, וואָס רויכערן זיך אין העלדזלעך און שוימענדיק גיסן זיי זיך ברוגזדיק אין די גלעזער ווי האָבנדיק טענות פאַר וואָס מען צווינגט זיי מחלל שבת זיין. די יידישע קונדן שפּירן זיך אַ ביסל נישט באַקוועם, כאַפּן אַ קוק דורכן פענצטער אויף די איינצלנע פאַרבייגייענדיקע יידן און מאַכן זיך העלדיש, שפּירנדיק דאָך אַן אינערלעכע אומזיכערקייט אַז עפּעס זיינען זיי נישט אין אָרדענונג. זיי פאַרבייסן מיט אַ געמאַכטער בראַוורישקייט די שטיקלעך כאַלווע און וואָלטן זיך שוין גערן אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. אויך ביים „טערק" זיינען דאָ עטלעכע קונדן אויף די באַרימטע דעמלט טשאַסטעס און זיס־זויערע „קיסלאָ־סלאָדקעס" פון ברוינעם מעל מיט ראָזשינקעס.

די ביאַליסטאָקער יידן פּראַוועס שבת ביי זיך אין דער היים מיט די פאַמיליעס. דער טאַטע מאַכט דעם פייערלעכן קידוש ביי דער אַלגעמיינער שטילקייט פון די בני־בית, וואָס שטייען מיט יראת־הכבוד אין צייט פון קידוש. דערנאָך די „ביאַליסטאָקער מאכלים": די רעטעך מיט שמאַלץ, דער פאַרפרוירענער „פּעטשאַי" (קעלבערנע פיסלעך) מיט די קנאָבל טעם גן־עדן, די ליטווישע געפילטע פיש, אַ ביסעלע צוגעפעפערטע, מיט אַ רויט מערעלע פון אויבן. דער געבלעטערטער זיסער געברוינטער לאָקשן־קוגל, אָדער פירקאַנטיקער געבאַקענער אולניק (קאַרטאָפל־רייבאַק). די קלאָפּספּלייש געבראָטענע מיט לאָבער־בלעטער און ענגליש געווירץ, לאַנגע, ברוינע געפלאָכטענע חלות, פון וועלכע אַ „טרייפענער האַלדז" האָט שוין אין דער שטיל אַראָפּגעגנבעט די געשמאַקע קידקע. דער „טשאָלנט" מיט די צוגעברוינטע אין פעטס ברוינע קאַרטאָפּעלעך אין רויט־ברוינעם „צוגעדעמס" (צוגעדעמפּט), דאָס אָנגעפילטע העלדזל, נאָך וועלכן עס שלעפּט זיך נאָך דער ווייסער פאָדים פון קלעצעלע גאַרן מיט וועלכן מען האָט עס פאַרנייט,

די טונקל געלע ברוקווע־צימעס וואָס פּילט אָן דאָס הויז מיט אַ ריח פון ברוקווע און בלייבט אַ שטיק צייט איבער שבת אין אויבערשטן אויוועלע ווי אַ שכן צו דער זודיקער קופּערנער „בונקע" פון טיי, וואָס בולקעט גאַווהדיק, וויסנדיק, אַז מיט איר וועט מען דאַרפן לעשן די ברענעניש אויפן האַרצן, וואָס בלייבט נאָך די אַלע באַטעמטע מאכלים.

אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, באַגלייט מיטן טאַטנס: נו — אַ — אַ — נו... צו די ייִנגלעך נישט איבערצוהיפּען דעם בענטשן, צעקריכט זיך די משפחה. די ייִנגלעך גייען אַרויס אויפן הויף זיך שפּילן אין מעשענע „טאָמבאַקעס" און „גיופּיקעס" (אַ סאָרט קנעפּלעך). די מאַמע גייט אַריין צו דער שכנה אָפּצוטראָגן דעם טשוגונטשיקל און אויף איין וועגס זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. און דער טאַטע פאַרשאַרט דעם ציצענעם פאַרהאַנג, קרעכצט אַ ביסל אונטער, זיפצט, באַגלייט מיט בורטשענישן אויף די היינטיקע יונגאַטשעס, וואָס פאַרמעסטן זיך „אַראָפּצוואַרפן דעם קיסר". דאָס מיינט ער דעם עלטערן זון וואָס איז שוין פאַרשוווּנדן אַ פּאָר טעג פון שטוב. מען הערט דעם קלאַפּ פון טאַטנס אַראָפּגעצויגענע שטיוול, אַ ריח פון שווייסיקע זאָקן און אין גיכן פילט זיך אָן די שטוב מיט אַ פּיפּטשען און שטילן אונטערכראָפּען. דער טאַטע שלאָפט!

די איינציקע וואָס בלייבט נאָך אין שטוב איז די טאָכטער. זי גייט צו צום פענצטער, פאַרשאַרט דעם פאַרהאַנג און קוקט אַרויס צו די שפּיציקע שטיינער פון דער בלאָטיקער גאַס. פאַרשאַרט צוריק דעם פאַרהאַנג, גייט צו צו דער קליידער־שאַפע, נעמט אַרויס דאָס איינציקע שבתדיקע רויטע קליידל מיט קעסטעלעך, אָדער ווייסע לייוונטענע געבלומטע קליידל, וואַשט זיך אָרום מיט „פרידריך פולס" שמעקענדיקן זייף אין אַ ווייסער עמאַליענער שיסל, אין קיך אויף דער הילצערנער טאַבורעטקע לעם אָפּגוס, פּוצט אָפּ מיט וואַקס שטילערהייט — דער טאַטע זאָל נישט הערן — די הויכע שיך מיט די קנעפּלעך, טוט אָן אַ קראַגן רויטע קרעלן, געקויפטע אויף פּיאַסקעס אין „יאַן" (יאַרמאַרק־יאַריד), טוט אָן אָן אָפּגעריבענעם גאָלדענעם „סיגנעטל", וואָס דער אַמעריקאַנער ברודער האָט געשיקט אַ מתנה פון „נעוו־יאָרק", באַטראַכט זיך אין אַ האַלב אָפּגעבראָכענעם שפּיגל אין אַ הילצערנעם רעמל און בלייבט צופרידן מיט זיך.

אין צעבראָכענעם שפּיגל שיינט אַרויס אַן אויסגעצוואָגן פריש קאָכעדיק פּנימל, מיט פרישע בעקעלעך ווי צייטיקע מאַרעלן און נאַטירלעך רויטע ליפּעלעך האַרמאָנירן מיט דעם ווייסן אויסגעפּילטן העלדזל און זי זעט אויס, דאָס אָרימע ביאַליסטאָקער מיידל, שיין ווי אַ יונגע פרישע צעבליטע בלום, און גיי פאַרשטיי דעם סוד פון וואַנען עס נעמט זיך צו די ביאַליסטאָקער טעכטער זייער פרישקייט, חן און געשמאַק, ווי שמעקעדיקע צייטיקע רויזן ביים פּאַרקאַן פון אַן אָרעמען פאַרוואָרלאָזטן גאָרטן. זי איז גרייט צום שפּאַציר.

שבת נאָכמיטאָג. מיין מאַמע זיצט ביים צאינה וראינה מיט פייכטע אויגן.

און ווען ווײַנט דען נישט מײַן מאַמע? אַ מאַמע פון שטימונגען, ווי אַלע ייִדישע פאַרקלאָגטע מאַמעס. אָדער זי לאַכט האַרציק אָנשטעקנדיק, דערציילנדיק עפּעס אַ קאָמישע פּאַסירונג (און אויף דערציילן איז זי געווען אַ קינסטלערין) פון וואָס איר פּנים האָט געאָטעמט מיט לעבן און יוגנט־פרישקייט, אָדער שטיל געוויינט. און מײַן טאַטע באַטראַכט זי איראָניש, אַפּרייסנדיק זײַנע אויגן פון דאָסטאָיעווס־קיס אָדער טאָלסטאָיס אַ ראָמאַן. און איך, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, גנבע זיך שטיל אַרויס אויף אַ שבת נאָכמיטאָגדיקן שפּאַציר.

צווישן נאָכמיטאָג און פאַרנאַכט. ליפּאָווע הויבט אָן פול ווערן מיט שפּאַצירנדיקער יוגנט, וואָס גייט אין רויִקן שפּאַציר צו ניקאָלאַיעווסקע, ליפּאָווע. אָט איז דער נײַער קינאָ „אילוזיאָן" ביי קאַלעצקין אין הויז. דאָרטן האָב איך, צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן, געזען אין די קינאָ־בילדער מאָלערישע נאַטור־לאַנדשאַפטן פון פאַרוואָרפענע ווינקלען אין דער וועלט, אויך די באַרימטע דאָן קאָמיקערס דוראַשקין און גלופּישקין און דעם אָפּגאָט פון קינדער, דעם ערשטן וועלט־באַרימטן קאָמיקער מאַקס לינדער, וועלכער פלעגט באַגלייט ווערן מיט אַ שטורעם פון קינדערישן געלעכטער אַרויסקריכענדיק ווי אַ שוואַרצער קאָמינאַר פון אַ קוימען אָדער קייקלענדיק זיך פון אַלע טרעפּ. קעגן איבער געפינט זיך דער צווייטער קינאָ, שוין מער מאָדערנער און טאַקע מיטן נאָמען „מאָדערן", שוין פאַר עלטערע, מער פאַרמעגלעכע, ווײַל אין אים האָט שוין אַ בילעט געקאָסט טייערער מיט עטלעכע קאָפּיקעס.

און אָט איז די רוסישע צערקווע, ווו עס פלעגן אָפּט פאַרקומען אין זונטיקן מיליטערישע פּאַראַדן און רוסישע עלעגאַנטע אָפיצירן מיט ווײַסע פּאַראַדנע הענטשקעס פלעגן מושטירן די סאָלדאַטן, און ביאַלסטאָקער גימנאַזיסטקעס, דווקא ייִדישע, פלעגן שטילערהייט פלירטעווען באַגלייטנדיק זיי מיט רייצנדיקע שמייכלען. און אַ רוסישער גענעראַל פלעגט מיט זײַנע רויטע לאַמפּאַסן־הויזן קאָמאַנדעווען מיט זײַן באַסאָווער שטימע, וואָס פלעגט אָפּדונערן אויף גאַנץ ליפּאָווע:

— סמירנאָ! זדראַוואָ רעביאַטאָ! — און אַ דונער פון דאָרפישע באַסאָווע שטימעס פון די סאָלדאַטן פלעגט אָפּהילכן:

—זדראַוויאָ זשעלאַיו וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטיעלסטווא. — און עס פלעגט שמעקן פון זיי מיט רוסישער קאַזאַרמע און זויערן קרויט, פון די סאָל־דאַטסקע לעפל, פון זייערע כאָליעוועס.

איך מאַך מײַן שבתדיקן שפּאַציר אַליין. ווי שטענדיק האָב איך ליב איינזאַמ־קייט און ווי שטענדיק רוט מײַן קאָפּ קיין מינוט נישט. ער אַרבעט, זעט, נעמט אויף, כאַפּט אויף, פאָטאָגראַפירט אָפּ ערגעץ אין אַ ווינקל מוח, פאַררוקט דאָרט אין אַ שופלאָדיקל, כדי 35 יאָר שפּעטער זיי אַרויסרוקן פון מײַן מוח־אַרכיוו און אָפּפרישן אין געשריבענע זכרונות.

איך זעץ פֿאַר מיין שבתדיקן שפּאַציר. אַט איז אשר טאָפּאָלסקיס גלאָזגעשעפט. אשר טאָפּאָלסקי! דער ייִד מיט דער ברייטער באָרד און נאָך ברייטערן האַרץ. דער ייִד וואָס כאַפּט זיך אַרויס פֿון זיין גלאָזגעשעפט און כאַפּט זיך אַריין צו זיינע אורחים אין טורמע צו זיין מצווה־געשעפט. שטענדיק פֿאַרטאַראַמט, פֿאַריאָגט, באַגלייט אָפט מיט ליבער בורטשעניש פֿון זיין פֿרוי פֿאַר זיין נעלם ווערן. אָבער אשר טאָפּאָלסקי טראָגט אויף זיין קאָפּ דאָס גרויסע געזינדל פֿון „ייִדישע פֿאַר־ברעכערס”, מ׳שטיינס געזאָגט, פֿון דער טורמע: אַ בעל־הבית פֿאַר נישט רייניקן אַ רינשטאָק צו דער צייט, אָדער אַ פּראָטאָקאָל פֿאַר האַלטן בגנבה אָפֿן זונטיק די קראָם, און נאָך אַזעלכע פֿאַרברעכנס. און אשר טאָפּאָלסקי ווייסט, אַז פֿרומע ייִדן וועלן חלילה אויסגיין פֿון הונגער און וועלן קיין טרייפֿעס נישט עסן, און ער באַזאָרגט זיי דאָס מיט כשר עסן.

אָבער מיך פֿאַרבינדן מיט אשר טאָפּאָלסקין משפּחה־ראָמאַנטישע דערינע־רונגען און דאָס איז מיט זיין טאָכטער עוואַ... חוהלען.

אַריינקומענדיק אָפּט צו מיין חבר ישראלקע פֿיינסאָד (לייבל פֿיינסאָדס זון פֿון שפּיגל־געשעפֿט) האָב איך זיך באַפֿריינדט מיט זיין שוועסטער סאָניע און סאָניע האָט מיך באַקענט מיט עוואַ טאָפּאָלסקי. און אין ווינטערדיקע פֿאַרנאַכטן, ווען די טונקלקייט פֿלעגט זיך אַנרוקן אין שטוב, פֿלעג איך זיצן אויפֿן ווייכן דיוואַן און פֿון איין זייט פֿלעגט סאָניע שטיל חלומען אין דער פֿינצטער, אָנלע־נענדיק איר קעפּל אויף מיין אַקסל און פֿון דער צווייטער זייט פֿלעגט עוואַ אָנ־שפּאַרן איר קעפּל אויף מיין ברוסט, און עוואָס אויסגעפּילטער אויסגעכאַוועטער קערפּער און פֿולכנע באַקן פֿלעגן מאַכן האַסטיקער קלאַפּן מיין האַרץ. און טוליענ־דיק זיך צו מיר, פֿלעגט זי מעלאַנכאָליש בעטן:

— יאַקאָוו דאַראָגאָי, ראַזסקאַזיוואַי נאַם סקאַזקו. (יאַקאָוו טייערער, דערצייל אונדז אַ מעשהלע).

איך פֿלעג שפּירן די וואַרעמקייט פֿון די צוויי יונגע מיידלשע קערפּערס און איך פֿלעג זיך שעמעוודיק צודריקן צו דער פֿול־לייביקער חוהלען און פֿון דער וואַרעמקייט פֿון איר קערפּער פֿלעגט מיר ווערן אַזוי גוט. איך פֿלעג פֿאַרמאַכן די אויגן און זיך אַוועקטראָגן אין ווייטע וועלטן און אין מיין פֿאַנטאַזיע פֿון צויבער־וועלט און פֿאַנטאַסטישע מעשהלעך פֿלעג איך אָנהויבן:

— אין אַ ווייטן לאַנד, איבער ווייטע ימען, אין אַ רייכן קעניגרייך, האָבן געוווינט און געלעבט אַ מלך און אַ מלכה. דריי פּרינצעסינס האָבן זיי געהאַט. די צוויי עלטערע — גאַווהדיקע, שלעכטע און מיאוסע ווי די שוואַרצע נאַכט, און די ייִנגסטע — שיין, רייצנד און גוט, ווי אַ מלאך. האָבן די עלטערע פּרינצעסינס די שלעכטע, געהאַסט די ייִנגערע, די שענערע, און געשפּונען פֿינצטערע מחשבות פֿון האַס און נקמה.

איך פלעג פאַרגעסן אין מיינע צוויי אָנגעשפּאַרטע קעפּלעך און אַוועקפליען מיט די געדאַנקען אין ווייטע וועלטן.

אָבער דאָס לעבן באַשטייט נישט נאָר פון שיינע מעשהלעך, נאָר אויך פון טראַגישע. און אין איין פינצטערער ביאַליסטאָקער נאַכט איז אַ שׂרפה אויסגעבראָכן אין אשר טאָפּאָלסקיס הויז. דער הימל איז געווען רויט פון פלאַמיקן פייער, וואָס האָט געקנאַקט און געשאָטן מיט פונקען, און אין דער שׂרפה איז אומגעקומען אשר טאָפּאָלסקיס אַ קינד, אומגעקומען מיט אַ גרויזאַמען טויט, פאַרברענט אין די העלישע פלאַמען.

יאָ, דאָס לעבן איז נישט נאָר אַ שיין מעשהלע.

און איצט צוריק צו מיין שבתדיקן שפּאַציר. איך דערנענטער זיך צום עלע־גאַנטן רעסטאָראַן „אַקוואַריום”, ווו אין שויפענצטער שטייט אויסגעשטעלט אַן אַק־וואַריום, אין וועלכן עס שווימען אַרום גאָלד־שופּיקע פישעלעך, און איך האָב רחמנות אויף אָט די קליינע פישעלעך וואָס בענקען אַזוי נאָך פרייהייט. אין אָט דעם באַרימטן גאַסטראָנאָמישן געשעפט פון מוראַוויאָוון, וואָס האָט פאַרמאָגט די גרויסאַרטיקע דעליקאַטעסן, האָבן זיך פּאַליצעס געבראָכן פון די טייערסטע קאָנסערוון, ווייַנען און פרוכטן און אַז מען פלעגט וועלן חוזק מאַכן פון אַ קליין בשׂמים־קרעמעלע אין אַ ביאַליסטאָקער הינטער־געסל, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר פונט צוקער, אַ פּאָר הערינג און אַ טון גאַזע, פלעגט מען דאָס קרעמעלע חוזקדיק אָנרופן „מוראַוויאָווס מאַגאַזין”...

איבער מוראַוויאָווס געשעפט איז געווען דער „קלוב בלאַגאָראָדנאַוואָ סאָבראַ־ניאַ”, ווו עלעגאַנטע רוסישע אָפיצירן פלעגן זיך צונויפקלייבן שיכּורן, שפּילן אין קאָרטן און ביליאַרד און נישט איין ראָמאַנטישע ביאַליסטאָקער ייִדישע גימ־נאַזיסטקע, אונטערן איינדרוק פון די צאַרטע פּאָעטישע פערזן פון פּושקין, לער־מאָנטאָוו און נאַדסאָן, איז געפאַלן אַ קרבן פון דער רוסישער צערטלעכער שפּראַך, קלינגענדיקע שפּאָרן און עלעגאַנטן מונדיר פון רוסישן אָפיציר, וואָס האָט פיינט געהאַט דעם בערדיקן „זשידאָווסקן” טאַטן, אָבער זיך גערן אַמוזירט מיט דער פאַרליבטער ייִדישער טאָכטער. איך פלעג אָפט הערן די געשיכטע פון דער יחסנ־דיקער ייִדישער טאָכטער ז. וואָס איז געוואָרן די געליבטע פון גענעראַל־גובער־נאַטאָר באָגאַיעווסקי.

אין ראָג פון דער מאַרקגאַס און ליפּאָווע — די צוויי ייִדישע אַפּטייקן פון אייזנשטאַט און ווילבושעוויטש, וואָס זיינען געווען באַרימט נישט נאָר מיט זייערע מעדיקאַמענטן, נאָר אויך מיט די שיינע „פּאַצעטישע” פאַרמאַצעווטן און פּראָ־וויזאָרן וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט זייער עלעגאַנץ און דערפאָלג ביי די ביאַליסטאָקער מיידלעך.

און אָט ביך איך שוין אין דער געדיכטער מאַסע פון די שבת שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך אויף ניקאָלאַיעווסקע. קאָנטשאַפּטן ווערן זאָרגלאָז געשלאָסן. די רוסישע

שפּראַך קלינגט אַ ביסל העכער, כדי צו באַווייזן, אַז מען געהערט צו דער העכע־רער קאַסטע פון אינטעליגענטן, רוסיש רעדנדיקע. דען וואָס איז דאָ דער יחוס רעדן „זשאַרגאָן״? מען קאָן זיך פּאַרט מיט דעם נישט באַרימען. און ווי אַ געדיכטע דעמאָנסטראַציע מאַרשירט דער עולם אויף ניקאָלאַיעווסקע ביז צום בריק צו דער נאַדרעטשנע גאַס און פאַלקאָוואַיען בית־מדרש. די אויסגעפּוצטע שבתדיקע יידישע מאַסע יונגוואַרג פילט אָן מיט אַ פריילעכן לאַכן און געזשום פון שטימען און מענערישע אויגן בליצן צו הייסע מיידלשע בליקן.

איך גיי פאַרביי דעם „אַפּאָלאָ״־טעאַטער און בין צופרידן, שטאָלץ מיט אונדזער ביאַליסטאָקער עלעגאַנטן רייכן קינאָ מיט פּאַלמען־ביימער אין איינגאַנגזאַל, וואָס וואָלט זיך נישט פאַרשעמט אין דער גרעסטער שטאָט; און איך בין גאַרנישט חושד, אַז זיין אייגנטימערס זון, וויינשטיין, דער איידעם פון באַקאַנטן רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן און דער שפּעטערדיקער אייגנטימער פון „אַפּאָלאָ״, וועט מיט יאָרן שפּעטער באַגיין זעלבסטמאָרד, זייענדיק דערשיטערט פון דער גרויזאַמקייט פון דער פּוילישער מאַכט, וועלכע האָט צוגענומען ביי אים די קאָנצעסיע פון „אַפּאָלאָ״, ווייל ער איז אַ ייד.

און נאָך צוויי באַרימטע ביאַליסטאָקער יידן פון ניקאָלאַיעווסקע מוז איך דער־מאָנען, דאָס זיינען ד״ר פּינעס און ד״ר רובינשטיין. ד״ר פּינעס, דער אויגן־דאָקטער, איז געווען וועלט־באַרימט און פון די גרעסערע שטעט און קלענסטע דערפלעך האָט מען געשטראָמט צו זיין קליניק. שוין ווינענדיק אין אַנטווערפּן האָב איך איין מאָל געטראָפן ביי מיין אָנקל, קלמן דימענטשטיין, אַ בריליאַנטן־מעקלער, אַ ייד, אַ גרויסן למדן אַ בן־תורה, זייער אַ באַשיידענעם, וואָס האָט זיך אַרויס־געוויזן אַלס דער ברודער פון לעגענדאַרן ד״ר פּינעס. מיט ד״ר רובינשטיינען האָב איך זיך באַקענט ביי אַ מאָדנעם צופאַל, ווערנדיק פּלוצלינג זיינער אַן אַסיסטענט.

עמעצער פון די פרויען פון מיין משפּחה איז געגאַנגען שווער צו קינד, און פּלוצלינג, ביי די לעצטע שטויסווייען, האָט זיך פאַרוואָלט דעם קינד קומען אויף דער וועלט מיט די פיס אַראָפּ און נישט האָבנדיק אין דער לעצטער מינוט קיין אַסיסטענט, האָט מיין משפּחה מיך „דעלעגירט״ צו העלפן סטעריליזירן די אינס־טרומענטן און העלפן ברענגען אַ יידישע טאָכטער אויף דער וועלט; און דאָ האָב איך בייגעוווינט דעם מערקווירדיקן טאַלאַנט פון אונדזער פּראָמינענטן אַקו־שער, וועלכער האָט עטלעכע מאָל געדאַרפט איבערקערן די קליינע עקשנטע (דאָס איז געווען אַ מיידעלע) זי זאָל אַרויסגיין אויף דער זינדיקער וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ. יאָ, ווי איר זעט, גייט שוין דער מענטש גלייך ביים געבוירן, אַרויס מיטן קאָפּ אַראָפּ.

איך קאָן אָבער אויך נישט רויק פאַרבייגיין דעם באַקאַנטן געשעפט פון עלעקטראָ־טעכנישע אַרטיקלען פון די דייטשן „שערשמיד״, אָבער צוליב גאַנץ

אַנדערע טעמים. די ברידער „שערשמיד", רויט־קאַרקיקע, קורץ־געשוירענע דייטשן, וואָס זייערע „גלויבענס־גענאָסען" און „פאָלקס־דייטשע" צוזאַמען מיט די נאַציישע דייטשן האָבן אומגעבראַכט אין פלאַם און פייער און מוראדיקער שחיטה זייערע יידישע ביאַליסטאָקער מיטבירגער און שכנים, די זעכציק טויזנט ביאַליסטאָקער יידן. און, בלעטערנדיק דעם „פנקס ביאַליסטאָק", שטויסט איר זיך אָן אויפן דייטשישן אַנטיסעמיטישן פּרצוף וואָס האָט מיט הונדערט און פופציק יאָר צוריק, ווען זיי האָבן פאַרוואַלטעט מיט ביאַליסטאָק, איינגעפירט דעם פּרייסישן יידן־רעגלאַמענט, וואָס איז פּאַקטיש געווען אַן אַריער־פּאַראַגראַף און ראַסן־געזעצגעבונג.

זייט מיר מוחל. איך בין אַריבער פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער קעגנוואַרט. ווי אָפט ווערט אונדז נאָך אויסקומען אַנצורירן דעם בלוטיקן ווונד פון אומקום פון אונדזער שטאָט.

איך זעץ פאָר מיין שפּאַציר. איך בין איצט לעם „פּאָלקאָוואַיען" בית־מדרש. ווי אָפט פלעג איך, נאָך מיין טאַטנס טויט, זיך שטיל־טרויעריק דאָרט אַריינשלייכן, און זיך אָנשליסן אין מנין, צו זאָגן קדיש. און דער „יתגדל ויתקדש" פון „פּאָל־קאָוואַי" בית־מדרש קלינגט נאָך אין מיינע אויערן, ווי אַ געזעגענונגס־קדיש פאַר גאַנץ ביאַליסטאָק, און די עכאָס פון דעם קדיש דערטראָגן זיך צו מיר פון טויזנטער מיילן, אין לאַנגע וויברירנדיקע קלאַנגען, פון שטילע תפילות און פאַרשטיקטן געוויין.

ראָמאַנטישע אָוונטן פון ביאַליסטאָקער שטאָטגאָרטן

אַ שרייבער איז ווי אַ פאָטאָגראַף. ער פאָטאָגראַפירט דאָס וואָס זיין אויג און מאָרך כאַפּן אויף — צי דאָס זיינען פרומע ניגונים־קלאַנגען פון אַן אַלטן בית־מדרש, אָדער נאַכט־חלומות פון יונג־צעזונגען בלוט. דער שרייבער קאָן און דאַרף אַ ביסל צורעטושירן, כדי צו געבן אַ דייטלעך בילד, אָבער ער מוז זיין טריי דעם אמת, אפילו ווען עס איז אַ מאָל שאָקירנדיק פאַרן פרומען צניעותדיקן לייענער.

✶

ביאַליקסטאָקער שטאָטגאָרטן! וויפל בענקשאַפט, יוגנט־חלומות און זיסע ראָמאַנטישע שעהען, ליגן איינגעוועבט אין דעם נאָמען: ביאַליסטאָקער שטאָט־גאָרטן!

די ערשטע דערוואַכונג פון בחורישע געפילן, פאַרלאַנג פון זיך פוצן און דורשטיקן זוכן פון „דער" וואָס דאַרף ווערן די צוקונפטיקע באַשערטע. ווען אויגן הויבן אָן צו בלאָנדזשען איבער יונג־אומשולדיקע שעמעוודיק־רויטלענדיקע פנימער, מעסטנדיק מיט אַנטציקונג קאָנטורן פון פרויען־קערפּערס אין סטאַדיום פון רייף ווערן. ביאַליסטאָקער מיידלעך אין זייער ערשטער דערוואַכונג פון פרויענלעכקייט און קערפּערלעכן באַגער, איינגעוויקלט אין נאַכטיקע חלומות, אומבאַוווסטזיניקע און ניט דייטלעכע, אויפגעוועקטע און אויפגעברויזטע פון די ערשטע קושן, באַקומענע אין די שטילע אַלעען פון דעם זיסן, מיט גרינע מוטער־לעכע ביימער באַפלאַנצטן, ביאַליסטאָקער שטאָטגאָרטן. ביים קלאַנג פון מוזיק אויף „די גוליאַניעס" ביי די צערטלעכע טענער פון ווענגערקעס און מאַזורקעס איז די ביאַליסטאָקער יוגנט רייף געוואָרן און צערטלעך אויסגעזונגען רוסישע און יידישע ליבע־ראָמאַנען אין די שטילע ווינקלען אין פאַרנאַכטיקער טונקלקייט איינגעוויקלטן ביאַליסטאָקער שטאָטגאָרטן.

*

ליגט דער ביאַליסטאָקער שטאָטגאָרטן אַרומגערינגלט פון פיר זייטן, אַרומ־גענומען פון פיר פונקטן, פון פיר קאָנטראַסטן.

אין הינטערגרונט — די ערנסטע אַרבעטזאַמע אינדוסטריעלע עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס באַזאָרגט גאַנץ ביאַליסטאָק מיט עלעקטרישע ליכט און קראַפט פאַר טויזנטער מאָטאָרן, וואָס באַוועגן די ביאַליסטאָקער טעקסטיל־פאַבריקן און באַשיטן די וועלט מיט ביאַליסטאָקער קאָרעלעך, קאַסטאָרקע און דראַפּ. אין דער צווייטער זייט, לינקס פון שטאָטגאָרטן — די באַקאַנטע רוסיפיצירנדיקע אין איר גייסט „יאַפּעס שולע", ווו צוויי הונדערט און פערציק יידישע ייִנגלעך זאַפּן איין אין זיך יעדן פרימאָרגן די קלאַנגען פון דער רוסישער שפּראַך און ראָמאַנטישע פערזן פון פושקין, לערמאָנטאָוו און דעם דעמאָלט באַרימטן יונג פאַרשטאָרבענעם פּאָעט נאַדסאָן.

קעגן איבער דעם איינגאַנג צום שטאָטגאָרטן — דער מאָדערן־אויסגעבויטער האַלב־רונדער „האָטעל ריטץ", מיט שיינע טאַפּעטן־באַצירטע צימערן, און מיט דער לעצטער מאָדערנער אויסשטאַטונג: באַדצימערן מיט הייס וואַסער, רייך און עלעגאַנט, ווי אַ האָטעל פון אַ גרויסאַרטיקן קוראָרט. אין פראָנט, ביים אַריינגאַנג, אַ פּאָרטיע מיט גאָלדענע קנעפּ ווי אַ גענעראַל, וואָס עפנט די טיר, פאַרנייגנדיק זיך אַריסטאָקראַטיש־לאַקאַיִש.

רעכטס — דער „אינסטיטוט בלאַגאָראָדניך דיעוויץ", אָדער ווי מען פלעגט אים רופן אין קורצן דער „אינסטיטוט", דער רוסישער בילדונגס־אַנשטאַלט פאַר די אַדעליקע טעכטער פון רוסישע מיליטערלייט, פּריצים און קאַצאַפּישע פּרוואַ־גילדע־סוחרים. מאַרשירן זיי יעדן פרימאָרגן — ווי אין אַ רייכער, עלעגאַנטער

טורמע — אויף זייער מאָרגן־שפּאַציר אין רייען, אין גרין־בלומיקן אינסטיטוט־גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן קוקן זיי אַרויס טרוימעריש צו די דרויסנדיקע גאַסן פון ביאַליסטאָק, צום לוסטיק ווינקענדיקן שטאָטגאָרטן, פון וועלכן עס דערטראָגן זיך אַזוי אָפּט די פאַרפירערישע קלאַנגען פון סענטימענטאַלער מוזיק.

✶

ביאַליסטאָק — שבת פאַר נאַכט. דער אָוונט ראַנגלט זיך מיט ליכטיקייט פון טאָג און איז אים גובר. גרוי־בלווילעכע פאַסן פאַרדעקן דעם הימל און עס שפּרינגען אַרויס ווינקענדיקע שטערנדלעך, ווי ווינקענדיקע פייערלעך אין דער אומרויִקער נאַכט. זיי צינדן זיך אָן, די שטערנדלעך, אַלץ אָפטער און דרייסטער. אַלץ מער און מער צעטאַנצן זיי זיך סודותדיק פאַרכישופט אין דעם ביאַליסטאָקער הימל, אין דעם שבת פאַר נאַכט.

שלעפּן זיך טונקעלע סילועטן פון לאָמפּן־צינדערס מיט קעסטלעך לאָמפּן, שטעלן צו די לייטערס צו די כאַנייקער און סוראַזער גאַסן־לאָמפּן, קריכן אַרויף, פּוצן אויס די פאַרקאָפּטשעטע הויכע לאָמפּן־גלעזער, און עס ווינקען שוין רויטע פייער־פלעמעלעך פון די גאַסן־לאָמטערנעס אין דעם בלווילעך־שבתדיקן בין־השמשות. אָבער די פּאַראַדנע גאַסן, די ליפּאָווע, גומיענער, די ניקאָלאַיעווסקע און דייטשישע, פאַרמאָגן שוין עלעקטרישע גאַסן־לאָמפּן, און זיי וויגן זיך, אַראָפּ־קוקנדיק פון אויבן אַראָפּ גאַוודהדיק, פון זייערע הויכע עלעקטרישע סלופּעס און באַלויכטן טרוקן פרעמד, מיט זייער קאַלטן עלעקטרישן ליכט.

✶

זומער *1913*. גרויסע אַפישן זיינען צעקלעפּט איבער ביאַליסטאָקער פּאַרקאַנעס, מיט די אונטערשריפטן פון ביאַליסטאָקער שטאָטפּאָטערס: פאַרשטייערס פון דער רוסישע מאַכט, פּאָליצמייסטער ראַטמיסטער פולאַן און ביאַליסטאָקער שטאָט־ראַבינער, ד"ר יוסף מאָהילעווער, אייניקל פון באַרימטן ציוניסטישן מנהיג הרב שמואל מאָהילעווער.

קאָלירטע אַפישן מעלדן די ביאַליסטאָקער איינוווינער, אַז דעם אָוונט קומט פאָר אין „גאָראָדסקאָי סאַד" אַ „גולאַניע" לטובת אָרעמע נויטבאַדערפטיקע שילערס פון ביאַליסטאָקער קאָמערץ־שולע מיט מוזיק פון אַן ערשטקלאַסיקן מיליטערישן אָרקעסטער, קאָנפעטי און סערפּענטין און גראַנדיעזן פינאַל מיט פייערווערק, און דער עיקר „הוליעט קינדער" — „דיעטי בעזפּלאַטנאַ" (קינדער אומזיסט).

עס ציען זיך שלענגענדיק הונדערטער בחורים און מיידלעך איבער די גאַסן פון ליפּאָווע און ניעמעצקי. שטיפנדיק און שיילנדיק יאַנדערס. שבתדיק אויס־געפּוצטע, שפּאַצירן זיי צופרידן פריילעכע, צום שבת־נאַכטיקן גן־עדן, צום ביאַ־ליסטאָקער שטאָטגאָרטן.

ביים אַריינגאַנג אין „גאַראַדסקאָי סאַד", אַ געדיכטע מענטשן־מאַסע, וועלכע שטופּט זיך אומגעדולדיק, הערנדיק די קלאַנגען פון מוזיק, אַ סימן, אַז „עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן"... דער בילעטער פון דער בודקע בייזערט זיך און שרייט. דער רוסישער גאָראָדאָוואָי, מיט אַ רויטן שיכורן נאָז און מיט דער שאַשקע וואָס שלעפּט זיך נאָך פון הינטן, „מאַכט אָרדנונג", דערלאַנגענדיק אַ „טשמעל" רעכטס און לינקס און ווישנדיק די גרויסע אָראָפּגעהאַנגענע וואָנצעס. די „באַרישניעס" שטייען אָנגעצויגן, האַלטן פאַסאָן און שטייען שטאָלץ, רויק צו ווייזן, אַז זיי זיינען שוין דערוואַקסענע און „ס'וואָספּיטאַניעס" (גוט דערצויגן). די יונגע בחורים־לעך צאָלן פאַר די בילעטן פון די „באַרישניעס", וואָזשנע גאַוהדיק, מעשה קאַוואַליער.

עס איז „דיעטי בעזפּלאַטנאַ" און קליינע מיידלעך אָרעם געקליידט, ווישן מיטן אָרבל דעם פאַרסמאַרקעוועטן נעזל, טרעטן אויף די פיס, טשעפּען זיך צו דאַמסקע קליידלעך, פאַררייסן די קעפּלעך און בעטן זיך אויסזינגענדיק: — „נעמט מיך אַריין"... „נעמט מיך אַריין" — און האַלטן זיך פעסט ביים קלידל פון דער באַרישניע, וואָס האָט נישט קיין „האַרץ" אָפּצוזאָגן, ווייל מיט אַ זעקס־זיבן יאָר צוריק האָט זי אַליין געטאָן דאָס זעלבע. נעמט זי, די באַרישניע, דאָס מיידעלע פאַרן הענטל און גייט „אומשולדיק" פאַרביי דעם בילעטער אין בודקע, וועלכער קוקט פאַרדעכטיקט אויף דער שיין געקליידטער „מאַמע" און פאַרסמאַרקעוועטער „טאָכטער". פאַרשטייט ער דעם קונץ, אַז מען נעמט אים אויף זיכער, אָבער ער מאַכט זיך תּמעוואַטע און לאָזט זיי אַדורך. און דאָס אָרעם כאַנייקער אָדער פּיאַסקער מיידעלע, אַריינטרעטנדיק נאָר מיט איין פיסל אינעווייניק, רייסט זיך אָפּ ווי אַ וויכער, אַ גליקלעכע, אונטערטאַנצנדיק אויף איין פיסל און פאַרשווינדט אין די ברייטע אַלעען, פאַרגעסנדיק אפילו אָפּצודאַנקען איר צייטווייליקער „מאַמע".

✶

אין גאָרטן איז טומלדיק. עס קאָנקורירן מיט זיך צוויי שפּראַכן: דער שטאָל־צער רוסיש און דער שטיל באַשיידענער יִידיש. די רוסישע שפּראַך — אויספּיי־נעריש, זינגענדיק, צאַרט ראָמאַנטיש, און דאָס יִדיש — געשמאַק מאַמיש, האַרציק חנעוודיק, פאַרבראַקט מיט אַ פאָלקסווערטל, גלייכווערטל און וויץ.

די עלעקטרישע ווייסע פּילקע־לאַמפּן הענגען אין מיטן פון די אַלעען און זעען אויס יום־טובדיק, מיט זייער גרויסן העלן מילכיקן ליכט. די אַלעען געדיכט באַשאָטן מיט פאַרביקן קאָנפעטי און לאַנג־סטענגענדיקן סערפּענטין. טומלדיק ריידן און אויסברוכן פון קלינגענדיקן יוגנט־געלעכטער. עס מאַרשירן לאַנגזאַם שפּאַצירנדיק, אין ברייטע צעוואָרפענע רייען, הונדערטער בחורים און מיידלעך, מערסטנס שוליוגנט. אויגן טרעפן זיך, שעמעוודיקע און דרייסטע, ווינקענדיקע און אָראָפּגעלאָזענע, ברענענדיקע און ניכטערע, יונג נייגעריקע און אַלט אויס־

געלאָשענע. אויגן פאַרשידנפאַרביקע: יונג־זאָרגלאָזע און פאַרטראַכטע, רויק־עלטערע. אויגן פאַרשייטע, דורשטיק־הונגעריקע און אויגן קאַלטע אַפּאַטישע. דאָס אויבערשטע פון שטייסל איז „די גאָלדענע יוגנט", די שטודירנדיקע יוגנט.

אָט שפּאַצירן די שילערינס פון פּרויען קאָמערץ־שולע, אין טונקעלע קליידלעך, מיט גרין־גאַרנירטע פאַסקעלעך וואָס נעמען איין שטייף דעם יונגן מיידלשן קערפּער און ווייזן דייטלעך דעם קערפּערלעכן געבוי. נעבן זיי די שילערס פון מענער קאָמערץ־שולע, אין געפּאַסטע אָנצוגן מיט מעשענע קנעפּ, ווי עסטרייכישע יונקערס, פון דער קאָמערץ־שולע פון דער אַלעקסאַנדראָווסקע (וואַרשעווער גאַס), וואָס ווערט אונטערגעשטיצט פון באַרימטן ביאַליסטאָקער דייטשישן טעקסטיל־פאַבריקאַנט מאָעס. די קאָמערסאַנטן אין בלויע אוניפאָרמס מיט דער „קאָקאַרדע" אין היטל — אַן אַלטע אָפּצייכענונג פון „מערקיורן", דעם גריכישן גאָט פון סוחרים און גנבים. שטייף, שטאָלץ מאַרשירן די שילערס פון רעאַל־שולע, אין געלבאַפּוצטע היטלען און קאָקאַרדעס, אָפּט מאָל מיט זייערע קאָלעגן, קריסטלעכע רעאַליסטן, ווייל זייער קליין איז די צאָל פון ייִדן און דער רעאַל־שולע, צוליב דער „פּראָצענט־נאָרמע", וואָס געוועלטיקט שטאַרק.

אָט זיינען די ייִדיש־סוחרישע זינדעלעך פון אַלעקסאַנדראָווס גימנאַזיע, וואָס רעדן אַ רוסיש, אַ פאַרבראַקטן מיט אַ פאָלקס־ייִדיש. זייער, זייער ווייניק איז די צאָל פון די שילערס פון „גאָראָדסקאָיע" פון מאַזורס גאַס, אַ שולע, וואָס איז באַקאַנט אין ביאַליסטאָק מיט איר קריסטלעכן גייסט און קריסטלעכע געבעטן פאַרן אָנהויב פון די לימודים.

אַ געמיש פון שילערינס און שילערס פון די גימנאַזיעס און פּראָגימנאַזיעס, פון שטשעגלאָוו, מעלטרעגער, דרוסקין, גורעוויטש און לאַכאַנקאָס (לאַכאַנקאָס גימנאַזיע הינטער דער טורמע, איז ביי דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דייטשישן מיליטערישן שפּיטאָל פאַר פאַרוווּנדעטע). עס מאַרשירן סטאַטעטשנע די שילערס פון דער שכנותדיקער יאַפּעס־שולע, וואָס דערציילן וויצן איבער זייערע לערערס: קליאַטשקאָ, לוסטערניק, ציפּקין און איבערהויפּט וועגן זשמודסקין, וואָס איז באַקאַנט אַלס ייִדישער אַנטיסעמיט... און אָט גייען די מער באַשיידענע שילערס פון גווירצס מיידל־שולע, און „עמך"־קינדער פון די באַביצקיס, מענאַכאָווסקעס און פרידמאַנס „צווייקלאַסיקע פאָלקסשולן"...

אַ געוויסע גרופּע שוליוגנט טיילט זיך שטאַרק אָפּ פון דער געצערטלטער וויס־העכטיקער יוגנט און דאָס זיינען די שילערס פון „רעמעסלענאָיע". קרעפּטיק, אויסגעאַרבעטע קערפּערס, פעסטע, זיכערע באַוועגונגען פון מענטשן מיט אַ „תכלית", מיט מוסקולדיקע הענט און ברוין־אָדערדיקע מאָזאָליסטע פינגער וואָס אַרבעטן שוין פון דער ערשטער יוגנט אָן, נאָך אַלס ייִנגלעך אין די אַרבעט־אָפּטיילונגען פון דער „רעמעסלענאָיע", אין די וואַרשטאַטן פון טעקסטיל, מעכאַניק און מעבל; און אין זייער שפּראַך וועט איר קיין רוסיש וואָרט נישט געפינען.

אַ היימישער פאָלקסיִדיש מיט אַ העברעישן פסוק, לעבעדיקע יִדישע זשעסטיקו־לאַציעס און אַ פאַרצויגענעם פון צייט צו צייט יִדישן פאָלקסליד, וואָס שטאַמט נאָך פון קינדהייט און געהערט פון דער מאַמען, ווען זי האָט דאָס וויגעלע געוויגט.

*

די קלאַנגען פון דער מוזיק צעטראָגן זיך אין דער לופט. די מוזיקאַנטן פון וולאַדימירסקן און אוגליצקן פולק, געקליידט פאַצעטיש אין גלאַנציקע שטיוול, מיט ווייסע אָדער רויטע הויזן־לאַמפּאַסן און מיט עפּאָלעטן און פּאַסיקלעך וואָס הענגען אַראָפּ פון זייערע אַקסלען, קוקן אין די אויגן פון דעם דיריגענט, וואָס פאָכעט מאַיעסטעטיש מיט זיין שטעקעלע. אין באַוווסטזיין פון זיין גרויסקייט גריסט ער העפלעך, פאַרבייגנדיק זיך פאַר באַקאַנטע „באַרישניעס", וואָס שפּאַצירן פאַרביי, און מיט וועלכע ער פלירטעוועט אָפּט ביי די אַנטראַקטן.

די רונד־געשניצטע הילצערנע בודע פון די מוזיקאַנטן איז אַרומגערינגלט מיט אַ טשאַטע יִדישע קינדערלעך, וואָס דיריגירן מיט די הענט צום טאַקט פון דער מוזיק, און ביי אַן אַנטראַקט ליאַרעמען זיי אויס זייערע מוזיקאַלישע ליב־לינגס־שטיקלעך שרייענדיק: — איגראַיטיע פּאַליספּאַן" (פּאַ־ד'עספּאַן) אָדער „פּאַדעקאַטער" (פּאַ־דע'קאַטר) און דער שיינער דיריגענט מיט דער געדיכטער טשופּרינע האָר, וואָס איז אָפּט מאָל פון אחינו בני ישראל, ענטפערט זיי גוטמוטיק:

— כאַראַשאָ דיעטאָטשקי, כאַראַשאָ, בודיעם ופּאַריאַדקע...

ביי די ווענט פון פּאַרקאַן פון שטאָטגאָרטן הערט זיך אַ ליאַרם, אַ געפּילדער. אַן אָנגעלויף פון מענטשן. אַ גאַראָדאָוואָי האָט געכאַפּט אַ באָרוועסן, אָפּגעריסענעם יִנגל, וואָס האָט געמאַכט אַ „זאַבאַרני בילעט", אַריבערגעקראָכן איבערן פּאַרקאַן אָן אַ בילעט, און פירט אים פאַרן אויער. די שבתדיקע יִדישע יונגוואַרג האָט רחמנות אויף דעם שלימזלדיקן זאַבאַרניק, מען מאַכט בכּיוון אַ געדראַנג אַרום דעם גאָראָדאָוואָי, מען שטופּט אים פון אַלע זייטן און אין אַלגעמיינעם טומל, רייסט זיך אַרויס דער „פאַרברעכער" און ווערט נעלם, באַגלייט פון אַ פּייפערײ פון דעם צערייצטן גאַראָדאָוואָי, און אַלגעמיינעם געלעכטער פון „דאָס פּובליקום"...

די מוזיקאַנטן צעלאָזן זיך מיט פאַרשיכּורנדיקע וויגנדיקע טענער פון פּאַ־דע'קאַטר, ווענגערקע, עספּאַן, פּאַ־ד'עספּאַן, פּאָלקע־קאָקעטקע און מאַזורקע. די הויפּט־אַלעען, וואָס הויבן זיך אָן פון איינגאַנג ביז קעגן איבער צו דעם קליינעם טירל פון פּאַרקאַן וואָס קוקט אַרויס צו דער עלעקטרישער סטאַנציע, איז געדיכט באַזייט מיט רייען שפּאַצירנדיקע יוגנט, מאַרשירנדיק פאַרביי דעם מוזיק־פּאַווילאָן אויף וועלכן עס הענגט אַ ברעטל מיט אַ געדרוקטן פּראָגראַם פון דעם קאָנצערט: מערסטנס קלאַסישער רעפּערטואַר פון לייכטן טאַנץ און וואַלסן.

אַ לייכטער שטויב הענגט אין דער לופט און זעצט זיך אָפּ אויף די שיך, וואָס זיינען גרוי־פאַרשטויבט. גרופּנווייז שפּאַצירט מען. אָט גייט אַ גרופּע פון

עטלעכע שילערינס, אַ געמיש פון גימנאַזיסטקעס. הינטער זיי — אַ גרופּע גימנאַזיסטן פון אַלעקסאַנדראָווס גימנאַזיע, אין טונקל־בלויע, שטייף איינגעפּרעסטע אוניפאָרמען. רעדן די שילערינס כּלומרשט צווישן זיך, אָבער אַזוי הויך, אַז די גימנאַזיסטן הינטער זיי הערן זיך צו און מישן זיך אַריין אין זייער שמועס, טרעטנדיק פון הינטן אויף זייערע הויכע אָבצאַסן, און וואַרפן אַריין אַ צווישנרוף, וואָס באַצוועקט נענטער זיך צו באַקענען און אפשר, אויב ס'וועט זיך איינגעבן, באַשטימען אַ „סווידאַניע". די גימנאַזיסטקעס לאָזן זיך נישט. זיי ענטפערן אָפּ מיט אַ שטיפערישן, אַזוי פּאָפּולערן כּלומרשט ברוגזן: נאַכאַל!, צוגעבנדיק, לאַכנדיק, מיט אַן אָנשטעל פון גאווה: מיר נעמען נישט אָן קיין גאַסן־באַקאַנטשאַפטן. אָבער די חברה שפּאַצירנדיקע גימנאַזיסטן פון הינטן ווערן נישט נתפּעל, פאַרשעמען זיך ווי אַ קאַזע אין קרויט, און זעצן פאָר זייער אַטאַקע ביז זי ווערט געקרוינט מיט דערפאָלג. און אין אַ האַלבער שעה אַרום שפּאַצירן זיי שוין צוזאַמען, פלייסנדיק זיך איבערצושטייגן איינער דעם צווייטן אין פּושקינס דעקלאַמאַציעס, פאַרבייסנדיק מיט אַ לייכטן פלירט, פול מיט שטיפערישע, לייכט ציניש, צווידייטנדיקע ליבע־אָנצוהערענישן.

דער הימל איז שוין טונקל־בלוי. די נאַכט רוקט זיך אָן. אין אַ זייטיקער אַלעע פון יענער זייט שטיל פליסטערנדיקן טייכל — קעגן איבער יאָפעס שולע — זיצן פאָרלעך אויף די בענק אונטער די בוימער מיט אַראָפּגעלאָזענע צווייגן, וואָס זיינען ווייט פון טומל, פון רױשנדיקע אַלעען. שטיל איז אויף דער זייט פון טייכל. יונגע פאָרלעך טוליען זיך ליידנשאַפטלעך און שטילע קושן זיפצן אָפּ פאַרשלונגענע אין דעם ווייטן אָפּקלאַנג פון מוזיק, וואָס באַפּוצן מיט זייערע לירישע טענער אַזוי ראָמאַנטיש, די צעעפנטע יונגע הערצער אין די ערשטע האַרצקלאַפּענישן פון פאַנטאַזיע און הייסן, יונגן בלוט.

✶

די „גוליאַנקע" איז אין פולן ברען. די דאַמען פון דער „וווילטעטיקער געזעלשאַפט" פליען אַרום אין העל־זומערדיקע קליידער, ווי די נאַכט־שמעטערלינגען, צו פאַרשפּרייטן לאָטעריע־צעטלען, וואָס זאָגן צו „גאָלדענע גליקן": אַ יאַפּאַנישן טייסערוויס, אַ כּלים־סערוויס פון סעווערער פּראָנצויזישן קריסטאַל (וואָס ביידע זאַכן שטאַמען מסתמא פון טאָפּאָלסקיס גלאַזגעשעפט), זילבערנע טאַצן אָדער וויינבעכערס. און דאָס אַלץ ווערט דעמאָנסטרירט אויף אַ טיש, באַפּוצט מיט פאַרביקע בענדער און באַלויכטן מיט פאַפּירענע, קאָלירטע כינעזישע לאַמטערנעס, און עס קלאַפּן אומרויִק הערצער פון דער זיסער אויפרעגונג: אפשר וועט זייער נומער פון לאָטעריע־בילעט אַרויסציען דאָס ריכטיקע געווינס. (עס דערמאָנט זיך מיר אַ קאָמישער קוריאָז, ווי מען האָט איין מאָל אויף אַ גוליאַנקע געפּלעט אַ קו, אַן אמתע קו פון בלוט און מילך, און ווי מען האָט געשמועסט, האָט די קו געוווּנען די שיינע באַדיאַ ווילנער, די היינטיקע פרוי פון אונדזער באַרימטן

לאַנדסמאַן, ד״ר חיים שאָשקעס, און ווי ביאַליסטאָקער לצים האָבן געשפּאָסט, האָבן זיי אַלע געזען, ווי די שיינע, עלעגאַנטע נאַדיאַ, האָט שטאָלץ געפירט די קו פאַרן שטריקל און האַלב ביאַליסטאָק איז איר נאָכגעלאָפן...).

*

דער זייגער איז שוין באַלד אַרום עלף. עס דערנענטערט זיך שוין דער סוף פון דער „גוליאַניע״. עס קומט די לעצטע אַטראַקציע: פייערווערק. עס ווערן צוגע־טשעפּעט אויף שטעקנס אין קרייצפאָרם פאַרשידענע פייערווערק און בענגאַלישע פייערן. אַ געדיכטע מאַסע רינגלט אַרום דעם פּלאַץ און אין דער אַלגעמיינער שטילקייט און דערוואַרטונג ווערן אָנגעצונדן איינס נאָך איינס די פייערווערק. עס דרייען זיך פאַנטאַסטיש פאַרביקע מילעכלעך און שפּריצן בערג מיט קאָלירטע פייערן. ווי אַ ראַשיקע מיל דרייען זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און קנאַלן פּלוצלינג אויס אין דער הויך ווי פאַרביקע ראַקעטן, און ווערן פאַרזונקען אין בלוי־אויסגעשטערנטן הימל, ווו זיי שיסן אויס מיט אַ לעצטן קנאַל און ווערן איינגעשלונגען אויסגעלאָשענע אין דער פינצטערניש.

די „גולאַניע״ אין „גאַראָדסקאָי סאַד״ איז געענדיקט. אַ טייל טומלדיק, אַ טייל פאַרטראַכט, פאַרלאָזט דער עולם גרופּנווייז דעם גאָרטן, וועלכער ווערט אויסגע־ליידיקט. צו ביסלעך לעשן זיך אויס די ווייסע עלעקטרישע לאָמפּן. איינציקע פאַרלעך פאַרבלייבן פאַררוקט אין די ווינקלעך פון גאָרטן, זיצן נאָך צערטלעך אַרומגענומען אין דער טונקלקייט, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און קאָנען זיך נישט אָפּרייסן פון דעם שיינעם, ראָמאַנטישן אָוונט פון דער „גוליאַניע״ אין ביאַ־ליסטאָקער שטאָטגאָרטן.

טיפּן פון ביאַליסטאָקער משוגעים און עקסצענטריקערס

פאַרנאַכט. די אָוונט־טונקלקייט שפּרייט זיך אויס איבער ביאַליסטאָק. שטי־פעריש שטערנדלעך, פריצייטיק אומגעדולדיקע געסט, שפּרינגען אַרויס אויפן הימל און ווינקען מיט זייערע פייערדיקע אייגעלעך צו דער מאַמע ערד, צו מיין ביאַליסטאָק.

אין דער היים איז אַ שטיקל סומאַטאָכע. די מאַמע ווישט די נאָז מיטן פאַרטעך אַ צעזשאַרעטע פון פאַרמאַכן דעם מיט קוילן צעגליטן אויוון און פאַררוקן דעם שיבער.

זי ווישט דאָס צעפלאַמטע פּנים, לויפנדיק יעדע ווייַלע צו דער טיר, אַרויס־

שטרעקנדיק דעם קאָפּ, זיך צוהערנדיק צו די טריט אין גאַס, וואַרטנדיק מיט מאַמעשער זאָרג אויף מיין אַהיימקומען, בורטשענדיק צו דער גאַס און מיינענדיק מיין טאַטן. שפּרינגען ווערטער פון אירע ליפּן:

— אַ טאַטן זאָל דאָס נישט אַרן, ווו אַ קינד ווערט פאַרפאַלן. אַ קאַלטער לונג און לעבער. אַזוי שפּעט און ער איז נאָך נישטאָ.

שווייגנדיק פּויקט מיין טאַטע אויס אויפן פענצטער אַ מיליטערישן מאַרש פון זיין סלוזשבע אין בעסאַראַביע און שמייכלט גוטמוטיק. ער פאַרשטייט דאָס האַרץ פון אַ מאַמען.

ענדלעך, דערזעענדיק מיך אַריינקומען, מיטן ראַניעץ אויף דער פּלייצע, אַ פאַררויטלטן, אַ פאַרהאַסעוועטן פון שנעלן גיין, גיט די מאַמע זיך אַ וואַרף אויף מיר:

— ווו ווערסטו דאָס פאַרפאַלן גאַנצע טעג? פיר אַ זייגער ענדיקט זיך די שולע און איצט איז שוין אַכט. לויפט אַרום פּוסט־און־פּאַס. אומעטום איז ער פול. ווו צוויי — איז ער דער דריטער. אויף אַלץ איז ער טשיקאַווע. מסתמא זיך ווייטער געשטעלט „גלאָצן" די אויגן אויף אַ שטאָט־משוגענעם.

דאָס מאָל איז מיין מאַמע געווען גערעכט. זי האָט געטראָפן אין פּונקט אַריין. צו „גלאָצן" די אויגן אויף משוגעים, צעדרייטע שיכורים און אַנדערע אַנשיקעניש פון ביאַליסטאָקער גאַסן, איז געווען מיין משוגעת.

*

אין די לאַנגע ווינטערדיקע ביאַליסטאָקער נעכט, ווען דער ווייסער פּריש אַנגעפּאַלענער שניי פלעגט פאַרדעקן די שטאָט, פלעג איך ליגן איינגענאָרעט אונטער דער וואַרעמער פערענע און דורכפיבערן צענדליקער בילדער און טיפּן דורכגעלעבטע און פאַרבייגעשוומענע דורכן טאָג.

לעבנדיק שטענדיק כמעט ווי אין אַ לונאַטישן טראַנס, חלומענדיק אויף דער וואָר, בלאָנדזשענדיק שטיל פאַרטראַכט איבער די גאַסן פון ביאַליסטאָק שעהען־לאַנג נאָך מיינע שול־לימודים אָדער אין שבת־יום־טובדיקע טעג, האָב איך אויטאָמאַטיש אויפגעכאַפּט דאָס טאָג־טעגלעך לעבן כמעט ווי נישט באַמערקנדיק, איינגעזאַפּט אין זיך בילדער, טיפּן און סצענעס. נאָכגעפּאָלגט און אָבסערווירט אויסטערלישע מענטשן, עקסצענטרישע טיפּן, האַלב צעדרייטע און מאַניאַקן, מע־לאַנכאָליקערס, אַפּיציעלע משוגעים און סתם נישט־דערפאָרענע, וואָס האָבן זיך שוין געגליטשט צו ווערן אָנערקענטע פיגורן פון שטאָט־משוגעים.

מיט מיין יונגן מוחל און גוטן קינדערישן האַרץ פלעג איך אין די נאַכטיקע

וויזיעס ווייטיקן פאַר די אומגליקלעכע, טראַכטנדיק וועגן אַט די עלנט בלאָנדזשענדיקע משוגעים אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ: ווו זיינען זיי איצט, אין די קאַלטע, פאַרשנייטע ווינטערדיקע נעכט? מיט וואָס דערוואַרעמען זיי זייערע אויס־געהונגערטע גופים? וועלכע שטיקער נאַקעטע קערפּער־טיילן שניידן זיך אויס פון זייערע צעפליקטע צעריסענע מלבושים? דאָס מענטשלעכע נאַקעטע לייב פאַרמאָגט עפּעס ספּעציפיש רירנדיקס, אפילו אַרויסקוקנדיק פון בעטלעריש־שלעפערישע טראַנטעס.

פון גאָט און פון מענטשן פאַרשטויסענע אומגליקלעכע באַשעפענישן, וואָס האָבן זייער מענטשלעך אויסזען פאַרלוירן. קרבנות פון אומוויסנהייט, ירושה־קראַנקייטן, אַלקאָהאָליזם, מענטשלעכער, נישט איינגעצוימטער תאווה און איבער אַלץ קרבנות פון מעכטיקן הערשער און טיראַן פון דער וועלט, דעם תלין און פייניקער, זיין מאַיעסטעט „הער הונגער און נויט".

*

משוגעים טיילן זיך אויף קאַטעגאָריעס, להבדיל ווי שרייבערס: אָנערקענטע און נישט־אָנערקענטע, וואָס דאַרפן זיך נאָך „אַרויפאַרבעטן". אַזעלכע וואָס האָבן שוין זייער פאַרטיקן סטאַזש, זיינען שוין באַרימט און אַנדערע וואָס זיינען נאָך אָנפאַנגערס און זיינען שוין פאַראייביקט. משוגעים ערנסטע, דראַמאַטישע און קאָמישע. משוגעים, וואָס זייער אויסזען וואַרפט אַן אַן אימה, שילדערט אַ טרויעריקע געשיכטע, אָדער אַנטפּלעקט אַ בלעטל פון מענטשלעכן טראַגיזם און משוגעים, וואָס רופן אַרויס ביי דיר אַ געלעכטער, וואָס פאַרווילן און צעשטרייען דיך און מאַכן דיך פאַרגעסן דיינע אייגענע זאָרגן. משוגעים, וואָס זייער צושטאַנד טרייסט דיך אומדירעקט אין דיין האַרציקן עגאָיזם, אַז דיר איז נאָך גוט: אָט קוק אויף דעם משוגענעם — אים איז נאָך ערגער.

ווי גרויסמוטיק שיין און דערהויבן און ווי נידערטרעכטיק און געמיין אַ מענטש קאָן זיין, ווען אין יענעמס ליידן קאָן ער אַ טרייסט געפינען. מענטשן וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט אַריינצוקוקן אין זייער נשמה כאַפּן זיך אָפּט ביי די צעשמעטערנדיקע קאָנטראַסטן פון הימלישער דערהויבנקייט און געמיינער נידערטרעכטיקייט, וואָס איז אַזוי קונציק פאַראייניקט אין איין און דעם זעלבן בינטל געהירן, וואָס מיר רופן מאַרך, און אין דעם זעלבן קנויל פון געפילן, וואָס מיר רופן נשמה.

און איצט פאַרשווינד, שרייבער, מיט דיין סופּערפעקייט צו וויקלען קנויליק געדאַנקען אין אַן אַנסופיקער קייט, אָן אָפּשטעל, און בלייב באַאָבאַכטער און מאָלער, ווער אַ רויִקער פאַרטרעטיסט, אונטערדריק דיינע אייגענע עמאָציעס און רוף אַרויס מיטן קראַפט פון כישוף־וואָרט בילדער און געשטאַלטן פון ווייטן עבר, וואָס רוען שוין אונטער די רויִנעס פון דיין היימשטאָט.

בענדעט דער טשיינער יאַט...

בענדעט איז אַ הויך געוויקסיקער, ברייט־ביינעקער ייִד, מיט אַ רויטן בלוט־אָנגעגאָסענעם פּנים, אַרומגעזוימט מיט אַ געל בערדל. זיינע בגילופינדיקע פּאָר־סאָלאָווייעטע אויגן קוקן אין דער לופטן. ער וואַקלט זיך אויף זיינע פיס, אָנגע־טוענע אין טרוקן־האַרטע לעדערנע שטיוול מיט דזשעגעכץ באַשמירטע. האַלטנדיק זיך ביי זיין שטריק, אַרומגערינגלט אַרום זיין גאַרטל, שרייט ער מיט זיין הייזערי־קער שטימע, וואָס לאָזט זיך הערן איבער גאַנץ גומיענער גאַס און קלינגט אָפּ מיט אַ געמישטן ניגון פון תהילים, מענטשלעכן קרעכץ און טרערן פון ביטערן טראָפּן.

— בענדעט איז אַ טשיינער יאַט... אשרי האיש... אַ ניכפּע צו בורזשוקעס... למנצח מזמור שיר...

בענדעט שרייט דאָס אויס האַלב זינגענדיק, פאַרבראָקנדיק מיט קאַפּיטלעך תהילים, און זיין הערלעך ערנסט פּנים איז אַזוי האַרציק סימפּאַטיש, אַז ער איז דער ליבלינג פון דער סוחרישער גומיענער גאַס, ווו די בירזשעוויקעס, פּאַברי־קאַנטלעך, קרעמערס און גלאַט שטעקל־דרייערס קוועלן אָן פון אים.

בענדעט איז נישט קיין משוגענער. ער איז אַן עקסצענטרישער טיפּ, אַ קוריאָז, אַ קאָמבינאַציע פון אַ האַרעפּאַשנעם יידן, וואָס האַלט פון תורה, פון זאָגן פּסוקים, פון אַ גלעזל משקה און פון זיין פערדל.

בענדעט איז אַ שטאָלצער ייִד. אויף זיין פּנים איז אויסגעגאָסן ערנסטקייט און זעלבסטווירדע. ווען ער שטייט אויף גומיענער גאַס לעם שאַשקעסעס טאַבאַק־געשעפט, אָדער פערדערס פוטערוואַרג־געשעפט, וואַרטנדיק אויף אַ קאָסטן סחורה אָוועקצוטראָגן. לעם בענדעטן, אויפן ראָג גומיענער, שמייעט אַרום בישקעלע דער גאַזעטשיק, וואָס איז אַזוי קליין, אַז איין דריטל פון זיין קערפּער איז אַ פּאָר לעדערנע פאַרשטויבטע שטיוול און צוויי דריטל — בישקע. בישקע אַרבעט מעשים. שרייט מיט באַנומענע קולות, רעגנט מיט נעמען פון צייטונגען. וואַרפט ווי אַ קונצמאַכער מיט זיין קערפּערל, געבענדיק פלינק אַ שלעפּ אַרויס אַ „היינט", אַ „מאָמענט" אָדער אַ „טאָגבלאַט" און קריכנדיק נאָך רעשטע צו זיין גרויסן לעדערנעם טאַש, וואָס פאַרנעמט אַ בויך מיט בישקע.

קוקט דער הויכער בענדעט אַראָפּ מיט פאַראַכטונג אויף דעם קליינעם בישקעלע, קוקט מיט זיין רויק בענדעטישער פילאָזאָפישער ערנסטקייט און אַ גרינג־שעצונג שוועבט אויף זיין פּנים.

נישט שטענדיק איז בענדיט געווען אַן איינפאַכער טרעגער. בענדעט איז געווען אַ מאָל אַ פורמאַן, אַ בעל־הבית פון אַן אייגן פערדל, און ער מיט זיין פערדל זיינען געווען שטענדיק צוזאַמען, ווי אַ פאַרליבט פּאָרל. און ווען בענדעט

פּלעגט זופּן פון פּלעשל, פּלעגט ער אויך זיין שקאַפּע געבן אַ זופּ און דאָס פערדל איז אָפּט געווען שיכור ווי זיין בעל־הבית.

אָבער ווען בענדעט פּלעגט נעמען שרייען, זינגענדיק הויך מיט זיין שיכורן תהילימדיקן ניגון, זיך טוליענדיק צו דעם קאָפּ פון זיין פערד, פּלעגט דאָס פערד אַראָפּלאָזן די אויגן און אָפּדרייען דעם קאָפּ, ווי דעמאָנסטרירנדיק דערמיט די פּאַראַכטונג צו זיין בעל־הבית, וואָס באַנעמט זיך נישט אַזוי שיין, נישט אַרטיק, מאַכנדיק קולות אויף די גאַסן. אין דעם פערדל איז געלעגן אַ שטיק בענדעט, אויך אַ מין פילאָזאָפישקייט, אָבער אָן בענדעטס הייזעריקע קולות, אויף אַ מער ווירדיקן אופן, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ פערד.

בענדעט האָט געפּירט פּאָליטיק מיט זיין פערדל אים נישט צו געבן עסן, פּירנדיק אים אויף זיין שטייגער צו לעבן נאָר מיט אַ טרונק בראָנפן. אָבער דאָס פערדל האָט, נישט האָבנדיק בענדעטס מויערדיקן געזונט, נישט אויסגעהאַלטן, זיך געזעגנט מיט בענדעטן, מיט זיין פּלעשל און אַוועק אין די פערדישע וועלטן. איך קאָן נישט ברענגען אויף מיינע ליפּן אויף בענדעטס פערד אַזאַ אויסדרוק ווי „אַוועקגעפּגרט".

האָט בענדעט נאָך דעם טויט פון זיין טייערן פריינד און שפּייזער גענומען אַריינגיסן „פּאַ נאַסטאַיאַשטשעמו", און מיט זיין בענדעטישן ניגון צו יאָמערן:

— אשרי האיש... איך האָב שוין מיין פּאָדלע געמאַכט פּאַר אַ מענטש, אויס־געלערנט די מלאכה פון פּאַסטן. איז למנצח מזמור שיר... האָט זי אָפּגעזונגען דאָס לידל און זיך אָפּגעטראָגן. בגן עדן תהיה מנוחתה... בענדעט איז אַ טשיינער יאַט. עס איז אַ בראָך צום קבצן און אַ ניכפּע צו די בורזשוקעס.

בלומע די סאָציאַליסטקע

צו דער סעריע לייכטע משוגעים, וואָס זיינען נאָך נישט שטאַרק באַרימט געווען, האָט געהערט בלומע. זי איז געווען אַ שטיקל מאַניאַק, געטרוימט פון סאָציאַלן יושר און געווען אַ פּראָדוקט פון די ביאַליסטאָקער רעוואָלוציאָנערע יאָרן 1905 — 1907.

זי פּלעגט זייער אָפּט אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביי דער טעקסטיל־פאַבריקאַנטן־משפּחה מאַריין, אויף ביאַליסטאָטשאַנקע גאַס. צווישן גערויש פון די מאַשינען, טראַסקעריי פון דאַמפּשטולן און שווערן אָטעמען פון פּאַראָווקע, פּלעגט זיך דער־הערן בלומעס שטימע, וועלכע פּלעגט קומען בעטן אַ נדבה און מאָנען „יושר" אין קיך פון די פאַבריקאַנטן מאַריין. וויפל מען פּלעגט איר נישט געבן, איז דאָס געווען ווייניק. און באַטראַכטנדיק די נדבה אויפן האַנט, פּלעגט זי אַרויסגיין מיט אַ פּזמון. די אייגעלעך פּלעגן זיך איר צעפּלאַקערן, דער בוזעם פּלעגט זיך

הויבן און איר קוויטשיקע שטימע פלעגט זיך צעטראָגן און פאַרשרייען דעם געדויש פון די מאַשינען:

— וואָס? קראַנק זייט איר צו געבן מער? עס איז אייערס? — און איבער־גייענדיק אויף רוסיש, פלעגט זי פאָרזעצן שרייענדיק: — עטאָ ניע מאָיאַ, אי ניע טוואָיאַ. עטאָ איכניע. ראַבאָטשיע נאַראַבאָטאַלי. (דאָס איז נישט מיינע און נישט דיינע. דאָס איז זייערע. דאָס האָבן די אַרבעטער אָנגעאַרבעט פאַר אייך).

און אַרויסגייענדיק אויף ביאַליסטאָטשאַנסקע גאַס, פלעגט זי זידלען פיבערנדיק מיט האַלב־משוגענע אויגן און פאַרענדיקן טריומפירנדיק:

— אָבער איך האָב זיי געגעבן!... איך האָב זיי נישט געזשאַלעוועט, די פאַסקודנע בורזשוקעס!...

און נאָך לאַנג פלעגט מען הערן די בייזע שטימע פון אָט דער אומגליקלעכער נשמה, וואָס האָט נישט געוווּסט צו וועמען אויסלאָזן דעם כעס און, אונטערפאַלנ־דיק אונטער דער „רעוואָלוציאָנערער עפּידעמיע" מיט וועלכער די ביאַליסטאָקער לופט האָט דאַן געאָטעמט, האָט זי געמאָנט „סאָציאַלע גערעכטיקייט"...

„פליוש־סאַמעט" און דער „קאַלכער פון שטאָטזייגער"

צווישן די מאַניאַקעס משוגעים, וואָס ביאַליסטאָק האָט פאַרמאָגט, קאָן מען פאַררעכענען די צוויי משוגעים „פליוש־סאַמעט" און דעם „קאַלכער פון שטאָט־זייגער". „פליוש־סאַמעט" איז געווען אַ משוגענער וואָס איז נישט געווען גלייכ־גילטיק צו מיידלעך אין פליושענע אָדער סאַמעטענע קליידער; און פלעגט ער דערזען אַ פרוי אין פליוש אָדער סאַמעט, פלעגט ער איר נאָכלויפן און מוזן אַ גלעט טאָן איר מאַנטל אָדער קלייד. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיידל פלעגט אָנהויבן קוויטשען פון שרעק און אַנטלויפן און ער פלעגט זיך נישט פוילן איר נאָכצולויפן ביז ער פלעגט זי אָנרירן.

די מענער פלעגט דאָס שטאַרק אַמוזירן און אפשר אויך סעקסועל רייצן, און אַ סך פלעגן לאַכנדיק צוגעבן:

— ער איז שוין גאָרנישט קיין משוגענער, אָט דער „פליוש־סאַמעט"! איר מעגט זיך פאַרלאָזן אויף אים, ער ווייס וואָס ער וויל.

דער קאַלכער פון שטאָטזייגער איז געווען אַ מאַן אַ מאָגערער, אַ דאַרער, מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט פיבערדיקע אויגן, וואָס פלעגט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק זיך „פּאַיאַוועןֿ" מיט אַ לייטער און אַן עמער קאַלך אין די ברעמעלעך און צווישן אַלגעמיינעם אויפגעלויף פון די ברעמל־קרעמערס און פאַרבייגייערס פלעגט ער רויִק ערנסט צושפּאַרן אַ לייטער צום שטאָטזייגער און זיך גרייטן צו דער מלאכה אים צו קאַלכן.

די אָנגעלאָפענע פּאָליציי פלעגט קומען מיט צרות ביים אַלגעמיינעם געלעכטער

פון די ברעמל־קרעמערס, וואָס פלעגן אָנקווועלן פון דער אומזיסטער „אַטראַקציע״, דאַרפן פאַרטרייבן דעם פּריווילעגן אַמאָטאָר פון וועלן שיין מאַכן אונדזער באַ־ליבטן שטאָטזייגער...

דער ביאַליסטאָקער „משיח״

אָט וואַנדער איך איבער די גאַסן פון ביאַליסטאָק. עס ציט מיך צו דער גרויסער שול, ווו אין די שבת יום־טובדיקע טעג, בליצן העל די גרויסע עלעקטרישע ליכט דורך די פאַרביקע שויבן און באַלויכטן פריילעך דעם גאַנצן שול־הויף, פול מיט אויסגעפּוצטע ייִדישע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס „כאַפּן אַריין אַ פלירט״, איידער דער טאַטע קומט פון שול און איידער מען דאַרף זיין אין שטוב צום טאַטנס קידוש.

גרופּקעס מענטשן שטייען. אָט איז אַ גרויס געזעמל פון ייִדן, וואָס לאַכן און ווײַצלען זיך און רינגלען אַרום אַ הויכן, פרומען ייִדן, מיט אַ באָרד וואָס שאָקלט זיך ווי ביים דאַוונען, וואָס זשעסטיקולירט מיט די הענט, גלאָצט מיט די אויגן צום הימל און רעדט שנעל ווי נישט וועלנדיק פאַרזוימען קיין מינוט:

— משיח איז שוין דאָ... שוין דאָ... זייט וויסן, ייִדן, אַז משיח איז שוין דאָ.

— און צובייגנדיק זיך צו די מענטשן וואָס רינגלען אים אַרום רעדט ער אַרויס שטיל, ווי ער וואָלט אַנטפּלעקט פאַר זיי אַ גרויסן סוד:

— איך בין משיח! מען טאָר נאָך אָבער דערווייל נישט אויסזאָגן. ש.ש...שאַ... איך.. בין.. משיח!...

די ייִדן אַרום אים מאַכן פון אים חוזק, לאַכן, ווייצלען זיך און פרעגן:

— ר׳ מיכל! ווען וועט איר אונדז פירן קיין ארץ־ישראל?

בויגט זי צו נאָך אַ מאָל דער ייִד מיט די בלאַנדזשענדיקע אויגן, פאַרריסענע צום הימל, און זאָגט אויף שנעל:

— שוין נאָענט! שוין נאָענט! עס וועט שוין באַלד נתגלה ווערן דער קץ... דער שעת הכושר... די גאולה...

די יום־טובדיק אויסגעפּוצטע קינדערלעך שטופּן אים, לאַכן און רייסן אים פאַר זיינע קליידער און שרייען:

— משיח! משיח!...

עס דערנענטערט זיך אַ יונגערמאַן צו משיחן, נעמט אים אָן פאַרן האַנט און זאָגט אים שטרענג:

— ר׳ מיכל, גייט אַהיים! מען וואַרט אויף אייך אין דער היים מיטן קידוש.

משיח פאַרשווינדט, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אויגן וואָס קוקן ווייט צום הימל, ווי עפּעס אַרויסלייענענדיק פון די טונקל־בלויע וואָלקנס. רופט זיך אָפּ איין ייִד צום צווייטן:

— אַ רחמנות נעבעך, אַ ייִד אַ סוחר, אָט דער מיכל גראַדזענסקי האָט אַ מעבל־געשעפט אָט דאָ, קעגן איבער דעם אַלטן בית מדרש. באַפאַלט אים אָבער זיין משוגעת, האַלט ער זיך פאַר משיחן.

— וואָס איז דער וואונדער? — ענטפערט דער צווייטער ייִד — אַז אַ פאָלק חלומט שוין צוויי טויזנט יאָר פון משיחן, פאַלט יעדן ייִדן איין, אַז ער איז אַ שטיקל משיח... יעדער אויף זיין אופן מיינט, אַז ער איז משיח... אפילו אַ סאָציאַליסט אָדער אַ ציוניסט... איי... פאַרענדיקט דער ייִד מיט אַ קרעכץ — ווער ווייסט ווער עס איז ביי אונדז קלאָר און ווער עס איז משוגע?

„אַליאַמפּאַס"

איינער פון די הויפּט־„סטאַרס" פון די ביאַליסטאָקער משוגעים איז געווען דער באַרימטער „אַליאַמפּאַם". אַ קליינער, מיט קורצע, גראָבע פיס, מיט אַ גרויסן, גראָבן, געשוואָלענעם בויך און אַ רונדן, גרויסן, אָנגעבלאָזענעם קאָפּ, וואָס איז געווען איינגעוואַקסן אין זיינע ברייטע אַקסלען. זיינע שמאָלע, טעמפּע אויגן האָבן פאַרמאָגט אַן אויסדרוק פון אַ בורטשענדיקער חיה און זיין שטימע איז געווען ריטשענדיק חזיריש. ער האָט געהאַט זיין סיסטעם פון שנאָרן.

ער פלעגט זיך אָוועקלייגן אויף דער ערד לעבן אַ קראָם (צומייסטן אין די בריעמלעך) און פלעגט אָנהויבן ווילד ריטשען, טופּענדיק מיט די רויטע נאַקעטע געשוואָלענע פיס, איבערחזורנדיק אָן אויפהער איין וואָרט:

— אַ קאָפּיקע... אַ קאָפּיקע... אַ קאָפּיקע...

„אַליאַמפּאַם" פלעגט שטענדיק אַזוי אויסקאָמבינירן, זיך אויסצולייגן אויפן שוועל פון קראָם, אַז קיינער האָט שוין נישט געקאָנט אַריינגיין און די קרעמערקע, שרייענדיק און זידלענדיק, האָט דאָך אים געמוזט געבן אַ קאָפּיקע. באַקומענדיק די קאָפּיקע, פלעגט ער דאָס גוט באַטראַכטן. זיינע טעמפּע אייגעלעך פלעגן אַ גלאַנץ טאָן מיט אַן אויסדרוק פון ניצחון און, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, פלעגט ער זיך אָוועקשאַרן צו אַ צווייט קרעמל צו מאַכן דעם זעלבן קונץ. עפּעס רויעס, חיהשעס איז געלעגן אין דעם גראָבן רויט־קלעצלדיקן האַלב־נאַקעטן קערפּער, נאָר די אייגעלעך טעמפּע, ווילדע. כיטרע, האָבן געוויזן סימנים פון עקשנותדיקן ווילן צום לעבן, ווי ביי אַ פּרימיטיווער רויער חיה.

„שמעיה"

אַ באַרימטער משוגענער אין ביאַליסטאָק איז געווען שמעיה. קינד און קייט האָבן אים געקענט. ער איז געווען אַן אומגליקלעכער, פאַרביטערטער משוגענער, וועמען די קינדער זיינען דערגאַנגען די יאָרן. אָבער ער איז זיי אויך נישט שולדיק געבליבן.

שמעיה איז געווען אַ משוגענער בעטלער, אַ יחסן. ער פלעגט אַריינגיין אין די רייכע הייזער פון טעקסטיל־פאַבריקאַנטן, סוחרים, קאַנטאָרן און אין גרויסע געשעפטן.

זיין אויסזען איז געווען קאַמיש. אַ קורץ־געוואַקסענער מיט אַ לאַנגן, ברייטן רעקל ביז איבער די קני מיט קעשענעס אָנגעשטאָפּטע מיט צוקער און ברויט. איין אייגל איז ביי אים געווען שטענדיק פאַרמאַכט, אומצוטרוילעך, ווי מיט חשד באַקוקנדיק, ווי נישט וויסנדיק קלאָר דיינע כּוונות.

די קינדער פלעגן אים נאָכלויפן איבערקרימענדיק, צופּנדיק אים פון הינטן פאַר זיינע ברייטע, צעכראַשטשעטע פּאָלעס און שרייענדיק צו אים:

שמעיה מיטן פידל
שפּיל־זשע מיר אַ לידל.

ער פלעגט, גייענדיק ביז אָנגעכמורעט, איין פּלייצע האַלב איינגעבויגן, פּלוצלינג אַ ריס טאָן אַ שטיין פון ברוק, אַ וואָרף טאָן אַ שטיין צו די קינדער, בורטשענדיק מיט זיין האַלב־פאַרמאַכט אייגל:

— איך וועל אייך די קעפּ שפּאַלטן... זשוליקעס...

מיידלעך און ווייבלעך האָבן געציטערט פאַר שמעיהן, וועלכער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט זיך אַ לאָז טאָן צו זיי און זיי הויבן די קליידלעך. זיי פלעגן אַנטלויפן פון אים קוויטשענדיק, צום גרויסן פאַרגעניגן פון די פאַרבייגייערס. שמעיה איז אָבער געווען אַ משוגענער און אַ מנגן. געהאַט אַ שוואַכקייט צו חזנישע תפילות און ווען מיר האָבן געוווינט אויף גומיענער גאַס ביי גאַניאַנדזקין אין הויף, איבער דעם טוכגעשעפט פון כאַשע גאָלדשטיין, און אונדזער „טשאַרני כאַד" (הינטערשטער אַריינגאַנג) איז אַרויסגעקומען אויף ראַכקע דער שוואַרצערס געסעלע, פלעגט זיך שמעיה אַריינקלייבן אין קאָרידאָר מיט זיין צווייטן באַרימטן קאָלעגע „סאָנע" און געבן אַ קאָנצערט פון חזנישע תפילות.

זיין שוואַכקייט איז געווען יומים־נוראימדיקע תפילות. איך פלעג זיך שטיל פאַרגנבענען צו דער פאַרענטשע פון די טרעפּ און זיך צוהערן צו שמעיהס קאָנצערט. ער פלעגט זיך ממש ענדערן. ס'איז אים נישט געווען צו דערקענען.

זיין פּנים פלעגט אויפלייכטן. זיין אומצוטרוילעך האַלב־פאַרמאַכט אייגעלע פלעגט זיך אויפעפענען און אַ תמימותדיקער שמייכל פלעגט זיך באַווייזן אויף זיינע שטענדיק בייזע ליפּן.

סאָנען פלעגט ער הייסן ציען אַ טערצע (משורר באַגלייטונג) און אַליין פלעגט ער זיך נעמען צום ראש־השנהדיקן „כבקרת רועה עדרו".

סאָנע פלעגט צובאָמקען: כבקרת, כבקרת... און שמעיה פלעגט זיך פאַרגיין אויף הויכע טענער פון ימים־נוראימדיקע ניגונים מיט זיין הייזעריקער שטימע

און אַרויפקריכנדיק אויף גאָר הויכע טענער, האָט שוין זיין שטימע משונה־ווילד קאָמיש געקלונגען, ווי אַ סקאַוואָיען פון אַן עלנטן הונט אין מיטן דער נאַכט.

אין דרויסן אויף דער גאַס פלעגט זיך שוין אַנזאַמלען אַן עולם פון צוהערערס, וואָס פלעגט ווערן עפּענען די פאַרמאַכטע קאָרידאָר־טיר אַנצוקוועלן פון שמעיהס קאָנצערט.

שמעיה פלעגט בייז איבעררייסן זיין „זינגען", אַרויסלויפן מיט כּעס און פאַרשווונדן ווערן.

זיין נגינה פלעגט אויף מיר מאַכן אַ מאָדנעם איינדרוק. עפּעס איז געלעגן אין זיינע הייזעריקע תּפילות מיט זיין ווייענדיקן הינטישן ריטשען — אַ מין יידישער קרעכץ עפּעס נישט נאָר אַ ביטער אויסגיסן דאָס האַרץ אויף זיין פּערזענ־לעכער דאָליע, נאָר אַ מין יידישער יאָמער, וואָס האָט פאַראייניקט דעם משוגענעם זון פון פאָלק ישראל מיט כּלל ישראל. אַ משוגענער, אָבער פאָרט אַ ייד, וואָס זיין גאַנץ משוגעת ווערט פאַרשווונדן אין באַרירונג מיט יידישע תּפילות, ווי אָט דער משוגענער וואָלט געפילט דעם טראַגישן גורל פון זיין פאָלק, און ער האָט נישט קיין טענות צום בורא־עולם פאַר זיין גורל פון משוגעת, אָרעמקייט און הינטיש לעבן.

ווער קען דען אַריינקריכן אין אַ נשמה פון אַ משוגענעם ? פון אַ משוגענעם יידן דערצו ?

„באַבטשע מיט די קינדער"

אַ מאָדנער טיפּ פון אַ שוואַכזיניקער, גייסטיק־קראַנקער איז געווען די גוטע באַקאַנטע „באַבטשע מיט די קינדער", אַ קורץ־געוויקסיקע פרוי אין די אַנהויב דרייסיקער. אַ רונדיקע, פול־לייביקע, מיט אַ פולן בוזעם און אַ גוטן קינדעריש־נאַרישוואַטן אומבאַהאָלפענעם שמייכל, מיט אַ זיכערן פרויען־חן, וואָס מען וואָלט דאָס אין דער היינטיקער מאָדערנער וועלט אָנגערופן „סעקס־אַפּיל".

זי האָט זיך שטענדיק אַרומגעבלאָנקעט מיט אירע צוויי קינדערלעך, אַרומ־גייענדיק איבער די קראָמען נאָך נדבות. זי איז שטענדיק געווען גוטמוטיק, שמייכלענדיק און אַ מין לעבנסלוסט האָט געשוועבט איבער אירע פולע תּאווהדיקע ליפּן. כּמעט שטענדיק אַ באָרוועסע, האַלטנדיק פאַר די הענטלעך אירע קינדערלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט באַטעמט דורך זייערע פאַרמרוזשעטע פּנימלעך, און וואָס באַבטשע האָט אפילו נישט געוווסט ווער זייער טאַטע איז. אָפּט מאָל שוואַנ־גערנדיק מיט נאָך אַ קינד, פלעגט זי זיין דער אָביעקט פון וויצן און חוזקן מצד די קרעמערס, וועלכע פלעגן איר פרייליך לאַכנדיק פרעגן:

— באַבטשע, וואָס איז דאָס ? שוואַנגערסט שוין ווידער ?

פלעגט באַבטשע חנעוודיק אויסציען יעדעס וואָרט, שאַרף אַקצענטירן יעדן זאַץ, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר ביאַליסטאָקער, און ענטפערן ראַשיק, גוטמוטיק, אָן קונצן:

— אַ כאָלירע נאָך זיי, די כאַנייקאָווער זשוליקעס. זיי האָבן מיך פאַרשלעפּט אין אַ שטאַל. אַ ניכפּע זאָל זיי נעמען.

פלעגן די קרעמערס זיך פריילעך צעהירזשען און פרעגן ווייטער:

— נו באַבטשע, פאַר וואָס האָסטו זיך געלאָזט? נישט געמאַכט קיין גוואַלט?

פלעגט באַבטשע מיט דעם זעלבן גוטמוטיקן שמייכל, קוקנדיק אין דער ווייטן, ווי אַריינטראַכטנדיק אין אירע אייגענע ווערטער, ענטפערן פשוט:

— אַז דער בראָך ווייסט דאָס. אַז איך האָב דאָס ליב.

און „דער בראָך ווייסט דאָס, איך האָב דאָס ליב" איז געוואָרן אַ פּאָפּולער ווערטל אין ביאַליסטאָק, און אַ סך האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז דער נאַיווער פּשוטער תמימותדיקער ענטפער, וואָס אין אים שטעקט אַזוי פיל אָפנהאַרציקער אמת, וואָס זעלטן אַ פּרוי וואָגט עס אַרויסצוזאָגן, שטאַמט פון באַבטשען דער משוגענער.

אָבער באַבטשע איז געווען אַ הייסע מוטער. ווי אַ געשעפּטער גראַשן ווי אַ קיכעלע, ווי אַ ביסעלע געקעכץ, האָט זי דאָס געטרוקט אין די קינדער. און איין מאָל, ווען צוויי ציגיינערקעס זיינען צוגעשטאַנען צו איר ווילנדיק אָפּקויפן אירע קינדער, האָט זי געמאַכט אַזאַ גוואַלט, אַז מענטשן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און די ציגיינערקעס האָבן זיך קוים מיטן לעבן אָפּגעטראָגן.

עפּעס אַ שטילער חן, אַ מוטערלעכקייט, יידישע גייסטיקייט און נאַיווע צעשוווּמענע לעבנס-פילאָזאָפיע האָבן געשטעקט אין דער עלנטער, אָפּגעריסענער פרוי און מוטער, וועלכע האָט אפילו איר טראַגעדיע נישט באַגריפן און אויפגענומען אַלץ מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

איר שוואַכזיניקייט איז געווען אַ סערום נישט צו באַגרייפן די טיפקייט פון איר דראַמע.

„עשרה דבריא"

פונקט אַ פאַרקערטער טיפּ פון אַ טראַגישער גייסטיק קראַנקער איז געווען די פּאָפּולערע „עשרה דבריא". איר משוגעת איז טאַקע באַזירט געווען אויף אַ דראַמע אין איר פערזענלעכן לעבן, וואָס האָט זי געבראַכט צו דעם מצב.

דער נאָמען פון „עשרה דבריא" איז געווען שרה קאַפּלאַן. זי איז געווען די שוועסטער פון באַקאַנטן אין ביאַליסטאָק רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן, וועלכער האָט טאַקע געירשנט נאָך איר טויט איר קליין הילצערן הייזל אויף נייוועלט, נישט ווייט פון ביאַלאָסטאָטשאַנסקע.

שרה קאַפּלאַן איז געווען אַ קרבן פון אַ ליבע־טראַגעדיע, וואָס דער סוזשעט איז אַ גוטער שטאָף פאַר אַ טעאַטראַלער דראַמע. שרה, זייענדיק אין דער יוגנט שיין און געבילדעט, האָט געפירט אַ לענגערע צייט אַן אמתע ליבע מיט אַ סטודענט, וועמען זי האָט פיל געהאָלפן מיט געלטמיטלען און איז אים געווען האַרציק איבערגעגעבן. זי האָט געליבט דעם סטודענט מיטן גאַנצן פלאַם פון אַ יונגער ייִדיש־רוסישער סענטימענטאַלע ראָמאַנטישער מיידל. דער סטודענט אָבער, נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום אַלס דאָקטאָר, האָט זיך פאַרליבט אין אַן אַנדער מיידל און מיט איר חתונה געהאַט. שרה, ווילנדיק פאַרגעסן איר געליבטן, האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט אַ צווייטן. אָבער אונטער דער חופה איז פאַר איר אויפֿגעשוווּמען דער גאַנצער טראַגיזם פון אַ ראָמאַנטישער מיידל, וואָס גייט חתונה האָבן מיט אַ מאַן, וואָס זי ליבט נישט. איר ליבע צום געוועזענעם חתן האָט אויפגעברויזט מיט אַ שטאַרקערן פלאַם און, נישט קאָנענדיק מער אויסהאַלטן, איז זי משוגע געוואָרן אונטער דער חופה.

זי איז נישט געווען קיין פולשטענדיקע משוגענע, נאָר, ווי מען רופט דאָס אין פראַנצויזיש „דעזעקילבּרע". אין ייִדישער איבערזעצונג הייסט דאָס: פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט, דעם קאָנטראָל איבער זיך.

זי פלעגט גיין איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן פיין געקליידט; שטענדיק אין שוואַרצע אָדער טונקעלע קליידער, אָפּט מיט אַ שוואַרצער וואַלקע איבערן פּנים. זיך געהאַלטן גלייך, שטייף, שטאָלץ, מיט אַ שטענדיק ערנסטן פאַרטראַכטן און אויפגערעגטן געזיכט. און פלעגט גייענדיק רעדן צו זיך אַליין. און דערפאַר האָט זי באַקומען דעם צונעמעניש „עשרה דבריא".

זי האָט געהאַלטן ביי זיך אַ קליין מיידעלע, וואָס זי האָט דערצויגן אויף איר שטייגער. טראַגי־קאָמיש איז געווען צו זען ווי זי קליידט דאָס קליינע, צען־יעריק מיידעלע אין טונקעלע קליידער מיט אַ וואַלקע איבערן געזיכט.

אָבער ווען איר מעלאַנכאָליע פלעגט זי אָפּלאָזן, אין נאָרמאַלע מאָמענטן, פלעגט זי ווערן אַ פילאַנטראָפּישע דאַמע, גיין אויף שמחות און חתונות, כּדי צו זאַמלען געלט פאַר אָרעמע און טאָן פיל אַנדערע מענטשלעכע גוטע טאַטן.

איך פלעג זי אָפט אָבסערווירן. ווי זי פלעגט גיין, שנעל שפּאַנענדיק און רעדן צו זיך אַליין, אָפּט מאָל זשעסטיקולירנדיק, רעדנדיק ביז אויפגערעגט. אָבער איר שטייפע שטאָלצע פיגור און טונקעלע קליידער פלעגן אַרויסרופן צו איר דרך־ארץ, מיטגעפיל און רחמנות.

„שאַיע־טאַיע" אָדער „ביעדני דאַוויד ס' סעמיעיסטוואָם"

שאַיע־טאַיע איז געווען אַ שטאָטפיגור אין ביאַליסטאָק. אין די טומלדיקע וואָכנדיקע טעג, אָדער אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג, פלעגט שאַיע־טאַיע שטיין

אַנגעשפּאַרט אין אַ ווינקל מויער פון וואַשליקאָווער אָדער גומיענער גאַס, פאַר־טיילנדיק פלוגבלעטלעך פון די דעמאָלט פרימיטיווע „שטומע" אילוזיאַנען „וויעס מיר" פון וואַשליקאָווער גאַס אָדער „מאָדערן" פון ליפּאָווע און שפּעטער פון „אַפּאָלאָ" און „פּאַלאַס־טעאַטער", אָדער פון אַ יום־טובדיקער, שבתדיקער „גוליאַ־ניע" פון באַליבטן, אין גרינעביימער איינגעטונקען ביאַליסטאָקער שטאַטגאָרטן.

הויכגעוויקסיק, דאַר, מיט איין איינגעפאַלענער זייט, אַ פּאַראַליזירטער, מיט אַ פאַרקרימט מויל אויף דעם רויט צעטשוויקעוועטן האַלב־צעקרימטן פּנים, און אַ פּאָר שווייגנדיקע טעמפּע, גאַרנישט זאָגנדיקע, אויסדרוקלאָזע אויגן, אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר פּאַראַליטיקער. זיין פּאַראַליזירטער פוס פלעגט שטיין אָנגע־שפּאַרט אין ראַג פון וואַנט און זיין האַלב־פּאַראַליזירטע האַנט פלעגט שלעפּן די אָפּישקע פאַרזיכטיק. מיט די שפּיץ־פינגער, געוויסנהאַפט טאַפּנדיק, נישט צו געבן חלילה צוויי אָפּישקעס.

מען איז שוין אַזוי געוווינט געווען צו זען שאַיע־טאַיען, אַז ווען מ'האָט נישט געזען זיין צעקרימטע פיגור אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, האָט עפּעס גע־פעלט, אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געווען דער צושטעלער פון ידיעות פון אילוזיאַנען, פאַרוויילונגען און דער אָנזאָגער, אַז היינט קומט פאַר אין „פּאַרק ראַסקאָש" אין צערטלס וואַלד, אָדער אין שטאַטגאָרטן אַ „גוליאַניע", ווו מען קאָן כאַפּן אַ „שאַנס" און אַריינגעמען די „באַרישניע" אומזיסט, ווייל היינט איז „דאַמי בעזופּלאַטנאַ"...

שאַיע־טאַיע איז געווען אַ ייִד אַ מטופל מיט קינדער, און ווען אַ ביליסטאָקער ייִד, אַ ווויצלער, האָט אים איין מאָל ציניש לאַכנדיק געפרעגט:

— דוד, וואָס מאַכסטו אַזוי פיל קינדער?

האָט שאַיע־טאַיע מיט שווערקייט אַרויסגעשטאַמלט, זיך מאַטערנדיק קלאָרער אַרויסצוברענגען די ווערטער, און זיינע רויטע באַקן האָבן זיך נאָך מער צעפלאַמט:

— וואָס... זאָל איך טאָן? פון מאַכן... קינדער, מאַך איך אַ לעבן.

דאָס איז נישט געווען קיין וויץ, ווייל זיין גרויסע צאָל קינדער איז געווען ביי אים אַ מיטל צו פּרנסה. ער איז געווען פאָטאָגראַפירט מיט זיין ווייב און כמעט אַ האַלבן טוץ קינדער, שאַיע־טאַיע מיט זיין ווייב אין מיטן און אַרום זיי זיינע קינדער, מיט גלאַנציק געפּעפּערטע אייגעלעך, פאַרריסענע נעזלעך און אין אַ שטאָלצער פּאָזע, ווי זיי וואָלטן געווען צאַרסקע קעניגלעכע קינדער, אַרומגעשטעלט אַרום זייער באַרימטן טאַטן.

דאָס פאַרקויפן זיין פאַמיליע־בילד איז געווען זיין עקסטראַ־פּרנסה און עס איז נישט געווען קיין איין ייִדישע שטוב אויף כאַנייקעס, פּיאַסקעס און סוראַזער גאַס, ווו, מיט אַ שפּילקעלע פאַרפעסטיקט אויפן וואַנט, זאָל נישט הענגען די ליטאָגראַפישע רעפּראָדוקציע פון דער פאַמיליע־פאָטאָגראַפיע פון שאַיע־טאַיע מיט זיין משפּחה, באַזייט מיט פינטעלעך פון פליגנשמוץ. די פליגן האָבן, ווייזט אויס,

וויניק דרך־ארץ געהאַט פאַר שאַיע־טאַיען מיט זיינע בני־בית און אָפּגעטאָן זייערע באַדערפעענישן דווקא לעם דער גרויסער רוסישער אויפשריפט „ביעדני דאַוויד ס׳סעמיעיסטוואָס״ (דער אָרעמער דוד מיט זיין משפחה).

איך בין געווען אַ נאָענטער מחותן מיט שאַיע־טאַיען צוליב דעם, וואָס מיר האָבן געוווינט אין איין מויערל מיט שאַיע־טאַיעס שוועסטער, שיינע די מאַליערקע.

איך בין געווען אַן אריינגייער ביי אַלע אונדזערע שכנים. האָט מען גע־דאַרפט איבערלייענען אַ פּאָוועסטקע פון רוסישן סוד (געריכט), אַ צעטל פון נאַלאָג (שטייערן), אַ קאָרע (שטראָף), פאַרן נישט רוימען דעם רינשטאָק, אַ שטראָף פאַרן נישט רייניקן דעם אָפּטריט, פאַר „נאַרושעניע פאָריאַדקאַ״ (שטערן די אָרדענונג), צעשלאָגנדיק זיך מיט אַ שכן, צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער געזעלשאַפט „פּאָקראָוויטעלסטוואָ זשיוואָטניך״ (צער בעלי־חיים) פאַר אַ געפּגרטער קאַץ אָדער ממיתן אַ הונט, אָנשרייבן אַ רוסישן בריוו, אָדער אַ ייִדישן בריוו מיט אַ גוייִשן אַדרעס — האָט מען זיך תמיד געווענדט צו „יאַנקל דעם לערערס״. ואני הקטן, וואָס האָב נישט געגרייכט צום טיש, בין געווען שטאַרק באַליבט ביי מיינע שכנים, אַ ליבע געמישט מיט דרך־ארץ. און מאָדנע... אַט די גאַנצע גאַלעריע שכנים, פאַרשידנאַרטיקע טיפּן פון רויע איינפאַכע אומגע־העבלעוועטע מענטשן, אַן דערציונג און מאַניערן, אַט די שוסטערס, שניידערס, טרעגערס, פאַקירערס, איזוואָזטשיקעס, האָבן עפּעס צוגעפּאַסט. רעדנדיק מיט מיר, אַ טאָן פון איבערגעטריבענער העפלעכקייט, געשטייפטן האלטן זיך, ווארעמען שמייכל און אויסגעזוכטע איידעלע ווערטער. אָט אַ די מענטשן, וואָס זיינען געווען געוווינט צום גראָבן שילטן, באַפּעפּערט מיט ציניש אויסדרוקן, וואָס איז געווען אַ טייל פון זייער געוויינלעכער טעגלעכער שפּראַך — האָבן רעדנדיק מיט מיר זיך אויסגעהיט מיט אַ גראָב וואָרט.

אגב, האָבן מיר געהאַט צווישן אונדזערע שכנים די משפחה פון „ליאַלקע דעם איזוואָזטשיק״, פון וועלכער די מוטער און זון געפינען זיך היינט־צו־טאָג אין ניו־יאָרק, און דער לעצטער איז אַ מיטגליד פון „קלוב ביאַליסטאָקער פריינד״. איך דערמאָן זיך, ווי איך פלעג שטענדיק באַוווּנדערן די הויכע, קרעפטיקע פיגור פון פעסט געבויטן „ליאַלקע דעם איזוואָזטשיק״. מיט רויטע בעקעלעך, ברוי־נעם פנים, געפּאָלדעוועטן קאַרק און אַ פּאָר גראָבע גבורישע פויסטן, וואָס האָבן פערזאָניפיצירט מיט זיך אַ טיפּ פון אַ דרייסטן, געוואַגטן און קרעפטיקן ייִדן, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין אונטערטעניקייט, און אין בויטפאַל גע־קענט געבן דעם געזונטן קלאַפּ דעם גוי אין די ציינער, ווען יענער האָט גע־פּרוווט ווייזן די „ידים ידי עשיו״ אָדער חוזק מאַכן פון „פּאַרכאַטי זשיד״.

אָט דער סאָרט ייִד, וואָס האָט זיך אַזוי גוט אויסגעצייכנט צוזאַמען מיט די ייִדישע אַרבעטער אין דער „סאַמאָאָבראָנע״ (זעלבשוץ) ביים פּאַרטיידיקן מסירת־נפשדיק ייִדן אין פּינצטערן „שבת נחמו״ און אין בלוטיקן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם.

נאָך אייניקע שכנים, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט ספּעציפישע טיפּן פון אָרעמען כּאַנייקעס, האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכּרון. קאַטשאַלסקי דער מאָלער, אַ מיטלוווקסיקער, שטענדיק שמייכלענדיקער מאַן מיט אַ לייכט באַגרוי־טער טשופּרינע געדיכטע האָר, וואָס האָט געהאַט אַ פרוי — מאַריאַשע האָט זי געהייסן — אַ שיינהייט מיט אַ הויכער, שלאַנקער אַריסטאָקראַטישער פיגור, אַ קאָפּ שוואַרצע גלאַנציקע האָר ווי פּעך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט אַ מאַט געטאָקט אייביק לאַכנדיק געזיכט, ווי אַ געפורעמטס דורך אַ סקולפּטאָר. אין דער סביבה פון אָפּגעלאָזנקייט, נידערגעשלאָגנקייט, פאַרוועלקטע פּנימער און אייביקן זאָרג, וואָס אָרעמקייט לייגט אויף איר דעם שטעמפּל, איז זי געווען אַ קאָנטראַסט ווי אַ בליענדיקע בלום צווישן פאַרגעלטע, צעטראָטענע האַרבסטבלעטער.

שמואל קאַמענעצקי, אָדער שמואל דער שוסטער, איז געווען אַ קליינער האַרבאַטער ייִדל, מיט אַ קורץ רונד־געשאָרן בערדל, וואָס האָט ליב געהאַט דעם כּאַנייקעווער בית־מדרש, געווען פאַרליבט אין אַלע חזנים און האָט אויסגעזונגען ביי דער אַרבעט אַלע שבת־יום־טובדיקע תּפילות צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיטן העמערל, אַריינקלאַפּנדיק די הילצערנע טשוועקלעך אין שוך, שלעפּנדיק זיי פון מויל. שטענדיק האָט זיך געפילט אין שטוב אַ ריח פון געוויקסט לעדער און ברוקווע־צימעס, וועלכן זיין ווייב פלעגט קאָכן פון שבת אויף אַ גאַנצע וואָך אין אַ גרויסער דאָניצע. זיין ווייב חיה, אַ קלייניקע, מאָגערינקע ייִדענע, האָט געהאַנדלט מיט הינער און פאַדראַבקעס, אַרומגעטראָגן אַ קאָשיק מיט געשאָכ־טענע עופות און, שטענדיק אַ שמייכלענדיקע, געדאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר די חסדים וואָס ער טוט מיט זיי.

אָבער, אַז שמואל דער שוסטער פלעגט ווערן אין כּעס אויף איינעם פון זיינע צוויי בנים — הויכע, שיינע יונגען מיט ביבלישע נעמען, ישראל און יעקב, פלעגט דער צעקרימטער, האַרבאַטער שוסטער זיך נישט אויפהויבן פון שוסטערישן בענקל, וואַרפן אַ שוך אָדער אַ קאָפּיטע זיין זון אין פּנים אַריין און מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן שרייען:

— אָבעזשאָנע... אַ בראָך נאָך דיר...

איינער פון שמואל דעם שוסטערס זין, יעקב, איז געווען שפּעטער מיין תּלמיד און איך האָב אים „פּריגאָטאָוועט" (צוגעגרייט) צו „רעמעסלענאָיע". ער איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער, אינטעליגענטער, באַלעזענער בחור מיט גוטער באַנעמונג, און איז געווען שפּעטער אַ שרייבער אין דער ביאַליסטאָקער „יידישער באַנק" אויף קילינסקי־גאַס, וואָס איז געווען לעם דער רעדאַקציע פון „דאָס נייע לעבען". אַמנענטסטן איז מיר אָבער געווען עניע־באַשע, הערש פישערס טאָכטער, אַ מיידל פון דרייצן יאָר, איין יאָר עלטער פון מיר, וואָס האָט מיר געגעבן די ערשטע לעקציע פון אומשולדיקער ליבע, צודריקנדיק מיך צום וואַנט און אויסקושנדיק מיר מיין פּנים, בריענדיק מיך מיט איר יונג מיידלשן

קערפּער אין סטאַדיום פון פונאַדערבליען און מאַכנדיק מיר פילן אַזוי זיס, נישט וויסנדיק פאַר וואָס, מאַכנדיק קלאַפּן מיין קליין הערצל און אָנפילנדיק מיך מיט אומבאַקאַנטן תענוג און בושה, ווי איך וואָלט געטאָן עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס איך דאַרף נישט טאָן. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט מיר געעפנט די אויגן אַז עס איז דאָ אַן אונטערשיד צווישן יינגל און מיידל, און אַן אומ־פאַרשטענדלעך, אָבער אַזוי זיס גליק, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין יונג־אויסגע־פורעמטע מיידלשע גלידער.

שאַיע־טאַיעס שוועסטער, שיינע די מאַליערקע, איז געווען אַ קורצע, פולינקע, רויט־בעקלדיקע ווייבעלע מיט אַן איידעלן פנימל. גוטסקייט און ווייכקייט זיינען אַרויסגעפלאָסן פון איר יעדן וואָרט. איך האָב זי זייער גערן געהאַט. זי איז געווען אַ „גוטע נשמה" און איז שטענדיק גרייט געווען צו טאָן טובות די שכנים, נישט קוקנדיק וואָס זי אַליין איז געווען אין נויט. איך האָב זיך שטענדיק שטאַרק אַריינגעטראַכט אין דעם קאָנטראַסט פון שאַיע־טאַיען מיט זיין שוועסטער. אָבער איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד, וואָס האָט מיר אַ ביסל קלאָרער געמאַכט דעם טיף פון שיינע דער מאַליערקע, און אגב געוויזן אַ שרעקלעך בילד פון די זיטן און סצענעס פון דעמאָלטיקן כאַנייקעס, וואָס איז אַזוי אָפּגעזונדערט געווען פון אַנדערע גאַסן און האָט פאַרמאָגט אויסטערלישע טיפּן, וואָס נאָר דער כאַנייקעס־קוואַרטאַל האָט זיי געקענט, טיפּן, וואָס פּאַסן זיך אַזוי גוט אַריין אין דער סעריע אויסטערלישע טיפּן פון אַמאָליקן ביאַליסטאָק.

אין ראָג פון מירקעס און שייעס גאַס איז געווען אַריינגעקוועטשט אַ קליין געסל מיטן נאָמען, וואָס האָט זיך גאַרנישט געפּאַסט צו די זיטן פון געסל. די „טיכע גאַס" האָט זי געהייסן (דאָס שטילע געסל). איז אָט דאָס שמאָלע געסל געווען אין איין העלפט אַ מאַרק שאַגאַל־בילדל פון קליינע צעקרימטע הייזלעך מיט קרומע דעכער און שמוציקע הויפן, פול מיט ענגשאַפט, דחקות און נויט. די צווייטע העלפט איז געווען אַ נעסט פון גאַסן־פרויען, גנבים און פּאַסערס. אין ראָג פון דעם „שטילן געסל" האָט זיך רחבותדיק צעלייגט אַ פּראָנטאָווע הילצערנע שטוב, וואָס האָט געדינט פאַר אַ שענק און אין וועלכער מען האָט פאַרקויפט ביר, האַרטע געדיכטע אייער, זויערע אוגערקעס, געפּרעגלטע פיש אויף פולמיסלעך, און בגנבה, אונטערן טובאַנק, אַ גלעזעלע „סאַראַקאָווקע" פון אַ מאָנאָפּאָלקע־פלעשל, אַ פּערציקער רוסישער שנאַפּס, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן אַ „ספּעציעלע גילדע" דאָס צו פאַרקויפן.

דער בעל־הבית פון טראַקטיר איז געווען דער באַרימטער איבער גאַנץ כאַנייקעס „לייזערקע דער שענקער", אַ ייד אין אַ שפּיציקער יאַרמלקע מיט אַ שפּיציק בערדעלע, געדרייטע, געקרייזלטע פאות איבער די אויערן, אין אַ לאַנגן ברוין שמוציקן טלית־קטן מיט ציצית וואָס האָבן זיך געבאַמבלט ביז צו די שטיוול באַשמירטע מיט גלאַנציקן בלויען לעבערטראָן.

לייזער דער שענקער איז געווען דער בעל־הבית, דער סאַרווער און באַדינער פון זיינע „הויכגעשטעלטע" געסט, פּיפּיקע, שרייזק אויסגעפּוצטע יונגעלייט מיט ווילינוגערישע פּאַרדרייטע וואָנצעלעך, מיט שוואַרצער פּיקסאַטור־פּאָמאַדע באַשמירטע גלאַנציקע קעפּלעך, אין זיידענע העמדער מיט גומענע פאַרביקע אָרעמבענדער, שוואַרץ שפּיגלדיקע לאַקירטע שיך און די הענט באַזעצטע מיט גאָלדענע סיגנעטן. דאָס זיינען געווען פּראַפעסיאָנעלע באַן־שוליאַרעס, „אַריסטאָקראַטן" פון „פּאַך", וואָס באַשווינדלען אין באַנען דורך קאָרטן־שפּילן. ווען זיי כאַפּן אונטער אַ „יאָלד", אַ „פּרייער", באַאַרבעטן זיי אים און שלעפּן אַרויס זיינע „ממתקים" אויפן גנבישן לשון.

עס זיינען אויך געווען צווישן די „בלאַטע יאַטן" קעשענע־גנבים און שטובגנבים מיט זייערע אַרויסהעלפערס, וואָס האָבן געטשאַטעוועט אויף „שחור" און דאַרפן „קנייסן" בעת גנבות און העלפן פאַרשטעקן אין אַ „מאַלינע".

און אָט די גאַנצע באַנדע אונטערוועלט־טיפּן פלעגן זיך אַרומדרייען אַרום אַ כאַפּטע לאַכנדיקע מיידן, גאַסן־פּרויען, ראַשיק פאַרפּאַרבטע, מיט ציניש פּרעכע באַוועגונגען און צעפּלאָסענע האָר אין דורכזיכטיקע געבלומטע קליידלעך מיט ברייט־אָפענע צעכראַשטשעטע בוזעמער, ווו אַנטבלויזטע בריסטן האָבן זיך געצאַפּלט אין די ברייטע אויסשניטן, און די קורצע קליידלעך האָבן געוויזן שטיקער נאַקעטע פיס ביז איבער די קני.

לייזערקע פלעגט אַרויסלויפן אין הויף, טאָן זיינע מענטשלעכע באַדערפענישן. אַריינלויפן מיט אימפּעט, מיט דראַבנע טריטלעך, צוריק אין קיך, אָפּגיסן „נעגלוואַסער" מיט דער קופערנער קוואָרט, שמאַיענדיק ווישן די הענט אין דער לאַנגער פּאָלע פון קאַפטאַן און, שעפּטשענדיק בלחש דעם „אשר יצר", מיט אַ פרומער מינע באַדינען די געסט, און, פאַרזשמורענדיק אַ האַלב אייגעלע, ציילן מיט אַ זיסן תענוג די קופערנע פאַרשמאַלצענע דיטקעס און צענערלעך. לייזער דער שענקער, אָט דער פרומער ייד פון „יאַנקל שאַפּשאַוויטשעס" טיפּ, איז געווען אַ שם־דבר, אַן אויסטערלישער טיפּ. אַ לאַקאַלע באַרימטקייט. אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן האָבן זיך אין אים געפּאָרט זיין פרומקייט און זיינע שטרענג רעליגיעזע געוווינהייטן מיט דער אויסגעלאַסענער סביבה פון גנבים, פּאַסערס, מעסער־שלעגערס און פּראָסטיטוטקעס פון נידעריקסטן סאָרט.

אָט ביי דעם לייזער דער שענקער, האָבן זיך איין מאָל אָנגעשיבורט יידישע טרעגערס און פּאַקירערס און עס איז אַנטשטאַנען אַ קריגעריי. די צוויי הויפּטהעלדן זיינען געווען שיינע דער מאָליערקעס מאַן, שאַיע־טאַיעס שוואָגער, וועלכער איז געווען אַ מאָליער און אַ מאָל אַ טרעגער, לויטן סעזאָן, און אַ צווייטער טרעגער, זיינער אַ בלוטיקער קאָנקורענט. כדי צו רעגולירן דעם סכסוך אויף אַן ערנהאַפטן אופן, זיינען די צוויי דועליסטן אַריין אין הויף פון מירקע דער קרעמערקע, אויף דער גאַס, וועלכע איז טאָקע געווען באַקאַנט אין פאָלקסמיילער

אַלס „מירקעס גאַס". זיי האָבן פאַרמאַכט דעם טויער און גלייך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לאַנגע שטאָלענע גלאַנציק געשליפענע מעסערס — אַ געשלעג אויף טויט און אויף לעבן.

אויך שיינע די מאַליערקע האָט זיך אַריינבאַקומען אין הויף צו הילף איר מאַן, און מיטן גאַנצן אימפעט זיך ווילד אַ לאָז געטאָן צו איר מאַנס קעגנער און אים געקלאַפּט מיט אַ שטיין איבער די שלייפן.

די גאַנצע „מירקע און שייעס גאַס" איז זיך צוזאַמענגעלאָפן, ווייל דאָס איז געווען אין מיטן העלן טאָג. אָבער קיינער האָט נישט געוואָגט אַריינגיין אין מירקעס הויף, צערייסן די צוויי ייִדן, וואָס קאָנקורירן צוליב אַ ביסן ברויט, אַ טרונק בראָנפן צו פאַרטרינקען די צרות. די שטענדיק אונטערדריקטע פאַרביטערונג און פאַרגרעבטע דעגענערירטע סביבה האָבן געקאָנט ברענגען צו אמתע געשלעגן און צו בלוט-פאַרגיסונג, וואָס איז אַזוי דערווידער דעם ייִדישן כאַראַקטער.

ווען מען האָט שפּעטער אויפגעפּראַלט די צוויי זייטן פון טויער, האָט מען דאָרט דערזען די צוויי ייִדישע טרעגערס מיט קעפּ פאַרגאָסענע מיט בלוט און שיינע די מאַליערקע, די גוטע, איידעלע, האַרציקע שיינע, איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַ פאַרבלוטיקטן שטיין אין האַנט און מיט אַ ווילדער רציחה געקלאַפּט מיט אים אין דעם פאַרבלוטיקטן קאָפּ פון איר מאַנס קעגנער.

דעמאָלט האָב איך באַגריפן די קאָמפּליצירטקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, און וואָס פאַרשטיקטע געפילן פון נויט, ליידן און פאַרצווייפלונג, איבערגעגאָסן אין אויפגעברויזטן ווילדן צאָרן, קענען מאַכן פון אַ שטילן, איידעלן מענטשן.

מיר זעען דאָס אָפט אין אויסברוכן פון פאָלקסהאַס, ספּאָנטאַנע רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונג פון סטיכישן צאָרן, וואָס פאַרוואַנדלט דעם שטילן נידערגעשלאָגענעם „באַנטשע שווייג" אין אַ ווילדער, בלוטיקער בעסטיע.

תנחום מיט די לידער

תנחום איז געווען דער ליבלינג פון די „ברעמלעך". דאָרט האָט ער פיל צייט פאַרבראַכט. אין די וואַרעמע זומערדיקע מאָגאָטן פלעגן די ברעמל-קרעמערס שטיין נעבן די טירן פון זייערע קראָמען, איינאָטעמען אין זיך דאָס גאַסלעבן און זיך פאַרווײלן מיט תנחומען, שעפּן נחת פון זיין זינגען, פון זיינע גוטמוטיקע וויצן. די ווייבער, צעגאָסענע, בייכיקע ברעמל-קרעמערקעס, מיט פאַרלייגטע הענט אונטערן פאַרטעך, פלעגן וואַרפן אַן אייגל אויף דעם באַחנטן סימפּאַטישן פריילעכן האַלב לץ און האַלב שטאָט-משוגענעם.

תנחום איז געווען שלאַנק, העכער פון מיטלוואוקס, מיט אַן איידעלן פנים, מיט פּיפּיקע לעבעדיקע און דאָך פאַרחלומטע אייגעלעך אונטער זיין צעוואָרפענער קוטשמענע קאַשטאַנהאָר. זיין עלאַסטישער קערפּער, בויגנדיק זיך אין גאַנג ווי

ביי אַ נאַרקאָטיקער, אַפּיום־רויכערער, האָט צוגעגעבן אַ באַזונדער חן זיינע באַ־וועגונגען. רעדנדיק שטענדיק האַלב שטיפעריש איידל, כמעט פּרוויענצאַרט, פאַר־מאַגנדיק אַ לייכטן טענאָר און ליב האָבנדיק זיין „פּאַך" פון אַמוזירן דעם עולם, פלעגט ער זינגען חזנישע שטיקלעך, פאָלקסלידער, אָדער זיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט די ברעמל־קרעמערס, וועלכע פלעגן אין די וואָכעדיקע טעג אָן פדיון זיך לאַנגווילן, זיצנדיק ביי די טירן און תנחום איז געווען פאַר זיי אַן אומזיסטע אַטראַקציע צו פאַרטרייבן די בייזע געדאַנקען פון דעם פּוילישן סעקוועסטראַטאָר מיט די שטייערן און די בעל־חובות מיט די וועקסלען.

תנחום פלעגט אַרומשפּאַצירן אין מיטן ברעמל ווי אַ באַליבטער אַקטיאָר, וואָס איז זיכער מיט זיין דערפאָלג ביי זיין פּובליקום. קיינער האָט אין אים נישט געזען קיין משוגענעם נאָר אַ שטאָט־לץ, אַ בדחן, אַ מין ביאַליסטאָקער „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", באַפּוצט מיט מאָדנע איינפּאַלן פון אַ מאַניאַק. אפילו זיין אָפּגע־טראָגענער אַנצוג — אַ ברייטהאַרציקע מתנה פון אַ בייכיקן יידן — און די לאַנגע הויזן, וואָס האָבן זיך געפאַלדעוועט בייגלדיק אויף די שוואָקס באַפּוצטע צע־טראַסקעטע שיך מיט לעכלעך אין די זייטן, זיינען געלעגן אויף אים חנעוודיק באַטעמט און ווען מען וואָרפט תנחומען אַריין אין אַן עלעגאַנטן אַנצוג, און מען לערנט אים אויס אַ ביסל „סאַלאָן־מאַניערן", וואָלט ער אויסגעזען ווי אַן עלע־גאַנטער „האַרצפּרעסער" און האָליוודער פילמסטאַר.

תנחום איז געווען פאַרליבט אין זיין זייגער, אַ געלער אָפּגעריבענער קופּערנער זייגער, מיט אַ גרויסן ציפערבלאַט, צוגעבונדן צו אַ פאַרזשאַווערטן ניקלענעם קייטל. אָט דעם זייגער פלעגט ער יעדע פאָר מינוט אַרויסשלעפּן מיט שטאָלץ פון זיין אויבערשטער רעקל־קעשענע, באַזאָרגט צוטראָגן צום אויער און דערהערנדיק זיין טיק־טאַק, פלעגט זיין פּנים זיך תענוגדיק צעשמייכלען, און ער פלעגט שעלמיש־צופרידן ווינקען צו די ווייבער, ווי זאָגנדיק דערמיט, אַז זיין זייגער איז שוין איין מאָל אַ כלי, און מיט שטאָלץ פאַרזיכטיק צוריק אַריינלייגן דעם זייגער אין קעשענע. און ווען די ווייבער, אַנקוועלנדיק פון זייער ליבלינג, פלעגן זיך אַנהויבן בעטן ער זאָל פאַר זיי עפּעס זינגען, פלעגט ער זיך אָוועקשטעלן אין מיטן ברעמל, כדי אַלע זאָלן אים קאָנען הערן און, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ און פאַרגלאָצנדיק די אויגן צום שפּיץ שטאָטזייגער, פלעגט ער פאַרציען אַ ניגון פון אַ ימים־נוראימדיקער תפילה, אַן אונטערגעהערטער אין שטאָטשול, אָדער אונטערזינגען, צוטופּענדיק מיט אַ פּיסל, איינס פון די פאָלקסלידער, וואָס די ביאַליסטאָקער יוגנט פלעגט זינגען, שפּאַצירנדיק אין די פאַרנאַכטיקע זומערדיקע אָוונטן אויף דער גרינער אַלעע אין ביאַליסטאָקער געדיכט באַבוימערטן שטאָטוואַלד.

תנחום פלעגט קיין מאָל נישט בעטלען קיין געלט, אַ ניין! ער איז געווען אַ שטאָלצער. פלעגט מען אים עפּעס געבן, פלעגט ער שעמעוודיק שטילערהייט אַריינ־לייגן אין קעשענע, שטיל, פאַרחלומט שמייכלען און אפילו נישט דאַנקען.

אָבער תנחומס הויפּט־אַטראַקציע איז געווען זיין דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך באַפרייט פון פּוילישן מיליטער־דינסט. דאָס איז געווען זיין „קרוינראָל". דערמיט האָט ער זיך באַרימט געמאַכט, און דאָס איז געווען אַן אמתער פאַקט באַשטעטיקט דורך די „פּריזיוּוניקעס", וועלכע האָבן בייגעוווינט די באַרימטע קאָמישע סצענע אין דעם פּוילישן „אוזשאָנד וואָיסקאָווי" ביי דער „קאָמיסיאַ פּאָבאָראָווא" (מיליטערישע קאָמיסיע) און דורך מיינעם אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט זיך אויך דעמאָלט צוגעשטעלט און בייגעוווינט תנחומס אויפטריט פאַר דער פּוילישער מיליטערישער קאָמיסיע. און די מעשה האָט זיך אַזוי פאַרלאָפן:

אין אַ הייסן זומערדיקן יולי־טאָג, האָט תנחום באַקומען אַ באַפעל זיך צוצושטעלן צום מיליטער. האָט תנחום זיך אַ קראַץ געטאָן אונטערן אויער, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: — אַ מכּה וועל איך אים דינען, דעם פּאָליאַק גנב.

אין דעם טאָג, ווען תנחום האָט זיך צוגעשטעלט, האָבן הונדערטער יונגע־לייט זיך געצויגן צו אַלט־שאָסיינער גאַס, ווו אין אַ גרויסער הילצערנער געקאַלכטער געביידע האָבן די פּאָליאַקן איינגעאָרדנט דעם אויפנעמפּונקט פאַר די נייע רעקרוטן אין דער פּוילישער אַרמיי.

אין דעם גרויסן פּירקאַנטיקן באַראַק זיינען געווען אויסגעשטעלט אין אַ ריי ביי אַ פּופציק יונגע־לייט האַלב־נאַקעטע, מיט אַראָפּגעצויגענע העמדער, נאָר אין די הויזן. דאָרפישע שקצים, וואָס האָבן כּסדר געכוקעט, געהוסט, געשנייצט די נעזער און געשפּיגן אויפן דיל און ביאַליסטאָקער יידישע יונגע־לייט מיאַ איינגעפאַלענע ברוסטן, שמאָל ביינערדיקע. צווישן זיי איז אויך געווען תנחום.

ביים גרויסן פענצטער, לעם אַ טיש, זיינען געזעסן די מיטגלידער פון דער „פּאָבאָראָווער קאָמיסיע". אַ קורץ־געוויקסיקער גרויער פּולקאָווניק מיט אַ רויטן פּנים און אַ רויטער נאָז פון אַ שיכּור, מיט אַראָפּגעהאָנגענע פּילסודסקי־וואָנצעס, אַ יונגער, פּאַצעטיש געקליידטער פאַרוטשניק, מיט ווייס געמאַניקירטע נעגל און אַ חוצפּהדיק תאוותדיק בליק. פאַראַכטונג איז געלעגן אויף זיין פריש געראַזירטן פּנים און שקאַציש פאַרריסענעם נעזל; און אַ שרייבערל, אַ ציוויל־געקליידטער מיט פלינק לויפנדיקע קורצזיכטיקע אייגעלעך, פאַרזשמורעטע הינטער די ברילן, וואָס האָט צוגעטראָגן צום נאָז יעדעס פּאַפּירל און דאָס לאַנג באַטראַכט.

ווען עס איז געקומען די ריי פון תנחומען, האָט דער פּולקאָווניק, אַ געבוירענער אין ביאַליסטאָק, און וואָס האָט געקאָנט רעדן אַ צעבראָכענעם יידיש מיטן „גראָבן רייש", זיך גוט איינגעקוקט אין תנחומען, וועלכער האָט אים אויסגעקוקט צו זיין באַקאַנטלעך, כאָטש ער איז געווען האַלב־אויסגעטאָן. תנחום איז געשטאַנען לעם טיש און הינטער אים, אין דער לאַנגער ריי, ביאַליסטאָקער יידישע יונגע־לייט, וואָס האָבן מיט צעשטראַלטע פּנימער, פאַרגעסנדיק אין די אייגענע צרות, מיט נייגעריקייט אָפּגעוואַרט דעם „ספּעקטאַקל" פון תנחומס פאַרהער.

דער קורצזיכטיקער שרייבערל האָט אַרויסגעלייענט פון פּאַפּיר תנחומס נאָמען און דער פּאַצעטישער פּאַרוטשניק האָט אויפגעהויבן גאָוודיק דעם קאָפּ צו תנ־חומען און בייז געפרעגט:

— ווי רופט מען דיך? וואָס איז דיין נאָמען?

האָט תנחום זיך צוגערוקט נענטער צום טישל, פאַרבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט, פאַרריסן די אויגן צום פּולאָפּ און אַרויסגעלאָזן אַ געזאַנג:

פרייטיק אויף דער נאַכט
איז יעדער ייִד אַ מלך,
אין יעדער ווינקעלע לאַכט
אין יעדער ווינקעלע איז פריילעך...

פון דער ריי פּריזיוּוניקעס האָט זיך דערהערט אַ הילכיק געלעכטער. דער פּוילישער פּאַרוטשניק האָט זיך געגעבן אַ הויב אויף אַן אַנגעצונדענער אין ווילדן כעס, פאַרמעסטנדיק זיך אָנצוכאַפּן תנחומען פאַרן גאַרגל, אָבער דאָ האָט דער אַלטער פּוילישער פּולקאָווניק, וואָס האָט פאַרשטאַנען ייִדיש און געקענט אויך ייִדישע לידלעך, זיך מיט פאַרגעניגן צעלאַכט; זיינע שמאָלע אייגעלעך האָבן זיך אין גאַנצן פאַרמאַכט און זיין בויך האָט זיך געטרייסלט פון געלעכטער. ער האָט געמאַכט סימנים צום פּאַרוטשניק, טייטלענדיק אויפן קאָפּ: דער פּריזיוּוניק איז אַ משוגענער. מסתמא האָט דער פּולקאָווניק אים דערקענט און, איבערנעמענ־דיק אַליין דער פאַרהער פון תנחומען, האָט ער מיט פאַרטרערטע אויגן פון געלעכ־טער, תנחומען געפרעגט אין אַ געמיש פון פּויליש און ייִדיש:

— תנחום, פּששאַ־קרעוו, ווו דו געבוירן?

האָט תנחום, אַלץ שטייענדיק אין דער זעלבער פּאָזע, פאַררייסנדיק די אייגעלעך צום פּולאָפּ, זיך אויסגעגלייכט און אַרויס מיטן לידל:

ווער קלאַפּט ביי דער נאַכט,
כאַנע דער גאַזאָווניק;
נחמהלע, פויגעלע, עפן מיר,
איך בין דאָך דיין ליובאָווניק.

דער פּוילישער פּאַרוטשניק האָט האַלב־קרימלעך געשמייכלט מיט בלוט־פאַר־לאָפענע אויגן, אָבער זעענדיק ווי זיין אויבערשטער נאַטשאַלניק, דער פּולקאָווניק, פאַרגייט זיך אין געלעכטער, האָט ער עפּעס זיך צעשמייכלט, נישט וויסנדיק, וואָס ער זאָל טאָן. דערפאַר האָט אָבער די גאַנצע ריי פון פּריזיוּוניקעס זיך צעהירזשעט מיט פאַרשידענע געלעכטערס — פון סאָפּראַנאָ־קוויטשיקע ביז דונער־דיקע דאַרפיש־ברוסטיקע — און דעם פּולקאָווניקס אויגן זיינען אַזש פאַרלאָפן מיט טרערן און, פאַרגייענדיק אין אַ ספּאַזמאַטישן געלעכטער, האָט ער, צע־וואַליענדיק זיך אין שטול, ווייטער געפרעגט:

— תנחום, כאָלערא טשענשקא, ווי דיין מאַטקע הייסט?

האָט תנחום פאַרגלאָצט ווייטער די אויגן, צעשפרייט די הענט ווי אַ געבעט צו גאָט און אַרויסגעזונגען:

האָט אַ ייד אַ ווייבעלע,
האָט ער פון איר צרות.
קען זי נישט מאַכן קיין קוגל,
טויג זי אויף כפרות.

דער פּולקאָווניק איז שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון בענקל פון געלעכטער און, ווינקענדיק צו זיינע מיטזיצערס, האָט ער ווייטער געפרעגט:

— פּאָוויעדז תנחום! ווילסט זיין זשאַלניעזש אין פּאַלסקיע אַרמיע?

האָט תנחום מיט זיין צאַרטן שמייכל, רויִקערהייט אַ קוק געטאָן אויף דעם פּולקאָווניק, פילנדיק, אַז ער האָט די שלאַכט געוווּנען, און געענטפערט ווייטער מיט אַ לידל:

— געדענקסטו, געדענקסטו אונטערן טויער,
האָב איך דיר געזאָגט אַ סוד אין אויער.
אוי, אַבראַם! איך קאָן אָן דיר נישט זיין!
איך אָן דיר און דו אָן מיר,
איז ווי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר.

האָט דער פּולקאָווניק, באַרויִקנדיק זיך צוביסלעך פון זיין געלעכטער און פאַרשטייענדיק, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, אַ געשריי געגעבן מיט אַ געמאַכטער בייזקייט, זיך אָלץ שטיקנדיק פון געלעכטער:

— „מילטשעטש, פּשאַ קרעוו! וויזשוטשיטש גאָ... (שווייגן, הינטיש בלוט! אַרויסוואַרפן אים.)

האָט דער פּאָרוטשניק אַ נעם געטאָן תנחומען מיט איין האַנט פאַרן הינטן און מיט דער צווייטער האַנט פאַרן קאַרק, אים צוגעפירט צו דער טיר, ברייט צעעפנט און ביים אַלגעמיינעם געלעכטער פון די פּריזיוואָניקעס, געגעבן תנחומען אַ שליידער אַרויס אויפן הויף, ווו תנחום, זיך איבערקוליענדיק צוויי מאָל, איז געבליבן מיט דער מחילה אַרויף.

קומענדיק צו זיך, אויפהויבנדיק זיך פון דער ערד און פוצנדיק מיט די הענט דעם הינטערשטן טייל פון די הויזן, האָט ער גוטמוטיק געשמייכלט, שעלמיש געוווּנקען צו די ייִדישע פּריזיוואָניקעס און טרוימפירנדיק געבורטשעט:

— אָבער אַ מכה וועל איך גיין דינען צום פּאָליאַק גנב.

פון דער געשיכטע ביי דער פּאָבאָראָווער קאָמיסיע האָט זיך דערוווּסט גאַנץ ביאַליסטאָק און אַ סך זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז תנחום איז שוין גאָרנישט אַזוי משוגע, ווי מען מיינט.

דער וועג צום פּאַרק ראָסקאָש

שבת נאָך מיטאָג. די תּמוזדיקע זון צעלייגט זיך איבער ביאַליסטאָק, גלעט און וואַרעמט. סנאָפּעס ליכטיקע שטראַלן רייסן זיך דורך די ציצענע געבלומטע פֿאַרהענגלעך און באַלייכטן טויזנטער שטויבעלעך, ווי פֿליענדיקע פֿליגעלעך, וואָס קייקלען זיך אין אירע זוניקע פּיילן.

דער טאַטע זיצט איבערגעבויגן איבער אַ רוסישן ראָמאַן, מיט אונטערגעשפּאַרטע הענט אונטער די אויערן, און זעט און הערט גאָרנישט. די מאַמע ליגט אויף דער שוואַרצער צעראַטענער קאַנאַפּע און דרימלט, אָבער ווען איך גיי צו אויף די שפּיץ־פֿינגער צום טיר און נעם די קליאַמקע אין האַנט, דערשפּירט עס דאָס מאַמעשע אויער און האַלב־פֿאַרשלאָפֿן מורמלט זי:

— יאַנקעלע? ווו גייסטו? זאָלסט זיך נישט זאַמען לאַנג. זאָלסט קומען צו הבדלה.

איך בין אויף יענער זייט טיר. איך פֿאַרזשמורע די אויגן פֿון דער זוניקער באַד און בלייב אַ ווײַלע זיך וואַרעמען ווי אַ קאַץ. אוי! ווי זיס עס איז די פֿרייהייט! אַפֿילו צו קיין חברים וויל איך נישט גיין. אַליין, בלאָנדזשען איבער די גאַסן. צוקוקן צום לעבן אַרום זיך. דאָס אומבאַמערקבאַרע באַמערק איך און זיס איז מיר פֿון דער פֿאַדשידנפֿאַרביקייט פֿון לעבן. זען מענטשן, אויפֿכאַפּן בילדלעך מיט ערנסטער באַאָבאַכטונג און יוגנטלעכער נײַגעריקייט.

דרימלען די גאַסן פֿון כאַנייקעס דעם שבת נאָך מיטאָג. אַן אַלטע ייִדענע מיט צוויי פּאָרברילן אויפֿן נאָז זיצט אין פֿענצטער איבער אַ תּחינה. זי שאָקלט זיך, קוקט גלייכגילטיק אין דער ווייטן און אירע ליפּן באַוועגן זיך שטיל, גאָטספֿאַרכטיק, פֿרום שעפּטשענדיק. אין צווייטן פֿענצטער שטייט אַ קליין מיידעלע מיט אַ באַרג רויטע סטענגעס, אַריינגעפֿלאָכטענע אין די האָר. איר פּנימל איז רויט, צעטשוויקעוועט, מיט גרויסע ליאַלקע־אויגן און לאַכנדיקע בעקעלעך. דערזעענדיק מיך, שטעקט זי שטיפֿעריש אַרויס אַ שפּיץ פֿון רויטן צינגל. צוויי חדר־ייִנגלעך לעקן אַ פֿאַרקאָן שטייען מיט פֿולע קעשענעס קנעפּלעך. איינער, מיט אַ צעשטופּלט פּנימל און מיט בלאָנדע קוטשמענעס האָר, שאָקלט די הויזן אין גליקלעכן עקסטאַז און שלעפּט אַרויס אַ באַרג מיט ניופּיקעס (קליינע קנעפּלעך) און דער צווייטער, אַ שוואַרצינקער, אַ דאַרינקער, מיט פֿעפֿערדיקע גלאַנציקע אייגעלעך, זעצט דעם טאָמבאַק (אַ סאָלדאַטקער מעשענער קנאָפּ) אין וואַנט, זיך ציליענדיק אין די קנעפּלעך. ביידע זייִנען צעפֿלאַמט, מוראַדיק פֿאַרטאָן, ווי עס וואָלט זיך דאָ געהאַנדלט אין קאַפּיטאַלן.

אין אַ שטוב דערנעבן זייִנען די פֿענצטער ברייט צעכראַשטשעט און אַן אַלטער ייִד מיט אַ צעפּעכערט געקרייזלטער באָרד שאָקלט זיך איבער אַ ספֿר, זינגט אונ־

טער אַ ניגון, קייט אַ שפּיץ פון באָרד און יאָגט אָפּ מיט אַ רויטער פּאַטשיילקע די פליגן, וואָס דרייען זיך עקשנותדיק אַרום אַ גלאָז טיי.

איך שנייד דורך אַ שטיק פעלד וואָס פירט פון כאַנייקעס צו פּיאַסקעס — שטיקער ליידיק פעלד. בערג פון מיסט און גריבער פון ליכטיקן זאַמד, וואָס יידענעס גראָבן אויס צו שיטן אויף דער פּאָדלאָגע פרייטיק נאָך מיטאָג, ווייל „שיטן פּיליניעס" קאָסט אַן אוצר מיט געלט. דאָס שטיק פעלד איז מיר ליב און טייער. דאָ פלעג איך פסח פאַרברענען דעם חמץ אין אַ סאָלדאַטסקער הילצערנער לעפל מיט אַ פּאָר שטיקלעך ברויט און מיט אַ גענדזענער פעדער, אַרומגעבונדן מיט אַ שטיקל ווייסן לייוונט פון אַן אַלטן צעריסענעם העמד. איך האָב ליב געהאַט צו זיצן שעהען־לאַנג און קוקן אויפן רויטן קנאַקנדיקן פייער מיטן ריח פון פאַרברענטן חמץ.

איך גיי אַרויס אויף פּיאַסקעס. אַ שיכורער גוי וואַקלט זיך אויף די פיס, גלעט די לאַנגע וואָנצעס, קוקט מיט פאַרסאָלאָוויעטע אויגן אויף די יידישע קינדער, וועלכע אַנטלויפן פון אים און שטייען פון דער ווייטן מיט נייגעריקייט און שרעק. און פון זיינע ליפּן, פון וועלכע עס רינט אַ שיכורער שפּייעכץ, קייקלען זיך ווערטער: — זשידי, זשידקי, מאַשעניקי.

פון אַ פענצטער שטעקט זיך אַרויס אַ קאָפּ מיט צעפּאַטלטע האָר פון אַ יידענע, וואָס שרייט צו דער גאַס צו איר טעכטערל, וועלכע האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף די „קלאַסן־שפּילן", טראָגנדיק אַ קופּערנע בונקע הייס וואַסער, גע־נומענע אויף „אַ קוויטל אין טשאַינע": — מירטשע! זגראַבנע ליאַלקע! וואָס גראַמאַזשעסטו זיך אַזוי לאַנג? די הייסע טיי וועט דאָך שוין זיין קאַלט, ווי פון אַ ליעדאָווניע.

צוויי מיידלעך, אין געבלומטע לייוונטענע שירצלעך, טאַנצן אויף איין פוס אין קרייד אָנגעצייכנטע „קלאַסן" און אַ כאַפּטע מיידלעך שטייען אַרום זיי און פּאַטשן מיט די הענטלעך צו דער געווינעריז. צוויי דערוואַקסענע פּופּצניאַריקע פריילייגס, כמעט „כלות", זיצן אויף אַ הילצערנעם בריקל און שפּילן אין טשייכעס, אונטערכאַפּנדיק פלינק אין דער לופטן, איבערקערנדיק די הענט. אַ בחור מיט אַ מיידל קוקן זיך ליבלעך אין די אויגן, אָנגעשפּאַרט לעם אַ טויער, קנאַקן יאַנ־דרעס, באַקוקן זיך מיט גלאַנציקע לאַכעדיקע אויגן און שיטן אַרויס מט אַ ווילדן געלעכטער זיך טורקענדיק אין די זייטן.

דער מאַרק אויף פּיאַסקעס איז ליידיק. די בודקעס — געשלאָסן. די טישן — איבערגעדעקט מיט ברעזענטענע לייוונטן. אַן עלנטער הונט לויפט אַדורך איבער דעם שטיל פאַרשטומטן מאַרק און שטעלט זיך פּלוצעם אָפּ לעם אַ פאַרטייעטער קאַץ, וועלכע פאַרשקעט בייז מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן, זיך אויפהויבנדיק אויף די שפּיץ נעגל.

איך שנייד דורך פּיאַסקעס, גיי פאַרביי „פּאַליאַקס אַפּטייק" לעם רבינס גאַס

— די איינציקע קראָם וואָס איז אָפן. אין די פענצטער שטייען אַרויסגעשטעלט ווייסע סלאָיִקעס מיט אַנגעקלעפּטע פּלעטלעך מיט לאַטייניש ווערטער. איך האָב דורך־ארץ און מורא פאַר דער אַפּטייק, בלייב אַ ווײַלע שטיין. די טיר פון דער אַפּטייק עפנט זיך, אַ כאַפּטע אויסגעפּוצטע שיבורע גויִים שיטן זיך אַרויס פון דאָרט, פירנדיק מיט זיך אַ יונגן שייגעץ מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן פאַרבלוטיקטן קאָפּ. די כלה, אַ דאָרפישע שיקסע מיט עפּל־רויטע באַקן, אין אַ ווייסן חופּה־קלייד, גייט פון הינטן אַ פאַרווייִנטע מיט פאַרבראָכענע הענט. מסתמא האָבן זיך גויִים צעשלאָגן אויף מעסערס אויף אַ דאָרפישער חתונה.

איך שפּאַציר אַריין אין פּלאַקערס גאַס (אַפּיצירסקע). מוידן מיט געפאַרבטע באַקן, אונטערגעשוואַרצטע אויגן, אין קורצע לייכטע העלע דורכזיכטיקע קליידלעך, זיצן אויף די גאַניקעס און ווינקען צו פאַרבײַגייענדיקע מענער. דריי סאָלדאַטן גייען פאַרבײַ, בלייבן שטיין, פאַררייסן די קעפּ צו די כאַכאַטשענדיקע מוידן, קוקן זיך איבער. איינער נעמט אַרויס אַ לעדערנעם טייסטערל, עפנט אויף, ציילט איבער די קופּערנע און זילבערנע מטבעות, גיט זיך אַ קראַץ אין די קורץ־געשוירענע האָר, נעמט זיך אַרום מיט זיינע חברים סאָלדאַטן און, אַרויפשפּאַנענ־דיק אויפן גאַניק צו די מוידן וואָס הויבן זיך אויף פון זייערע שטרויענע שטולן, פאַרשווינדן זיי אינעווייניק אין הויז מיט די געהיימנישפול אַראָפּגעלאָזענע פאַר־האַנגלעך הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס.

איך בין שוין נישט ווייט פון וואַלד. די קאָנטורן פון די הויכע ביימער, ווי פון אַ גיגאַנטישן בעזים, זעען זיך שוין נאָענט. עס דערהערט זיך אַ שפּילן פון אַ קאַטערינקע. אַ שוויסטשערײַ פון קינדערישע שטימען, אַ געזשום פון קולות. איך בין שוין ביי דער מאַיאָווקע. הילצערנע קאָלירטע פערדלעך, שליטלעך, דרייען זיך, הויבן זיך אַרויף און אַראָפּ. קינדערלעך מיט צעפּלאָטערטע בלאָנדע און טונ־קעלע קעפּלעך זיצן אויף די פערדלעך, צוהאַלטנדיק זיך אין די ניקלנע שטאַנגען און זייערע פנימלעך שטראַלן פון גליק. אַ יונגער שייגעץ מיט אַ ווילדער טשופּרינע האָר, אַ צעכראַשטשעטער האַריקער ברוסט, אין קורצע פאַרקאַטשעטע דרילבענע הויזן, באַרוועסערהייט, שפּרינגט פון איין קינד צום צווייטן, איינקאַסירנדיק די קאָפּיקעס. די קאַטערינקע צעקוויטשעט זיך מיטן באַרימטן ליד „נאַ טשטאָ מניע מאַט' ראָדילאַ" (צו וואָס האָט מיך די מאַמע אויף דער וועלט געבראַכט). אַ קליין בלאָנד מיידעלע וויינט מיט באַנומענע קולות, רייבט מיט אַ פויסטל די פאַרווייִנטע אייגעלעך, ציט זיך צו דער מאַיאָווקע און רייסט זיך פון די הענט פון דער מאַמען, וועלכע שילט בייז די מאַיאָווקע און שרייט צום קינד:

— אַ פאַרמעגן האָט זי מיר שוין פאַרטאַכליעוועט. באַלד צוויי קאָפּיקעס פאַר־פאָרן. און וויל נאָך. היינטיקע קינדער.

אַן אַלטער מאַן, מיט אַ ברוינעם, ציגיינערישן פנים, שטייט מיט אַ קעסטעלע „נביאות־בריוועלעך". אויף דעם קעסטעלע גאָרגלט זיך אַן אָפּגעקראָכענער פּאַ־

פוגאַי מיט אַ געלער נאַז, צוגעבונדן צום קעסטעלע אויף אַ פאַרזשאַווערט קייטעלע. דער פּאַפּוגאַי כאַרכלט אַפּגעריסענע שטיקער ווערטער און שלעפּט אַרויס, ציענדיק עטלעכע מאָל מיטן שפּיציקן שנאָבל, די קאָלירטע „נביאות־פּאַפּירלעך", וואָס זאָגן צו פיל גליק און ווײַטע רייזעס.

איך בין שוין ביי די סאָלדאַטסקע קאַזאַרמעס. אַ גרופּע סאָלדאַטן מיט רויטע צעפּאָרעטע פּנימער פון שוויצבאָד און פריילעך אויסגעוואַשענע אויגן מאַרשירן מיט די בעזימלעך און האַנטעכער אונטערן אָרעם און זינגען אין כאָר נאָך דעם ערשטן „זאַפּיעוואַלאַ" (סאָלאָ) וואָס הויבט אָן דאָס ליד, באַגלייט מיט אַ מויל־פּייפּעניש. זיי זינגען דאָס באַקאַנטע סאָלדאַטסקע ליד פון פּאָניעס תורה „דיעווקי וו'ליעס" מיט פאָלגענדן אינהאַלט: — מיידלעך אין וואַלד, איך נאָך זיי, מיידלעך אין פעלד, איך נאָך זיי, ווו די מיידלעך — דאָרט בין איך.

דריי באָרוועסע שיקסלעך גייען פאַרביי, טראָגנדיק די הויכע שיך מיט שנוראָווקעס איבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען. דער גאַנצער ווזוואָד סאָלדאַטן דרייט אויס די קעפּ צו זיי, באַטראַכטן זיי ציניש שמייכלענדיק, שיטנדיק מיט גלייכווערטלעך, ווינקענדיק מיט די אויגן. די בלאָנדע שיקסעס מיט באַקן אין זומערשפּרענקלעך און רויט ביז צו די אויערן, כיכיקען פריילעך שעמעוודיק, שטיקנדיק זיך פון געלעכטער און באַגראָבן די פּנימער אין די קאָלירטע שירצן.

ריחות פון גרינע ביימער. שאָטנס פון קילן ווינט. גרין־געלע בלעטער צע־שאָטענע אין זאַמד. גרופּקעס און פּאָרלעך שפּאַצירנדיקע באַגעגענען מיך ביים אָנהויב וואַלד, וואָס פירט צום פּאַרק ראָסקאָש.

טונקל־גרויע פּאַסן האָבן באַפּאַרבט דעם הימל. די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן. אַ רויטער קויק פון דער גליענדיקער זון האָט זיך געראַנגלט פאַרן אונ־טערגיין, נאָך אַ מאָל מיט אָנשטרענגונג אַרויפגעקראָכן צום הימל פון ווייטן מיט רויט בלוטיק באַפּאַרבטן האָריזאָנט, זיך דורכגנבענענדיק דורך די שיטערע ביימער פון צערטלס וואַלד, ער האָט זיך אָבער מאַכטלאָז צוריקגעצויגן זינקענ־דיק נידעריק און איז פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך רויטע פייערדיקע שטרייפן ווי געגליט אייזן אין בלוילעכן הימל. עלעקטרישע לעמפּלעך אויףביידע זייטן סלופּעס פון זאַמדיקן שאָסיי האָבן זיך אָנגעצונדן. די שטאָטישע ביאַליסטאָקער „קאָנקע" איז מיט אַ געקלינגעריי פון פּוסדרוק פון קאָנדוקטאָר פאַרבייגעקראָכן צום פּאַרק ראָסקאָש. געפירט דורך צוויי דאַרע קליינע פאַרשוויצטע פערד, פון וועלכע עס האָט געשלאָגן אַ הייסע פּאַרע. די פּאַסאַזשירן: שוליוגנט אין סטו־דענטישע היטלעך, מענער אין האַרטע קאַפּעליושן (קוגעלניקלעך), דאַמען מיט גרויסע געלע שטרויענע היט, אין העלע זומערדיקע קליידער און מיט ווייסע שירעמלעך אין די הענט, זיינען מיט ווירדע געזעסן אויף די בענק פון דער אָפענער קאָנקע, לעם די פּאָלירטע הילצערנע שטאַנגען. ייִנגלעך מיט שוואַרצע

לוסטרינענע אָנצוגלעך, אין היטלעך מיט פּאַרדרייטע דאַשקעס און גרויסע פּאַר־שטויבטע שיך, האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אין מיטן פּאָרן און זיינען נאָכגעהאָנגען פון הינטן, כדי צו כאַפּן אַן אומזיסטע „יאַזדע", און נערוועז געקוקט פון הינטן צום קאָנדוקטאָר, ווישנדיק מיטן אַרבל די נאָז. איינציקע איזוואָזטשיקעס פּאָרן צוריק פון וואַלד און די דאַרע שקאַפּעס קריכן פויל, פּאַמעלעך, קייענדיק היי פון אַ זאַק אָנגעבונדן צו זייער האַלדז. די איזוואָזטשיקעס אין גלאַנציקע צעראַטענע היטלען, כוואַשטשענדיק מיטן בייטש פון צייט צו צייט אין דער לופטן, זיצנדיק אויפן געזעס פון דער „רעזינקע" — די מאָדערנע דראָזשקע אויף גומענע רעדער — באַגעגענען די „קאָנקע" און באַשיטן זי מיט קללות, קוקנדיק בייז אויף די „קאָנקע"־פּאַסאַזשירן.

פון דער ווייטן זעט זיך שוין ליכט פון בליצלאָמפּן פון די ווערענדעס פון די דאַטשעס. אַ סך עלעקטרישע לאָמפּן, ווי גרויסע ווייכע מילכיקע פּילקעס, אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן הילצערנעם פּאַרקאַן, וואָס פּאַרלירט זיך אין די פיר עקן פון גרויסן וואַלד, זאָגן מיר אָן, אַז איך בין שוין לעם פּאַרק ראַסקאַש. איך דערנענטער זיך לאַנגזאַם מיט פּאַררייסענע אויגן צום פּאַרק, ווי אַ היפּנאָטי־זירטער. אומצייליקע לאָמפּן ווינקען צו מיר. איך בלייב שטיין. עפּעס אַ געהיימע קראַפט ציט מיך צוריק אין שטאָט. עס באַווייזט זיך מיר פאַר מיינע אויגן דער גוטער צאַרטער ליבשאַפטלעכער פּנים פון מיין מאַמען, וועלכע שווימט צו מיר אין דער לופטן און אירע ליפּן שעפּטשען: — יאַנקעלע, פאַרגעס נישט קומען צו הבדלה. איך פּרוּוו אָפּיאָגן דאָס געשטאַלט, אָבער די ווערטער קלינגען מיר איצט גאָר נאָענט און פיל שטאַרקער ווי זיי וואָלטן מיר אין אויער אַריינגעשריען:

— יאַנקעלע! פאַרגעס נישט קומען צו הבדלה.

איך בלייב שטיין פאַרחלומט לעם אַ בוים. איך טראָג זיך איבער אין פאַנ־טאַזיע אין דער היים. עס שוועבט פאַר מיינע אויגן מיין טאַטנס שטוב, אין דעם שבת פאַרנאַכט. די פינצטערניש ווערט געדיכטער. עס באַווייזן זיך שטערן אין הימל. דער טאַטע שאַרט אָפּ דאָס פּאַרהאַנגל און קוקט אַרויס צום בלוילעכן האָריזאָנט. מיין טאַטע, דער אינטעליגענט, איז צוגעבונדן צו יידישקייט, היט די יידישע מנהגים און פאַרפעלט נישט קיין הבדלה. ער צינדט אָן אַ גרויסע ליכט פון קאָלירטן געפלאָכטענעם חלב, הויבט אויף מיין האַנט מיטן ליכטל גאָר הויך (אַ סגולה צו הויך וואַקסן). דאָס פלעמעלע וואָרפט זיך, בויגט זיך אין אַלע זייטן. מיין מאַמע קוקט אויפן פלעמעלע און די אויגן אירע זיינען פייכט. זי מורמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, באַוועגנדיק שטיל מיט די ליפּן. מיין ברודער דוד קוקט פאַרטראַכטערהייט אויף דעם פלעמעלע און, לויט זיין געוווינהייט, קאָלופּעט ער די נאָז. אונדזער גרויע קאַץ זיצט אויף אַ שטול מיט די פיסלעך אונטער זיך און אירע האַלב־פאַרזשמורעטע גנבישע אויגן קוקן נישט פינטלענדיק אויף דעם פלעמעלע פון דעם הבדלה־ליכט.

מיין טאַטע שטייט אויסגעצויגן, ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך, מיטן זיל־בערנעם בעכער אין האַנט, האַלב צוגעמאַכט די אויגן, פאַרריסן דעם קאָפּ צום סופיט און זיין מעלאָדיש קלינגענדיקע שטימע ציילט דייטלעך יעדעס וואָרט: — „הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד...״ — און איך פאַרטייטש אין זיך די ווערטער מיט מיין פּאַטעטישער אויסטייטשונג: „אָט דאָ שטיי איך פאַר דיר, גאָט אַלמעכטי־קער, און קוק אויס צו דיין הילף! קיין זאַך שרעקט מיך נישט, ווייל איך גלויב אין דיר און איך בין זיכער אין דיר״.

איך רייס אויף מיינע אויגן. דאָס בילד פון מיין מאַמעס היים פאַרשווינדט. די אומצייליקע פייערדיקע עלעקטרישע לאָמפּן ציען צו זיך, רופן מיך. אַן אומ־פאַרשטענדלעכע סודותפולע וועלט ווינקט צו מיר פון דאָרטן. דאָס יונגע הערצעלע קלאַפּט פון נייע פאַרגעניגנס, וואָס דאָס צוקונפטיקע אומבאַקאַנטע לאָקנדיקע ציט צו זיך אין דעם בילד פון דער בלויער אויסגעשטערנטער נאַכט אין דעם פיל צוזאָגנדיקן העל באַלויכטענעם פּאַרק ראָסקאָש.

צערטלס וואַלד

זומער. שבת נאָך מיטאָג. אַ רויִקע וואַרעמקייט קנוילט זיך איבער דער שטאָט און טרייבט מענטשן צום וואַלד. שאָקלט זיך דער וואַלד מיט זיינע גרינע ביימער־שפּיצן, ווי רופנדיק צו זיך. דער וואַלד הייבט זיך אָן דאָרט, וווּ עס ענדיקט זיך דער „זווערינעץ״ און עס באַווייזן זיך די סאָלדאַטסקע קאַזאַרמעס מיט די לאַנגע געקאַלעכטע פּירקאַנטיקע געביידעס פון וועלכע עס דערטראָגט זיך און פאַרפלייצט די געגנט און קיצלט אין נאָזלעכער דער ריח פון פּאַניעס סאָל־דאַטסקער קאַפּוסטע. עס הערן זיך פון דאָרט רוסישע זעלנערישע לידער מיט געמאַכטער סאָלדאַטסקער העלדישקייט, פאַרבראָקט מיט טענער פון בענקשאַפט, בענקשאַפט נאָך דער מוטערל רוסלאַנד, נאָך די ברייט־פעלדיקע רוסישע לאַנד־שאַפטן, נאָך די זונטיקדיקע טענץ און לידער באַגלייט מיט גאַרמאָשקע, בענק־שאַפט נאָך דער דאָרפישער שיקסע אין דעם קאַלירטן קאָפּטיכל, און נאָך דער היימישער הילצערנער כאַטע און נישט־באַאַרבעטער ערד.

דערטראָגן זיך די סאָלדאַטסקע לידער צו די ייִדישע בחורים און מיידלעך, וואָס פילן אָן דעם וואַלד אין דעם שבת נאָך מיטאָג, און מישן זיך אויס מיט זייערע ייִדישע לידער, מיטן יידישן סקאַרבאָוון קרעכץ און מיט די שטילע פאַר־שטיקטע טרערן־ניגונים, פאַרבראָקט מיט אַ חזנישן ניגונדל.

*

דער „גרינער וועג" פון וואַלד איז באַזייט מיט פּאַרלעך און גרופּקעס. שטילע מעלאַנכאָלישע טענער פון „מאַרגעריטקעלעך" מישן זיך צונויף מיט „רייזעלע דעם שוחטס". דער צאַרטער ניגון „אויפן פּריפּעטשיק" ווערט פאַרטרונקען אין שאַליאַפּינס אַ נאָכגעמאַכטן באַסאָוון „בלאָכאַ" (דער פלוי). אַ פּאָרל גייט געאָרעמט קוקנדיק זיך אין די אויגן און קיינעם נישט זעענדיק, צוגעטוליעט צו זיך מיט די קעפּ. אַ חדר־יינגל יאָגט נאָך אַ זומער־פערדל, און עס גייט אים אין לעבן אַריינהאַקן אַ שפּילקע אין ווידל פון דעם ווילד אַנטלויפנדיקן באַשעפעניש. אַן אַלט פּאָרל קריכט מיט וואַקלענדיקע טריט. ער, צופּנדיק דאָס גרויע בערדל פּאַרטראַכטערהייט און פּאַכענדיק מיט דער שוואַרצער, לוסטרינענער מאַרינאַרקע, און זי, קאַטשענדיק זיך אויף די געשוואָלענע פיס, צוקרעכצנדיק.

אַ קאַוואַליער קנאַקט ווייסע יאַנדרעס, פּאַכמעניש אויסשיילנדיק די יאָנדרע, און האַלט דזשענטלמעניש דאָס ברוינע זעקעלע צו דעם פּאַרשוויצטן מיידל מיט די רויטן באַקן, וואָס הינקט לייכט אונטער אויף איין פוס פון די לעדערנע הויכע ענגע שיך, פּאַרקנעפּלט אויף צוואַנציק קנעפּלעך. פליגן און בינען טראָגן זיך אַדורך מיט געזשומעריי, מיט אַן עראָפּלאַנען־שנעלקייט לעם די אויערן מיט זייער געזאַנג. אַ חתן־בחור מיט אַ פּאַפּירענעם הארטן קראַגן, אַ פּאַפּירענער מאַנישקע און אַ שוואַרצן אין אַ זייט פּאַרפּאָרענעם שלייפעלע, רוקט דעם פינגער אין האַלדז — אַריינלאָזן דאָרט אַ ביסל לופט און ווערט אָפּגעגאָסן מיט שווייס. זיינע שיך זיינען ווייס פּאַרשטויבט און ער ווישט זיי פון צייט צו צייט פון הינטן אין שפּיץ פון די הויזן. דאָס כלה־מיידל לעם אים, אַ גראָבע קורצע קלעצלדיקע מויד, אַן איינגעשנורעוועטע אויף גוואַלד אין אַ קאָרסעט, וואָס שפּאַרט אַרויף אויבן אַ פּאָר ברייטע אַנגעגאָסענע ברוסטן, ווי ביי אַ לאַנגיאַריקער אַם. די כלה ווישט דאָס פּנים מיט אַ ברייטן אַרבל פון דער ציצענער בלוזקע און וואַרפט אין מויל אַריין גרינע ווייכע האַריקע אַגרעסטן צו דערכאַפּן די נשמה.

דער שלענגלדיקער „גרינער וועג" פון וואַלד ענדיקט זיך און פירט אַרויס צו אַן אָפענעם דרייעק פון טומלדיקן שבתדיקן האַנדל, פּאַרק ראַסקאָש און צע־זייטע ווערענדעס, צווישן די גרינע סאָסנאָוועס און ברעזשענע ביימער.

דער פּאַרק ראַסקאָש איז אָפּגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן וואָס רינגלט אים אַרום ווי אַ גן־עדן, און באַהאַלט אים אויס פון די ביאַליסטאָקער קבצנישע יינגלעך און בחורימלעך, וואָס זוכן עולם־הזה־פּאַרוויילונגען אָן צו באַצאָלן און זיינען מאַדימס זיך אַריבערצוכאַפּן איבערן פּאַרקאַן. די דאַטשעס אַרום זיינען באַזעצט מיט ביאַליסטאָקער סוחרים, וואָס פּאַקן איין יעדעס יאָר נאָך פּסח די הילצערנע אָפּגעקראָכענע פּאַליטורע־בעטן פּאַר דעם הער און דער מאַדאַם, די שלאָפּבאַנק פּאַר דער דינסט, אַ פּאָר פּערענעס פון פּוך פּאַר די קאַלטע נעכט, די מילכיקע און פליישיקע כלים, אַ לאָקשנברעט, אַ וואַלגערהאָלץ און אַ פּאָר דוניצעס. דאָס אַלץ ווערט אַנגעגרוזעוועט אויף אַ דראָגנוואָגן, אויף וועלכן מען

קליגלט זיך נאָך אַרויפצוגרוזעווען אַ פערטל אַכטל ברעזשענע האָלץ צו הייצן די ליימענע פּליטע.

✶

אין דעם דרייעק פון צערטלס וואַלד, לעם פּאַרק ראַסקאָש, גייט אַ לעבעדיקער שבתדיקער האַנדל. אַ יונגערמאַן אין אַ ראָזן רעוואָלוציאָנערן העמדל, אַ געשלאָסנס ביז צום האַלדז, טראָגט אויפן קאָפּ אויף אַן אויסגעבעט קישעלע, אַ גלעזערנעם געשיר מיט ציטרין־וואַסער, אין וועלכן עס שווימען אַרום אַ פּאָר פּאַריתומטע שטיקלעך אייז, און שרייט אויס יעדע פּאָר מינוט מעכאַניש: — אַ קאַלטער טרונק!... אַ קאַלטער טרונק! אַ קורצער ייִד מיט אַ רויטער בולוועזאַ, אין אַ שירץ וואָס איז אַ מאָל געווען ווייס, און איז היינט פול מיט רעגנבויגן־קאָלירן, שטייט לעם אַ וועגל פון מאַראָזשענאָיע און שרייט אויס, פאַררייסנדיק דאָס קעפּל ווי אַ האָן אויף אַ פּאַרקאַן:

— סאַכאַרנאָיע מאַראָזשענאָיע! סאַכאַרנאָיע מאַראָזשענאָיע!

אַ קליין ייִנגל מיט איין שוך און איין פוס אַרומגעבונדן מיט אַ טיכעלע, לעקט פון אַ בלעכעלע דאָז־פּאַרביקע מאַראָזשענאָיע, אַ פאַרהאַסעוועטער, אַ פאַרשוויצטער, אָבער אַ גליקלעכער און ווישט מיטן אַרבל אַ פּליסקייט פון נאָז וואָס האָט זיך פאַרלייגט מיט אַלע כוחות אַריינצורינען אין די מאַראָזשענאָיע... אַ ייִדענע מיט אַן איבערגעדעקטער קאַפּטוך שטייט לעם אַ טישל און פּירט אַ לעבעדיקן האַנדל מיט קונים, וואָס טאַפּן און קוקן מיט זשעדנע אויגן אויף דער אויסגעשטעלטער סחורה: אַ טאָוולנע שאַכטל מיט קיטשמיטש (אַזאַ זיסער טייג מיט ראָזשינקעס), אַ בלעך לאַנדרין־צוקערקעס, ברוינע און געלע איריסלעך, גרויע, צוגעברוינטע גרעטשענע אולניקלעך.

אָט שטייט אַ יונג מיידל מיט אַ געפלאָכטענעם קערבל מיט אַרבעס, יאַנדרעס און באָב, אָנגעשפּאַרט לעם די פיס. אַ הויכער דאַרער בחור, מיט אַ קנאָפּיק גאַרגלדיקן האַלדז און צעכראַשטשעטער ברוסט, דינגט זיך מיט דעם מיידל איבער דעם מעסטל באָב. זי לייגט אים צו נאָך צוויי באָבעס אויפן ווערד פון מעסטל און דער בחור, אַ צופרידענער פון דער מציאה, וואַרפט קונציק די באָב אין דער לופטן און כאַפּט זיי אין מויל. אַ קליין דאַר איינגעטריקנט ייִדל מיט אַ ווייסער בעלמע אויפן אויג, מיט אַ פאַסיק איבערן האַלדז, צוגעבונדן צו אַ ברעטל אויס־געבעט מיט אַ ווייסן טישטעכל, פאַרקויפט פירקאַנטיקע צוקערקעס, באַשאָטן מיט רייז און זינגט אויס אויפן קול, מיט אַ ספּעציעלן גוט באַקאַנטן מאָטיוו: זאָלאָטאָי טאָוואַר, זאָלאָטאָי טאָוואַר כאַראָשי (גאָלדענע סחורה, גוטע)... טראַ־ליאַ־ליאַ, טראַ־ליאַ־־ליאַ ליאַ לידל, לידל ליאַם...

אַ קוליאַוּוער גוי, מיט אַ רויטער פּאַטשיילקע אויפן האַלדז און אַן אָפּגעקראַ־כענעם שוואַרצן פּליושענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, דרייט אַ קאַטאַרינקע וואָס פאַרהילכט די לופט מיט דעם רוסישן ליד: „נאָ טשטאָ מניע מאָט ראַדילאַ" —

און פאַרענדיקט מיט „אַ בריוועלע דער מאַמען". די בחורים און מיידלעך, שיילנ־דיק יאַנדרעס און טשמאַטשקענדיק לאַנדרין־צוקערקעס, כאַפּן אונטער דעם ניגון און וואַרפן דאַנקבאַרע בליקן צום קאַטאַרינשטשיק און קופּערנע גראַשנס אין דעם אָפּגעקראַכענעם קאַפּעליוש, וועלכן דער גוי שטרעקט אויס, זיך בויגנדיק אין דרייען אונטערטעניק, באַגלייטנדיק מיט זיין חניפהדיקן שמייכל און רוסישן „ספּאַ־סיבאָ, בראַטצי ראַדניע"...

אין אַ ווינקל, אויף אַ הויכן בערגל, שטייט אַ ייִדענע מיט אַ געלן צע־שטופּלטן פּנים אין שפּרענקעלעך, לעם אַ טישל מיט גלעזערנע סלאָיעס מיט סאָק און אַ גרויסן קופּערנעם סיפאָן מיט סאָדע־וואַסער אַריינגעשטעקט אין אַ באַלייע מיט אייז. אַ קליין מיידעלע, מיט אַ פאַררִיסן נעזעלע און בלאָנדע פאַר־פלאָכטענע צעפּלעך, זינגט אויס מיט אַן אויסגעצויגענעם קולכל:

— גיט מיר אַ גלאָז סאָדע־וואַסער מיט מאַלינקעס־סאָק, מאַלינקעס־סאָק. און ווען די קרעמערקע גיסט אָן פאַרזיכטיק אַ קאַרגלעך לעפעלע סאָק, בורטשעט די מאַמע פון דעם מיידעלע: — נישקשה! אַז איר נעמט אַ קאָפּיקע פאַר אַ שפּריצל וואַסער, מעגט איר געבן אַ ביסל מער סאָק. אַ ייִדענע זאָל וועלן רייך ווערן פון אַן אָרעם קינד.

✶

דער פאַרנאַכט פאַלט צו. די דאַטשניקעס וואָס האָבן זיך שוין אויסגעטשוכעט פון דעם שבתדיקן נאָכמיטאָגדיקן דרימל, הויבן זיך אָן באַווייזן אויף די וועראַנ־דעס, ציִענדיק זיך, רייבנדיק די אויגן מיט רויט־פאַרלאָפענע באַקן, פון נאָך נישט קיין אויסגעניכטערטן שלאָף. די וועראַנדעס ווערן פול מיט געסט. משפחה וואָס איז געקומען פון שטאָט אויף אַ באַזוך, אַריינכאַפּן אַ ביסל פרישע לופט און אָפּעסן אַן אומזיסטן מאָלצייט, בפרט נאָך אַזאַ שפּאַציר, ווען דער מאָגן צע־שפּילט זיך און דער אַפּעטיט ווערט אַ וואָלפישער. עס באַווייזן זיך אויפן טיש היימיש געבאַקטע בומל־חלה, טאָרט, האָניק־לעקעך, וואָס רינגלען אַרום דעם גרויסן קופּערנעם סאַמאָוואַר, וואָס זידט און בולקעט און שטייט הויך מאַיעסטעט־טיש, גאַווהדיק, אַרומגערינגלט ווי אַ זיידע מיט די אייניקלעך, מיט די גלעזער און טעצלעך איינגעמאַכטס און צעשניטענעם ציטרין, אין איין רייע מיט די גרויסע גלעזערנע פולמעסן פול מיט פּרוכט.

איך בלייב שטיין לעם אַזאַ וועראַנדע און דערפיל אַ בורטשעניש אין בויך. מיין יונגער מאַגנדל צעשפּילט זיך און מאָנט זיין חוב. דערמאָן איך זיך, אַז דער אָנקל מלך דאַרשין, מיין מאַמעס ברודער, דער גביר פון אונדזער משפחה, דער רייכער טוך־קאָמיסיאָנער, וואָס קלאַפּט טאָג און נאַכט דעפּעשן קיין טיף רוסלאַנד, אין ווייטן סיביר, און נאָענטן לאָדזש, האָט נישט ווייט פון דאַנען געדונגען אַ דאַטשע און איך פאַרקערעווע זיך אַהין.

פון דער ווייטנס זע איך שוין דעם אָנקל מלך, ווי ער זיצט רחבותדיק אין

אַ ברייטן שטרוי־געפלאָכטענעם שטול, אין אַ זיידענער קאַפּאָטע, אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל, פון וועלכן עס זעען זיך אַרויס די שפּיצן פון אַ בלאַנק־ווייסן זויבערן העמד. דער טיש איז סערווירט מיט טעלער, טעצלעך, גלעזער, גלעזעלעך און עכטע פּראַזשעט־גאָפּל, לעפל און מעסער. פּאָלוימעסלעך מיט סמעטענע, געבלומטע טעלער מיט טרוסקאַווקעס, שוואַרצע יאַגדעס, רעטעכלעך מיט שטשיפּיאָר, אַ קויש מיט פאַרשידענע געבעקס און אַ ריזן־גרויסע געפלאָכטענע חלה מיט אַ ברוין־רויטער קידקע; און אַרום טיש פּאַדעוועט אַרום אַ צעיאָכמערטע די פול־לייביקע טאַנטע יאַכע, וואָס קאָמאַנדעוועט צו דער דינסט אין קיך אין אַ באַפעלערישן טאָן.

איך קום אַרויף שעמעוודיק אויף דער וועראַנדע. די טאַנטע יאַכע דרייט אויס דעם קאָפּ צו מיר און, נישט אויפהערנדיק צו סערווירן דעם טיש, גיט זי אַ זאָג מיט איר ענערגישער שטימע:

— נו יאַקאָוו! וואָס שטייסטו? ביסט דאָך מסתמא הונגעריק, איז זעץ זיך! וואָס מאַכט די מאַמע? דער טאַטע מסתמא איז נאָך דער זעלבער שלימזל? אַ רחמנות אויף דער מאַמען, אַ געראָטענע, נאָר האָט נעבעך נישט קיין מזל. נו קום, זעץ זיך, זעץ זיך עסן.

דער אָנקל מלך רייסט אָפּ דעם קאָפּ פון אַ יידישן ספר, נעמט אַראָפּ די ברילן און גיט צו:

— נו, יאָ! וואָס מאַכט די מאַמע? שוין לאַנג זי נישט געזען.

איך באַוויז נישט צו ענטפערן, ווי עס שיט זיך אַריין פון די הינטערשטע צימערן אַ כאַפּטע אָנקל מלכס אייניקלעך, טאַנטע יהודית ראַזענטאַלס קינדער: ראָזע, דאַרע און ניאָמקע; טאַנטע כייטשע שוסטיצקיס קינדער: ציליע און סאָשע (די שפּעטערדיקע פּרוי פון ד"ר רייגראָדסקיס זון). זיי זעצן זיך אַרום טיש. איך בין פאַרשפּאַרט אין אַ ווינקל. איך בין דאָך נישט מער ווי דער אָרעמער טאַנטעס זון און זיי זיינען די רייכע קאָמערסאַנטקעס און גימנאַזיסטקעס, מיט נייע מונדירן און מעשענע קנעפּ. און זיי זאָגן מיר אפילו נישט קיין „זדראַסטוויטיע”. איך ווערג זיך מיטן ביסן. מיין שטאָלץ בונטעוועט זיך אין מיר. זיי רעדן וועגן „קלאַסנע אוראָקן” וועגן „סטיכאָטוואָרעניעס” און פּאָעזיע... ניאָמקע קאָן זיך נישט דערמאָנען ווער עס האָט געשריבן וועגן פּיאָטר דעם גרויסן. איך מיש זיך אַריין. איך דערמאָן אים און הויב אָן אין רוסיש צו דעקלאַמירן די באַרימטע פּאָעמע „קטאָ אָן” געווידמעט דעם רוסישן צאַר פּיאָטר דעם גרויסן:

— „ליעסאָס טשאָסטים אי דרעמוטשים, פּאָ טראָפּינקאַם אי פּאָ מכאָם, יעכאַל וסאַדניק פּראָביראַיאַס, ק'סוויעטלים ניעווסקים בערעגאַם”...

(אין אַ געדיכטן ווילדן וואַלד, פול מיט מאָך און ווילדע וועגן, פאָרט אַ רייטער, קלייבט זיך דורך, צו די ליכטיקע ניעווע־ברעגן...)

איך פאַרגעס אין מיין שעמעוודיקייט און פאַל אַריין אין עקסטאַז, אַקצענטי־רנדיק יעדן רוסישן זאַץ און ענדיק דעקלאַמירן די פּאָעמע ביי אַן אַלגעמיינער

איינגעהאַלטענער שטילקייט; און ווען איך ענדיק, אַפּלאַדירן זיי אַלע, און זיס איז מיר דער צערטלעכער בליק פון מיינע שיינע קוזינעס וואָס האָבן מיך פלוצלינג דערזען, אַזוי אַז מיין קוזינע צילִיע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט:

— יאַ סאָוויערשעננאַ ניע זנאַלאַ, טשטאָ יאַקאָוו טאַק כאַראַשאָ וולאַדיעיעט רוסקים יאַזיקאָם. (איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז יאַקאָוו באַהערשט אַזוי גוט די רוסישע שפּראַך). אין ציליעס אומשולדיקער באַמערקונג איז געלעגן דער גאַנצער טראַגיזם פון יענער רוסיפיקאַטאָרישער עפּאָכע: וואָס פאַר אַ מענטש איז מען, אַז מען קען ניט קיין רוסיש? דאָס אייז איז געבראָכן. איך ווער אַ זייעריקער און דאַך פיל איך זיך פרעמד. ווי שטענדיק בין איך צו עמפּינדלעך. איך צי זיך צוריק און באַהאַלט זיך אין מיין איינזאַמקייט.

איך זעגן זיך מיט מיין מאַמעס ברודער, דעם אַנקל מלך דאַרשין, דעם חסיד מיט דער קאַפּאָטע און גאַרטל, און מיט זיינע שיינע רוסישע אַסימילירטע אייניקלעך, וואָס טרוימען שוין פון אַנדערע וועלטן, וואָס זיינען ווייט אַוועק פון יידישקייט און חסידיזם.

✱

אַכט און דרייסיק יאָר שפּעטער, אין יאָר 1951, האָט מיין מאַמעס ברודער, מיין אַנקל, דער פרומער חסיד אין קאַפּאָטע און גאַרטל, באַקומען זיין שטראָף דריי־און דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט (ער איז געשטאָרבן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער שטאָט ווו ד״ר יוסף כאַזאַנאָוויטש איז געשטאָרבן). מיין קוזינע סאַשע שוסטיצקי, איינע פון די העלדינס פון דעם עפּיזאָד אין צערטלס וואַלד אין יאָר 1913, האָט זיך געראַטעוועט אין 1939 מיט איר מאַן ד״ר רייגראַדסקיס זון קיין שוועדן. זי האָט זיך דאָרט מיט אים געגעט און געקומען קיין אַמעריקע. און ווען איך האָב איין מאָל באַזוכט דעם „וועלט־אַמבאַסאַדאָר״ פון די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט — וואָס טראָגט אויף זיך די זאָרגן פאַר די ביאַליסטאָקער פון דער גאָרער וועלט — מיין פריינד רעדאַקטאָר און דירעקטאָר פון ביאַליסטאָקער צענטער דוד סאָהן, האָב איך צו מיין דערשטוינונג געטראָפן אין זיין אָפיס מיין קוזינע סאַשע, וואָס איז געקומען וועגן אַן אינפאָר־מאַציע. שוין אַ ביסל אָפּגעבליאַקעוועט, אָבער דאָך די שיינע עלעגאַנטע אַריס־טאָקראַטישע סאַשע מיט מאַניערן פון אַ סאַלאָן־דאַמע, פון אַדעליקן אָפּשטאַם. זי האָט זיך באַגריסט מיט מיר אין אַ גוטן רוסיש, שפּעטער אין אַ שוואַכערן דייטש, און נאָך שפּעטער אין אַן ערגערן פראַנצויזיש, אפילו אין געמאַטערטן ענגליש. אָבי נישט אין יידיש, וואָס זי קען זייער גוט, ווייל קיין אַנדערע שפּראַך האָבן אירע עלטערן נישט געקענט. זי איז געבליבן די זעלבע פאַרביסענע אַסימילאַטאָרקע, אויסגעוואַקסן און איינגעפלאַנצט אין דער דעמאָלט רוסיפיצירטער סביבה.

אָבער די „מאַמע יידיש״ איז אַ מוראדיקע נוקם ונוטר. זי שטעלט צו אַ גרויזאַמען חשבון, פריער אָדער שפּעטער, פאַר די וואָס אַנטלויפן פון איר.

מיט אייניקע וואָכן צוריק, רופט מיך אָפּ אַ באַקאַנטע פרוי און גראַטולירט מיר אין אַ סאַרקאַסטישן טאָן: — יעקב! עס קומט דיר אַ מזל־טוב! דו האָסט באַרייכערט דיין יחוס... דיין קוזינע סאָשע האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסט, אַ דייטשישן קריסט און נאָך אַ פּאַן, פון די אַדעליקע.

און עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך באַקומען צוגעשיקט פּערזענלעך פון סאָשען אַן אָפיציעלע מיטטיילונג, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסט פון דייטשישן אַדל, מיט אַ חשובן מיטגליד פון די דייטשישע פּאַן׳ס. חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכן דייטש, מיט אַ זון פון קין־פאָלק, וואָס האָט אויסגעמאָרדעט מיין משפחה, איר משפחה, און פילע מיליאָנען פון אונדזער אומגליקלעכן יידישן פאָלק.

דאָס איז דער שרעקלעכער פּרייז, וואָס מיין אָנקל, דער פרומער חסיד אין דער קאַפּאָטע, האָט באַצאָלט פאַר דערלאָזן דערציען זיינע אייניקלעך אין פאַלשן פוסטן שטאָלץ צו פרעמדע שפּראַכן און קולטורן און פאַר אָפּגעפרעמדקייט פון דער יידישער שפּראַך פון יידישע טראַדיציעס און פון יידישן פאָלק.

פּאַרק ראָסקאָש

זומער, שבת פאַרנאַכט, צערטלס וואַלד. בלוילעכע שאָטנס פאַרציען דעם הימל ווי מיט אַ גיגאַנטישן פאַרהאַנג. די רויטע פלאַם־פייערדיקע זון פאַרגייט אין ווייטן, ווייטן האָריזאָנט, זיך ראַנגלענדיק, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט אָפּ־טרעטן, שיקנדיק אירע רויטע פייערדיקע פּראָזשעקטאָרן אין די שייבלעך פון די דאַטשעס, אָנצינדנדיק זיי ווי אַ שׂרפה. פּריצייטיקע שטערנדלעך שפּרינגען אַרויס שטיפעריש אומגעדולדיק, ווי די ערשטע געסט אויף אַ חתונה.

פון דער ווייטן קלינגט דאָס גלעקל פון דער באַלויכטענער קאָנקע וועלכע איז אָפּן פון ביידע זייטן און ברענגט פּאַסאַזשירן פון שטאָט, אין העל־זומערדיקע קליידער מיט פריילעך לאַכנדיקע פּנימער און קלינגענדיקע שטימען. קלאַפּן פריי־לעך די פערדישע קאָפּיטעס און די פערד, דרייענדיק מיט די ווידלען פאַרסאָפּעטע, פאַרשוויצטע, ברענגען צו אַלץ פרישע פּאַסאַזירן צום פּאַרק ראָסקאָש.

פאַבריקע פלאַקאַטן, צעקלעפּט אויף די פּאַרקאַנעס און קיאָסקן אין שטאָט, מיט דער אונטערשריפט פון אַלמעכטיקן פּאָליציי־מייסטער ראָטמיסטער פּולאַן, מעלדן וועגן דעם הייליקן צוועק פון דער „גוליאַניע״ פאַר די נויטבאַדערפטיקע שילערס פון דער קאָמערץ־שולע. ברענגען די קאָנקעס אַלץ פרישע פּאַסאַזשירן און פילן אָן מיט טומל און געלעכטער צערטלס וואַלד.

די וועראַנדעס פון די דאַטשעס ווערן אויפגעלעבט. אויף איין וועראַנדע שטייט אַ גרופּע ייִדן און דאַוונט געשמאַק מעריב. אַ ייִד מיט אַ זויבער־ווייסער צעקעמטער פראַנץ־יאָזעף־באָרד, אין אַ זיידענער קאַפּאָטע, שאָקלט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן, וואַרפט מיטן קערפּער אין אַלע זייטן און קלאַפּט זיך אין רעליגיעזן עקסטאַז אין האַרצן. אויף דער צווייטער וועראַנדע שטייט אַ יונגער־מאַנטשיק אין גאָלדענע פּענסנע און מיט אַ קורץ געשווירענעם קמץ־בערדל און, ציקלענדיק זיך מיט אַ חזנישן ניגון, מאַכט ער הבדלה. אַ יונגער סטודענט שפּילט גיטאַרע אויף אַ וועראַנדע, אַרומגעריגלט מיט יוגנט. די בחורים פּאַטשן צו מיט די הענט און אַ יונג, שלאַנק מיידל קנאַקט מיט די פינגער, טאַנצט צום טאַקט און פאַרגייט זיך גראַציעז אין אַ טאַנגאָ מיט פיגורן, זיך בויגנדיק, ווי אַ שלאַנג.

דער איינגאַנג צום פּאַרק ראַסקאָש איז העל באַלויכטן. לעם דער קאַסע שטייט אַ רייע יונגוואַרג וואָס פּאַרלירט נישט איר צייט, פאַרבינדט קאַנטשאַפטן, לאָזט אין גאַנג אַ ראָמאַנטישן פלירט פאַרבראַקט מיט דער רוסישער שפּראַך. דער גע־שניצטער, ברוין געפאַרבטער, ראַשיק באַלויכטענער טויער פון פּאַרק ראַסקאָש ווערט שטרענג באַוואַכט פון דער פּאָליציי. אַ שייגעץ פון אַ יאָר זעכצן אין אַ שילער־היטל פון „גאַראַדסקאַיע" מיט אַ פלאַקסענעם קאָפּ האָר און אַ פּאַרריסע־נעם נעזל, פּרוווט מיט אַ מינע פון אַ הייליקער אומשולד זיך אַדורכדרייסן צווישן סטודענטן. אַ גאָראָדאָוואָי מיט לאַנגע וואָנצעס באַמערקט דאָס, שטופּט אים אַרויס, גיט אים אַ קלאַפּ מיט דער טעמפּער זייט פון דער שאַשקע, באַגלייטנדיק אים מיט אַ בורטשענדיקן „סוקין סין". דער שייגעץ ווערט קנאַפּ נתפּעל, טראָגט זיך אָפּ פּרובירנדיק זיין מזל אין דעם ווייטן עק פון פּאַרקאַן אין דער פינצטער, און נעמט אַ „זאַבראַנעם בילעט" אַריבערקריכנדיק איבערן פּאַרקאַן.

דער פּאַרק ראַסקאָש ווערט אָנגעפילט מיט מענטשן. אין אַ גרויסער הילצער־נער ליטאַנקע איז דער בופעט. אָפּיצירן אין עלעגאַנטע מונדירן, מיט גלאַנציקע שאַשקעס און קלינגענדיקע שפּאָרן, סטודענטן אין נייע אוניפאָרמען פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך, מיט די סטודענטן־היטלעך ווויליונגעריש אויף אַ זייט, וויצ־לען זיך שטיפעריש מיט די יונגע שיינע קעלנערקעס אין ווייסע שירצלעך, וועלכע באַדינען ביי די טישלעך די געסט, סערווירנדיק פּאָרציעס געבראָטענע גענדזלעך, געדיכטע אייער, מאַרינירטן הערינג אין ווייסן סאָוס, שמעקענדיקן ראַזעווען און געבייטלטן ברויט, אונטעררוקנדיק בגנבה אַ פלעשעלע מאָנאָפּאָלקע פון ווייסער רוסישער וואָדקע.

די פריילעכקייט וואַקסט. די שטימען קלינגען העכער. די אויגן גלאַנצן. עס בילדן זיך גרופּעס: ביי איין טישל זיצן צעיאַכמערטע, האַלב־שיכורע אָפּיצירן. ביי אַ צווייטן טישל מער רויקע, ערנסטערע סטודענטן. לעם די געדיכטע, ברייט צע־וואַקסענע ביימער, זאַמלען זיך גרופּעס פון דער ביאַליסטאָקער אינטעליגענץ, זין

און טעכטער פון פאַבריקאַנטן און סוחרים, וואָס זייער ייִדישע רעליגיעזע דער־ציונג לאָזט זיי נישט זיך צו פיל דערנענטערן צו די קריסטלעכע אָפּיצירישע קרייזן, און זיי האַלטן זיך סטאַטעטשנע שטייף אָפּגעזונדערט. אָט מערקט מען די קאָרפּולענטע פיגור פון מיטלוווקסיקן יאַקאָוו מאַרקוס, מיט זיין ווירדיקן, שיין־געפורעמטן שטאָלצן פּנים פון אַ מאַגנאַט. זיין אויסגעפּולטער קערפּער איז אַריינ־געפּרעסט אין אַן עלעגאַנט געניייטן אַנצוג און לעם אים שטייט זיין ייִנגערער ברודער, דער שוואַרץ־חנעוודיקער מישאַ, מיט זיין טונקל־הויטיקן פּנים, שוואַרצע האָר און שוואַרצע ברענענדיקע אויגן פון אַן אָריענטאַל. צוויי ברידער — צוויי קאָנטראַסטן. די משפּחה מאַרקוס איז זייער גוט באַקאַנט אין ביאַליסטאָק. ווען זיי רעדן וועגן זיך, זאָגן זיי אַרויס מיט שטאָלץ „מי מאַרקוסי״. (מיר, די מאַר־קוסעס). יאַקאָוו מאַרקוס איז אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט מיט אַן אייגענער שפּינערײַ און וועבערײַ און איז אויך קאָמענדאַנט פון די ביאַליסטאָקער פייערלעשערס, דער ליבלינג פון די ביאַליסטאָקער פּרויען, און איז אויסגעבונדן מיט דער רוסי־שער נאַטשאַלסטוואָ. לעם זיי שטייט דער שלאַנקער גאָטאַריוס קלאָבוקאָוו, מיט זיין אָדלערנאָז און מאַגערן, אַסקעטישן קאַלט־שטייפן פּנים. אין אַ צווייטער גרופּע זעט מען די ברידער און שוועסטער פּלאָווסקי, די קינדער פון באַקאַנטן סוחר הלל פּלאָווסקי. הויך געוויקסיקע, פול מיט ברען און שטיפערײַ, זיינען זיי אָנזעעוודיק אין לעבן פון דער גאָלדענער יוגנט פון ביאַליסטאָקער טומלדיקן לעבן. אָט איז אינ־זשיניער גאָניאָנדזקי, וואָס האָט געירשנט אַ גרויס הויז אויפן טומלדיקן סוחרישן ראָג פון גומיענער און ליפּאָווע, אין וועלכן עס געפינען זיך כאַשקעס גאָלדשטיינס מאַנופאַקטאָר־געשעפט, מלינאַרזשעוויטשעס איילהאַנדל, דאָס דאַמען־שטאָפּן־גע־שעפט פון די כאַזאַנס און דאָס יוועליר־געשעפט פון וואַראַשילסקין. גאָניאָנדזקי, מיט אַ שנאָבלדיקער נאָז און רויטע בעקעלעך, איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע קאָמערסאַנטן, רעאַליסטן און גימנאַזיסטן באַגלייט פון זייערע באַרישניעס, שילע־רינס און שטודירנדיקער יוגנט.

אין אַ ווינקל, גדלותדיק אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, שטייען צוויי באַרימטע ביאַליסטאָקער באַרצעס (רעסלערס): פּאָקזשיווע „דער ביעלאָוועזשער״, אַ ריזן־מאַסיווער קערפּער מיט אַן אַרויסגעשפּאַרטן ברוסטקאַסטן און אַן אינטעליגענטן, איידעלן פּנים, וואָס פּאַסט זיך גאָרנישט צו דער מאַסיווער פליישיקער מאַסע. דער צווייטער איז אָסטרינסקי, אַ געזונטער יונג, וואָס קעמפט אָפט מיט פּאָקזשיווען אין צירק אויף סאָלאָווייטשיקס געסל אין די פראַנצויזישע קאַמפן. אָסטרינסקי איז אויך אַ מיטגליד פון דער ביאַליסטאָקער פייערלעשער־קאָמאַנדע און ער האָט אַ באַזונדער פאַרגעניגן אַרומשפּאַצירן אין דעם פייערלעשער־אוניפאָרם מיט דעם גלאַנציקן ווי גאָלד אויסגעשייערטן היטל. פאַרבייגייענדיק די ייִדישע יוגנט, קוקט ער מיט שטאָלץ אויף זיי און פילט זיך זיכערער צווישן די קריסטן, אין דער געזעלשאַפט פון די צוויי ייִדישע גבורים.

★

אַ וואַרעם ווינטל פאַרטראָגר פון איגנאַטקע און גאָראָדיאַני, געמישט מיט וואַלד־ריחות פון צערטלס וואַלד, הוידעט די שפּיצן פון דיביימער. צוויי נאַרישע פייגעלעך פאַררייסן די קעפּלעך אין דער לופטן, צעצווישטשערן זיך אין אַ ראַשיק צעטרילעווען סערענאַדע אָן אַ פאַרוואָס. דער באַלויכטענער פּאַרק ראָסקאָש איז פאַרטרונקען אין אַ געזשומעריי פון קולות. שיכּורע שטימען פון אָנגעטרונקענע אָפיצירן ווערן פאַרשלונגען אין באַטויבנדיקן גערויש פון מיליטערישן אָרקעסטער פון אוגליצקי־פּאָלק, וואָס שפּילט צעיאַכמערט אָן אויפהער וואַלסן, טאָנגאָס, פּאָל־קעס, זיצנדיק אין דער גאַנצער ברייט לעם דער „אָטקריטער סצענע". דער דיריגענט, מיט פאַרריסענע וואָנצעלעך און ברייט אַראָפּגעהאָנגענע איבער די אַקסלען גאָל־דענע עפּאָלעטן, פאָכעט מיט געמאַכטער גראַציע מיטן שטעקעלע, שמייכלענדיק און באַגריסנדיק די באַקאַנטע דאַמען. פאַרבייגייענדיקע קאַוואַליערן וואַרפן קאָנ־פעטי אין די געזיכטער פון די דאַמען, וועלכע לאַכן מיט אַ כלומרשטן פּראָטעסט, און באַדאַנקען די מענער מיט פייערדיקע בליקן. עס הערט זיך אַ ראַשיקער טומל. אַ פייפעריי פון די גאָראָדאָוואָי־פייפקעס זאָגט אָן, אַז מען יאָגט זיך נאָך אַ פלינקן קעשענע־גנב פון די בלאַטע יאַטן וואָס האָט באַוויזן אַריינשטעקן זיין האַנט אין אַ קעשענע פון אַ שיכּורן אָפיציר — וואָס האָט זיך געחנדלט צו אַ דאַמע — און דער גנב לויפט איצט, זיך דרייענדיק, ווי אַ וועוויורקע צווישן די קוסטן און די ביימער, געיאָגט דורך דער צעווילדעוועטער פּאָליציי. אין דער ליטאָנקע פון בופעט דערהערן זיך בייזע געשרייען און אויפגערעגטע קולות. אַ גרופּע סטודענטן זיינען אַרומגערינגלט דורך שיכּורע אָפיצירן. איין אָפיציר מיטן אַ רויט באַזויפטן פנים און פאַרגלעזערטע אויגן מאַטערט זיך אַרויסצוציען זיין שאַשקע, וועלנדיק אָנלערנען אַ סטודענט, וועלכער האָט געמאַכט אַ באַליידיקנדיקע באַמערקונג אויפן חשבון פון זיין מאַיעסטעט דעם צאַר, באַליידיקט זיין מיליטערישן מונדיר און די ערע פון זיין קעניגלעכן פּאָלק. די קאָלעגן אָפיצירן מיט שטאָלצע פאַרריסענע פּנימער, קוקן דראָענדיק אויף די סטודענטן, אָבער האַלטן איין זייער קאָלעגע כדי צו פאַרמיידן אַ סקאַנדאַל. עס וואַקסט אויס פון אונטער דער ערד דער באַרימ־טער אין ביאַליסטאָק פּריסטאַוו רעשוטע, וועלכער קנאַקט גאַלאַנט מיט זיינע קורצע לאַקירטע שטיוועלעך און רעדט מיט אַ געמאַכטער אינטעליגענטישקייט:

— ראַסכאָדיטיעס גאָספּאָדאַ אָפיצערי... ראַסכאָדיטיעס גאָספּאָדאַ סטודענטי — און צום אַרומיקן עולם גיט ער אַ ריטשע: — נו טשעוואָ ניע ווידאַלי.. ראַזאַידיס — און ווען דער אָנגעלאָפענער עולם צעגייט זיך, קוקט רעשוטע זיגרייך שטאָלץ מיטן באַוווסטזיין פון זיין גרויסקייט.

דער מוזיק־אָרקעסטער ווערט שטיל. עס דערהערן זיך רוישיקע אַפּלאָדיס־מענטן; דער עולם לויפט שנעל אין איילעניש זיך זעצן אויף די לאַנגע הילצערנע בענק פאַר דער „אָטקריטער סצענע". מענער הויבן זיך גאַלאַנט פון זייערע

פלעצער צו מאַכן אַן אָרט פאַר די עלעגאַנטע דאַמען אין ווייסן, וואָס בלאָזן קאָקעטיש מיטן פעכער, דאַנקענדיק העפלעך די קאַוואַליערן. די שטילקייט וואַקסט. די שפּאַנונג איז גרויס. די פאָרשטעלונג פון דער „אַטקריטער סצענע" הויבט זיך אָן.

★

אַן אַלגעמיינע שטילקייט. עס ברעכט זיך אַ צווייג אויף אַ בוים לעם דער „אַטקריטער סצענע" אונטער דער שווערקייט פון אַ פאַרטייטן יינגל. עס דער־הערט זיך אַ שטילער „שאַ, ש..." פון דער מאַסע. אַ פּאָליציישער הונט מיט שוואַרץ־ווייסע פלעקן און אַראָפּהענגענדיקע אויערן באַוועגט זיך און גיט אַ וואָרטשע מיט אַ לייכטן ביל. דערהערט זיך אַן אַלגעמיינער שאַ, שאַ, ש.. פון די באַזוכערס, וואָס וואַרטן מיט שפּאַנונג. דער אָפּגעקראַכענער ברוין־פּליושענער פאָרהאַנג פאַרשאַרט זיך. עס באַווייזט זיך אַ זינגער אין קליידער פון אַ קלאָון מיט אַ ווייס־פאַרשמירטן פּנים, ברייטן מויל און ווילדע אויגן און זינגט אין רוסיש די אַריע פון פּאַיאַץ. זיין טענאָר־שטימע טרייסלט די לופט מיט פאַרשטיקטע טרערן ווען ער קומט צום זאַץ „לאַך, פּאַיאַץ, אויף דיין צעבראָכענער ליבע, לאַך און וויין..."

די סענטימענטאַלע גימנאַזיסטקעס שלוכצן שטילערהייט און סמאַרקען די נעז־לעך אין די אויסגעהאַפטענע נאַזטיכלעך. זייערע קאַוואַליערן קוקן פאַרליבט אין די אויגן פון זייערע ראָמאַנטישע באַרישניעס און שמייכלען חוזקדיק אָבער מיט־פילנדיק, ווישנדיק שפּאַסיק די אויגן פון זייער דאַמען מיט זייערע מענערשע גרויסע נאַזטיכלעך.

נאָך די רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן און פילמאַליקן פאַרנייגן זיך פון „גליקלעכן" פּאַיאַץ פאַר זיין דערפאָלג, דערשיינט אויף דער סצענע אַ מאַן מיט אַ שוואַרץ שפּיציק בערדל און אַ מאָנאָקאָל אין אויג, אָנגעטאָן אין אַן עלעגאַנטן שוואַרצן סמאָקינג, מיט אַ שוואַרץ לאַקירט שטעקעלע, וואָס ער האַלט שפּילעוודיק אין זיינע ווייסע בויגעוודיקע פינגער, און טרעט צו צום סעאַנס פון שוואַרץ־קינסטלעריי. ער כאַפּט קאָרטן אין דער לופטן, שלעפּט גראַציעז ווייסע אייער פון שוואַרצן אַרבל. שלעפּט אַראָפּ זיין גלאַנציקן צילינדער, אַנטפּלעקנדיק אַ פּליך מיט געציילטע שוואַרצע הערעלעך, צוגעקלעפּט מיט גלאַנציקער פּיקסאַטור צום קאָפּ, און ביים אַלגעמיינעם אַכטשען און זיפצן פון איבערראַשונג, פליען פון דאָרט אַרויס שייניקע ווייסע אומשולדיקע טייבעלעך, וועלכע פּאַטשן מיט די פליגלען, שוועבן איבער דער סצענע און קומען צוריק, זיך שטעלנדיק אויף די פּלייצעס און אויפן קאָפּ פונעם קונצן־מאַכער.

איצט קומט דער אינטערעסאַנטסטער טייל פון פּראָגראַם. די באַרימטע פראַנ־צויזישע טאַנצגרופּע, וואָס גאַסטראָלירט אין רוסלאַנד, אויפטרעטנדיק אין דעם באַ־רימטן „שאַנטעקלער"־טאַנץ, ווו אַ גרופּע פרויען און מענער פאַרשטעלט פאַר היגער און הענער אין פאַרביקע הינערישע פעדערן מיט ווידלען און קעפּלעך, טאַנצן אין אַ לאַנגער שורה איינער הינטער דעם צווייטן דעם „שאַנטעקלער"־טאַנץ,

וואָס איז געווען דער שלאַגער פון סעזאָן און דער נאָמען האָט געדינט אַלס מאָדע פאַר פאַרביקע פרויען־קאָסטיומען און ווילדע מענער־קראַוואַטן.

די פראַנצויזישע „קווי פּראָ קוואָ״־גרופּע האָט קינסטלעריש פּרעך פאַרענדיקט איר אויפטריט מיטן באַרימטן פראַנצויזישן „קאַנקאַן״, ווו די טאַנצנדיקע מיידלעך פאַרקאַטשען זייערע קליידלעך און אין ווייסע אונטערהויזן מיט געהאַפטענע שפּיצן, גריסן זיי פּרעך מיטן פוכקען רונדן הינטערשטן טייל, וואָס רופט אַרויס ביי די מענער אַ הילכיקע בראַוואָ־פּאַטשעריי, ווייל וועלכער מאַן וועט נישט פאַרגעבן גראָבקייט, דערזעענדיק אַ האַלב־נאַקעטן טייל פון אַ גראַציעזן, ראָז־לייביקן יונג־בויגעוודיקן פרויען־קערפּער אין ווייסער אונטערוועש, אפילו פון דער אונטערשטער טייל? די ביאַליסטאָקער סענטימענטאַלע באַרישניעס, רויטלענדיק זיך, לאָזן שע־מעוודיק אַראָפּ די אויגן, קוקן הינטן אַרום בגנבה אויף זייערע מענערישע באַגלייטערס ווי זייערע בליקן וואָלטן געפרעגט: — „הייסט דאָס, אַז דאָס געפעלט אַזוי שטאַרק די מענער? האָבן זיי דאָך גאַרנישט נויטיק אינטעליגענטע שמועסן וועגן קונסט, ליטעראַטור און סאָציאַלע פּראָבלעמען?...״

עס באַווייזט זיך אַ הויכער מאַגערער מאַן מיט אַ לאַנגער קוטשמענע האָר, אין אַ ווייסן, שטייפן, געקראָכמאַליעטן העמד. ער גייט אַרויף אויף דער בינע כמעט לויפנדיק, דריקט צוזאַמען די הענט פון באַגייסטערונג פאַר די גוואַלדיקע אַפּלאָדיסמענטן וואָס ער באַקומט, באַגלייט מיט פריידיקע אויסגעשרייען און אויסרופן פון נעמען פון קופּלעטן, וואָס קורסירן איבער ביאַליסטאָק, און ווערן געזונגען אין די פאַרוואָרפענסטע הילצערנע כאַטקעס פון באַיאַרע, נאָווע, סקאָראָפּ און כאַנייקעס. דער זינגער איז דער ליבלינג פון „עמך״־פּובליקום. ער הוסט פריילעך אָפּ, צודעקנדיק דאָס מויל מיט די פויסטן, פאַרנייגט זיך פריילעך שטי־פעריש פאַרן עולם און, פאָכענדיק מיט אַ ווייסער אויסגעטוענער הענטשקע, שיקט ער לופטקושן און פרעגט: „נו, גאָספּאָדאַ! נו, רעביאַטאַ פון כאַנייקעס, וועלכן קופּלעט זאָל איך זינגען?״ עס דערהערט זיך אַ געזשום פון קולות, אָפּ־געריסענע ווערטער, אַפּלאָזן, צווישנרופן, געלעכטערס און אויסגעשרייען: זינג „קאָט מאַמאַ״, זינג „וויעטיעראַטשעק טשוט טשוט דישעט״, זינג „זשיל ביל נאַ כאַנאַיקאַך״.

דער זינגער הויבט אויף די הענט ווי אַ דיריגענט מיט אַ שטעקעלע און אין איין מינוט ווערט שטיל: „אַנו, מיינע טייערע ליבע געסט פון ניקאָלאַיעווסקע און כאַנייקעס, פון קופּעטשעסקע און פּלאַקערס גאַס, פון אַלעקסאַנדראָווסקע און משה רוועס, איך וועל זינגען „קאָט מאַמאַ״. יעדער ביאַליסטאָקער גימנאַזיסטקע וועט זיך דאָרט דערזען און איר וועט מיר צוהעלפן. און יעדע ביאַליסטאָקער מאַמאַשע וועט זיך דערוויסן ווי די טאָכטער נאַרט זי אָפּ״.

דער זינגער ציט אַרויף אויף זיין פּנים אַ זיסע מינע און זינגט אויס אין אַ פּאָזע פון אַ פאַרליבט סענטימענטאַל מיידל אַ ליד, ווי זי טרוימט ביינאַכט אין

איר שלאָפּצימער אויף איר געלעגער פון איר געליבטן, און פּלוצלינג, אין דער בלויער אויסגעשטערנטער נאַכט, אונטער דעם דרוק פון אַ לייכטן זומערווינטל, עפנט זיך דאָס פענצטער און ס׳באַווייזט זיך איר געליבטער, וואָס דערנענטערט זיך צו איר מיט אַ לייכטן שפּרונג און מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, לייגט צו אַ פינגער צום מויל זי זאָל נישט פון איבערראַשונג אַ געשריי טאָן. און ווען איר אויסגעחלומטער העלד דערגייט שוין צו איר בעט אין דער פינצטער ביים שיין פון דער לבנה, פאַרטשעפּעט ער אַ וואָזע פון אַ הויכער בלומען־טאַבורעטקע און זי צעברעכט זיך מיט אַ מוראדיקן קלאַפּ. דערהערט זיך פון צווייטן צימער אַ סאָפּענדיקער פאַרשלאָפענער קול פון איר מוטער וועלכע פרעגט אומרויק: „מאַשענקאַ, ווער איז דאָרט?" און זי, מאַשענקאַ, אין גרויס פאַרלוירנקייט, נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן, שיסט אַרויס: — „אַ קאָטער, מאַמאַ, אַ קאָטער מאַמאַ, אַ קאָטער..." און דער גאַנצער עולם צעזינגט זיך: אַ קאָטער מאַמאַ, אַ קאָטער מאַמאַ, אַ קאָט, האָט אָנגעמאַכט מאַשענקען אַ סך קלאָפּאָט...

דער עולם איז ווילד פאַר שמחה, לאַכט, טופּעט מיט די פיס, אַפּלאָדירט און שרייט: „ביס, ביס".

דער צווייטער נומער פון זינגער וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין ביאַליסטאָק איז דאָס פּאָפּולערע ליד „ריוואָטשקאַ" וואָס דער זינגער זינגט אין רוסיש מיט געפּיל. דאָס איז די דראַמע פון אַ יונג יידיש מיידל פון כאַנייקעס, וואָס דער פאָטער אירער איז זייער אַ פרומער, אַ גרויסער פאַנאַטיקער, לערנט טאָג און נאַכט אין בית־מדרש און היט שטרענג די טאָכטער. און די טאָכטער ציט צו אַ לייכטן פרויען־לעבן, רייסט זיך צו פאַרגעניגנס און דער עולם וואָס פילט מיט מיט דער אומגליקלעכער ריוואָטשקע, זינגט מיטן זינגער אין דער שטיל, באַגלייטנדיק אים און חזרנדיק די ווערטער:

„זשיל ביל נאַ כאַנאַיקאַך ברוך פיק..."
געוווינט אויף כאַנייקעס ברוך פיק
געוועזן איז ער אַ פרומער ייד...
אין בית־מדרש איז ער געגאַנגען,
צו גאָט דאַווענען מיט געזאַנגען,
איך טריפות געוועזן אָפּגעהיט..."

און דער עולם, דיריגירט מיט די הענט פון זינגער, כאַפּט אויף:

„אוי אוי, ריוואָטשקאַ! אוי אוי ריוואָטשקאַ! אוי אוי ריוואַ,
ריוואַ מאַי קומיר..."

דער עולם איז אין עקסטאַז. די באַקן זיינען צעפלאַמט. די מיידלעך טוליען זיך צערטלעך צו זייערע קאַוואַליערן, דאָס וואַרעמע ווינטל פון דער זומערדיקער נאַכט שטיפט מיט די האָר פון די פאַרליבטע, פאַרחלומטע מיידלעך, וואָס שמעקן

מיט די ריחות פון וואַלד, רומיאַנעק, פעלדבלומען און פריש געקאָשעטן היי, וועלכע פאַרשיכורן די יונגע בלוטן. די לעצטע אָפּלאָדיסמענטן שטאַרבן אָפּ, בלייבן הענגען אין דער לופטן. ווערן צו ביסלעך פאַרשטומט. די פאַרשטעלונג איז געענדיקט.

די מענער ברומען אונטער די ניגונים „זשיל ביל נאַ כאַנאַיקאַד״, קוקנדיק מיט פאַרליבטע אויגן אויף די יונגע מיידלעך; די יונגע תאווה צעגיסט זיך אין די זאַפטיקע קערפּערס.

פון דער וויטן צעקרייט זיך אַ האָן וועלכן עס שלאָפט זיך נישט, און עס פאַרדריסט אים, וואָס אַנדערע שלאָפן. די גרויסע לאָמפּן ווערן צו ביסלעך אויסגעלאָשן. איינציקע פרויען־מיילעכלעך עפענען זיך אויף אין אַ לייכטן געגעץ, אויף שנעל פאַרדעקט מיט דער האַנט, אַז דער קאַוואַליער זאָל נישט באַמערקן. אָפּיצירן קלאַפּן מיט די שטיוול, זיך זעגנענדיק מיט די באַרישניעס, קוקנדיק די הענט און קוקנדיק מיט שנאה אויף זייערע גראָבע צעשוואָמענע מאַמעס, וועלכע טרעטן ניט אָפּ פון זיי.

אין דרויסן פון פּאַרק ראָסקאָש וואַרטן איינציקע גלאַנציקע לאַקירטע קאַרעטעס. די קוטשערס מיט לאַנגע בייטשן, זיצן שטייף ווי אַ הילצערנע ליאַלקע, וואַרטנדיק אויף זייערע „באַרינעס״, רייכע ביאַליסטאָקער טעקסטיל־פאַבריקאַנטן, גבירים וואָס פירן אַ רייכן שטאַט. אָבער דער גרעסטער טייל פון די פּאַרק ראָסקאָש־באַזוכערס לאָזט זיך אין געלויף צו פאַרכאַפּן די פּלעצער אויף די לעצטע קאָנקעס, וואָס וואַרטן ספּעציעל אויף די געסט פון פּאַרק ראָסקאָש. פון הינטן אויף די קאָנקעס זיצן די מער פאַרמעגלעכע, וואָס קאָנען צאָלן פינף קאָפּיקעס. פון פאָרנט לעם די ווידלען זיצן די, וואָס ווילן איינשפּאָרן צוויי קאָפּיקעס און צאָלן מיט אַ קופּערנער דיטקע, און די אָרעמערע און די זשוליקלעך פון כאַנייקעס טשעפּען זיך אָן פון הינטן, און ביי אַ מוזיקאַלישער באַגלייטונג פון די קאָנקע־גלאָקן גליטשן זיך די קאָנקעס מיטן פול געפּאַקטן עולם אין דער ריכטונג צו דער שטאָט.

אויף דער „גרינער אַלעע״ און ברייטע שליאַכן פון ביאַליסטאָקער וואַלד גייען פּאָרלעך געאָרעמט, באַגלייט געטריי פון דער ווייס־שמייכלענדיקער לבנה, וועלכע טרעט נישט אָפּ פון זיי; שווימט זי נאָך אַרויסשטופּנדיק זיך פון די ווייסע וואָלקנדלעך, באַקוקט ליבלעך די קינדער פון דער ערד און קרימט זיך אין איר אייביקן געהיימנישפולן איראָנישן שמייכל. אָבער די נאַיווע ערדישע קינדער פאַרגעסן אַז זייער געבוירן ווערן און שטאַרבן איז אין פאַרגלייך מיט דער לבנהשער אומענדלעכער אייביקייט, ווי אַ קורץ שנעלער קינדישער געלעכטער, וואָס צעטרילט זיך אין זאָרגלאָזער פרייד און פאַרגייט זיך גלייך נאָך דעם אין אַ לאַנגן יאָמערדיקן געוויין.

שכנים פון גאָניאָנדזקיס הויף

מאַי 1912. די פרילינגזון האָט שוין פאַרענדיקט צו שמעלצן די נאָכפּסחדיקע ווי ברילּיאַנטן שימערירנדיקע געפרוירענע אייזליכטלעך, אַראָפּגעהאָנגענע פון די פענצטער. אַרויסגענומען איז שוין די וואַטע פון אינעווייניק און דורך די ברייט־צעעפנטע פענצטער דערטראָגט זיך שוין דאָס פריילעכע סווישטשעריי פון די פייגעלעך, וואָס פלאַטערן צאַפּלענדיק אויף די דינע נאַקעטעביימער־צווייגלעך, באַדעקטע מיט יונגע פריש באַנייטע קנאָספּן.

מיין מאַמע פּאַרעט זיך אַרום איבערן צימער זוכנדיק אין די שופלאַדן, ריידנדיק צו מיר אַ צעשמחהטע, אַ צעשטראַלטע, און איר שיין פאַרמירט פּנים שפּריצט מיט לעבן אָבער אירע אויגן זיינען פייכט פון טרערן, ווייל ווי געווייגלעך לאַכט מיין מאַמע צווישן טרערן און וויינט ביי מאָמענטן פון פרייד.

— זעסט, יאַנקעלע, משפּחה זאָל מען האָבן. בלוט איז נישט קיין וואַסער. פּאַרט אַ ברודער! יאַנקעלע, דאָרט וועסטו אָפּלעבן. כאַנייקעס קריכט מיר שוין פון האַלדז. איך זאָג נישט חלילה, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר מיינע רייד. מיר האָבן דאָ גוטע שכנים. איינפאַכע מענטשן, אַרבעטער, אָבער טייערע האַרציקע מענטשן. אָבער וואָס קומט אַרויס? מען קאָן זיך קיין גוטע זיטן דאָ נישט אָפּ־לערנען. דאָ איז כאַנייקעס און דאָרט איז פּאַרט גומיענער גאַס. צווישן סוחרים. זאָל איך נאָר דאָרט אַריינשטעלן אַ פוס, וועל איך שוין פון דאָרט נישט אַרויסקריכן.

ווייס איך שוין מיין מאַמעס שמחה. איר ברודער, מיין אָנקל מלך דאַרשין, פּאַרט אַרויס אויף דאַטשע אין צערטלס וואַלד. האָט ער איר געבעטן זיך אַריינ־ציען אויפן גאַנצן זומער אין זיין וווינונג, אין גאָניאָנדזקיס הויף אויף גומיענער גאַס. פּאַקט מיין מאַמע די וועש און, שוועבנדיק איבערן צימער, טענהט זי האַלב צו מיר און האַלב צו זיך און שטעקט אויך מיך אָן מיט באַגייסטערונג, און איך בין שוין נייגעריק צו קענען דעם נייעם געגנט, די גומיענער גאַס און די נייע מענטשן, די שכנים פון גאָניאָנדזקיס הויף.

✱

טראָגט זיך די דראָזשקע מיט אייזערנע רעדער איבער די שפּיציקע ברוק־שטיינער פון ליפּאָווע, קלאַפּט מיר אין מיין קינדערישן געזעסל, האַצקעט מיך אונטער ווי אַ פּילקע, און שליידערט מיך יעדעס מאָל אַריין אין די אָרעמס פון דער מאַמען, וועלכע האַלט צו מיט איין האַנט דעם גרויסן פּאַק מיט פּערענעס, בעטגעוואַנט און וועש, און מיט דער צווייטער האַנט שלעפּט זי מיך יעדעס מאָל צו זיך.

אָט זיינען מיר שוין ביים אָנקל מלך אין וווינונג, אין דער גרויסער, ליכטיקער פינף־צימערדיקער דירה, מיט שיין געשניצטע העל ברוינע מעבל, פּאָטעלן אין

ווייס־איבערגעצויגענע טשעכאַלן, רויט פּוטרירטע פּאַדלאַגעס. אין שרייבצימער — אַ שרייבטיש מיט אַן אייזערנער קאַסע; דערנעבן אַ גרויס פּראַנטאַווע צימער, מיט געדיכטע געבלומטע גאַרדינען אין קאַליר פון פאַרגעלטע בלעטער פון האַרבסטיקעביימער, וואָס פאַרדעקן אַ גרויסן אייזערנעם ווייס־געפּאַקאַסטירטן באַלקאָן, וואָס קומט אַרויס אויף גומיענער גאַס. און נאָך אַ באַלקאָן האָט די וווינונג, וואָס קומט אַרויס אויף ראַכקע דער שוואַרצערס געסעלע, און אויף דעם באַלקאָן האָב איך אַנטדעקט אַן אוצר; אַ קליין אַנטאַליקל (פּעסעלע) רויטן אונגאַרישן ווייַן מיט אַ צאַפּן. איך קאָן נישט בייקומען מיין קינדערישע נייגעריקייט, גנבע זיך צו אויף די שפּיץ־פינגער מיט אַ גלאָז אין האַנט צום אַנטאַליקל, צאַפּ אָן און טרינק אויס מיט איין צי אַ האַלבע גלאָז זויערן אונגאַרישן רויטן ווייַן, וואָס גיט מיר גלייך אַ זעץ אין קינדערישן קעפּל אַזוי, אַז איך הויב אָן צו שטאַמלען האַלב־שיכור, און דער פּאַלאַפּ מיט דער פּאַדלאַגע גיסן זיך צוזאַמען און הויבן זיך אָן דרייען פאַר מיינע אויגן, און מיין מאַמע פאַרברעכט מיט די הענט און רעדט צו מיר שטיל כעסנדיק ווי אַ סוד אויפן אויער:

— דו זאָלסט דאָ גאַרנישט טשעפּען, הערסט? דאָ איז נישט כאַנייקעס. די שכנים וועלן דאָ באַלד צוטראָגן. מער פעלט מיר נישט. די טאַנטע יאַכע איז אַ שטרענגע. אַז מען דאַרף אַנקומען צו מענטשנס לאַסקע. איך האָב זיך שוין געקויפט מפטיר... אַז אומעטום איז ער פול.

די מאַמע רעדט נאָך לאַנג, זי שוועבט פאַר מיר ווי אין דער לופטן, מיין פּנים קרימט זיך מיר אין אַ נאַרישעוואַטן שמייכל פון שיכורן עקסטאַז און איך בין אַזוי צופרידן, אַזוי צופרידן.

די נייע דירה געפעלט מיר.

✶

מיין באַליבטער פּלאַץ איז דער באַלקאָן אויף גומיענער גאַס. דאָרטן זיץ איך גאַנצע שעהען און קוק זיך צו צום לעבן פון דער גאַס. רעכטס, אין אַ האַלבן קרייז זעט זיך דער מאַרק. דער גערויש דערטראָגט זיך אַזש אַהער. אַ קנויל פון מענטש־לעכע שטימען, דאָס קלאַפּן פון פערדישע פּאַדקאָוועס פון ליפּאָווע, אַ פייף פון גאַראַדאָוואָיס פייפקע און דאָס קלינגען פון ביאַליסטאָקער טראַמווי — דאָס אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין איין קלאַנג. קליינשטעטלדיקע דראָנגאָווע וועגענער מיט ייִדן און ייִדענעס מיט פיס אַרויף און פיס אַראָפּ, קייקלען זיך דורך גומיענער גאַס באַגלייט מיטן בייטש־כוואַשטשען פון פורמאַן, וואָס פירט זיינע פּאַסאַזשירן נאָך כאַראַשטש אָדער וואַשליקאָווע. אויפן מאַרק, פויערשע פורלעך מיט פויערטעס אין בלומיקע קאָפּטיכלעך, באָרוועסע, גראַטשען די אויגן אויפן מאַרקטומל פון דער גרויסער שטאָט, האַלטנדיק אין האַנט אַ שטרויען קאָשיקל מיט אַ ביסל זילבערגעלט, איינגעוויקלט אין אַ נאָזטיכל, איינגעבונדן אין אַ קנופּ. אַרום זיי

דרייען זיך מאַרק־גנבים טשאַטעווענדיק אויף זיי, און פּלוצלינג דערהערט זיך אַ הילכיקער קוויטש פון אַ צעשטופּלטער דאָרפישער גויע, וועלכע פאַרברעכט מיט די הענט און, האַלב־וויינענדיק מיט אַ קלויסטער ניגון, קלאָגט זי שרייענדיק:

— מאַטקאָ אָ באָסקאָ, שוויענטאַ מאַריאַ! זלאָדזשעי מי אָבאָקראַלי.

אַ גאַראַדאָוואָי דרייט זיך אַרום איר, געוואַלדעוועט בייז אויפן עולם, פּיפּ־טשעט מיט דער פּייפקע, ווישט גדלותדיק די וואָנצעס, און אַ נייגעריקער עולם אַרום זיי שיט מיט עצות און חכמעט זיך איבער דער וויינענדיקער דאָרפישער גויע. אין מיטן מאַרק שטייען הענדלערקעס פון אויפּס, באַרנעס, עפּל, פלוימען, ברייט צעלייגט אין הילצערנע קעסטלעך און קאָשיקעס, טומלען קוויטשיק און באַמיען זיך איבערשרייען איינע די צווייטע:

— וויניקע עפּל, מאַדאַמעשי, לעבן זאָלט איר, אמתע אַנטאָנאָווער, ציטרינאָווע־קעס, פּערגאַמאָטן, באַרנעלעך זיסינקע טעם גן־עדן. זשוטשקעלעך ווי פּסחדיקער ווייַן, פרישינקע פלוימען, דער קיסר מעג דאָס עסן.

אין מיטן מאַרק איז שטאַרק אָנזעעוודיק די הויכע דיק צעפּאַרענע שוואַר־לייביקע ביילוטשקע די פּרוכט־הענדלערקע — אַ האַרציקע ייִדענע באַקאַנט מיט אירע טובות און גוטסקייט — וועלכע דונערט מיט אַ באַסאָווער מאַנסבילשער שטימע. לעם איר שטייט און העלפט איר אַרויס אַ הויכער, פּאַצעטיש געקליידעטער מאַן, מיט קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך און ליאַקירטע שטיוועלעך, אַ באַקאַנטע פיגור אין כאַנייקעס, „חיים פּוטער", וועלכער פּילט זיך דאָ פּרעמד און קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די ייִדענעס, ווי דער מסחר וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען.

אַ ייִדענע, אַ קליינטשיקע, אַ דאַרינקע, אין אַ גרויסן קאַפּטיכל איבערגערוקט איבערן שטערן, מיט פאַרבלוטיקטע הענט, פּאַכעט מיט אַ געשאָכטענער גאַנדז און שרייט בייז צו אַ מאַדאַם, וואָס טראָגט זיך אָפּ פאַרשעמט:

— מאַדאַמעשי, זינט ווען עסט איר געגדזנס? איר זייט קראַנק צו עסן פּאָד־ראַבקעס? ווי קומט איר צו געגדזנס, אַז איר זייט גאָר געוווינט צו אָבזשירקעס? מיין ביטער האַרץ אויף איר קאָפּ — ווענדט זיך די הענדלערקע צו די אַרומיקע ווייבער — עס שטייט איר נישט אָן מיינע געגדז, דער אויפגעקומענער גבירטע.

פון וויטן זעען זיך אין רייען געבויטע וויס־געקאַלכטע ברעמלעך, מיט דעם שטאָלץ־פּאַרריסענעם שטאָטזייגער אין מיטן. אויבן, אויף דעם טורעם, שפּאַצירט אַרום אַ פייערלעשער מיט אַ מעשענעם היטל, וואָס היט ווי אַ געטרייער שומר די שטאָט פון אַ שרפה.

אויפן מאַרק לעם די ברעמלעך באַווייזט זיך די הויכע, פעסט געבויטע פיגור פון יאַשקען. זיין הויכער, ברייטפּלייציקער קערפּער, מיטן רויטן קאַרק, גויִש־קאַצאַפּישן אויסזען, אין אַ פּויערישער בורקע און הויכע שטיוול, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטאָטישן גוי. אויף זיין האַנט איז איבערגעוואָרפן אַ רעשטל סחורה און מיט די אויגן דערטאַפּט ער אַ קרבן: אַ יונגע דאָרפישע פּייערטע, מיט בלוט־

רויטע באַקן פֿאַרברוינטע פֿון דער זון און אַ הויכן בוזעם, וואָס צאַפּלט זיך אונ־טער דער ציצענער בלוזקע.

יאַשקע דערנענטערט זיך צו איר, קלאַפּט איר גוטמוטיק אין פּלייצע, ווייזט איר זיין רעשטקע סחורה און שעפּטשעט איר עפּעס אויפן אויער. עס וואַקסט אויס אַ צווייטער פּאַרשוין, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער וויל קויפן די רעשטקע באַטאַפּנדיק און טשמאַקענדיק מיט די ליפּן פון פאַרוואונדערונג פאַר דער טייערער קוואַליטעט פון דעם שטאָף. נאָר יאַשקע גיט אַ בייזן ריס אַרויס די רעשטקע פון זיינע הענט און שרייט אויס:

— פּאַשאָל וואָן, פּאַרקאַטי! איך האַנדל נישט מיט קיין זשידעס — און צו דער גויע, וועלכע קוועלט אָן פון פּאַטריאָטיש־קריסטלעכן „גוי", שושקעט ער אין אויער — נו, ניעט טייערינקע מיינע, נאָר מיט מיין גלויבן האַנדל איך, מיט יעזוסעס קינדער, נישט מיט די זשידעס די אומגלויביקע.

און די גויע, אַ צעפלאַמטע פון גוייִשן שטאָלץ און פון דער „מציאה", ציילט יאַשקען די זילבערנע מטבעות און יאַשקע מעסט די סחורה אַזוי קונציק, אַז פון פיר אַרשין וואַקסט ביי אים אויס פינף און האַלבן, און, באַקומענדיק דאָס געלט, שטייט ער נאָך אַ ווײַלע און קוקט אין דער גויעס אויגן מיט זיינע כשרע ערלעכע אומשולדיקע אויגן פון אַ צדיק. דאַן גייט ער זיך רויק אַוועק און טרעפט אין אַ ווינקל פון גאַס זיין יידישן שותף, דעם געוועזענעם בעלן, און צעלאַכט זיך הילכעק:

— אָפּגעפּרייערט די גויע, די כאַליערע זאָל איר נעמען. זי האָט זיך גע־שמאַלצן, ווען איך האָב געזידלט די זשידעס — און יאַשקע טראָגט זיך שנעל אָפּ, וויסנדיק, אַז די גויע וועט באַלד מאַכן אַ געוואַלט און לויפן זוכן אַ גאָראָדאָוואָי, כאָטש זיי זיינען אַלע אונטערגעקויפטע און קריגן אין יד אַריין.

אין ראָג פון גומיענער גאַס דרייט זיך דער קליינער זשוואָוואָער בישקע דער גאַזעטשיק, וואָס שרייט און ליאַרעמט:

— אַ „הײנט", אַ „מאָמענט", אַ „טאַגבלאַט", אַ „סיני זשורנאַל", און „אַגאָנ־יאָק", אַ „בירזשעוויע וויעדאָמאָסטי"!

ער שלעפּט צייטונגען פון גרויסן לעדערנעם טאַש, וואָס דערגרייכט דעם קליינעם בישקען ביזן האַלדז, און רוקט די האַנט אין אַ גרויסן לעדערנעם טייסטער נאָך רעשטע. אַ טרעגער מיט אַן איינגעדאַרטן פּנים מיט אַרויסגעשטרעקטע ביינער־נע סקולן אין אַ פֿאַרגעלטער קאַפּאָטע אַרומגעבונדן מיט אַ גראָבן פֿאַרסמאָליעטן שטריק, אין קורצע מיט בלויען טראָן באַשמירטע שטיוול, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, זוכנדיק קונדן. אַ קליינע איינגעשרומפּענע יידענע מיט אַ קאַפּטיכל איבער די אויערן דרייט זיך אַרום, האַלטנדיק אין די הענט אַ גרויסע פּירקאַנטיקע שוואַרץ־פאַרברענטע בלעך, אין וועלכער זי טראָגט אַרום איר קראָם „סחורה": געברוינטע גרעטשענע אולניקלעך.

קרענצלעך סוחרים שטייען אויפן ראָג פון גומיענער גאַס און שמועסן וועגן טעקסטיל־סחורות, ווייטע רייזעס אין גרויסן רוסלאַנד, וועגן אַנזעצן, וועגן אויפ־געקומענע גבירים און וועגן וועלט־פּאָליטיק. אַ גרויסער דראַנגאָוער וואָגן מיט אַן איינגעשפּאַנטער נעבעכדיקער קליאַטשע פירט אַ הויכן סטויג מיט באַלן סחורה פון קאַסטאָר, קאָרעלעך, דראַפּ און געבלומטע מאָנטאַניאַק־דעקן. דער פורמאַן זיצט אויבנאָן אויף די באַלן, טשמאָקעט מיט די ליפּן, ציענדיק מיט די לייטשעס און טרייבט אָן די שווער קריכנדיקע קליאַטשע. נעבן דער באַרימטער בעקעריי פון „גרעק" אויפן מאַרקגאַס, ווו מען באַקט די טשאַסטעס, פּיראָזשינעס און „קיסלאָסלאָדקעס", שטייט אַן עולם ליידיקגייערס און קוקט זיך צו מיט שפּאַנונג און געלעכטער צו אַ קליין מייזעלע, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צווישן די געבעקס אין דער וויסטאַווע, און אַ צעטומלטע פון די בייגעריקע צושויערס לויפט זי אַרויף און אַראָפּ, זוכנדיק אַ וועג צו אַנטלויפן.

אַ יידענע מיט אַן אַריבערגעוואָרפענעם צעפּלאַכטענעם שטרויענעם קאָשיק איבערן האַנט פון „אוונעטס" געבעקס, מיט שטריצלעך, המן־טאַשן, ראָגאַליעס און קיכעלעך, קוועלט אָן פון דער סצענע און רעדט הויך אויפן קול, אַז אַלע זאָלן הערן:

— רעכט אויף זיי, זאָלן זיי נישט עסן דעם גרעקס טשאַסטעס. אַט זעט, ווי מייזלעך קריכן אויף דעם געבעקס. טפו זאָלן זיי ווערן, די טריפענע העלדזער!

אַ יידענע מיט אַ קאָשיק געבאַקטע בייגל און קליינע קרענצלעך בייגעלעך אַרויפגעצויגן אויף שטריקל, פון תנחומס בעקעריי, שאָקלט מיטן קאָפּ און באַמ־קעט צו מיר הנאה:

— רעכט אויף זיי, די געשמדטע העלדזער. אַז טשאַסטעס ווילט זיך זיי.

נעבן דעם גרעק איז די „טשיינע", ווו איך לויף יעדן שבת נאָך מיטאָג מיט אַ קוויטל נאָך אַ בונקע וואַסער צו טיי. פון דער ווייטן זע איך וואַראַט דעם „גאַטאָוואָפּלאַטניקעס" געשעפט (פון פאַרטיקע מלבושים), ווו אויפן ערשטן שטאָק מיטן באַלקאָן צום פראָנט, וווינט ר׳ שוסטער דער חזן, ביי וועמען איך בין ימים נוראים אַ משורר און פאַר צוהעלפן ציען אַ „טערצע" ברענג איך אַהיים אַ זיל־בערנעם רובל.

איך באַטראַכט פון מיין אָבסערוואַציע־פּונקט פון מיין באַלקאָן די קראָמען אויף גומיענער גאַס. אָט איז אינדיצקיס בוכהאַנדלונג מיט זשורנאַלן, ביכער אויס־געשטעלטע אין די ברייטע וויסטאַוועס. אָט איז פערדערס פּוטערוואַרג־געשעפט מיט פעלצענע קראַגנס, וואָס הענגען אַראָפּ ווי פערדישע ווײדלען. אין מיטן אַ פּיזעמנער קראַגן, וועלכן די ביאַליסטאָקער ווייבער טראָגן גדלותדיק אויף זייערע אַקסלען ווען זיי גייען שבת אין בית־מדרש. מיט פאַרביקע שאַכטלען און קאָלירטע פּאַפּירענע מענטשעלעך זעט זיך דער טאַבאַק־געשעפט פון שאַשקעסן. אין אַ הויכער באַריקאַדע־פאָרם מאָשטשען זיך פּאַפּיראָסן־שאַכטלעך איינע אויף דער אַנדערער, בילדנדיק

אַ פּיראַמידע פון צאַצקעדיקע קעסטעלעך. גאָר אין עק הוידעט זיך אין דער לופטן אַ שילד מיט אַן אויסגעמאָלטן צילינדער. דאָס איז דער שמאָלער הוטן־געשעפט פון טאַל. אונטער מיין באַלקאָן מיט אַ גרויסער טיר און צוויי פענצטער איז דאָס טוכגעשעפט פון כאַשע גאָלדשטיין. יעדן פרימאָרגן, ווען איך וואַנדער נאָך אין מיינע נישט־פאַרענדיקטע חלומות, דערהערט זיך דער בראַזג פון די אייזערנע זשאַלוזעס וואָס רוקן זיך אַרויף אינעם טוכגעשעפט. דער שניידיק־גרילציקער קלינג־קלאַנג רוישט מיר נאָך לאַנג אין די אויערן און רייסט מיך אויף פון קינדערישן שלאָף. דערנעבן איז שטופּלערס זייפגעשעפט, פון וועלכן מען שלעפּט גאַנצע טעג קאַסטנס מיט בלוי־גרינעם זייף. אָבער דער יום־טובדיקער געשעפט אין כאַזאַנס קראָם פון פרויען־שטאָפן, ווו אַרום דער וויסטאַווע און אינעווייניק, דרייען זיך אַריין און אַרויס פרויען, וואָס באַטראַכטן מיט גיריקע אויגן די פאַרביק געבלומטע שטאָפן, אין אייביקן געיעג פון אַרויסשטעלן זייער פרויען־שיינקייט און קערפּערלעכן רייץ.

★

פּרייטיק פאַרנאַכט. דער גערויש ווערט שטילער. דער טומל ווערט צו ביסלעך פאַרשווונדן, דער הו־האַ אין דער לופטן — אַנטשוויגן. די סוחרישע גרופּקעס — צערונען. דער מאַרק ווערט שטילער. אַ פאַרשפּעטיקטע מאַרק־זיצערקע פון אויפּס קלייבט אַרויס די צוגעפוילטע עפּל, וואַרפט זיי אַרויס און פּאַקט די קאַשיקעס. אַן איזוואָזטשיק אויף אַ דראָזשקע מיט גומענע רעדער טרייבט אונטער פויל זיין מיד פערדל, וועלכער קריכט נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. אַ פאַרשפּעטיקטער פורמאַן, אַ פאַרפּודערטער אין ווייסן מעל, יאָגט אונטער מיט ברען זיין פערדל, וואָס טראָגט מיט געבראַזג זיין פאַרמעלטן דראַנגאָוון וואָגן איבער די שפּיציקע ברוקשטיינער און קלינגט הילכיק אָפּ אין דער האַלב־אַנטשוויגענער גאַס. קעגן איבער דעם מאַרק אין גרודסקיס וויינגעשעפט, באַדינט דער בעל־הבית, אַ ייִד מיט אַן אינטעליגענט פּנים און שפּיציק גע̇ל בערדל, זיינע פאַרשפּעטיקטע קונים, וואָס דאַרפן ווײַן אויף קידוש. זיינע צוויי טעכטער, ראָזע־ווייס־הויטיקע מיט געל־פייערדיקע האָר, העלפן צו דעם טאַטן. אַ ייִדל מיט אַ צעכראַשטשעטן קאַפּטאַן און ברייט צעוויגטע פּאָלעס רוקט אַריין אַ רויט צעפּאַרעטן אויסגע־צוואָגענעם קאָפּ נאָר־וואָס פון מרחץ אַרויס, און שרייט אויס מיט רוגזה:

— ר׳ ייִד, איילט זיך צו, שוין באַלד שבת, אַ פערטל שעה צו ליכטבענטשן.

די זשאַלוזעס פון די קראָמען אויף גומיענער גאַס הויבן זיך אָן אַראָפּלאָזן. כאַשע גאָלדשטיינס זשאַלוזעס — מיט אַ גרויסן יחוס־גבירישן בראַזג. שאַשקעס׳ס טאַבאַק־געשעפט — מיט אַ שטילן בכבודיקן ריטש אַראָפּ, און טאַלס הוטגעשעפט — מיט אַ קליינעם, באַשיידענעם פאַרזשאַווערטן קוויטשעלע. אַ פעטע ייִדענע מיט אַ געבלומטן קאָפּטיכל רוקט נאָך אַריין דעם קאָפּ אין שטופּלערס זייפגעשעפט אין דער האַלב־פאַרמאַכטער טיר. נאָר די אַנדערע טיר פאַרמאַכט זיך אָן צערעמאָניעס

נעבן דער ייִדענעס נאָז. אַ גוי מיט אַ רויטער נאָז און אַ צעשפּילעטן רעקל קערט דעם אַספאַלט מיט אַ לאַנגן בעזים און קערט אַריין דעם שמוץ אין רינשטאָק. עס קריכט אַן אַלטע ייִדענע מיט אַ קאָשיק אייער מיט איין אויפגעהויבענעם און מיטן אַנדערן אַראָפּגעלאָזטן אַקסל, קרעכצנדיק. און עס לויפט בחיפּזון מיט דראָבנע טריטלעך אַ יונג ווייבל מיט צעפלאָשעטע האָר, האַלטנדיק אין האַנט ליכט איינגע־ וויקלטע אין ווייסן פּאַפּיר, פון וועלכן עס שטעקן אַרויס די אַראָפּגעהאָנגענע ווייסע קנויטן.

בלויע פּאַסן באַציען דעם הימל. אַ גרויע טונקלקייט צעגיסט זיך איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן. טריט פון איינציקע פוסגייערס קלינגען הילכיק אַף איבער די אַספאַלטענע טראָטואַרן. פון די פענצטער, פּאַרזונקענע אין יראת־שמימדיקער שטילקייט, לייכטן זיך פּייערלעך און ס׳וויגן זיך שטיל גאָטספּאַרצטיק די פלע־ מעלעך פון די שבתדיקע ליכט אויף דעם ווייס אויסגעשפּרייטן בלאַנקענדיקן טישטעך. אינעווייניק, אין גאַניאָנדזקיס הויף, קעגן איבער אונדזער באַלקאָן, שטראַלן צוויי באַלויכטענע אין פּאַרביקן געבלומטן גלאָז, גרויסע פּירקאַנטיקע פענצטער פון סאַליע אָגעס בית־מדרש. דער גרויסער הענגלאָמפּ אין בליציקע פייערן צעשפּילט זיך ראַשיק ליכטיק אין דער הויכקייט פון די פענצטער און זאָגט אָן הייליק תענוגדיק, אַז מ׳גרייט זיך דאָרט צו קבלת־שבת, צו באַגעגענען דעם זיסן געבענטשטן שבת מיט דעם ציטערדיק קלינגענדיקן „לכו נרננה", וואָס זינגט צום טאַקט פון די זיך בויגנדיקע פלעמעלעך פון די גרויסע שטאָלצע שניי־ ווייסע ליכט, אַריינגעשטעלטע אויבנאָן אויפן עמוד.

*

אַ זומערדיקער פרימאָרגן. פייגעלעך שווישטשען, שפּרינגענדיק אונטער מיין פענצטער פון איין דאַך איבערן צווייטן, אין דער שטילקייט פון דער גאַס. עס איז קאַניקול, און דווקא דערפאַר ליג איך שוין אַזוי פרי מיט ברייט צעעפנטע אויגן. און מאָדנע, עס שלעפט מיך נישט. עס איז מיר אַ שאָד יעדע מינוט פון לעבן. איך טו זיך אָן שטילערהייט, נישט צו וועקן די מאַמען און גיי אַרויס אויפן גאַס.

גאַניאָנדזקיס הויף ווערט וואַך, וואַרפט אַראָפּ זיין נאַכטיקן שלאָף און דער גרויער באַגינען עפנט אַ נייעם טאָג פון לעבן. די טיר פון אַ הייזל איז ברייט צעעפנט. ווינאָגראַד דער טאַפּעצירער, אַ הויכער, פולער, ברייטפּלייציקער ייִד, אַ ווייסלייביקער מיט ראָזע בעקלעך, שלעפּט אַ גרויסן מאַטראַץ, וועלכער האָט זיך איינגעקשנט און וויל נישט דורכגיין דורך דער שמאָלער טיר. און קוים מיט צרות זיך אַדורכגעשטופּט, גיט דער מאַטראַץ אַ בייזן קלונג מיט די ספּרוזשינעס. אַ וואָלקן שטויב זעצט אַרויס פון זיינע געדערים, און מיט אַ בראָזג לייגט מען אים אַוועק אויף אַ קליינעם, פעסט־געבויטן וועגעלע מיט מאַסיווע אייזערנע רעדלעך.

דער מאַטראַץ האָט גרויסע צעשוומענע צייכנס ווי ימען אויף אַ לאַנדקאַרטע און אין די ווינקלען — גרויע און ברוינע צעשוומענע פלעקן, סימנים פון אַ פאַרביטערטן קאַמף פון אַ ביאַליסטאָקער יידענע מיט רויטע אומגעבעטענע געסט.

דער ווינט שאָקלט שטיפעריש אויפן הויף אַ בלעכענע וויוועסקע (שילדל) איבער די טרעפּ, וואָס פירן צום ערשטן שטאָק פון שניידער ווילענטשיק, וועמענס פענצטער קוקט שטאָלץ אַרויס אין פראָנט פון ליפּאָווע גאַס און דורך וועלכן עס זעען זיך ווי שרעקעוודיקע געשפּענסטער, הילצערנע מאַנקענעס און קעפּ.

עס פאַלן אַראָפּ די אייזערנע שטאַבעס פון דעם קליינעם שיכקרעמל פון די נאַוויקס, טיף אין הויף. דער ברודער מיט דער שוועסטער,ביידע קליין־געוויקסיקע, רונד־פּנימדיקע, לעבעדיק־באַוועגלעכע, רעדן מיט אַ קוויטש. דער ברודער נאַוויק זעט אויס ווי אַ קליין ייִנגל אין אַ ברייטן מאַנסבילשן גאַרניטור. די טירן פון קרעמל ווערר ברייט צעעפנט און די אושאַקעס ווערן באַהאַנגען מיט שיך און קאַלאָשן. אַ הויכע גראָבע יידענע זיצט שוין אינעווייניק אויף אַ הילצערנער טאַבורעטקע מיט אַ האַלב פאַרקאַטשעטן פוס און דער קליינער נאַוויקל, אויף איין קני, שלעפּט אויף אים אַ לאַסטענעם, לייוונטענעם שוך און קוויטשעט שנעל רעדנדיק:

— דער שוך איז ווי אָנגעמאָסטן! ווי פאַר אייך אויף דער מאָס געמאַכט! איר וועט דאָס האָבן ביי מיר ביליקער אויף אַן אָנהויב.

די יידענע הויבט זיך אויף, פּרובירט מאַכן עטלעכע טריט הינקענדיק אויף איין פוס און קרעכצט: — עס דריקט! אָט דאָ אָ, אָט דאָ אָ, אָט דאָ ביים גראָבן פינגער.

עס באַווייזט זיך פון זיין דירה, וואָס איז פאַראייניקט מיט דער מעכאַנישער מאַסטערסקאַיע (וואַרשטאַט), דער שלאָסער קלמן מעלער, אַ מיטלוווקסיקער ייד, אַ געלבלעכער מיט אַ ביסל אַ צוגעבויגענעם קאָפּ און אַ פאַרדאגהט, פאַרקלערט פּנים. ער מאַכט אייליק עטלעכע שריט, דערמאַנט זיך אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן. גייט ער צוריק און קומט גלייך אַרויס, מיט אַ פּאָר שטיקלעך געצייג אין זיינע קעשענעס, טאַפּט זיך אַרום מיט זיינע ברוינע האַרט־מאַזאָליעדיקע פינגער ווי צוגעברענטע, דערטאַפּט אין דער אויבערשטער קעשענע אַ צונויפגעלייגטן אַרשין און פאַרשווינדט דורכן שמאָלן הייפל צום אַרויסגאַנג, צו ראַכקע דער שוואַרצערס געסעלע.

עס רוישן מיט אַ חוצפּהדיקן קלונג דער גרויסער שלאָס און די שטאַבעס פון דעם גלאָזגעשעפט פון פייגעלע קירזשנער, וואָס טאַקע זי אַליין, די באַלע־באָסטע, עפנט אויף. פייגעלע, אַ קורצע, גראָב־געפּאַקטע פרוי, מיט אַן עפּל־רויט פּנים באַזעצט מיט בראָדאַווקעס, פול מיט זעלבסט־זיכערקייט און ענערגיע, קוקט זיך שטאָלץ אַרום עפענענדיק איר גרויס גלאָזגעשעפט. שפּעטער אַ ביסל קומען צו אירע צוויי טעכטערלעך, וועלכע זעען אויס ווי די מאַמע: זשוואָווע, זיכערע

און מיט רויטע בעקעלעך, ווי מיט רויטן פּאַפּיר אָנגעפּאַרבטע. גאַניאַנדזקיס הויף הויבט אָן דעם טאָג פון זיין נאַרמאַלן לעבן.

*

דער גערודער פון טעגלעכן לעבן פאַרטרייבט מיך. צו פיל מענטשן. איך זוך אַ ווינקל צו זיין מיט זיך אַליין. איך קריך אַרויף אויף די אייזערנע טרעפּ וואָס פאַרבינדן די באַלקאָנען און שטאָקן פון דער אינעווייניקסטער זייט פון הויף. אָט בין איך נעבן אַ טירל פון בוידעם, עפן אויף, גיי אַריין אין אַ וואַרעמער לופט און אַ שטילקייט נעמט מיך אַרום. אַלטע וואַליזעס, אייזערנע בעטן, קעסטלעך אָנגעשטעלטע איינע אויף דער צווייטער. פון אויבן לייכט אַריין דער דאַך־פענצ־טער. איך דערזע אין אַ זייט אַ באַרג מיט ביכער, זשורנאַלן און העפטן. אַ גאַנצער אוצר. איך צעלייג מיך מיטן בויך אויף דער פּאַדלאָגע און ווער גליקלעך איבער־ראַשט פון די רוסישע ביכער, זשורנאַלן און לערנביכער, וואָס זיינען דאָ צונויפ־געזאַמלט. איך שלעפּ אַרויס פאַרשריבענע העפטן, איינגעוויקלטע אין בלויע גלאַנ־ציקע „אָביאָרטקעס" (איינוויקלונגען) מיט רויטע עטיקעטלעך און אויפשריפטן: „ג. גאַניאַנדזקי". איך פאַרשטיי אַז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף די דורכגע־לערנטע ביכער פונעם זון פון דעם באַלעבאָס פון הויף. אָט ליגט אַ בוך פון געאָמעטריע מיט צייכענונגען און פּאַראַלעלאָגראַמען, קאָנוסן, טראַפּעציעס, אָט ליגט אַ בוך פון פיזיק. איך עפן אויף די זייט פון אַרכימעדעס־געזעץ, וואָס זאָגט אַז אַ קערפּער אַריינגעטאָן אין וואַסער פאַרלירט אַזוי פיל, וויפל עס וועגט דאָס אַרויסגעשטויסענע וואַסער, און דאָס דערמאָנט מיר, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו אַ ווונדערבאַרער לעגענדע פון רבנו רב גרשום, וואָס האָט געמאַכט דעם גאָלדענעם שטול פאַר זיין קעניגלעכן הערשער און צוליב די אינטריגעס פון די הויף־מיניסטאָרן און מסירה פון זיין צווייטער יונגער פרוי, איז ער פאַרמשפּט אויף געפענגעניש, און רבנו גרשום רופט דעמאָלט אויס ביי ייִדן אויף אייביק אַ חרם אויף פיל־ווייבעריי.

אָט דאָ ליגן זשורנאַלן, נייאינקע, כמעט נישט גערירטע. „אָגאָניאָק" מיט די הומאָרעסקעס פון די באַרימטע רוסישע שרייבערס אַרקאַדי אַווערטשענקאָ און טעפי. דער „סיני־זשורנאַל" — טאָקע מיט בלויע שער־בלעטער. צוגאָב־ביכער צו דער צייטונג „בירזשעוויע וויעדאָמאָסטי", וואָס איר רעדאַקטאָר פּראָפּער, איז אַ באַרימט געוואָרענער געשמדטער ייִד. און אָט זיינען, צוזאַמענגענומען מיט אַ שטריקל, ביכער פון רוסישע קלאַסיקערס: טאָלסטאָי, גאָגאָל, ניעקראַסאָוו, טשעכאָוו, דאָסטאָיעווסקי, מיכאַילאָוו, אַלעקסאַנדער קופּרין, לעאָניד אַנדרעיעוו, מאַקסים גאָרקי און אַנדערע. איך ווער פאַרטרונקען אין גליק פון אַזוי פיל ביכער. איך ווייס נישט וואָס פריער צו כאַפּן. איך עפן אויף, לייען זייטלעך, מיש בלעטער. עס דערטראָגט זיך צו מיין אויער אַ וואָרקען פון אַ טויב. איך הויב אויף דעם קאָפּ און דערזע ווי פון אַ ווינקל פון אַ טויבנגעסט שפּאַצירט אַרויס אַ גרוי גע־

שפּריצטע טויב, קלאַפּט אָפּ טריט נאָך טריט, וואַרפנדיק און הויבנדיק דאָס קעפּל. זי דערנענטערט זיך צו מיר. איך שטרעק אויס צאַרט, ליבלעך, די האַנט און וויל זי אַ גלעט טאָן. אָבער אַזוי ווייט גייט איר צוטרוי צו מיר נישט. זי לויפט שנעל צוריק, הויבט אויף די פליגלען און ווערט פאַרשווונדן אין איר נעסט. יאָ! אָרעם טייבעלע, ביסט גערעכט! מען קאָן צו קיין מענטשן קיין צוטרוי נישט האָבן! ווער ווייסט וואָס דעם בייזן מענטשן קאָן איינפאַלן אין זיין ווילדן, שלעכטן צעדרייטן מוח?

*

שבת פרי. איך ליג אַרונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטער דער דעקע, כדי נישט צו זען די טאָגליכט פון גרויען פרימאָרגן, וואָס שטויסט מיך אָוועק פון מיינע זיסע, נאַכטיקע חלומות. אָבער עס העלפט נישט. דער מאַמעס שטימע דערטראָגט זיך שוין צו מיר. דאָס טענהט זי זיך אויס מיט אונדזער שכנס טאָכטער, שרהלע גראָדזקי, אַ 12 יאָריק מיידל, אַ קאָכעדיקע, מיט אַ פולן, רונדן צאַפּלדיקן פּנים, וואָס איז שוין קערפּערלעך גוט אַנטוויקלט. שרהלע שרייט הויך אויפן קול. זי וויל זיך רייצן מיט מיר און מיך אַרויסנעמען פון שלאָף, און מיין מאַמע בעט זיך ביי איר זי זאָל רעדן שטילער. „יאַנקעלע שלאָפט״. אָבער שרהלע איז אַ ווילדע, אַ צעלאָזענע, לויפט זי גלייך צו מיר אין צימער און שלעפּט פון מיר — הילכיק לאַכנדיק — די דעקע, וואָס איך האַלט צו מיט איין האַנט. אָבער זי איז שטאַרקער. שלעפּט זי אַראָפּ די דעקע און איך ווער אין כּעס, לויף אַרויס אין אַ קורץ העמדל, וואָס דעקט קוים צו אַ האַלבן אינטערחלק (פון קיין פּידזשאַמעס האָט מען נאָך אין ביאַליסטאָק דאַן נישט געוווּסט) און יאָג זיך נאָך שרהלען מיט אַ לאַנגער קערבאַרשט. שרהלע קוויטשעט, לויפט דורך אַלע צימערן, צופרידן מיט דער שפּיל און שרייט כּלומרשט אין פאַרצווייפלונג: — „טעמע! יאַקאָוו שלאָגט זיך״. די מאַמע פאַרהאַלט מיך און בייזערט זיך: — „עס איז שבת! עס איז צייט צו גיין אין בית־מדרש, דער טאַטע איז שוין לאַנג אַוועק. און ער לויפט נאָך אַרום אַ נאַקעטער״.

איך טו זיך פויל אָן, טרינק אויס אַ גלאָז טיי, פאַרבייס מיט אַן אייערקיכל און נאָך האַלטנדיק אַ ביסן אין מויל, נעם איך דעם סידור און קריך אַראָפּ אַ פאַרשלאָפענער פון די טרעפּ, ווישנדיק די אויגן. אַדורכגייענדיק דעם הייפל קעגן איבער קלמן מעלער — אַ טיר קעגן אַ טיר — זעט זיך שוין דער שמאָלער אַריינגאַנג מיט די שמאָלע טרעפּ אויפן ערשטן שטאָק, וואָס פירט צו סאַליע אַגעס בית־מדרש.

פון די פענצטער פון בית־מדרש אין מזרח, זעען זיך די ברייטע אייזערנע פאַרזשאַווערטע באַלקאָנען פון גאַניאָנדזקיס הויז. די פון אויבן אָפּגעצוימטע ווייבערשול, צו וועלכער מען דאַרף אַרויפגיין פון די טרעפּ מיט אַ שטאָק העכער, מאַכט דעם בית־מדרש אויסזען נאָך קלענער. דער גרויסער הענגלאָמפּ מיט די

עלעקטרישע ליכט פאַרנעמט אַ טייל פון סופיט, און דאָך שוועבט איבערן בית־מדרש אַ פאַרטראַכטע מחיהדיקע היימישקייט, ווי איין גרויסע משפחה וואָלט דאָ געדאַוונט. איינער קען דעם צווייטן אויסגעבונדן, ווייס פון יעגעמס נחת און ליידן, צרות און פריידן.

שחרית דאַוונט דער הויכער אָפּענבאַך, דער הענטשקע־מאַכער פון ליפּאָווע גאַס. רויק, געלאַסן, ציילט ער יעדעס וואָרט. מיין טאַטע זיצט איבערן סידור פאַרקלערט און מיט אַ שטומען ווונק רופט ער מיך צו זיך. דער טאַטע אַ פאַר־טראַגענער אין געדאַנקען, דאַוונט ווייניק. מערסטנס מישט ער די בלעטלעך, קנייטשנדיק דעם שטערן — אַ סימן, אַז ער איז פאַרטיפט אין אַ געדאַנק וואָס מאַטערט אים און לאָזט אים נישט אָפּ. אָבער אַז עס קומט צו „שוכן עד", הויבן אָן אייניקע מתפללים צוצושטיין צום טאַטן, ער זאָל דאַוונען מוסף. איבערהויפּט פאַלט צו צו אים ווילענטשיק דער שניידער, וועלכער האַלט שטאַרק פון מיין טאַטנס בילדונג און פאָליטיק און אויך פון טאַטנס קלאָרקייט אין דאַוונען און דייטלעכן פירוש המילות.

— נו, ר' גרשון! נו... ווייזט וואָס איר קענט.

איך האָב ליב מיין טאַטנס דאַוונען, ווען ער דאַוונט פּשוט אָן חזנישע דריידלעך. און ווען דער טאַטע קומט צו אין דער מוספדיקער שמונה־עשרה צו זיין „נעריצך ונקדישך", ווערט שטיל אין בית־מדרש און די מתפללים ווערן דורכגענומען מיטן טאַטנס ביאַליסטאָקער נוסח, מיט אַזוי פיל האַרץ־און נשמה־ציטער, ווי דער טאַטע וואָלט ענדלעך געפונען אַ געלעגנהייט זיך אויסצוטענהן מיטן רבונו של עולם און פאָדערן ביי אים, שטאָלץ און ווירדיק, יושר פאַר זיין פאָלק ישראל און אויף איינוועגס אויך פאַר זיך. זיין קול ציטערט מיט טרערן און פּראָטעסט.

ביים לייענען די תורה אָדער ביי „עלינו", פאַרן ענדיקן דאַוונען, איז שוין טומלדיק. גרופּקעלעך יידן שטייען שוין ביים שוועל פון בית־מדרש אָדער אין פאַרהויז נעבן די טרעפּ און שמועסן פּאָליטיק. איבערהויפּט קאָכט זיך לייבל פיינסאָד פון דעם שפּיגל־געשעפט — און דערפאַר רופן מיר טאַקע איבער זיין זון, ישראלקע דעם גימנאַזיסט פון אַלעקסאַנדראָווס גימנאַזיע, „שפּיגעלע". לייבל פיינסאָד איז אַ ייד מיט איינגעפאַלענע באַקן און רויטלעכע האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן. ער שרייט שנעל, הייזעריקלעך: — „יידן דאַרפן זיך נישט מישן אין פּאָליטיק... מאַכן רעוואָלוציעס. דערפון קומט קיין גוטס נישט אַרויס. זיי ווילן מאַכן אָרדענונג ביי פּאַניען אין לאַנד. נעמען זיך אָן פאַרן רוסישן אַרבעטער. זאָלן זיי זיך בעסער אָננעמען פאַר זייערע טאַטעס און מאַמעס וואָס לעבן אין שרעק צוליב זייערע זאַבאַסטאָווקעס (שטרייקן) און פּראָקלאַמאַציעס. וואָס זיינען מיר דאָ? פרעמדע! פרעמדע!"

נעבן לייבל פיינסאָד שטייט זיין זון, ישראלקע דער גימנאַזיסט, שמייכלט

חוזקדיק איבער זיין טאַטנס רייד און ווינקט צו מיר מיט אַן אייגל. קלמן מעלער, דער מעכאַניקער, שטייט שטיל, ערנסט פאַרטראַכט, און ווי געווײנלעך הערט ער זיך פלייסיק צו און שווייגט. נעבן אים שטייען זיינע זין, אברהמל וואָס שפּרינגט אַרום און קאָן נישט איינשטיין אויף איין אָרט און יעקב (היינט אין ניו־יאָרק) אַ רויִקער מיט אַ געזונטן ראָזן קיילעכדיקן פּנים און פול־לייביקן קערפּער, געלאַסן און פאַרטראַכט ווי דער טאַטע זיינער. נישט געקוקט אויף זיין ייִנגלישקייט, איז ער שוין עפּעס אַ גאַנצער מענטש. ווײַדענבוים, דער קאַלאַניאַל־קרעמער פון ראַכקע דער שוואַרצערס געסל, אַ קליינוויקסיקער, אַ קאַכעדיקער — מיט זיינע צוויי קורצגעוויקסיקע זינדעלעך — זיינען אומעטום פול, אומרויִקע און טעמפּעראַמענטפולע. מעדאַוויניק, אַ ייִד מיט אַ שפּיציק בערדל, קלאַפּט יעדעס מאָל איבערן טיש איינצושטילן דעם טומל אין פאַרהויז לעם די טרעפּ ביי דער אָפענער טיר. ווילענטשיק, דער שניידער מיט אַ רונדן פרישן פּנים, אונטן שמאָל און אויבן ברייט, לייגט אומעטום צו אַן אויער און הערט זיך צו. זיין הויכער, דאַרער זשוואָווער זונדל, מיט אַ מאָגערן האַלדז און פישטשענדיק שטימעלע, לויפט פון איין חבר צום צווייטן, קוויטשענדיק שנעל מיט זיין שאַרף קלינגענדיקער מיידלשער שטימעלע.

אין צענטער פון געזעמל שטייט ירוחם לעווין, אַ ווייס־הויטיקער בלאָנדער בחורל, אַ פעסט־געבויטער, מיט אַ טשופּרינע האָר פון הינטן און די זייטן נישט צוגעשוירענע. ירוחם האַלט דעם סידור מיט ביידע הענט פון הינטן, לאָזט זיין שטימע הערן מיושבדיק, רויִק, געלאַסן. די עלטערע ייִדן הערן אים מיט אינטערעס אָבער ביזן סוף האָבן זיי שוין קיין געדולד נישט און פאַלן אים אַריין אין מיטן די רייד. אָבער ירוחם לעווין איז זעלטן ווען נתפּעל, פאַרלירט נישט זיין געלאַסנקייט און פּרוּווט זיי אויפקלערן.

ביים סוף דאַווענען, ווען די אבלים זאָגן קדיש, ווערט שטיל אויף אַ מינוט, אָבער ביים „ואמרו אמן" הייבן שוין אָן ייִדן שטילערהייט צו דיסקוטירן אָדער פאַרענדיקן דיסקוסיעס אָנגעהויבענע ביים לייענען, אַריינלייגנדיק די טליתים אין די זעקעלעך. דער ייִדישער טעמפּעראַמענט און די אומרויִקייט ברויזן אויף. אַרויסגייענדיק און שטייענדיק אויפן הויף, שמועסן שוין די פאַרזאָרגטע ייִדן וועגן רוסישער פּאָליטיק און וועלט־ענינים, און זאָגן אַרויס אַ סך נביאות וועגן דער וועלטס צוקונפט, נביאות וואָס ווערן איצט באַשטעטיקט פאַר מיינע אויגן, וואָס גרויסע דיפּלאָמאַטן מיט וועלטנעמען האָבן זיך צו זיי נישט דערגרונטעוועט. קלוגע, וויטזיכטיקע ייִדן האָט ביאַליסטאָק פאַרמאָגט.

*

אין אַ שבת נאָך מיטאָג האָט מיין ברודער דוד מיר געטאָן אַ „טובה", מיך מיטגענומען אין צערטלס וואַלד צום פּאַרק ראַסקאָש אין באַגלייטונג פון זיין חבר פּאָטאָקסקי. אין די פאַרנאַכטיקע שעהען, ווען די מוזיק האָט זיך צעשפּילט

אין פּאַרק ראַסקאַש, איז מיין ברודער דוד דריי מאָל צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אַרויסנעמען צען קאָפּיקעס, האָט ער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אויסצוגעבן אַזאַ קאַפּיטאַל. האָבן די צוויי חברים זיך מיישב געווען פּרובירן דעם מזל מיט אַ „זאַבאַרנעם בילעט". האָט מיין ברודער דוד מיר געגעבן אַ „באַרקע", אונטערהויבנדיק מיך הויך אויפן פּאַרקאַן אין אַ פינצטערן ווינקל, כדי אויסצושפּירן צי מען קאָן נישט אַריבערקריכן אויף יענער זייט. ווען כ'בין געשטאַנען אויף דער באַרקע פון מיין ברודער און געהאַלטן די הענט אויפן פּאַרקאַן צו אָבסערווירן די סטראַטעגישע פּאָזיציע, האָט זיך פון דער אינעווייניקסטער זייט פּאַרטייעט אַ וועכטער און מיט דער גאַנ-צער קראַפט אַראָפּגעלאָזן אויף מיין האַנט זיין נאַגייקע מיט בליי. איין שפּיץ פינגער פון מיין קינדעריש הענטל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוטיקער קאַשע. איך בין אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד נעבן מיין ברודערס פיס מיט אַ שרעקלעכן געשריי. מיין ברודער איז בלאַס געוואָרן פאַר שרעק, דערזעענדיק מיין צעבלוטיקטן פינגער און ווייסנדיק, אַז דאָס האָט מען אים — דעם עלטערן ברודער — אָנפאַרטרויט דעם גורל פון זיין יינגערן ברודער, וואָס איז דעם טאַטנס ליבלינגקינד. איז באַשלאָסן געוואָרן איך זאָל זאָגן אין דער היים, אַז איך בין געפאַלן אין וואַלד אויף אַ צעבראָכענער בירפלאַש און זיך צעשניטן דעם פינגער. מיין ברודער האָט אַרומגעוויקלט מיין פינגער מיט אַ טיכעלע צו פאַרהאַלטן דאָס בלוט, מיך אַריינגעזעצט אין טראַמוויי און מיך געבראַכט אַהיים. מיין טאַטע, דערזעענדיק מיין צעבלוטיקטן פינגער, האָט פאַרבראָכן מיט די הענט און גלייך שבת־אָוונט מיך אַרויפגעפירט צו אונדזער שכן, אַנטאָקאָלסקי דעם פעלדשער.

אַנטאָקאָלסקי דער פעלדשער, אַ מיטליעריקער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס און אַ געדיכטער עטוואָס באַזילבערטער קוטשמענע האָר, אַ רויִק פילאָזאָפישער אינ־טעליגענטער ייִד, פלעגט אַרומפאָרן מיט זיין אייגענער ברישקע, זייענדיק אַליין דער פּאַסאַזשיר און אַנטרייבער און האָבנדיק אַ פאַרגעניגן דערפון. פון זיין משפחה האָב איך גוט געקענט זיינע קינדער, כאַשקע, אַן אינטעליגענטע פריילין מיט מאַניערן, פיניען, מיין ברודער דודס חבר, מיט וועלכן ער איז געווען גוט באַפריינדט און געגאַנגען צוזאַמען אין יאַפעס שולע, און וויניע, די ייִנגסטע טאָכטער, אַ שטיפערקע, אַ מאָגער מיידל, מיט אַ שמאָל לאַנג העלדזל, אַ שילערין פון קאָמערץ־שולע. אין שטוב פלעגן מיר זיך וויצלען, אַז אַנטאָקאָלסקיס קינדער באַשטייען פון אַ „הייליקער טראַיצע": פיניע, וויניע און כאַשקע די גראַפיניע (פאַר איר שטייפן האַלטן זיך).

צו וויניען האָב איך געהאַט טיפערע סענטימענטן: דער ערשטער, אין אַ יונגן ייִנגל דערוואַכטער ציטער צו אַ מיידל, וואָס איז עטלעכע יאָר עלטער פאַר אים און קוקט אויף אים מן הסתם פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף אַ „סמאַרקאַטש". (דער דעמאָלט באַרימטער ביאַליסטאָקער אויסדרוק). נאָך דער „דראַמע" מיט

מיין פינגער. ווען איך בין געוואָרן אונדזער שכן אַנטאָקאָלסקיס אַ פּאַציענט און אַן אָפּטער אַריינגייער נישט נאָר צוליב די „פּערעוויאַזקעס״ (באַנדאַזשירונגען), נאָר צוליב ווייניען, מיט וועלכער איך האָבן צוזאַמען דעקלאַמירט פון דער רוסי־שער פּאָעזיע, פון די ווערק פון נאַדסאָן, לערמאָנטאָוו, פּושקין — און וואָס אַן אמת, איך האָב מער אויף איר געקוקט, ווי אַליין גערעדט. צו פּיניען האָב איך געפילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר די קרימינעלע ראָמאַנען וואָס ער האָט מיר אויסגעליען צו לייענען, זייענדיק מיין ברדוערס חבר. גאַנץ ביאַליסטאָק איז דעמאָלט געווען פאַרשיכּורט פון דעטעקטיוו־געשיכטעס, עראָטיש־ראָמאַנטישע ביכ־לעך און סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען אין פאָרזעצונגען וואָס האָבן פאַרפּלייצט די יוגנט. די באַרימטסטע זיינען געווען: די דעטעקטיוו־געשיכטעס פון נאַט פּינקער־טאָן, ניק קאַרטער, שערלאָק האָלמס, לאָרד ליסטער, „דער דזשענטעלמען — גנב״, ווי אויך אַלגעמיינע ראָמאַנען ווי: דזשוזעפּע גאַריבאַלדי, די גראַטן פון לייכטוויס, „די גרעפין בעטלערין״, אויף וועלכער די ביאַליסטאָקער פרויען און מיידלעך האָבן פאַרגאָסן טייכן טרערן, נאָכפאָלגנדיק אין פאָרזעצונגען די פינצטערע דאָליע פון דער גרעפין, וואָס איז געוואָרן אַ גאַסן־בעטלערין.

ווען צוויי ביאַליסטאָקער יינגלעך פלעגן זיך טרעפן אויפן גאַס, פלעגן זיי זיך באַגעגענען מיט די פאָלגנדיקע פּסוקים פון די דעטעקטיוו־געשיכטעס פון נאַט פּינקערטאָן און ניק קאַרטער: — „בלייב שטיין, דו פאַרברעכער! נאָך איין באַווע־גונג און דו ביסט טויט!״ אָדער — „בלייב שטיין פּאָדלעץ! ענדלעך האָב איך דיך געפּאַקט! אין נאָמען פון געזעץ ביסטו אַרעסטירט!״ צום גליק איז די דער־ציונג אין די יידישע היימען געשטאַנען אַזוי הויך מאָראַליש און עטיש, אַז קיין דראַמעס זיינען פון די ביליקע שונדביכלעך נישט אַרויסגעקומען.

יאָרן זיינען געלאָפן. וויניע אַנטאָקאָלסקי איז געוואָרן אַ שלאַנקע, חנעוודיקע קאַמערסאַנטקע מיט פאַרחלומטע אויגן און צאַרטע בליקן. אָבער אויך די פּאָלי־טישע געשעענישן זיינען נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה. די דייטשן זיינען אַריין אין ביאַליסטאָק. פיר יאָר האָט געדויערט די מלחמה און אין 1919 האָבן ביאַליסטאָק באַזעצט די פּאָליאַקן. אין ניינצן הונדערט און צוואַנציק האָט זיך אָנגעהויבן די פּויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה. די באָלשעוויקעס האָבן אַריינמאַרשירט קיין ביאַליסטאָק, אָבער די פּאָ־ליאַקן האָבן געגאָסן פון דער מיליטערישער הילף און פון דער סטראַטעגיע פון פראַנצויזישן גענעראַל ווייגאַן, די באָלשעוויקעס האָבן געליטן אַ מפּלה. די פּאָליאַקן האָבן אין אויגוסט 1920 ווידער פאַרנומען ביאַליסטאָק און געמאַכט אַ מוראדיקע שחיטה צווישן די יידן אויף די וועגן, שאָסייען און אונטערן שטאָט, באַשולדיקנדיק זיי אין באָלשעוויזם. זיי האָבן פּאָגראָמירט, גערויבט און געמאָרדעט. נאָך דעם ווי די רעגולערע פּוילישע מאַכט האָט איינגעפירט אָרדענונג אין שטאָט, האָב איך זיך דערוווסט די מוראדיקע נייעס: די שטאָלצע וויניע אַנטאָקאָלסקי איז

שוין נישט געווען מער צווישן די לעבעדיקע. זי האָט זיך דרייסט אַנטקעגנגע־שטעלט די פוילישע פּאָגראָמשטשיקעס ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין זייער וווינונג צו ראַבירן, און זיי האָבן זי ברוטאַל דערשאָסן אויפן אָרט. אַזוי האָט פאַרענדיקט איר יונג, צאַרט לעבן מיין יוגנט־חברטע וויניע, אַנטאָקאָלסקי דעם פעלדשערס טאָכטער, וואָס האָט געוווינט מיט אונדז אין שכנות אין גאָניאָנדזקיס הויף.

דער טויט פון אַ ביאַליסטאָקער לערער

דער זומער גוססט, שטאַרבט אָפּ. עס גיט נאָך פון צייַט צו צייט אַ בלאָז אַ וואַרעם ווינטל אין אַ וואַרעמען סעפּטעמבער־אָוונט. יונגע פּאַרלעך כאַפּן אַריין, צעשיטן זיך אין די נאַכטיקע שאָטנס אין ביאַליסטאָקער וואַלד, אויף דער גרינער אַלעע, אין צערטל דאַטשעס, טוליען זיך אין פאַרבאַרגענע ווינקלען אונטער הויכע גוט־ברודערשע, אַלט־פאַרכמורעטעביימער, פאַרלירן זיך אין דער גרינקייט פון גראָז, באַשיצטע און פאַרדעקטע דורך גרינינקע יונגע ביימעלעך, וועלכע שאָקלען זיך יונג־שטיפעריש און גוטהאַרציק און באַהאַלטן אויס די זיך קושנדיקע פּאָרלעך פון אַ נייגעריק אויג. געלע, רויטע, ציגל־פאַרביקע ווי דער זון־אונטערגאַנג, פאַר־וועלקטע בלעטער ליגן פאַרחלשטע לעבן די ביימער, קושן די ערד אין זייער לעצטן אויסגיין, און דערמאָנען, אַז אַלץ איז פאַרמשפּט צום טויט.

*

לויפן שולקינדער אין די מאָרגן־שעהען פון כאַנייקעס, סוראַזער, ליפּאָווע, גומיענער און וואַשליקאָווער גאַס, מיט די לעדערנע „ראַנצעס" אויפן פּלייצע. האָצקען אונטער פריילעך אין מיטן לויפן דעם ראַנעץ וואָס הויבט זיך אָן אַראָפּ־לאָזן פון די לעדערנע פאַסקעס. די ראַנצעס זייַנען פול מיט ביכער — גראַמאַטיקעס, כרעסטאָמאַטיעס, העפטן מיט „סאָטשיניעניעס", און אין אַ ווינקל — דער מאַמעס פרישטיק: אַ ביאַליסטאָקער קוכן מיט דאַרע קישקע, אָדער געפּרעגלטע הערינג מיט אַ גריסקע, און דאָס אַלץ באַמבלט זיך פריילעך אין דעם ראַניעץ פון ביאַליס־טאָקער תּלמיד פון פרידמאַנס, מענאַכאָווסקיס, באַביצקיס אָדער יאָפעס שולעס.

די גימנאַזיסטן, קאָמערסאַנטן און רעאַליסטן גייען שוין מער מיושבדיק סטאַ־טעטשנע אין זייערע פאָרמעס. ריין־געפּרעסטע אַנצוגן, מעשה מענטש. בחורימלעך מיט אַ תּכלית, וואָס שטייען שוין מיט איין פוס אין דער געזעלשאַפט פון דער־וואַקסענע, לערנען זיך און לערנען יענעם, כדי דורכצושטופּן דעם שכר־לימוד, וואָס פאַלט אַזוי שווער אויף דעם טאַטן, דעם ביאַליסטאָקער קרעמער, וואָס דאַרף

אויסהאַלטן שוין אַ דערוואַקסענעם בחור, אים אַדורכקוועטשן דורך דער פּראַצענט־נער נאָרמע מיט אַ ספּעציעלן ייִדישן שטייער, אים קויפן ביכער, קליידער און אַריינשטופּן אין קעשענע אַן עקסטראַ האַלבן רובל אויף אַ קאָנצערט, גוליאַניע אָדער סווידאַניע.

אויך די קלענערע פּריוואַטע שולעס עפּענען זיך נאָך „קאַניקול", ווען די קינדערשע שטימעלעך און גערזאַנגען הענגען אין דער לופטן און פאַרהילכן די געסלעך מיט זייער קינדערשן קוויטש. פול מיט לעבן און יוגנט־נייגיריקייט שפּרינגען זיי איצט אויף איין פיסל, ווי וועלנדיק אַ לעצטן שטיף געבן, איידער זיי נעמען זיך צו זייערע העפטלעך.

אויך מיין טאַטנס שולע איז שוין גרייט צום נייעם זמן. דער צימער פריש אויסגעקלעפּט. עס שמעקט נאָך דער ריח פון קלעפּערישן פּאַפּ, פון די גרויסע גרינע בלומען אויפן ביליקן אַביטשע־פּאַפּיר. די „סקאַמייקעס" (שולבענק) אָפּגעפּאַליטירט. די טינטערלעך פריש אַרומגעוואַשן און אָנגעפילט מיט פרישן טינט. די פּאַדלאָגע פריש אָפּגעסקראָבעט, ריין אויסגעוואַשן — די פּראַצע פון מיין פאַר־האַרעוועטער מאַמען. אַ נייע מזוזה אויפן טיר וואָס די מאַמע האָט שטילערהייט געביטן, טאָמער וועט דאָס ברענגען גליק.

דער גרויסער הענגלאָמפּ אויף די קייטן אָפּגעפּאַרבט מיט שוואַרצן, גלאַנציקן לאַקיר און באַפּוצט מיט אַ גרויסער באָמבע פון בלוי־גרין־רויטן פּאַפּיר אונטער־געהאָנגען פון אונטן. דאָס פאַרקאָפּטשעטע גלעזל פון לאָמפּ גוט אַרומגעוואַשן און אַ נייער ווייסער קנויט זיצט עפּעס אַזוי פרעמד אין דעם לאָמפּ, אָנגעפילט ביז דער הויך מיט בלוילעכער גאַזע. ווייסע פאַרהענגלעך באַפּוצן די ווייס־פּאַקאָס־טירטע פענצטער פון מיין טאַטנס שולע, פאַרדעקנדיק אַ שויב אַ צעבראָכענע אויף העלפט און קונציק פאַרקלעפּט מיט מעל פון געבייטלט ברויט. דאָס שפּייקעסטל אין ווינקל, אַ פריש־אויסגעשייערטס, שטעכט די אויגן מיט זיינע פאַרזשאַווערטע פלעקן, ווי אַן אַלט מיידל, וועלכע וואַשט אָפּ איר פּנים. אַ גרינער גראָבער טרעטער פון געפלאָכטענעם שטרוי ליגט לעבן שוועל אויף אָפּצווווישן די קינדערשע שיכ־לעך פון דער בלאָטע פון כאַנייקעווער גאַסן. דער טרעטער ליגט מעשה יחסן, וואָס דאַרף דער ערשטער מקבל פּנים זיין גלייך ביים אַריינגאַנג מיין טאַטנס שפּייזעריגס — די שולקינדער, די טעכטער פון די ביאַליסטאָקער בעל־מלאכות. דער נייער זמן פון מיין טאַטנס שולע האָט זיך אָנגעהויבן.

*

אין דעם קילן סעפּטעמבער־פרימאָרגן האָבן אָנגעהויבן קומען מיין טאַטנס שילערינס:

פעשקע פאַרבשטיין — אַ שמאַל, מאָגער מיידל, אַ רויקע, אַ געלאָסענע, די טאָכטער פון איטשע פאַרבשטיין, אַ פאַראַליזירטן ייִדן אויף איין פוס און איין האַנט, וועלכער האָט געהאַט אַ שפּייזגעשעפט און פיר שיינע טעכטער. די צווייִ

עלטערע, דאָבטשע און שאָשקע, האָבן אַרויסגעהאָלפן דער מאַמען אין קראָם, געהאָלפן פאַרקויפן אַ הערינג, גאָזע, צוקער און אַראָפּדרייען דעם קראַן, אָנצאַפּן אַן עמער וואַסער אונטערן פענצטער אין דרויסן, וואָס, באַצאָלנדיק אַ גראָשן דורך דער שפּאַרונע פון שויב, האָט מען אָפּגעדרייט שוין אינווייניק.

רבקה פאַקטאָר — אַ מיידל מיט שוואַרצע צעפּלעך, רויטע בעקלעך און שוואַרצע, לויפנדיקע, נייגעריקע אייגעלעך. איר פאָטער, אַ הענדלער פון מילך, האָט געזאָרגט צו געבן, פון זיין נישט בהרחבהדיקער פּרנסה, זיינע קינדער אַ ביסל בילדונג און יידישע דערציונג.

פּאָזניאַק, — דעם איזוואָזטשיקס טאָכטער, אַ מיידל מיט אַ פולן, פליישיקן פּנים, ברייטן נעזל און זאַפטיקע, גראָבע ליפּן. פּאָזניאַק, אַ ייד, אַ ברייטביייניקער, פעסט־געבויטער, מיט אַ רויט־אָפּגעברענטן פּנים, וואָס האָט געקענט מאַכן אַ כּוסע, איז געווען אַ ייד אַ דרייסטער, אַן אַרבעטזאַמער, מיט אַ גראָבן בעל־עגלהשן לשון, אָבער מיט אַ גוט יידיש האַרץ.

די צוויי שוועסטער גערבערגאָלץ, מיט מאָגערע, איינגעפאַלענע בעקלעך, שוואַרצע געקרייזלטע האָר און אַ ביסל קאָסאָקלעכע אויגן, וואָס האָבן גערעדט אַ פּוילישן יידיש, ווייל זיי זיינען אַריינגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק פון לאָדזש. די קינדער האָבן זיי טאַקע גערופן „די פּוילישע״.

ווידעלעץ — דעם שוסטערס מיידעלע, וואָס טראָגט אַ רוסיש קלינגענדיקן נאָמען מאַניע, אַן אויסגעפּולט מיידל, אַ רייפע נישט נאָך אירע יאָרן, מיט אַ פּאָר קאָכעדיקע ליידנשאַפטלעכע אויגן אויף אַ ברייטן, עטוואָס מאָנגאָלישן פּנים. זייער אַ פעיקע און די גאַנצע פירערין פון אירע חברטעס. איר פאָטער, אַן אָרעמער שוסטער פון שייעס גאַס, האָט זי געהאַלטן שטרענג.

אָט איז די קליינע, בלאָנדע, ווייס־הויטיקע טאָכטער פון וועליאַן דעם בעקער. אַ שטיל מיידל, מיט אַן אויסזען פון אַן אינטעליגענטער שיקסע, וואָס איז אַ קאָנ־טראַסט מיט די שוואַרצע פינקלענדיקע אויגן און יידיש זשוואַווע באַוועגונגען פון אירע חברטעס.

מאַניע גאָלדבערג, אַ קליין, שלאַנק, חנעוודיק מיידל. אַ שעמעוודיקע, מיט אַ צאַרטן, איידעלן פּנים, די טאָכטער פון שלוימקע דעם פעלדשער און די שוועס־טער פון מיין חבר פון מיינע קינדער־יאָרן דאָווטשע גאָלדבערג.

יעדעס מיידל קומט אַריין מיט די זעלבע ווערטער, איינע אומעטיקלעך, איינע פריילעך לויט דעם ווי ס׳איז איר אויפן האַרצן:

— גוט מאָרגן, לערער! גוט מאָרגן, לערערקע! — און זעצט זיך אויף דער ברייטער, ברוין־פּאָליטירטער „סקאַמייקע״, (באַנק) וואָס איז געווען באַשטימט פּאָר פינף שילערינס, מיט אַ טינטער טינט לעבן יעדער שילערין. מיין מאַמע באַגריסט מיט ליבשאַפט און האַרציקייט יעדע שילערין, אויספרעגנדיק וועגן דעם געזונט פון די עלטערן. דער טאַטע — רויק, ערנסט, — קוקט נאָך די צוגעגרייטע

העפטן און ביכער. דעם טאַטנס אויגן בלאַנדזשען אין דער לופטן. זיינען ווייט פון דער שולע און די שילערינס, וואָס קריכן לאַנגזאַם מיטן פינגער אויף קרילאָווס משל „די מאַלפּע און די ברילן". אָפט שטעלט זיך דער טאַטע אַוועק אין מיטן די לימודים לעבן פענצטער, קוקט אַרויס צום בלויען הימל, ווי דאָרט וואָלט ער געזוכט אַן ענטפער אויף די פראַגעס, אויף וועלכע ער האָט קיין מאָל קיין ענטפער נישט געפונען.

דאָס קליינע, אָרעמע, איינגעשרומפּענע לעבן פון אַן אומבאַדייטנדיקן לערער, מיט אַ באַגרענעצטער חיונה און הארטן קאַמף פאַר יעדן רובל, האָט מיין טאַטן טיף דערשלאָגן. צוזעענדיק דער מאַמעס שווער לעבן און זיינע אייגענע צערונענע חלומות, האָט מיין טאַטע זיך געוואָרפן מיטן גאַנצן ברען פון זיין אינטעליגענטער נשמה אויף לייענען ביכער, וועלכע האָבן אים פאַרטראָגן אין אַ ווייטער וועלט פון פאַנטאַזיעס, און וואָס האָבן אים נאָך ווייטער פאַרטריבן פון דער האַרטער ווירקלעכקייט און געמאַכט אים נאָך מער אומבאַהאָלפן. ער האָט געזוכט צו אַנטלויפן דורך פאַנטאַזיעס און פאַלשע האָפענונגען פון דער אומברחמנותדיקער רעאַליטעט, און געצאָלט אַ טייערן פּרייז פאַר נישט וועלן זיך צופּאַסן צום געזעץ פון ניכטערן בליק, אין דעם טאָג־טעגלעכן געראַנגל פאַר זיין עקזיסטענץ, פאַר אַנגיין מיטן לעבן.

✶

אָונט־צייט, אין שטוב פילט זיך ווי פאַר אַ שטורעם. איך זיץ אַנגעשפּאַרט מיט ביידע הענטלעך אונטער די אויערן און בין פאַרטיפט אין אַ העברעישן קינדער־ביכל. די מאַמע פאַרעט זיך אַרום די טשוגונטשיקלעך אין קיך אויף דער פליטע, און מיט צעזשאַרטע באַקן וואַרפט זי שפּענדלעך אין פליטע. איבער דער שטוב צעטראָגט זיך דער ריח פון מיין ליבלינגט־מאכל: לינדזן מיט פאַלקעלעך, מיט אַ גריבינקע אין מיטן. דער טאַטע, ווי זיין שטייגער איז, ווען ער איז אויפ־געדעגט, פויקט אויס אַ בעסאַראַבישן פאַלקאָוואַיען מאַרש אין שויב פון פענצטער.

עס דערטראָגן זיך דער מאַמעס רייד פון קיך. זי האָט נישט קיין דרייסטקייט צו זאָגן אים אין פנים, שרייט זי אַרויס פון קיך, זיך כלומרשט פאַרענדיק ביי די טעפּ:

— גרשון, צו וועמען האָסטו טענות? ווייניק שילערינס געקומען? ביסט אַליין שולדיק! דו האָסט דען דעם לערנען מיט די מיידלעך אין זינען? דו ביסט דאָך רק פאַרטראַגן. קינדער פילן דאָס. אין צייט פון לערנען ביסטו פאַרקלערט, דו ביסט פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן. די קינדער פרעגן דיך איבער עטלעכע מאָל די זעלבע פראַגע און דו הערסט אפילו נישט. וואָס מיינסטו, זיי דערציילן דאָס נישט זייערע עלטערן? איז ווי אַזוי ווילסטו האָבן אַ סך שילערינס? וואָס האָב איך פון דיין קענען פיל שפּראַכן, אַז דו קענסט קיין לעבן נישט מאַכן? — פאַר־ווילט זיך דער מאַמען זאָגן אַ גראַם.

— גיב אַ קוק, דיינע באַקאַנטע לערערס — זיי קענען אפילו נישט קיין העלפט פון דיר, און האָבן פאַרפולטע קלאַסן און מאַכן אַ שיין לעבן. גרשון, וואָס חלומסטו? פלי נישט אין דער לופטן. זע וואָס טוט זיך אַרום דיר אויף דער ערד. גיב אַ קוק ווי די לערערס איליוויצקי, באַביצקי, מענאַכאָווסקי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט. און אויך אַנדערע — דיינע גוטע באַקאַנטע. צי זיך אַרויס פון כאַנייקעס — פון שלעפּיירים ועסטו קיין לעבן נישט מאַכן. נאָר צו אָרעמעלייט ציט דיך. האָסט זיך איינגעליפּעט אין כאַנייקעס און רירסט זיך נישט פון אָרט.

דער טאַטע פאַרשטשימעט די ליפּן, בייסט זיי ביז בלוט. זיין פּנים — שטייף, פאַרגליוועט. די אויגן שיטן פונקען. ער האַלט זיך איין נישט צו ענטפערן גראָב, וועגט און מעסט יעדעס וואָרט. עס טוט אים נאָך מער ווי פון דער מאַמעס רייד. ער פילט אַז עס איז דאָ אַ טייל אמת אין אירע ווערטער. אָבער אויפגעבן זיינע חלומות, אַנטלויפן פון אָרעמען געגנט, פון דרך־ארץ און ליבשאַפט פון זיינע אָרעמע שכנים, דאַכט זיך אים, איז אַ פאַרראַט.

— וואָס ווילסטו, טעמע? עס מוז נעמען צייט ביז מען גיט צו פאַרשטיין אָרעמעלייט אַז זיי מוזן לערנען קינדער. אגב, איז זיי שווער דער רובל. זיי וועלן פאַרדינען, וועלן זיי מיר באַצאָלן. און ווייסטו שוין די גליקן פון גומיענער גאַס און ליפּאָווע? דו ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַראַ בזיונות מען שטייט זיך אויס פון די גבירים, ווען מען דאַרף זיך ביי זיי בעטן שיקן אַ קינד אין שולע. און וואָס מיינסטו, טעמע? טרילינג, גובינסקי און נאָוויק וועלן מיר שיקן די קינדער אין שולע? די רייכע טוך־פאַבריקאַנטן קוקן אויף דיר פון אויבן אַראָפּ. מיר איז שוין ליבער דער האַלבער רובל פון דעם איזוואָזטשיק, מוליער און שוסטער. זיי האָבן כאָטש ליבשאַפט און דרך־ארץ פאַר מיר.

די מאַמע קומט אַרויס פון קיך אַ צערויטלטע פון דער פּליטע. זי שטעלט זיך אָוועק לעבן טיש, אונטערשפּאַרנדיק מיט ביידע הענט די זייטן, און ציט אויס פאַרביסן יעדעס וואָרט:

— גרשון, דיך פּטרט דיין שטאָלץ! מען שטאַרבט נישט פון אָרעמקייט נאָר פון בושה, ווען מען שעמט זיך צו טאָן אַ סך זאַכן צוליב גאווה. געדענק, גרשון, איך וואָרן דיך. עס קאָן זיך שלעכט ענדיקן. איך וואָרן דיך.

דער מאַמעס נבואה איז מקוים געוואָרן. עס האָט זיך שלעכט געענדיקט.

*

די לעצטע „גוליאַניע" פון סעזאָן אין שטאָטגאָרטן. געדיכטע מאַסן שול־יוגנט באַוועגן זיך אויף די אַלעען. דער גרויער שטויב פליט אין דער לופטן, ווי ווייסע פליענדיקע שפּריצן אין דער שיין פון עלעקטריע, און זעצט זיך אָפּ אויף די שיך. אַ לעבעדיק, קלינגענדיק גערעדעריי, אַ הילכיק לאַכן און פלירט מיט די אויגן שפּריצט פון די צעפלאַמטע פּנימער. פאַרביק־קאָלירטע קאָנפעטי צעשאָטן צווישן שפּאַצירנדיקע פּיס. איך בלאָנדזשע אַליין, יינגלש, קליין, איינזאַם און

אומבאַהאָלפן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אויף אַ פרעמדער חתונה. עפּעס נאָגט מיר אין האַרצן אַן אומעט און אַ שלעכטער פאַרגעפיל. איך פאַרלאָז דעם שטאָטגאָרטן אונטער פריילעכע קלאַנגען פון מיליטערישן אָרקעסטער, וואָס שפּילט פּאָלקעס, מאַזורקעס און וואַלסן.

איך גיי האַסטיק דורך ליפּאָווע און פּאָפּאָוושטשיזנע, איינגעוויקלטע אין דער האַלבער פינצטערניש וואָס איז באַלויכטן דורך גאַזלאָמפּן־לאַמטערנעס. די רויטע פלעמלעך דורך די פּירקאָנטיקע שייבעלעך וואַקלען זיך. ווי טרויעריקע יאָרצייט־ליכט. איך שפּאַן פאַרביי די שטיינערנע וואַנט פון ביאַליסטאָקער אַלטן בית־עולם, דורך וועלכן די בלייכע לבנה, וואָס באַגלייט מיך נאָכפאָלגנדיק מיין גאַנג, באַלייכט די אוהלים פון די ביאַליסטאָקער רבנים און גוטע יידן, צו וועלכע עס טוליען זיך קליינע קינדערשע קברימלעך. שאָקלען זיך די גרינעביימעלעך אין זייער תפילה צום אַלמעכטיקן, און בלייכע לבנה־שאָטנס שוועבן אין געהיימנישפולן שווייגן.

איך דערנענטער זיך צו מיין היים, וואָס גרענעצט זיך מיטן בית־עולם. איך דערזע פון דער וייטן גרופּקעלעך מענטשן, וואָס באַווייזן זיך לעבן טויער פון אונדזער הויף. שטיל פליסטערנדיקע שטימען, פאַרוויינטע אויגן, פאַרבראָכענע הענט, פּנימער מיט צער און מיטגעפיל מאַכן פּאַר מיר אַ פרייען וועג, שושקען זיך, באַגלייטן מיך מיט האַרציקן מיטגעפיל, און ווייזנדיק איינער דעם צווייטן אויף מיר, זיפצן און שאָקלען מיט די קעפּ.

איך באַגרייף אויגנבליקלעך אַז עפּעס האָט פּאַסירט אין מיין היים. איך שטופּ זיך אַדורך פאַרביי אַ גרופּע שכנים, וואָס אין דער פינצטערניש ביי דער טיר פון אונדזער וווינונג באַמערקן זיי מיך נישט, און עפענענדיק מיט האַרץ־קלאַפּעניש די טיר, דערזע איך פרעמדע יידן אין אונדזער שלאָפצימער, און עמעצן אַן איבערגעדעקטן מיט אַ ווייסן ליילעך, וואָס ליגט אין דעם ברוין־פּאָליטירט היל־צערנעם בעט.

אין איין אויגנבליק רוקן זיך אָן אויף מיר יאָרן. מינוטן פאַרוואַנדלט אין יאָרן. צייט פליט ראַשיק און מאַכט מיך אויס קינד. אַ קליין יינגל מיט אַ גרויסן יאָך און זאָרג פאַר דער צוקונפט. איך ווער שטייף, מענלעך, פאַראַנטוועטעט און פאַראַנטוואָרטלעך. איך גיי צו צום ליילעך. צי אים אַראָפּ און פון דאָרטן קוקט אַרויס אַ פאַרגלעזערטער בליק פון מיין טאַטן. שטרענג רויִק איז זיין פּנים, ווי ער וואָלט זיין לעצטן חוב באַצאָלט, זיין לעצטן חשבון אונטערגעפירט מיט זיין לעבן. מיט זיין לעבן, פון וועלכן ער איז פרייוויליק אַוועק.

דער מאַמעס שטילער, ספּאַזמאַטישער געוויין אין צווייטן צימער האָט זיך געקייטלט ווי פון דער ווייטן, ווי אַ קלאָגליד וואָס הענגט אין דער לופטן, איבער־חזרנדיק אומצייליקע מאָל דעם זעלבן זאַץ, וואָס אירע הייס־פאַרטריקנטע ליפּן האָבן האַרצרייסנדיק געמורמלט:

— איך האָב דיך באַגראָבן, גרשון! איך האָב דיך באַגראָבן.

אָבער נישט די מאַמע איז געווען די שולדיקע. נאָר פינצטער איז געווען דער גורל פון אַן אינטעליגענט, וואָס האָט זיך געוואָלט קייקלען צו הויכע הימלען לעבנדיק אויף דער גרויער ערד. די ביאַליסטאָקער אָרעמקייט האָט דעם איידלמאַן צעטראָטן. דער ביאַליסטאָקער דלות אויף כאַנייקעס האָט האַרט און ביטער גע־מאַכט די פאַריאָגטע אייגוויינערס מיט יעדן שרעקלעכן קרעכץ פאַרן מאָרגן: ווו און ווי אַזוי וועל איך הייַנט פאַרדינען צום לעבן?

צווישן די פאַרזאָרגטע, פאַראַרעמטע און פאַרחושכטע פנימער איז שווער געווען אַ צאַרטן, שטילן אינטעליגענט צו קאָנען זיך שטופּן מיט די עלנבויגנס.

אויסגעריסן געוואָרן אַ יונג לעבן. פרייצייטיק האָט פאַרמאַכט די אויגן אַ ביאַליסטאָקער לערער, זוכנדיק שוץ אונטער די רויִקע אָבער קאַלטע פליגלען פון טויט.

ביאַליסטאָק אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

דעם 28סטן יוני 1914 איז די וועלט אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער סענסאַ־ציאָנעלער ידיעה, אַז אַ סערבישער טעראָריסט, גאַווריל פּרינציפּ, מיט דער מיט־הילף פון 23 טעראָריסטן, האָט אויסגעפירט אַן אַטענטאַט אין סאַראַיעוואָ און דער־מאָרדעט דעם עסטרייכישן גרויספירשט, דעם טראָן־יורש פראַנץ־פערדינאַנד.

דער גרויספירשט פראַנץ־פערדינאַנד איז געבוירן געוואָרן אין 1863 און איז געווען דער עלטסטער זון פון גרויספירשט קאַרל־לואיס, דעם דריטן ברודער פון קייזער פראַנץ־יאָזעף, וועלכער האָט זיך צוריקגעצויגן פולשטענדיק פון פּאָליטישן לעבן און אַזוי אַרום פריי געמאַכט פאַר זיין זון פראַנץ־פערדינאַנד צו זיין דער יורש פון האַבסבורגער טראָן.

פראַנץ־פערדינאַנד איז געווען אַן ענערגישער מענטש מיט אַן אַנטשלאָסענעם כאַראַקטער, אָבער איינפאַך און באַשיידן. קעגן די פּראָטעסטן פון קייסערלעכן עסטרייכישן הויף האָט ער דעם 1טן יולי 1900 חתונה געהאַט מיט אַן אָרעם מיידל פון טשעכישן אַדל, פאַרפליכטענדיק זיך דערביי אַז זייערע קינדער וועלן נישט זיין קיין פּרעטענדענטן צום עסטרייכישן טראָן.

פאַר די סערבן איז די עסטרייך־אונגאַרישע־מאָנאַרכיע, וואָס האָט אַריינ־גענומען אין זיך און אונטערדריקט אַ סך מיליאָנען סלאַוון, געווען די פאַרקער־פּערונג פון אימפּעריאַליזם. זי האָט אויך באַדראָט די עקזיסטענץ פון דער סלאַווישער סערביע. די דערמאָרדונג פון זיין באַליבטן, פעיקן און ענערגישן פלימעניק פראַנץ־

פערדינאַנד איז געוועזן אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דעם אַלטן פראַנץ־יאָזעף, וועלכער האָט נאָך געטראָגן אין זיך אַ טיפע ווונד פון דעם טראַגישן זעלבסמאָרד פון זיין איינציקן זון דעם קרוינפּרינץ רודאָלף (אין יאַנואַר 1889) אין וועלכן עס איז געווען פאַרמישט אַ 17יאָריקע שיינהייט, מאַריאַ וועטשעראַ, און איז פאָרגע־קומען ביי געהיימנישפולע אומשטענדן. דער זעלבסטמאָרד דינט נאָך היינט אַלס דראַמאַטישער שטאָף פאַר בעלעטריסטן און דראַמאטורגן, באַקאַנט ווי די „דראַמע פון מייערלינג״.

דעם 23טן יולי 1914 שיקט עסטרייך אַן אולטימאַטום צו סערביע און גיט איר 48 שעה צייט אָנטקעגנצוקומען די עסטרייכישע פאָדערונגען. דעם 25טן יולי ענטפערט סערביע, אַז איר איז אוממעגלעך אויסצופילן די פאָדערונגען פון עסטרייך, און דייטשלאַנד וואַרנט גלייכצייטיק אָפיציעל די אַנדערע מלוכות נישט אַריינצומישן זיך אין עסטרייכס האַנדלונגען מיט סערביע. ענגלישע, פראַנצויזישע און רוסישע דיפּלאָמאַטן הויבן אָן מאַכן אָנשטרענגונגען צו פאַרהיטן פון אַ מלחמה, אָבער דעם 28טן יולי דערקלערט עסטרייך קריג סערביע. דאָס עסטרייכישע מילי־טער באָמבאַרדירט בעלגראַד און רוסלאַנד הויבט אָן אַ טיילווייזע מאָביליזאַציע.

דעם 30טן יולי פאָדערט דייטשלאַנד פון רוסלאַנד אָפּצושטעלן די מאָביליזאַציע. אין צווישן ווערט אין פראַנקרייך (דעם 31 יולי) דערמאָרדעט דער באַרימטער סאָ־ציאַליסטישער פירער זשאַן זשאָרעס פאַר זיינע פּאַציפיסטישע רעדעס. דעם 1טן אויגוסט דערקלערט דייטשלאַנד מלחמה רוסלאַנד, און פראַנקרייך פירט דורך אַ מאָביליזאַציע. איטאַליע מעלדעט דייטשלאַנד, אַז זי בלייבט נייטראַל.

דעם 2טן אויגוסט גייען אַריין די דייטשן אין פירשטנטום פון לוקסעמבורג און דאָס דייטשישע מיליטער מאַרשירט אויף ליעזש. בעלגיע פּראָטעסטירט קעגן דורכ־גיין פון דייטשישן מיליטער איבער איר טעריטאָריע. דעם 3טן אויגוסט ווערן צוריק־גערופן דער דייטשישער אַמבאַסאַדאָר פון פּאַריז און דער פראַנצויזישער פון בערלין, און אַ מלחמה ברעכט אויס צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד. דייטשלאַנד פירט דורך די אינוואַזיע פון בעלגיע, און בעלגיע רופט ענגלאַנד צו הילף. דעם 4טן אויגוסט דערקלערט ענגלאַנד מלחמה דייטשלאַנד. די פאַראייניקטע שטאַטן פּראָ־קלאַמירן דערווייל זייער נייטראַלקייט.

דעם 6טן אויגוסט דערקלערט עסטרייך־אונגאַרן מלחמה רוסלאַנד. דעם 8טן אויגוסט קומט אָן בריטיש מיליטער קיין בעלגיע. פּאָרטוגאַל דערקלערט זיך אַלס פאַרבינדעטע פון ענגלאַנד. דעם 11טן אויגוסט דערקלערט פראַנקרייך מלחמה עסטרייך־אונגאַרן, און שוין דעם 21טן אויגוסט דערקלערט ענגלאַנד מלחמה עסטרייך־אונגאַרן.

דעם 20טן אויגוסט גייען אַריין די דייטשן אין בריסל און טרעפן נישט אָן קיין ווידערשטאַנד. די צאָל פון די אַליִירטע מלוכות וואַקסט. אפילו דער כינעזי־שער אימפּעראַטאָר דערקלערט דעם 23סטן אויגוסט מלחמה דייטשלאַנד.

דעם 1טן סעפּטעמבער, אַלס פּראָטעסט קעגן דער דייטשישער אַגרעסיע, ענ־דערט רוסלאַנד דעם נאָמען פּעטערבורג וואָס קלינגט דייטש אויף דעם רוסישן נאָמען: פּעטראָגראַד.

דעם 6טן דעצעמבער, נאָך אַ דריי־וואָכיקער שלאַכט, ווערט לאָדזש באַזעצט דורך די דייטשן. דעם 23טן אויגוסט הויבט אָן די טערקישע אַרמיי זיך דערנענ־טערן צום סועץ־קאַנאַל, וואָס איז אַ וויכטיקע סטראַטעגישע באַזע פון פאַרקער און טראַנספּאָרטאַציע, אָבער ענגלאַנד האָט שוין פריער געמאַכט אַ סטראַטעגישן גאַנג: זי האָט דערקלערט אַ פּראָטעקטאָראַט איבער עגיפּטן, אַראָפּגעזעצט דעם סולטאַן קעדיוו אַבאַס הילם און פאַרביטן אים מיט דעם פריינדלעכן צו די אַליִירטע, פּרינץ הוסיין קעמאַל.

דעם 10טן פעברואַר 1915 ליידט רוסלאַנד אַ מוראדיקע מפּלה אין מזרח־פּרייסן, און מען שמועסט אַז צוליב פאַרראַט. אין צווישן, דעם 7טן מאַי 1915, ווערט די גרויסע טראַנסאַטלאַנטישע שיף „לוזיטאַניע״ דערטרונקען דורך די דייטשן. עס קומען דערביי אום 1150 פּאַסאַזשירן צווישן זיי הונדערט אַמערי־קאַנער בירגער. די אַמעריקאַנער רעגירונג שיקט אַ שאַרפע פּראָטעסט־נאָטע צו דייטשלאַנד. דעם 21סטן יולי שיקט אַמעריקע די דריטע נאָטע צו דייטשלאַנד וועגן די רעכט פון פּאַסאַזשירן פון נייטראַלע לענדער צו פאָרן אויף שיפן פון מלחמה־פירנדיקע לענדער.

אַן אָנגעגעמע איבעראַשונג קומט, ווען דעם 23סטן מאַי דערקלערט איטאַליע מלחמה עסטרייך־אונגאַרן. די דייטשישע און עסטרייכישע אַרמייען, וועלכע זיינען שוין אַריינגעדרונגען טיף אין פּוילן, מאַרשירן אַריין דעם 5טן אויגוסט 1915 אין וואַרשע און דערנענטערן זיך צו ביאַליסטאָק. דעם 26סטן אויגוסט 9 אַזייגער אין דער פרי, ווערט אונדזער ליבע, טייערע היימשטאָט ביאַליסטאָק באַזעצט דורכן דייטשישן מיליטער.

*

ביאַליסטאָק, אויגוסט 1914. עס איז דער זיסער קאַניקול. די אָנגענעמע פויל־קייט פון נישט מאַטערן דעם מוח מיט „זאַדאַטשעס״, גראַמאַטיקע, געאָגראַפיע און היסטאָריע. מיין לעדערנער ראַניעץ ליגט אין דער פּאָליטורטער שאַפע און איך מייד אויס דעם ווינקל, ווי מורא האָבנדיק ער זאָל מיך נישט אַריינגאָרן. עס דאַכט זיך מיר אַז דער ראַניעץ רעדט און ווינקט צו מיר דורך דער טיר פון דער שאַפע:

— נאָר איין קוק, נאָר איין קוק גיב. למשל אין היסטאָריע. קוים פרעגט מען דיך שפּעטער אויף די עקזאַמענס ווען עס איז געבוירן געוואָרן איוואַן דער גרויזאַמער? ווערסטו וויסן צו ענטפערן? ווייס איך וואָס. קום קינד מיינס, נאָר איין קוק גיב אין מיר. איין קוק.

איך קען די זיס־פּאַרפּירערישע שפּראַך פון ראַניעץ. עס ציט מיך צו אים און איך האָב מורא. איך ווייך פון דעם ווינקל פון דער שאַפע.

עס דערהערט זיך דער מאַמעס קול. וואָס קאָן נישט ליידן אַז איך דריי זיך אַרום ליידיק:

— וואָס דרייסטו זיך אַרום פוסט און פּאַסט? אַ יינגל אין דיינע יאָרן ברענגט שוין עפּעס אַ נוץ אַ מאַמען. נאַ, כאַפּ זיך אַראָפּ אונטן און ברענג מיר אַרויף פון שפּייזקראָם אַ האַלבן פונט היטל־צוקער, אַ לויטל טיי און אַ האַלבן הערינג. און בעט למען השם אַ ביסל ליאַק. נאַ, אָט האָסטו אַ גלאָז. און כאַפּ זיך שוין אַריין פאַר איין וועג אונטן נאָך אַ פּאָר פרישע קיכעלעך. דו הערסט! למען השם פרישע, נישט קיין בעכטיקע, אַלט־געבאַקענע. אָ! די קרעמערס, אַז זיי דערזעען נאָר אַ קינד, נאַרן זיי אים אָפּ פון קאָפּ ביז פיס.

די מאַמע לייגט מיר אַריין די גלאָז אין אַ שטרויענעם געפלאָכטענעם קאָשיק, עפנט מיר די טיר און שרייט מיר נאָך: למען השם, זאָלסט זיך נישט זאַמען.

מיר וווינען אויף גומיענער גאַס, ביי שמואל ציטרינען אויפן הויף אין אויבער־שטיבל אין פראַנט מיט אַ פענצטער אויף דער גאַס. אונדזער שכן אין אויבער־שטיבל איז ישראל דוניעץ, אַ ייד אַ משכיל, אַ לערנער און אַ שרייבער. אַ קליין, דאַר, איינגעבויגן יידל, מיט אַ רונד געשוירן בערדל, תמיד אַ פּאַרקלערטער, וואָס אָדער ער זיצט אין אויבער־שטיבל און שרייבט, אָדער ער קלערט. די טיר איז ביי אים שטענדיק אָפן, ווייל ער איז אַ קרענקלעכער און דאַרף אַ ביסל לופט. און איך, פאַרבייגייענדיק, שלייך זיך שטיל דורך צו זען, אפשר איז דאָ מיניעלע.

ישראל דוניעץ האָט צוויי טעכטער און אַ זון, אַלע שיינע, שטילע און רויִקע, אויסער מיניעלן, וועלכע איז פלאַם־פייער. חווה איז די עלטערע טאָכטער, און שוין אַ גאַנצע פריילין. זי איז צו אַלט פאַר מיר. מיך ציט צו דער יינגערער, מיניעלען. אַ קליינע שטיפערקע, וואָס כיכיקעט שטענדיק און האָט אַ געטאָקט פנים און אַ געשניצט נעזעלע, מיט צוויי געטאָקטע נאָזלעכעלעך, וואָס עפענען זיך ביי איר סימעטריש, ווען זי פּלאַצט אַרויס מיט אַ שטיפערישן געלעכ־טער און איר שטימעלע טרילט ווי אַ זומער־פייגעלע. איך מאַך זיך אָבער ווי זי אינטערעסירט מיך נישט און קוק איר גלייכגילטיק אין די שמאָלע אויגן־פּאַסקעלעך פאַרשמעלערטע פון לאַכן, און פרעג איר קאַלט: וואָס איז דער געלעכ־טער אויף דיר? נאָר דו לאַכסט. חווהלע איז נישטאָ?

אַז איך דערמאָן חווהלען, גיט איר דאָס אַ שטאָך און איר געלעכטער האָקט זיך איבער:

— ווי קומסטו צו חווהלען? זי איז דאָך שוין אַ באַרישניע און דו ביסט נאָך אַ קליין יינגל.

דאָס איז זיך נוקם מיניעלע אין מיין דערמאָנען חווהלען, און גיט מיר אַ שטאָך מיט מיין עלטער.

איך גיי אַראָפּ אויפן גאַס. גומיענער גאַס זידט און קאָכט. עפּעס נישט ווי שטענדיק. פּאַקירערס, אַרומגעבונדענע מיט שטריק און מיט שווערע, בלויע ,טראָן באַשמירטע שטיוול, לויפן מיט זעק מעל אויף די פּלייצעס, ווייסע ווי די שדים, מיט זעק קאַרטאָפל ווו בולבעס שטעקן אַרויס פון די שיטערע, לעכערדיקע פּלעצער, זעקלעך רייז, אַרבעס און מיט טונען הערינג מיט פאַרזשאַווערטע רייפן אַרומגענומענע און מיט ליאַק פאַרשמירטע. דראָנגאָווע וועגענער פאָרן דורך שנעל מיט קליינשטעטלדיקע פּאַסאַזשירן, קלאַפּן איבער די שפּיציקע ברוקשטיינער מיט די מיט אייזערנע רייפן אַרומגענומענע הילצערנע רעדער. יונגוואַרג אויסגע־פּוצטע, אויסגעפּראַנטעוועטע גייען אַרום כאַפּטעסווייס, רעדנדיק וועגן פּאָליטישע נייעס, מלחמה און פריזיוו. מאַמעס מיט פאַרזאָרגטע פּנימער קוקן זיך איינע די אַנ־דערע אין די אויגן, טיילן זיך מיט די לעצטע אויפגעכאַפּטע נייעס און, האַלטנדיק די הענט אונטער די פאַרטעכער, טענהן זיי איין מיט די שכנות און טיילן זיך מיט זייער מאַמישער זאָרג. מען זעט אָפּטער די רוסישע גאָראָדאָוואָיעס מיט שטרענגע פּנימער, וואָס וואַקסן אויס פּלוצלינג ביים קלענסטן ,טומל און, פּאַכענדיק מיט זייערע ווייסע, ניקלנע שאַשקעס ריטשען זיי מיט אַ בייזער שטימע: טשעוואָ ניע ווידאַלי, ראַסכאָדיס. די צייטונג־פּאַרקויפערס, פאַרשמייעטע, פאַרסאָפּעטע, לויפן דורך יעדע פאָר שעה מיט פּעק צייטונגען, קלינגענדיק מיטן לעדערנעם ראַניעץ וואָס הענגט איבער דער פּלייצע, געבנדיק אויף שנעל רעשטע, אַרויס־נעמענדיק קליינגעלט און אויסשרייענדיק דערביי: „עקסטראַ, עקסטראַ, עקסטראַ טעלעגראַמעס! עסטרייך דערקלערט קריג סערביע!"

פאַרכמורעטע פּנימער, פאַרזאָרגטע, פאַרדאגהטע פון ,טאַטע־מאַמע מישן זיך אויס מיט פריילעכע ווילדיקע, פון געמאַכטער בריהשקייט, מינעס פון פריזיוו־בחורים. עפּעס אַ נייגעריקייט קוקט אַרויס פון זייערע אויגן. עפּעס רוקן זיך אויף זיי אומרויקע צייטן, אָבער עפּעס ניי און אינטערעסאַנט איז אין זיי — און מיט יוגנטלעכן אָפּטימיזם און ליבע צו אוואַנטורעס באַגעגענען זיי די נייעס מיט זיסן האַרצקלאַפּעניש.

נעבן בולקאָווסטיינס בית־מדרש שטייט אַ כאַפּטע יידן צווישן מנחה און מעריב און שמועסט פּאָליטיק. ביז מען רופט זיי אַריין צו מעריב; און צווישן דער שטיל פאַרטראַכטער גאַטפאַרכטיקער „שמונה־עשרה" און דעם טומלדיקן „עלינו" טיילט מען זיך מיט מיינונגען און באַמערקונגען. מען צעטיילט זיך שוין אויף גרופּעס. אַ טייל געלאַסן, מיושבדיק, אַ טייל דרייענדיק מיטן גראָבן פינגער און אויסזינגענדיק מיט אַ גמרא־ניגון. איך פּלאָנטער זיך צווישן די פיס פון יעדער גרופּקעלע, אויפכאַפּנדיק די ווערטער, דעם טאָן, די העוויות, די מימיק. איך פאַר־געס אין גאַנצן אין דער מאַמעס שליחות פון אַ פערטל פונט היטל־צוקער און אַ האַלבן הערינג. עפּעס בין איך דאָך אויך אַ טייל פון די געשעענישן, וואָס רוקן זיך אָן אויף מיין שטאָט ביאַליסטאָק. אַ שאַרפע נייגעריקייט דערוואַכט אין מיר.

וואָס קומט דאָ פאַר? און וואָס וועט נאָך זיין? עפּעס רודערט זיך און טומלט זיך אין מיין שטאָט! וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? וואָס וועלן די באַגענסטע חדשים ברענגען? און וואָס וועט זיין מיט מיין ברודער דוד, מיט מיין מאַמען און מיר?

*

אויגוסט 1914. די געשפּאַנטע מלחמה־שטימונג און דער וואַרעמער זומער־דיקער וועטער האָבן אַרויסגעטריבן די ביאַליסטאָקער איינוווינערס אויף די גאַסן. די האַסטיק נערוועזע טריט, די אויפגערעגטע, אומרויקע פּנימער פון די פאַרביי־גייערס האָבן די שטימונג געמאַכט נאָך מער געשפּאַנט. אומעטיק האָבן אַרויס־געקוקט די קראָמען מיט די האַלב־אויסגעליידיקטע פּאָליצעס. אין עטלעכע וואָכן צייט זיינען צעכאַפּט געוואָרן די סחורות דורך די רייכערע איינוווינערס און אַ טייל סחורה האָבן די קרעמערס באַהאַלטן, מורא האָבנדיק אַז זיי וועלן נישט קאָנען באַקומען קיין נייע ביי הורטאָווניקעס און אין פאַבריקן, אָדער וועלן דאַרפן אַליין באַצאָלן „פּאַסקאָווע" פּרייזן.

דער „פּאַסעק" איז געווען אין פולן ברען. מיטן נאָמען „פּאַסעק" האָט מען באַצייכנט די שטאַרק אַרויפגעצויגענע פּרייזן. מענטשן זיינען אין אייניקע וואָכן געוואָרן גבירים, די ספּעקולאַציע האָט פאַרכאַפּט אַלע סוחרישע קרייזן, און נישט נאָר אויף סחורה, נאָר אויך אויף וואַלוטע. איבערהויפּט אויף ענגלישע פונטן און אַמעריקאַנער דאָלאַרן, וועלכע מ'האָט גערופן בלשון נסתר „לאָקשן" אָדער האַרטע און ווייכע, מיינענדיק דערמיט: גאָלדשטיקלעך און פּאַפּירגעלט.

מענטשן האָבן מיט פיבערדיקע אויגן נאָכגעפאָלגט די טרעגערס, נאָכלויפנדיק און זיך נאָכפרעגנדיק ביי וועמען מען האָט געקויפט די דריי־פולוקע (מעל), מאַנטשקע אָדער צוקער, אָדער אַ בלעך אָליע (אייל). די פּרייזן זיינען אַרויפגע־שרויפט געוואָרן פון טאָג צו טאָג, מעל, אָליע, ליכט, גרויפּן, טוך, לעדער, האָניק, קאַווע, גאַזע און אפילו שאָקאָלאַד און לאַנדרין־צוקערקעס זיינען געוואָרן פון די געזוכטע סחורות וואָס מען האָט געצאָלט פאַר זיי הויכע פּרייזן. אַמשטאַרקסטן זיינען געטראָפן געוואָרן די אָרעמע ביאַליסטאָקער ייִדן; די בעל־מלאָכות, וואָס האָבן געדאַרפט לעבן פון וואָך פאַרדינסט און האָבן נישט געהאַט קיין אָפּגעשפּאָרט געלט. אָרעמקייט און נויט האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין די פענצטער פון באַלע־באַטישע משפּחות, פאַרשטאַרקנדיק די מורא און זאָרג פאַר די אָנקומענדיקע געשעענישן, וואָס האָבן באַטייט מלחמה, הונגער און פאַרלוסט פון יונגע זין, ברידער און איידעמעס, וועלכע זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין „פּאַניעס" מיליטער.

אין אָוונט איז די מאַמע געזעסן אַ פאַרזאָרגטע אין אונדזער קליינעם צימער און איינגעטענהט מיט אונדזער שכנה:

— ראַשע, וואָס טוט מען? די פּרייזן וואַקסן ווי אויף הייוון. איך קאָן שוין

היינט קויפן מיט אַ דריטל וויניקער פאַר מיינע בידנע פאַר רובל ווי מיט אַ חודש צוריק. און וואָס וועט זיין ווייטער?

ראַשע, אונדזער שכנה, ווי שטענדיק מיט אַ גוטן, מילדן שמייכל, האָלטנדיק די הענט אונטערן פאַרטעך, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ראַשע דוניעץ, אַליין אַ שפּייז־קרעמערקע, האָט געוווּסט בעסער די לאַגע ווי די מאַמע. האָט זי אָפּגע־זיפצט און געזאָגט:

— טעמע, פאַר וואָס כאַפּט זיך נישט צו אייער דוד אין אַ קליין שטעטל? דאָרטן קויפט מען נאָך ביליקער ביי די מילנערס, קרעמערס אָדער בעקערס, נישט ווי ביי אונדז אין ביאַליסטאָק. זאָל ער זיך צוכאַפּן אין כאָראָשטש אָדער קנישין, כל זמן מען קריגט נאָך.

ווען מיין ברודער דוד איז שפּעט אין אָוונט געקומען פון זיין אַרבעט פון דער פאַבריק פון ראַפּאַלאָווסקי־זעליגזאָן, ווו ער איז געווען שטולמייסטער, האָט שוין די מאַמע מיט אים איינגעטענהט: מען דאַרף עפּעס זען אַנגרייטן. און דריי טעג שפּעטער, האָט שוין אין אונדזער קיך זיך גאַווהדיק צעלייגט אַ זאַק מעל, אַ זאַק גרויפּן און אַ פאַרשמאַלצן בלעכל אָליע פון אמתע ליינזוימען.

✶

דאָס פּעקל צרות האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן. מיין מאַמע איז אַרומ־געגאַנגען מיט פאַרבראַכענע הענט און איר ליב שיינענדיק פּנים מיט אַ כמאַרע פאַרצויגן. פּריצייטיקע קנייטשן האָבן איר שטערן געקאַרבט און זי פלעגט שטיל צוכליפּען, ווישנדיק בגנבה די אויגן מיטן פאַרטעך. מיין מאַמעס זאָרג איז געווען דער פּריזיוו. מיין ברודער דוד איז געווען מיליטער־פליכטיק, און די מאַמע האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי ער קאָן זיך באַפרייען פון „סלוזשבע". מיין ברודער דוד האָט זיך געבייזערט אויף דער מאַמען:

— די גאַנצע וועלט זאָרג שלעפּסטו אויף זיך, דאגה נישט, איך וועל נישט גיין דינען. עס וועט שוין זיין „קאָמילפאָ" („קאָמילפאָ" איז אַ פראַנצויזיש וואָרט וואָס באַדייט „ווי עס באַדאַרף צו זיין", וואָס האָט אַ צייט אַרומשפּאַצירט אין ביאַליסטאָק, און אַ סך האָבן אפילו זיין טייטש נישט געוווּסט). מאַמע! איך האָב שוין אָפּגערעדט מיט מיין חבר פּאָטאָקסקין, מיר האָבן זיך געטראָפן ביי דער „טשאָטשען" („טיאָטיעס" קאַוויאַרניע, אַ באַקאַנטער פּלאַץ אין ביאַליסטאָק) און מיר, אַ גאַנצע חבֿרה, האָבן באַשלאָסן: אַ „מכּה פּאָניען", מיר גייען נישט דינען. מיר גייען זיך „מאַרען".

✶

דאָס וואָרט „מאַרען" איז געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע וואָרט אין ביאַליסטאָק. אַלע בחורים, וואָס האָבן זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו „מאַרען" (דאָס הייסט: אָפּצערן זיך), כדי נישט צו האָבן די בויטיקע וואָג, צוגענומען צו ווערן פאַר אַ סאָלדאַט. גרויסע כאַפּטעס בחורים פלעגן זיך

אַרומשלעפּן גאַנצע נעכט, שפּילן בילּיאַרד ביי מעצן אויף ניקאָלאַיעווסקע גאַס, עסן לאַטקעס, געפּרעגלטע אויף ריצנאייל, טרינקען ביטער זאַלץ און הונגערן. אַ טייל בחורים, די מער פאַרמעגלעכע, האָבן אַרויסגעשטעלט „מלאכים", קאַליקעס מיט פעלערן, פאַרשריבן אויף זייערע נעמען, כדי באַפרייט צו ווערן און קריגן אַ בלויען בילעט. די אָרעמערע האָבן זיך געמאַכט פעלערן. אייניקע האָבן זיך געמאַכט אַ ברוך (קילע), ביי אַ טייל האָט געגרונגען פון אַן אויער. אַ טייל האָבן געמאַכט קינסטלעכע פּאַרכעס, און אייניקע האָבן זיך געמאַכט טויב אָדער שטום. צו דער ראָל האָט מען שוין געדאַרפט זיין אַ גוטער אַקטיאָר, ווייל נישט איין געמאַכטער טויבער איז אַריינגעפאַלן, ווען מען האָט אים, נאָך זיין פאַרהער, אַ זאָג געטאָן שטיל: „ביסט פריי", און דער בחור האָט מיט שמחה זיך אַ לאָז געטאָן צום טיר, און דער דאָקטאָר פון „פּריסוטסטווע" פלעגט אים מיט אַ כיטרען שמייכל צוריקרופן און אַ געשריי טאָן: „גאַדיען, סוואָלאַטש! גאַדיען, מערזאַוויעץ!"

די, וואָס האָבן געהאַט משפחות אין אַמעריקע, האָבן נאָר אויסגעקוקט זיך צו שטעלן צום פּריזיוו, כדי די עלטערן זאָלן נישט דאַרפן צאָלן קיין דריי הונ־דערט רובל שטראָף, און שפּעטער, פון דער קאַזאַרמע, זיך אַרויסבאַקומען מיט אַ פאַלשן גובערנאַטאָרסקן פּאַס, שמוגלען דעם גרענעץ איבער פּראָסטקין קיין דייטשלאַנד, און פון דאָרטן — הײדאַ קיין אַמעריקע, כדי אויף אייביק צו פאַרגעסן וועגן דעם צאַר, פּאָגראָמען און רעוואָלוציעס. די רייכערע זינדלעך, די באַפרייטע דורך „מלאכים", פלעגן זיך ברייטהאַרציקביישטייערן אין דער קאַסע פון די צוגענומענע פּריזיוויקעס „נאָוואָבראַנצעס", וועלכע פלעגן הוליען גאַנצע נעכט, ביז זיי פלעגן צעשיקט ווערן אין די קאַזאַרמעס.

*

אין איינעם אַ שבת נאָכמיטאָג איז מיין ברודער דוד אַריינגעהונקען אין שטוב אַריין, שלעפּנדיק אַ פוס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ הילצערנע; און ווען די מאַמע, אַ טויט־בלייכע, האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, האָט מיין ברודער מיט אַ געלעכטער און געמאַכטער העלדישקייט אויסגערופן:

— אָט זעסטו מאַמע, אָט דער פוס וועט מיך באַפרייען — און פאַרקאַטשענ־דיק אַ הויז איבערן קנעכל, האָט ער באַוויזן אַ גלאַנציק גלאַט אָנגעלאָפענעם פוס, אָן אָנגעשוואָלענעם, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פרעמדער, אַ צוגעטשעפּעטער. און ער האָט טריומפירנדיק פאַרענדיקט — שרעק זיך נישט מאַמע, נאָך דער באַפרייונג וועט מיין פוס אין דריי טעג ווערן צוריק ווי ער איז געווען. איך האָב דיר געזאָגט, מאַמע, דו זאָלסט נישט זאָרגן. מיר וועלן דאָס מאַכן „קאָמילפאָ".

*

סעפּטעמבער. איך טראָג זיך מיט מיין ראַניעץ אין רעמעסלענאַיע, וואַרטנדיק מיט האַרצקלאַפּעניש און יוגנטלעכער נייגעריקייט, ווי אַזוי די מלחמה־שטימונג

האָט זיך אָפּגערופן אויף מיין שולע. איך דערנענטער זיך צום הויף, ווו עס גע־פינען זיך די גרויסע געביידעס פון וויסאָצקיס תלמוד־תורה און „רעמעסלענאַיע" וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1905 דורך די נדבות פון טיי־מאַגנאַט וואָלף וויסאָצקי און אויף וועלכע דעם ערשטן שטיין האָט געלייגט דער גראָדנער גובערנאַטאָר סטאָליפּין, וועלכער איז שפּעטער טרויעריק באַרימט געוואָרן ווי דער צאַרישער בלוטיקער אַנטיסעמיטישער מיניסטער, און וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דורך דעם יידישן פּראָוואָקאַטאָר באַגראָוו.

די לימודים אין שולע גייען אָן ווי געוויינלעך. איך טרעף שפּעטער אויף די „פּערעמענעס" דעם זאַוויעדוויושטשן (פאַרוואַלטער) פון דער תלמוד־תורה, סאַמסאָן יאַקאָווליעוויטש גראַסמאַן, מיט זיין געדיכטער טשופּרינע שוואַרצע האָר, דעם מיטלוווקסיקן ענערגישן שטאָלצן ייד, וואָס זעט אויס ווי אַ גוי, דעם קליינגעוויק־סיקן פּסח קאַפּלאַן, שטענדיק אַן ערנסטן, מיט זיינע טיפע, שאַרפע, דורכדרינג־לעכע אויגן, דעם געלן ראַקאָווסקין, דעם לערער פון העברעיש, אַן אומעטיקן און פאַרכמורעטן, ווי שטענדיק; דרוסקינען מיט דעם האַלב־רונדן בערדעלע, וואָס זעט אויס ווי אַ דעפּוטאַט פון גאָסודאַרסטווענער דומע. און אָט זיינען אונדזערע לערערס פון רעמעסלענאַיע: סאַמויל יוליאַנאָוויטש קאַלעצקי, אונדזער דירעקטאָר, וואָס האָט ליב געהאַט מיט מיר צו שמועסן, האַלטנדיק זיין האַנט אויף מיין קאָפּ, און האָט געשטעלט צו מיין דיספּאָזיציע זיין פּריוואַטע הויז־ביבליאָטעק. ער האָט אַ פּאָר לעבעדיקע, לאַכעדיקע אויגן, און אַ פּריש, מוגטער געזיכט. דער „ריסאָוואַניע־לערער" אַבוקאָוו, מיט זיין שפּיציק בלאָנד בערדל, וואָס מסרט זיין אַנגעהעריקייט צו דער קינסטלעריש מאָלערישער וועלט, און ער איז טאַקע אונדזער לערער פון צייכענען און מאָלן: ליוסטערניק, דער שטייף־אָנגעבלאָזענער אין דער פּאַראַדנער פאָרמע און גלאַנציק־מעשענע קנעפּ, און בעלענקי, אַ הויכער מוסקולדיקער מאַן, וואָס רעדט רוסיש מיט אַ שאַרפן רוסישן „רייש", און וואָס זעט אויס ווי אַ גלאַדיאַטאָר, פון שטיין אויסגעהאַקט, פון דער רוימישער עפּאָכע. ער איז דער לערער פון מעכאַניק, און איז דער בעסטער דעקלאַמאַטאָר פון רוסישע פּאָעמעס אויף די פייערלעכע בעלער פון אונדזער שולע, וואָס קומען פאָר צוויי מאָל אַ יאָר: פּורים און חנוכה.

די לימודים גייען אָן פויל. די לערערס זיינען צעטראָגן. דער קאָפּ איז נישט ביים לערנען. און מיינע חברים — דערוואַקסענע ייִנגלעך — פילן די צערודערט־קייט פון די לערערס און זיינען אַליין אויך צעשרויפט, אומעטיק און פריילעך, מורא און יוגנט־נייגעריקייט. אין דער טעקסטיל־אָפּטיילונג פון דער דאַמפּשטול־וועבעריי דעמאָנסטרירט פאַר אונדז דער נייער לערער, דער מייסטער גראַבאָווסקי, וואָס פאַרנעמט דעם אָרט פון געוועזענעם מייסטער מיירעם פראַנקפורט. די שילערס האָבן נישט קיין גרויס דרך־ארץ פאַר דעם נייעם לערער, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַליין געווען אַ שילער פון „רעמעסלענאַיע". עפּעס קלעפּן זיך נישט

די לימודים. די אָנקומענדיקע גרויסע געשעענישן האָבן אָגעווייעט זאָרג, האַרץ־צאַפּלעניש און שאַרפע נייגעריקייט, און פון אונדז געמאַכט קליינע מענער מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, אין די אָנקומענדיקע גרויזאַמע שעהען.

★

אין אַ פרימאָרגן, גייענדיק אויף ליפּאָווע גאַס, און צוקוקנדיק זיך נייגעריק צו די אויפגעבערויזטע געמיטער פון מיין שטענדיק רויִקער ביאַליסטאָק, וואָס איז איצט געווען ענלעך צו אַ שטאָט פון מענטשן, וועלכע מען האָט נאָר־וואָס אַרויס־געלאָזן פון אַ נערוון־אַנשטאַלט, האָב איך זיך פאַרהאַלטן העפלעך צו גריסן און אַ פלירטעווע טאָן מיט עווע טאָפּאָלסקין, נעבן זייער גלאָזגעשעפט. די פולע, אויסגעקנאָטענע עווע האָט געשפּרודלט מיט לעבן און אירע פולע, ראָזע באַקן האָבן געאָטעמט מיט יוגנט־פרילינג. אָבער אונדזער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ געלויף פון מענטשן צום ברעמל, און מיין שטענדיק דורשטיקע נייגעריקייט צו אָבסערווירן דאָס גאַסן־לעבן האָט פאַרשלאָגן מיין חשק צו פלירט, און, זעגענענדיק זיך מיט אַ העפלעכן „דאָ סווידאַניאַ", האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צום ברעמל.

און דאָ האָט זיך פאַר מיינע אויגן אָפּגעשפּילט אַ סצענקע, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דעמאָלטיקער צייט.

נעבן די ברעמלעך, קעגן איבער סאַרינס הילצערנער בודקע פון שפּילצייג און מיין מומע רוטשקעס קראָם פון הערינג, האָט זיך געכוואַליעט אַ מאַסע מענטשן. אין רעכטן מיטן האָט זיך געזען אַ גרופּע נאָוואָבראַנצעס טשערעוויקעס, וואָס האָט אַרומגערינגלט אַ רוסישן גאָרדאָוואָי, דעם באַרימטן אין ביאַליסטאָק אַקאַ־לאַדאָטשני, רעשוטע, וועלכער האָט כסדר אומרויִק געפּייפט מיט דער פּייפקע, רופנדיק צו הילף און געשאָסן מיט זיין רעוואָלווער אין דער לופטן, זעענדיק די בייזע פּנימער און ווילדע אויגן פון די נאָוואָבראַנצעס, וואָס האָבן זיך מיט דראָונג גערוקט בענטער צו אים. אייניקע נאָוואָבראַנצעס זיינען צוגעלאָפן אין ראָג פון רוטשקעס הערינג־און קאָלך־קראָם, געכאַפּט אַ פעסל און, פאַרלויפנדיק דעם אַקאָלאַדאָטשני רעשוטע פון הינטן, האָבן זיי עס מיט כּוח אַרויפגעלאָזן אויף זיין קאָפּ און אים צוגעשטיקט צו דער ערד. די ווילדע, מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן פון די נאָוואָבראַנצעס האָבן אויסגעדריקט סטיכיע פון צאָרן און אויפברויז פון דער רויער מאַסע, ווען זי דערוואַכט אין ווילדן האַס, און וואָס זי קאָן טאָן מיט אַ פאַרשטייער פון דער צאַרישער מאַכט, און אפילו מיט דער גאַנצער צאַרישער רעגירונג.

דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון דער ברויזנדיקער כוואַליע פון רעוואָלט, וואָס איז שוין געווען צייטיק אין רוסלאַנד, און וואָס האָט מיט אַן אומברחמנותדיקן אכזריות אָפּגעווישט שפּעטער די צאַרישע רעגירונג, פאַרפּלייצט

רוסלאַנד מיט טעראָר און בלוט, און געבראַכט צו דער אויסמאָרדונג פון דער גאַנצער רוסישער קעניגלעכער משפחה, די לעצטע פון דער דינאַסטיע ראָמאַנאָוו, אין אַ נאַסער פינצטערער קעלערשטוב אין יעקאַטערינעבורג, אין דעם הויז פון רוסישן סוחר איפּאַטיעוו.

ביאַליסטאָק איז צעטומלט. דאָס נאָרמאַלע לעבן איז פולשטענדיק צעשטערט. געשעענישן בייטן זיך שנעל ווי אין אַ קינאָ. נעכטיקע גבירים זיינען היינט פאַראָרעמט, שטיקן דעם דלות מיט בושה, קיינער זאָל נישט זען, און נעכטיקע אָרעמע לייט זיינען געוואָרן גבירים, פירן אַ שטאָט מיט דינסטן און פאָרן אַרויס אויף אַ קאָטש אויף „רעזינקעס" מיט צוויי פערד נאַשפּיץ.

לאָדזש איז באַלאַגערט פון די דייטשן (געפאַלן דעם 26סטן נאָוועמבער 1914), אָפּגעשניטן פון גרויסן רוסלאַנד, און די גאַנצע באַשטעלונגען אויף טעקסטיל פליסן נאָך ביאַליסטאָק. די ביאַליסטאָקער טעקסטיל-אינדוסטריע איז זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן. די פאַבריקן גייען אין פולן גאַנג מיט „סמענעס". די הויפּט-פאַבריקאַנטן וואָס פירן די „גרענדע" און זיינען די טאָנגעבערס פון דער טעקס-טיל-אינדוסטריע זיינען: טרילינג, נאָוויק, ציטראָן, יאַקאָבי, קאַמיכאָוו, גובינסקי, מאָעס, פרייסמאַן, מאַרקוס, סלאָנימסקי, מאַריין, וועטשאָרעק, סאָקאָל, זילבער-פעניג, חנא זילבערבלאַט, פאָרעצקי-גאָווינסקי, קנישינסקי, ניעמצאָוויטש, קאַנעל, מאַכאַי, פּאָלאַק, פּינעס, בריל, בעקער (פּליוש-פאַבריק), יודל קראַנענבערג און אפרים לינסקי (האַראַדאָק), אַמדורסקי (אין פעשטשאַניקי), בוכהאָלץ (אין סופּ-ראַסלע). עס שפּרינגען אַרויס פרישע פאַבריקאַנטן, נעכטיקע פריקאַזטשיקעס: גאָטליב-סעלעצקי און אַנדערע.

די שטאָט איז פול מיט רוסיש מיליטער. אָסאָוויעץ איז באַלאַגערט. די דייטשישע אַרמאַטן-באָמבאַרדירונג דערטראָגט זיך גרויזאַם אין די שטילע ביאַ-ליסטאָקער נעכט, ווי ווייטע שטילע דונערן... די שטאָט איז פול מיט „בעזשענצעס" פון גראָדנער און לאָמזשער געגנט, פון בריסק און גראַיעווע, יעדוואַבנע און רייגראָד. קרבנות פון דער גזירה פון צורר היהודים, דעם קייזערס פעטער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, וואָס האָט אַרויסגעשיקט פון די גרענעצשטעט די יידישע באַפעל-קערונג, אַלס פאַרדעכטיקע אין שפּיאָנאַזש פאַר די דייטשן. די געביידע פון „לינת-הצדק" נעמט אַריין די אָרעמע „בעזשענצעס", וועלכע בלאָנדזשען אַרום צעטומלטע. מילנערס, טעקסטיל-און לעדער-פאַבריקאַנטן זיינען אין אַ קורצער צייט געוואָרן גבירים. די פרייזן אין איין יאָר כמעט פאַרדאָפּלט. די ספּעקולאַציע איז אין פולן גאַנג. אָרעמקייט, יאוש און רויבען פון איין זייט, און גלאַנצפעריאָד פון גאָלדענע געשעפטן און שנעלן נתעשר ווערן פון דער אַנדערער זייט, בייטן זיך אין אַ שנעלן טעמפּאָ.

די ביאַליסטאָקער פאַבריקן רוישן טאָג און נאַכט. קאָרעלעך פון גערייסענע

שמאַטעס, באַוולנע קאַסטאַר, איינפּאַכע סאָלדאַטסקע דעקן, שייער־טיכער צו פּוצן האַרמאַטן און די שענסטע געבלומטע מאַנטאַניאַק־דעקן — זיינען די הויפּט־פּראָדוקציע פון ביאַליסטאָקער פאַבריקן; שווער באַלאָדענע פורן מיט באַלן סחורה טראָגן זיך איבער די ביאַליסטאָקער שפּיציקע ברוקן. די מעכאַנישע וועבשטולן פון גראָסענײנער, שוואַבער, שיינער און זשאַקאַרד רוען נישט און וויגן זיך אין טראַסקעריי פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. גרויסע באַשטעלונגען פון דער רוסישער רעגירונג פליסן אַריין און שאַפן אַ נייעם קלאַס פון פאַרמעגלעכע ייִדן, וואָס הויבן אָן שפּילן אַ ראָלע אַלס מנדבים און געזעלשאַפטלעכע טוערס.

*

מיין ברודער איז געוואָרן אַ „גרויסער פאַרדינער". ער איז שטולמייסטער ביי דער לוינקעטניקעס פירמע „זעליגזאָן־ראַפּאַלאָווסקי" אויף נאַדרעטשנע, קעגן איי־בער דער שטאָטבאָד. צוויי שותּפים זיינען זיי. שלום־מרדכי, ווי אַלע רופן אים, איז אַ פּריש, צאַפּלדיק לעבעדיק ייִדל, אָנגעטאָן מעשה בעל־עגלה, שטענדיק פּריילעך, מיט זשוואַווע שטיפערישע אויגן און, נישט קוקנדיק וואָס „ער מאַכט געלט", האַלט ער זיך גוטברודעריש, וויצלט זיך שטענדיק, קנייפּט די נופּערקעס פון דער פאַבריק און פאָרט אַהין און צוריק מיטן פערד און וואָגן, פאָכענדיק מיט דער בייטש, צו גובינסקיס גרויסער דעקן־פאַבריק, ברענגענדיק פּעקלעך גאָרן מיט שלייפלעך אין פאַרשידענע פאַרבן און פירנדיק צוריק צו גובינסקין פאַרטיקע אויסגעזעפּטע שטיקער סחורה.

דער צווייטער שותּף, נחום־לייזער, איז אַ ייד מיט אַ בייכל, מיט אַ גאָלדענער קייט וואָס באַמבלט זיך אויפן וועסטל, פיין געקליידט, מיט אַ פּעטן, צופרידענעם, שטייפן פּנים און אַראָפּהענגענדיקע באַקן און אַ נאָז באַוואָפנט מיט אַ גאָלדענער פענסנע. נחום־לייזער איז אַ ייִד וואָס האָט די קאָפּיקע אויסגערעכנט אויף אַ האָר, האַלט זיך מיט ווירדע און רעדט מיטן גראַיעוווער „לאַמעד". אָט זאָגט ער למשל ברוגזדיק צו שלום־מרדכין:

— שאָעם מרדכי, פאַר וואָס קואייבסטו נישט צוזאַמען די קאָנצעס פון די פּעקואַך גאָרן?... פאַר וואָס?... עס קאָסט דאָך געאוט...

מיין ברודער דוד אַרבעט שווער, אָבער פאַרדינט אַ סך געלט, פון 20 ביז 25 רובל אַ וואָך. ער אַרבעט טעג און אַ מאָל ביי „סמענעס" נעכט. ער קאָן אָבער נישט איינהאַלטן דעם גראָשן. ווי אַלע אָרעמע קינדער, וואָס באַקומען פּלוצלינג אַ סך געלט, ווילן זיי זעטיקן דעם דורשט נאָך שיינע קליידער, פון וועלכע זיי האָבן געטרוימט אין די קינדער־יאָרן. ער מאַכט זיך שטענדיק נייע אָנצוגן מיט אַ שטייפער טאַליע און אַרויסגעשטעקטע ברוסטן לויט דער דעמאָלטיקער מאָדע.

ער טראָגט עלעגאַנטע שיך מיט לעכלעך און גרויסע שפּיצן, אַ פּאַצעטישן הוט אויף אַ זייט ווי אַן אַלפאָנס, און בײַנערנע שטעקעלעך מיט זילבערנע הענטלעך און הוליעט אַרום מיט חברים.

מײַן מאַמע בײַזוערט זיך: — דוד, געדענק! נישט שטענדיק פאַרדינט מען! מען דאַרף קאָנען האַלטן דעם גראָשן. דאָס רעדעלע דרייט זיך. מען דאַרף קלערן וועגן מאָרגן.

אָבער ווייס איך וואָס. ווי קאָן מײַן ברודער דוד קלערן וועגן מאָרגן, אַז אַזוי פיל גלוסטיקע זאַכן זײַנען דאָ היינט. און דער היינט איז אַזוי שיין. איז הוליעט ער מיט חברים, וואָס האָבן דערשמעקט ביי אים אַ גראָשן, ביי דער „טיאַטיען״ אין קאַוויאַרניע אויף ליפּאָווע, שפּילט ביליאַרד ביי מעטצן אויף ניקאָלאַיעווסקע, טאַנצט מיט מיידלעך ביי קיימערסן אויף ליפּאָווע, גייט אין אילוזיאָן „מאָדערן״ פון גערמאַנען, ווערט פאַרפאַלן גאַנצע נעכט אין פּאַרק ראַסקאַש און קומט אַהיים מיט שאַנסאָנעטן-לידלעך פון וואַלד אויף אַן איזוואָזטשיק מיט „רעזינ־קעס״. איין מאָל איז ער געקומען אַ צעביילטער, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר דער יידישער ווירדע, געשלאָגן זיך אין פּאַרק ראַסקאַש מיט שקצים און אָפיצירן וואָס האָבן באַליידיקט דאָס יידישע פאָלק. מײַן ברודער דוד האָט געדאַרפט זײַן דער, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַרן פאָלק ישראל און אַרײַנכאַפּן קלעפּ. און איין מאָל האָט מײַן ברודער שיער נישט געקראָגן מיט אַ מעסער אין אַ זייט, זיך אָננעמענדיק פאַר אַ דאָרפישער גויע, אַ באַרוועסער, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרחידושט אויף דעם „הימלקראַצערישן״ ביאַ־ליסטאָקער שטאָטזייגער, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ צום שפּיץ מיט התפעלות. ווי אַ פּאַזשאַרניק האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן רונדיקן באַלקאָנטשיקל, אַז זי האָט נישט געזען ווי די ביאַליסטאָקער קעשענע-גנבים האָבן גערוקט די הענט אין איר געפלאָכטענעם שטרויענעם קאָשיק, צילנדיק אויף איר נאָזטיכל מיט די אײַנ־געוויקלטע פאַר זילבערנע מטבעות. מײַן ברודער איז זיך געגאַנגען אָננעמען פאַר איר, וואָרענענדיק זי קעגן די גנבים. און ווען מײַן ברודער וואָלט צופעליק נישט אָנגעטראָפן אַ פּאָר פון זײַנע געזונטע חברים, וואָלטן אים די „בלאַטע יאַטן״ „אַרײַנגעפּיטשקעט״ אַ מעסער אין דער „קאַטערינקע״ (בויך).

מײַן ברודער דוד האָט אָבער אויך שווער געאַרבעט און די מאַמע פלעג מיך אָפט שיקן צו אים מיט עסן אויף „איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ״. זי האָט נעבעך געזיפצט, אַז ער האָרעוועט שווער און ביטער און „פאַרטאַכליעוועט״ דאָס געלט. האָט מיר מײַן ברודער דוד איין מאָל געגעבן אַ מתנה, געקויפט מיר אַ בלויע פעלע־רינע אָן אַרבל, מיט שניטן אין די זייטן אויף אַרויסצורוקן די הענט, וואָס איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע פאַר יונגע ייִנגלעך, און וואָס דער באַוווּס־טער דיריגענט פון שולכאָר יעקב בערמאַן האָט שוין לאַנג געטראָגן, כאָטש ער איז קיין ייִנגל שוין נישט געווען.

איך בין געווען גליקלעך מיט דער בלויער טוכענער פּעלערינע, וואָס האָט זיך פיין געפּאַסט צו מיין ווייסן רונדן פּנים און שקאַצישן בלאָנדן קעפּל און איך פלעג מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ זיך אַרויפכאַפּן אויף דער ביאַליסטאָקער קאָנקע צו פאָרן צו מיינע חברים: שיימקע זאַק, שיימקע פּלאָווסקי און חיים קרוגליאַנסקי, וואָס האָבן געוווינט הינטער דער טורמע.

אין איינעם אַזאַ פאַרנאַכט, ווען איך האָב געמאַכט אַ באַזוך ביי מיינע חברים און זיך דערנענטערט צו „לאַכאַנקאַס" גימנאַזיע אַראָפּ וואַשליקאָווער גאַס, האָב איך דערזען גרויסע וועגענער און סאַניטאַרן פון רויטן קרייץ. עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט מלחמה און בלוט, וואָס איז נאָך געווען דערווייל אַזוי ווייט פון ביאַליסטאָק. איך האָב זיך דערנענטערט צו „לאַכאַנקאַס" גימנאַזיע, וואָס האָט געדינט אַלס צייטווייליק שפּיטאָל, און זיך געשטעלט לעבן די מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט צו זען די פאַרוווּנדעטע און טויטע וואָס ווערן אַרויסגענומען פון די וועגענער. אָבער פּלוצלינג זיינען אַלעמענס אויגן געוואָרן ברייט צעעפנט אין ווילדן שרעק. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסטראָגן די רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען די ערשטע קרבנות פון דער דייטשישער גאַז-מלחמה. זייער אויסזען איז געווען שרעקלעך: אויפגעבלאָזענע בייכער און געל אָנגעשוואָלענע פּנימער, ווי געל-בלויע טויטן-מאַסקעס. אויף יעדן פוס פון פאַרגאַזטן האָט זיך געבאָמבלט אַ פּלעטל, מיטן נאָמען און אַדרעס. מען האָט זיי אויסגעלייגט אין אַ ריי אין זאַל פון שפּיטאָל און באַשפּריצט מיט קאַלך כדי אויסצומיידן עפּידעמיעס. און דער שוואַכער טונקלקייט האָבן זיי אויסגעזען ווי שאָטנס פון טויטע אין משונה-דיקע פאַרבן אויף אַ בית-עולם אין אַ לבנהדיקער נאַכט.

דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג וואָס דאָס דייטשישע קולטורפאָלק איז פעיִק צו טאָן, דער ערשטער אָנזאָג פון די צוקונפטיקע גאַז-קרבנות. פון מאַידאַנעק, אָשוויענצים און טרעבלינקע, אין דער דייטשישער אויסמאָרדונג-וואָק-כאַנאַליע פון בלוט און טויט.

✶

אין אַ שיינעם בלויען פרימאָרגן פון 20סטן אַפּריל 1915, ווען איך בין נאָך געשמאַק געשלאָפן, אַ צערויטלטער, אַ צעטשוויקעטער, צעגעדעקט מיט דער פּע-רענע, האָב איך דערפילט, ווי די מאַמע וועקט מיך פאַרזיכטיק, ווי זי וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ אויפוועקן מיך אָדער נישט. איך האָב געעפנט די אויגן און זיך אויפגעכאַפּט פון ווייטע חלומות.

די מאַמע האָט מיט ליבשאַפט מיר געקוקט אין די אויגן און שטיל עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: — יאַנקעלע! דוד אַרבעט היינט די נאַכט. ער איז נעבעך אַ פאַרמאַטערטער, מען דאַרף אים עפּעס צוטראָגן, אָפּכאַפּן דאָס האַרץ.

איך האָב זיך פויל אָנגעטאָן, איינגעפּאַקט אין אַ שטרויענעם קאָשיק דאָס עסן און האַלב-פאַרשלאָפן אַראָפּ אויף גומיענער גאַס. אָט גיי איך פאַרביי אַ ראָג

פון גומיענער גאַס, דאָס הויז וווּ עס וווינט גוטמאַן דער מלמד, צו וועלכן איך קום אַ מאָל אַרויף, ווייל זיין טאָכטער, וועלכע מיר רופן איבער „זשאַבקעלע" איז פון אונדזער גרופּע. דאָרט, ביים מלמד גוטמאַן אין שטוב, האָב איך איין מאָל געטראָפן דעם ביאַליסטאָקער שטאָט־מגיד ראַפּאָפּאָרט, אַ פריילעכן, אַ הומאָרפולן און אַ וויצלדיקן, וואָס האָט מיך איבערראַשט ווייל איך האָב אים פאַרגליכן מיט יוסף הצדיק, צוליב זיינע ראָזע בעקלעך, זיין שיין פּנים און בלאָנד בערדל. איך האָב אָפט געהערט זיינע דרשות אין אַלטן בית־מדרש לעבן דער גרויסער שטאָט־שול. ער פלעגט מיך אויפטרייסלען מיט זיין ראַשיקן פלוצעמדיקן אויפרייסן דעם ארון קודש ביי זיין דרשה, מיט אַ יאָמערדיקן געבעט און טענות צום רבונו של עולם, וואָס ער פלעגט באַגלייטן מיט אַ מוראדיקער יללה פון דער ווייבער־שול, אַזוי אַז אפילו מענער פלעגן כליפּען אין דער שטיל און שטיין מיט פאַרטרערטע אויגן.

אָט איז דאָס הויז פון מיין טאַנטע חיהטשע שוסטיצקי, וווּ צוויי וועלטן האָבן געהויזט אין איין ווינונג: דער פרומער, באָבערדלטער, גאָטספאָרכטיקער, שטילער, בנימין־פייוול און זיינע מאָדערנע טעכטער ציליע און סאָשע, וועלכע האָבן געלייענט רוסישע ראָמאַנען, שפּאַצירט שבת אין שטאָט־גאָרטן אויף „גוליאַ־ניעס" אויף שבת געקויפטע בילעטן, און געחלומט פון יעווגעני אָניעגין און סאַנין, די העלדן און לעביונגען פון פּושקין און אַרציבאַשעוו. פון דער ווייטן, אין יאַטקע־געסל, זע איך דעם „לינת־חולים" און דעם באַרימטן אייזקעלער ביי דעם אַמבולאַטאָריום, וואָס האָט הונדערטער יידן באַזאָרגט מיט אייז צו פאַרשידענע קראַנקייטן אין זומערדיקע טעג און נעכט, ווען דאָס קאַלטע אייז איז געווען די ערשטע רפואה. איך גיי אַרויס צו ניקאָלאַיעווסקע גאַס און דערנענטער זיך צום פּאָלקאָוואָיען בית־המדרש, אָבער איך דערזע פלוצלינג מענטשן לויפן אין אַלע זייטן צו די טויערן און הויפן און אַרויפקוקן מיט בייגעריקייט צום הימל, אין וועלכן מיינע יונגע אויגן זעען דייטלעך פליען גרופּעס עראָפּלאַנען, צו דריי אין אַ ריי, ווי שוואַרצע באַטשאַנעס וואָלטן געפלויגן. איך שטויס זיך אָן אַז דאָס זיינען דייטשישע עראָפּלאַנען. זיי רופן אַרויס ביי מיר געפילן פון באַוווּנדערונג פאַרן מענטשלעכן זשעני, וואָס האָט אַזעלכע אומגלויבלעכע זאַכן באַשאַפן. איך דערמאָן זיך די ערשטע דעמאָנסטראַציע פון פליען, אויפן וועג צו וואָשליקאָווע, פון דעם איטאַליענישן פליער „קאַמפּאָ די סציפּיאָ", ווען גאַנץ ביאַליסטאָק איז געלאָפן קוקן ווונדער ווי מענטשן פליען ווי פייגל! וואָס פאַר אַ פאַרגלייך מיט די דייטשישע מאַיעסטעטישע פייגל, וואָס פליען אַזוי שיין, סימעטריש אין דער לופטן, ווי אויף אַ פאַרשטעלונג.

איך פאַררייס דעם קאָפּ צו די שטאָלענע פייגל, גיי אַריבער דאָס בריקל פון ניקאָלאַיעווסקע און פאָלג נאָך מיט די אויגן די דייטשישע עראָפּלאַנען, פאַרגעסנדיק אַז איך דאַרף אַריינגיין אויף נאַדרעטשנע קעגן איבער דער באָד — איך טראָג

דאָך עסן צו מיין ברודער דוד. ווי אַ היפּנאָטיזירטער פֿאַלג איך נאָך די עראָפּלאַנען, מאַכנדיק אַ דעכל מיט מיינע הענט איבער די אויגן און איך בין שוין נישט ווייט פֿון אַלעקסאַנדראָווסקע. ווי איך דערהער פּלוצלינג אַ מוראדיקן אויפּטרייסלענדיקן אויפֿרייס. פּיר־פּינף הייזער ווייטער פֿון מיר, דונערט אָפּ מיט אַ געטראַך פֿון שויבן אין דער פֿרימאָרגן־שטילקייט. דערנאָך, קומען איינע נאָך דער אַנדערער, ווייטערדיקע באָמבעס־אויפֿרייסן. איך זע פֿון דער ווייטנס אַ שילערין, אַ מיידל אין אַ ברוין קליידל, ליגט אויסגעשטערקט מיט אירע ביכער אויף דעם ראָג פֿון אַלעקסאַנדראָווסקע, לעבן דער באַנק. דינע ריטשקעלעך בלוט צעגיסן זיך אַרום איר קאָפּ, ווי לאַנגע רויטע, בלוטיקע פּיס פֿון אַ בלוטיקן שפּין.

פֿון דער צווייטער זייט ליגט אַ באַנק־באַאַמטער מיט אַן אָראָפּגעריסענער האַנט און דער פֿאַרבלוטיקטער אַרבל באַמבלט זיך עפּעס אומגעלומפּערט.

אַלץ האָט אַ שווינדל געטאָן פֿאַר מיינע אויגן מיט בלוט און טויט, מיט צילאָזן מאָרד און ברוטאַליטעט פֿון דערוואַקסענע מענטשן, ווו איך, דאָס קליין, פֿאַרחלומט יינגל, דאַרף ווערן זייערס אַ מיטמענטש. אַ שרעק האָט מיך אַרומגענומען פֿאַר מיין צוקונפֿט, אַ סטיכישע מורא פֿאַר דעם ווייטערדיקן, אומבאַוווסטן, וואָס די גרויסע, די דערוואַקסענע, די אַלצוויסנדיקע עלטערע מענטשן גרייטן צו פֿאַר מיר. איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל דערשראָקן פֿאַרן לעבן און געוואָרן בלייך, געציטערט ווי אַ יונג, אויסגעריסן בלעטל פֿון אַ בייזן, קאַלטן שטורעמווינט.

צווישן די קרבנות פֿון די אַזוי שיין פֿליענדיקע עראָפּלאַנען, ווי אין אַן אָפּעגנעם בלויען הימל־שוישפּיל פֿון מענטשלעכן זשעני, וואָס איך האָב שוין מער נישט באַוווּנדערט, נאָר וואָס האָט אַנגעפּילט מיין יונג קינדיש האַרץ מיט האַס און אומצוטרוי, זיינען געווען זעקס יונגע קינדער, צווישן זיי יידישע שילערס און שילערינס. איינע פֿון זיי איז געווען די שוועסטער פֿון מיין נאָענטן חבר פֿאָדראַביניק, צו וועלכן איך פֿלעג אַריינקומען אין שטוב און דיסקוטירן וועגן פּאָעזיע, ראָמאַנטיק, שיינקייט פֿון מענטשלעכער נשמה און גרויסקייט פֿון דער מענטשלעכער ראַסע.

דער אַריינמאַרש פֿון די דייטשן

ביאַליסטאָק האָט געביטן איר פּנים. נייע מענטשן, יידן פֿרעמדע, אַנגעלאָפֿענע פֿון אַרומיקע שטעטלעך: כאָראָשטש, וואַשליקאָווע, סופּראַסלע, זאַבלודאָווע, האָראָדאָק, גאָניאָנדז, יעדוואַבנע, גראַיעווע און פֿון אַנדערע קליינע ישובים, זוכן שוץ אין גרויסן יידישן ביאַליסטאָק, צוליב מורא פֿאַר אָפּטרעטנדיקע רוסישע קאָזאַקן

און סאָלדאַטן; אַ טייל ייִדן פון די פעסטונג־שטעטלעך, זיינען געצוווּנגען זיך צו עוואַקויִרן צוליב דער פאַראָרדענונג פון דער רוסישער מאַכט, וועלכע פאַר־שפרייט קלאַנגען, אַז ייִדן זיינען דייטשישע שפּיאָנען, און עס איז „פאַר דער זיכערקייט פון דער רוסישער מלוכה פּטור צו ווערן אין די פעסטונגשטעט פון דעם געפערלעכן עלעמענט ייִדן".

די שפּיאָנען־מאַניע שוועבט אין דער לופטן.

מען זוכט זיי אומעטום. אַט פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען אין ביאַליסטאָק, אַז דער עלטערער מאַן מיטן קינדיש־ליבלעכן פּנימל, וואָס פאַרקויפט שמעקנדיקע לעבעדיקע בלומען אויפן ראָג דייטשישע גאַס, וואָס פירט צום „גאַראָדסקאָי סאַד" און רעדט אַ גויישן ייִדיש, האַלטנדיק אין האַנט אַ בלומען־בוקעט, אַרויסגענומען פון אַ גרויסן שטרויענעם, געפלאָכטענעם קאָשיק און בעט זיך אַזוי ווייך און האַרציק: — „קויפט אַ שיין בלימעלע פאַר אַ שיין כלהלע", אַז אָט דער עלטערער מאַן איז גאָרנישט געווען אַזוי קינדיש־נאַיוו. ער איז גאָר געווען אַ שפּיאָן! אַן עסטרייכישער קאַלאָנעל, וואָס האָט צוליב שפּיאָנאַזש־צוועקן, זיך פאַרשטעלט פאַר אַ נעבעכדיקן, האַלב־נאַרישן בלומען־פאַרקויפער. אָט וויגט זיך אַ קלאַנג, אַז דער איטאַליענישער אַרטיסט, זינגער און שוואַרצקינסטלער, וואָס איז אַרויס־געטראָטן אויף עפנטלעכע פאָרשטעלונגען אין פּאַלאַס־טעאַטער, געזונגען זיסע ראָ־מאַנטישע אַריעס פון אָפּערעס אין דער איטאַליענישער שפּראַך, געכאַפּט טויבן פון אַ ליידיקער שטייג, געשלעפּט לעבעדיקע האָזן פון אַ ליידיקן צילינדער־הוט און זיך אַזוי שאַרמאַנט־חנעוודיק פאַרבויגן נאָך די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. אַז ער איז גאָר געווען אַ דייטשישער שפּיאָן, וואָס מען האָט שפּעטער געכאַפּט בעת ער האָט פאָטאָגראַפירט די פעסטונג אָסאָוויעץ.

שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש האָבן זיך געפילט אין דער לופטן. מיין ברודער, וואָס איז געווען שטולמייסטער אין אַ פאַבריק פון „זעליגזאָן־ראַפּאַלאָווסקי" און זיי האָבן געאַרבעט פאַר גובינסקיס דעקן־פאַבריק, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו באַקומען אויסגעצאָלט זיין געהאַלט אין גאָלדענע מטבעות. אין גאַנץ ביאַליסטאָק און אין גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך באַמערקט די זעלבע דערשיינונג.

די בענק האָבן אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אַ סך גאָלדשטיקלעך, און אָט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז דייטשישע סאַבאָטאַזשניקעס — דירעקטאָרן פון רוסי־שע בענק — האָבן געוואָלט ברענגען צו אַן אויסשעפּונג פון רוסישן גאָלדרעזערוו, האָבן זיי בכיוון אַרויסגעלאָזט די ווערטפולע גאָלד־זאַפּאַסן, כדי צו ברענגען צו אַן אינפלאַציע, און צו אַן אַנטווערטונג פון רוסישן רובל.

די קלאַנגען וועגן שפּיאָנאַזש האָבן אַריינגענומען אפילו די רוסישע צאַריצע אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ, וואָס איז געווען פון דייטשישער אָפּשטאַמונג און האָט אַזוי שטאַרק פאַרגעטערט דעם באַרימטן אויסגעלאַסענעם מאַנאַך גריגאָרי ראַספּוטין, וואָס האָט געשיכּורט מיט קעניגלעכע הויפדאַמעס אין אויסגעלאַסענע

פול מיט עקסטראַוואַגאַנץ, הולטייסקע, פרעכע אַרגיעס און הוליאַנקעס מיט האַלב־נאַקעטע הויף־קורטיזאַנעס, צווישן וועלכע עס האָט פיגורירט פּראָמינענט דער נאָמען פון דער הויפדאַמע „וויראַבאָווא", דער נאָענטסטער און אינטימסטער פריינדין פון דער רוסישער צאַריצע.

★

ביאַליסטאָק רוישט. סאָלדאַטן פאָרן צום פראָנט און פון פראָנט. די קראָמען לייזן געלט. אָנגעפּאַרענע פון די קליינע שטעטלעך מיליטער־לייט און מלוכה־באַאַמטע, ביאַליסטאָקער איינוווינערס, ביי וועלכע דער רובל דרייט זיך, און וואָס מאַכן אַ לייכטן רובל פון פּאָדריאַדן און פּראַוויאַנט־צושטעלונג, לעבן אַ זאַט לעבר און מאַכן געלט אין מיטן פון בלוטיקן מלחמה־קאַשמאַר, זיינען לייכטע קונים און צאָלן גוט. מיליטערישע אַבאָזן פאָרן מיט טראַסקעריי איבער די שפּיציקע ביאַליסטאָקער ברוקן, גרויסע האַרמאַטן איבערגעדעקטע מיט ברעזענטן, וואָס ווייזן אָבער דייטלעך די לאַנגע דולעס פון די האַרמאַטן, קלאַפּן שטאָלץ איבער די גאַסן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זאָגן: אָט זעט ווער עס זיינען היינט די יחסנים! גרויסע וועגן מיט פוראַזש, היי און שטרוי, מיט פוילע, קריכנדיקע פערדלעך ברענגען ריחות פון דאָרף און פון געקאַשעטע לאַנקעס.

אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן מיט רויטע, צעפּאַרעטע, צעשוויצטע פּנימער, און האַנטעכער אונטערן אָרעם, מאַרשירן מיט פעסטע, מושטרירטע סאָלדאַטסקע טריט אין מיטן גאַס, גייענדיק פון דער אַלטער באָד פון סטאַראַשאָסיינע, שמייכלען און ווינקען צו פאַרביגייענדיקע מיידלעך און דאָרפישע דינסטן אין בלומיקע קאָפּטיכלעך, און זינגען רוסישע סאָלדאַטסקע לידער וואָס שמעקן מיט „היכער קולטור". אַ ליד וועגן דערפער און אַכט מוידן, וואָס דער סאָלדאַט פאָלגט נאָך אין וואַלד צי אין פעלד. דער סאָלדאַט, דער העלד, שטייט נישט אָפּ פון זיי. אָס איז דאָס באַרימטע סאָלדאַטן־ליד: „טרי דערעווני דווא סיעלא, וואָסיעם דיעוואָק, אָדין יאַ". אָדער אַן אומעטיק ליד מיט אַ פריילעכן טאָן פון אַ סאָלאָוויי וואָס זינגט אַזוי טרויעריק. געוואָרן איז ער פלוצלינג, דער רוסישער סאָלדאַט, סענטימענטאַל, אַ ראָמאַנטיקער.

די אָפיצירסקע גאַס, וואָס פירט צום ביאַליסטאָקער וואַלד, האָט אויפגעלעבט. די פּרנסה איז גרויס. מען זשוויבט געלט. די גאַסן־מיידלעך אויף די גאַניקעס האַלב־אַנטבלויזטע, אין קורצע קליידלעך, רחבותדיק צעעפנט (וואָס וועלן זיי זשאַלעווען?) ווייזן אַרויס שטיקער נאַקעטן קערפּער. צעשוואומענע פּרויען מיט צעשויבערטע האָר, פאַרשייטן, צווידייטיקן ווינקען און שיכורן געלעכטער, געשמינקטע מיט אונטערגעשוואַרצטע אויגן — אַ סימן פון זייער פּראָפעסיע — רויכערן קאָקעטיש און פירן אַריין צו זיך אין די צימערן מיט האַלב־פאַרמאַכטע לאָדנס די געסט: סאָלדאַטן, אַרבעטער און קליינשטעטלדיקע באַזוכערס, וואָס האָבן נאָך אַזוינס נישט געזען און דאָס איז ביי זיי פאַרבונדן מיט דעם האַרץ־

צאַפּלדיקן רייץ פון דער גרויסער שטאָט, וואָס איז פול מיט אומבאַקאַנטע, אָבער פּיקאַנטע אַוואַנטורעס.

★

אין שטאָט זיינען איינגעקוואַרטירט רוסישע מיליטער־לייט. די אָפיצירן אין רייכערע היימען, אין באַזונדערע גרעסערע צימערן, מיט זייערע דיענשטשיקעס, וואָס באַדינען זיי, אין די שענערע וווינונגען פון שטאָט. די איינפאַכע סאָלדאַטן זיינען איינגעקוואַרטירט גרופּנווייז אין אָרעמע הייזער, אָדער ליידיקע, נישט באַ־וווינטע וווינונגען. שלאָפן זיי, די רוסישע פאַרטיידיקערס פון דער „מאַטושקאַ ראַסיאַ", אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע אונטערגעשפּרייט מיט שטרוי, קראַצן זיך און טשאָכען זיך אין די פרימאָרגנס, עסן שוואַרץ ראָזעווע ברויט, פאַרטרינקען מיט „קיפּיאַטאָק" (הייסע טיי) און ציילן פאָרזיכטיק די איבערגעבליבענע ציגעלעך צוקער, איינגעוויקלטע אין אַ שמאַטקע, און אַ פאַררוקטע צוזאַמען מיט דעם קאָלירטן קאָכלעפל אין די שטיוול, פון וועלכע עס טראָגן זיך ריחות פון בלויען באַשמירטן טראַן, און שווייס פון די פיס, איינגעוויקלטע אין פויערישע לייוונטענע אָנוטשעס.

די אומרויִקייט אין שטאָט וואַקסט. אָט זיינען אויסגעקלעפּט גרויסע ווייסע אַפישן מיטן גרויסן רוסישן צווייקעפּיקן אָדלער אין דער הויך, און גאַוהדיקן אַריינפאָר גלייך פון אָנהויב פון דעם אַפיש: „ מיר, ניקאָלאַי דער צווייטער, גרויס־הערשער פון אַל־רוסלאַנד, פירשט פון פוילן, פינלאַנד א.א.וו. באַפעלן די גאַנצע מענלעכע באַפעלקערונג פון באַליסטאָק און אומגעבונג, אין עלטער פון זיבעצן ביז פינף־און־פערציק, זיך צו רעגיסטרירן אין די מיליטערישע אַמטן, כדי עוואַ־קויִרט צו ווערן אַלס מיליטער־פליכטיקע אין רוסלאַנד. די רעגיסטראַציע קומט פאָר פון 15טן ביז דעם 25סטן אויגוסט 1915. פאַר נישט פאָלגן דעם באַפעל קומט אַ שווערע שטראָף לויט די שטרענגע קריגס־געזעצן". אונטערגעשריבן: דער פּאָלציימייסטער פון דער שטאָט ביאַליסטאָק.

די פּאַניק אין שטאָט וואַקסט. ייִדישע מאַמעס ברעכן מיט די הענט. וואָס זאָל מען טאָן? פאַרשרייבן זיך, הייסט אַוועקשיקן אַ זון אין מלחמה. נישט פאַר־שרייבן — קומט דאָך אַ געוואַלדיקע שטראָף. עס איז דאָך קריגסצייט.

די ווייַטע דונערן פון באַלאַגערטן אָסאָוויעץ הערן זיך דייטלעכער. די דייטשן האָבן צוגעפירט גרעסערע האַרמאַטן, די באַרימטע „בערטאַס". אין חודש יולי פאַלט וואַרשע, און אָסאָוויעץ איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. ביאַליסטאָק מוז אָפּגעגעבן ווערן צו די דייטשן. די מלוכה־באַנק, די פּאָסט און און די רעגירונגס־
אָפּגעגעבן ווערן צו די דייטשן. די מלוכה־באַנק, די פּאָסט און די רעגירונגס־
אַנשטאַלטן זיינען שוין עוואַקויִרט. עס גייט אַרויס אַ פאַראָרדענונג צו עוואַקויִרן די ביאַליסטאָקער פאַבריקן אין טיף רוסלאַנד. די רוסישע רעגירונג זאָגט צו יעדע הילף ביי דער עוואַקואַציע. אַרבעטהענט ביים אָנלאָדן אויף באַנען און אומזיסטע טראַנספּאָרטאַציע. די ייִדישע פאַבריקאַנטן איילן זיך נישט. קענענדיק די רוסישע

אומאָרדענונג. עס האָבן זיך אָבער עוואַקוירט די אייזן־גיסערייען פון וועטשאָרעק, מאַזור־שקורניק, און די וואַטע־פאַבריק פון ניעוויאַזשסקי, שפּירא. אַ גרויסער טייל פון טעקסטיל־פאַבריקאַנטן און סוחרים גייען אַוועק נאָך רוסלאַנד, אַרויספירנדיק לאַגערן מיט רוישטאָפן און פאַרטיקע סחורה.

די שטאָט הויבט אָן אויסגעליידיקט צו ווערן פון רייכע פאַרמעגלעכע ייִדן. די פאַבריקן הויבן זיך אָן אָפּצושטעלן. די מאַכט גרינדעט אָן אויפרייס־קאָמאַנדע צו פאַרברענען פאַבריקן, פאַרניכטן מאַשינען וואָס קאָנען נישט אַרויסגעשיקט ווערן, אויפצורייסן די דאַמף־קעסלען און צו פאַרניכטן רעגירונגס־אייגנטום ווי קאַזאַרמעס, פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען און אַמוניציע־שפּייכלערס. אַ טייל מאַשינען פון דער עלעקטרישער סטאַנציע ווערן דורך דער נאַכט פאַרניכטעט. די שטאָט איז אין די אָוונטן אין האַלב־טונקלקייט, צוליב דער פאַרקלענערטער פּראָדוקציע פון עלעקטריע.

טרויער און שרעק צעשפּרייטן זיך איבער דער שטאָט. דער טראַמוויי הערט אויף צו קורסירן. די באַן הערט אויף צו גיין פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. עס איז פולשטענדיק איבערגעריסן די באַן־פאַרבינדונג פאַר ציווילע בירגער מיט אַנדערע שטעט. די פּאָליציי הייבט אָן צו כאַפּן מענטשן אויף אַרבעט: אויפלאָדן מאַשינען אויף די באַנען און גראָבן אָקאָפּעס. די שטאָט איז איין גרויסער מיליטערישער לאַגער פון מחנות סאָלדאַטן וואָס מאַרשירן צו די פּאָזיציעס, און אָפּטרעטנדיקע עשאַלאָנען וואָס פאַרלאָזן דעם פראָנט. ציימונגען שטעלן זיך אָפּ. מען איז אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט דורכן אָפּשטעלן דעם באַנפאַרקער, וואָס פלעגט ברענגען רוסישע און ייִדישע ציימונגען. דעם 5טן יולי הערט אויף צו דערשיינען די איינציקע ייִדישע נאַציאָנאַלע צייטונג אין דער רוסישער שפּראַך „גאָלאָס ביעלאָסטאָקאַ" וואָס פלעגט דערשיינען אונטער דער רעדאַקציע פון י. ס. זעליגמאַן.

די קלאַנגען וועגן דער נאָענטער עוואַקואַציע פון דער רוסישער מאַכט פון ביאַליסטאָק ווערן שטאַרקער. מען גיט אָן דאַטעס: ענדע אויגוסט, אָנהויב סעפּטעמבער. איינוווינערס פון די פּאַרוואָרפענסטע געסלעך פון הינטער דער שטאָט ציען זיך אַריבער אין צענטער. מען האָט מורא פאַר דער אָנקומענדיקער קאַנאָנאַדע און שלאַכטן אין שטאָט און מען זוכט וווינונגען אין מויערן, פאַרלאָזנדיק הילצערנע הייזלעך. די בהלה און שרעק ווערן וואָס אַ מאָל גרעסער. דאָס רוב גבירים, רייכע סוחרים, פאַבריקאַנטן און שטאָט־פאַרזאָרגערס זיינען אַוועק נאָך רוסלאַנד. צווישן די איינציקע כלל־טוערס וואָס זיינען פאַרבליבן געפינען זיך: משה־מרדכי מאַניסעוויטש, א. טיקטין און מ. באַראַש. די שטאָט איז אין האַלב־חושך, באַלאַגערט מיט מיליטער. ווייטע אויפרייסן דערטראָגן זיך פון אומבאַקאַנטע ריכטונגען. די טראַסקערייַ פון מיליטערישע אָבאָזן און פערדישע טריט הילכן אָפּ מיט מורא אין די צעשראָקענע, מיט אַנגסט פאַרטייעטע הערצער פון ביאַליסטאָקער ייִדן.

*

דעם 25סטן אויגוסט איז שוין אַ סכנה אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. די הילצערנע און אייזערנע טויערן זיינען פאַרריגלט און די באַפעלקערונג וואַרט מיט שרעק אויף די ווייטערדיקע געשעענישן. מיר וווינען ביי שמואל ציטרינען אויפן הויף. דער גרויסער, שווערער אייזערנער טויער איז פאַרקלאַפּט. אָבער פאַר מיר מיט מיין מאַמען איז דאָס אַ קנאַפּע שוץ. אונדזער הילצערן הייזל קומט אַרויס מיט די פראָנטאָווע פענצטער אויף גומיענער גאַס. מיין ברודער דוד איז היינט פאַרשווונדן אויף אַ גאַנצן טאָג און מיין מאַמע זיצט אויפן שפּיץ בעט מיט אַ פינצטערן פּנים פון זאָרג, אירע האָר נאַכלעסיק צעשויבערט, אירע אויגן האַלב-ווילד, בלאָנדזשענדיק ווי שטענדיק ווען זי ווערט אַ קרבן פון אירע נערוון. זי שאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ פרומער ייִד ביים דאַווענען און מורמלט צו זיך אַליין מיט פאַרביסענע ליפּן: — ווו קאָן ער זיין? פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג, אין אַזאַ צייט, וויי איז מיר, דער מענטש איז דאָך אַ הפקר-מענטש, ער האָט דאָך נישט קיין רחמנות אויף זיין אייגענער מאַמען, אין אַזאַ צייט, ווען קינד און קייט זיצן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער און ער לויפט אַרום.

די מאַמע איז פאַרצווייפלט, וואָס מיין ברודער דוד איז נישטאָ. און מיין ברודער דוד ווייסט נישט וואָס הייסט מורא האָבן. איך באַוווּנדער אים. אין מיינע אויגן איז דוד אַ גרויסער העלד, וואָס שרעקט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ. איך ברען מיט ייִנגלערישער נייגעריקייט צו וויסן וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. איך כאַפּ זיך צו שטילערהייט צום פענצטער, רוק אָפּ פאָרזיכטיק אַ שפּיץ פון זיידענעם פאָרהאַנגל און דערזע אַ ראָטע קאָזאַקן אויף פערד וואָס רייטן לאַנגזאָם ווי אויף אַ שפּאַציר, פּאָרווייז, אייגער הינטערן צווייטן. די פערדישע פּאָדקאָוועס קלאַפּן איבערן ברוק ווי דאָס פּויקן פון אַ באַראַבאַן. די קאָזאַקן — אין הויכע פּאַפּאַכעס אויף די קעפּ, מיט הויכע פּיקעס צוגעטשפּעט צו אַ פוס, אין רויטע געשטרייפטע הויזן-לאַמפּאַסן.

אַ זילבערנער באַפּוצטער גאַרטל מיט געצייכנטע אוזאָרן און אַ קורצן קינדזשאַל אין זילבער געפּאַסט, גאַרטלט אַרום די פעסטע זייטן פון דעם שטייפן קאָזאַק. דער פערדגאַנג איז ריטמיש. די פּנימער — שטאַרק פאַרברוינטע, מיט אַ קאַלטן, שטאָלענעם בליק, וואָס זיי וואַרפן אומצוטרוילעך צו ביידע זייטן פון טראָטואַר. די געדיכטע בלאָנדע טשופּרינע האָר, מיטן הויכן טשוב אויף איין זייט געדיכט אַרויפגעקעמט. עס דאַכט זיך מיר פּלוצלינג, אַז זיי הייבן אָן פאַררייסן די קעפּ צו די פענצטער פון די אויבערשטע שטאָקן און קוקן אַרויף צו מיין פענצטער. די מורא פון איין זייט, און די פאַרגרעסערטע נייגעריקייט פון דער אַנדערער זייט, האַלטן מיט כוח מיינע פינגער אינעם שפּיץ פון פאַרשאַרטן פאָרהאַנגל. איך קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון די קאָזאַקישע פּנימער, וואָס אָטעמען מיט אוראַלטער ווילדקייט פון די אומענדלעכע אוקראַאינער סטעפּעס. עס דער-

מאַנט מיך אין די קאָזאַקישע „אָסטאַפּס" פון זאַפּאָראָזשע פון גאָגאָלס בוך „טאַראַס בולבאַ". די מאַמע באַמערקט אַז איך שטיי לעבן פענצטער צו לאַנג, גיט זי מיר אַ פליק אַוועק מיין האַנט פון פּאָרהאַנגל און צעבייזערט זיך:

— קנאַפּ צרות האָב איך פון דעם גרויסן. דאַרף איך נאָך פון דיר אויך ליידן? וואָסי? ווילסט מען זאָל אַרויפשיסן צו אונדז אין פענצטער, ווי אין שבת נחמו? קאָנסט דאָס ביי די קאָזאַקן פועלן.

די קלאַפּערייַ פון די פערדישע פּאַדקאָוועס ווערט דערטרונקען אין דער ווייטקייט. עס ווערט שטיל. אַן אַנגסטיקע שטילקייט, וואָס מען ווייסט נישט צו וואָס דאָס פירט. פּלוצלינג אַ קלאַפּן אין טויער. מיר ווערן פאַרציטערט. אָבער דער מאַמעס אויגן לויכטן אויף. אַ מאַמעס האַרץ דערשפּירט, נאַרט נישט. זי לויפט שטעל אַראָפּ פון די טרעפּ, איך נאָך דער מאַמען. מיר לויפן אַראָפּ צום טויער, קוקן מיט אומגעדולד דורך דער שפּאַרונע פון אייזערנעם טויער, און דערזעען מיין ברודער דודן. ער קוקט זיך אַרום פאַרזיכטיק, גיט ווייטער שטילע קלעפּ אין טויער און מיר גיבן אַ האַסטיקן רוק אָפּ דעם שווערן אייזערנעם פאַר־רוקער, דוד גייט אַריין אין הויף, זיינע אויגן לעבעדיק מונטער און אָפּגעפרישט. אַזוי זעט אויס שטענדיק מיין ברודער דוד ווען ער מאַכט דורך געפאַרן. אַזוי זיינען זיינע אויגן רויִק קאַלט.

די מאַמע איז גליקלעך. זי פאַרשט אים מיט פראַגן. איר פּנים איז שיינענדיק, רונדער און חנעוודיקער געוואָרן. אַ יוגנטלעכע פרישקייט שלאָגט איצט פון דער מאַמען. און, ווי שטענדיק, ווערט די מאַמע אין אַזעלכע מאָמענטן שטיפעריש ווי צלדיק, און ווי מיט צוואַנציק יאָר יינגער. דוד איילט זיך נישט צו ענטפערן. מיר קומען אַרויף אין שטוב. מיר ברענען פאַר נייגערקייט, אָבער דוד זאָגט רויִק צו דער מאַמען: — מאַמע, איך שטאַרב עסן. לאָמיר אָפּעסן, האָב איך פאַר דיר אַ באַרג נייעס.

די מאַמע גרייט צום טיש. דערלאַנגט אַ שיסל קאַשע מיט מילך, אַ שטיק ראַזעווע ברויט און אַ פּאָר געפּרעגלטע לאַטקעס. דוד עסט פּאַמעלעך און קוקט אין טעלער. די מאַמע קוקט אויף אים מיט ליבשאַפט אין די אויגן. און איך באַוווּנדער מיין ברודער דוד, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן צווישן סאָלדאַטן און קאָזאַקן און איז רויִק.

פּלוצלינג עפנט ער דאָס מויל און שיסט אַרויס: — מאַמע, איך האָב זיך פאַר־שריבן פאַר אַ מיליציאַנט. איך וועל באַקומען אַ ווייסן אַרמבאַנד מיט אַ פּלעקל — שמייכלט ער רויִק — און אפשר וועלן זיי געבן אַ רעוואָלווער אויך. — צוואַרעמען זיך זיינע אויגן.

דער מאַמען ווערט קאַלט אין דעם וואַרעמען אויגוסט־אָוונט, און זי פּרוּווט פאַרדעקן איר שרעק מיט אַ וויץ: — שוין ווערסטו אַ שטאָט־פּאַרזאָרגער, קריגסט אַ פּלעקל און ווערסט אַ פלאַקנשיסער. אַז דוד איז דער היים איז די מאַמע

וויניקער דערשראָקן. און זי נעמט רויִקער אויף די נייעס, אַז ער ווערט אַ מיליציאַנט. עס עפנט זיך די טיר און אַ שכנה קומט אַריין. אין ביאַליסטאָק ווייסט מען נישט פון אָנקלאַפּן אין טיר. מען גיט אַ דריק די קליאַמקע, מען עפנט די טיר און מען איז שוין דאָ. די שכנה איז אַ שטילע, גוטמוטיקע, שטענדיק שמייכלענדיקע פרוי. זי ווירקט מיט איר רויִקייט ווי אַ מעדיצין אויף מיין מאַמען. זי דערפרייט זיך מיט דודן: — אַ ,דוד! דו ביסט דאָך ווי נוחס טויב, דו פליסט אַרויס אין מבול. נו, וועלכע נייעס ברענגסטו היינט? דו ביסט דאָך אומעטום, און דו ווייסט דאָך פון אַלץ. דיין מאַמע איז געווען היפש באַומרויִקט. און עס איז נישט קיין וווּנדער. נו, מילא, אַבי ביסט שוין דאָ. וואָס הערט מען אין דרויסן?

דוד האָט זיך ברייט צעלייגט אין שטול, זיך צעשמייכלט, און זיינע אויגן האָבן זיך צעפינקלט. אַ סימן, אַז ער האָט היינט געהאַט אַ טאָג פון געשעענישן און געפאַר. ווייל דעמאָלט פילט זיך מיין ברודער דוד ווי אַ פיש אין וואַסער. (אָט די אַנטשלאָסנקייט פון זיין כאַראַקטער האָט טאַקע מיט אייניקע יאָר שפּעטער אים געבראַכט זיין טראַגישן טויט.)

— איר הערט, מיר מעגן גומל בענטשן. — האָט מיין ברודער דוד זיך צעלאַכט, — וואָס ייִדן קאָנען. אַ מאָדנע פאָלק אַן אומהלע. דאַכט זיך אַ פאָלק פון פּחדנים, אָבער אַז עס קומט אַ געפאַר זיינען זיי העלדן. איר הערט, העלדן, — האָט דוד אויפגעלעבט — ביאַליסטאָקער ייִדן מעגן רויִק שלאָפן, עס וועלן נישט זיין קיין פּאָגראָמען. קיין אָנפאַלן אויף ייִדן. מען האָט שוין געשמירט ווו מען דאַרף. אַ דרייסטקייט פון ייִדן, אָנצושפּאַרן אַזש צום קאָזאַקן־אָפיציר, און געבן אים אַ געזונטע מכּה. איך האָב געהערט היינט ביי די ניי־פאַרשריבענע מיליציאַנטן, אַז די חתונה האָט געקאָסט אַן אוצר. און דאָך האָט מען געהאַנדלט אַ מציאה. דער פאַרוואַלטער פון האָטעל „ריץ" איז געווען דער פאַרמיטלער, און דער קאָזאַקן־אָפיציר האָט זיך פאַרפליכטעט אַרויסצופירן די סאָלדאַטן און קאָזאַקן פון דער אָפּטרעטנדיקער אַרמיי דורך די הינטערשטע וועגן און נישט דורך דער שטאָט.

דער קאָזאַקן־אָפיציר איז דער שטעלפאַרטרעטער פון דעם קאָמענדאַנט גענעראַל אָרלאָוו, וועלכער האָט אים אָנפאַרטרויט די עוואַקואַציע פון דער שטאָט. פאַרשטייט איר שוין, אַז ער האָט אָפּגעלעקט אַ ביינדל. אַ האַרציקער ייִד איז משה מרדכי מאַניסעוויטש, און אַ דרייסטער אויך. ער, טיקטין און באַראַש האָבן אונטערגעהאַנדלט. און היינט ביינאַכט טרעטן די רוסן אָפּ פון דער שטאָט.

★

די נאַכט איז געווען אַ שרעקלעכע. איך האָב אָפט זיך צוגעגנבעט צום פענצטער. עס האָבן זיך געהערט אויפרייסן פון שראַפּנעלן, לופטציטערס פון אויפגעריסענע בריקן און רעלסן. די שטאָט האָט געברענט פון אַ פאָר עקן. דער וואָקזאַל,

די מיליטערישע מאַגאַזינען, די פּאַראַווע מילן, אינטענדענטור־שפּייכלערס און מיליטערישע אינסטאַלאַציעס האָבן געצונדן דעם הימל אין אַ רויטן פאַקל, אין גראַנדיעזן רויטע פלאַמען. אַ מאַיעסטעטישער ספּעקטאַקל פאַר מיין ייִנגלשער ראָמאַנטישער פאַנטאַזיע. איך האָב זיך דערמאָנט אין די היסטאָרישע נאַפּאָלעאָנישע שלאַכטן ביי וואַטערלאָ. צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט אַז אַזוי האָט מסתּמא געפּילט נעראָן, ווען ער האָט אָבסערווירט דעם ים פון רויטפייערדיקע גליענדיקע צונגען, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט רוים אַן אונטערגעצונדענע פון אַלע זייטן.

*

מיין ברודער דוד איז געווען גערעכט. די ידיעות וואָס ער האָט געבראַכט האָבן געשטימט. אין דער נאַכט פון 25סטן אויפן 26סטן אויגוסט 1915 האָבן די רוסן פאַרלאָזן ביאַליסטאָק. דער קאָזאַקן־אָפיציר האָט געהאַלטן וואָרט. מען האָט די סאָלדאַטן און קאָזאַקן אַרויסגעפירט דורך גאַסן הינטער דער שטאָט, כּדי אויסצומיידן רויבערייען און פּלינדערונגען. אָבער דאָס האָט נאָר אַ טייל פון דער באַפעלקערונג געוווּסט, ווייל מען האָט פריער ביי מער פאַרמעגלעכע ביאַליסטאָקער ייִדן געזאַמלט שטילערהייט געלט צו דערלאַנגען דעם קאָזאַקן־אָפיציר. דער פאַר־מיטלער צווישן די ייִדישע פאַרשטייערס און דעם קאָזאַקן־אָפיציר איז געווען דער פאַרוואַלטער פון האָטעל „ריץ״, לעשגאָלד, ווו דער קאָזאַקן־אָפיציר איז איינ־געשטאַנען.

*

דאָנערשטיק פאַר טאָג, דעם 26סטן אויגוסט, האָט מיך די מאַמע געוועקט, מיר זאָלן אַראָפּגיין אויפן הויף אין שמואל ציטרינס געמויערטן טוכלאַגער. איך האָב זיך קוים אויפגעריסן פון שלאָף. זיך פויל אָנגעטאָן, און אַראָפּ אין טוכלאַגער. דאָרטן זיינען געווען פאַרזאַמלט סעמיאָן און חיים ציטרין און אייניקע שכנים. איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גרויסע בלעכערנע פּושקע מיט „לאַנדרין״־צוקערקעס און אַלעמען געטיילט. מיין ברודער דוד איז שוין ווידער נעלם געוואָרן.

אין אַ פאָר שעה שפּעטער האָט ער זיך באַוויזן און אונדז געבראַכט די ידיעה, אַז אַלץ איז שוין אין אָרדענונג. די רוסן זיינען שוין אָפּגעטרעטן און די דייטשישע ראַזוויעדטשיקעס זיינען שוין אַריינגעפאָרן אויף וועליסאָפּעדן אין שטאָט. מיר לאָזן זיך אַלע צום טויער. מיר עפענען פאָרזיכטיק דעם טויער און קוקן איבער אונדז, לעבן בולקאָווסטיינס בית־מדרש, זעט מען שוין איינצלנע ייִדן דאַווענערס אַרויסשטעקן די קעפּ. מיר ווערן דרייסטער און גייען אַרויס אויפן טראָטואַר. לעבן מיר שטייט מיין חבר, דער קליינער, רונדפּנימדיקער, מיט שטילע באַוועגונגען און פלינקע אייגעלעך, דער זון פון מגיד יצחק באַרג, אויך עמעצער פון די קינדער פון סלאָנימסקי, דעם עקספּעדיטאָר. פּלוצלינג באַווייזט זיך פון דער ווייטן אַ דייטשישער ראַזוויעדטשיק אויף אַ וועליסאָפּעד. ער פאָרט פּאַמעלעך,

האַלט די ביקס אַנגעצילט. מיר גיבן זיך אַ שאָט אַריין צוריק אין טויער, אָבער ער פאָרט רויִק פאַרביי, שמייכלענדיק צו אונדז, מיט אַ ביסל אַן איבערגעשראָ־קענעם, אָנגעשטרענגטן פּנים און שיקט אונדז אַ העפלעכן „גוט מאָרגען" און אונדז ווערט אַזוי גוט אויפן האַרצ. אַ ווילדע שמחה באַהערשט אונדז. מיר שיטן זיך אַלע אַרויס אויפן טראָטואַר. פענצטער און טירן צעעפענען זיך ביסלעכווייז.

דער פרימאָרגן איז שוין בלוי־הימלדיק און וואַרעם. אַ נייע וועלט פאַר מיר. נייע האָפענונגען. דאָס יונגע בלוט שפּילט. די יונגע פאַנטאַזיע שוועבט ווייט, צו דעם זומערדיקן בלויען ליכטיקן הימל, און צו דער אויפגייענדיקער וואַרעמער זון, וואָס פילט אָן דאָס האַרץ מיט האָפענונג אויף אַ ליכטיקער, זוניקער צו־קונפט.

די נייע דייטשישע אָרדענונג

ענדע אויגוסט 1915. שיינע זוניקע טעג האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ווי די נאַטור וואָלט געוואָלט מיטן פולן הויפן אָפּצאָלן פאַר די אַלע ביטערע ליידן, אויפ־רעגונגען און שרעק פון פאַרגאַנגענעם יאָר. די געמיטער האָבן זיך ווי מיט איין מאָל באַרויִקט. מיט פרייד, האָפענונג און לייכטן געמיט האָבן געשטראַלט די שמייכלענדיקע פּנימער. די גאַסן זיינען איבערגעפּולט מיט מענטשן. עפּעס ווי די צאָל יידן וואָלט פאַרדאָפּלט געוואָרן.

ספּעציעל האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע צאָל יונגוואַרג, וואָס האָבן הויך־רעדנדיק, זשעסטיקולירנדיק, זיך איבערוואַרפנדיק, פאַרבייגייענדיק מיט ווילדע באַמערקונגען, שפּאַצירנדיק, זיך באַוויזן אויף די איבערגעפּולטע גאַסן. דאָס זיינען געווען צוריקגעקומענע מיידלעך, צעפּאַרענע איבער קליינע שטעטלעך, צוליב מורא פאַר רוסישע סאָלדאַטן און קאָזאַקן וואָס האָבן קוואַרטירט אין ביאַ־ליסטאָק, און אויך אויס שרעק פאַר דייטשישע עראָפּלאַנען און צעפּעלינען, וואָס האָבן, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, געוואָרפן באָמבעס אויף אָפענע שטעט און דער ציווילער באַפעלקערונג. געווען אויך צווישן זיי ציטערדיקע יידישע זין, וואָס געטרייע יידישע מאַמעס האָבן געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין שטוב אָדער פאַררוקט אין די קליינע שטעטלעך ווו מען האָט זיי נישט געקענט, אויס מורא פאַרן צושטעלן זיך צום מיליטער, אָדער פאַרן כאַפּן אויף אַרבעט.

*

מיין ברודער דוד איז שוין אַ מיליציאַנט, מיט אַ היטל און אַ גראָבן, קורצן שטעקן, מיט אַ ווייסן אָרעמבאַנד, מיט אַ שטעמפּל פון דער מיליץ. מיין ברודער

איז גליקלעך. אויס פֿאַבריק, אויס טראַסקעריי פֿון דאַמפּשטולן, אויס „נאַכט־סמענעס”. אַ לייכט אינטערעסאַנט לעבן פֿון אַרומלויפֿן איבער דער שטאָט הויבט זיך אָן. איצט זאָגט שוין די מאַמע קיין וואָרט נישט, אויב ער פֿאַרשווינדט פֿון שטוב. ער היט דאָך די ייִדן אין ביאַליסטאָק.

די קראָמען זײַנען אָפֿן. מען האַנדלט מיט די דײַטשן. עס איז מלחמה־צײַט און יעדעס שטיקל סחורה איז ווערט געלט. די דײַטשן קויפֿן איין שטאָף, זייגער־לעך, שפּילצײַג, ווײַבערשע צירונג, און מען שיקט „נאָך דער היימאַט” צו ווײַב און קינדער. מען צאָלט מיט נאַר־וואָס אָפּגעדרוקטע „אָבעראָסט־מאַרקן”, צום אָפֿיציעלן קורס פֿון 2 מאַרק פֿאַר אַ רובל.

די ייִדישע קרעמערקעס רעדן שוין דײַטש, צו יעדן וואָרט לייגן זיי צו די ווערטער „ליבינקער הער”, „גנעדיקער הער”. אָן איינפֿאַכן קאַפּראַל רופֿן זיי „הער לויטענאַנט” און שיטן מיט „דאַנקע שיין” און „ביטע שיין”, און „יאַוואָל”. די קריסטלעכע קינדער זײַנען מקנא די ייִדן, וואָס קאָנען זיך צונויפֿרעדן אַזוי פֿליסיק מיט די דײַטשן. און באמת, די ייִדישע קרעמערקעס זײַנען אויפֿריכטיק אין זייער ליבשאַפֿט צו די דײַטשן, וואָס האָבן באַפֿרײַט זייערע זין פֿון מורא פֿאַרן רוסישן מיליטער־דינסט און פֿאַרן שיקן אין דער בלוטיקער מלחמה.

מײַן ברודער ברענגט די לעצטע נײַעס. פּיקסל איז געוואָרן אַ קאָמיסאַר, און זײַן פֿרײַנד טאָפּיצער איז אַ סאַניטאַר. און מיר לאַכן פֿון געלונגענעם גראַם. און נאָך אַ נײַעס: אַ דעלעגאַציע פֿון דריי רעליגיעס האָט זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר דער דײַטשישער מאַכט. דאָס זײַנען די ייִדישע, קאַטוילישע און עוואַנגעלישע, וואָס פֿון זיי וועט אויסגעקליבן ווערן אַ „בירגער־קאָמיטעט”, וועלכער וועט ווערן אַ ראַטגעבער און אַרויסהעלפֿער און וועט רעגולירן די נויטן פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג. די ייִדן און די פּאָליאַקן אין „בירגער־קאָמיטעט” לעבן נישט בשלום. די פּאָליאַקן, כאָטש אַ מינדערהייט פֿון פֿינף און צוואַנציק פּראָצענט קעגן ייִדישע זעכציק, וועלן שפּילן די ערשטע פֿידל. אַלס מיליצמייסטער ווערט אויס־געוויילט דער ביאַליסטאָקער אײַנוווינער, דער דײַטש הער לוטערער, וואָס איז אַ גאַנץ נישקשהדיקער אַנטיסעמיט. פֿון ייִדישן צד זײַנען אין בירגער־קאָמיטעט פֿאַרטרעטן: מ. מאַניסעוויטש, מ. באַראַש, א. טיקטין, ש. הערשבערג, ווילבושע־וויטש, ד"ר זימאַן און אַנדערע.

ביאַליסטאָק ווערט באַגליקט מיט שפּײַזקאַרטן. די שפּײַז־פּראָדוקטן ווערן ראַציאָנירט. יעדן אײַנוווינער ווערן אויסגעטיילט קאַרטן אויף ברויט, קאַרטאָפֿל, גרינוואַרג און צוקער. די קוואַליטעט פֿון ברויט ווערט וואָס אַ מאָל ערגער. מען מישט אַרײַן קלײַען און געמאָלענע אַרבעס. אויך די מאַנטשקע (מעלצוקער) ווערט פֿון ווייס געל. דאָס איז מאַנטשקע געמישט מיט סיראָפּ, באַשטימט פֿאַר פֿערד, וואָס ווערט אָבער פֿאַרטיילט פֿאַר מענטשן.

די ווײַבער האָבן שוין אַנטדעקט אַ סוד: מיט געלער מאַנטשקע איז זייער

גוט צו קאָכן אַ מערן־צימעס און באַקן האָניק־לעקעך. עס באַווייזט זיך אויך אַ נייעס אין שפּייז־פּאַרפלעגונג, וואָס הייסט ביי די דייטשן „קאַרטאָפל־פּלאַקן". דאָס שטאַמט פּראָסט און פּשוט פון שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, געריבן געבאַקן און גע־טריקנט מיט כעמישע מיטלען, און איז איינער פון די ערזאַצן מיט וועלכע דייטש־לאַנד האָט זיך אין דער מלחמה אַזוי באַרימט געמאַכט, אונטער דער פּירערשאַפט פון דייטשישן יידישן מיניסטער וואַלטער ראַטענאַו, וועלכער איז שפּעטער דער־שאָסן געוואָרן דורך אַ נאַצי, וואָס האָט אים נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס „דער פערדאַמטע יודע" איז געווען אַ שטאַטס־מיניסטער.

מיין מאַמע איז שוין געלאָפן צו שכנות, שמעקן וואָס מען טוט מיט דעם נייעם מאכל „קאַרטאָפל־פּלאַקן" און געקומען מיט אַ געוואַלדיקער שמחה און התפעלות, אַז מען מאַכט דערפון ווונדערבאַרע קאָטלעטן. מיין מאַמע האָט מיך אַוועקגעשיקט צו דער מומע רוטשקען, וואָס האָט אַ הערינג־געשעפט אין ברעמל און מיר געהייסן ברענגען פון דאָרט אַ גלאָז ליאַק. איך בין מיט גרויס נייגעריקייט געלאָפן ברענגען די גלאָז גרויען, געזאַלצענעם ליאַק, ברענענדיק מיט אומגעדולד צו וויסן וואָס פאַראַ פּאַטראַווע די מאַמע וועט מאַכן פון די „קאַרטאָפל־פּלאַקן", וואָס זעען אויס ווי אַ גרויער פּראָשעק נאַפטאַלין.

די מאַמע האָט מיט גרויס טריומף פאַרקאַטשעט די אַרבל, און מיר אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום איר. זי האָט געאַרבעט ווי אַ קונצנמאַכערין, געמאַכט האָקוס־פּאָקוס. מיר האָבן געקוקט אויף דער מאַמעס פינגער, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט און געזען, ווי זי נעמט דעם פּראָשעק, קייקלט אים צוזאַמען מיט אַ ביסל וואַסער, מאַכט קאָטלעטלעך, טוט אַריין אַ פּאָר שטיקלעך ציבעלע, טונקט דאָס איין אין גלאָז פון ליאַק, שמירט אָן עפּעס אויף אַ בלעכל, און לייגט אַ קאָטלעט אַוועק פּרעגלען. פּלוצלינג האָט דער קאָטלעט אָנגעהויבן צו קנאַלן פון די שטיקלעך זאַלץ פון ליאַק, אַזוי, אַז די גרויסע קונצנמאַכערקע, די מאַמע, האָט זיך דערשראָקן און פון שרעק גענומען פּינטלען מיט די אויגן. מיר האָבן אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, וואָס האָט דער מאַמען שטאַרק פאַרדראָסן. אָבער ווען די קנאַלערייַ פון געזאַלצענעם ליאַק האָט אויפגעהערט, האָט די מאַמע מיט נצחון געוויזן אַ ברוינעם קאָטלעטל, וואָס מיר אַלע האָבן מיט גרויס נייגיריקייט פאַרזוכט, גערימט דעם טעם, וועלנדיק אָנטאָן פאַרגעניגן דעם מאַמען, אָבער שטילערהייט אויסגעשפּיגן. דאָס איז געווען דער מאַמעס ערשטע אַרבעט, אַלס אָנפאַנגערין, ביים מאַכן קאָטלעטלעך פון קאַר־טאָפל־פּלאַקן. שפּעטער איז זי פאַרויסגעגאַנגען אין פאַך, געוואָרן אַ גאַנצע עקס־פּערטין און געגעבן עצות אַנדערע ווייבער. די קאָטלעטלעך האָבן טאַקע שוין געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן טעם, פון כמו אַ קאָטלעטל, כאָטש ס׳מזל אויף די דייטשן, ווי גוט דאָס איז געווען.

די דייטשישע מאַכט האָט אָנגעהויבן צו באַלעבאַטעווען. די באַפעלן און

פֿאַרבאַטן האָבן זיך געשאָטן ווי פֿון אַרבל: עס איז נישט דערלויבט צו גיין שפּעטער ווי נאָך 10 אַזייגער בייַנאַכט, די טויערן דאַרפֿן זיין פֿאַרשלאָסן, אַ רעגיסטראַציע פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג וואָס דאַרף זיך פֿאַרזאָרגן מיט „פּערסאָנאַל־אויסווייַזע" (אַ מין פּאַספּאָרט), מ'דאַרף אָנגעבן זאַפּאַסן פֿון פּראָוויאַנט, אַרויסגעבן באַהאַלטענע איבערגעטוענע סאָלדאַטן (וועלכע זיי האָבן שפּעטער פֿאַר־שיקט אין געפֿאַנגען־לאַגערן אויף דער צייט וואָס די מלחמה האָט געדויערט), מ'דאַרף אויסגעבן די נעמען פֿון אַנטלאָפֿענע קיין רוסלאַנד און די מעבל וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן (וואָס זיי האָבן טאַקע שפּעטער קאָנפֿיסקירט), מעלדן וועגן אַלע קראַנקייטן, אָפּהיטן סאַניטאַרע פֿאַרשריפֿטן. עס האָט געדרעגנט מיט באַפֿעלן!

עס זייַנען אָנועקגעשטעלט געוואָרן דייטשישע וואַכן הינטער דער שטאָט אויף די שאָסייען וואָס פֿירן צו שטעטלעך און דערפֿלעך, און דאָס אַרייַנברענגען פֿון שפּייַז איז שטאַרק באַשוועמט געוואָרן. מען פֿלעגט ברענגען ברויט פֿון ראַדאָשטש, סופּראַסלע, סטאַראָסעלצע, זאַבלודאָווע און קאַרטאָפֿל פֿון ביעלאָסטאָטשעק, אָבער ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו קאָנפֿיסקירן די פֿאַרכאַפּטע פּראָדוקטן פֿון די שטעטלעך, האָט זיך דער הונגער אָנגעהויבן גאַנץ שטאַרק צו פֿילן. די ליבע צום דייטש האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוקילן.

די אייַזערנע אָרדענונג, וואָס האָט דערגרייכט צו ברוטאַליטעט, האָט זיך געלייגט שווער אויף דער באַפֿעלקערונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פֿון סאַניטאַרע פֿאַרשריפֿטן. וואָס אַן אמתדיק גערעדט — איז די דייטשישע מאַכט געווען געצוווּנגען דאָס צו פֿאַרלאַנגען. אָבער ווי געווייַנלעך, האָט זי דאָס דורכ־געפֿירט מיט דער דייטשישער האַרטקייט און גאווה, אָן אַ ברעקל סענטימענט צו מענטשלעכע געפֿילן. דאָס האָט געוויזן די דייטשן אין זייער ריכטיקן געשטאַלט ווי אַ ברוטאַל פֿאָלק פֿון קאַלטע אויטאָמאַטן, וואָס צוליב זייער סופּער־נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם קענען זיי אויספֿירן יעדן באַפֿעל, ווי ברוטאַל ער זאָל נישט זיין, און וואָס קוקן פֿון אויבן אַראָפּ אויף אַנדערע פֿעלקער. זייער סופּעריאָריטעט־קאָמפּלעקס האָט זיך שוין דעמאָלט באַוויזן ביי די דייטשן אין זיין גאַנצער נאַקעטער, גרויזאַמער אומברחמנותדיקייט, וואָס איז שפּעטער מילדער געוואָרן צוליב דער פֿאַרצויגענער מלחמה, דעם צווייפֿל אין זיג, און דער דעמאָראַליזאַציע.

מען האָט אָנגעהויבן שלעפּן די ביאַליסטאָקער ייִדן אין די „אַנטלויזונג־אַנ־שטאַלטן", מאַכן אין די היימען סאַניטאַרע רעוויזיעס, אָפּדעקן די בעטן און דאָס בעטגעוואַנט, מיט ווייט נישט קיין העפֿלעכע באַמערקונגען וועגן די „שמוציקע יודען", זוכן ביי די אַלטע ייִדן אין די בערד, אַפֿילו ביי זויבערע, ציכטיקע, בכבודיקע ייִדן, גראָב, פּרעך, אָן צערעמאָניעס. מען האָט אָנגעהויבן אייַנאָרדענען קערפּערלעכע אונטערזוכונגען ביי יונגע מענער אויף זייערע געשלעכטס־אָרגאַנען, זוכנדיק ווענערישע קראַנקייטן. די אונטערזוכונגען זייַנען פֿאָרגעקומען אין אַן

אָפענעם פלאַץ אויף אַ הויף פון אַ רעגירונגס־אינסטיטוציע. אויסגעטוענע, האַלב־נאַקעטע, זיינען די מענער געשטאַנען אין די ביטערסטע קעלטן, זייענדיק אויס־געשטעלט אויף דער געפאַר פון בראַנכיט, שווערער פאַרקילונג, אַנגינע און לונגען־אַנצינדונג.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן עפּידעמישע קראַנקייטן ווי פלעק־טיפוס, בויך־טיפוס און טובערקאָלאָז, וואָס האָבן געשטאַמט פון שלעכטער דערנע־רונג, פון מאַנגל אין וויטאַמינען, און פון באַצילן וואָס די לופט האָט פאַרטראָגן פון טויטע קערפּערס פון סאָלדאַטן, געפאַלענע אין שלאַכטן אויף די נאָענטע מלחמה־פראָנטן, צעשאָסענע, און מיט שטיקנדיקע גאַזן דערשטיקטע. שפּעטער האָבן שוין די דייטשן אָנגעהויבן באַגיסן די טויטע קערפּערס מיט קאַלך, ווי אַ מיטל קעגן עפּידעמיעס. אַ סך אַזעלכע טויטע קערפּערס פון געפאַלענע סאָלדאַטן, זיינען פאַרביי פאַר מיינע אויגן, ווען איך פלעג אָבסערווירן די אויפן וועג גע־שטאָרבענע מלחמה־פאַרוווּנדעטע, באַגאָסענע מיט ווייסן קאַלך, אין לאַכאַנקאָס גימנאַזיע, הינטער דער טורמע, אַ פאַרוואַנדלטע אין אַ דייטשישן לאַזאַרעט.

די דייטשישע מאַכט איז נישט צופרידן געווען מיט דעם „בירגער־קאָמיטעט״, דערפאַר וואָס ער האָט נישט דערפילט די פליכטן צו רעקווירירן די נויטיקע זאַכן פאַר דער דייטשישער אַרמיי, און ווי אַ שטראָף אַרויפגעלייגט אויף אים אַ קאָנטריבוציע פון דריי הונדערט טויזנט מאַרק. די גרעסטע טייל פון דער קאָנ־טריבוציע איז געפאַלן אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג, ווייל דער אַנטיסעמיטישער מיליצמייסטער, דער דייטש לוטערער, האָט אַרויסגעהאָלפן די פּאָליאַקן אין זייער טענה, אַז זיי, די פּאָליאַקן, זיינען נעבעך אָרעם, און די ייִדן זיינען די מער פאַר־מעגלעכערע טייל פון דער באַפעלקרונג און האָבן אַ סך געלט.

נייע גבירים און נייע אָרעמעלייט אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע

ווי פון אונטער דער ערד האָבן אַרויסגעשפּראָצט פרישע גבירים. די ייִדישע דערפינדערישקייט און דער ייִדישער מוח האָבן אויך אין די שווערע הונגער־יאָרן אַדורכגעהאַקט אַ וועג, זיך דערהויבן צו גרויסע קאַפּיטאַלן און צו אַ גרויסן האַנדלס־פּאַרנעם.

איך האָב געקענט אַזאַ פּאָרל. דאָס זיינען געווען די ברידער מאיר און טעוול קרוגמאַן. מען האָט געשמועסט, אַז זיי שטאַמען פון נאַרעווקע. געווען זיינען זיי איינפאַכע מענטשן, אָן בילדונג און אָן דערציונג. מיט רויע „עמך״־מאַניערן, וואָס אפילו זייענדיק שוין גרויסע גבירים, האָבן זיי געשאָטן מיט אַ פּעפּערדיקער פאָלקסשפּראַך, אומגעהובליעוועט און גראָבלעך, אָבער דאָך געווען ייִדן מיט אַ האַרציקער נשמה, און געלאָזן זיך קאָסטן גרויסע סומעס אויף וווילטעטיקע צוועקן.

די צוויי ברידער קרוגמאַן האָבן פון קליינע האָלץ־סוחרים זיך פאַרוואַנדלט אין וועלדער־מאַגנאַטן מיט ריזיקע אונטערנעמונגען, האָבן באַשעפטיקט הונדערטער אַרבעטער ביים האַקן וועלדער, און דאָס האָלץ טראַנספּאָרטירט איבער אַלע פאַרנומענע געביטן און אין דייטשלאַנד. דאָס האָלץ איז געגאַנגען ספּעציעל פאַר פּאַפּיר.

דער נאָמען „גייבאָוקע" איז געלעגן ביי אַלעמען אויף די ליפּן. און די ברידער קרוגמאַן האָבן דאָרט געוועלטיקט. אַ גרויסער טייל פון ביעלאָוועזשער וואַלד האָט געהערט צו זיי, און די ברידער האָבן דאָרט געבאַלעבאַטעוועט.

די ביעלאָוועזשער וועלדער, וואָס זיינען געווען דער יאַגדפּלאַץ פון זיין מאַיעסטעט ניקאָלאַי דעם צווייטן, זיינען געווען אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן, געפּלאַסטערט מיט די פיינסטע שאָסייען. רוסישע קעניגלעכע הערבן מיטן צוויי־קעפּיקן אָדלער האָבן באַצירט די זייטן־וועגן פון מאַיעסטעטישע שאָסייען, וועלכע זיינען באַזוכט געוואָרן נאָר פון קעניגלעכע ועכטערס און געציילטע פון דער סוויטע, באַגלייטערס ביי די יאַגדן אויף לייכט־לויפנדיקע באַהאָרנטע סאַרנעס, גאַזעלן און הירשן ווי אויך אויף איין אייניציקן מין שטאַרקע, ווילדע זוברעס. די יעגערס האָבן זיך געיאָגט רייטנדיק אין באַגלייטונג פון ספּעציעל אויסדרעסירטע הינט, ביים קלאַנג פון שאַלן פון האָרנס. באַגלייט האָבן זיי אויך עלעגאַנטע פּרויען־אַמאַזאָנקעס אין פאַרביקע קליידער אויף שוואַרצע אָדער ווייסע, שטאָלץ־גלאַנציקע פערד. דאָס זיינען געווען הויפדאַמען אָדער טיטולירטע איינגעלאַדענע אַריסטאָקראַטן פון גרויסן רוסישן יחוס. אין אָט די ביעלאָוועזשער וועלדער האָבן איצט געקיניגט די צוויי פּשוטע נאַרעווקער ייִדן: מאיר און טעוול קרוגמאַן.

אויך אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע — ביאַליסטאָקער יחוס — האָבן זיך באַוויזן נייע פּנימער, וואָס זיינען אין אַ קורצער צייט דערהויבן געוואָרן צו אַ פּראָמינענטן פּלאַץ צווישן די אַלטע, איינגעפונדעוועטע טוכפאַבריקן מיט אַ וועלט־נאָמען. די צוויי שותפים־פאַבריקאַנטן: קוליקאָווסקי עמיאל, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ „פּריקאַזטשיק" (אָנגעשטעלטער) אין אַ טוכלאַגער און גאַטליב־סעלעצקי — פאַר דער מלחמה, אַ רייזנדער פון אַ שיכפירמע און אַן איינפאַכער אָנגעשטעלטער. אין אַ קורצער צייט האָבן די צוויי פירמעס געמאַכט קאַפּיטאַלן און געפירט אַ ברייט, רייך לעבן. אין דער זעלבער צייט איז די ביאַליסטאָקער באַפעלקערונג אַלץ מער געזונקען אין דלות, אַרבעטסלאָזיקייט און נויט. ביי אַ טייל ביאַליסטאָקער ייִדן איז די אָרעמקייט געווען אַן אָפענע אָרעמקייט און ביי אַ טייל, אַ פאַרמאַסקירטע. „קנייפּן די באַקן די פאַרב זאָל שטיין".

לאַנגזאַם הויבט זיך אָן צו באַוועגן צוריק די ביאַליסטאָקער טוך־אינדוסטריע, אָבער עס פעלן פיל פאַבריקאַנטן און פיל פאַבריקן זיינען צעשטערט און צעגנבעט געוואָרן. אויך די ביאַליסטאָקער לוינקעטניקעס הויבן אָן צו לאָזן זייערע דאַמפּ־שטולן אין גאַנג. די גראַסעניינער שיינערשע און שוואַבישע דאַמפּשטולן לאָזן

זיך הערן אין קלאַפּיקן געריוש אויף די בעלאָסטאָטשאַנער און טשענסטאָכאָווער גאַסן. יעקב בורשטיינס הויז, נאָווינזאַנס הויז (קליין אַלטערקע) ווערן צו ביסלעך פול מיט טומל פון וועבערס, שפּוליאַרקעס און ניטערקעס.

עס איז אָבער נישט דער פּאַרגעם פון אַמאָליקע רוסישע צייטן. דער שטרענגער קאָנטראָל פון דער דייטשישער מאַכט, דער מאַנגל אין רוישטאָפן און דאָרס פּעלן פון גרויסן רוסישן אָפּזאַצמאַרק פון דער רוסישער אימפּעריע האָט איינגעשרומפּן און איינגעטריקנט דעם טעקסטילפּאַד און אַ קליינער טייל פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע איז באַשעפטיקט. ביאַליסטאָק צאַפּלט זיך אין קאָנווולסיעס פון דחקות און הונגער.

די רעקוויזיציעס פון שפּייז דורך די דייטשישע זשאַנדאַרמען אויף די וועגן אַנטוויקלען אַ נייעם פאַך: דעם שמוגל. ייִדן גיבן זיך אַזוי לייכט נישט אונטער און מען זוכט מיטלען איינצושטעלן אַ רעגולערן שפּייזאויסטויש צווישן די שטעט און שטעטלעך, נישט קוקנדיק אויפן פאַרבאָט. איין וואַנט האָט מען שוין אַדורכ־געבראָכן: די דייטשן „נעמען שוין" (כאַבאַר). מען גיט זיך שוין אַן עצה. אַ טייל ביאַליסטאָקער שיינע מיידלעך און ווייבלעך האָבן אויסגעפונען אַ נייע פּרנסה: צו באַקומען „פּאַפּירשיינען" אויף אַריינפירן שפּייז. די פרויען שליסן קאָנטשאַפט מיט מאַיאָרן, לייטענאַנטן, באַקומען פון זיי דערלויבענישן אַריינצופירן שפּייז. די מיידלעך באַקומען שוין שותּפים מיט קאַפּיטאַל און עס אַנטוויקלט זיך אַ מסחר פון אַ גרויסן פאַרנעם. פרישע פּרנסות קומען צו ביי ייִדן. די מיידלעך פון דעם פאַך האָט מען געגעבן אַ צונעמעניש „צוקערפּושקעס" און קיין גוטע רעפּוטאַציע האָבן זיי נישט. עפּעס איז דאָס נישט דער וועג פון ייִדישע טעכטער זיי זאָלן ווערן צו נאָענט צו אָפיצירן. מעג זיין אפילו דייטשישע. (זיי רעדן דאָך עפּעס דייטש, וואָס איז כמעט יידיש.), ווערן אַריינגייערס אין זייערע ווינונגען, אין זייערע אַמטן אין „קרייז־אַמט־שטאָט" און קומען אויף זייערע מיליטערישע בעלער. אַלץ צוליב פּרנסה.

אין ביאַליסטאָק שושקעט מען זיך וועגן דער אָדער יענער. מען רופט אָן נעמען. לייטישע טאַטעט־מאַמע היטן זייערע טעכטער. נאָר גיי פאַרהיט זיי, אַז עס איז געוואָרן אַ מכּת־מדינה, אַז ווו נאָר אַ דייטש, קלעפּט זיך צו אים אַ ייִדיש מיידל. דער דייטשישער מאַרק איז טאַקע כשר, אָבער די פּרנסה איז אַ טריפה. און די דעמאָראַליזאַציע צווישן די ייִדישע טעכטער וואַקסט. אוי, דער הונגער! מען פאַרקוקט שוין אויף אַ סך זאַכן. טאַטע־מאַמע אין געוויסע הייזער פאַרשטעלן די אויגן, מאַכן זיך נישט זעענדיק. אָבער אין גרעסטן טייל פון ייִדישע הייזער האַלט מען שטרענג די טעכטער, מען גיט אַכטונג אויף זיי. דער ייִדישער דין פון „טהרת המשפחה", וואָס איז איינגעפלאַנצט דורך דורות, לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט אונטערקויפן אפילו פון הונגער. און שטילע דראַמעס שפּילן זיך אָפּ אין אָנשטענדיקע היימען, צווישן דעם באַגער אויפצוהאַלטן אַנשטענדיק די טעכטער,

און דער אָרעמקייט, נויט און פאַרצווייפלונג, וואָס גנבנען זיך אַריין דורך אַלע שפּאַרונעס און דראָען צו מאַכן אַ תל פון ערלעכן יידישן פאַמיליע־לעבן.

✶

אַ רוסיש ווערטל זאָגט: „גאָל נאַ ווידומקי כיטראַ" — אָרעמע לייט זיינען קלוג אויף איינפאַלן. בפרט נאָך יידישע אָרעמעלייט. און מען ברעכט זיך די קעפּ ווי אַזוי צו קעמפן קעגן דלות. אויסער דעם מאַנגל אין שפּייז, פילט זיך אַ מאַנגל אויך אין בגדים. מען האָט שוין אָפּגעטראָגן די וואָכעדיקע מלבושים, און מען הויבט אָן מיט ציטערדיקע הענט אַרויסנעמען די שבתדיקע אָדער יום־טובדיקע קליידער, צו טראָגן זיי אין דער וואָכן. אַז מען זעט אַ באַקאַנטן טראָגן אַ בעסערן אָנצוג אין דער וואָכן, ווינצלט מען זיך:

— עס איז שוין אַ בראָך צו אים. ער טראָגט שוין דעם באַלאָוון סמאָקינג.

די שניידערס האָבן צו באַקומען אַרבעט איבערצוניצעווען די אָפּגעטראָגענע אָנצוגן אויף דער לינקער זייט. וואָלט שוין אַלץ גוט געווען, זיינען געוויסע טיילן אין די הויזן שטאַרק אָפּגעקראָכן, ספּעציעל די קנעכל און די טיילן, אויף וועלכע מען זיצט.

עס האָבן זיך שוין באַוויזן פרויען אין משונהדיקע, ווילדע ווינטער־מאַנטלען, מיט שטייענדיקער וואָרסע (די האָר פון דער וואָל) אין ווילדע פאַרבן. נאָך דעם ווי מען טראָגט זיי אייניקע מאָל אויפן רעגן, הויבן אָן די מאַנטלען צו באַקומען גריבער און בערג און זעען אויס ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער און די פאַרבן באַקומען אַן אויסזען פון אַ רעגנבויגן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די עלעגאַנטע ביאַליסטאָקער טעכטער זיינען געפאַלן אויף אַן איינפאַל: מען האָט אָפּגעקויפט ביי די דייטשישע סאָלדאַטן דעקעס, געגנבעטע פון די קאַזאַרמעס, געפאַרבט זיי אין פאַרשידענע בונטע פאַרבן און געמאַכט פון זיי דאַמען־מאַנטלען.

אַ פרישע צרה איז צוגעקומען: פון אַרומגיין לוידיק צערייסט מען שנעל די שיך, ספּעציעל די זוילן. ס'קלעקטשעט אין די שיך דאָס וואַסער, נאָך אַ רעגן אָדער נאָך אַ שניי, פון די לעכער אין די זוילן. איז מען ווייטער געפאַלן אויף אַן איינפאַל: מען האָט אַרויפגעלייגט ביי אַ ביאַליסטאָקער לאַטוטניק אַ פּאָר אַלטע פּאָדנאָסקעס מיט אָבצאָסן און מען האָט אַרויפגעהאַקט אויף זיי שטיקלעך צע־שניטענעם רימען פון אַלטע לעדערנע טראַנסמיסיע־פּאַסן, אַרויסגעגנבעטע פון פאַבריקן, איינגעקויפטע אַ מאָל אין באַרימטן געשעפט פון דייטש „שערשמידט" פון ניקאָלאַיעווסקע גאַס. אָבער שפּעטער האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז עס איז דאָ אַ בעסער מיטל: אַרויפהאַקן רונדע שטיקלעך אייזנדלעך אויף די פּאָדנאָסקעס און אָבצאָסן, כדי זיי זאָלן זיך אַזוי שנעל נישט אָפּנוצן.

פאַר מיר איז דאָס געווען אַ לעבן. איך האָב אָנגעקוואָלן דערפון. און ווען איך פלעג אַרויפהאַקן די אייזנדלעך אויף מיינע שיך, פלעג איך אומישנע גיין

איבערן אַספאַלט און זעצן מיט די שיך מיט אַזאַ קראַפט, ווי אַ פאַלק דייטשישע סאָלדאַטן וואָלט מאַרשירט. פאַרבייגייערס פלעגן פאַרשטאָפן די אויערן פון דעם טומל, וואָס מיינע שיך, אַרומגעשלאָגענע מיט אייזנס, פלעגן מאַכן.

די צאָל פּרנסות איז געוואַקסן. חברה־לייט האָבן אָנגעהויבן מאַכן שפּייז־קאַרטן, און מיט פאַלשע פליישקאַרטן און ספּעציעל מיט די ברויטקאַרטן האָט זיך דער עולם אָפּגעכאַפּט דאָס האַרץ. ביז די דייטשן האָבן זיך געכאַפּט. אָבער די פאַלשע שפּייזקאַרטן האָבן אַ צייט צירקולירט אין ביאַליסטאָק. דערנאָך האָט מען זיך גענומען מאַכן פאַלשע דייטשישע מאַרקן, די אַזוי גערופענע „אָבעראָסט־מאַרקן" און די דייטשן האָבן געשאָלטן די „פערדאַמטע יודן". אָבער עס זיינען געווען געוויסע דייטשן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די מאַרקן־פעלשערס און געהאָלפן זיי פאַרשפּרייטן.

דער פּאַטריאָטיזם ביי די דייטשן האָט שוין שטאַרק אונטערגעהונקען. דייטשישע לידער האָבן צירקולירט אין ביאַליסטאָק: „די וואַכט אַם ריין" און „דייטשלאַנד איבער אַלעס". האָבן לצים צוגעגעבן צום גראַם: „נישטאָ קיין ברויט, נישטאָ קיין חלות". איך האָב געקענט אַ „צוקערפּושקע" אויף יוראָווצער גאַס (איך פלעג קומען צו מיינס אַ חבר, אירס אַ שכן) פלעגט זי האָבן כל טוב: פּירקאַנטיקע לעבעלעך ברויט, פּירקאַנטיקע שטיקלעך ביסקוויטלעך, וואָס מען האָט גערופן „צוויבאַק", פון בלענדנדיקן ווייסן מעל, בלעכערנע פּושקעס מיט מאַרמעלאַדע און ברוינעם „שאָקאָלאַד". פלעגט זי זיך אונטערברומען אַ דייטשיש לידל צופּאַס־פּענדיק מיטן געטאָקטן נעזל, עס זאָל קלינגען נאָך מער דייטשמעסיק; און וואַרפנדיק מיטן קאָפּ פעד־שוואַרצע האַר, פלעגט זי צוזינגען: „ליבכען, ליבכען קאַוף מיר איין אָטאָמאָביל, עס קאָסט גאַרניכט פּיל".

ווי איר זעט, האָבן די ביאַליסטאָקער יידישע „צוקערפּושקעס" געהאַט אַ גאַנץ נישקשהדיקע השגה. אפילו פאַר יענער צייט.

מיין מומע רוטשקע איז געהאָלפן געוואָרן. עס האָבן זיך באַוויזן אין ביאַליס־טאָק הערינג, וואָס האָבן געשטאַמט פון האָלאַנד. צוליב האָלאַנדס נייטראַליטעט האָט די פּיפּיקע האָלענדישע קעניגין ווילהעלמינע געמאַכט גוטע געשעפטן און פאַרקויפט די דייטשן גאַנצע וואַגאָנעס מיט הערינג, אין וועלכע דאָס אויסגעהונ־גערטע „זיגרייכע" דייטשלאַנד האָט זיך שטאַרק גענויטיקט. און אין זכות פון דער קלוגער קעניגין ווילהעלמינע האָט גענאָסן די קלוגע פרוי, מיין מומע רוטשקע, די הערינג־קרעמערקע פון די ברעמלעך. אויך אויף אונדז האָט זיך אויסגעשפּרייט דער זכות פון דער האָלענדישער קעניגין, און די טייערע, גוטע, פרומהאַרציקע מומע רוטשקע האָט אונדז נישט פאַרגעסן. ווען מיין מאַמע פלעגט כלומרשט קומען קויפן אַן איינציקן הערינג, פלעגט די מומע רוטשקע שנעל־שנעל איינוויקלען אַ דריי־פיר הערינג און אַ זאַג טאָן, קוקנדיק מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל אויבן צו די פּאָליצעס, מיט די גאָמולקעס קאַלך: — גוט, גוט, טעמע! וועסט מיר שוין

אַ צווייט מאָל באַצאָלן. און די מאַמע, אַ פאַרשעמטע, מיט צעפלאַמטע באַקן, פלעגט זיך שטיל אַרויסשלייכן פון דער מומע רוטשקעס הערניגקראַם, האַלטנדיק אין האַנט די הערינג מיט אַ געפיל, ווי זיי וואָלטן געווען געגנבעטע.

★

ווו איז אַהינגעקומען די ראָמאַנטישקייט פון דער ביאַליסטאָקער יוגנט? ווו זיינען פאַרשוווּנדן די דיסקוסיעס איבער אַרציבאַשעווס „סאַנין", איבער ווערביצקיס „וואַוואַטשקאַ", איבער גאָרקיס „אין אָפּגרונט" און „יעווגעני אָנעגין" פון טראַגיש אומגעקומענעם פּושקינען? (דערשאָסן געוואָרן אויף אַ דועל, ווייל ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן כבוד פון זיין פרוי).

דער שמועס — אַ וואָכעדיקער. ווו מען טרעפט זיך מיט פריינד און באַקאַנטע, ביי משפחה און אפילו אויף אַ „סווידאַניע", גייט אַן איין שמועס: דער פרעס. עס האָט דעמאָלט קורסירט אַ וויץ, אַז עס איז שוין אַזוי נודנע צו רעדן וועגן ברויט און קאַרטאָפל, איז ווען עמעצער הויבט אָן צו שמועסן וועגן עסן, האַקט אים דער מיטשמועסער איבער: לאָמיר רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן ווי עסן. ווער איז ביי אייך געשטאָרבן?

ביאַליסטאָק איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי פאַרנומען מיט קולינאַרער קונסט, פון קאָכן און באַקן, ווי בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע. ביאַליסטאָקער ווייבער האָבן אַריינגעלייגט זייער גאַנצע קונסט פון דורות דערפאַרונג, זיך צו קליגן אָפּצולייקענען דאָס באַרימטע געזעץ פון פיזיק, אַז פון גאָרנישט קאָן מען נישט מאַכן עפּעס.

מען האָט געמאַכט „פּאָווידלע", אַזאַ מאַרמאַלאַדע, פון זויערן ציטרין, פון אַגרעסטן, פון שאָלעכץ פון אָפּעלסינען און פון אַזעלכע רויטע קאַלינעס, וואָס ווער ווייס פון וואַנען מען האָט זיי געבראַכט. מען האָט דאָס אין ביאַליסטאָק גאָר קיין מאָל נישט געזען. מען האָט געמאַכט וויין אָדער ספּירט פון זשיטשקעלעך (אַזוינע וויינינקע באַרנעלעך), כדי איינצושטעלן דערמיט טרוסקאַווקעס אָדער מאַלינעס. מען האָט געטריקנט שאָלעכץ פון עפּל און געמאַכט דערפון שמעקעג־דיקן ברוינעם טיי. מען האָט גענומען כל המינים גרינסן, פּעטרישקעס, צוגעגעבן געהאַקטע ציבעלעס און אַ שפּריץ געלכל, און געמאַכט דערפון וועגעטאַרישע קאָטלעטן. מען האָט געקראַגן פון די דייטשן געטריקנטע פיש, האַרט און שטייף ווי די עגיפּטישע פּיראַמידן, און אַריינגעהאַקט אַ שטיקל פּאַדראָבוק פון אַ פּופּיק מיט אַ הינעריש פיסל און געמאַכט דערפון אַ סאָרט אונגאַרישן גולאַש, אָדער אַ צוגעדעמפּט געבראָטנס און דאָך האָט „זיין מאַיעסטעט", דער הונגער, רעגירט איבער ביאַליסטאָק, רעגירט מיט אַן אייזערנער פויסט.

הונגער און געיעג נאָך אַרבעט

די קלאַסן־פאַרטיילונג האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן אין ביאַליסטאָק. די יאָרן פון נויט און הונגער, אַרבעטלאָזיקייט און ליידיק גיין אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע האָבן געמאַכט פאַר אויס יחסנים די אַמאָליקע טוך־ לעדער־ און גאַלאַנ־טעריע־סוחרים, טעקסטיל־פאַבריקאַנטן, קאָמיסיאָנערן און וועלט־וואָיאַזשאָרן. אויך אויף זייערע קינדער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער דלות, און די גימנאַזיסטישע, רעאַליסטישע און קאָמערץ־אוניפאָרמען און היטלען פון ביידע געשלעכטער זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף צוזאַמענגעשטוקעוועטע גאַרדעראָבעס פון דעם טאַטן אָדער עלטערן ברודער, פון דער מאַמען אָדער עלטערער שוועסטער, אָדער סתם צופעליק געקויפטע.

די גימנאַזיסטקעס און קאָמערסאַנטן האָבן שוין מער נישט געבלאָזן פון זיך. און דער מעכטיקער האַר, דער הונגער, האָט דעמאָקראַטיזירט די ביאַליסטאָקער יוגנט און געמאַכט אַלעמען גלייך: פאַר טייערע האַרציקע יידישע קינדער פון יידישע היימען, אָן דער אויפגעבלאָזענער גאווה פון דער פרעמדער, דאָך אַזוי ליבער רוסישער קולטור. און ווי שטענדיק אין נויט־מאָמענטן פון נאַציאָנאַלע אומגליקן, דערנענטערן זיך יידן צו יידישקייט און וואַרפן אַראָפּ פון זיך די קאָלירטע פעדערן פון דער פרעמדער „פּאַווע" פון אַסימילאַציע און קומען צוריק צום אוראַלטן קוואַל פון „עם ישראל".

דער סלאָגאַן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע „גלייכהייט, פרייהייט, ברי־דערלעכקייט" האָט געהערשט אין ביאַליטאָק. גלייך צום הונגערן, פריי פון אַרבעט און ברידער אין נויט. ווי זאָגט אַ רוסיש גלייכווערטל: „נוזשדאַ אוטשיט, נוזשדאַ מוטשיט, נוזשדאַ פּיעסענקי פּאָיאָט"... (נויט לערנט, נויט מאַטערט, נויט לערנט לידער זינגען.) און עס האָט זיך דערהערט אַ ניי ליד: גיין אויף אַרבעט!

די ביאַליסטאָקער יוגנט, אפילו די גרויסע מערהייט פון די אַ מאָל פאַרמעגלעכע, האָט זיך אָנועקגעלאָזן זוכן אַרבעט ביי דער „זיגרייכער דויטשער מאַכט" וואָס האָט געבאַלעבאַטעוועט אין די פאַרנומענע „אָבעראָסט־געביטן" און אַריינגעבראַכט מאָדערנע ציוויליזאַציע אין די אָפּגעשטאַנענע רוסישע געביטן. די דייטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַריינציען עלעקטריע אין די קלענסטע, פאַרוואָרפנסטע שטעט־לעך און דערפלעך, וואָס האָבן פון קדמונים אָן, נאָך פון זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס, געירשנט דעם סיסטעם צו באַלייכטן די דאָרפישע כאַטקע מיט אַ קורניק פון גאַזע, אָדער פראָסט־פשוט מיט אַ לוטשינקע (אַ שטיקל קין), וואָס האָט גע־קאָפּטשעט איבערן אייוון, אונטער די קלאַנגען פון גרילן־מוזיק.

די דייטשישע מאַכט האָט זיך אויך אַ נעם געטאָן צו די שאָסייען — אויס־ברייטערן, ברוקירן מיט גלאַטיקע שטיינדלעך און מאַכן אַ באַקוועמע נעץ פון אַ

צענטראַלער שאָסייען־קאָמוניקאַציע. צי איז דאָס געווען אויס גלויבן, אַז דאָס בלייבט שוין ביים „גראָסן דויטשן רייך" אָדער צוליב דער מורא פאַר אַ צוזאַמענבררוך פון אַלע פראָנטן און אַ נויטווענדיקייט צו פאַרזאָרגן זיך מיט גוטע שאָסייען פאַר אַ שנעלן אָפּטרעטן, איז נישט באַוווּסט. אָבער דער פיבער פון בויען שאָסייען און עלעקטרישע סטאַנציעס אין דעם גאַנצן אָקופּירטן געביט האָט זיך צעפלאַקערט און די ייִדישע יוגנט איז געלאָפן צו די דייטשן אויף אַרבעט, כדי צו ברענגען אַהיים די פּאָר אַזוי נויטיקע מאַרקן, מיט פּאָרציעס פון ברויט, צוויבאַק און קאַרטאָפל.

— מאַמע! מיינע חברים האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט. וואָס וועל איך זיך אַרומדרייען? איך וויל זיך אויך פאַרשרייבן אויף אַרבעט. — האָב איך איין פרימאָרגן אַ זאָג געטאָן דער מאַמען.

די מאַמע האָט פאַרדעכטיקט פאַרזשמורעט די אויגן — עפּעס האָט זיך איר נישט געוואָלט גלויבן אַז מיר, דעם בעל חלומות, דעם ציטערדיקן, אָפּגעפּאַסטן ייִנגל, וואָס בלאָזט יעדן שטויבעלע פון זיינע הויזן, זאָל זיך פאַרוועלן גיין אויף אַרבעט. מסתמא האָבן אים שוין די חברים אָנגערעדט.

אַ ביסל איז איר געפעלן מיין „געטריישאַפט". אָבער מער האָט זי געציטערט, אַז איר יאַנקעלע, וואָס איז נאָך אַ „יונג קינד", זאָל גיין טאָן שווערע אַרבעט. כאַטש צוריק גערעדט: גרעסערע „גבירישע קינדער" ווי איר זון גייען אויף אַרבעט. און די פּאָר מאַרק וואָלט זי אַזוי נויטיק געדאַרפט. אָבער רבונו של עולם, אַזאַ יונג ייִנגל שיקן אויף אַרבעט? לאָזט נישט דער מאַמעס האַרץ. זי גיט זיך אַ בייזער און האַקט אָפּ.

— וואָס? דער האָבער שטעכט דיך? דיר איז צו גוט. קוקט אָן מיין אַרבעטער. האָסט ברויט און קאַרטאָפל? טאָ זיץ אין דער היים, קיין קליינע ייִנגלעך דאַרף מען נישט צו דער אַרבעט. די דייטשן וועלן זיך שוין באַגיין אָן דיר. קוקט אָן דעם אַרבעטער.

דער מאַמעס פעסטער באַשלוס מיך נישט צו לאָזן גיין אויף אַרבעט האָט געשטאַמט דערפון, וואָס מיין ברודער דוד איז געווען אַ „מיליציאַנט", אַ יחסן. און יעדן פאַרטאָג, נאָך אַ נאַכט פון מיליצדינסט צו באַוואַכן ביאַליסטאָק, פלעגט ער זיך אומקערן אַהיים מיט אַ לאַבן ברויט אונטערן אָרעם, שוחד־געלט פאַר פאַרמאַכן די אויגן ווען מען באַקט ברויט אין אַ בעקעריי מיט אַריינגעשמוגלט מעל, און וואָס דאָס ברויט ווערט פאַרקויפט אָן קאַרטן.

איינע פון די „לופטעס" ווו מיין ברודער פלעגט זיך אָפּטן „פּאַזשיווען" איז געווען ביים בעקער דאָבניעווסקי אויף יוראָווצער גאַס, וואָס זיינס אַ טאָכטער, אַ מיידל מיט פינקלדיקע אויגן און צעפלאַמטע באַקן, האָט געהערט צו מיין ברו־דערס „כאַליאַסטרע" (דער באַרימטער יוניאָן־פירער דוד דובינסקי, דער פּרעזידענט פון „אינטערנעשאַנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" איז אַ קרוב פון ביאַליס־

טאָקער בעקער דאַבניעוּוסקי, און אויך דובינסקיס ריכטיקער פאַמיליע-נאָמען איז דאַבניעוּוסקי, וועלכן ער האָט געביטן אויף דובינסקי).

גערעטעוועט האָט מיך מיין ברודער דוד, וועלכער האָט, קייענדיק אויףביידע באַקן שטיקער ראַזעווען ברויט מיט מאַרמעלאַדע נאָך אַ נאַכט פון וואַך, זיך אָנגערופן:

— וואָס ווילסטו מאַמע ? אַ סך ייִנגלעך פאַרשרייבן זיך אויף אַרבעט, גרעסע־רע יחסנים פון אונדז און גרעסערע גבירים שיקן די ייִנגלעך אויף אַרבעט און אפילו מיידלעך שיקט מען. אַ בר־מצווה ייִנגל איז שוין היינט אַ בחור, מאַמע, צייטן האָבן זיך געביטן.

ס'איז מיר פאַרדעכטיקט געוואָרן מיין ברודערס אָנגעמען זיך פאַר מיר. איך האָב אים שטאַרק חושד געווען, אַז דוד איז גאָרנישט אויסן מיין טובה, נאָר זוכט אַ געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון אַן עדות, וואָס דרייט זיך אַרום אין שטוב, זעט צו פיל, און קרימט די נאָז אויף זיין ברודערס פּירעכץ, און ספּעציעל פאַרטראָגט ער נישט זיינע חברים. אָבער אויף דער מאַמען האָבן מיין ברודערס ווערטער געווירקט. זיי האָבן זי באַרויִקט. און ווען די מאַמע איז שטיל געבליבן, נישט מער גערעדט דערפון, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איר קעגנערישקייט איז פיל ווייכער געוואָרן און אַז איך קאָן שוין ווערן אַ ייִנגל מיט ייִנגלעך גלייך, ווערן אַ מענטש און אויך עפּעס פאַרדינען. דאָס וואָרט פאַרדינען האָט מיך געמאַכט פילן שטאָלץ. איך בין שוין באַלד אַ מאַן.

דריי טעג שפּעטער האָט אַ כאַפּטע ייִנגלעך פון ביאַליסטאָק און פון די אָרומי־קע שטעטלעך, ואני בתוכם, זיך געטרייסלט אויף אַ פויעריש פורל צו אַ קליין דערפל הינטער זאַבלודאָווע, מיטן נאָמען „ריבאַלע", וואָס איך ווייס נישט, אויב עס געפינט זיך אפילו אויף דער לאַנדקאַרטע.

מיר זיינען אָנגעקומען אין ריבאַלע פאַר נאַכט, שוין אַלס אַרבעטער אָנגע־נומענע דורך די דייטשן, צו העלפן בויען דעם שאָסיי פון ריבאַלע ביז זאַבלודאָווע. מיינע ביינער האָבן מיר געבראָכן פון דעם טרייסלדיקן פורל, אָבער איך בין געווען מונטער, אין אַ גוטער שטימונג, פאַרן נייעם לעבן וואָס הויבט זיך אָן פאַר מיר.

אַראָפּגעשפּרונגען פון פורל מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע, וואָס האָט מיר דערמאָנט אַן לעדערנעם „ראַניעץ" פון „רעמעסלענאַיע אוטשילישטשע" בין איך, מיט דרך־ארץ פאַר זיך אַליין, וואָס איך בין שוין אַ האַלבער מאַן און אַ גאַנצער אַרבעטער, געקראָכן מיט די אַנדערע ייִנגלעך צו דער דאָרפישער כאַטע, פון מיט גראָז באַוואַקסענע קלעצער, וווהין אַ דייטשישער סאָלדאַט האָט אונדז געפירט איינצוקוואַרטירן. ווען מען האָט געעפנט די טיר, אונדז אַריינגעפירט און אָנגעוויזן אויף אַ גרויסער הילצערנער נאַרע, אַז דאָרט וועלן מיר שלאָפן, איז מיר מיין גאַנצע העלדישקייט אויסגערונען. איך האָב געהאַט אַ טרייסט. דורך דעם קליינעם הילצערנעם פענצטערל האָט זיך געזען אַ לאַנג פעלד, מיט גרינע, פאַרכמורעטע

ביימער, וואָס האָבן מיך, שאָקלנדיק זיך, גוטמוטיק באַגריסט ווי אַלטע זיידעס אַ יונגן אייניקל.

אויף מאָרגן האָט מען אונדז אויפגעוועקט זיבן אין דער פרי, געגעבן שוואַרצע קאַווע מיט ברויט און מאַרמעלאַדע, אויסגעסטראַיעט צו צוויי אין אַ שורה, געגעבן רידלען, קירקעס און האַמערס צו ברעכן שטיינער אויף „שאָבער" און אין מיליטעריש מאַרש אַוועקגעפירט אונדז אויפן שאָסיי.

מער ווי דעם טאָג האָב איך די אַרבעט נישט געקאָנט אויסהאַלטן. פון האַלטן דאָס הילצערנע הענטל פון האַמער אין מיין דאַרער האַנט, זיינען מיינע פינגער אָנגעבלאָזן געוואָרן ווי רויטע ווורשטלעך. די הויט האָט מיר אָנגעהויבן אָראָפּקריכן, שאָפּנדיק וואָסער־בלאָזן. דעם זעלבן אָוונט בין איך שוין געלעגן אויף מיין נאַרע אַ קראַנקער און אַ גוטהאַרציק יידיש מיידל פון זאַבלודאָווע, געניע פּערלוס, האָט געלייגט קאָמפּרעסן אויף מיין קאָפּ און מיינע הענט, און מיר פאַרגיטיקט פאַר מיינע ברענענדיקע ליידן פון די ברענענדיקע הענט און דער ברענענדיקער חרפה, וואָס איך בין שוין צוריק אויס אַרבעטער און אויס מאַן. דאָס איינציקע וואָס איך האָב פאַרדינט פון מיין „שאָבער"־האַקן אין ריבאַלע איז די קאָנטשאַפט מיט דער גוטהאַרציקער געניע פּערלוס, מיט וועלכער איך בין געוואָרן נאָענט באַפריינדט און געשריבן צו איר ראָמאַנטישע בריוו וואָס האָבן שפּאַצירט פון האַנט צו האַנט אין זאַבלודאָווע, און מיט וועלכע די סענטימענטאַלע געניע מיטן שיינעם, פולן פנימל האָט זיך באַרימט פאַר אירע חברטעס, פריינד און באַקאַנטע, און די זאַבלאַדאָווער איינוווינערס זיינען געוווען מיינע ערשטע ליטעראַרישע קריטיקערס. אַזוי האָט זיך פאַר מיר געענדיקט דער עפּיזאָד „ריבאַלע" וואָס האָט מיר באַוויזן, אַז דער ווילן צו זיין אַן אַרבעטער איז נאָך צו ווייניק. מען דאַרף דערצו אויך האָבן כוחות, מוסקלען און האַרטע פאַרמאַזאָליעטע הענט.

פיל יאָרן שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זען „מענטשלעכע פּראַצע". כ'האָב געזען ווי אַזוי מענטשן אַרבעטן, און איך האָב דאַן ערשט באַגריפן, וואָס אַרבעטער פון פלייש און בלוט, מיט אַ זעג און מיט אַ האַק און אַן אייזערנעם ווילן קאָנען באַשאַפן. איך האָב אויך געזען אַ בילד, וואָס איז געווען אויסטערליש, פון אַ רעליגיעזן יידן, וואָס האָט מין זיין אָפּהיטן יידישקייט, מיט זיין פעסטן גלויבן און ערלעך לעבן, אָנגעפילט מיט דרך־ארץ הונדערטער קריסטלעכער אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דעם שוואַכן, פיזיש אומבאַהאָלפענעם יידן, אָבער גייסטיקן ריז, מיט זיין אָפּהיטן יידישקייט אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון אַ ווילדן וואַלד. געווען איז עס ווען ביאַליסטאָק האָט שוין געהערט צו פוילן און ווען די דעמאָלט באַרימטע ברידער קרוגמאַן מאיר און טעוול, האָבן געהאַט אין זייער באַזיץ דעם אוראַלטן, אויף צענדליקער מיילן זיך ציענדיקן, ביעלאָוועזשער וואַלד. (אגב האָב איך זיך מיט פרייד דערוווּסט, אַז אַ טאָכטער פון מאיר קרוגמאַן, ליובאַ פּאַלאַני־קרוגמאַן, לעבט און געפינט זיך אין מדינת ישראל. זי פאַרנעמט

דאָרט אַ חשוב אָרט און איז אַ רעספּעקטפולע פּרוי מיט בילדונג און שפּראַכן. כ'האָב זיך אויך דערוווּסט אַז אַ טאָכטער פון טעוול קרוגמאַן געפינט זיך אין ניו־יאָרק, ווו זי איז אַ באַקאַנטע קונסט־מאָלערין. פרוי ליובאַ פּאָלאַני־קרוגמאַן האָט מיר מיטגעטיילט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון איר אומגעקומענעם פאָטער מאיר קרוגמאַן ע"ה, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ מענטש מיט אַ וואַרעם האַרץ פאַר יידישע נויטן און געטיילט ברייטע נדבות און וועלכער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס ליבשאַפט צו זיין משפּחה. זייענדיק אַליין אַן איינפאַכער פאָלקסייד מיט געוואַלדיק גרויסע פעיקייטן און אַן בילדונג, האָט ער דאָך געזאָרגט צו געבן זיינע קינדער די העכסטע בילדונג. האָט מיר זיין טאָכטער ליובאַ דער־ציילט, אַז מאיר קרוגמאַן האָט זייענדיק איין מאָל אין קאַרלסבאַד געקויפט אַ גרויסן, שיינעם הענגלאָמפּ, און אים געבראַכט קיין ביאַליסטאָק און אַוועק־געשענקט דער גרויסער ביאַליסטאָקער שול אויפן שולהויף, ווו די גרעסטע וועלט־חזנים האָבן געדאַוונט און געגעבן קאָנצערטן פון ליטורגישן געזאַנג).

אין אַן איינזאַמער, אין מיטן וואַלד פאַרוואָרפענער גרינער, קלעצלדיקער, מיט מאָך באַוואַקסענער כאַטע, האָט זיך געפונען דאָס ווינאָרט פון צבי הירש כהן, מיין גאָטזעליקן שווער, דעם קאַסירער פון די ברידער קרוגמאַן. דאָ האָט ער געוווינט, זיך געשפּייזט מיט אַ פּאָר קאַרטאָפל און אַ ביסל שיטערע גריץ. דאָ האָט ער די ריזיקע ביכער־חשבונות פון די ברידער קרוגמאַן געפירט און דאָ, אין מיטן פון אַלע וועלט־האַוועניש, האָט ער שטיל, רויק, גאָטספאָרכטיק, מיט אַ פעסטן, עק־שנותדיקן ווילן אָפּגעהיט זיין שחרית, מנחה און מעריב, זיינע שבתים, זיין וועלטל פון רעליגיעזער אַבסאָלוטער איבערגעגעבנקייט צום בורא עולם צו יידישקייט; וואָס האָט קיין שייכות נישט געהאַט צו די געלט־חשבונות און צו דער פאַר־שיכורטער אַמביציע צו מאַכן געלט פון די מענטשן וואָס פאַרשווינדן שנעל פון דער ערד אין מיטן פון די גלאַנציקע פּלענער צו דעראַבערן קאַפּיטאַלן.

איך האָב מיין שווער באַזוכט אין איינעם אַ זומער אין ביעלאָוועזש און ער האָט מיך האַרציק אַרומגענומען און זיך צעקושט מיט מיר. מיין שווער האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט. איך האָב אים געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון זיין הייס־געליבטער פרוי, די אישה צדקנית רייזל, אַ זעלטענער טיפּ פון אַ פרוי פון אַלטן דור, פון „גוטסקייט און יראת שמים", וואָס איז געווען אָפט אַליין מיט ווייניק געלט, און געליען מענטשן גמילת חסדים, וואָס זיינען גאַנץ אָפט נישט צוריק־געגעבן געוואָרן. די טיר האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרמאַכט פון אָרעמעלייט וואָס האָבן געוווּסט, אַז פון דער טיר גייט מען נישט אַוועק מיט ליידיקע הענט, איבער־הויפּט פרייטיק — די צדקה פון הייליקן שבת. איך האָב אָפט געקלערט: מיט אַלע אונדזערע חסרונות, זיינען מיר אַ גרויס פאָלק מיט אַ טויזנטער יאָרן אויפ־געבויטער עטיק פון סאָציאַלער הילף, דינים פון יושר, ריינקייט פון משפּחה־לעבן און פאַרשידנפאַרביקע יום־טובים; יעדער ייד מיט זיין באַזונדערן קאָלאָריט,

מיט זיין ספּעציעלער צוגעבונדנקייט צום פאָלק און צו זיין גלויבן, געבויט אויף פעלדזן־פעסטע דינים, טראַדיציעס, מנהגים, וואָס האָבן דעם צוועק אָפּצוהיטן די אייניקייט, דאָס געזונט און די מאָראַלישע ריינקייט פון פאָלק ישראל.

אויך אין דער פאַרוואָפּענער כאַטקע אין ביעלאָוועזשער וואַלד האָט גע־אָטעמט מיט דעם פעסטן גלויבן אין יידישקייט ביי אָט דעם פיזיש שוואַכן יידן, וואָס האָט געוועקט אַ מין פאַרגעטערטן רעספּעקט ביי די הונדערטער גוייִשע אַרבעטער.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ בילד, וואָס איז געווען אַן עדות פון דער אומ־גלויבלעכער אײדעלער באַציונג פון די רויע, פאַרגראָבטע דאָרפס־גויים צו דעם שוואַכן, רעליגיעזן ייִד.

געווען איז דאָס אַ שבת פאַר נאַכט. אין דער כאַטע אין ביעלאָוועזשער וואַלד. צבי הירש כהן האָט געדאַוונט מעריב, רויק אויסזינגענדיק יעדעס וואָרט, מיטן ספּעציעלן ניגון, ציילנדיק יעדן זאַץ, אַריינלייגנדיק אַזוי פיל בענקשאַפט און אומ־באַזיגבאַרע אמונה אין יעדן אות פון מעריב. אין דרויסן, אין שבתדיקן פאַרנאַכט פון ביעלאָוועזשער וואַלד, זיינען צענדליקער גויים געשטאַנען אַרום דער כאַטקע און געדולדיק געוואַרט ביז דער קאַסירער וועט ענדיקן זיין מעריב, מאַכן הבדלה און אָנהויבן אויסצאָלן די שכירות.

איינער האָט געוויקלט אַ ציגאַרעטל פון מאַכאָרקע אין פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, צו־קלעפּנדיק מיט שפּייעכץ די ברעגעס. אַ צווייטער האָט עפּעס שטיל דירציילט זיין שכן, וואָס איז צוזאַמען מיט אים געזעסן אויף אַן אָפּגעזעגטן קלאָץ. דערציילט האָט ער עפּעס שטיל שעפּטשענדיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו שטערן דעם קאַסירער אין זיין דאַווענען. אַ דריטער, וואָס האָט געפּרוווט הויך אַ לאַך טאָן, איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ רויק דרך־ארצדיקער באַמערקונג פון אַ צווייטן אַרבעטער: — „טשיכאָ, פּאַן קאַסירער מאָדלי שען". און נאָך אַן אַרבעטער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און געזוכט, געגנישטערט מיט די אויגן, צי איז שוין ערגעץ אויפן לייכט בלוילעכן הימל נישט אַרויסגעשפּרונגען אַ שטערנדל.

און איך אין דער כאַטקע האָב געהאַלטן די קאָלירטע געפלאָכטענע הבדלה־ליכט און מיין שווער האָט געמאַכט הבדלה, אויפהויבנדיק הויך דעם קאָפּ צו די געקאָלכטע הילצערנע בעלקעס און מיט אויגן פייכטע פון טרערן, געציילט יעדעס וואָרט. האָבנדיק אין זינען מסתמא זיין פרוי און קינדער אין וויטן ביאַליסטאָק, און שיקנדיק אַ תפילה צו גאָט, אַז די קינדער זאָלן גיין אין די דרכים פון יידיש־קייט, און ער זאָל בקרוב דערלעבן זיין צוריק אין דער היים, מיט זיין פרוי, זין און טעכטער, מיט זיינע יידישע שכנים פון ביעלאָסטאָטשאַנסקע און מיט זיינע מיטדאַוונערס פון דער גרויסער, שבת־יום־טובדיקער רחבותדיקער נייוועלט־שול.

עלעקטריע, ליבע און קונסט אין סופּראַסלע

די יאָרן פון דייטשישער אָקופּאַציע האָבן זיך געררוקט. געדאַכט האָט זיך, אַז דער צושטאַנד פון פּאַראַליזירטער אומטעטיקייט פון דער יוגנט וועט שוין אייביק דויערן. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס מיר זיינען לויט אונדזער נאַציאָנאַליטעט: רוסן? דייטשן? אָדער גאָר צוקונפטיקע ליטווינער צי פּאָליאַקן? עפּעס האָט ביאַליסטאָק געשטעקט צווישן מדינות, פעלקער און גרענעצן.

דער פּראָבלעם פון באַשעפטיקונג האָט געמאַטערט. מאָדנע משונהדיקע פּרנסות זיינען אויסגעוואַקסן: „צוקערפּושקעס", שמוגל, פּאַסקערריי און שפּעקולאַציע.

מען איז געווען אַלץ צוזאַמען און דאָך גאָרבישט. לופט־פּרנסות אַן אַ היינט און אַן אַ מאָרגן. מען האָט געהאַנדלט מיט מעל, קאַשעס, לייגזוימען צו קוועטשן אייל, לעדער און מאַנופאַקטור. אַלץ אויפן שפּיץ גאָפּל, געכאַפּט, קליין, מנחם־מענדלש, אייניקע גאָר גרויס, אַנדערע קלענער. די מערהייט האָט זיך געפּלאָנטערט מיט קליינטשינקע מאָרקן־און פּעניגן־פּרנסות. דער מאָראַל — געזונקען. אַלץ איז געווען כשר לויט די געפּאַלענע באַגריפן, אפילו האַנדלען מיט קערפּערס פון פרויען און טעכטער. און אַלץ איז געווען טריף לויטן דייטשישן געזעץ. אַלץ איז געווען סחורה: פּאַרפּוילטע קאַרטאָפל, ליכט אַן קנויטן, צוגעשימלטער טוך, צוגע־פּוילטע זשיטקעלעך. דייטשישע האַרטע, סאַלדאַטסקע געלע שיך, געלע אָוויאַטשעס, רויטע שנוראָוועקעס און קעמלעך מיט גרויסע, שיטערע ציין פאַר די דאָרפישע פּויערטעס. גאַזע און זאַלץ — מיט גאָלד גלייך. און אין מיטן דער סימפאָניע פון הונגער און געפּאַלנקייט האָט אונדזער קליינע משפחה זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס און נישט געוווּסט נעכטן וואָס מיר וועלן טאָן מאָרגן. און איך בין געוואַקסן, ווי אַן עלנטע פלאַנץ אין אַ נאַקעטן פעלד.

מיין קוזין, דוד קאָוואַלסקי, דער עלסטער זון פון מיין פעטער אברהם קאָוואַלסקי, איז געשווּמען אין יענער צייט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז געווען דער ריכטיקער מאַן אויפן ריכטיקן אָרט. קליינגעוואַקסיק, פעסט געבויט, מיט אַ ברייזנדיקער ענערגיע און אַ גאַונישן קאָפּ, פול מיט איינפאַלן, אָן בילדונג, אָבער מיט אַ סך פעיקייטן, איז ער אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַן עלעקטראָטעכניק, געהאַנדלט מיט עלעקטרישע מאַטעריאַלן, אַריינגעשלעפּט דייטשן צו באַגנבענען מיליטערישע מאַגאַזינען, כדי צו פאַרקויפן די עלעקטרישע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געווען מיט גאָלד גלייך. ער איז אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן אָקופּירטן געביט מיט מיליטערישע פּאַסיר־שיינען פון דייטשישע גדולים, און געבויט עלעקטרישע סטאַנציעס אין שטעטלעך און דערפער.

האָט זיך מיין קוזין דוד אַ נעם געטאָן צו מיר, איך זאָל ווערן אַן עלעקטראָ־טעכניק. ער וועט מיך אויסלערנען. ער בויט איצט אַן עלעקטרישע סטאַנציע

אין סופּראַסלע און איך קאָן אים צונויף קומען. ער האָט אַריינגעטענהט מיט מיין מאַמען און האָט לייכט געפּועלט, אַבי נישט קיין „שאַבער"־האַקן אויף די שאָסייען.

איז ויסע יעקב — האָט זיך יעקב אויפגעהויבן און אַוועק מיט זיין קוזין דוד קיין סופּראַסלע. סופּראַסלע האָט מיך באַצויבערט. אין דעם קליינעם שטעטל איז אַלץ געווען: שיינע וועלדער, גרויסע טייכן, יידישע הייזלעך מיט גאַניקעס און פּריזבעס און שיינע יידישע טעכטער.

שמואל ציטרין מיט זיינע צוויי זין, סעמיאָן און חיים, האָבן דאָרט געקעניגט מיט זייער גרויסער טוכפאַבריק — אַפּרעטור און רייסעריי — איבערן שטעטל; און אַ האַלב שטעטל האָט געלעבט פון זיי, געאַרבעט פאַר זיי, און גערופן שמואל ציטרינען „נאַש קרול" (אונדזער קעניג).

מיין קוזין, דוד קאָוואַלסקי, איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלץ און מיט אַלעמען. ער איז געווען שטענדיק באַשעפטיקט. ער האָט שטענדיק געזוכט מענטשן, און מענטשן האָבן אים געזוכט. ער האָט שטענדיק געדאַרפט האָבן עמעצן, און עמעץ האָט אים געדאַרפט האָבן. גערעדט האָט ער שנעל, מיט האַלב־אָפּגעהאַקטע זאַצן. דאָס מויל איז געגאַנגען ווי אויף שרויפן און דער קאָפּ — אַ לאַבאָראַטאָריע פון פּראָיעקטן און פּלענער. און ער האָט געבויט די עלעקטרישע סטאַנציע פון סופּראַסלע אין שכנות פון דער גרויסער אַפּרעטור פון הירשהאָרן, וועלכער איז טאַקע געווען דער „געלטשיסער" און בעל־הבית פון דער עלעקטרישער סטאַנציע. איך בין געוואָרן מיין קוזינס פּריוואַט־סעקרעטאַר, ווייל שרייבן און רעכענען האָב איך געקענט בעסער, אָבער אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ בעסערן. און איך בין אויך געוואָרן זיין געהילף צו פאַרלייגן עלעקטרישע דראָטן אונטער די בעלקעס פון די נידעריקע, הילצערנע סופּראַסלער הייזלעך. די אַרבעט איז געווען אַ טאַנדעטנע. דער עלעקטרישער שנור, נישט גוט צוגעפּאַסט צו די פאַרצעלייענע קנעפּלעך, איז געהאַנגען אין דער לופטן ווי שטריק צו הענגען וועש אויף אַ בוידעם.

אָבער, ווער פון די סופּראַסלער יידן איז דאָס געווען אַ מבין אויף דער קונסט פון עלעקטריציטעט? אַבי ס'האָט געלויכטן, אַבי ס'האָט זיך געבאַמבלט אין מיטן פּאַלאָפּ אונטער די בעלקעס אַן עלעקטרישער שנור, זיך הוידענדיק, און אַרויס־געלאָזן עפּעס אַזאַ רויטלעך פּייערל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין טונקען, העלער און טונקעלער ווערן, ווי דאָס פּייערל וואָלט זיך מיישב געווען, צי ס'לוינט אים דער גאַנצער עסק פון ברענען. און אָפט פּלעגט זיך טאַקע די עלעקטריע אויסלעשן, און דאָס שטעטל איז פאַרזונקען אין חושך. ס'האָבן מיר דערמאָנט די פּייערלעך אין די גאַז־לאָמפּן פון די ביאַליסטאָקער גאַסן־לאַמטערנעס פון כאַנייקעס.

די ערשטע עלעקטרישע לעמפּלעך פון דעמאָלטיקער צייט זיינען געווען זייער פּרימיטיוו. דער בעל־הבית, ביי וועמען אַזאַ עלעקטריש לעמפּל האָט געברענט, האָט זיך שוין געפילט פאַר אַ גאַנצן יחסן און צונויפגערופן די שכנים, וועלכע

האָבן אַרומגערינגלט דאָס פאַרחלשטע רויטע עלעקטרישע לעמפּל, וואָס האָט קוים געזשיפּעט, און באַוווּנדערט גאָטס נסים און דעם מענטשנס איינפאַלן.

איין טאָג האָט מיר מיין קוזין דוד, אַ צעשטראַלטער, אָנגעזאָגט אַ פריילעכע בשורה: מיר גייען אַריינציען עלעקטריע ביי דער באַראָנעסע בוכהאָלץ אין פּאַלאַץ, אָדער ביי דער „בוכהאָלצאָווע", ווי דער סופּראַסלער ייִדן האָבן זי גערופן. ווען מיר זיינען געקומען דאָרט אַרבעטן, האָב איך מיט התפעלות באַקוקט די גרויסע זאַלן מיט די הויכע, האַלב־רונדע קופּאָלן אין ביזאַנטישן סטיל, וואָס האָבן אינעווייניק אויסגעזען מער ווי אַ קירכע, ווי אַ פּאַלאַץ, מיט זייערע הויכע, האַלב רונדע סופיטן, געמאָלן מיט בילדער. דאָס איז געווען אַן אַלטער פּאַלאַץ פון דעם באַראָן בוכהאָלצס דינאַסטיע פון דייטשישע באַראָנען, וואָרשיינלעך פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער דייטשישער טעכניק, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט די טעקסטיל־אינדוסטריע אין רוסלאַנד און פּוילן און פאַרלייגט אַ נעץ טעקסטיל־פאַבריקן אין שטעט ווי: ביאַליסטאָק, לאָדזש, טאָמאַשאָוו און אַנדערע צענטערס. די דייטשישע טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָס איז אַזוי קינסטלעריש באַשריבן אין גערהאַרד הויפּטמאַנס דראַמע „די וועבער", אין וועלכער ס'שפּיגלען זיך אָפּ די ערשטע סטרייקן און קאַמפן פון די וועבערס, וואָס דערשרעקן זיך פאַר די מעכאַנישע וועבשטולן, די אייזערנע מאָנסטערס וואָס גייען צונעמען ביי זיי דאָס שטיקל ברויט, מיט פאַרפלייצן דעם מאַרק מיט סחורה, אַרויסשטויסנדיק די האַנטוועבערס, די מעכאַנישע וועבשטולן. יאָ, די דעמאָלטיקע אַרבעטער האָבן נישט געוווּסט, אַז מען וועט איינשפּאַנען די מעכאַנישע מאַשין צו הילף דעם אַרבעטער.

מיין קוזין דוד איז געווען אַ מאַדים אין אַלץ: אין אינזשינערישער עלעקטראָ־טעכנישער אַרבעט, אין אוכאַזשעוען נאָך מיידלעך, אַרומשלעפּן מיט זיך פּעק מיט געלט און זיין פאַרטונקען אין חובות. ווי שטענדיק, האָט ער געשאָטן מיט נייעס און מיר געמאָלדן, אַז היינטיקן שבת אָוונט גייען מיר זען אַ ביאַליסטאָקער „ליוביטעל" (אַמאַטאָר־אַרטיסט), וואָס איז אַראָפּגעקומען אין סופּראַסלע צו זיינע פריינד און אין אַ היימישער שטוב וועט מען שפּילן טעאַטער.

דעם זעלבן שבת אָוונט בין איך מיט מיין קוזין דוד געזעסן אין אַ נידעריקער אויסגעקאַלעכטער כאַטע, מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק סופּראַסלער ייִנגלעך און מיידלעך, צעזעצט אויף שטולן, און אַפּלאָדירט אַ ברייטפּלייציקן קרעפּטיק געבויטן בחור מיט אַ פולן, רונדן פּנים און אַ גרויסער קוטשמענע קאַשטאַן־האָר, מיט אַ סימפּאַטישן מענערישן ברוסט־געלעכטער ,וואָס האָט דעקלאַמירט, זייענדיק איינגעוויקלט אין אַ גרויסן, ווייסן ליילעך, דראַנאָווס באַרימטן מאָנאָלאָג פון „משוגענעם אין שפּיטאָל". דער נאָמען פון „ליוביטעל" איז געווען אַביגדור פּעקער (וויקטאָר פּעקער) פון אַן אינטעליגענטער ביאַליסטאָקער משפחה פון אַפּטייקערס. ווען פּעקער האָט געגעבן אַ ברום אַרויס און אַ ריטשע ווי אַ לייב — „היינט ווער איך קעניג פון גאַנץ שפּאַניע" און זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אין אַ מאַיעסטעטישער

פּאַזע פון אַ מלך. האָב איך באַוווּנדערט זיין מענלעכע שיינקייט און אים פּשוט מקנא געווען. איך האָב אויסגעזען אַזוי קליין, אַזוי נעבעכדיק אין פאַרגלייך מיט אים. און ווען ער האָט משוגעדיק פאַרגלאָצט מיט די אויגן, ברומענדיק און האַלטנדיק דעם שפּיץ פינגער אויפן שטערן, געשריגן אין עקסטאַז „אלדד ומידד זיינען געווען ביום און נישט בלילה", כאָטש איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָב איך געזען פאַר זיך דעם אמתן משוגענעם אין אַ פּאָזע פון ביאַליסטאָקער „סאָנע" אָדער „חיים סטאַי" (די צוויי באַקאַנטע ביאַליסטאָקער משוגעים). איך האָב באַוווּנדערט זיין טאַלאַנט, און נאָך מער זיין מענלעכקייט, און אביגדור פּעקער האָט דאָס גאַנץ פיין אויסגענוצט, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט מיידלעך, פלירטעווענדיק אויף וואָס די וועלט שטייט און שיפּנדיק זיך אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן אין אַ לאָדקע אויפן סופּראַלסער טייך מיטן שיינעם געשלעכט, וואָס איז נישט אַזוי שיין, ווי שלעכט. (זאָלן מיר די פרויען מוחל זיין).

אויך איך, דאָס קליינע, צאַרטע, ראָמאַנטישע ייִנגל, איז נישט געבליבן איינזאַם אין דער מיט ליבע איינגעטונקטער סופּראַסלע, און, שפּאַצירנדיק איין מאָל אין אַ שבת איינער אַליין אין וואַלד, בלאָנדזשענדיק צווישן די גרינע, הויכע ריזן, האָב איך דערזען אַ קליין ווייסהויטיק מיידל מיט אַ קאָפּ צעבלאָזענע בלאָנדע האָר, מיט אַ פּאָר הימל-בלויע פאַרוווּנדערטע אויגן אַנגעשטעלטע אויף מיר, ווי פרעגנדיק: פון וואַנען האָט ער זיך דאָ גענומען? זי איז געווען באַגלייט מיט אַ שמאָל-ביינערדיקן הונט אויף הויכע, שלאַנקע פיס, וועלכער האָט וואָרטשענדיק געקוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר בייזע, מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן. זי האָט דעם הונט געהאַלטן אויף אַ צוים מיט אַ לעדערנעם פּאַסעק, נישט האָבנדיק צו פיל צוטרוי צו זיין גוטסקייט, און אויף דעם פאָן פון גרינקייט און איינזאַמקייט, האָט דאָס יונגע, בלאָנדע מיידל מיטן ראָז-ווייסן לייב, אין ווייסן מיט שפּיצן געהאַפּטענעם קליידל און ווייסע לייוונטענע לעטשלעך, אויסגעזען ווי אַן אַריינגעפלאַנצטע העלדין פון אַנדערסענס מעשהלעך.

עס האָט מיך געצויגן צו דעם מיידל, און עס האָט מיך געשראָקן דער הונט, אָבער דאָס מיידל האָט מיט אַ פעסטן, שטרענגן טאָן, אין וועלכן ס'איז געלעגן דער באַפעלערישער טאָן — כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דייטשישער ראַסע — אַ געשריי געטאָן צום הונט: רוהיג בלייבען! און דער הונט, קוקנדיק מיט געטריישאַפט, האָט זיך שטיל אויסגעצויגן לעבן אירע פיס, לעקנדיק זיינע לאַפּעס.

מיר האָבן זיך באַגעגנט ווי אַלטע באַקאַנטע און ווי צוויי יונגע קינדער, וואָס גייען איבער פון קינדהייט צו רייפקייט, האָבן קינדערישער צוטרוי, שפּיל פון יונג בלוט און רייכער פאַנטאַזיע, אונדז שנעל דערנענטערט. מיין קענטשאַפט פון דער דייטשישער שפּראַך האָט מיר שטאַרק אַרויסגעהאָלפן (איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו איבן אין דייטש מיט אונדזערע שכנים: די געגנטע

פרוי און אירע דריי טעכטער פון דייטש קנעפעל, וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט פון טרומנעס אויף דייטשער גאַס).

דאָס בלאָנדע דייטשישע מיידל האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר מיר מיט נייגערי־קייט, געמישט מיט פאַרשייטקייט — אַ שטריך פון דייטשישע מיידלעך. זי האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם, און אין אַ האַלבער שעה אַרום, שפּאַצירנדיק, קוקנדיק מיר אין די אויגן, מיר דערציילט, פלאַפּלענדיק, איר גאַנצע ביאָגראַפיע, קוקנדיק אָפּט אויף אירע האַלב־נאַקעטע פיסלעך און קורצע ווייסע זעקלעך, און שפּאַנענדיק צוטרוילעך מיט מיר שפּאַן אין שפּאַן.

דאָס פרישע, ראָז־הויטיקע בלאָנדע באַשעפעניש האָט אין מיר אַרויסגערופן געפילן פון אומקלאָרע פאַרלאַנגען, אַ געמיש פון אומרויִקייט, באַגער זי צו זען און צו הערן איר קלינגענדיקע, מעלאָדישע שטימע, און דאָך עפּעס אַ מורא, איבערהויפּט פאַר איר דרייסטקייט, וואָס האָט גאָרנישט געשטימט מיט מיין שעמעוו־דיקייט.

איך האָב זיך מיט איר עטלעכע מאָל געטראָפן אין וואַלד, בלויז אום שבת, אין די מאָרגן־שעהען, ווען ברילאַנטענע טראָפּנס און בלעזלעך פון מאָרגנטוי האָבן זיך אין פאַרבן געשפּילט ביי די רויטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי וווינט אין אַ הילצערנעם הויז אין וואַלד, אַרומגערינגלט מיט הויכע, מאַסיוועביימער און מיט אַ גאָרטן פון בלומען, וואָס זי, אויסגעבונדן אין דער באָטאַנישער קונסט, האָט געהאָלפן פלאַנצן און באַגיסן.

איין מאָל האָב איך באַגעגנט איר פאָטער, דעם וואַלדוועכטער, און דאָס האָט געמאַכט אַ סוף צום שטילן ראָמאַן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. געווען איז דאָס אין אַ שבת, ווען דאָס דייטשישע מיידל איז געווען קריגעריש געשטימט, און מיר האָבן ביידע, זיצנדיק אונטער אַ בוים און קאַלופּענדיק די קאָרע, זיך געאַמפּערט, ווו איז דאָס לעבן בעסער, אין ביאַליסטאָק אָדער אין סופּראַסלע. זי האָט מיך מקנא געווען, וואָס איך וווין אין „די גראָסע פאַבעלהאַפטע שטאָדט", ווו דאָס לעבן איז „טאָדעללאָס". איך, פון מיין זייט, האָב געפּרוווט זי איבער־צייגן, אַז זי דאַרף זיין גליקלעך צו וווינען אין דער שיינקייט פון שמעקנדיקן פריש־לופטיקן גרינעם וואַלד.

— אַך! וואָס פערשטייסטו? — האָט זי זיך בייז אויסגעדרייט. אָבער, ווי שטענדיק, איז איר דער כעס שנעל אָפּגעטראָטן, און זי האָט מיך אַרומגענומען מיט איין האַנט, זיך טוליענדיק צו מיר. אין דער מינוט האָבן זיך דערהערט שווערע טריט און אַ געבראַזג פון געבראָכענע צווייגלעך און אַ מיטלוווקסיקער מאַן, אַ פעסט געבויטער, מיט אַ ברוין אָפּגעברענטן פּנים און שאַרפן בליק, אָנגעטאָן אין אַ גרינער האַלבער קורטקע מיט אַן אַריבערגעוואָרפענעם ביקס איבערן אַקסל, איז אויסגעוואַקסן פאַר אונדזערע אויגן.

מיין דייטשקע איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און, ווי היפּנאָטיזירט פון

שרעק, געקוקט אויף איר פֿאָטער און זיך צוזאַמענגעקורטשעט לעבן בוים, ווי אַ געיאָגטע חיהלע. איר פֿאָטער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף איר, נאָר געבליבן שטיין לעבן מיר און מיט צונויפגעפּרעסטע ברעמען און אויגן פֿול מיט האַס, מיך גוט באַטראַכט, ווי וועלנדיק וויסן מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, און דערנאָך מיר אַריינגעשיפּעט אין פּנים אַריין:

— דו פערפלוכטע, מאַך דאַס דו וועק קאָמסט, אונד שנעל!

איך האָב אויף זיין צווייטער איינלאַדונג נישט געוואַרט און בין שטיל אַוועק, וואַרפנדיק אַ בליק אויף דעם בלאָנדן מיידל, וועלכע איז געשטאַנען מיט אַ פּאָר־קירמטן פּנים, פֿול מיט האַס, געווענדט צו איר פֿאָטער. פֿון אירע אויגן האָבן זיך געשאָטן פֿונקען, איר פּנים איז אַזש גרין געוואָרן. איך האָב זיך קיין מאָל נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז אַ טאָכטער קאָן קוקן מיט אַזוי פֿיל האַס אויף אַ פֿאָטער און אַז אַ מענטש קאָן באַזיצן אַזוי פֿיל האַס, בפֿרט נאָך אַ יונג מיידל. אַזוינע אויגן, פֿול מיט האַס, האָב איך געזען צענדליקער יאָרן שפּעטער אין בריסל ביי אַ גרופּע היטלער־יוגנט, וועלכע זיינען געפֿאָרן צוריק פֿון פּאַריז פֿון אַ „פֿריינד־שאַפט־באַזוך" און פֿאַר וועלכע איך האָב אין אַ דיסקוסיע אין דייטש, אין אַ רעסטאָראַן, אַרומגערינגלט מיט בעלגיער, וואָס האָבן מיט שפּאַנונג נאָכגעפֿאָלגט אונדזער שמועס, געפּרוווט אויפֿקלערן אַז זייער מאַכטגיריקער פֿאַנאַטישער „פֿירער" דערנענטערט די וועלט צו אַ מוראדיקער בלוטבאָד. זייערע מיט בלוט פֿאַרלאָפֿענע אויגן האָבן דורכגעשפּיזט מיין פּנים מיט אַן אומבאַשרייבלעכן האַס. אין דעם מאָמענט האָט אויפגעטויכט פֿאַר מיינע אויגן דאָס סופּראַסלער דייטשיש מיידל און איר בליק פֿון האַס, געווענדט צו איר פֿאָטער. איך גלויב, אַז אַזוי קאָנען האַסן נאָר די דייטשן, אַפילו אַן אייגענעם פֿאָטער און מוטער.

די ראָמאַנטישע יאָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

פֿאַראַן דריי פּעריאָדן אין מענטשלעכן לעבן: די יוגנט — ווען מען טרוימט פֿון דער צוקונפֿט; די מיטעלע יאָרן — ווען מען לעבט מיט דער קעגנוואַרט, און די עלטער — ווען מען חלומט וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט.

מאָדנע, ווי די יוגנט האַלט, אַז זי האָט פֿאַר זיך אַ שטיק אומענדלעכע צוקונפֿט, וואָס וועט זיך קיין מאָל נישט ענדיקן.

אַזוי האָב איך און מיינע יוגנט־חברים דעמאָלט געפֿילט, אין יענע ראָמאַנטי־שע יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר זיינען געווען צו יונג צו באַגרייפֿן

די גרוילן פון מענטשלעכער שנאה, קאַמף פאַר מאַכט און אומברחמנותדיקייט פון מלחמה־מאַרד. פאַר אונדז זיינען יענע מלחמה־יאָרן געווען אָנגעפילט מיט פּאָעזיע און פּראָזע, צונויפגעפלאָכטן אָן שכל, אָן באַנעם און אָן לאָגיק.

וויסנשאַפט און עמאָציעס גייען אין דער יוגנט האַנט ביי האַנט. נישטאָ צווישן זיי קיין שטרענגע באַריערע, נישטאָ קיין גרענעץ. אַלץ איז צוזאַמענגעגאָסן.

אַזוי האָבן מיר דעמאָלט געפילט, אין שולע, האָבן מיר געלערנט אין דער רוסישער שפּראַך, אַז דער וואַלד, דיביימער, גיבן אַרויס דעם „קיסלאָראָד" (זויער־שטאָף) וואָס מענטשן האָבן אַזוי נויטיק, און די ביימער זאַפּן אַריין דעם „אוגלע־ראָד" (קוילנשטאָף) פון דער מענטשלעכער אויסאָטעמנונג. אָבער זייענדיק אין „צערטלס" וואַלד, שפּאַצירנדיק אין גרופּעס אין דער „גרינער אַלעע" פון ביאַליס־טאָקער וואַלד, האָבן מיר פאַרגעסן אין אַלע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס און פאַר־קלונגען דעם וואַלד מיט אונדזערע קינדערשע שטימען, אויפגעכאַפּט מיט פרייד דעם עכאָ־אָפּקלאַנג, נאָכגעפאָלגט מיט קינדערשן גליק די גאָלדענע פלעקן פון דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס האָבן ווי העזלעך זיך געיאָגט אויף די צווייגן פון ביימער און גאָר פאַרגעסן פון דער וויסנשאַפטלעכער טעאָריע, אַז די זון שטראַלט אויס פון זיך דעם פייערדיקן וואַסערשטאָף, וואָס וועט אין דריי ביליאָן יאָר אַרום אָפּגעקילט ווערן און פאַרזינקען אונדזער ערד אין אַ טויטער, קאַלטער פאַרגליווערטקייט, וואָס וועט זיך דרייען מיט אַ וועלט טויטע, פאַרגליווערטע אייגוווינערס, אין אַ פינצטערער וועלט פון ליידיקע הייזער, בריקן און אויסגעשטאָר־בענע שטעט.

און אין אָוונט, ווען אַ שטיק קיילעכדיקע לבנה האָט אונדז באַגלייט, שווימענ־דיק אין אונדזער נאַכטיקן שפּאַציר, פאַרזייענדיק מיט געהיימנישפולע בלייכע שאָטנס זייטן פון ביימער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי נאַכט־געשפּענסטער אויף אַ בית־עולם, טייוואָלים פאַרשטעלטע ווי מחבלים פון יענער וועלט, ווער האָט דעמאָלט געטראַכט, אַז די לבנה איז אַ פּלאַנעט, באַלויכטן פון דער זון, וואָס געפינט זיך צוויי הונדערט פערציק טויזנט מייל פון אונדז, און פון וועלכער מיר זעען נאָר אַ האַלבע זייט, און אַ מענטש וועגט דאָרט אַ פינפטל פון זיין וואָג און קאָן דאָרט שפּרינגען אין דער לופטן, און אַז דער פאַרטראַכטער בלייכער פּנים פון דער לבנה דאָס זענען גאָר בערג און גריבער.

און ווען מיר טרעטן אַרויף אויף די בלומען פון פאַרשידנאַרטיקע פאַרבן אונטער די פיס, וואָס זעען אויס אַזוי שיין, אַזוי צאַרט, מיט זייערע העלע ראָז־ווייס־גרין אומשולדיקע קאָלירן, ווער קלערט פון דעם, אַז זיי פירן צווישן זיך אַ פאַרביסענעם מערדערלעכן קאַמף און אַז די שטאַרקערע בלום זויגט אויס די גאַנצע ערדזאַפט פאַר זיך, אויסגעהונגערנדיק און דערשטיקנדיק די שוואַכערע — דאָס אַלץ לויט דאַרווינס טעאָריע פון עוואָלוציע און פון זיג פון שטאַרקערע

מינים, ביי מענטשן, חיות און פלאַנצן, וואָס זיינען דורך דעם געבליבן לעבן, און אַנטוויקלען זיך בעסער, שטאַרקער און צופּאַסונגס־פעיקער.

אויך דאַרווינס טעאָריע פון „נאַטירלעכן אָפּקלייב" אין דער נאַטור האָב איך אויף אַן אַנדער אופן געזען און אָבסערווירט אין ביאַליסטאָק, אין יענע ראָמאַנטישע יאָרן. איך האָב דאָס געזען און נישט פאַרשטאַנען, אָבער היינט באַגרייף איך עס.

✶

אויף אַ מאָדנעם אָריגינעלן אופן האָט זיך די טעאָריע פון „נאַטירלעכן אָפּקלייב" דעמאָלט פאַרווירקלעכט אין ביאַליסטאָק. עס האָבן זיך פון זיך אַליין געשאַפן קרייזלעך און גרופּעס, וואָס האָבן געהאַט אידענטישע בילדונג, אָדער ענלעכע דערציונג, לויט קלאַסן, קאַפּיטאַל און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די עלטערן.

די געבילדעטע יוגנט פון סוחרישע, מער פאַרמעגלעכע היימען האָט זיך ווערבירט פון די קאָמערסאַנטן, רעאַליסטן און גימנאַזיסטן פון אַלעקסאַנדראָוווס גימנאַזיע, און געפּאָרט זיך מיט די קאָמערסאַנטקעס און גימנאַזיסטקעס פון בישקאָוויטשעס און כוואָלעסעס פּראָגימנאַזיעס.

יאָפּעס שולע האָט זיך שוין געפונען אויף אַ נידעריקערער מדרגה, ווייל אין זיי האָבן שוין די שילערס פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל פּראָלעטאַרישע עלטערן.

עס האָבן זיך געשאַפן באַקאַנטשאַפטן פון פּאָרלעך פון די צוויי־קלאַסיקע פאָלקסשולן פון באַביצקי, מענאַכאָווסקי און פרידמאַן. די גרופּעס זיינען געוואָרן אמתע חתונה־אינסטיטוציעס, וואָס יעדעס מאָל האָט זיך אַ פּאָרל אָפּגעריסן צו בילדן אַ פאַמיליע־לעבן.

די שידוכים צווישן דער רעליגיעזער יוגנט האָבן זיך מערסטנס געשאַפן אין די חסידים־שטיבלעך, בתי־מדרשים און מנינים.

ד גרופּע, צו וועלכער איך האָב געהערט, איז באַשטאַנען פון די שילערס פון דער „רעמעסלענאַיע שולע" און פון מיידלעך פון „פּראָפעסיאָנאַל־שולע". צווישן די לעצטע האָט זיך אָפּגעזוכט דאָס ערשטע מיידל, וואָס האָט געמאַכט האַסטיקער קלאַפּן מיין האַרץ, צעזונגען פאַרבאָרגענע געפילן, אומבאַשטימטע אָבער אַזוינע טיפע, פאַרנעפּלטע, אָבער שטאַרקע, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט מיין יינגלשן קערפּער, פאַרוואָרפן אים אין אַן עקסטאַז פון פּיין און גליק, אייפערזוכט און פאַרצווייפלונג, הימלישע האָפענונגען און מעלאַנכאָלישער נידערגעשלאָגנקייט. איר נאָמען איז געווען: סאָניע ליפּשיץ.

✶

הינטער דער טורמע, אַראָפּ אויף ניקאָלאַיעווסקע, האָט געוווינט מיינער אַ חבר, חיים קרוגליאַנסקי. אַ פרישער, לאַכעדיקער יינגל, מיט רויטע בעקלעך, געקליידט שטענדיק אין אַ גוט געפּרעסטן זייבערן שוואַרצן אַנצוג אָדער שולע־אוניפאָרם, מיט געפּוצטע שיך און אַ גוט פאַרקעמטן שרונט פון שוואַרצע, גלאַנציקע האָר.

זיין פאָטער איז געווען אַן איינפאַכער, שטילער ייִד, אַ מין „באַנטשע שוויינ״, געאַרבעט אין שעכטהויז, שטענדיק געשמייכלט און געלאָזט זיין ווייב פירן די גרענדע.

זיין ווייב, אסתר, אַ קורצע, דיקע ייִדענע, מיט אַ פּאָר רויטע, צעפלאַמטע באַקן, ווי אָנגעפּאַרבטע, איז געווען שטענדיק אַ פריילעכע, אַ לוסטיקע, האָט שטאַרק ליב געהאַט די יוגנט און אַליין געווען אַ פרוי מיט אַ יונגער נשמה — אַ וויצלדיקע, מיט „מאַמישקייט״ אין אירע ברייטע, צעגאָסענע גלידער. זי האָט געצויגן צו זיך די ייִנגלעך און מיידלעך, חברים און חברטעס פון איר זון חיים. ביי זיי איז געווען דאָס ליבלעכע הויז, וווּ מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן שבת אָוונט. אסתר האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער, יאַשפע, אַ ווילע, גוטע, שמייכלענדיקע ווי די מאַמע, וואָס האָט אָבער אויסגעזען נישט ווי אַ מיידל, נאָר ווי אַ פּאַרטיקע, גרייטע מאַמע.

ספּעציעל אָנגענעם זיינען געווען די שבת־צו־נאַכטן ביי זיי אין דער היים. געווייינטלעך איז דאָס געווען אין ווינטערצייט, ווען דער שניי פלעגט זיך דרייען אין דער לופטן, פאַרשיטן די אַספאַלטן, די שטיינערנע, פאַרברוקירטע גאַסן, צע־פּאַסעוועטע פון וועגענער און שליטנס, און די ווינטערדיקע שנייִקע זאַווערוכעס פלעגט פאַריאָגן די אייננווינערס אין די היימען. אין אַזאַ מין שבת פאַרנאַכט פלעגן מיר זיך טרעפן ביי מיין חבר חיים.

די גאַסטפריינדלעכע אסתר פלעגט מכבד זיין מיט הייסער, קאָכעדיקער טיי פון דער קופּערנער בוניע, פון אָנגעהייצטן „אויבערשטן אייוועלע״, מאַלינקעס־ווארעניע אויף קליינע טעלערלעך און היימיש געמאַכטע קיכלעך, אַרויסגעשניטענע פון אַ שטיק טייג מיט אַ גלאָז און באַשיט מיט מאָנטשקע און ניסלעך.

דערנאָך זיינען מיר אַריין אין שלאָפצימער, אַ נידעריק צימער מיט בעלקעס איבערן קאָפּ, וווּ עס זיינען געשטאַנען צוויי ברייטע, פאַרבעטע בעטן מיט געבלומטע „לאַדנער דעקן״. מיר פלעגן אַריינעמען בענקלעך און שטולן, זיך רחבותדיק צעזעצן, יעדעס ייִנגל נאָענט צו דעם מיידל וואָס איז אים געפעלן, אָדער צו וועלכער דער גאָט פון ליבע האָט שוין אַריינגעשאָסן די פיילן, און עס האָט זיך שוין געפיקט אַ באַהאַלטענער אָדער אָפענער ראָמאַנס.

מיין חבר חיים האָט שטענדיק אַזוי קאָמבינירט ער זאָל זיצן לעבן רבקה שוואַרצמאַן, אַ הויך מיידל, אַ פול־לייביקע, מיט אַ שיין רונד קיילעכדיק פּנים, וואָס האָט געערדט שנעל, מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן. חיים האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, און ממש געשלונגען איר יעדעס וואָרט. רבקה שוואַרצמאַן מיט איר שוועסטער און שוואָגער האָבן געהאַט אַ געשעפט פון רייניקן און פאַרבן קליידער אויף סוראַזער גאַס נישט ווייט פון צאַרעפס אייזן־געשעפט.

מיין חבר לאַמפּערט, אַ הויכער בחור, וואָס האָט זיך געהאַדעוועט ביי אַ באָבען, האָט אויסגעזען ווי אַ ישיבה־בחור מיט זיין מאָגערן, הויכן קערפּער, געדיכטן

קאָפּ האָר, ווייל זיין היטל מיטן שוואַרצן דאַשיק איז שטענדיק געווען אין אַ זייט און פון דאָרט האָבן זיך אַרויסגעוויזן ביי די זייטן צוויי געדיכטע קוטשמענעס האָר ווי ביי אַ געבוירענעם דאָנער קאָזאַק. גערעדט האָט ער מערסטנס רוסיש, און אַ גוטן דערצו, צולאַכנדיק נאָך יעדע פּאָר ווערטער. ביי זיין גאַנצער מענלעכער שיינקייט האָבן זיך עפּעס קיין מיידלעך צו אים נישט געקלעפּט. דאָס גייט שוין אַריין אין די סודות פון געשלעכט — פאַר וואָס איינער וואָס זעט זיך גאַרנישט אָן, האָט דערפאָלג ביי פרויען און זיי לויפן אים נאָך, און אַן אַנדערער, אַ פּאַרשוין, אַ דאָן־זשואַן, צו וועלכן פרויען בלייבן זייער גלייכגילטיק.

דער קאָנטראַסט פון אים איז געווען שיימקע זאַק, אַ פיין דערצויגן ייִנגל, מיט אינטעליגענטע מאַניערן פון אַ „בעסערן הויז”, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך חן, געווען באַליבט ביי אונדזערע מיידלעך. שיימקע האָט געהאַט אַן אַנגענעמע, צאַרטע שטימע, און געזונגען מערסטנס רוסישע לידער, ווייל ביי זיי אין הויז האָט מען גערעדט רוסיש, אָבער אויך יידיש. איך האָב געקענט זיין שיינע, עלטערע בלאָנדע שוועסטער טאַניאַ און זיין ברודער ניאָמקע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּיזיש שטאַרק אַנטוויקלטער בלאָנדער שייגעץ, אין קעגנזאַץ צו זיין ברודער שיימקע, וועלכער איז געווען ברוינהויטיק, מאָגערלעך, מיט פייערדיקע שוואַרצע אויגן און טונקעלע האָר.

דערפאַר איז אָבער זיין קוזין שיימקע פּלאַווסקי, פון אַן אינטעליגענטער משפּחה פון ברידער און שוועסטער, וואָס האָט געוווינט הינטער דער טורמע, געגאָלטן אַלס אַ לייכטזיניק ייִנגל, אַ ציניקער, וואָס האָט שוין געוווסט אַ סך פון לעבן און ווי אַזוי אַ קינד ווערט געבוירן... די מיידלעך האָבן זיך מיט אים גערן אונטערגעהאַלטן, אָבער מורא געהאַט פאַר זיין חוזקדיקן, צינישן געלעכטערל און צופיל דרייסטקייט מיט די הענט... אַזאַ טיפּ ייִנגל איז אין אונדזער קרייז געווען אַ זעלטנהייט.

צו אונדזער קרייז האָט אויך געהערט בערטאַ קולעש, אַ קליין, דיק, פעט מיידל, אַ ראָמאַנטישע, אַ פאַרחלומטע. איר פאָטער איז געווען אַ קצב און געהאַט אַ יאַטקע הינטער דער טורמע, און די שטילע, פאַרקלערטע בערטאַ האָט שטאַרק געליטן פון איר פאָטערס פּרנסה, וואָס האָט זיך גאַרנישט אַריינגעפּאַסט צו איר איידעלן, סענטימענטאַלן כאַראַקטער.

צום קרייז האָבן אויך געהערט צוויי נאָענטע אינטימע חברטעס: אָדעל שיינמאַן און סאָניע ליפשיץ, וועלכע זיינען שטענדיק אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען און געווען אַ צוזאַמענגעקלעפּט פּאָרל, ווי באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי אין גאָגאָלס „רעוויזאָר”. געווען זיינען זיי צוויי קעגנזאַצן, אויסערלעך און אינערלעך: אָדעל שיינמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ ברודער בצלאל, אַ בחור מיט דיכטערישע פעיקייטן, אַ פולע אויסגעקנאָטענע, מיט אַ ברייטן פּנים און ברייטע גלידער, זייער אַ באַחנטע און מיושבדיקע, אַ קלוגע און ערנסטע; סאָניע ליפשיץ — אַ שמאָלע, שלאַנקע,

מיט אַ פּאָר לעבעדיקע מאַגנעטישע אויגן, אַ שטענדיק לאַכעדיקע. אין לאַכן פלעגן אירע אויגן זיך צומאַכן אין צוויי שמאָלע שפּאַלטן, און שטענדיק פלעגט זי עפּעס אויף שנעל דערציילן, באַגלייטנדיק מיט אַ שטיפעריש געלעכטער. מיינע געפילן צו איר זיינען געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין איר קעגנוואַרט פלעג איך זיך פאַרלירן און זוכן ווערטער, כאָטש געוויינטלעך האָבן מיר קיין ווערטער נישט אויסגעפעלט. מיין רייכע שפּראַך דעמאָלט, ספּעציעל אין רוסיש, האָט פּאָעטיש־בלומיק געקאָנט אַרויסברענגען די פאַרשידנאַרטיקע ניואַנסן פון געפילן, באַצייכענענדיק זיי מיט מיין וואָקאַבולאַר דייטלעך און פּינקטלעך. איך האָב געפילט אַז איך בין אַ פאַרליבטער, און דאָס מיידל קאָן טאָן מיט מיר וואָס זי וויל.

*

הויכע בערגלעך פינקלענדיקן, ווייסן שניי האָבן צוגעדעקט די נידעריקע פענצטער פון דער הילצערנער כאַטקע פון חיים קרוגליאַנסקיס הייזל. אַ פּאָר־חלומטע שטילקייט האָט אונדז אַרומגענומען און פאַרטראָגן יעדן פון אונדז אין אַנדערע וועלטן. יעדער יינגל איז געזעסן לעבן זיין אויסדערוויילט מיידל, געפילט צניעותדיק די וואַרעמקייט פון אַנגערירטע עלנבויגנס, דאָס שטילע גליק, די צערטלעכקייט און שעמעוודיקייט, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ טייל פון אונדזער דערציונג. אַנדערש האָבן מיר געקוקט אויף אַ מיידל. אונדזערע, ריינע, ציכטיקע, דערהויבענע געפילן האָבן זיך געגרענעצט מיט עקזאַלטאַציע און זיסער נאַיוויטעט... אַבסאָלוט ווייט פון רויער געשלעכטלעכער, ציניש
שער באַציונג.

אין דער סענטימענטאַלער שטימונג האָט זיך דערהערט אַ שטילער געזאַנג. דאָס האָט שיימקע זאַק פאַרצויגן אַ ניגון פון אַ רוסיש ליד „קאַריע גלאַזקי", וועגן אויגן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן, אויף אייביק פאַרשוווּנדן, און מען זעט זיי שוין נישט מער... און וועגן אויגן, וואָס האָבן נאָך אַ מאָל אויפגעטויכט אין בייגאַכטיקע חלומות... גלייך דערנאָך איז שיימקע איבערגעגאַנגען צום ליד „זאַ מיג נאַסלאַזשדעניאַ" (פאַר איין מינוט פון פאַרגעניגן, בין איך גרייט אויף אייביקע ליידן...) און גלייך איבערגעשפּרונגען צום ליד „בובליטשקי" (וואָס איז איבערגעזעצט אויף יידיש אונטערן נאָמען „קויפט־זשע בייגעלעך, פרישע בייגע־לעך"). שיימקעס אַנגענעמע שטים האָט זיך רויִק צעקלונגען אין דער פאַר־כישופטער שטילקייט, און אַזוי האַרמאָניזירט מיט דער אַרומיקער פאַרטראַכט־קייט אין דער פינצטערניש, ווו עס זיינען געזעסן צען יינגלעך און מיידלעך. דערנאָך זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן די פּאָפּולערע רוסישע לידער „אָטשי טשאָר־ניע", „קוטשער, טרייב נישט די פערד". דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט דאָס אומעטיקע, טיף פילאָזאָפיש־פּעסימיסטישע ליד „טי סידיש אוּ קאַמינאַ אי סמאָטריש ס'טאָסקאָי" (דו זיצסט ביים אויוון און קוקסט מיט אומעט, ווי טרויע־ריק דער אויוון ברענט אויס...), וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער איבערגעזעצט גע־וואָרן אין פּויליש, אַ שלאַגער „פּשי קאַמינקו". אָבער ווען עס איז געקומען צו

„איידאַ טראַיקאַ" האָבן זיך אַלע פאַרנומען אין אַ כאַרגעזאַנג. פּוכלער שניי, די פאַרפּרוירענע נאַכט אַרום, לייכט די זילבערנע לבנה און עס שליטלט זיך אַ פּאָרל זאַלבעצווייט. מורמלט ער ווערטער פון ליבע, קוקט צערטלעך אין די אויגן, און זי איז פולשטענדיק צעטראָגן, וואָס וועט איר אָט די ליבע ברענגען?

עס קייטלען זיך די לידער „וויכאַזשו אַדין יאַ נאַ דאָראָגו" פון לערמאָנטאָוו, „וואָלגאַ, וואָלגאַ מאַט' ראָדנאַיאַ" און דערנאָך ,צו שאַפן אַ פריילעכע שטימונג, פאַרציט מען דאָס רוסישע פאָלקסליד „אוגאַר קופּיעץ", וואָס דערציילט, ווי אַ סוחרל איז פאַרפאָרן אין דאָרף, אָנגעשיכורט דאָס גאַנצע דאָרף און פאַרבראַכט די נאַכט מיט גאַטאַשקעס טאָכטער, ווען בייגאַכטיקע פּייערלעך האָבן זיך אין די פענצטער אויסגעלאָשן... אָבער דערפאַר איז די דאָרפישע מויד נישט אַוועק לייַדיק, נאָר געקומען פאַרטאָג אין איר כאַטע מיט אַ פולן פאַרטעך מיט זילבערגעלט.

אָבער דאָס היציקע יינגל לאַמפּערט קאָן זיך נישט איינהאַלטן, וויל אויך וויזן וואָס ער קאָן. רייסט ער איבער די שטימונג, שטעלט זיך אַוועק אין מיטן דער כאַטקע און דערגרייכט מיט זיין קאַזאַצקער קוטשמענע האָר כמעט דעם בעליק. ער נעמט זיך דעקלאַמירן פּושקינס „קטאָ אָן", אַ דעקלאַמאַציע וועגן פּיאָטר דעם גרויסן. „צווישן שטערן און געדיכטן וואַלד, צווישן גריבער און גראָזן, אַ פאָרט אַ רייטער צו די ליכטיקע ברעגן פון דער נעוואַ". און גלייך האַקט לאַמפּערט אַ צווייטע דעקלאַמאַציע פון דעם „נביא אָלעג", וואָס האָט פאַראויסגעזאָגט דעם קעניג, אַז ער וועט שטאַרבן פון זיין אייגענעם פערד. און ווען דאָס פערד איז שוין טויט, לאַכט דער קעניג פון אָלעגס נביאות און גייט אַ קוק טאָן אויף זיין טויט פערד; טרעט אַרויף זיין פוס אויפן פערדס קאָפּ און מאַכט חוזק פון אָלעגן פאַר זיין נאַרישער נביאות, אָבער דאָ קריכט אַרויס אַ שלאַנג פון דעם פערדס טויטן קאָפּ, גיט אַ ביס אין פוס דעם קעניג און אין גרויס ליידן שטאַרבט דער קעניג. דעם נביא אָלעגס נביאות איז מקויים געוואָרן. עס בלייבט הענגען אין דער לופטן אַ פאַרקלערטקייט, ווי געוויינטלעך, ווען מען פאַרטראַכט זיך וועגן געהיימנישפולע מיסטעריעזע כוחות.

אָבער דאָ קאָן שוין מיין חבר חיים מער נישט אויסהאַלטן. זיין יידיש בלוט צעקאָכט זיך: וואָס עפּעס נאָר רוסישע לידער? און ער פאַרציט אַ חזניש ראָש־השנהדיק „בראש השנה יכתבון" און אַלע העלפן אים אונטער. די קוויטשיקע סאָפּראַנאָ־קולכעלעך פון די מיידלעך גיסן זיך צונויף מיט די יינגלשע אַלטן און עס דאַכט זיך, אַז מען געפינט זיך אין ביאַליסטאָקער שול, ווו אַ דרעסירטער כאָר אונטער דער לייטונג פון ביאַליסטאָקער דיריגענט רובין פירט חזנישע קאָנצערטן. מאָדנע, ווי די ביאַליסטאָקער מיידלעך דרייען אויס מיט פּיטשעווקעס דעם „כחלום יעוף" און „כחרס הנשבר" און דעם „וכל מאמינים". יאָ, האַרציקע יידישע טעכטער פון ביאַליסטאָקער יידישע היימען. און דערנאָך פאַרציט מען דעם „כל נדרי" און אַ טויט־פאַרגליווערטע ערנסטקייט וויקלט אונדז אַלע אַרום אין דער פינצטערניש.

עס דאַכט זיך אונדז אַז געשטאַלטן פון אומגעקומענע ייִדישע מאַרטירערס ,אין ווייסע תכריכים, שוועבן אַרום אונדז. עס דריקט דאָס האַרץ פון ליבשאַפט צום ייִדישן פאָלק און דרך־ארץ פאַר זיין פאַרגאַנגענהייט און זיינע גרויסע ייִדן, אָבער אויך אַ מורא נעמט אונדז אַרום. אונדזערע קינדערשע הערצער פּלאַטערן אין שרעק, ווייל מיר האָבן אָנגערירט עפּעס פאַרבאָרגנס, וואָס גרענעצט זיך מיט ייִדישע קדושים, מיט בית־עלמין, טויט און יענער וועלט.

מיין ברודער דוד נעמט זיך צו מלחמה-פרנסות

מיין מאַמע האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיין ברודער דוד, ער זאָל חתונה האָבן:

— וויפל איז דער שיעור זיך אַרומבלאָנקען אַליין? דו האָסט שוין גענוג אַרומגעפּלאָנדרעוועט. עס איז שוין צייט צו ווערן סטאַטעטשנע, האָבן אַ ווייב און אַ היים. מען ווערט נישט ייִנגער, און איך האָב שוין נישט קיין כּוח אַרומפּאַדעוועז נאָך אַזאַ גרויסן בחורעץ. הלוואי דערלעב איך שוין דאָס ביי יאַנקעלען, טאַטע זיסער.

די מאַמע קוקט אויף מיר איך זאָל איר אַרויסהעלפן מיט אַ וואָרט צו איבער־צייגן מיין ברודער דוד, אַז „עס איז שוין גענוג אַרומפּלאָנדרעווען", אָבער איך שווייג דיפּלאָמאַטיש. כאָטש איך קריג זיך אָפט מיט דודן, האָב איך אים ליב און עס ווערט מיר זיין אומעטיק אַליין. און בסך־הכל, האָב איך איין שטיקל ברודער.

מיין ברודער דוד צעבייזערט זיך:

— וואָס ווילסטו פון מיר? איך האָב נאָך צייט חתונה האָבן. עס איז מלחמה־צייט, און ווו וועל איך פאַרדינען צו געבן אַ ווייב פרנסה? וואָסי, מאַמע, דיר איז שווער דאָס קאָכן און וואַשן פאַר מיר? וועל איך זוכן אַ סטאַנציע.

ווען מען דערלאַנגט דער מאַמען מיט עפּעס אין קאָפּ, וואָלט איר וויניקער וויי געטאָן ווי מיין ברודער דודס טענה. די מאַמע דרייט אויס דעם קאָפּ צו מיר, פאַרלייגט די הענט מיט אַ מינע פון אַ באַליידיקטער אומשולד, און טעאַטראַליש, מיט געמאַכטער אויפגערעגטקייט זאָגט זי:

— וואָס זאָגסטו צו אים? עס קומט אים נאָך אַרויס אַ רעשטע. מיר איז שווער אים צו באַדינען, מיר איז שווער... — און אומדרייענדיק דעם קאָפּ צו דודן זאָגט זי ציילנדיק יעדעס וואָרט:

— אַ מאַמען איז קיין מאָל נישט שווער צו אַרבעטן פאַר קינדער. זאָל נאָר

אַזוי די קינדער נישט זיין שווער צו אַרבעטן פאַר אַ מאַמען. ווי זאָגט מען: איין מאַמע קאָן אויסהאַלטן צען קינדער, און צען קינדער קאָנען אָפט נישט אויסהאַלטן איין מאַמען... אַז אָך און ווי.

*

פאַרשטייט איר דאָך, אַז די מאַמע האָט אויסגעפירט. עס איז געקומען אַ קליין יידל, מיט אַ ווייסן, געפלעקטן פנים, מיט אַ געל בערדל און מיט אַ פּאָר תמימות־דיקע אומשולדיקע אויגן פון אַ רבילע און, גאָרנישט מעשה שדכן, גערעדט שטיל, שעמעוודיק, וועגן אַ פּאַסנדיק מיידל פאַר דודן, וואָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים. זי שטאַמט פון אַ באַלעבאַטיש הויז. אַ שיינע, אַ גוטע — די איידלקייט אַליין. דערצו נאָך אַ סוחרטע וואָס העלפט פירן דער מאַמעס געשעפטן. און האָט געלט אויך.

דוד האָט זיך מיט דעם מיידל געזען און ער איז געקומען אַן איבערגעביטענער, זי איז אים שטאַרק געפעלן.

— מאַמע, דער שדכן האָט געזאָגט דעם אמת, — זי איז אַ פיין מיידל און זעט טאַקע אויס צו זיין אַ גוטע נשמה, ווי דער שדכן האָט געזאָגט. זי איז די איידלקייט אַליין. נו, מאַמע, וואָס זאָגסטו? דו האָסט דאָך זי אויך געזען?

די מאַמע האָט זיך צעכליפּעט, געווישט די אויגן, און ווי אַלע מאַמעס האָט זי שוין חרטה געהאַט, דערפילנדיק די עלנטקייט וואָס דער זון וועט איבערלאָזן אין שטוב. האָט זי זיך געקווענקלט און שטיל, מיט אַ מאַמישן אומעט, געזאָגט:

— יע, זי זעט אויס צו זיין זייער אַ פיינע. אָבער צו וואָס איילן זיך? ביסט נאָך אַ יונג בחורל, וואָס איז די גראַטשקע? מיינסט טאַקע, אַז איך טרייב דיך פון שטוב?

דוד קערט זיך האַסטיק אום צו מיר, שאָקלט מיטן קאָפּ פאַרצווייפלט, און רעדט צו מיר:

— דאָ האָסטו ייִדענעס. נאַר־וואָס איז זי מיר דערגאַנגען די יאָרן, וואָס איך וויל זיך נישט סטאַטקעווען, און איצט דרייט זי שוין דעם דישעל צוריק. מאַמע! זי געפעלט מיר — האָט זיך דוד אומגעדרייט צו דער מאַמען — און ס'איז שוין גענוג זאָלסט אַרומפּאַדעווען נאָך אַ בחורעץ ווי איך. האָסט דאָך אַליין געזאָגט.

די מאַמע האָט זיך נאָך שטאַרקער צעכליפּעט און מיט אַ וויינענדיקן תחינה־לשון אויפגעהויבן די הענט צום סטעליע און פרום אַרויסגעזאָגט:

— רבונו של עולם, דו פירסט דאָך די וועלט, זאָל זיין מיט מזל. איך בין אַן אָרעמע אַלמנה, און ס'איז צייט פאַר מיר אויך אַ ביסל נחת. — און די מאַמע איז פאַרגאַנגען אין אַ שטילן געוויין.

מיין ברודער דוד האָט חתונה געהאַט און זייער גוט געטראָפן. דער כלהס מיידלשער נאָמען איז געווען שרה פאַבריקאַנט, די טאָכטער פון מלכה פאַבריקאַנט, אַן אייגנטימערין פון אַ געשעפט אין די ברעמלעך פון גאַלאַנטעריע און צודאַטן

פאַר מיליטערישע שניידערס. זיי זיינען געווען פאַרמעגלעך און מלכה פאַבריקאַנט, אַן אַלמנה, אַ דיקע, פול־געבויטע פרוי, וואָס האָט זיך שווער באַוועגט, איז אַרויס־געהאָלפן געוואָרן פון אירע קינדער: איר זון איטשע, אַ טיכטיקער, אַרבעטזאַמער און זייער ערלעכער בחור, און אירע צוויי טעכטער: שרהלע, די עלטערע און באַשקע די יינגערע. זיי האָבן גשטאַמט פון אַ פיינער, באַלעבאַטישער משפחה, קרובים פון דער גוט באַקאַנטער אין ביאַליסטאָק משפחה בעלאָוס.

שרהלע איז געווען אַן אויסגעפילט, ווייסלייביק מיידל, מיט אַ פּאָר מילדע, ליבנדיקע אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט מיט גוטסקייט. עס איז שווער געווען צו טרעפן נאָך אַזאַ פרוי, מיט אַזאַ גוטן כאַראַקטער. זי האָט שטאַרק ליב געהאַט מיין ברודער דוד, וועלכער איז געווען מיטלוווקסיק, שלאַנק געבויט, מיט אַ טונקל־מאַטן פנים, מיט שוואַרצע, לעבעדיקע אויגן און מיט קליינע, שוואַרצע וואָנצעלעך, וואָס האָבן אים געמאַכט אויסזען ווי אַ פראַנצויז. דערצו האָט ער זיך געקליידט זייער שיין און אפילו אין אַ וואָכעדיקן טאָג געטראָגן אַ שוואַרצן געפּרעסטן אַנצוג, איינגע־צויגן אין דער טאַליע — לויט דער דעמאָלטיקער מאָדע — און לאַקירענע שיך, געבליבענע פון די גוטע פאַרמלחמה־יאָרן, ווען ער איז געווען שטולמייסטער אין דער גרויסער לוין־וועבעריי פון נחום־לייזער זעליגזאָן און שלום־מרדכי ראַפּאַלאָווסקי, אויף נאַדרעטשנע גאַס, קעגן איבער דער שטאָטישער באָד, נישט ווייט פון פּאָל־קאָוואַיען בית מדרש. שרהלע פלעגט קוקן אַ שיינענדיקע, אַ שמייכלענדיקע אויף דודן מיט פאַרליבטע אויגן, און וואָס דוד האָט געזאָגט, איז געווען ביי שרהלען אַ געזעץ. דוד איז ביי איר שטענדיק געווען גערעכט, אַפילו ווען עס איז אָפּט מאָל אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צוליב מסחר צווישן איר ברודער איטשע און דודן. שרהלעס שטימע און שרהלעס רעדן איז געווען אַזוי איידל און צאַרט, ווי זי אַליין. פאַר אַזאַ פרוי האָט מען געקאָנט דאָס לעבן אָוועקגעבן און מיין ברודער דוד האָט דאָס לעבן פאַר איר אַוועקגעגעבן אויף אַ גאָר באַזונדער טראַגישן אופן, וואָס האָט אויפגעטרייסלט ביאַליסטאָק.

✶

מיין ברודער דוד האָט זיך אַ נעם געטאָן זוכן פרנסות. די גאַנצע טעקסטיל־אינדוסטריע האָט זיך דעמאָלט געהאַט אָפּגעשטעלט. די פּראָדוקטן פון די פאַב־ריקן זיינען געשטאַנען קאַלט פאַרגליווערט. די שפּינערייען, רייסערייען, אַפּרעטורן און וועבשטולן זיינען געשטאַנען פאַרלאָזענע, פאַרזשאַווערטע, מיט שטויב פאַר־דעקטע. עס האָבן געבליט מלחמה־פרנסות: שמוגל מיט ברויט, מעל, קאַשע, זאַלץ, צוקער, סאַכאַרין, גאַזע, הערינג, מאַרמעלאַדע, אַלטע לעדער, שיך צו פאַרריכטן, דייטשישע סאָלדאַטסקע סוכאַרעס, מאַכאָרקע און טאַבאַק וואָס דער שוואַרץ יאָר ווייסט, פון וועלכע סאָרטן גלעזער, געטריקנטע בלעטער עס איז געווען געמאַכט; זייף פון טאַנדעטנע היימישע זייף־פאַבריקאַנטן, מיט בלויע פלעקן אין מיטן;

זאַקן מיט לעכלעך, געשטריקטע אויף קאַליע־געוואָרענע רונדע מאַשינדלעך, ווו דער זאַק איז געצויגן געוואָרן אויף אונטן מיט אַן אַלטמאָדיש געוויכטל, וואָס האָט זיך געבאַמבלט און ווי ער וואָלט זיך אַליין באַוווּנדערט צו וואָס דאַרף מען אים. סוועדערס געמאַכטע פון אַרויסגעטעפּעטע פעדים פון אַלטע לייביאַקעס אין משונה־דיקע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן. אייניקע שטריק־מאַשינקעס האָב איך דעמאָלט געזען ביי דעם טאַלאַנטירטן מוזיק־דיריגענט רובין, ועמען זיין פרוי האָט געמוזט אַרויסהעלפן אין פּרנסה מיט אַרבעט אויף שטריק־מאַשינקעס. זי איז געווען אַ טיכטיקע, ענערגישע פרוי, מיט קורצזיכטיקע, פאַרזשמורעטע אויגן, וואָס האָט שטענדיק אַרומגעשמייעט איבער דער שטוב, אויפצופּאַסן אויף די דריי קינדער.

עס איז אַנגעאַנגען אַ שמוגל מיט אַלערליי דייטשישע געטריקנטע גרינוואַרג, מיט קאַרטאָפל־פּליאַקן, פאַרטריקנטע, פלאַכע געזאַלצענע הערינג, דאַר און ברייט ווי אַ ברעטל, וואָס האָט זיך געדאַרפט ווייקן אַ וואָך צייט אין וואַסער, ביז מען זאָל אַנזען אַ שטיקל פאָטאָגראַפיע פון אַ פיש.

עס איז געגאַנגען אַ האַנדל פון אַלץ און אַלעמען. חדר־יינגלעך און אַלטע ייִדן, קליינע מיידלעך מיט רויטע סטענגעס אין די צעפּלעך און אַלטע ייִדענעס מיט געשוואָלענע פיס, וואָס זיי האָבן קוים געשלעפּט, זיינען געוואָרן מלחמה־סוחרים, געהאַנדלט מיט שנוראָווקעס, קעמלעך, זיסע זשיטשקעלעך און זויערע, קוואַסנע עפּל און אַריינגעבראַכט אין שטוב זייער חלק פּרנסה. האָט מיין ברודער דוד זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַריינצוקריכן אין מלחמה־פּרנסות און שפּייזן אַ ווייב. די לייכטע יאָרן פון בחורשאַפט זיינען אַוועק, און ער האָט זיך געדאַרפט נעמען צו תּכלית.

✶

מיין ברודערס שוואָגער, איטשע פאַבריקאַנט, איז געווען אַ בחור מיט גרויסע סוחרישע פעיקייטן, מיט איינפאַלן, און זיך געקאָנט צופּאַסן צו אַלע באַדינגונגען. איז ער געפאַלן אויף אַן אידעע צו מאַכן אַ פאַבריטשקע פון ליכט, בשותּפות מיט מיין ברודער דוד. דער מסחר און פאַבריקאַציע פון ליכט איז אַוועק נישט שלעכט און מיין מאַמע האָט געקוואָלן פון נחת. דוד איז שוין פאַרהייראַט, דוד איז שוין אַ סטאַטעק, און דוד איז שוין מיט מזל אַ ליכט־פאַבריקאַנט. אמת, געוויסע קונדן האָבן זיך באַקלאָגט, אַז פרייטיק צו־נאַכט, נאָכן ליכט־בענטשן, האָבן די ליכט עפּעס אָנגעהויבן צו קנאַקן, די פלעמלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו בונטעווען, געשפּרונגען מיט פּראָטעסט אַרויף און אַראָפּ און מיט כּעס זיך אין גאַנצן אויסגע־לאָשן און איינגעזונקען די שטוב אין פינצטערניש.

ווען מען האָט דאָס דערציילט דער מאַמען און זיך באַקלאָגט אויף איר זונס פאַבריקאַציע, האָט די מאַמע זיך געשפּירט שטאַרק געטראָפן און געהאַט אַ טענה צו דודן, וועלכער איז אַליין אויך נעבעך נישט געווען שולדיק און אין שפּאַס געזאָגט צו דער מאַמען:

— מאַמע, וואָס מיינסטו, דאָס זיינען ליכט צו ברענגען? דאָס זיינען גאָר ליכט צו פאַרקויפן.

דער אמת איז געווען, אַז עס פלעגט אָפט אויספעלן באַוול צו די קנויטן, פלעגן די אַרבעטער גיסן ליכט אָן קנויטן. און נישט מיין ברודער דוד און נישט זיין שוואָגער איטשע האָבן דערפון געוווסט. עס איז מלחמה־צייט און ווער קוקט אויף אַזעלכע קלייניקייטן? אַבי דאָס זיינען געווען ליכט, וואָס זעען אויס ווי ליכט. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מלחמה־פּעריאָד. אַ סך סחורה איז געווען באַשאַפן נאָר צו פאַרקויפן, און נישט צו נוצן. מיין ברודערס שוואָגער, איטשע, איז געווען צו ערלעך צו אַזעלכע פּרנסות, און דערצו האָבןביידע שוואָגערס נישט גוט געשטימט. האָט דאָס שותפות געפּלאַצט, און אין איין טאָג איז דוד געקומען צו דער מאַמען און איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער איז שוין מיט מזל אויס ליכט־פאַבריקאַנט, און זוכט שוין גליקן אין אַנדערע פּרנסות. איז דאָס דער מאַמען נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן, און זי האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט:

— מזל־טוב דיר. בעסערע בשורות זאָלן דיר אָנגעזאָגט ווערן... נו, וואָס וועסטו איצט טאָן? שניידן קופּאָנעס? אָדער ווערן אַ שותּף צו האַראַדישטשס באַנק, אָדער שמואל ציטרינס פאַבריקן? אַז מען האָט קיין מזל נישט, דאַרף מען גאָרנישט געבוירן ווערן. נו, צו וואָס וועסטו זיך איצט נעמען?

אָבער מיין ברודער דוד איז ביי זיך נישט געווען געפאַלן — נישט קיין ליכט־סוחר, איז אַ טוך־סוחר. פון טעקסטילפאַך איז ער דאָך, און אין ביאַליסטאָק ליגט נאָך באַהאַלטן אַ סך טעקסטיל־סחורה, נישט געמעלדענע צו דער דייטשישער מאַכט, און עס גייט דערמיט אָן אַן אומלעגאַלער מסחר מיטן גאַנצן קנאַק, מיטן גאַנצן יידישן ברען. איז וואָס? זיינע הענט ליגן אין קימפעט? ער איז עפּעס אַ הינקעדיקער שניידער? אַלע האַנדלען מיט קאָרעלעך, קאַסטאָרקע, דראָפּ, וועט ער אויך האַנדלען.

און מיין ברודער דוד איז געוואָרן אַ מלחמהדיקער טוך־סוחר, ווו מען האָט געדאַרפט וויסן וועמען צו פאַרקויפן מען זאָל נישט מסרן; ווו צו האַלטן דעם טוך, מען זאָל אים נישט אַנטדעקן; וועמען און מיט וועלכע טרעגערס און פאַקירערס זיך צו באַנוצן: מיט אַזעלכע, וואָס האָבן שוין אין דעם פּראַקטיק כדי צו וויסן אין וועלכער צייט און דורך וועלכע גאַסן דאָס צו טראָגן, און זיין אויס־געאיבט אין דער גאַנצער תורה פון טוך־שמוגל; און דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע פּרנסה.

דער אויפבלי פון ייִדיש אין ביאַליסטאָק אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע

צו ביסלעך האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן אין ביאַליסטאָק זיכערע אייגנשאַפטן פון געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד. די ברוינע, ענג־טאַליעדיקע קליידער פון די גימנאַזיסטקעס, די גרינע קאָסטיומען מיט ווייסע מאַנזשעטלעך פון די קאָמערסאַנטקעס, אַט די אַלע אוניפאָרמען פון דער רעאַל־שולע, גימנאַזיעס, פּראָגימנאַזיעס — שטייפע מענערישע געפּאַסטע מונדירן פון אַלעקסאַנדראָווס גימנאַזיע, מי טדי גלאַנציקע מעשענע קנעפּ, זיינער איינגעפּאַקט געוואָרן אין די קופערטן פון די ייִדישע הייזער, און צוזאַמען מיט זיי אויך די געוווינהייט צו רעדן רוסיש.

עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ מאָדנער קוריאָז: ייִדישע „באַרישניעס און קאַוואַלירן" וואָס האָבן גערעדט אַ שיינעם ליטעראַרישן רוסיש — אַ בעסערן רוסיש ווי די געבוירענע רוסן — וועלכע האָבן אויף פּראַגעס אין ייִדיש געענטפערט אויף רוסיש, געבנדיק די אילוזיע, אַז זיי איז אַבסאָלוט פרעמד די ייִדישע שפּראַך, אַריינוואַרפנדיק אַ פּאָר ייִדישע ווערטער און ווי אַ גוי זיך געזידלט און געברוגזט מיט די רוסישע ווערטער ווי: נאַכאַל, סוויניאַ, סוואָלאָטש, מערזאַוועץ, גיעגאָדיאַי, פּאָדליעץ, האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן אַ געשמאַקן ייִדיש מיט עכטע ביאַליסטאָקער אויסדרוקן, ווי: פאַרמאַך די טשיר... (פאַרמאַך די טיר), מאַמע! ווו שטייט דער בונקע טיי?... האָסט אפשר אַ ביסל מאָנטשקע?... (מעלצוקער). זיי האָבן אַרויסגעוויזן, אַז די ייִדישע שפּראַך, וואָס האָט געהערשט אין כמעט אַלע ביאַליסטאָקער הייזער, האָט זיך אויך ערגעץ־ווו אַריינגעזאַפּט אין אונטערבאַוווסטזיין פון דער ביאַליסטאָקער ייִדישער יוגנט, און ווי מיט איין מאָל וואָלט דער רוסישער „דיבוק" אַרויסגעשפּרונגען און ערגעץ פאַרשוווּנדן.

מיטן אויפהערן פון די גוליאַנקעס אין „גאָראָדסקאָי סאַד" און „פּאַרק ראָסקאָש" מיטן אָנטייל פון די אָפיצירן, סאָלדאַטן און מוזיקאַנטן פון וולאַדימירסקען, קאַזאַנסקען און אולאַנאָווסקען פּאָלק, זיינען טיילווייז אויך פאַרשוווּנדן די פּראָרוסישע סענטימענטן פון די ייִדישע מיידלעך, די רוסישע ראָמאַנטיק און רוסישע מיליטערישע מונדירן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דערנענטערונג פון פיל שיכטן און קלאַסן פון דער ייִדישער יוגנט, וואָס איז פריער אָפּגעטיילט געווען ווי דורך אַ באַריערע דורך די רוסישע שולעס, דער רוסישער שפּראַך און די שול־אוניפאָרמען און וואָס פלעגט מיט אַ מין גאווהדיקן „פון אויבן אַראָפּ" קוקן אויף די איינפאַכע בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען נישט געווען געגוג פאַרמעגלעך צו שטודירן אין רוסישע לערן־אַנשטאַלטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דערנענטערונג

צווישן דער יוגנט, ביי וועלכער עס האָט זיך מיט איין מאָל געעפנט דער קוואַל פון דער ייִדישער מאַמע־שפּראַך.

שבת פאַר נאַכט, אויף די שפּאַצירן אין ליפּאָווער און ניקאָלאַיעווער גאַס, האָט מען אָנגעהויבן הערן דאָס פרייע רעדן ייִדיש. אַ טייל — ספּעציעל די גימ־נאַזיסטקעס און קאָמערסאַנטקעס — האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי רעדן אַ צעבראָכענעם ייִדיש מיט אַריינגעבראַקטע רוסישע ווערטער. ייִדישע בחורים־לצים פון סוראַזער און שולגאַס פלעגן אַ זאָג טאָן צו אַזעלכע גרויס־האַלטערקעס: העי! טאָכטער! דיין טאַטע עסט נישט שבת קיין קוגל און טשאָלנט?

צווישן דער יוגנט וואָס האָט געהאַט אַ סך פרייע צייט, זייענדיק פאַרשפּאַרט, נישט קענענדיק אַרויספּאָרן אין אַנדערע שטעט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוואַלדיקע דערנענטערונג. ס'זיינען אַנטשטאַנען פאַרשידענע קרייזלעך, גרופּירונגען און באַ־וועגונגען — אידעישע, קינסטלערישע און קולטורעלע. די ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן, צווישן זיי די פּועלי־ציון־פּאַרטיי (די נאָכפאָלגערס פון בער באָראָכאָוון), סתם ציוניסטן מיט אַ בירגערלעכן צוגאַנג, אָן סאָציאַליזם, אָן קלאַסן־קאַמף; רעליגיעזע ציוניסטן פון מזרחי־טיפּ. אָבער אויך די סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט, צווישן זיי די „ס.ס.", אין שפּיץ פון וועלכע עס זיינען געשטאַנען: ישראל גייסט, אַן אינטעלעקטואַל און גוטער רעדנער מיט זיין האַרטן רוסישן „רייש", יעקב פּאַט, שרייבער, רעדנער און פּאַרטיי־פירער, און בישקע גדאַנסקי, אַ פּאָלקסטיפּ און אידעאַליסט. „די אידישע קונסט" האָט צוריק אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן מיט אַ כאָר, אונטער דער לייטונג פון פסח קאַפּלאַן. מ'האָט איינגעאָרדנט ליטעראַרישע דראַמאַטישע אָוונטן מיט איינאַקטערס, רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס און אַפילו מיט ליטעראַרישע מש־פּטים, ווי למשל דער ליטעראַרישער משפּט איבער בערגעלסאָנס ראָמאַן „נאָך אַלעמען", מיט אַ פּאַרטיידיקער, אַ באַשולדיקער און אַ זשורי. דער משפּט האָט זיך געצויגן עטלעכע אָוונטן אין פאַרזעצונגען, און די ביאַליסטאָקער יוגנט איז געווען פּאַרטיילט אין צוויי גרופּעס: אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן מיטן פּאַר־טיידיקער, און אַנדערע וואָס האָבן געהאַלטן מיטן באַשולדיקער.

אויך אין לאָקאַל פון די „ס.ס." אויף דייטשישער גאַס, זיינען יעדן שבת־אָוונט פאָרגעקומען רעפעראַטן און דיסקוסיעס איבער פּאַרטיי־פראַגעס, ווי אויך אָפּ־האַנדלונגען וועגן ייִדישע שרייבערס און זייערע ווערק, אָפט מאָל אויך ליטע־ראַרישע אָוונטן מיט „היימישע כּוחות" אין רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס.

עס האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע טעאַטער־אַמאַטאָרן מיטן אָנטייל פון יודל גרינהויז, מאיר און שלום שוואַרץ, פיילעט, זעווקינאַ, בירנבוים און אייזנשטאַדט — דעם זון פון דירעקטאָר פון ייִדישן טעאַטער. — וואָס האָבן שפּעטער אויפ־געפירט פּיעסן אין „פּאַלאַס־טעאַטער": גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס „שולמית", „די כּישופמאַכערין", „צוויי־קוני־לעמלס", גאָרדינס פּיעסעס: „כאַשע די יתומה",

„דער יידישער קעניג ליר", „סאַפאָ", „גאָט, מענטש און טייוול", „דער אומבאַקאַנ־טער", און אַנדערע.

עס האָט זיך געגרינדעט אַ ליטעראַרישע קרייז אין „לינת הצדק" און אַ דראַ־מאַטישער קרייז אין „לינת חולים". שפּעטער האָט זיך געגרינדעט די פאָלקס־פּאַרטיי, אין שפּיץ פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען: פּסח קאַפּלאַן, משה וויסאָצקי און אַהרן אַלבעק — דער שפּעטערדיקער אַרויסגעבער פון „דאָס נייע לעבען", ווו פּסח קאַפּלאַן איז געווען דער רעדאַקטאָר.

ביי די פּועלי־ציון איז דער גאַנצער פירער געווען דער רויטהאָריקער כמיעלניק.

דער דראַמאַטישער קרייז פון „לינת חולים" האָט איינגעאָרדנט אַ ליטעראַרישן משפּט איבער נאָמבערגס „צווישן בערג", ווו חיים וויסאָצקי, דער טאַלאַנטירטער, שפּעטערדיקער שרייבער, איז געווען דער פּאַרטיידיקער און „אני הקטן" — זייענדיק דאַן אַ שטרענגער מאָראַליסט — בין געווען דער באַשולדיקער. איך האָב אויך פאַרנומען די שטרענגע ראָל פון באַשולדיקער אין ליטעראַרישן משפּט איבער „מאָטקע גנב" פון שלום אַש אין „לינת הצדק", ווו מיין קעגנער, דער פּאַרטיידיקער, איז געווען שטיינסאַפּיר, אַ שרייבער און הומאָריסט, וואָס האָט שפּעטער מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע אויסגאַבעס.

דער קולטורקרייז פון „לינת־חולים" האָט געגעבן אָפטע מעדיצינישע רעפע־ראַטן פון דאָקטער זאַדוואָריאַנסקי. אַנדערע האָבן גערעדט וועגן קערפּערלעכער אַנאַטאָמיע, וועגן דער אַנטשטייונג פון קראַנקייטן און דעם קאַמף מיט זיי, אונטער־שטרייכנדיק די באַדייטונג פון היגיענע און ריינקייט. אין שטאָט זיינען געווען דעמאָלט פאַרשפּרייט דער בויכטיפוס און פלעקטיפוס.

עס האָבן זיך שוין דערטראָגן קיין ביאַליסטאָק די קלאַנגען פון דער באַרימ־טער ניי־אַנטשטאַנענער „ווילנער טרופּע" מיטן נייעם רעפּערטואַר: „די פּוסטע קרעטשמע" און „דער דאָרפס־יונג" פון לעאָן קאָברין, און די „גרינע פעלדער" פון פּרץ הירשביין און שפּעטער דער אַזוי באַרימט געוואָרענער „דער דיבוק" פון אַנ־סקי. די נעמען פון די ערשטע אַמאַטאָרן פון דער „ווילנער טרופּע" האָבן אַלע אין ביאַליסטאָק געקענט אויף אויסווייניק. דאָס זיינען געווען: אַלעק־סאַנדער עזרא, סאָניע עלמית, ליובאַ קאַדיסאָן, בח נאָכבוש, טאַנין, קאָוואַלסקי, און דער שפּעטער צוגעקומענער אברהם מאָרעווסקי. ס'איז געווען אַן אָנהייב פון אַ נייער צייט פון דערוואַכונג פון יידישן וואָרט, קולטור, אידעע און קונסט, אַ דער־וואַכונג וואָס האָט אויסגעהאַמערט אַ יידישע יוגנט אין ליבע צו איר פאָלק, מיט חלומות פון סאָציאַלע אידעען און פון געוואַלטיקן דראַנג צו באַפרייען זיך פון גלות־אַסימילאַציע און אַן אָנהויב פון חלומות וועגן אַ זעלבשטענדיקן פאָלק אין אייגענעם לאַנד. אָבער איך האָלט נאָך איצט ביים אָנהויב.

✶

דאָס ייִדישע וויגליד וואָס די מאַמע האָט געזונגען ביים פּאַרוויגן דאָס קינד, איז געווען דער ערשטער קלאַנג פון ייִדיש, וואָס דאָס קינד האָט געהערט. ווען די מאַמע האָט געדריקט אויפן הילצערנעם פּיסל פון דעם האַלברונדן וויגל, און געזונגען אברהם גאָלדפאַדענס:

> אין בית המקדש אין אַ ווינקל־חדר,
> זיצט די אַלמנה בת־ציון אַליין...
> זי זיצט און וויגט דאָס וויגעלע כסדר,
> און זינגט דערביי אַ לידעלע גאַנץ שיין...

דאָס קינד, דאַכט זיך, דרימלט, די אייגעלעך האַלב־פאַרמאַכט, די רונדע, ראָזע בעקעלעך צעפלאַמט אין די ערשטע קינדער־חלומות, אָבער דער פּראָצעס פון איינזויגן דאָס מאַמע־לשון הויבט זיך אָן. אין די לאַנגע נעכט פון מיינע שפּעטערדיקע יאָרן, האָבן מיר דער מאַמעס וויגלידער געקלונגען אין די אויערן ווי פאַרכישופטע אַקאָרדן פון געזאַנג. און מסתמא אויך ביי אַנדערע ביאַליסטאָקער קינדערלעך, אין די זיסע קינדער־יאָרן אין דער מאַמעס הויז.

★

דאָס איז אַ טייל פון דער דערקלערונג פון דעם איבערנאַכט־וווּנדער, פונעם איבערגאַנג פון רוסיש צו ייִדיש פון דער ביאַליסטאָקער יוגנט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נייע נעמען פון שרייבערס האָבן אויפגעבליצט אין דער פאַנטאַזיע פון דער ייִדישער יוגנט. נישט קיין רוסישע נאָר ייִדישע: זינגערס פון סאָציאַלן קאַמף, ווי מאָריס ראָזענפעלד, מאָריס ווינטשעווסקי, באָווּשאָווער, זינגערס פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און קאַמף, ווי חיים נחמן ביאליק מיט זיינע שאַפונגען: „אין דער שחיטה־שטאָט", „המתמיד", „אַ פריילעכס", „אל הציפור", אברהם רייזענס פאָלקסלידער, זלמן שניאורס „מאַרגאַריטקעלעך", ז. סעגאַלאָוויטשעס „שיין איז רייזעלע דעם שוחטס", ש. פרוגס „הכוס" („דער בעכער").

אויך די נעמען פון ייִדישע פּראָזע־שרייבערס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַן אָרט ביי דער ביאַליסטאָקער יוגנט. מענדעלעס „די קליאַטשע", די אַלעגאָריע, דער טרויעריקער פאַרגלייך מיטן ייִדישן פאָלק, „מסעות בנימין השלישי", וואָס האָט דערוועקט ביי דער יוגנט אַ וואַנדערלוסט צו נייע לענדער, נייע זיטן און נייע מענטשן. פּרצעס חסידישע מעשהלעך פון זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זיינען געוואָרן אַ הויפּט־אַטראַקציע פון רעציטירן ביי אַלע ליטעראַרישע אָוונטן, איבערהויפּט „די דריי מתנות", „אויב נישט נאָך העכער", „די אַראָפּגעלאָזענע אויגן", „דער גילגול פון אַ ניגון", „ביים גוסס צוקאָפּנס" און אַנדערע. שלום עליכם האָט געגעבן זיין ביישטייער מיט זיינע קאָמישע איינאַקטערס און צוויי־אַקטערס

וואָס זיינען געוואָרן געוואַלדיק פּאָפּולער, ווי „מזל־טוב", „אַ דאָקטאָר אַ סוחר", „עקספּראָפּריאַציע", „דער גט".

יעדער צווייטער בחור און מיידל האָט געהערט צו אַ ליטעראַרישן אָדער דראַמאַטישן קרייז. ס'האָט גענומען הערשן אַ געוואַלדיקער דורשט נאָך דער גרינט־לעכער קענטשאַפט פון דער יידישער שפּראַך, אויף וועלכער בחור און מיידל האָבן די ערשטע ליבע־דערקלערונגען געמאַכט, דורכגעפלאָכטן מיט געזאַנג און פאַרבאָרגענעם ציטער פון די ערשטע „פלירט־געפילן", פון אויפגעוועקטע פאַר־לאַנגען, איינגעהילט אין איידעלע, צאַרטע געפילן פון ריינער ליבע, אָן רויען סעקס און וולגאַריטעט, וואָס איז געווען אומבאַקאַנט אונדזער דעמאָלטיקער נאַיִווער, ריינער, אומבאַפלעקטער יוגנט, דער דערצויגענער אין דער טראַדיציע פון יידישער „טהרת המשפחה", קדושה פון אַ שענערער העכערער, איידעלער מדרגה ביז צו עקסטאַז פון פאַרגעטערונג צווישן מאַן און פרוי.

*

אויף יוראָווצער גאַס (פּאָטשטאָווע) האָט געוווינט מיין חבר לאַמפּערט, דער הויכער בחור מיט אַ קאַזאַצקער טשופּרינע און מיט אַ שטענדיק הייזעריקלעכן געלעכטער. ער איז געווען שטאַרק באַליבט ביי אונדז. ער האָט זיך געהאָדעוועט ביי אַ באָבען. איין מאָל, אויסנויצנדיק, וואָס זיין באָבע איז ערגעץ אַוועק, האָט ער אונדז פאַרבעטן צו זיך.

ווי שטענדיק איז אונדזער קרייזל באַשטאַנען פון מיינע חברים: שיימקע זאַק, דעם דיקלעכן לוריע, דעם שפּינמייסטערס זון, טשאַפּניצקי, אַ זון פון אַ קאַלאַניאַל־קרעמער פון גומיענער גאַס, שיימקע פּלאַווסקי, אַ זון פון באַקאַנטן סוחר הלל פּלאַווסקי פון הינטער דער טורמע — אַ קרוב פון שיימקע זאַק, — חיים קרוגליאַנסקי, און די מיידלעך רבקה שוואַרצמאַן פון סוראַזער גאַס, די צוויי שוועסטער אָקון, סאָניע ליפשיץ און נאָך אייניקע.

חיים קרוגליאַנסקי, אַ משורר ביי אַ חזן, האָט שטענדיק זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קאַמערטאָן נאָכצומאַכן דעם באַרימטן דיריגענט פון כאָרשול, יעקב בערמאַן. קרוגליאַנסקי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קאַמערטאָן און אָנגעהויבן ציען אַ טערצע, און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ דיסקוסיע וועגן מוזיק. מען האָט נאָר וואָס גע־רעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן: ווו קריגט מען קאַרטאָפל, ווי אַזוי שמוגלט מען אַריין קאָרן, ווו באַקומט מען בוימל צו באַקן און פרעגלען לאַטקעס און ווו דערטאַפּט מען עפּעס אַ גויע מיט אַ שאָק אייער?

דער איבערגאַנג פון פּראָזע צו פּאָעזיע און קונסט און פאַרקערט, איז ווי ביי אַלע יונגע אַ ראַשיקער. די יוגנט־פאַנטאַזיע פאַרבויגט הונגער און נויט און פליט אַריבער אין הויכע וועלטן אין מינוטן, פאַרגעסנדיק די טעגלעכע זאָרגן. און דאָ

האָבן מיר, אַ הונגעריקע גרופּע יוגנטלעכע, זיך אַריינגעלאָזן אין אַ דיסקוסיע וועגן מוזיק.

יעדער קאָמפּאָזיטאָר האָט געהאַט צווישן אונדז הייסע פּאַרערערס. עס זיינען געפלויגן נעמען פון קאָמפּאָזיטאָרן און זייערע קאָמפּאָזיציעס: בעטהאָווען און מאָצאַרט אַלס שאַפערס פון סימפאָניעס. מען האָט פאַרצויגן פראַנץ ליסטס „אונ־גאַרישע ראַפּסאָדיע״, אונטערגעכאַפּט דעם „ליאַלקע־טאַנץ״ פון אַפּענבאַכס „האָפ־מאַנס דערציילונגען״, אויסגעטאַנצט שטראַוסעס סאַלאָן־וואַלצן, געזונגען אין כאָר־די אָריענטאַלישע מאָטיוון פון רימסקי־קאָרסאַקאָווס „שעכערעזאַדע״, פאַרטראַס־קעט די קעפּ מיט אַריעס פון ריכאַרד וואַגנערס סעריע פון „ניבעלונגען״, מיט „טריסטאַן און איזאָלדע״ אַלס די הויפּטהעלדן, אַריעס פון „קאַרמען״, ווונדערלעך מעלאַנכאָלישע מאָטיוון פון איפּאָליטאָוו־איוואַנאָווס „קאַווקאַזער ניגונים״. אָבער דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן געהאַט ביי אונדז שאָפּענס „נאָקטורנען״, און נישט צוליב פּויליש־פּאַטריאָטישע געפילן, נאָר צוליב זיין באַרימטן ראָמאַן מיט דער פראַנצויזישער ראָמאַניסטין זשאָרזש סאַנד, וואָס האָט נישט נאָר געהאַט אַ מענע־רישן פּסעוודאָנים, נאָר אויך געווען די ערשטע פרוי, וואָס האָט געוואַגט צו שפּאַצירן אין גאַס אין אַ פּאָר מענערישע הויזן און אַ צילינדער־הוט!

אָבער פלוצלינג האָט אַ צופּ געטאָן און אַ בורטשע געטאָן אין מאָגן, און לוריע, וואָס האָט געהאַט אַ געזונטן אַפּעטיט און געווען ווייניק פּאַטיש געשטימט, האָט אַ זאָג געטאָן אויף פּשוטן ביאַליסטאָקער לשון:

— חברה! ווו נעמט מען איצט עפּעס אַ געשמאַקן קיי?

האָט עמעצער אונטערגעכאַפּט און גלייך זיך אָוועקגעשטעלט דעקלאַמירן די גראַמען:

חברה יאַטן, עס קאָן נאָך פאַרשאַטן,
נישט רעדט פון מוזיק...
פון פידל און סמיק,
עס איז גוט פאַרן זאַטן...

מיין חבר לאַמפּערט פאַרשעמט זיך, קראַצט זיך אין דער געדיכטער טשופּרינע האָר, רויטלט זיך ווי אַ פאַרשעמט מיידל: — ס׳טייטשט, פאַרבעטן געסט און האָט נישט מיט וואָס מכבד צו זיין... אָבער פלוצלינג לויכט זיין פּנים אויף פון שמחה. ער שלעפּט אַרויס פון אַ פינצטערן ווינקל אַ קליין זעקל מיט קאַרטאָפל, וואָס זעט אויס אַזוי ווילד איינגעקאַרטשעט, מיט לאַנגע ווייסע וואָרצלען ווי די קאַרטאָפל וואָלטן גערעדט צו אונדז: „וואָס ווילט איר פון אונדז? לאָזט אונדז לעבן אויף די עלטערע יאָרן, קוים וואָס מיר זשיפּען״. אָבער לאַמפּערט שטעלט זיך נישט אויסטענהן מיט די ברוגזע קאַרטאָפל, נאָר כאַפּט זיי און

לייגט זיי אויף אַ פּייעראָפּ מיט ברענענדיקע קוילן, און אין אַ פּאָר מינוט דערשמעקט מען אַ ריח פון געבראָטענע קאַרטאָפל — טעם גן־עדן...

לוריע באַרוי̇קט זיך נישט:

— און וואָס הערט מען עפּעס מכּוח אַ געוועגדזלטן הערינג?

— אַזוי! — קרימען אים נאָך אונדזער חברה... אַנדערש פּאַסט דיר נישט... און אַ פּשוט שטיקל הערינג וועסטו נישט באַדרייען (פּאַרדייען)?... זע נאָר אַ יחסן!

— זאָל שוין זיין אַן איינפּאַך שטיקל הערינג — שטימט איין לוריע. — אַן עק און אַ סוף זאָל עס נעמען. זאָל מען שוין עפּעס זען.

מיין חבר לאַמפּערט רוי̇קלט זיך שוין ווידער, אָבער זיין פּנים שיינט ווידער אויף פּאָר שמחה. ער לויפט אַרויס, לויפט אַריין צו אַ שכנה און קומט צוריק מיט אַ קווערטל געזאַלצענעם ליאַק. חברה פּאַטשט בראַוואָ, אָבער סאָניעלע ליפּשיץ קרימט זיך:

— געזאַלצענעם ליאַק גאָר.

פון דעסטוועגן, ווען איך קריג אַ גרויסן, האַלב־שוואַרץ פאַרברענטן קאַרטאָפל, ווי אַ פאַרברענט פון אַ שריפה שטיק האָלץ, און איך ברעך פּאָר איר אָפּ אַ גרעסערע טייל „מעשה קאַוואַליר", באַלעקט זי זיך גאַנץ געשמאַק מיטן געבראָטענעם קאַרטאָפל, וואָס בריט אירע ליפּעלעך, און טונקט אפילו איין אין געזאַלצענעם ליאַק.

איך קאָן נישט ביישטיין דעם יצר־הרע און טוליע זיך געשמאַק צו סאָניען און נאָכן אָפּעסן די קאַרטאָפל פאַרלאַנג איך שוין מיין שכר און קוש געשמאַק אירע ליפּעלעך. אָבער איך פאַרקרים זיך און מאַך אַ זויערע מינע:

— סאָניעלע! דיינע ליפּן שמעקן מיט געזאַלצענעם ליאַק... סאָניע לאַכט:

— וואַרט, וועסט חתונה האָבן מיט מיר, וועסטו זען, וואָס פּאָר אַ געזאַלצענע ווייב איך בין.

אָבער דער יצר־הרע פון קושן זיך שטאַרקט איבער, און מערקווירדיק. נאָך די אַנדערע קושן פיל איך שוין אירע געשמאַקע, זאַפטיקע ליפּעלעך און נישט דעם ליאַק. אַ סברא, אַז מיט מיינע קושן האָב איך שוין אַראָפּגעלעקט דעם ליאַק. און איך שוועב שוין אין וואָלקנס פון גליק. אַלץ איז ביי מיר אַזוי שיין און זיס, מיט חלומות פון אַ שיינעם, לאַנגן, אומענדלעכן לעבן, וואָס פּאַדרייט מיין יונג קעפּל און עס דאַכט זיך מיר, אַז די גאַנצע וועלט איז מיינע.

די וווּנדערלעכע הילף פון „לינת־חולים" פאַר די ביאַליסטאָקער קראַנקע

געוואַלדיק איז געווען די וויטאַליטעט פון ביאַליסטאָקער ייִדן אין דעם פּעריאָד — אַזוי ווי דאָס איז געווען ביי די ייִדן אין אַלע טראַגישסטע און ביטערסטע געשיכטעלעכע מאָמענטן פון צוויי טויזנט־יאָריקן ייִדישן גלות.

די עפּידעמישע קראַנקייטן, דער עיקר די דריי הויפּט־קראַנקייטן: פלעקטיפוס, בויכטיפוס און דיזענטעריע האָבן נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין מינוט — אין אַ שטאַרקערער אָדער שוואַכערער פאָרם. די הויפּט־סיבות זיינען געווען: דער הונגער וואָס האָט געבראַכט אַ מאַנגל אין דער דערנערונג און אַן אָפּשוואַכונג פון די ווידערשטאַנד־פעיקייטן פון קערפּער; די שלעכטע סאַניטאַרע און היגיעניש באַדינגונגען — צוליבן פעלן פון זייף, פון ריינע וועש, ריינע קליידער און נויטיקע מעדיקאַמענטן.

די דייטשישע מאַכט האָט געקעמפט מיט די קראַנקייטן נישט צוליב הומאַני־טאַרע סיבות, נאָר פשוט אויס מורא עס זאָלן זיך פון זיי נישט אָנשטעקן זייערע סאָלדאַטן און אָפיצירן, וואָס זיינען געווען איינגעקוואַרטירט אין פּריוואַטע וווינונ־גען פון דער שטאָט.

די פּרעווענטיווע מלחמה קעגן קראַנקייטן האָבן די דייטשן געפירט מיט דער ספּעציפישער פּרייסישער גראָבקייט פון אַ ראַסע, וואָס האָט שטאַרק געגלויבט אין איר קולטורעלער סופּעריאָריטעט און וואָס איז פעיק צו פאַרשפּרייטן „קולטור" אין דער וועלט בכלל און צווישן די „דומע רוסן" און „שמוציקע יודן" אין די אָקופּירטע געביטן בפרט.

די דייטשן פלעגן גיין פון שטוב צו שטוב, נישטערן אין די בעטן, צעוואַרפן דאָס בעטגעוואַנט, אוועקפירן גאַנצע מחנות מענטשן אין „אַנטלויזונג־אַנשטאַלט" אויף דיזענפעקציע. און אויב עמעצער פלעג צופעליק פאַרבייגיין אַזאַ גרופּע, פלעגט ער ברוטאַל אַריינגעשלעפּט ווערן אין איר.

און אין מיטן פון אָט דער וואַקכאַנאַליע, פון הונגער און קראַנקייטן, פון אָרעמקייט און מענטשלעכער דערנידערונג, האָט זיך צעבליט דאָס ייִדישע וואָרט און די ייִדישע קולטור צווישן אַלע שיכטן פון ייִדישן ביאַליסטאָק מיט אַ ברען, וואָס האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע שטאָט, אָנהויבנדיק פון דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט, האָט אַרומגענומען די מיטליאָריקע און אפילו עלטערע, וואָס האָבן פּלוצלינג דערפילט, אַז ייִדיש איז נישט נאָר אַ שפּראַך פון פאַרשטענדיקן זיך, נאָר אַ לעבעדיק וואָרט פון מאַרך, פון האַרץ, פון דענקען און פון פילן.

★

די עפּידעמישע קראַנקייטן האָבן אַרויסגערוקט אין פֿאָדערגרונט אַן אינסטי־טוציע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין ביאַליסטאָק. דאָס איז געווען דער „לינת־חולים" אויף יאַטקע גאַס. די ערשטע סיבה פֿון איר פּאָפּולאַריטעט האָט זי געהאַט צו פֿאַרדאַנקען איר באַרימטער אַמבולאַטאָריע מיטן קליינעם שטאַב דאָקטוירים, וואָס דער הויפּט פֿון זיי איז געווען אַ יונגער דאָקטער זאַדוואָריאַנסקי, וועלכער האָט פֿאַר דער מלחמה שטודירט אין דייטשלאַנד, האָט דאָרט געמאַכט זיין דאָקטאָראַט און זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק. ער איז געווען אַ גרויסער דיאַגנאָסטיקער.

די צווייטע סיבה פֿון דער גרויסער פּאָפּולאַריטעט פֿון „לינת־חולים" איז געווען דער אייזקעלער — דער איינציקער אין שטאָט — וואָס האָט געקאָנט אין יעדער צייט פֿון יאָר צושטעלן אייז פֿאַר די קראַנקע, און גאַנץ אָפֿט האָט מען געקאָנט זען אַ פֿאַרקלאָגטע ייִדישע מאַמע זיך שלעפּן אין מיטן דער נאַכט צום לינת־חולים צו קריגן אייז פֿאַר איר קראַנק קינד.

די אַמבולאַטאָריע האָט אויך צוגעשטעלט פּענכערס צו האַלטן אייז, פֿאַרוואַקעס אויף אַלקאָהאָל צו מאַכן פֿאַרע פֿאַר האַלדז־קראַנקייטן. אויך די אָפּטיילונג פֿון ליניסטן פֿון „לינת־חולים" איז געווען שטאַרק באַליבט אין שטאָט צוליב אַ גרופּע ביאַליסטאָקער בחורים און מיידלעך וואָס האָבן געבילדעט אַ גרופּע צו ברענגען הילף פֿאַר קראַנקע, און איבערהויפּט צו וואַכן אַ גאַנצע נאַכט, דערלאַנגען צו דער באַשטימטער צייט דעם רעצעפּט, אַרומוואַשן דעם קראַנקן, אָפּמעסטן די טעמ־פּעראַטור און אפֿילו מאַכן אַ גלאָז טיי און אָפּקאָכן אַ ביסל זופּ.

טייערע ביאַליסטאָקער בחורים און מיידלעך! וויפֿל שלאָפֿלאָזע נעכט האָט איר פֿאַרבראַכט ביי די אָרעמע קראַנקע? אַן טומל און אַן אַ דאַנק, אין די קאַלטע ביאַליסטאָקער נעכט, זענט איר געגאַנגען אין די אָפּגעלעגנסטע אָרעמע געסלעך, געקראָכן אויף די הויכע, שמאָלע, פֿינצטערע טרעפּלעך, אין די פֿאַר־וואָרפֿנסטע אָרעמע שטיבלעך, צו טאָן אייער ייִדיש־מענטשלעכער פֿליכט! אַ יוגנט, וואָס איז שוין מער נישטאָ, אַ זעלטענע יוגנט וואָס איז פֿאַרשווונדן און וואָס וועט שוין קיין מאָל מער נישט זיין.

*

די פֿירנדיקע גרופּע פֿון „לינת־חולים" איז באַשטאַנען פֿון איינפֿאַכע „עמך"־מענטשן, אָבער מיט אַ סך ענערגיע און איבערגעגעבנקייט, וואָס האָט „לינת־חולים" אויפֿגעהויבן אויף אַ זייער הויכער מדרגה.

צווישן די וויכטיקסטע פֿירערס זיינען געווען: רייגראָדסקי און זייער פֿרוי, וועלכע האָבן געהאַט אַ פֿאַרבן־געשעפֿט אויף ראָזשאַנסקי־געסל (קעגן איבער דעם לינת־הצדק). סיי ער און סיי זיין פֿרוי זיינען געווען קליינוווקסיקע, לעבע־דיקע ווי קוועקזילבער און פֿול מיט ענערגיע. רייגראָדסקי פֿלעגט איבערלאָזן אין

מיטן טאָג זיין פאַרבן־געשעפט כדי צו דערפילן אַ מיסיע פאַרן לינת־חולים: אַ וויכטיקע באַראַטונג, אָדער דרינגענדיקע הילף פאַר אַ קראַנקן.

וועלוול ליפשיץ (אַ ברודער פון מיין פריינדין סאָניע ליפשיץ) האָט געאַרבעט אין אַ זייפפאַבריק און געווען פאַרקאַכט אין טעטיקייט פאַרן לינת־חולים. אַ פול־לייביקער, מיטלוווקסיקער, מיט אַ סימפּאַטישן שמייכל אויף זיין פּנים, און שמאָלע לאַכנדיקע אויגן, איז ער געווען שטאַרק באַליבט פאַר זיין קלאָרן, גראָדליניקן שכל.

מינעס, אַ בעקערס אַ זון פון לעבן שולהויף, איז געווען דער קעניג פון די ליניסטן און פלעגט יעדעס יאָר באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר זיין גרויסער צאָל נעכט פאַרבראַכטע ביי די קראַנקע און אויך פאַר זיין לייכטער און געניטער האַנט ביים מאַכן איינשפּריצונגען די קראַנקע.

פון וואָס ביאַליסטאָקער יוגנט האָט געחלומט

עס האָט זיך דערנענטערט דאָס יאָר 1917 — אַ יאָר וואָס איז געווען אויפטרייסלענדיק פאַר רוסלאַנד, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און פאַר די ווייטערדיקע צענדליקער יאָרן, פאַר דער צוקונפט פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די הינטערקוליסן־האַנט פון דייטשלאַנד האָט געשטיצט מיט ריזיקע סומעס געלט די באָלשעוויסטישע פירערס פון אויסלאַנד, אין דער שווייץ, און די אונטערערדישע באַוועגונג אין רוסלאַנד. דער רוסישער זעלבסטהערשער, ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש דער צווייטער, איז געווען געצוווּנגען צו אַבדיקירן, איז אַרעסטירט געוואָרן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע און שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן מיט זיין פרוי און קינדער אין יעקאַטערינבורג, אין אַ קעלער, אין הויז פון סוחר איפּאַטיעוו, לויט אַ געהיימען באַפעל פון דער „טשעקאַ". אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איינע פון דעם צאַרס טעכטער, אַנאַסטאַסיאַ, האָט זיך געראַטעוועט דורך אַן אָפיציר, וואָס האָט זי, אַ שווער פאַרווונדעטע, אויסבאַהאַלטן אין געהיים. די געשיכטע איז נישט באַשטעטיקט געוואָרן.

קערענסקי, דער אינטעליגענט און טאַלאַנטפולער אַדוואָקאַט, ווערט דער פירער פון נייעם רוסלאַנד, אָבער זייענדיק געטריי די אַלייִרטע מלוכות ענגלאַנד און פראַנקרייך, פרעדיקט ער פאַרצוזעצן די מלחמה. דער געדאַנק פון פירן ווייטער די מלחמה איז נישט פּאָפּולער ביי די אויסגעמאַטערטע, אויסגעבלוטיקטע רוסישע מאַסן, וועלכע דאַרפן פירן מלחמה אויף די פראָנטן און אַ בירגערקריג אין לאַנד — און די באָלשעוויקעס נוצן דאָס אויס מיטן לאָזונג: „ברויט און פרידן". זיי

צעטרייבן די קאָנסטיטואַנטע, די געזעצלעך אויסדערוויילטע פאַרטרעטערשאַפט פון אַלע רוסישע פאַרטייען, און פאַרכאַפּן די מאַכט.

לעניך, טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמיעניעוו, ריקאָוו, בוכאַרין, יאָפע, לונאַטשאַרסקי און אַנדערע באָלשעוויקעס, ווערן די פירערס פון רוסלאַנד. טראָצקי און יאָפע ווערן דעלעגירט קיין ברעסט־ליטאָווסק צו שליסן אַ וואַפנשטילשטאַנד מיט דייטשלאַנד. טראָצקי, באַזוכנדיק דעמאָלט די ברעסט־ליטאָווסקער פעסטונג, האָט אָנגעשריבן אַ לאָזונג, וואָס ווערט געפּאָלגט ביז היינט פון די סאָוויעטישע הערשערס. דאָס איז זיין באַרימטער לאָזונג: „נישט קיין שלום, נישט קיין מלחמה”, ווייל סאָוויעט־רוסלאַנד קאָן זיך נישט בינדן מיט קיין שלום־טראַקטאַטן, וואָס דאָס וואָלט פולשטענדיק פּאַראַליזירט זייער אונטערגרונט־טעטיקייט פון פּראָוואָצירן מלחמות, אויפשטאַנדן און שטרייקן... און וואָלט געשטערט דער פאַרווירקלעכונג פון דער וועלט־רעוואָלוציע.

✶

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט ביאַליסטאָק נאָכגעפּאָלגט די גוואַלדיקע פּאָלי־טישע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די פאַרשיידענע מדינות באַ־טייליקטע אין דער בלוטיקער מלחמה, וועלכע האָט זיך געשלעפּט לאַנגע יאָרן און בלוטיק אויסגעמאַטערט די סאָלדאַטן באַהאַלטענע אין די פעסטונגען און טראַנשייען, אויסגעגראָבענע אויף מיילן לאַנג אויף אַלע פראָנטן.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין מאָל וועט זיך די מלחמה נישט ענדיקן, און פּלוצלינג האָבן די געשעענישן, די קנאַלנדיקע דונערן, אָפּגעהילכט אין אַלע וועלט־טיילן און אויך אָנגערירט גאָר שטאַרק ביאַליסטאָק, וואָס איז געלעגן אויף די גרענעצן פון דייטשלאַנד, ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

ביאַליסטאָקער היימישע מלחמה־סטראַטעגן זיינען געזעסן איבער די מאַפּעס, געשטאַכן נאַציאָנאַלע פענדלעך אויף דער לאַנדקאַרטע און פּרובירט טרעפן ווי אַזוי די מלחמה וועט פאַרגעזעצט ווערן: ווער עס וועט זיגן און ווי עס וועט אויסזען די שפּעטערדיקע נאָך־מלחמה־מאַפּע. דער גלויבן אין דער דייטשישער מיליטער־מאַכט איז געווען אַזוי גרויס, אַז פיל ביאַליסטאָקער בית־מדרש־פּאָליטי־קערס האָבן זיך געוועט, אַז דייטשלאַנד וועט געווינען די מלחמה. ביז אַמעריקע, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, וואָס די דייטשישע אונטערוואַסער־שיפן דערטרינקען די אַמעריקאַנער שיפן, האָט דערקלערט מלחמה צו דייטשלאַנד און עסטרייך, און זיך אָנגעשלאָסן אין די כוחות פון די אַלייִרטע, געפירט דורך דעם באַרימטן אַמעריקאַנער גענעראַל דזשאָן פּוירשינג.

✶

זייענדיק אין די לעצטע יאָרן אָפּגעריסן פון דער רוסישער שפּראַך, ליטעראַטור און אַלגעמיינער רוסיפיקאַציע, האָט זיך ביאַליסטאָק דורשטיק אַ כאַפּ געטאָן צום

קוואַל פון יידיש, וועלכע איז געוואָרן די אָפיציעלע שפּראַך פון דער גאַנצער יוגנט. אויב עס זיינען געווען געוויסע קרייזן, וואָס האָבן נאָך גערעדט רוסיש צווישן זיך, איז דאָס געווען מער פון געוווינהייט ווי פון קעגנערישקייט צו יידיש.

די ביאַליסטאָקער הויפּט־פּאַרטייען זיינען געווען: די יידיש־סאָציאַליסטישע, ציוניסטישע (פּועלי־ציון, אַלגעמיינע ציוניסטן און מזרחי) און די ניי־געגרינדעטע פאָלקס־פּאַרטיי. אונטער דער לייטונג פון באַרימטן וואַרשעווער אַדוואָקאַט, רעדנער און געזעלשאַפטלעכן טוער, נח פּרילוצקי. אין ביאַליסטאָק זיינען די פּאַרשטייערס פון דער פאָלקס־פּאַרטיי געווען: פּסח קאַפּלאַן, משה וויסאָצקי און אהרן אַלבעק.

אַ גאַר גרויסע אַקטיוויטעט האָבן דאַן אַרויסגעוויזן די יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געלייגט גרויס האָפענונג אויף די פּראָגרעסיווע אידעען פון נייעם רוסלאַנד. קיינעם האָט זיך נישט געגלויבט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן ווערן די הערשערס פון רוסלאַנד, ווו עס זיינען אין משך פון צענדליקער יאָרן געפּרעדיקט געוואָרן פרייהייט־לאָזונגען און ליבעראַלע אַנשויאונגען, וואָס האָבן געשטרעבט איינצופירן אין לאַנד אַ יושרדיקן דעמאָקראַטישן רעזשים.

איך פלעג אָפט אַרויפקומען אין זייער לאָקאַל אויף דייטשער גאַס, וואָס איז געווען בכלל אַ געבענטשטע גאַס פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי: דער שפּעטער אַנטוויקלטער דראַמאַטיש־ליטעראַריש־וואָקאַלישער קרייז, „די אידישע קונסט" און די רעדאַקציע פון „דאָס נייע לעבען".

דער לאָקאַל פון די יידישע סאָציאַליסטן איז געווען אויסערגעוויינטלעך גוט באַזוכט, ספּעציעל אין די פרייטיק־און שבת־אָוונטן, יונגע שרייבערס האָבן דאָרט פאַרגעלייענט זייערע שאַפונגען. אינטעלעקטואַלן און סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקערס האָבן געהאַלטן רעפעראַטן און ס'זיינען אָנגעגאַנגען שטורמישע, לעבהאַפטע דיסקוסיעס איבער פאַרשידענע אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען. דערצו איז דאָרט אויך געווען אַ ביליקער בופעט, ווו מען האָט געכאַפּט אַ קיכל מיט אַ הייסע גלאָז טיי פאַר שפּאָט ביליק.

אָבער אויך די ציוניסטישע וועלט האָט געפיבערט מיטן אָנזאָג פון שיבת־ציון־חלומות. עס האָבן זיך שוין געטראָגן אין דער לופטן קלאַנגען פון אַן אָפיציעלער דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָט זיך אין דעם זעלבן יאָר 1917 (ניינצן הונדערט און זיבעצן) פאַרוואַנדלט אין דער באַרימטער באַלפור־דעקלעראַציע, וועלכע האָט געשפּייזט די האָפענונג אויף אַ יידישן מלוכישן רענעסאַנס. דאָס האָט געשאַפן דעם אויפבראָוז פון ציוניסטישע כוחות אין יידישן פאָלק, און געשטאַרקט די האָפענונג צו פאַרווירקלעכן דעם גרעסטן יידישן חלום: דאָס שאַפן פון אַ יידישער מדינה.

די ערשטע סימפּטאָמען פון דער דייטשישער רעוואָלוציע

ביאַליסטאָק, נײַנצן הונדערט און זיבעצן. די רויִקע יאָרן זײַנען פאַרבײַ. די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט אַ סוף געמאַכט צום מאָנאַרכיסטישן רעזשים פון צאַרישן, דעספּאָטישן הערשער איבער דעם גרויסן רוסלאַנד, אוקראַינע, פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, און עסטלאַנד, האָט געשאַפן גרויס ענטוזיאַזם צווישן די סאָציאַליסטישע קרייזר אין ביאַליסטאָק. די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן, — דער באַרימטער ענגלישער ייִד פון קליינעם ווייסרוסישן שטעטעלע מאָטעלע — וועלכער האָט זיך פיל אויסגעצייכנט אין די מלחמה־יאָרן מיט זײַנע כעמישע דערפינדונגען און האָט באַקומען פאַרן ייִדישן פאָלק די אָפיציעלע פּראָקלאַמירונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע, מיט ענגלאַנד אַלס אַ מאַנדאַטן־מאַכט, האָט אָנגעפילט מיט עקסטאַז די ברייטע ייִדישע מאַסן אין ביאַליסטאָק בכלל און די ציוניסטישע קעמפערס בפרט. דער אַריינטריט פון אַמעריקע אויף דער זייט פון די אַלייִרטע אין דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד און עסטרייך האָט געגעבן גרויסע האָפענונגען, אַז די מלחמה טרעט אַריין אין איר לעצטער סטאַדיע, מיט אַן אָנזאָג פון צוזאַמענברוך פון מעכטיקן דייטשישן מיליטאַריזם.

די ביאַליסטאָקער יוגנט האָט אין די יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע פּלוצלינג זיך געביטן ווי אין אַ כּישוף־מעשהלע. פון דרייצן־פערצן־יאָריקע ייִנגלעך, האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין דערוואַקסענע בחורים, מיט געענדערטע מענערישע שטימען, מיט אַן אָנפאַנג שפּראָצנדיקע וואָנצעלעך און מיט דער זעלבסטזיכערקייט פון אַ יונגן־מאַן, וואָס פילט אין זיך כוחות אַריינצוטרעטן אין לעבן און זאָגן זיין וואָרט. אויך די מיידלעך פון דעם עלטער האָבן זיך אין די עטלעכע יאָר אויסגעפורעמט אין פולשטענדיקע באַרישנעס און פרייליינס, קערפּערלעך גוט אַנטוויקלטע (פרויען ווערן פריער רייפער) און גייסטיק ווייט פאַרויסגעשריטענע, פון פיל לייענען אין די מלחמה־יאָרן די ייִדישע און רוסישע ליטעראַטור און פון נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן מיט ניי־אויפגעשוווּמענע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעען. מען האָט שוין אַזעלכע מיידלעך און בחורים געמוזט „אירצן". עפּעס האָט זיך דער „דו" צו זיי נישט געפּאַסט.

די ראָמאַנטיק האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ גרויס אָרט. ביאַליסטאָקער יוגנט, וואָס איז געווען מערסטנס טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַל ייִדיש, אָבער ווייניק פאַנאַטיש־אָרטאָדאָקסיש (אין קעגנזאַץ צו פּוילישע ייִדן), האָט דערלויבט דער יוגנט אַ פרייע דערציִונג. און פלירט, פאַרליבעניש, „סווידאַניעס" און „אוכאַזשעווען" נאָך מיידלעך, — דאָס אַלץ איז געווען אַ צאַפּלדיקע טייל פון לעבן פון דער ביאַליסטאָקער יוגנט.

דער „גאָראָדסקאָי סאַד", וואָס מען האָט שוין איצט גערופן אויף פּשוט „מאַמע־

לשון" דער שטאָטישער גאָרטן, איז אין די זומערדיקע אָוונטן געווען פאַרפולט מיט יוגנט, וואָס איז געזעסן אויף בעגק פון די אַלעען איבערן גאַנצן גאָרטן.

לאַנגע רייען האָבן געשפּאַצירט אין מיטן די אַלעען, באַדעקנדיק די שיך מיט גרויען שטויב. פאַרלעך — זיך צעטלעך קושנדיק — זיינען געווען אפילו פאַר־רוקט אין די אַלעען איבער דעם טייך „ביאַלע", וואָס האָט אַדורכגעשניטן אַ האַלבע שטאָט און זיך געצויגן דורך דעם שטאָטגאָרטן.

מען האָט שטיפעריש זיך געוויצלט, שפּאַצירנדיק איבער די אַלעען אין ברייטע רייען, „פאַרטשעפּעט" אָן צערעמאָניעס באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מיידלעך.

ראַשיקער געלעכטער פון יוגנט־שטיפערישע מיידלעך, וועלכע האָבן געוווּסט אַז זיי האָבן שיינע קלינגענדיקע שטימען און האָבן דערפאַלג מיט זייער לאַכן, האָבן זיך נישט געלאָזט שטאַרק בעטן און פאַרקלונגען דעם שטאָטישן גאָרטן מיט זייערע הויכע געלעכטערס. מעגערישע, אַלטאָווע און באַסאָווע שטימען, האָבן דיסקוטירט וועגן „הויכע" פּראָבלעמען און פאַרבייגייענדיק, אַ „טורקע" געטאָן אַ מיידל פון סוראַזער גאַס, פון שולהויף, פון פיאַסקעס און כאַנייקעס, וואָס זיינען געווען וויניקער פאַרריסן, ווי די געוועזענע פּראָ־גימנאַזיסטקעס, גימ־נאַזיסטקעס און קאָמערסאַנטקעס פון ניקאָלאַיעווסקע גאַס, דייטשע, פּאָטשטאָווע, גומיענע און ליפּאָווע, וועלכע האָבן נאָך זייער גרויס־האַלטעריי נישט פאַרלוירן. אַ קלייניקייט: זיי זיינען דאָך נישט אַבי־ווער. זייערע טאַטעס זיינען דאָך געווען טוך־פאַבריקאַנטן, אייגנטימערס פון טוך־געשעפטן, אָדער קרעמערס פון גרויסע גלאָז־ אָדער קאָלאָניאַל־ געשעפטן.

אין צערטלס וואַלד האָבן זיך איצט געזען גרופּעס פון בחורים און מיידלעך — ספּעציעל אין די שבתדיקע אָוונטן — אויף דער „גרינער אַלעע". זיי האָבן פאַרחלומט־ראָמאַנטיש געזונגען ייִדישע און רוסישע לידער ווי: סעגאַלאָוויטשעס „שיין איז רייזעלע דעם שוחטס", זלמן שניאורס „מאַרגאַריטקעלעך", די זייער פּאָפּולערע פאָלקסלידער: „אַ בריוועלע דער מאַמען", באַגלייט מיט אַ קרעכץ צו זייערע ליבע און נאָענטע אין דער וויטער אַמעריקע, די לידער „דאָס טליתל" און „דער אידיאָט", אָדער די רוסישע ראָמאַנסן: „אָטשי טשאָרניע", „יאַמשטשיק ניע גאָני לאָשאַדיעי", דאָס פריילעכע „אוגאַר קופּיעץ", דאָס מעלאַנכאָליש־טרויע־ריקע „אַך זאַטשעם עטאַ נאָטש", „וויכאַזשו אָדין יאַ נאַ דאָראָגו", „איידאַ טראָיקאַ" און אַנדערע.

די ביאַליסטאָקער יוגנט, פול מיט חלומות, מיט צעהיצטע בלוטן און נאָך מער צעהיצטער פאַנטאַזיע, איז אַרויסגעריטן אויף דער אַרענע פון יונג־צוזאַגנדיקן לעבן, גרייט צו יוגנט־אַוואַנטורעס און קאַמף פאַר אַ פּאָזיציע אין לעבן, מיט דעם אייגנאַרטיקן טאַלאַנט וואָס די ביאַליסטאָקער יוגנט האָט פאַרמאָגט: שכל, רייפ־קייט, ענערגיע, רעאַליזם און קאָסמאָפּאָליטישן בליק. אַ יוגנט, דערצויגן אין אַ סביבה פון דער ירושהדיקער השכלה־עפּאָכע, פון מסחר, פון באַוווּסטזיניקייט פון

נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע אידעען. אין דער שטאָט וואָס איז געווען אַרומ־גענומען מיט לענדער פון פאַרשידנאַרטיקע קולטורן ווי: רוסישע, דייטשישע, פּוילישע און ליטווישע, וואָס האָבן זיך געגרענצט מיט ביאַליסטאָק, איז אויס־געפורעמט געוואָרן אַ ספּעציעלע יידישע יוגנט — אַ פיינע קאָמבינאַציע פון אַ זעלטענעם טיפּ, וואָס האָט געהייסן: דער ביאַליסטאָקער.

*

עס האָט זיך אָנגעהויבן די דעמאָביליזאַציע צווישן די נידעריקע מיליטערישע ראַנגען פון דער דייטשישער מיליטערישער אָקופּאַציע־מאַכט. אויך די העכערע ראַנגען האָבן שוין געצווייפלט אין זיג; אָבער זיי האָבן נאָך געפּרובירט אָנצוהאַלטן די מאַסקע פון דייטשישער דיסציפּלין און געהאָרכזאַמקייט. ווי אַ בנין וואָס האַלט ביים איינפאַלן, אַזוי האָבן זיך אין דער דיסציפּלין אָנגעהויבן צו באַווייזן גרויסע שפּאַלטן, דורך וועלכע מען האָט געקאָנט זען פיל פאַלן פון גניבות אין מילי־טערישע דעפּאָס. די דייטשישע פאַרוואַלטערס האָבן שטילערהייט געגנבעט און פאַרקויפט די גנבות צו ציווילע.

אייניקע עלעקטראָטעכנישע געשעפטן פון ניקאָלאַיעווסקע, ליפּאָווע און גומיע־נער, האָבן פאַרדינט אַ סך געלט, אויפקויפנדיק אין געהיים פיל עלעקטרישע אַרטיקלען ווי: עלעקטרישע גלעזלעך, קופּערנע קאַבעלדראָט, עלעקטרישע שנורן, איזאָליר־באַנד, וואָס איז שטאַרק גענוצט געוואָרן צוליב דער מאַסן־פאַרשפּרייטונג פון עלעקטרישער באַלייכטונג אין ביאַליסטאָק און אין אַ סך אַרומיקע שטעטלעך, ווו מען האָט אַריינגעשטעלט דינאַמאָ־מאַשינען און אַריינגעצויגן עלעקטריע ווי, למשל, אין סופּראַסלע, ווו הירשהאָרן — דער אייגנטימער פון אַן אַפּרעטור — האָט איבערגענומען די גאַנצע צושטעלונג פון עלעקטריציטעט אין שטעטל.

עס האָבן זיך אויך באַוויזן אין עפנטלעכן פאַרקויף וואָלענע און באַוולנע דעקן, העלע מיליטערישע שיך מיט אַריינגעהאַקטע טשוועקעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ געפערלעכע טראַסקערייַ ביים גיין איבער די ביאַליסטאָקער אַספּאַלטן און ברוק־שטיינער — דאָס אַלץ סחורות וואָס דייטשן האָבן פאַרקויפט. מען האָט שוין נישט מורא געהאַט דאָס צו קויפן, אַזוי ווייט זיינען די דייטשן געווען דערשלאָגן און רעזיגנירט. אפילו מיליטערישע מונדירן זיינען פאַרקויפט געוואָרן פון די דייטשן בגניבה, אָבער זיי האָט מען שוין געפאַרבט און איבערגעניייט.

די מוטער פון מיינעם אַ חבר, וואָס איז געווען אַ כוואַטסקע יידענע און נישט מורא געהאַט אפילו פאַרן טייוול, האָט געהאַנדלט מיט די דייטשן און איין מאָל געבראַכט דריי רעוואָלווערן מיט קוילן, וואָס זי האָט געהאַלטן אין אַ זאַק אונטער די קאַרטאָפל.

די דייטשן האָבן זיך שטאַרק דערנענטערט צו דער באַפעלקערונג. זייער שטאַלץ און גרויסהאַלטעריי איז פאַרשוווּנדן. פּראָפעסאָר ווערעראַקין, אַ באַקאַנטער דייטשישער דאָקטאָר, האָט געפירט אַ ליבע מיט אַן אייגנטימערין פון אַ רעסטאָראַן אויף דער מאַרקגאַס.

אַ טייל פון דער ביאַליסטאָקער באַפעלקערונג, וואָס האָט געמאַכט אַ לעבן פון האַנדלען מיט די דייטשן, האָט געקוקט מיט אומרויִקייט אויף די אָנקומענדיקע געשעענישן. אַ סך פון די וועלכע האָבן זיך שוין איינגעלעבט מיט די דייטשן, האָבן נאָך גוט געדענקט די ביטערע לאַגע פון די ייִדן אין דער צאַרישער אַרמיי און די בלוטיקע פּאָגראָמען. זיי האָבן שוין שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק צו בלייבן אונטער דער דייטשישער הערשאַפט, וואָס איז דאַן, רעלאַטיוו גענומען, געווען אַ ביסל מענטשלעכער ווי דער צאַרישער רעזשים, און האָט נאָך נישט אויפגעדעקט איר בלוטיקע ברוטאַליטעט. אויסער דעם האָט דאָך יעדער ייִד געקענט אַ ביסל דרייען מיט דער צונג און אַריינקוועטשן עטלעכע „סאַמאַכן" אין דייטשמע־רישן ייִדיש, און האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר „פּראָפעסאָר" פון דער דייטשישער שפּראַך... אויף צעפּיקעניש די רוסן, פּאָליאַקן און ליטווינער, וואָס האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר דעם „ייִדישן קעפּעלע" וואָס טענהט זיך אויס פריי מיטן דייטש.

די צעטומלעניש איז געוואַקסן. איין מאָל אין מיטן העלן טאָג, שפּאַצירנדיק אויף ליפּאָווע, לעבן טאָפּאָלסקיס גלאַזגעשעפט, האָב איך בייגעווווינט אַ סצענע וואָס האָט באַוויזן ווי די דייטשן האַלטן מיט דער באַרימטער דייטשישער דיס־ציפּלין.

אַ דייטשישער סאָלדאַט, האַלב־שיכורלעך, מיט אַ צעבראָשטשעטן מונדיר, איז געגאַנגען אויף ליפּאָווע מיט וואַקלענדיקע טריט איבערן טראָטואַר, און אים אַנט־קעגן איז אָנגעקומען אַן עלעגאַנטער דייטשישער אָפיציר, אין אַ שטייפן, געפּאַסטן מונדיר און מיט נאָך שטייפערע שטאָלצע מאַניערן. דער סאָלדאַט האָט פּרובירט סאַלוטירן אָבער דער אָפיציר האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק פון פאַראַכטונג און אים אַ זעץ געטאָן אין ברוסט מיט זיין אָפיצירישן שטעקעלע. האָט דער סאָלדאַט ניש לאַנג געקלערט, אַראָפּגעלאָזן דעם אָפיציר איבערן פּנים אַ „כמאָל" (אַ ביאַליסטאָקער אויסדרוק) און דערביי גענומען טרייסלען דעם אָפיציר „ווי אַ לולב", קריצנדיק מיט די ציין: „דו פערפלוכטער שווייַן..." און ווען דער דייטשישער אָפיציר האָט זיך געכאַפּט צו זיין רעוואָלווער — אָבער נישט געוואַגט צו שיסן — האָט דער סאָלדאַט זיך אויסגעדרייט פון אָפיצירס הענט, דערלאַנגט אים נאָך אַ מאָל אַ „טאַראַבאַנץ" (ווייטער אַ ביאַליסטאָקער אויסדרוק) איבערן קאָפּ און איז אַריינגעלאָפן אין הויף פון טאָפּאָלסקיס גלאַזגעשעפט, וואָס האָט געפירט צו דער יאַטקעגאַס, און איז נעלם געוואָרן.

די סצענע האָט קלאָר געוויזן, ווי דאָס „זיגרייכע" דייטשלאַנד האַלט, מיט זיין

באַרימטן „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס״, צו וועלכן מיין ביאַליסטאָקער חבר הערשל וויינרייך האָט געמאַכט אַ גראַם:

דויטשלאַנד, דויטשלאַנד, איבער אַלעס
נישטאָ קיין ברויט, נישטאָ קיין חלות,
און אין דיין גרויסער, ליבער „היימאַט״
געבליבן איז דער גרויסער דלות...

דער צוזאַמענבראָך פון דייטשישן מיליטאַריזם

די בית־מדרש־יידן ,די שטענדער־דיפּלאָמאַטן, וואָס האָבן געקייעט די באָרד, געדרייט מיטן גראָבן פינגער און געדרשנט מיט דער זיכערקייט פון מיליטערישע סטראַטעגן אַז דייטשלאַנד קאָן נישט פאַרשפּילן די מלחמה, זיינען ביטער אַנטוישט געוואָרן. דער צוזאַמענבראָך פון דייטשלאַנד איז געווען אַ פולשטענדיקער און איז פאַרחתמעט געוואָרן מיט אַ מוראַדיקער מפּלה פאַר דייטשלאַנד דעם 11טן נאָוועמ־בער 1918 אין ווערסאַיער טראַקטאַט.

ביאַליסטאָק האָט אויפגעלעבט. נייע צייטן, נייע האָפענונגען זיינען געוואָרן אויפגעוועקט, ספּעציעל ביי דער יוגנט. „וואָס וועט זיין ווייטער?״ איז געווען די פראַגע וואָס איז געשטאַנען פאַר ביאַליסטאָק.

פּלוצליג, אין איין שיינעם פרימאָרגן, האָט מען דערזען יונגע פּוילישע שקצימ־לעך, מיט ביקסן איבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, פּאַטרולירן די גאַסן. אויף דעם האָט זיך ביאַליסטאָק וויניק געריכט. דער נעכטיקער סטאַשעק, וואַצעק, יאַנעק איז פלוצעם געוואָרן אַ בעל־הבית איבערן יידישן ביאַליסטאָק. פּוילישע פּאַטריאָטן האָבן דעם „פּוטש״ צוגעגרייט שטילערהייט, מיט דער הסכמה פון דער אָפּטרעטנ־דיקער מאַכט פון די דייטשישע „סאָלדאַטן־ראַטן״.

*

מיין מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענע. ווי קומט עס אַז אירע דייטשן, וואָס האָבן גערעדט דעם דייטש פון שמר״ס ראָמאַנען, די גאַלאַנטע, העפלעכע דייטשן, מיט די פיינע מאַניערן, מיט די שיינע ציכטיקע מונדירן, די אָפּיצירן מיט די אַריסטאָקראַטישע מאָנאָקלען אין די אויגן, די אַלץ־קענערס און אַלץ־וויסערס, זאָלן ליידן אַ מפּלה. אַז דאָס פאָלק פון געטע און היינע, זאָל פאַרשפּילן די מלחמה

צו איוואַנען, אפילו שוין מיט דער הילף פון דער ווייטער אַמעריקע, האָט זיך דער מאַמען עפּעס נישט געגלויבט. דערצו זיינען צוגעקומען פרישע מאַמישע זאָרגן.

דער עלטערער זון, דוד, אַ בחור אין מיליטער־יאָרן, און דער יינגערער זון, יאַנקעלע, וואָס איז שוין אויך אַ בחורל וואָס דערנענטערט זיך צו פריזיוו־יאָרן — אין וועלכן מיליטער וועלן זיי איצט דאַרפן דינען? צוויי געזונטע, לעבעדיקע, פריילעכע זין, וואָס טויגן צו מיליטער. ווי פלעגט מען זיך וויצלען אין ביאַליסטאָק? — „גאָדיען צום מיליטער", אַ בראָך צו דער מאַמען.

האָט שוין די מאַמע ווייטער געבראָכן די הענט און איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־זאָרגטע. ווען די מאַמע האָט איצט נישט געהאַט קיין זאָרגן, האָט זי זיך געזאָרגט וועגן שפּעטער. ווי איז גאָר מעגלעך אַז אַ יידישע מאַמע זאָל נישט זאָרגן, ציי איז זי דען אַ גויע?

✶

מיין ברודער דוד האָט זיך קנאַפּ וואָס געזאָרגט. זיין ווייב, שרהלע, האָט אים געקוקט אין די אויגן און געגלויבט אין אים ווי אין אַ גאָט. גישקשה, דוד וועט שוין עפּעס אויסטראַכטן, עס וועט שוין גוט זיין. איר ליבלעכער שמייכל, פול מיט גלויבן, איז נישט פאַרשוווּנדן קיין איין מינוט פון איר פּנים.

און מיין ברודער דוד האָט געהאַט וויכטיקערע דאגות ווי זאָרגן וועגן מיליטער. ער האָט געהאַנדלט מיט טוך: קאַרעלעד, קאַסטאָר, דובליר, דעקן, וואָס מען האָט געהאַט באַהאַלטן אין די מלחמה־יאָרן און וואָס האָבן געשטאַמט פון די ביאַליס־טאָקער פאַבריקאַנטן: גובינסקי, טרילינג, מאַריין, פרייסמאַן, קאַמיכאַוו, ציטרין, מאַעס, פאַרעצקי, גאָוועגסקי, נאָוויק, יודל זילבערפעניג און פרישע מלחמה־פאַב־ריקאַנטן, ווי: גאָטליב־סעלעצקי, מאַרינסקי און שמעון קוליקאָווסקי — וואָס איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די אַרבעטער, וועלכע האָבן אים שפּעטער אַרויס־געראַטעוועט פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאָליציי, ביי איר אַריינמאַרש אין ביאַליסטאָק אין אויגוסט 1920.

די טרעגערס זיינען שוין אַרומגעלאָפן פראַנק און פריי מיט די „פּגרס" אויף די פּלייצעס. מען האָט געצויגן אַ פּאַסיק אָפּן, אָן מורא. אויפן ראָג פון גומיענער גאַס זיינען געשטאַנען „בירזשעוויקעס", וואָס האָבן געהאַנדלט מיט „האַרטע" (גאָלד־מטבעות) און ווייכע (פּאַפּירגעלט), מיט רוסישע קערענקעס, צאַרסקע רובלס, דייטשישע אָסט־מאַרקן, ענגלישע פונטן און „לאָקשן" (אַמעריקאַנער דאָלאַרן). מיין ברודער דוד האָט געהאַנדלט מיט דייטשישע סחורות און אפילו איינגעהאַנדלט אַ רעוואָלווער מיט קוילן.

אויף די פּוילישע שקצימלעך מיט די ביקסן, אויף די יונגע שנעקעס, האָט מען זיך כמעט נישט אומגעקוקט. מען האָט געמיינט, אַז עס איז אַן איבערגאַנג אַזאַ, אַ חולאת וואָס וועט פאַרשווינדן. אַז ביאַליסטאָק וועט אַריינפאַלן צו אַ מער געזי־

כערטן לאַנד מיט אַ וועלטנאַמען, מיט אַ סאָלידער, געזיכערטער רעגירונג. מען האָט די פּוילישע שקצימלעך געהאַלטן פאַר צייטווייליקע בעלי־בתים.

ביאַליסטאָק אונטער דער פּוילישער הערשאַפט

גאַנץ שנעל איז געקומען די ביטערע אַנטוישונג מיט דער פּוילישער הערשאַפט. דער יונגער פּוילישער רעקרוט איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ גוט־מושטרירטן פּוי־לישן עלטערן „זשאָלניעזש". די פּוילישע פּאָליציי האָט זיך אַ נעם געטאָן צו מאַכן „פּאָזשאָנדעק" (אָרדענונג). ביי דער דעמאָביליזירונג פון דער דייטשישער אַרמיי איז פון אַ טייל פון איר, וואָס איז באַשטאַנען פון פּאָליאַקן פון פּויזן, וואָס האָבן געקענט ביידע שפּראַכן, דייטש און פּויליש, געשאַפן געוואָרן אַ מיליטערישע אָפּטיילונג, אונטער דער אָנפירונג פון טרויעריק באַרימטן גענעראַל פון פּויזן, יוזעף האַלער. די האַלערטשיקעס" (וואָס מ'האָט אויך גערופן „פּאָזנאַנטשיקעס") מיט די פּירקאַנטיקע היטלען זיינען גאַר שנעל געוואָרן די אַמיסטע אַנטיסעמי־טישע אָפּטיילונג פון דער פּוילישער אַרמיי. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די יידן אין גאַנץ פּוילן מיט זייער ברוטאַליטעט און אַנטיסעמיטישע עקסצעסן. צו די טרויעריקסטע קאַפּיטלען פון יענער צייט געהערן די עקסצעסן אין לאַפּי (אַ שטעטל נישט ווייט פון ביאַליסטאָק), ווו מען האָט אַראָפּגענומען יידן פון דער באַן און זיי געשמיסן מיט לעדערנע פּאַסקעס.

די יידישע צרות מצד דער נייער פּוילישער מאַכט האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. מען האָט געריסן די יידן די בערד, אויסרייסנדיק צוזאַמען מיט די האָר אויך שטיקער פלייש. מען פלעגט אַרויסוואַרפן יידן פון די פענצטער פון די באַנען אין מיטן גאַנג, מען פלעגט שלאָגן יידן מכות רצח. די פּוילישע פּאָלי־ציאַנטן פלעגן צוליב רשעות אומוואַרפן קאָשיקעס מיט סחורות פון אָרעמע הענד־לערקעס אין רינשטאָק אַריין. די פּוילישע אַנטיסעמיטן זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל דרייסטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנטיסעמיטישע אַקציע צו צווינגען אַ טייל פון דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע אַרויסצוואַרפן די יידישע אַרבע־טער פון די וועבערייען, שפּינערייען און רייסערייען און פאַרבייטן זיי מיט פּוילישע אַרבעטער, כלומרשט אַלס גערעכטע פאָדערונג פון פּראָצענטועלער נאָרמע פון אַרבעטס־פאַרטיילונג.

די פּוילישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן אַרויסשטעקן אירע שאַרפע, גיפטיקע, שפּיציקע אַנטיסעמיטישע נעגל.

די טויזנט־יאָריקע געוווינהייט פון יידישן פאָלק זיך צוצופּאַסן צו אַלע באַדינ־

גונגען האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן ביי די ביאַליסטאָקער יידן, ביים צופּאַסן זיך צו דער „נייער אָרדענונג", צו דער פּוילישער הערשאַפט.

עס האָבן זיך געעפנט שולעס אין דער פּוילישער שפּראַך: עלעמענטאַרע פאָלקסשולעס („שקאָלאַ פּאָווּשעכנאַ"), אייניקע גימנאַזיעס. צווישן די לעצטע איז געווען גוטמאַנס העברעישע גימנאַזיע, וואָס האָט געהאַט פון רעגירונגס־רעכט מצד דער פּוילישער מאַכט; דרוסקינס גימנאַזיע (איר דירעקטאָר, דרוסקין, פריער לערער פון יאַפּעס שולע); ס'האָט אָנגעהויבן צוריק צו פונקציאָנירן די האַנטוועקער־שולע אונטערן נאָמען „שקאָלאַ זשעמיעשלניטשאַ" מיט קורסן פאַר סטאָלעריי, שלאָסעריי, מעבל־אויסאַרבעטונג, טעקסטיל און עלעקטראָ־טעכניק (אַ ניי־איינגעפירטער קעגנשטאַנד), מיט אינזשיניער מרדכי זאַבלאָדאָווסקי אַלס דיריק־טאָר; אויך די „תחכמוני" איז צוריק געוואָרן טעטיק ווי אַ העברעישע שולע, מיט ה' עקשטיין אַלס דירעקטאָר און מיט אַ צוזאַמענשטעל פון גוטע לערערס: חנה סטאָלאָווּאַ, לוי שקאָלניק, ד"ר טולעמאַן (פּוילישע ליטעראַטור) א. אַנד.

איבער נאַכט האָט די יידישע יוגנט אָנגעהויבן צו רעדן פּויליש. עס איז געווען צו באַוווּנדערן, ווי שנעל די יידישע קינדער האָבן באַהערשט די פּוילישע שפּראַך און גערעדט אַ ליטעראַרישן פּויליש. געבוירענע פּאָליאַקן האָבן אויסגעזען ווי פּראָסטע פּויערים, מיט זייער פּרימיטיוון, אָרעמען פּויליש, אין פאַרגלייך מיט יידן. עס איז געוואָרן אַ מאָדע צו רעדן פּויליש ספּעציעל ביי יונגע מיידלעך. ווען אַ ביאַליסטאָקער מיידל האָט גערעדט רוסיש, האָט מען זיך געוויצלט, גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און זי באַדויערט, זאָגנדיק: נעבעך אַן אַלט מיידל, שטאַמט נאָך פון ניקאָלאַיס צייטן. דאָך האָט די יידישע יוגנט, אַן אויסגעבילדעטע אין רוסישע גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן, נאָך אַלץ פאַראַדירט מיט רוסיש, נישט אויפגעגעבן איר ליבע צו דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, און דעמאָנס־טראַטיוו — שפּאַצירנדיק אויף די גאַסן — גערעדט הויך רוסיש, וואָס האָט גע־גרילצט אין די אויערן פון די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אין דעם געזען אַן איגנאָרירן פון דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער מלוכה. פּאַקטיש איז עס געווען אַ בכיוונ־דיקער שטאָך פון אַ ריי שטאָלצע יידן צו די פּאָליאַקן, צו באַווייזן, אַז אין דער אַנטיסעמיטישער, צאַרישער רוסלאַנד איז געווען פיל ווייניקער אַנטיסעמיטיזם, ווי אין דער ניי־אַנטשטאַנענער, אָבער שוין דורכגעפּרעסענער מיט שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם, יונגער פּוילישער מלוכה.

*

די פּוילישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן מאַכן „אָרדענונג" אין דער פראַגע פון פּוילישער בירגערשאַפט און געמאַכט גרויסע שוועריקייטן צו ווערן אַ בירגער. די פראַגע פון „אָביוואַטעלסטוואָ" איז געשטאַנען אין איר פולער שאַרפקייט אויפן טאָגאָרדנונג, נאָר יידן, געבוירענע אין די גאָזעצטע דורך פּוילן געביטן, זיינען

אַנערקענט געוואָרן אַלס פּוילישע בירגער. אַנדערע יידן — אָפּשטאַמיקע פון רוס־לאַנד, ליטע, באַלטישע לענדער אָדער פרעמדע לענדער, וואָס האָבן שוין געווינט צענדליקער יאָרן אין ביאַליסטאָק — האָבן קוים מיט צרות אַרויסבאַקומען נאָר אַ „טימטשאַסאָווע", דאָס הייסט אַ צייטווייליקע קאַרטע אַלס צייטווייליקע איינ־וווינער באַקאַנט אונטערן נאָמען „קאַרטאַ פּאָביטו", וואָס האָט געמוזט יעדע פּאָר יאָר באַנייט ווערן. דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן חסד אין די אויגן פון דער פּוילישער מאַכט. דער וואָס האָט געהאַט אַ „קאַרטאַ פּאָביטו" איז געווען ממש אויף הפקר, זייענדיק שטענדיק באַדראָט אויסגעוויזן צו ווערן פון לאַנד.

פּוילן האָט גלייך אין אָנהייב פון איר אַנטשטייונג באַשלאָסן שטרענג אָפּצו־שליסן איר טעריטאָריע פאַר „אומגעוווּנטשענע עלעמענטן". דער נאַקעטער, ברו־טאַלער שאָוויניזם האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. אויף די גאַסן האָבן מאַרשירט פּוילישע זעלנערס, זינגענדיק דאָס באַרימטע פּוילישע באַפרייונגס־ליד „מיר פּיערוושאַ בריגאַדאַ" און „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ", אויף וואָס יידישע לצים האָבן גלייך געמאַכט אַ ווירדיקן פּאַראָדיע־ליד: „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ פּוקי מי זשיעמי, יעשטשע וואָדקאַ ניע סקוואַשניאַלאַ פּוקי מי פּיעמי" (פּוילן איז נאָך נישט פאַרלוירן, אַזוי לאַנג ווי מיר לעבן; שנאַפּס איז נאָך נישט זויער געוואָרן, אַזוי לאַנג ווי מיר טרינקען) — אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש אויף דער שטאַרק פאַרשפּרייטער שיכּרות צווישן די פּאָליאַקן.

אין דער פּוילישער פּרעסע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַרטיקלען וועגן געוויסע טעריטאָריאַלע פאָדערונגען צו רוסלאַנד, ווי למשל אויף מינסק (ווייס־רוסלאַנד), ווו עס איז כּלומרשט דאָ אַ גרויסער פּראָצענט פּאָליאַקן. שפּעטער איז אַרויסגעוואַקסן דער אַוואַנטוריסטישער „מאַרש אויף קיעוו". די טעריטאָריאַלע פאָדערונגען פון פּוילן צו רוסלאַנד האָבן שטאַרק געשמעקט מיט די דייטשישע טעאָריעס פון „לעבנסרוים" און „דראַנג נאָך אָסטען" (רוסישע טעריטאָריע). דאָס איז געווען אַ פּרווו פון דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער מלוכה צו פאַר־כאַפּן רוסישע טעריטאָריעס, אויסנוצנדיק דעם רעוואָלוציאָנערן כאַאָס און ביר־גערקריג אין רוסלאַנד, ווו די באָלשעוויקעס, נאָכן צעטרייבן די „קאָנסטיטואַנטע", האָבן געהאַט צו פירן אַ ביטערן קאַמף מיט די ווייס־גוואַרדייישע אַרמייען פון אַדמיראַל קאָלטשאַק, גענעראַל קאָרנילאָוו, און אַנדערע, מיט די מערדערישע אַנטיסעמיטישע קאָזאַקן־אַטאַמאַנען ווי פּעטליוראַ און מאַכנאָ און זייערע בלוט־דורשטיקע באַנדעס, ווי אויך מיט פאַרבליבענע רעשטלעך פון פראַנצויזישן מיליטער אין אָדעס און פון אַמעריקאַנער מיליטער אין אַרכאַנגעלסק.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין שפּיץ פונעם ניי־אַנטשטאַנענעם פּוילן איז געשטאַנען יוזעף פּילסודסקי, פריער אַ טוער פון פּ.פּ.ס. (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ), האָבן אָבער די שאָוויניסטישע רעכטע עלעמענטן, די ענדע־קעס (נ.ד. — נאַראָדאָוואַ דעמאָקראַציאַ), וואָס האָבן זיך דעמאַגאָגיש גערופן

פאָלקס־דעמאָקראַטן (פונקט ווי די שפּעטערדיקע היטלעריסטן האָבן זיך גערופן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן) געגומען ווערן גאַר אַקטיוו.

די נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע פּוילישע פירערס האָבן שוין אין די האָניק־חדשים פון באַפרייטן פּוילן אַרויסגעשטעקט זייערע גיפטיקע קעפּ. דאָס האָט שפּעטער געבראַכט צו דער דערמאָרדונג פון פּראָגרעסיוון, ליבעראַלן פּוילישן פּרעזידענט נאַרוטאָוויטש. דאָס איז געווען אַ פינצטערער שאָנדפלעק אויף דעם יונגן פּוילן; דאָס איז אויך געווען אַן אָנזאָג אויף וועלכן וועג דאָס ניי־אַנטשטאַנענע פּוילן פאַרנעמט זיך און ווי טראַגיש דער גורל וועט זיין פאַר דער ייִדישער מינדערהייט, וואָס וועט דאַרפן לעבן און אָטעמען אין אַזאַ פאַרסמטער, רעאַקציאָנערער, אַנטיסעמיטישער מלוכה.

*

די נעמען פון אַ ריי גאַסן אין ביאַליסטאָק זיינען געענדערט געוואָרן. די באַרימטע ניקאָלאַיעווסקע איז געענדערט געוואָרן אויף „אוליצאַ סיענקעוויטשאַ"; די דייטשע גאַס, וואָס האָט געפירט צום שטאָטגאָרטן, האָט באַקומען דעם נאָמען „קילינסקי־גאַס"; דער גרויסער מאַרק לעבן די ברעמלעך, האָט באַקומען דעם נאָמען פון פּוילישן נאַציאָנאַלן העלד און זיך גערופן „רינעק קאָשציושקי".

ביאַליסטאָק האָט, דאָס ערשטע מאָל אין איר געשיכטע, דורכגעפירט דעמאָקראַטישע וואַלן פון אַ ייִדישער קהילה, ווו די גאַנצע שטאָט און אַלע פּאַרטייען האָבן זיך אין זיי באַטייליקט. עס איז געווען אַ פאַרביסענער קאַמף צווישן פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס צו זיין פאַרטראָטן אין דער ערשטער דעמאָקראַטיש־דערוויילטער קהילה, וואָס האָט געדאַרפט זיין די רעפּרעזענטאַנץ פון אָרגאַניזירטן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ביאַליסטאָק.

די הויפּט־פּאַרטייען, וואָס האָבן אָנגעפירט דעם קאַמף, זיינען געווען: די אַלגעמיינע ציוניסטן, מיט כייקל אַלדאַק, אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַסן פּנים און אַ פּאָר פייערדיקע, נערוועזע אויגן, דער הויפּט־רעדנער אין ציוניסטישן לאָקאַל בית־עם; די פּועלי־ציון, מיט דעם רויטהאָריקן פירער, כמיעלניק, אין דער שפּיץ; די אָרטאָדאָקסישע גרופּעס, וואָס האָבן די וואַל־אַגיטאַציע געפירט אין אַלע בתי־מדרשים; דער „בונד" מיט שאול גאָלדמאַן און יעקב וואַקס אַלס פירערס; די ס.ס.־פּאַרטיי מיט די גוט־באַקאַנטע אַרבעטער־פירערס: יעקב פּאַט, ישראל גייסט, בישקע גדאַנסקי, משה לעוו, זיידל נאָווינסקי און אַנדערע, וואָס האָבן געפירט זייער אַגיטאַציע אין זייער לאָקאַל אויף דייטשער גאַס און אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אַפילו אין „פּאַלאַס־טעאַטער". צבי ווידער, דער בעקער, אַ פעיקער רעדנער און פּובליציסט פון „דאָס נייע לעבען" איז געווען דער פאַרשטייער פון די האַנטווערקער. אַפילו דער סוחרים־פאַראיין און דער לאָקאַטאָרן־פאַראיין האָבן געהאַט זייערע ליסטעס. אַ גרויסן פּלאַץ אין די וואַלן האָט אויך פאַרנומען די פאָלקס־פּאַרטיי, וואָס איר פירער אין פּוילן איז געווען דער באַרימ־

טער יידישער אַדוואָקאַט און זאַמלער פון פאָלקלאָר, נח פרילוצקי. די הויפּט־פירערס פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אין ביאַליסטאָק זיינען געווען: דער רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבען" פסח קאַפּלאַן, דער זשורנאַליסט און רעדנער משה וויסאָצקי און דער אַרויסגעבער פון „דאָס נייע לעבען" אהרן אַלבעק. די פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָט אפילו אַראָפּגעבראַכט זרובבלען, וואָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אַלס אַרבעטער־פירער, ציוניסט און מאַסן־רעדנער.

אַ סך קאָמישע קוריאָזן זיינען פאָרגעקומען בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע. אַט גייט אַן אַלטע יידענע אויף גומיענער גאַס, אַ יונגערמאַן, וואָס טיילט פלוגבלעטלעך, שטייט צו צו איר זי זאָל שטימען פאַר די ציוניסטן און טענהט מיט איר איין:

— באָבעשי! איר ווילט פאָרן קיין ארץ־ישראל?

— אוודאי, זון מיינער — ווערט די פרומע יידענע אָן אויפגעלעבטע — אוודאי וויל איך פאָרן קיין ארץ־ישראל. וואָס דען, באַגראָבן ווערן אין באַגנאָווקע?

— איר הערט, באָבעשי, טאָ זאָלט איר שטימען פאַר די ציוניסטן, וועט איר פאָרן קיין ארץ־ישראל.

גייט פאַרביי אַ פייערדיקע בונדיסטקע, ווערט זי אַ צעקאָכטע און גיט אַ זאָג צו דער יידענע:

— באָבעשי, וואָס איז אייער זון? אַן אַרבעטער?

— וואָס דען, ער איז אַ באַנקיר? — שמייכלט די יידענע — ער איז אַ קאַמאַשן־שטעפּער, אַן אָרעמער אַרבעטער, נעבעך, פינצטער איז מיר.

— באָבעשי! — זאָגט מיט ברען די בונדיסטקע — טאָ זאָלט איר שטימען פאַר די אַרבעטער, פאָרן „בונד", פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטער־קלאַס, און נישט פאַר די ציוניסטישע בורזשויקעס, קאַפּיטאַליסטן.

ביאַליסטאָק האָט אָבער אין יאָר 1919 אויך געהאַט גרויסע פאַרלוסטן. עס איז געשטאָרבן דער באַרימטער רב ר' חיים הערץ האַלפּערן, וואָס איז געווען אויסערגעוויינטלעך באַליבט פאַר זיין פּשטות, געטריישאַפט און ליבשאַפט צו די אָרעמע יידישע מאַסן. עס איז געווען באַקאַנט, אַז ער האָט זיך ממש געטיילט ביסן ברויט מיט אָרעמע יידן, וועלכע האָבן זיך געווענדעט אין הילף, און ער אַליין איז געווען ווייט פון צו זיין אַ גביר. בעת זיין לוויה זיינען די גאַסן פון ביאַליסטאָק געווען באַלאַגערט פון טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו. ר' חיים־הערץ איז געווען איבער 50 יאָר מורה־הוראה אין ביאַליסטאָק, און נאָכן טויט פון ר' שמואל מאָהילעווער, פאַרנומען זיין כסא־הרבנות.

עס איז אויך געשטאָרבן דער קאָברינער רבי נחומקע קאָברינער, דער שווער פון רב ר' מאיר שצעדראָוויצקי, וועלכער האָט געוווינט אויף גומיענער גאַס, נעבן דער בריק פון טייכל ביאַלע. ר' מאירקע איז אין אונדזער משפּחה געווען

שטאַרק באַליבט און מען האָט נישט געגעבן אַ טראָט אָן זיך צו באראַטן מיט ר' מאירקען, וועלכער איז געווען אַ קלוגער און שיינער ייִד, מיט אַ פּאָר קלוגע אויגן, אַ פרישן ראָזן פּנים, ווי אַן אויסגעמאָלטער פּנים פון יוסף הצדיק.

עס איז אויך געשטאָרבן דער באַוווסטער העברעישער דיכטער, לערער פון שפּראַכן און שטאָטוויצלינג, מנחם־מענדל דאַווידזאָן, וועלכער איז געווען דער פאָטער פון באַקאַנטן מאָלער, פריילעך ־גוטמוטיקן וויצלער און האַרציקן פאָלקסייִד, פון דער מאָלער־פירמע דאַווידזאָן־ראַדושקאָוו. דאַווידזאָן האָט איבערגעלאָזן צוויי טייערע קינדער, אייניקלעך פון מנחם־מענדל דאַווידזאָן, האַרציקע ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט. דאָס זיינען: ראַול דאַווידזאָן, אַ באַקאַנטער פאַרמעגלעכער דימענט־סוחר אין אַנטווערפּן, וואָס האָט שטודירט אין אַ בעלגישן אוניווערסיטעט און האָט אַ טייער גוט הארץ און העלפט אינסטיטוציעס און יחידים, ווי אויך אַ צווייט אייניקל: דבורה קליין־דאַווידזאָן, אַן אינטעליגענטע ייִדישע טאָכטער, די פרוי פון האַרציקן ייִדישן פאָלקסמענטש, שמעון קליין. דבורה קליין־דאַווידזאָן האָט אויך טאַלאַנט פאַר ייִדישער נגינה און פאַר האַרציקע ייִדישע פאָלקסלידער, וואָס ציען דעם ווייטערדיקן יחוס פון דער משפּחה דאַווידזאָן.

טיפּן פון ברעמל־קרעמערס

נעבן אונדזער קרעמל פון שפּאַגאַט און שטריק איז געווען די שוכקראָם פון בערל גרינשטיין, אַ ייִד מיט אַ ברוינער, ברייטער באָרד, מיט גוטע, מילדע אויגן, פלינקע, האַסטיקע באַוועגונגען און מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף זיינע ליפּן, אַ בטחונדיקער שמייכל פון אַ ייִדן, אַ ירא־שמים, וואָס נעמט אַלץ אָן פאַר ליב און גלויבט אייזן־פעסט אין גאָט פון ישראל.

איך האָב קיין מאָל נישט געזען אַז בערל זאָל זיך בייזערן — אויסער פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ער איז געווען דער ערשטער צו פאַרמאַכן די שוכקראָם. אַרויסגייענדיק יעדע פּאָר מינוט פון קרעמל, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ צום שטאָט־זייגער און אַריינגייענדיק צוריק אין קראָם, פלעגט ער אַ זאָגט טאָן צו זיין ווייב מושקע:

— נו, געגנוג שוין געאַרבעט פאַר יאַנעקן מיט סטאַשעקן, שיך צו באַזאָרגן. מושקע! צייט צו פאַרמאַכן די בודע. יענע וועלט איז אויך אַ וועלט, און שבת איז איבער אַלץ.

מושקע, אַ שטילע, האַרציקע ייִדענע, מיט אַ קלוגן, ווייבערישן שמייכעלע,

מיט אַ פּאָר אויגן פון אַ שטילער טויב, האָט אַפילו געהאַלטן, אַז בערל איז צו פיל פרום, זאָרגט זיך צו פיל פאַר יענער וועלט און וויניקער פאַר דער וועלט. אָבער, צוליב שלום־בית, ווי אַ גוטע, פרומע, ייִדישע טאָכטער דאַרף זיין, האָט זי נישט ווידערגעשפעניקט און רויִק, געלאַסן, ווי איר שטייגער איז געווען, פאַר־מאַכט די הילצערנע טירן, פאַרלייגט די אייזערנע שטאַבקע מיטן שלאָס און געגאַנגען מיט איר בערלען, באַגעגענען דעם ליכטיקן, פריידיקן שבת.

אַ גאַנצע וואָך אָבער איז מושקע מיט בערלען געווען איינגעשפּאַנט אין דעם קרעמל צו פאַרקויפן פּויערים און פויערטעס לאַסטעבנע שיך, שטיוולעטלעך מיט גומענע זייטלעך, הויכע שיך מיט צוואַנציק קנעפּלעך, וואָס מען האָט געמוזט פלינק און קונציק פאַרשפּיליען מיט אַן אייזערנעם שפּיליער; פּעטערבורגער קאַלאָשן מיטן רויטן שטעמפּעלע פון „טרעוגאָלניק״, באַלעבאַטישע — פאַרן רייכן קלאַס — געמזענע שיך פון ווייכן לעדער, זיי זאָלן נישט קוועטשן די גבירישע הינער־אויגן אָדער גאָר ביליקע, גראָבע יוכטענע שיך פון האַרטן לעדער, וואָס אַז מען האָט זיי געטראָגן, האָט מען געזען פייער פאַר די אויגן. אָבער געטראָגן האָבן זיי דאָך אָרעמע לייט און אַן אָרעמאַן איז געוווינט צו ליידן. וואָס דען, די גבירים זאָלן ליידן?

בערל מיט מושקען האָבן געהאַט אַ בן־יחידל דודל. איז ער געווען איידל, פיין, שטיל און גוט, פונקט ווי טאַטע־מאַמע. דער זאָג, אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע, האָט זיך ביי זיי הונדערט פּראָצענט באַשטעטיקט, ווייל דודל איז יעדע מינוט גרייט געווען עמעצן צו העלפן, טאָן אַ טובה. בערל און מושקעס גוטסקייט איז געווען אַ נאַטירלעכע, געקומען פון טיפן האַרצן און איבערצייגונג אַז: „על שלושה דברים העולם עומד״, וואָס גמילת חסדים איז איינע פון זיי. און ווען אַ קרעמער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער, ווייל מאָרגן דאַרף ער צאָלן אַ וועקסל און ער האָט נישט דערווייל קיין פּרוטה, האָט שוין בערל דאָס דערשמעקט, אַריינגערופן צו זיך דעם שכן דעם קרעמער און שנעל אַ זאָג געטאָן צום ייִדן ווי זיין שטייגער איז געווען: נאַרישער ייִד, וואָס זאָרגט איר? גאָט איז אַ פאָטער. אַז ער מאַכט לעבן, גיט ער צום לעבן. און זיך ווענדנדיק צו מושקען פלעגט ער זאָגן: מושקע, נעם אַרויס די פופציק זלאָטעס און גיב אַ גמילות חסד! און טרייסטנדיק דעם פאַרשעמטן שכן, פלעגט ער צוגעבן: היינט וועט איר לייען ביי מיר, און מאָרגן וועל איך לייען ביי אייך. אַ וועלט גייט נישט אונטער. כאָטש בערל האָט געוווסט, אַז ער וועט צו זיין שכן נאָך קיין גמילות חסד נישט דאַרפן אָנקומען, ווייל בערל האָט געהאַט געלט, געפירט סאָליד זיין מסחר און געווען אַ קליינער בעל־הוצאה. און ווען עס האָט שוין אַ מאָל יאָ געטראָפן, אַז בערל האָט גראָד נישט געהאַט קיין מזומן, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און געהייסן דעם ווייב פאַרזעצן די צירונג און געבן אַ גמילות־חסד.

בערל גרינשטיין האָט געהאַט אַ ברודער שויקע, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שוכקראָם אין די ברעמלעך, אָבער שויקע איז שוין געווען געקנאָטן פון אַן אַנדער טייג. ער איז געווען דער היפוך פון בערלען. אַזוי ווי בערל איז געווען אַ שטילער ייִד, וואָס איז מיט אַלץ געווען צופרידן און זיך נישט געיאָגט נאָך קיין געלט, אַזוי איז שויקע געווען אַ גרויסער איינרייסער, געווען פאַרקאָכט אין געלט, געפירט גרויסע געשעפטן, געווען אַ קאָמפּמענטש אין מסחר און האָט אַרויס־געקוקט מער צו מענטשן ווי צום רבונו של עולם. ער איז געווען ראַיעל אין מסחר, אָבער ווען עס איז נויטיק געווען, האָט שויקע געקאָנט ריזיקירן מיט טויזנטער זלאָטעס, פירן מסחר מיט אַ ברייטער האַנט און מען האָט שטאַרק גע־האַלטן פון זיינע סוחרישע פעיקייטן. עס איז מערקווירדיק, ווי ביי איין טאַטע־מאַמע קענען זיך איינגעבן צוויי קינדער, צוויי וועלטן, צוויי קאָנטראַסטן, צוויי היפּוכדיקע מענטשן, אינערלעך און אויסערלעך, ווייל שויקע האָט נישט געטראָגן קיין באָרד, געווען אַ ייִד מיט אַן אָפּגעראַזירט פּנים, נישט געיאָגט זיך נאָך אַ מנחה אָדער אַ מעריב און צורו געלאָזט דעם אויבערשטן. אַ סברה, אַז שויקע איז געווען גליקלעך וואָס דער אויבערשטער לאָזט אים צורו און מישט זיך נישט אין זיינע געשעפטן.

קעגן איבער בערל גרינשטיינס שוכגעשעפט, נעבן לעאָן און געניע דרייזינס גאַלאַנטעריע־געשעפט, האָט זיך רחבותדיק צעלייגט אַ פאַרבגעשעפט, וואָס איז געווען גרויס ווי פיר קראָמען אין ברעמל. דער בעל־הבית פון דעם פאַרבגעשעפט איז געווען מוישקע באַכראַך, אַ מאָדערנער ייִד, מיט אַ פּאָר קלוגע, לויפנדיקע אייגעלעך, מיט אַ כיטרען שמייכעלע און אַ גוטן, קלוגן סוחרישן קאָפּ אויף די פּלייצעס. דער מיטלוווקסיקער מוישקע מיטן באַחנטן פּנים און גלאַטן צינגל איז געווען דער וויצלינג פון די ברעמלעך, אָבער אויך דער עצה־געבער אין פאַר־שידענע פאַלן, ווען מען האָט געדאַרפט אַ דריי טאָן מיטן שכל. מערסטנטייל פאַרנומען אין זיין געשעפט, מיט אויגן אויסגעשמירטע אין פאַרב, מיט קודצע שטיוועלעך און ווינטער אָנגעטאָן אין אַ הויכן באַראַשקענעם היטל, איז מוישקע געווען דער ליבלינג פון ברעמל, ווייל אין זיין פרייער צייט, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין קונים, פלעגט ער זוכן צו אַמוזירן און פריילעך מאַכן די שכנים. זיין ווייב אסתר, אַ קליין, שיין, אויסגעקאָנטן ווייבעלע, האָט אפילו נישט ליב געהאַט דער מאַנס „שטוקעס", האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט, און מיטגעלאַכט מיט דעם מאַנס שפּיצלעך און חכמות. אסתר איז געווען אַ „ביין־זאָגערקע". זי האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פאַרזיכטיקע פרויען, וואָס כאַפּן זיך נישט צו טאָן אַ טובה, אפשר וועט דערפון אַרויסקומען אַ רעה. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש אַז מענטשן טיילן זיך אין צוויי קאַטעגאָריעס: גוטע מענטשן, וואָס האָבן כמעט שטענדיק דעם „יאָ" אויף די ליפּן. כאָטש זיי ליידן דערפון שפּעטער. און שלעכטע

מענטשן, וואָס האָבן דעם „גיין" אויף די ליפּן, כאָטש אויך זיי לײַדן דערפון שפּעטער, ווייל שלעכטע מענטשן אין אַן עת־צרה ווערן פון יעדן פאַרשטויסן.

מוישקע איז געווען אַ פריילעכער לונג־און־לעבער. כאָטש ער איז געווען אַ רײַכער ייִד מיט אַ גרויס געשעפט און אַ סך געלט, ווי אויך אַ בעל־הבית פון אַ גרויס הויז אויף אַנגערס גאַס, האָט ער זיך געהאַלטן פּשוט און פאַלקסטימלעך. נישט פאַרריסן און ליב געהאַט פראַווען ליצנות. ער פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן שטילערהייט אין קראָם פון דער אַלטער, גאַטספּאַרכטיקער, אַ ביסל נאַיִווער פייגעלע קרינסקי, אַ ייִדענע אין די זעכציקער, און אַרויסלויפן מיט אַ געמאַכטן געוואַלד, אַז פייגעלע האָט אים געוואָלט פאַרגוואַלדיקן. די פרומע, שטילע פייגעלע פלעגט זיך רויטלען ווי אַ יונג כּלה־מיידל, שמייכלען פאַרשעמטערהייט און זיך פאַרענטפערן: גיי שוין גיי, וואָס אים קאָן איינפאַלן. איר קענט דאָך מוישקען מיט זײַנע חכמות! כאַוול ט'ער בעסער גיין דאַווענען מנחה. די ברעמל־קרעמערס פלעגן זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, קוקנדיק אויף דער נאַיווער, רויט־פאַרשעמטער פייגעלען.

דערפאַר פלעגט מען זיך נוקם זיין אין מוישקען, ווען זיין קראָם פלעגט זיין פול מיט קונים אַז מען האָט נישט געקאָנט אַרײַנוואַרפן אַ שפּילקע־קעפּל. מען פלעגט אים אַרײַנשיקן גויים און גויעס וואָס פלעגן זוכן צו קויפן צוויי נאָדלען פאַר אַ גראָשן. מוישקע האָט אין זיין פאַרבגעשעפט קיין נאָדלען צו פאַרקויפן נישט געהאַט. אָבער ווען ער פלעגט זיך אַרומפּאַרטיקן מיט זײַנע קונים, פלעגט ער אַרויסגיין פון קראָם, זיך שטעלן אין מיטן די קראָמען און פלעגט הויך אויס־רופן: נו, בעלי־טובות מײַנע! ווער ?עמען קומט מעקלעריי פאַר די קונים פון נאָדלען וואָס איר האָט מיר אַרײַנגעשיקט? דערביי פלעגט ער אַליין לאַכן גוטמוטיק, מיטלאַכנדיק מיט אַלע שכנים ברעמל־קרעמערס, וואָס דאָס מאָל האָבן זיי אָפּ־געטאָן מוישקען אַ שפּיצל.

אָבער מוישקע האָט געהאַט אַ פיינעם, גוטן כאַראַקטער, און ווען אַ ברעמל־קרעמער האָט זיך געגויטיקט אין אַ זשירע אויף אַ וועקסל, פלעגט ער זיך ווענדן צו מוישקען, וועלכער פלעגט זיך דערביי פאַרטראַכטן, וויסנדיק, אַז זיין שכנס אונטערשריפט האָט נישט קיין סך ווערט, און ער ריזיקירט מיט זיין געלט, ווייל דער שכן, דער קרעמער, איז אין אַ שווערער פינאַנסיעלער לאַגע, און ווער ווייס צי ער וועט קאָנען באַצאָלן. אָבער דאָך פלעגט מוישקע נישט אָפּזאָגן און געבן אַ זשירע דעם אָרעמען שכן, דעם קרעמער, ריזיקירנדיק מיט עטלעכע טויזנט זלאָטעס, וואָס צווישן די ברעמל־קרעמערס איז דאָס געווען אַ וואָזשנע מטבע.

אין ראָג פון ברעמל, נעבן מוישקעס פאַרבגעשעפט, איז געווען אַ קראָם פון שוסטער־צודאָטן, וואָס איז געפירט געוואָרן מיט ערנסט און ווירדע פון נישט קיין יונג מיידל מיטן פאַמיליע־נאָמען ליכטענשטיין. דאָס מיידל האָט זיך גאָרנישט אַרײַנגעפּאַסט אין ברעמל. אַן אינטעליגענטע, גוט־דערצויגענע, מיט פיינע, איידעלע

מאַניערן, מיט אַ ביסל בילדונג און פיינעם האַלטן זיך, פלעגט זי זיך האַלטן אָפּגעזונדערט און אינערלעך שטאַרק געליטן וואָס, האָבנדיק אַ קרעמל פון שוס־טער־צודאַדן, קומט איר אויס צו האַנדלען מיט שוסטערס, פּאַפּוטשע־מאַכערס, (ביליקע טוכענע שיך) מיט איינפאַכע, רויע מענטשן, פּראָסטע אין באַנעמונג, אָדער מיט פאַרגרעבטע פויערים, וואָס פלעגן אַריינקומען מיט שטיוול באַשמוצט מיט מיסט, אָפט זי גראָב באַהאַנדלט. פון דעם האָט זי שטאַרק געליטן, אָבער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן. שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיט אַן איידעלן, שיינעם מאַן, אַ טוך־פאַבריקאַנט מיטן נאָמען פרידמאַן, וואָס ליידנדיק אָפט פון די קריזיסן אין דער טעקסטיל־פאַבריקאַציע, איז ער געווען צופרידן פון דער פרויס זיכערער עקזיסטענץ און פלעגט איר אַרויסהעלפן אין קראָם. זיי זיינען ביידע געווען אַ פּאָר איידעלע, דערצויגענע מענטשן, שוין אַ ביסל צו שטייף, און זיך נישט געמישט מיט די שכנים, אָבער דאָך זיינען זיי געווען רעספּעקטירט און באַליבט. דאָס איז געווען כמעט דער גרונטשטריך פון ברעמל: קיין שום גאווה האָט נישט עקזיסטירט צווישן די קרעמערס. כאָטש אייניקע זיינען געווען רייך און די אַנדערע ביטערע קבצנים, זיינען די באַציונגען צווישן זיי דאָך געווען האַרציקע און פריינדלעכע, אפילו צווישן קרעמערס וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די זעלבע סחורות, זייערע קרעמלעך נאָענט איינער פון צווייטן. די שטילע קאָנקורענץ, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי, האָט נישט געשטערט צו דער פריינדשאַפט און האַרציקייט פון איינעם צום צווייטן, ממש ווי איין גרויסע, פאַרצווייגטע, פאַרשידנ־אַרטיקע משפחה.

איינער פון די מערקווירדיקסטע טיפּן אין ברעמל איז געווען „די קוליאַווקע״. זי האָט געהאַט אַ רייך גאַלאַנטעריע־געשעפט, וואָס זי האָט געפירט צוזאַמען מיט איר טאָכטער און איידעם. „די קוליאַווקע״ איז געווען אַ קורצע, דיקע, ברייטע ייִדענע, מיט אַ גוואַלדיקער אַגרעסיווקייט און אַן אייזערנעם ווילן, האָט געפירט איר געשעפט מיט אַ פעסטער האַנט. די טאָכטער און דער איידעם האָבן רויִק אויסגעפאָלגט אירע באַפעלן. די טאָכטער, אַ שטילע, רויִקע פרוי, און דער איידעם, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, האָבן געציטערט פאַר איר קוק.

דער סיסטעם פון פאַרקויפן וואָס די „קוליאַווקע״ האָט איינגעפירט איז געווען באַזירט אויף איר פעסטן כאַראַקטער, וואָס אין אַמעריקע רופט מען עס: אַ מענטש וואָס אַנערקענט נישט „ניין״ פאַר אַן ענטפער. זי האָט געמוזט שטענדיק אויספירן, האָבן דאָס לעצטע וואָרט. זי פלעגט זיצן ביי די טירלעך פון איר קראָם, און אינעווייניק האָבן די טאָכטער און איידעם זיך געדונגען מיט די קונים, וואָס האָבן, ווייסנדיק, אַז דער פאַרקויפער פאַרלאַנגט דאָפּלט, פאָרגעלייגט אַ העלפט, און געשריגן אויף פּויליש:

— אַ פּאָלאָווע ניע כצעטשע? (און אַ העלפט ווילט איר נישט?). עס פלעגט דערביי אָנגיין אַ דינגעניש. איינער פלעגט איבערשרייען דעם צווייטן. די קרעמערס

פלעגן אַריינוואַרפן העברעישע ווערטער איינער דעם צווייטן — „אַ מכה דעם ערל, גיב אים בחינם... אַנדערש וויל ער נישט". מען פלעגט זיך פליאַסקען איבער די הענט און דער קונה פלעגט זיך לאָזן צום טיר, מאַכנדיק דעם אָנשטעל אַוועקצוגיין — אַ מין פאַליטישער נערוונקריג אויף אַ פרימיטיוון אופן. מערסטנטייל פלעגט ער טאַקע וועלן אַוועקגיין צום קאָנקורענט. נאָך דעם ווי ער האָט אויס־געטאַפּט סחורות און אַוועקגענומען אַ סך צייט ביים קרעמער. אָבער נישט ביי דער „קוליאַוואָקע", נישט ביי מאַטיען! ביי איר פלעגט אַ קונה נישט קאָנען אַרויסגיין פון קראָם סיידן ער האָט עפּעס געקויפט. די טאַכטער אָדער איידעם פלעגט אַ ווונק טאָן צו דער „קוליאַוואָקע". זי פלעגט האַלטן דעם קאָפּ אויסגעבויגן צו זען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק, און ווען אַ קונה פלעגט זיך וועלן אָפּטראָגן פון קראָם נישט קויפנדיק, פלעגט די „קוליאַוואָקע", וואָס איז געזעסן לעבן די טירלעך, געבן אַ צי אויס איר לאַנגע קוליע איבער דער גאַנצער ברייט פון טירל, נישט געלאָזט דעם קונה אַרויסגיין, און אים אַריינגעטריבן צוריק אין קראָם אַריין. דעם קונה פלעגט מיאוס ווערן און ער פלעגט שוין עפּעס קויפן. הכלל, פון דער „קוליאַוואָקעס" קראָם איז מען שוין מיט ליידיקס נישט אַוועק־געגאַנגען.

די „קוליאַוואָקע" איז געווען קאַלט און שטייף אפילו צו אירע שכנים. זי איז אפשר נישט געווען קיין שלעכטע, אָבער אַ גרויסער דעספּאָט. מיך האָט זי נישט געקאָנט דולדן, ווייל איך האָב זי נישט געקאָנט פאַרטראָגן, מחמת קרעמערס מיט אַזאַ סוחרישער עטיק פאַרשאַפן נישט קיין כבוד. ווען זי האָט זיך דערוווּסט אַז איך לערן זיך ענגליש אויף די אָוונט־קורסן אין תחכמוני, האָט זיך מיך געקרוינט מיטן נאָמען „ענגלענדער". ווען זי רופט מיך „אַמעריקאַנער" וואָלט זי גיכער געטראָפן. זי איז אויך געווען אין כעס אויף מיר פאַר וואָס איך האָב זיך אָנגענומען פאַר דער איידעלער מושקע גרינשטיין. די „קוליאַוואָקע" האָט מיט געוואַלד פאַר־דעקט מיט איר טיר מושקעס קרעמל, וואָס האָט זיך געגרענצט מיט איר קראָם. פלעג איך זיך אָננעמען פאַר מושקען און איבערלייגן מושקעס קליינע טיר איבער דער „קוליאַוואָקעס" גרויסער קראָם. (די „קוליאַוואָקע" האָט געהאַט אַ גרויסע קראָם, און מושקע — אַ קליין קרעמל). אָבער די „קוליאַוואָקע" פלעגט פאַכענדיק מיט דער קוליע צו מיר, צוריק איבערלייגן די טיר פון איר קראָם איבער מושקעס טירל.

מושקע פלעגט ווינקען צו מיר, איך זאָל נישט מאַכן קיין עסק, זיך נישט אָננעמען פאַר איר. אָבער מיין אייביקע בונטאַרישקייט קעגן עוולות האָט נישט געקאָנט ליידן אַז די איידעלע מושקע זאָל זיך אונטערגעבן דער עזות פון דער דעספּאָטישער „קוליאַוואָקע".

דאָס זיינען אָבער געווען איינצלנע פאַלן. מערסטנטייל האָבן די ברעמל־קרעמערס געלעבט צווישן זיך אין אויסערגעוויינטלעכער אחדות, זיך געהאָלפן

איינער דעם אַנדערן מיט גמילות חסדים, געפּרייט זיך צוזאַמען אויף בריתן, תנאים און חתונות און געטרויערט צוזאַמען אויף פאַמיליע־אומגליקן. אַט די רירנדיקע גוטסקייט, די קעגנזייטיקע הילף, דער מיטגעפיל בעת אַן אומגליק, דאָס אינטערע־סירן זיך איינער מיטן צווייטן, — דאָס אַלץ האָט ענג פאַרבונדן די געטרייע און האַרציקע ברעמל־קרעמערס אין איין גרויסער משפחה. דאָס איז געווען סימפּאַטיש פאַר יענער צייט, פאַר יענעם סאָרט יידן, וואָס זיינען אַזוי אומברחמנותדיק פאַרשניטן געוואָרן.

*

צו די מערקווירדיקסטע טיפּן פון די ברעמל־קרעמערקעס האָט אויך געהערט איטקעלע. זי האָט געהאַט אַ לאַנגע, שמאָלע קראָם פון גאַלאַנטעריע. אָבער עס האָט געפייפט ביי איר דער דלות, ווייל קיין סחורה האָט זי נישט געהאַט. דער־פאַר האָט זי געהאַט אַ סך קינדער. אַזוי האָט עס אויסגעזען. שטענדיק איז איטקעלע געווען אַרומגערינגלט מיט קינדער, אָפּגעריסענע און מוראדיק הונגעריקע. איטקעלע איז געווען אַ קליין ווייבעלע, מיט אַ גאַנץ שיינעם פּנים, מיט רויטע בעקעלעך און פּאָר קאַכעדיקע אויגן, וואָס האָבן נישט גערוט. זי איז געווען אַ געטרייע „יידישע מאַמע", וואָס איז שטענדיק אַרומגעלאָפן אַ פאַרזאָרגטע, ווי אַזוי זי וועט צוזאַמענשטופּעווען איר וואָך חיונה — מיט אַ קליידעלע, אַ פּאָר הייזלעך און דער עיקר מיטן עסן פאַר אירע פייגעלעך, וואָס האָבן זיך שטענדיק געפּלאָנטערט צווישן אירע פיס, קליינע, לעבעדיקע, קאַכעדיקע מיט רויטע בעקלעך, פּונקט אַזוי ווי זייער מאַמע און מיט אַ מוראדיקן אַפּעטיט, ווי ביי אַלע אָרעמע־לייט.

איטקעלע האָט געהאַט אַ מאַן, וועלכער האָט איר געהאָלפן פירן די „געשעפטן", מישטיינס־געזאָגט. ישראל האָט ער געהייסן און ער האָט שטענדיק, פּונקט ווי די קינדער, זיך געשלעפּט הינטער איטקעלען. ווייל זי איז געווען די קאָמאַנדירשע, „געגאַנגען אין די הויזן". דער שטילער ישראל האָט נישט געפירט קיין מלחמות מיט איטקעלען, ווייל ער וואָלט במילא פאַרשפּילט. האָט ער נישט געמאַכט קיין לייטיש געלעכטער און איר געלאָזט פירן די קראָם, כאָטש אַ סך „פאַראַנדקעס" אירע האָט ער נישט געגליכן. די קליינע איטקעלע האָט געטאָן זאַכן, וואָס מען האָט נישט געדאַרפט און וואָס מען האָט געקאָנט פאַרענטפערן נאָר מיט אירע זאָרגן פאַר חיונה און פאַרן ביסן ברויט פאַר אירע קליינע וועוורעקלעך.

אַזוי האָט איטקעלע געפירט אַ קאַמף מיט די פּויערים פון דאָרף, וואָס זיינען געקומען אין די ברעמלעך פאַרקויפן עפּעס: באַרנעס, קאַרטאָפל, און אַנדערע פּראָדוקטן פון זייערע גערטנער און פעלדער. ווען אַ פּויער פלעגט קומען פאַר־קויפן אַ זאַק עפל און בעטן אַ הויכן פּרייז, פלעגט זיך איטקעלעס ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט צעקאָכן און שטייענדיק לעם פּויער מיטן זאַק עפל, פלעגט זי צורופן איר הונגעריקע „אַרמיי", די קינדער, און זיך דינגענדיק מיטן פּויער, אַריינגעשטעקט יעדן קינד אַן עפל אין מויל. דער פּויער, זעענדיק ווי איטקעלע

גיט יעדן קינד אַן עפּל, איז ער געווען זיכער, אַז ער האָט דאָ געטראָפן דעם אמתן קונה און זי וועט שוין באַצאָלן דעם פּרייז. פלעגט ער זיך איינשפּאַרן און נישט וועלן אַראָפּלאָזן פון מקח. דעמאָלט פלעגט איטקעלע אַרויסכאַפּן די שטיקלעך פון אָפּגעביסענע עפּל פון די קינדערס מיילער און אַריינוואַרפן צוריק אין פּויערס זאַק און שנעל זיך אָפּטראָגן, באַגלייט מיט אַ גרויס געלעכטער פון די ברעמל־קרעמערס, וואָס האָבן זיך שוין געקענט אויף איטקעלעס שפּיצלעך.

*

איינער פון די פיינסטע טיפּן פון די ברעמל־קרעמערס איז געווען דער רייכער מאַנופאַקטור־קרעמער פּייוול ראַגאָווסקי, אָדער פּייוול דער הייזעריקער, ווי מען האָט אים גערופן. זיין זון, דער שיינער, עלעגאַנטער, פיין געקליידעטער בחור, איז געווען מיין חבר. פּייוול האָט פיל צייט אָוועקגעגעבן פאַר קהלישער טעטיקייט, דער עיקר זאַמלען געלט פאַר אָרעמע־לייט. יעדן פרייטיק פלעגט מען זען דעם הויכן, בכבודיקן, נעט־געקליידטן פּייוולען מיט זיין פיין פאַרקעמטער באָרד שטיין אין מיטן ברעמל און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אויף רעכטס און לינקס זאַמלען געלט פאַר אָרעמע ייִדן, וואָס האָבן נישט פון וואָס שבת צו מאַכן, אָדער פאַר אַנדערע נויטבאַדערפטיקע אָרעמע־לייט. פּייוול ראַגאָווסקי האָט געמאַכט אַ וווּנדערלעכן איינדרוק מיט זיין פריינדלעכקייט, העפלעכן באַנעמען זיך און גוטמוטיקן שמייכל, וואָס האָט געשוועבט איבער זיינע ליפּן, און מען האָט אים נישט אָפּגעזאָגט. יעדער האָט געגעבן אַ נדבה. ער איז געווען אַ טייל פון ברעמל, איינער אַליין אַ מין צדקה־אינסטיטוציע. דאָס זאַמלען נדבות יעדן פרייטיק וואָך איין, וואָך אויס,, ביי אַלע וועטערן אין מיטן ברעמל איז פּייוולען נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג, ווייל ער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט און זיין פרוי האָט אים שטאַרק נויטיק געהאַט אין געשעפט. זי האָט אָבער געקוקט דעם מאַן אין די אויגן אַריין און געשוויגן. וואָס הייסט נישט פאָלגן אַ מאַן?

ווי אַ סך דעמאָלטיקע ייִדן האָט פּייוול געהאַלטן, אַז אַן מצוות, אָן הילף פאַר דעם אָרעמאַן, אָן מידת הרחמים, אָן צדקה און גמילות חסדים, האָט ייִדישקייט קיין ווערט נישט. איך גלויב נישט, אַז פּייוול, וואָס איז געווען אַ מאָדערנער ייִד, האָט דאָס געטאָן צוליב עולם־הבא, גן־עדן מיט שור־הבר און לויתן. העלפן נויטבאַדערפטיקע איז ביי אים געווען אַ רוף פון דער נשמה.

ספּעציעל קאָלירפול און לעבעדיק זיינען געווען די ברעמלעך אין אַ מאַרקטאָג, וואָס פלעגט מערסטנסטייל אויספאַלן אין אַ קריסטלעכן חגא־טאָג. פון אַלע דערפער פלעגן זיך אויף דראַנגאָווע וועגענער, אָדער אויף פורן איבערגעדעקטע מיט ברעזענטן, צונויפפאָרן פּויערים מיט פאַרביקע העמדער, פאַרברוינטע פּנימער, און שטיוול געשמירט מיט בלויען טראָן און צוזאַמען מיט זיי גויעס אין בלומיקע קאָפּטיכלעך, מיט דיקע, צעיוירענע קערפּערס פון שטענדיקן עסן ברויט מיט

קאַרטאָפל, מיט פולע בוזימער, פאַרברענטע, לאַכעדיקע פּנימער און פינקלענדיקע אויגן. אַ סך פויערטעס פלעגן קומען צו פוס מיט די שאַסייען פון כאַראָשטש, זאַבלודאָווע, סופּראַסלע און וואַשליקאָווע. זיי פלעגן מאַרשירן באָרוועס, מיט געזונטע דאָרפישע פיס, מיט פאַרבויגענע קליידלעך ביז איבער די קני און אַריבער־געוואָרפענע שיך איבער די אַקסלען, ווייל שיך איז אַ פאַרמעגן וואָס מען דאַרף אָפּהיטן און נישט איין יונגע פויערטע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלטן פויער צוליב אַ פּאָר שיך. אַריינמאַרשירנדיק קיין ביאַליסטאָק, פלעגן זיי אָפּווישן די באָרוועסע פיס און אַן זאַקן אַריינקריכן אין די שיך, אָדער אָנטאָן אָניטשעס (שטיקלעך לייוונט) אויף די פיס און שטאָלץ אַריינמאַרשירן אין שטאָט אַריין, קוקנדיק מיט קינדערישער נייגעריקייט אויף דעם גרויס־שטאָטישן לעבן, אויף די הויכע, געפאַרבטע קאָמעניצעס, געברוקירטע גאַסן, שיינע רעסטאָראַנען און אילוזיאָנען. אָבער דער עיקר האָבן זיי געקוקט אויף די איינוווינערס. אויף די מענער אין גוטע אָנצוגן מיט גומענע שטיוולעטלעך און פרויען אין נייע קליידלעך מיט הויכע, גלאַנציקע, פאַרשנורעוועטע שיך פון געמזע, וואָס איז ווערט אַ מאַיאָנטעק. נישט איין דאָרפישע גויע פלעגט זיך צלמען אַריינגייענדיק אין אַ הויז און, אָפּדרייענדיק אַ וואַסערקראַן, פלעגט זי אים באַוווּנדערן און אויסשרייען:

— אָליאַ־באָגאַ! וואָדאַ לעיע שען זע שטשאַני! (מיין גאָט, וואַסער גיסט זיך פון וואַנט). אָט דער דאָרפישער מענטשן־מאַטעריאַל פון דאָרפישע גויים און גויעס זיינען עס געווען די מערסטע קונדן פון די ברעמלעך, אויסער די שטאָטישע קריסטן פון ביאַליסטאָק, וואָס זיינען געווען דורכגעטריבענע, „צוואָגע", האָבן זיך געדונגען, געפּאַטשט אין די הענט, געבאַטן האַלבע פרייזן און געווען אויסגעבונדן אין אַלע פרייזן און, אויב נישט קיין מציאה, האָבן זיי נישט געקויפט. און די יידישע ברעמל־קרעמערס פלעגן אויסשפּייען די גאַל פון אַזוינע שטאָטישע קונים וואָס, שטייענדיק אויף דער שוועל, פלעגן זיי כסדר סטראַשען, אַז זיי גייען אַוועק קויפן ביי אַן אַנדערן און ביי יעדע פּאָר ווערטער זאָגן: — ניע באָנדזש טאַקי מאָנדרי. יעשטשע טאַניעי דאָסטאַניעם. (זיי נישט אַזוי קלוג, מיר וועלן נאָך קריגן פּאָר ביליקער.)

אין אַזאַ מאַרקטאָג, ווען עס האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט גויים און גויעס, שיקסעס און שקצים געקליידטע אין ווילדע, בונטע פאַרבן, מיינסטנס אין אַליין געוועבטע, דרילכענע קליידער, פלעגט דער ברעמל אָנגעצונדן ווערן מיט לעבן. מען האָט געהאָרעוועט רייסנדיק זיך ביי די העלדזער מיט די קונדן, רעדנ־דיק פּאָר פייער און פאַר וואַסער, באַמיענדיק זיך זיי איבערצייגן, אַז מען גיט זיי אַוועק די סחורה „זאַ דאַראָם" (אומזיסט) און באַמיענדיק זיך איבערשרייען איינער דעם צווייטן, ביז איין צד פלעגט מיר ווערן און זיך אונטערגעבן (מערסטנטייל דער קונה). דער פויער פלעגט דאַן מיט מאָזאָליעס־הענט אַרויסשלעפּן דעם לעדער־נעם טייסטער, געוויינטלעך אַ לאַנגן ווי דער יידישער גלות, און אָנהויבן ציילן

די קופּערנע מטבעות, וואָס האָבן געשמעקט מיט דזשעגעכץ, נאַפט אָדער טער־פּענטין.

אין אַזאַ מאַרקטאָג פלעגן זיך אויך פּאַזשיווען די קעשענע־גנבים, זייער אָפט פלעגט אַ קרעמערקע, זיך דינגענדיק מיט דער פּויערטע, דערזען ווי מען שלעפּט אַרויס פון איר קאַשיק איר טיכל מיטן קניפּל און דער גנב ווערט נעלם מיט די אָרעמע פּאָר גראָשן, און איר אַרבעט איז איצט אַרויסגעוואָרפן, ווייל די גויע וועט נישט האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן. אָבער די קרעמערס האָבן געציטערט אימת־מוות פאַר די גנבים און זיי האָבן געמוזט שווייגן, מורא האָבנדיק פאַר נקמה. ווען די פּויערטע, האָט געוואָלט באַצאָלן, פלעגט זי זיך כאַפּן אַז מען האָט אַרויס־געצויגן איר נאָזטיכל מיטן קניפּל און מאַכן אַ געוואַלד: — מאַטקאָ באָסקאַ! זלאָדזיעי אָבאָקראַלי! (גאָטס מוטער, גנבים האָבן מיך באַגנבעט.) דער גנב פלעגט געווייניטלעך איבערגעבן דאָס קניפּל אַן אַנדערן גנב, קוים כאַפּט מען אים, זאָל מען ביי אים נישט געפינען די גנבה.

אין אַזוינע מאַרקטעג פלעגט מיין מאַמע שוועד האָרעווען אין איר קליינעם קרעמל און אין די גרויסע גראַטשקעס פלעג איך איר אַרויסהעלפן, העלפן פאַר־קויפן שפּאַגאַט, בייטש־שטעקלעך. איך פלעג נישט קאָנען פאַרטראָגן דאָס דינגען זיך און איך פלעג זאָגן די לעצטע פּרייזן. און ווען די גויים האָבן זיך אָנגעהויבן דינגען פלעגט מיין געדולד און שטאָלץ פּלאַצן און איך פלעג זיי שאַרף אָפּענטפערן. מיין אָרעמע מאַמע פלעגט דאַן שאָקלען מיטן קאָפּ: — יאַנקעלע, פון דיר וועט שוין קיין קרעמער נישט אַרויסקומען. פלעג איך אָפּוואַרטן ביז נאָך דער גראַטשקע און זיך אַרויסרוקן פון קראָם און גיין וואַנדערן איבערן מאַרק, צוקוקנדיק זיך צום רוישיקן מאַרקלעבן.

איין מאָל, פאַרבייגייענדיק דאָס גלאָזגעשעפט פון לינצעקי אויפן גרויסן מאַרק, בין איך געבליבן שטיין לעם געשעפט באַוועלטיקט פון קינדער־זכרונות. לינצעקי איז געווען אַן איידעם פון אונדזער באַלעבאָס פישער, אויף כאַנייקעס, ביי וועלכן מיר האָבן געוווינט, און איך בין געווען אויף זיין טאָכטערס חתונה.

איך דערמאָן זיך: פישערס טאָכטער, אַ קליינע, אַ דיקע, וואָס רעדט שנעל און צווישן די ציין, גייט חתונה האָבן. מיר וווינען ביי פישערן און מויערל, אין ראָג, קעגן איבער דעם כאַנייקאָווער בית־מדרש. און אָט פּוצט מיך די מאַמע און וואַשט מיך, פאַרקעמט מיר דאָס קעפּל, טוט מיר אָן נייע, הייזעלעך און מיר גייען ערגעץ. וווהין גייען מיר? אויף דער חתונה פון אונדזער באַלעבאָס פישערס טאָכטער. מען שלעפּט מיך פאַרן הענטל. אַ לאַנגער, זייער לאַנגער וועג פאַר אַ דריי־פיר יעריק יינגל. דער טאַטע נעמט מיך אויף די הענט און איך בין טשיקאַווע: ווו שלעפּט מען מיך אַזוי שפּעט ביינאַכט, ווען דער הימל איז שוין שוואַרץ און איך דאַרף גיין שלאָפן? וווהין גייען מיר? און דאָ דערגענטערן מיר זיך צו אַ גרויס הויז, אַ לאַנג הויז (פישערס חתונה־זאַל) און אַ סך דרזאָזש־

קעס. מ'שלעפּט מיך אַריין פאַרן הענטל אין אַ גרויסן זאַל מיט אַ סך שטולן אויס־געשטעלט איןביידע זייטן, און אַ סך מענטשן, זייער אַ סך. זיי נעמען זיך אַרום און קושן זיך. וואָס קושן זיי זיך? און מען וויינט. פאַר וואָס וויינען זיי? איך האָב נאָך דאָס קיין מאָל נישט געזען. מען לאַכט און מען וויינט. פאַר וואָס וויינען זיי? מאָדנע, גרויסע מענטשן. און טאַטע־מאַמע פירן מיך צו אַ סך מענטשן, פרעמדע מענטשן, איך קען זיי נישט. זיי קנייפּן מיר אין די בעקעלעך, קושן, בויגן זיך צו מיר זייער נידעריק און זאָגן עפּעס. איך פאַרשטיי נישט וואָס זיי זאָגן. און מוזיק — אַזוי פיל מוזיק און אַזאַ טומל. מען טרינקט פון גלעזלעך, מען עסט קיכלעך און מען וויינט. איך פאַרשטיי נישט די גרויסע מענטשן. און ווייטער מוזיק — אַזאַ טומל, אַזאַ געוויש. און איך בין מיד, שרעקלעך מיד. איך קאָן דאָס מער נישט אויסהאַלטן. איך פאַל אַוועק אויפן טעפּיך, לעם דער כלהס פאָטערשטול. גוטע מענטשן נעמען מיך און לייגן מיך אַוועק אונטערן גרויסן שטול, ווו פריער איז געזעסן די כלה. איך ווער אַנטשלאָפן, שטאַרק אַנטשלאָפן און ווער פאַרשוווּנדן אין אומקלאָרע, צעשוווּמענע קינדער־חלומות, וואָס איך געדענק זיי נישט, ווייט, ווייט פון די אַלע אומפאַרשטענדלעכע גרויסע, דערוואַקסענע מענטשן. אַזעלכע גרויסע און אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע.

ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און ראָמאַנטיק אין ביאַליסטאָק

ביאַליסטאָק יאָר 1919. די צייט שטייט נישט אויף אָן אָרט. זי רוקט זיך פאָרויס, אָבער זייער לאַנגזאַם. ווען מען איז יונג, איז יעדער טאָג אַ גרויסער, לאַנגער טאָג, פול מיט נייַקייט, פול מיט פאַרשידענע איבערלעבונגען. דאָס בלוט איז יונג. דאָס לעבן ווייט, פאַרדעקט, אינטערעסאַנט. וואָס עס גיט דער היינט, האָט אַזוי פיל שיינקייט; און וואָס דער מאָרגן וועט געבן, זאָגט צו צו זיין נאָך שענער.

ביאַליסטאָק איז פּוילן. עפּעס גלויבט זיך נישט. די ביאַליסטאָקער יידישע יוגנט, וואָס איז מערסטנס דערצויגן אין חדרים, ביי פּריוואַטע מלמדים, אָדער אין מאָדערנעם „חדר מתוקן", מיט תורה און וועלטלעכע לימודים, אָדער אַ קלענערע צאָל אין ישיבות, כאַפּט זיך שוין צו שפּראַכן, אַריטמעטיק. אפילו אין געאָמעטריע זיינען זיי שוין ווייט פאָרגעשריטן. אַ טייל פון דער ביאַליסטאָקער יוגנט באַזוכן שוין פּוילישע גימנאַזיעס, פאָרן שוין שטודירן אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט אָדער פּאָליטעכניקום. זיי שפּאַנען איבער גרענעצן און שפּאַרן שוין אָן אין דער

שווייץ, אין פראַנקרייך און בעלגיע. אַ יוגנט, וואָס רייסט זיך צו אַ נייער וועלט; אַ יוגנט, אַ דערצויגענע מערסטנס אויף דער רוסישער ליטעראַטור פון טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, טשעכאָוו, טורגעניעוו, פושקין, נאַדסאָן, לעאָניד אַנדרעיעוו, אַר־ציבאַשעוו, גאָגאָל א״א, וואָס זייערע ווערק האָבן אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציאָנערן בליק אויף מענטשן און לעבן אויף פאָלק און קלאַסן, אויף הייראַט און געשלעכט־לעכע באַציונגען, און געשאַפן אַ ווענפונקט אין דער אָריענטאַציע וועגן די פּראָב־לעמען פון אונדזער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט.

די רוסישע ליטעראַטור איז שוין אָבער מער נישט קיין בת־יחידה. זי האָט איצט אַ פאַרמעסט מיט צוויי קאָנקורענטן: די יידישע און העברעישע ליטעראַטורן — ספּעציעל די יידישע. אין די פיר יאָר פון דער דייטשישער אָקופּאַציע האָט ביאַליסטאָק זיך אַריינגעוואָרפן אין די אָרעמס פון „יידיש־נאַציאָנאַלער דער־וואַכונג״. יידישע שרייבערס, פּאָעטן ווערן פיל געלייענט, דיסקוטירט און קאָמענ־טירט. מען אָנערקענט די גרויסקייט פון דער רוסישער ליטעראַטור, אָבער מ׳איז שוין שטאַרק צוגעבונדן צו דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איז די אייגענע מאַמע, אַ ליבע, אַ זיסע, אַ נאָענטע, מיט ראָמאַנען און דערציילונגען פון יידישן לעבן, מיט פּאָעטישע שאַפונגען און פאָלקסלידער פון אייגענעם קוואַל, מיט די באַליבטע יידישע קלאַסיקערס: מענדעלע מוכר ספרים, דער באַזינגער פון יידישן דלות, פון דער האַרעפּאַשנער פאָלקסמאַסע, וועלכע ווערט פאַרוואַנדלט פון אַן אינדערוואַכעדיקער בידנער „קליאַטשע״ אין אַ שבתדיקן „בן־מלך״; שלום עליכם, דער אומפאַרגלייכלעכער הומאָריסט, וואָס לערנט דעם עולם צו „לאַכן מיט יאַש־טשערקעס״; י. ל. פּרץ, דער סימבאָליקער, וועלכער פאַרכישופט מיט זיינע מעשיות און צעהעלט מיט זיין חסידישן ברען; דער פעסימיסט ש. גאָמבערג; דער מיסטיקער ש. אַנ־סקי, וועלכער ברענגט אַריין דעם לייענער אין די סודות־דיקע ספערן פון אַ „דיבוק״; דוד בערגעלסאָן מיט זיינע ראָמאַנען און דערציילונ־גען; ווענדראָוו מיט זיינע דראַמאַטיש־סאַטירישע שריפטן; דער באַרימטער העב־רעיש־יידישער שרייבער ש. פרוג; דער אויסדערוויילטער נאַציאָנאַלער פּאָעט און מקונן חיים נחמן ביאַליק; דער מייסטער פון פאָלקסראָמאַן און דראַמאַטורג שלום אַש, א.א.

חברה יונגוואַרג קוויקט זיך אויך מיט די ווערק פון אונדזערע אייגענע סאַמאָ־ראָדנע ביאַליסטאָקער דיכטערס און שרייבערס, מיט דעם ראָמאַנטיקער זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, דעם דראַמאַטורג יוסף פּערעלמאַן, באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים אָסיפּ דימאָוו, דעם האַרציקן דערציילער, רעדנער, פּעדאַגאָג און פרעדיקער פון סאָציאַלע אידעען, יעקב פּאַט.

די קורצע שילדערונג פון דער השפעה פון דער רוסישער און יידישער ליטעראַטור קאָן העלפן שאַפן דעם באַגריף פון גייסטיקן און קולטורעלן צושטאַנד פון די ביאַליסטאָקער יידן בכלל און פון דער ביאַליסטאָקער יידישער יוגנט בפרט,

פאַרשטיין דעם געדאַנקען־גאַנג, די אַספּיראַציעס, חלומות פון דער פּילשפּראַכיקער יוגנט, וואָס האָט אינטעלעקטועל און סאָציאַל ווייט אַריבערגעשטיגן דעם דורכשניטלעכן ייִדן, אָדער אפילו ייִדישע יוגנט פון דעמאָלטדיקן פּוילן, וואָס איז געווען מער רעליגיעז און וויניקער געבילדעט. די ביאַליסטאָקער יוגנט איז געווען מער געבילדעט און וויניקער רעליגיעז, זי האָט געשפּרודלט מיט ברויזנדיקע כוחות פון נייע אידעען און סאָציאַל־קולטורעלער אַקטיוויטעט.

אַ סך מענטשן זיינען צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. אויך מיין פעטער מלך דאַרשינס משפּחה. מיין פעטער איז געשטאָרבן אין יעקאַטערינאָסלאַוו אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער שטאָט, ווי דער באַרימטער ביאַליסטאָקער „פּאָלקסדאָקטאָר" כאַזאַנאָוויטש. מיין מומע איז צוריקגעקומען. צוריקגעקומען זיינען אויך מיין קוזינעס טעכטער מיט זייערע קינדער. דאָס זיינען די משפּחות פון גרשון ראָזענטאַל און בנימין־פּייווּל שוסטיצקי. דער זעלבער שטאָלצער גאַנג, שיינע קינדער, סיי די מיידלעך און סיי די ייִנגלעך, איינער שענער פון צווייטן. איבערהויפּט די טעכטער: ראָזע, דאָרע און סאָשע. אויך די קוזינע חיהטשע שוסטיצקי האָט צוויי שיינע טעכטער, ציליע און סאָשע.

ביאַליסטאָק ווערט אָנגעפילט מיט רעפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד. מען קושט זיך אין די גאַסן. מען וויינט פון נחת. ברוך השם, דערלעבט צוריק צו זען זיך. עס עפענען זיך קראָמען. די פאַרבינדונג מיט קרוינפּוילן וואַקסט. וואַרשעווער סוחרים מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, חסידישע היטעלעך מיט דאַשעקעס פון טונקעלן לייוונט, לאַנגע פּיאות און נאָך לענגערע בערד, זיינען אַ שטיקל נייעס פאַר ביאַליסטאָק. ווער האָט דאָס געזען אין ביאַליסטאָק אַזעלכע לאַנגע בערד? חסידים אין גלאַנציקע שטיוועלעך, ווי לאַקיר גלאַנציקע, לעבעדיקע „זשוואַווע" אויגן מיט חסידישן ברען. עפּעס זיינען מיר דאָך ייִדן, אָבער דאָך איז צווישן די פּוילישע ייִדן און די ביאַליסטאָקער ייִדן דאָ אַן אָפּגרונט. מען האָט זיך חלילה נישט פיינט, אָבער זיי זיינען אונדז פרעמדלעך, עפּעס ווייטלעך, אָט די חסידישע ייִדן מיט די שטיוועלעטלעך, מיט די לאַנגע גאַרטלען און נאָך לענגערע קאַפּאָטעס.

אָבער צו ביסלעך שאַפט זיך אַ דערנענטערונג. מען האָט חתונה — וואַרשעווער יונגע־לייט מיט ביאַליסטאָקער פרומע מיידלעך. מיין קוזינע גיטל־רוטשקעס (פון די הערינג, ווי מען רופט זי אין די ברעמלעך). איר טאָכטער, וואָס דער טאַטע אירער איז אַ פאַרברענטער חסיד, האָט חתונה מיט אַ פיינעם, שטילן יונגן־מאַן פון וואַרשע, אברהם ווודקע, ער איז אַ ווילער, פרום־דערצויגענער בחור, אַ קלוגער און מיושבדיקער, וואָס טויג זיך אויס צו מסחר; און איך מיט דעם פרומען בחורל ווערן גוטע פריינד. אפילו זיין פאַמיליע־נאָמען איז אַ פּוילישער: „ווודקע" (שנאַפּס). און מיין באַקאַנטע פון „סוראַזער בינדל", גיטל גאָלדשטיין, אַ פיין־דערצויגענע, אינטעליגענטע מיידל, אַ גוט־באַלעזענע אין דער רוסישער ליטעראַטור, האָט חתונה מיט אַ וואַרשעווער בחור, אַ שיינעם יונג מיט אַ פּאָר קאָכעדיקע,

לעבעדיקע אויגן, וואָס וויצלט זיך שטענדיק און אַלע האָבן אים ליב. אַט די צוויי וואַרשעווער פּעיקע יונגע־לייט זיינען שפּעטער געוואָרן מיינע נאָענטע מיטהעלפערס ביים דורכפירן אַ רעוואָלוציע און „שפּאַלטן דעם סוחרים־פאַראיין" און גרינדן דעם ערשטן קליינהענדלער־פאַראיין אין ביאַליסטאָק. לעאָן דרייזין מיט זיין פרוי געניע האָבן זיך בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געראַטעוועט פון גרויסן חורבן און זיינען איצט אַנגעזעענע פירנדיקע מיטגלידער אין דער פּאַריזער ביאַליסטאָקער לאַנדס־מאַנשאַפט. לעאָן דרייזין שטאַמט פון „אַ געמישטער חתונה": די מאַמע, אַ האַרציקע יידישע טאָכטער פון פּוילן, און דער טאַטע — אַ טריירער, גוטער, איבערגעגעבענער ייד פון ליטע. אין יאָר 1924, ווען איך האָב געדינט אין וואַרשע, אין דער באַרימטער „ציטאַדעל", ווו די צאַרישע מאַכט פלעגט דערשיסן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, אין טרויעריק־באַרימטן „צענטן פּאַוויליאָן", בין איך געווען אַ שרייבער אין דער קאַנ־צעלאַריע פון דער אַרמיי און האָב אָפט באַזוכט לעאָן דרייזינס עלטערן, וועלכע האָבן געלאַכט פון מיר, דעם „זשאַלניעזש פּאַלסקי" מיטן קינדערשן פּנים, גרויסן מיליטערישן שינעל ביז די פיס און פויליש־מיליטערישן היטל מיט די פיר שפּיצן, וואָס איז געווען אַראָפּגערוקט ביז איבער די אויערן און מיך גערופן שפּאַסיק „דאָס ליאַלקעלע".

איך בין שוין געווען אַ באַווייבטער, און ווען איך פלעג טראָגן מיין זונעלע אין מיינע אָרעמס, האָבן מיינע באַקאַנטע זיך געוויצלט: „איין קינד טראָגט אַ צווייט קינד".

✶

ביאַליסטאָק, די שטאָט פון זעכציק טויזנט יידן, האָט געשפּרודלט מיט לעבן אויף אַלע געביטן. די פיר יאָר פון דער דייטשישער אָקופּאַציע האָבן שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט און די פּוילישע אָרדענונג — אָדער פּוילישע אומאָרדענונג — האָט זיך צו ביסלעך פאַרפעסטיקט.

דאָס יאָר 1919 האָט אַריינגעשפּרייזט אין ביאַליסטאָק מיט אַ יידישער באַפעל־קערונג וואָס האָט גערעדט און געשריבן אויף פינף שפּראַכן. די רבנים, די בית־מדרש־יידן, די חסידים, די ישיבה־בחורים און גלאַט העברעער און תלמודיסטן האָבן געשריבן העברעיש אָדער געמישט זייערע יידישע בריוו מיט פיל העברעיזמען, אָנ־הויבנדיק די בריוו מיט דעם גרויס דרך־ארצדיקן „לכבוד הרב הגדול, המופלג והמפורסם..." און פאַרענדיקנדיק מיט „ברגשי כבוד" — כאָטש דער צו וועמען מער האָט אַדרעסירט די הויכע טיטלען האָט געקאָנט זיין אַן אונטער־שמש פון אַ קליינעם בית־מדרש. דאָס האָט געוויזן די גוטע זייטן פון גרויס דרך־ארץ ביי יידן. די יידישע בריוו האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די באַרימטע „ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן..." און פאַרענדיקט מיט דעם „פון דיר דאָס זעלבע צו הערן..." וואָס נישט איין יידענע האָט, מיטטיילנדיק וועגן דער טויט פון איר מאַן, על־פּי געוווינהייט אַריינגעבראַקט.

אויך דייטש און ספּעציעל רוסיש האָבן פּראָמינענט פיגורירט אין דעם ביאַליס־

טאָקער באַבילאָנישן מיש־מאַש פון שפּראַכן. די יוגנט האָט זיך צוגעכאַפּט צו פּויליש מיטן יידישן ברען, צו: סלאָוואַצקין, העגריק סיענקעוויטשן, פּזשיבישעווסקין און ספּעציעל באַליבט איז געווען די גראַדנער פּוילישע שרייבערין עליזא אָזשעשקאָ מיט איר באַרימטן ראָמאַן פון יידישן לעבן „מאיר עזאָפאָוויטש", אין וועלכן זי האָט געשילדערט יידן אין אַ זייער סימפּאַטישן טאָן.

אָבער די הויפּט־מחותניתטע איז געווען דאָס באַליבטע פאָלקס־יידיש מיט ספּעציעלע ביאַליסטאָקער אויסדרוקן ווי „האָסט שוין פאַררוקט דעם טשאָנט?" (טשאָלענט), „וואָס לויפסטו אַרום ווי אַ פּינטיפּלושקע?" (איך האָב אין קיין אַנדער שטאָט דעם אויסדרוק נישט געהערט), „דו אַפּגעסמאָליעטער יאָלד" (געהערט אויף כאַנייקעס און סוראַזער גאַס), „ביסט אַ יאָט פון יאַטן־לאַנד". אוי, דאָס זיסע ביאַליסטאָקער יידיש.

„לינת חולים" און „לינת הצדק" — מעדיצינישע הילף און יידישע קולטור

די יידישע קולטור, וואָס האָט מעכטיק זיך פונאַנדערגעבליט אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, האָט איצט נאָך שטאַרקער באַהערשט ביאַליסטאָק, אַזוי ווייט, אַז אויך אינסטיטוציעס, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין שייכות מיט איר און נישט געהאַט קיין אַספּיראַציעס צו ווערן אירע טאָנגעבערס, האָבן נאָכגעטאַנצט די מאָדע. אפילו אַזעלכע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען באַזירט געווען אויף פילאַנטראָפּיע און מעדיצינישע הילף, ווי „לינת חולים" און „לינת הצדק", האָבן איינגעפירט ביי זיך קולטורעלע און דראַמאַטישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן אויפגעפירט ליטעראַרישע משפטים, פאַרשטעלונגען מיט געזאַנג, דעקלאַמאַציע, רעציטאַציע און רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס.

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך גערעדט וועגן דער ווונדערלעכער הילף וואָס „לינת־חולים" האָט געטראָגן די ביאַליסטאָקער קראַנקע יידן. אָט די „לינת־חולים" האָט איינגעפירט ביי זיך אַ ליטעראַריש־דראַמאַטישן קרייז, אין דעם דאָזיקן קרייז האָב איך, כאָטש זייענדיק אַזוי יונג, זיך אַקטיוו באַטייליקט.

דער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער קרייז פון „לינת חולים" האָט צוו. אַנד. אויפגעפירט אַן איינאַקטער פון אַרציבאַשעווס „איפּערזוכט", ווו די אינטעליגענטע העברעיש־לערערקע חנה סטאָלאָווא, פון „תחכמוני", און איך, האָבן געשפּילט — חנה סטאָלאָווא אַלס יעלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ און איך אַלס סערגיי פּעטראָוויטש. די שפּיל האָט זיך אָבער פאַרענדיקט מיט אַ קאָמישן פינאַל: נאָך דעם ווי איך דערשטיק זי אין דער סצענע פון אייפערזוכט און זי בלייבט אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג (קיין עין הרע, אַ גרויס מיידל געווען), האָט זיך דער פאָרהאַנג בשום אופן נישט געלאָזט פאַרציען. און ליגנדיק אַזוי אַרום 5 מינוט, האָט זי זיך מיישב

געווען, אַז עס איז נישט קיין תכלית אַזוי צו ליגן און ביים אַלגעמיינעם געלעכטער פון „דאָס געערטע פובליקום" איז זי, אַ פּאַרשעמטע, אַראָפּגעלאָפן פון דער בינע, וויינענדיק פון טויט לעבעדיק.

מיר האָבן אויך אויפגעפירט אַ ליטעראַרישן משפט איבער נאַמבערגס „צווישן בערג", וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן מיט שפּאַנונג צוויי שבת־אָוונטן ביי אַ פול־געפּאַקטן זאַל און איז הייס דיסקוטירט געוואָרן אין שטאָט.

אונדזער ליטעראַריש־דראַמאַטישער קרייז פון „לינת חולים" איז דעמאָלט באַ־שטאַנען פון אהרן בערעזינסקי — אָדער אַרטשיק, ווי מיר האָבן אים גערופן — וואָס איז שפּעטער געוואָרן מיט רעדאַקטאָר פון אונזער לעבען", ווו דער פיל־זייטיקער, טאַלאַנטפולער פסח קאַפּלאַן איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר. אגב, האָט פסח קאַפּלאַן געשריבן אונטער דריי פען־נעמען: פּאָליטישע אַרטיקלען אונטער זיין אייגענעם נאָמען, געזעלשאַפטלעכע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „פוקס־מאַן" און וויצלדיקע, סאַטירישע פעליעטאָנען און טעאַטער־קריטיק אונטערן נאָמען „אַרגוס" (דער נאָמען פון גריכישן גאָט מיט פיל אויגן). אויך חיים וויסאָצקי, דער שפּעטער גוט־באַקאַנטער מחבר פון קורצע דערציילונגען, איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון אונדזער קרייז. חיים וויסאָצקיס ברודער איז געווען משה וויסאָצקי, דער גוט־באַקאַנטער זשורנאַליסט, רעדנער און וויכטיקסטער טוער, צוזאַמען מיט פסח קאַפּלאַן און אהרן אַלבעק, אין דער „פאָלקס־פּאַרטיי", וואָס איר אַנפירער איז געווען דער באַרימטער קעמפער פאַר יידישער רעכט און סיים־דעפּוטאַט נח פּרילוצקי. אויך דער אַלטער תלמודיסט און שריפטשטעלער ישראל ליפּסקי, וואָס האָט ביים פּרעזידיום־טיש פון ליטעראַרישע אָוונטן אויסגעזען ווי דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים, האָט געהערט צום קרייז. צווישן די אַנדערע חשובע מיטגלידער זיינען געווען עקשטיין, אַן אינטעליגענטער יונגער־מאַן, דער שפּעטערדיקער דירעקטאָר פון דער גוט־באַקאַנטער העברעישער שולע „תחכמוני" ווי אויך דער באַגאַבטער בחור בערקנער, וואָס האָט אויף לאַנגע ראָלקעס פּאַפּיר, וואָס האָבן זיך געוויקלט ביז דער פּאָדלאָגע ווי אַ מגילה, געשריבן הומאָרעסקעס, פון וועלכע דער עולם האָט שטאַרק אַנגעקוואָלן.

די איינציקע פרוי אין אונדזער ליטעראַריש־דראַמאַטישן קרייז איז געווען די שוין דערמאָנטע חנה סטאָלאָווא. איר שוועסטער, פייגל סטאָלאָווא, האָט געהאַט אַ געשעפט פון פּאַפּיר און שרייבגעצייג אין פּאַסאַזש פון וואַרנגאָלץ אויף ליפּאָווע. חנה סטאָלאָווא איז געווען אַ הויך־אינטעליגענט מיידל, אַ לערערקע פון העברעיש אין „תחכמוני". זי האָט פריי באַהערשט פיר שפּראַכן: דייטש, העברעיש, רוסיש און פּויליש, האָבנדיק אַ פענאָמענאַלן זכרון און ציטירנדיק אויף אויסנווייניק שטיקער פון פּושקינס „יעווגעני אָניעגין", פון מיצקעוויטשעס „דזיאַדי" און שטיקער פון פּשיבישעווסקיס „האָמאָ סאַפּיענס", ווי אויך פון חיים נחמן ביאַליקס ווערק.

זי איז געווען אַ מערקווירדיק מיידל. זייענדיק אַ טאָכטער פון אַ ייִדן, אַ גרויסן למדן, האָט זי שוין פון קינדהייט אָן אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס אין תלמודישע לימודים. דער פאָטער אירער האָט זי דערמוטיקט אין דעם און זי האָט געקענט תנ"ך, גמרא און שולחן ערוך. אין דער שולע „תחכמוני", אויפן ערשטן שטאָק, ווו ס'איז געווען אַ בית מדרש, פלעגט זיך חנה אַריינכאַפּן און זיך אַריינלאָזן אין אַ וויכוח מיט די בערדיקע ייִדן וועגן גמרא אָדער דיני שולחן ערוך. די לערנערס פלעגן באַוואונדערן איר חריפות און גערן מיט איר זיך אַריינגעלאָזט אין פּלפּולים, כאָטש זיי האָבן זיך געפונען אַ ביסל קרעמפּירט, צו ווערן אַריינגעשלעפּט אין אַ היציקער רעליגיעזער דיסקוסיע מיט דעם „פּייערדיקן מיידל", מיט דעם קאָפּ ברוינע, קורץ־געשוירענע האָר.

די יוגנט פון ליטעראַריש־דראַמאַטישן קרייז פון „לינת חולים" האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אין דער פּרעסע און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. די ביאַליסטאָקער יוגנט האָט מיט איר טאַלאַנט, מיט איר אַלגעמיינעם וויסן, מיט אירע חלומות אויף דער צוקונפט, און מיט איר ענערגיע געקאָנט שאַפן אַ וועלטנאָמען אונדזער באַליבטער שטאָט, ווען די היטלעריסטישע בעסטיע וואָלט זי נישט אויסגעריסן מיטן וואָרצל צוזאַמען מיטן גאַנצן פּוילישן ייִדנטום.

*

דאָס ראָזשאַנסקי־געסל, ווו די געביידע פון „לינת הצדק" האָט זיך געפונען און פאָס האָט ביי די ביאַליסטאָקער ייִדן געטראָגן דעם נאָמען „לינת־הצדק"־געסל, איז געווען אַ מערקווירדיק געסל. זי האָט קאָנצענטרירט אין זיך פאַרשידענע טיפּן ביאַליסטאָקער ייִדן, וואָס יעדער פון זיי איז געווען אַ באַזונדער טיפּ.

דאָרט האָט געוווינט די משפחה וויסאָצקי, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פאָטער, אַ בעל־הבית פון אַ לעדער־געשעפט אויף סוראַזער גאַס, אַ מוטער, אַ געטרייע ייִדישע מאַמע, וואָס האָט טאָג און נאַכט געפּאַדעוועט אַרום איר מאַן, אַ ייִד מיט אַ גרויער באָרד און אַ קלוגן בליק פון אַ תלמיד־חכם און זייערע צוויי זין, וואָס האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע ערטער אין ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ביאַליסטאָק. דאָס זיינען געווען משה און חיים וויסאָצקי.

משה וויסאָצקי, אַ מיטל־וווקסיקער, אַ פול־לייביקער, מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבען". אַ פעיִקער פּובליציסט, איינער פון די הויפּט־טוערס פון דער „פאָלקס־פּאַרטיי", אַ פעיִקער רעדנער, וואָס האָט גערעדט פאַר אַן עולם רויִק און געלאַסן, מיט לאָגישע אַרגומענטן, און איז געווען אויסגעקאָכט אין אַלע אָרגאַניזאַציעס. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן פּנים־אל־פּנים אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון סוחרים־פאַראיין. אויף דער פאַר־

זאַמלונג זיינען געווען ביי אַ דריי הונדערט מאַן און איך מיט מיינע פריינד לעאָן דרייזין און אברהם ווודקע זיינען אויפגעטראָטן מיט אַן אויפקלערונגס־רעדע וועגן דער נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ קליינהענדלער־פאַראיין. משה וויסאָצקי איז געווען דעלעגירט פון סוחרים־פאַראיין אַלס דער אָפּאָנענט. ער איז געווען אין אַ נישט־דאַנקבאַרער ראָלע, ווייל די מערסטע אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען קליינע קרעמערלעך, וואָס האָבן געציטערט פאַרן נאָמען „סוחרים־פאַראיין״, וואָס האָט געמאַכט ביים שטייעראַמט דעם איינדרוק פון גרויסע סוחרים. זיי איז אָנגעשטאַנען דער נאָמען „קליינהענדלער״. משה וויסאָצקי איז געווען אַ גוטער רעדנער, אָבער זיין צו גרויסע זעלבסט־זיכערקייט און דער טאָן פון גרינגשעצונג לגבי אַנדערע רעדנערס האָבן שטאַרק פאַרמינערט די ווירקונג פון זיין רעדן.

זיין יינגערע ברודער, חיים וויסאָצקי, איז געווען מיינער אַ נאָענטער חבר, צו וועלכן איך פלעג אַרויפקומען אַהיים. ניין אַזייגער אין דער פרי, ווען די פליי־סיקע ביאַליסטאָקער זיינען שוין געווען ביי דער אַרבעט, פלעגט נאָך חיים וויסאָצקי ליגן אין בעט און עסן פרישטיק, וואָס די געטרייע מאַמע האָט אים צוגעטראָגן.

חיים איז געווען פון נידעריקן וווּקס, מיט אַ גרויסן, פולן קאָפּ. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך חן און אַ קלוגן, פילאָזאָפיש־רויקן שמייכל וואָס האָט שטענדיק געשוועבט אויף זיין סימפּאַטיש פּנים; אַ ביסל וויצלדיק, מער חוזקדיק, אָבער גוטמוטיק. ער האָט שוין דעמאָלט געדרוקט דערציילונגען אין „דאָס נייע לעבען״ און שפּעטער אין וואַרשעווער זשורנאַלן. חיים האָט מיטגעאַרבעט מיט מיר אין ליטעראַריש־דראַמאַטישן קרייז פון „לינת חולים״ און מיר האָבן ביידע געפירט אַ קאָנקורענץ צו געווינען דאָס האַרץ פון דער טאַלאַנטירטער און געלערנטער חנה סטאַלאָוואַ. חיים איז איר שטאַרק געפעלן, אָבער מיין ראָמאַנטישקייט און „געשליפענע שפּראַך״ מיט פּאָעזיע האָבן איבערגעוואויגן.

צוויי מערקווירדיקע טיפּן אין דעם „לינת הצדק״־געסל זיינען געווען דער פאָטער משה גדאַנסקי און זיין זון. משה גדאַנסקי, אַ קליין, פול געפּאַקט ייִדל מיט אַ גאַונישן קאָפּ פון אַ פינאַנסיסט, האָט געליען געלט אויף פּראָצענט. די אָרעמע קרעמערס, וועלכע האָבן יעדן טאָג געדאַרפט צאָלן וועקסלען, זיינען געווען זיינע קונדן. שפּעטער פלעגט משה גדאַנסקי זיך אַרומיאָגן איבער די קרעמלעך איינצוקאַסירן די מאָנאַטלעכע אָדער וועכנטלעכע צאָלונגען. אָפט פלעגט דער קרעמער נישט האָבן צו באַצאָלן דעם חוב, פלעגט ער זיך באַהאַלטן הינטער די ליידיקע שאַכטלען, אין אַ הינטער־באַהעלטעניש, און די קרעמערקע פלעגט אָפּ־שפּילן אַ טעאַטראַלע קאָמעדיע, אַז די באַרימטע אַקטריסע סאַראַ בערנאַר וואָלט איר געמעגט מקנא זיין. מיט אַן אומשולדיקער מינע האָט די קרעמערקע געטענהט; — „אוי, פּאַניע גדאַנסקי, מיין מאַן איז נאָר־וואָס אַרויסגעגאַנגען, ער האָט טאַקע געפרעגט אויף אייך. ווי נאָר ער קומט צוריק, ברענגט ער אייך דאָס געלט״.

אָבער משה גדאַנסקי האָט זיך געקענט אויף די שטיק און געוווּסט, אַז דער „ברענגט ער אייך" וועט מסתמא דויערן ביי צוויי וואָכן. פלעגט ער קוקן אויף דער קרעמערקע מיט איין אָפן אויג און ס׳צווייטע פאַרמאַכט, ווי איינער זאָגט: „איך קען זיך שוין אויף אייערע תירוצים".

משה גדאַנסקי האָט געהאַט אַ זון, וואָס איז געווען איינער פון די באַרימטסטע אַדוואָקאַטן אין ביאַליסטאָק. אַ קורץ-געוויקסיקער, ווי דער טאַטע, מיט אַ טשופּרינע טונקל-געדיכטע, צעוואָרפענע האָר, און שטענדיק אָן אַ הוט. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטרענג פּנים און אַ קלוגן שאַרפן בליק. דער טאַטע מיטן זון זיינען געווען צוויי געוואַלדיקע קאָנטראַסטן, ווי אַ יידישער טאַטע מיט אַ גוייִשן זון. אָבער ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט מיט אַ גוט, יידיש האַרץ, וואָס האָט אָפט פאַרטיידיקט אָרעמע קליענטן פאַר אַ נישטיקן האָנאָראַר און אפילו אומזיסט.

אין „לינת הצדק"-געסל האָט געוווינט מיין חבר לאַזאָווסקי. זיי האָבן געהאַט אַ הויף ווו זיי האָבן פאַרקויפט וואַפּנע און בוי-מאַטעריאַלן. לאַזאָווסקי און זיין שוועסטער, וועלכע זיינען זייער ענלעך געווען, זיינען געווען ווייס-הויטיקע, מיט זומער-שפּרענקעלעך און געלע האָר, גוט דערצויגענע, רויִקע, מיט זעלבסווירדע. זיי האָבן געהערט צו דער בעסערער ביאַליסטאָקער יוגנט מיט גוטע מאַניערן און בילדונג.

אין דעם זעלבן „לינת הצדק"-געסל האָט אויך געוווינט מיין קוזין דוד צפת, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט לאה מאַזורסקי, אַ טאָכטער פון גוט-באַקאַנטן אייזן-קרעמער פון ליפּאָווע, מאַזורסקי. (דער ברודער פון מיין קוזין דוד צפת האָט זיך געראַטעוועט; לייבל צפת וווינט איצט אין ענגלאַנד).

די טעטיקייט פון „לינת הצדק" איז באַשטאַנען אין געבן מעדיצינישע הילף צו נויטבאַדערפטיקע, און אָפט מאָל געלט-אונטערשטיצונגען אָדער אומזיסטע רעצעפּטן, אויפנעמען אָרעמע קראַנקע, אַרויסבאָרגן מעדיצינישע כלים יידן, וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט דערלויבן זיי צו קויפן. אַזוי ווי אין „לינת חולים" האָבן פיל פון דער ביאַליסטאָקער יידישער יוגנט זיך פרייוויליק געמאָלדן צו וואַכן אין די נעכט ביי אָרעמע אָדער עלנטע קראַנקע, צו באַדינען זיי, דערלאַנגען רעצעפּטן, אַ ביסל זופּ אָדער אַ גלאָז טיי, מאַכן איינשפּריצונגען און אפילו אַרויס-טראָגן דעם נאַכטטאָפּ. דאָס האָבן געטאָן פיינע יידישע יונגע בחורים און מיידלעך, אָפט מיט בילדונג און גוטער דערציונג, וואָס האָבן געשטאַמט פון בעסערן קלאַס יידן אין ביאַליסטאָק.

איינער פון זייערע ענערגישסטע פירערס איז געווען לין — אַ הויכער, דיקער, באַוועגלעכער, וואָס האָט זיך שטענדיק געאיילט, פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגן געשעפט און אָפט אין מיטן טאָג באַזוכט דעם „לינת הצדק". ער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ מענער-הוטן-געשעפט, נישט ווייט פון שאָשקעס טאַבאַק-געשעפט און פון

פערדערס פוטערוואַרג־געשעפט, אויף גומיענער גאַס, קעגן איבער דעם גרויסן שוכגעשעפט פון כאַשע גאָלדשטיין אין גאַניאָנדזקיס הויז, ווו מיינע עלטערן האָבן געוווינט ביי מיין אָנקל, דעם טוך־קאָמיסיאָנער מלך דאַרשין.

דער ענטוזיאַזם פון דער ביאַליסטאָקער יוגנט צו העלפן קראַנקע און אָרעמע איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין זיי אין די ייִדישע היימען, ביי זייערע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן געלערנט זייערע קינדער, אַז אָן מצוות, אָן טאָן גוטס פאַר אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע, איז ייִדישקייט נישט קיין ייִדישקייט. זיי האָבן גע־ווּוּסט אַז דער צוועק פון ייִדישן לעבן איז אַז איין ייִד זאָל העלפן דעם צווייטן.

איך דערמאָן זיך אין מיינע קינדער־יאָרן ווי מיין טאַנטע יאַכע דאַרשין פלעגט פרייטיק אַ גאַנצן טאָג טיילן נדבות אָרעמע־לייט, און די טיר האָט זיך נישט פאַרמאַכט. זי איז געווען אַ הויכע, אַ דיקע, מיט אַ שיין געטאָקט פנים, מיט אַ שטרענגן בליק, הינטער וועלכן עס איז געלעגן אַ סך גוטסקייט. זי איז אַ גאַנצן פרייטיק, יעדע פאַר מינוט געגאַנגען צו דער טיר, צום „טשאַרניכאָד", צו דער טיר וואָס האָט געפירט צו ראָכקע דער שוואַרצערס געסעלע, וועלכע האָט געהאַט אַ רעסטאָראַן אויפן ראָג פון גומיענער גאַס, אין דער גאַס, וואָס פאַראייניקט די ערשטע גומיענער גאַס מיט דער צווייטער גומיענער גאַס. די טאַנטע יאַכע האָט געשטעלט פעסטע טריט, געקלונגען מיטן בונט שליסלען אויף דער טאַליע, און געטיילט נדבות. איך האָב איר געשמאַק געהאָלפן אין דער מלאכה, און יעדעס מאָל זי געצויגן פאַרן קלייד, כדי איר אָנצוזאָגן אַז אַן אָרעמאַן איז שוין דאָ נאָך אַ נדבה. זייער אָפט פלעגט אַן אָרעמע פרוי בעטן אַ נדבה פאַר „צוויי פאַרשוין", און ווען טאַנטע יאַכע פלעגט זיך וווּנדערן, וואָס זי בעט אַ נדבה פאַר צוויי, פלעגט די בעטלערקע אָנווייזן דורכן פענצטער, אַז אונטן שטייט נאָך אַ בעטלערקע, וואָס איז נעבעך אַ קראַנקע, נאָר־וואָס אַרויס פון קימפעט און קאָן נישט גיין אויף טרעפּ, און דערביי אַריינגעשאָטן אַ קללה: מאַדאַמעשי, אַ לעבן אויף אייך, איר רייכטום אויף ראָטשילדן געזאָגט געוואָרן.

יעדעס יאָר פלעגט מען אין „לינת הצדק" איינאָרדענען אַ באַנקעט, ווו מען פלעגט געבן אויסצייכענונגען די געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע ליניסטן. גאַנץ ביאַליסטאָק פלעגט זיי דערמאָנען צום שבת, און זיי פלעגן באַרימט ווערן אַלס די פיינסטע, גוטהאַרציקסטע בחורים און מיידלעך, און די עלטערן פלעגן שטאָל־צירן מיט זיי.

די צוויי־שטאָקיקע געביידע פון „לינת הצדק" האָט געהאַט אַ מעדיצינישע אַמבולאַטאָריע און אַ גרויסן זאָל פאַר געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אָדער טעאַטראַלע פאַרשטעלונגען. דער דראַמאַטישער קרייז וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „גיליאַרינאַ", — אַ קאָמבינאַציע פון צוויי ווערטער „גילה ורינה" — און האָט פאַרמאָגט אַלס מיטגלידער די אינטעליגענטסטע יוגנט פון ביאַליסטאָק, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געגעבן פאָרשטעלונגען אין „לינת הצדק". די הכנסות

פון די אָוונטן זיינען געגאַנגען פאַר „לינת הצדק" און אָפט מאָל פאַר אַנדערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. די וויכטיקסטע גרינדערס פונעם קרייז זיינען געווען: וו. בובריק און י. טאָפּיצער, וועלכער איז אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע געווען אַ וויכטיקער מיליציאַנט, אַ סאָרט פּאָליציי פון ציווילע בירגער, צו היטן רו און אָרדענונג אין שטאָט, און איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די ביאַליסטאָקער איינוווינערס. די פאָרשטעלונגען פון „גיליאַרינאַ" זיינען געווען פון הויכער קוואַליטעט, ווייל די אַנטיילנעמערס זיינען געווען די געבילדעטסטע יוגנט פון ביאַליסטאָק, כאָטש אַמאַטאָרן און נישט קיין פּראָפעסיאָנאַליסטן. מיט דער ליטעראַרישער טייל האָט אָנגעפירט פסח קאַפּלאַן, און מיט דער מוזיקאַלישער טייל — צ. בערמאַן.

אין „לינת הצדק" זיינען אויך דעמאָלט פאָרגעקומען די אַזוי פּאָפּולערע אין ביאַליסטאָק ליטעראַרישע משפטים איבער באַרימטע ווערק פון יידישע שריפטשטעלערס. אין דעם ליטעראַרישן משפט פון „מאָטקע גנב" פון שלום אַש האָב איך זיך באַטייליקט. דער מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבען", י. ג. שטייטסאַפּיר איז געווען דער פאַרטיידיקער פון מאָטקען, און איך — דער באַשולדיקער. נישט קענענדיק נאָך דאָס לעבן, בין איך געווען אַ שטרענגער מאָראַליסט, און געהאַלטן, אַז נישט קוקנדיק דערויף וואָס מאָטקע איז דערצויגן געוואָרן אין אָרעמקייט, און גלייך נאָכן געבוירן ווערן, האָט אים די מוטער שוין גענאַרט, געבענדיק אים אַנשטאָט נאַרהאַפּטע שפּייזן, אַ שטיקל צוקער איינגעוויקלט אין אַ שמאַטקע צום זייגן, כדי צו פאַרטרייבן זיין הונגער און שוין געשאַפן אין אים אַ פאַרביטערטן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, האָט מאָטקע מיט זעלבסט־דיסציפּלין געקאָנט זיין ערלעך. דאָס לעבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מיר באַוויזן, אַז די פאַרטיידיקונג פון מאָטקען איז געווען אַ ריכטיקע, און מיין צוגאַנג אַ נישט־ריכטיקער. דעם ליטעראַרישן משפט האָבן דעמאָלט ביגעוווינט פסח קאַפּלאַן, מענדל גאָלדמאַן (מנחם ג"ן) און אַנדערע פראָמינענטע פאָרשטייערס פון דער ביאַליסטאָקער פּרעסע און פאָרשטייערס פון אָרגאַניזאַציעס.

איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אַ נאָמען פון אַ גוטן רעדנער, אָבער פון וואַנען ס'האָט זיך צו מיר דעם יונגן בחורל גענומען אַזאַ דרייסטקייט. אויפטרעטן ווי אַן אָפּאָנענט צו שרייבערס כמעט צוויי מאָל עלטער ווי איך, ווייס איך נאָך עד היום נישט. מיין איינציקע דערקלערונג איז די גרויסע צאָל פאַרערערינס צווישן די יונגע עקזאַלטירטע מיידלעך, וואָס האָבן באַגלייט מיינע רעדעס מיט מאָראַליסטישן עקסטאַז. זיי זיינען געווען פונקט אַזוי נאַיִוו ווי איך. כאָטש איך בין געווען שטאַרק באַלייענט אין פאַרשידנשפּראַכיקער ליטעראַטור, בין איך געווען צוגעפּאַסט צו די יונגע צעפלאַמטע פאַרערערינס, וועלכע האָבן ווייניק געוווסט פון לעבן. און פונקט ווי איך און פיל טייערע ביאַליסטאָקער בחורים און מיידלעך, אַריינגעטראָטן אין לעבן מיט גלויבן אין גוטסקייט און איידלקייט און מיט איבערצייגונג

אין אידעאַלן. אָ! וויפל אַנטוישונגען עס האָבן מיך דערוואַרט, פונקט ווי די אַנדערע רײנע, ציכטיקע אידעאַליסטישע יוגנטלעכע. מיין שרעקלעכסטע טראַגעדיע און אַנטוישונג אין מיין „מענטש" איז געווען דאָס אויסמאָרדן פון זעקס מיליאָן אומשולדיקע קרבנות פון אונדזער ייִדישן מאַרטירער־פאָלק, אומגעבראַכט מיט אַזאַ סיסטעמאַטישקייט, אָרגאַניזירטקייט, פלאַנמעסיקייט דורך דעם דייטשישן פאָלק, וואָס האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ פאָלק פון הויכער ציוויליזאַציע, זיך שטענדיק באַרימט מיט זיין הויכער בילדונג, און נאָך העכערער קולטור.

דאָס לעבן האָט אוועקגענומען פון מיר מיין גלויבן אין מענטשן, צעטרייסלט מיינע איבערצייגונגען, אַז גוטס ווערט געצאָלט מיט גוטס. אוי, וויפל טרערן דאָס לעבן האָט מיר פאַרשאַפט, אין דער טרויעריקער „פאַרגאַנגענהייט", אין דעם אַנטוישטן „נעכטן" און אין דעם אומעטיקן „היינט".

קונסט און ראָמאַנטיק

מאַי 1919. נאָך דעם ווי ביאַליסטאָק איז צוגעטיילט געוואָרן צו פוילן — ביים אונטערשרייבן דעם 11טן נאָוועמבער 1918 דעם ווערסאַיער טראַקטאַט — האָט די שטאָט זיך שנעל פּאָלאָניזירט.

ניקאָלאַיעווסקע גאַס (וואַשליקאָווער) איז געענדערט געוואָרן אויף סיענקע־וויטשאַ. די דייטשע גאַס, ווו עס האָבן זיך געפונען די רעדאַקציע פון „דאָס נייע לעבען" און די „אַרבעטער־היים" פון דער ס"ס־פּאַרטיי (זייער פּראָגראַם איז באַ־שטאַנען פון סאָציאַליזם און קאַמף פאַר ייִדיש־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע) איז גע ענדערט געוואָרן אויף קילינסקי־גאַס. דער גרויסער מאַרקפּלאַץ מיט די קרעמלעך האָט באַקומען דעם נאָמען „רינעק קאָשציושקי" אויפן נאָמען פון באַרימטן פוילישן גענעראַל וואָס האָט געקעמפט אין אַמעריקע אונטער גענעראַל וואַשינגטאָן, צו פאַרטרייבן די ענגלענדער פון אַמעריקע, און שפּעטער אָרגאַניזירט דעם פוילישן אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד. דער באַרימטער „גאַראַדסקאַי סאַד" איז געענדערט גע־וואָרן אין פויליש אויף „אָגרוד מיעיסקי". די סוחרישע ניי־וועלט־גאַס האָט אויף פויליש געהייסן „נאָווי שוויאַט". דאָרט האָט גובינסקי געהאַט זיין גרויסע דעקן־פאַבריק פון זשאַקאַרד און מאַנסאַניאַרד־דעקן. די „ניי־וועלט" איז אויך געווען די גאַס פון דעם גרויסן „ניי־וועלט בית־מדרש", ווו עס האָבן געדאַוונט די פאַב־ריקאַנטן שמואל ציטרין און זיינע זין סעמיאָן און חיים, ווי אויך זייער מוטער די אשת־חיל חוהלע (איך האָב זי גוט געקענט, ווייל פיר יאָר האָבן מיר געוווינט אין פראָנט־הייזל אויף זייער הויף, מיט די פענצטער צו גומיענער גאַס). שמואל ציטרין האָט געהאַט זיין גרויסע פאַבריק פון טעקסטיל מיט שפּינעריי, רייסעריי און וועבעריי אין סופּראַסלע און די דאָרטיקע קריסטן האָבן אים גערופן „נאַש קרול" (אונדזער קעניג). אויך דער פאַבריקאַנט חנא זילבערבלאַט מיט זיינע זין

אפרים, משה און אַלעקס האָבן געדאַוונט אין דעם „ניי־וועלט בית מדרש". משה און אַלעקס זילבערבלאַט זיינען געווען טרייע, גאַנטע חברים פון מיין שוואָגער, דעם שיינעם, שטענדיק זינגענדיקן נאַטאַן קאַגאַן, מיט וועלכן זיי האָבן צוזאַמען געלערנט אין „אַלעקסאַנדראָווס" גימנאַזיע. אויך מיין שווער — דער קלוגער ייד, דער תלמיד חכם צבי הירש כהן — דער פעיקער בוכאַלטער פון די גרויסע וואַלד־סוחרים וו. ראַזענטאַל, מאיר און טעוול קרוגמאַן, איז געווען דער שטענדיקער דאַוונער אין דעם „ניי־וועלט בית מדרש". פון צייט־צו־צייט האָט דעם „ניי־וועלט בית מדרש" אויך באַזוכט דער פילזייטיקער טאַלאַנטפולער רעדאַקטאָר פסח קאַפּלאַן, וועלכער האָט געוווינט אין אַ הילצערן הייזל נאָענט צו דעם בית מדרש.

די פּאָלאָניזאַציע אין ביאַליסטאָק איז געגאַנגען מיט אַ שנעלן טעמפּאָ און די יוגנט האָט זיך צוגעכאַפּט צו די ראָמאַנען פון הענריק סיענקעוויטש, ספּעציעל „קוואָ וואַדיס", ווו עס ווערט געשילדערט דער אויפשטייג פון קריסטנטום און דער אָנהויב פון צוזאַמענברוך פון דער „צעפוילטער, אַ מאָל מעכטיקער רוימישער אימפּעריע". פּשיבישעווסקיס ראָמאַנען, ספּעציעל „האָמאָ סאַפּיענס", אַ שאַרפע קריטיק אויף דעם שכלדיקן מענטש, די ראָמאַנען פון אונדזער שכנטע, די גראַדנער שרייבערין, עליזאַ אַזשעשקאָווא, ספּעציעל איר סימפּאַטישן ראָמאַן פון יידישן לעבן „מאיר עזאָפאָוויטש". איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו דער פּוילישער שפּראַך און געשלונגען די ווערק ווי „פּאַן טאַדעוש", „דזיאַדי" און אַנדערע.

ביאַליסטאָק, יולי 1919. די יוגנט זינגט און בליט. אַלץ נעמט זי אויף לייכט. פאַרבייגעלאָפן די דייטשישע אָקופּאַציע־יאָרן, אַריבערגעשפּרונגען צו דער נייער פּוילישער אָרדענונג. דאָס יונגע לעבן איז דאָך שיין, און וועט זיין נאָך שענער. ווי קאָן דאָס אַנדערש זיין? עס וועבן זיך פאַנטאַסטישע אילוזיעס וועגן דער צוקונפט. עס ווילט זיך זינגען דאָס באַרימט ליד: „אוי, מאַמע, בין איך פאַרליבט... איך וואָלט די גאַנצע וועלט אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך..." אַזוי פאַרליבט בין איך אין לעבן און אין אַלע מענטשן אַרום מיר. מיין לעבן איז פול מיט ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער, פּאָליטיק, און דער עיקר, מיט זיסער ראָמאַנטיק.

איך קום אין דער „אַרבעטער־היים" אויף קילינסקי־גאַס, און הער זיך צו צו די רעפעראַטן פון דער ס.ס.־גרופּע וועגן די אידעען פון קאַרל מאַרקס, פערדינאַנד לאַסאַל, פרידריך ענגעלס. די הויפּט־רעדנערס: ישראל גייסט, דער געבילדעטער אינטעליגענט מיט זיין שיינעם רעדן, מיטן האַרטן רוסישן „רייש". יעקב פּאַט, דער שרייבער־רעדנער און פּעדאַגאָג, וואָס רעדט מיט אַ זיכערן טאָן וועגן דער קומענדיקער גליקלעכער צייט, ווו עס וועט איבערגעבויט ווערן אַ נייע וועלט, מיט יושר, גלייכהייט פאַר די אַרבעטער־מאַסן און פעלקער בכלל. אָט בין איך אין ציוניסטישן לאָקאַל „בית עם ציון" אויף מאַרק־גאַס, קעגן איבער דער סיינ־

קעוויטש־גאַס און הער ציז צו צום בלאָסן יונגנמאַן מיט די גליענדיקע, ענטוזיאַסטישע אויגן, כייקל אַלדאַק, וועלכער דערציילט פון די העלדישע חלוצים, וועגן די העראָישע שומרים, וואָס רייטן אויף די פערד אין פּאַלעסטינע, צו היטן די יידישע קיבוצים און קאָלאָניעס און טרוימען פון אַן אייגן לאַנד; און פון דער ביל״ו־באַוועגונג (בית יעקב לכו ונלכה). אויך הער איך זיך צו צו די אַנאַליטיש־לאָגישע רייד פון רויט־האָריקן כמיעלניק, דעם פירער פון פּועלי־ציון, וועלכער רעדט וועגן זייער טעאָרעטיקער בער באָראָכאָוו און באַגרינדעט די סינטעזע פון ציוניזם און סאָציאַליזם — וואָס זיינען די צוויי באַשטאַנד־טיילן פון פּועלי־ציוניזם. איך באַזוך אויך די אונטערנעמונגען פון ציוניסטישן יוגנט־פאַראיין ״השחר״, ווו מיין פריינד פּאָמעראַנץ איז דער הויפּטטוער. פּאָמערנאַץ, דער זון פון אַ בעקער אויף פּאַטשטאָווע גאַס (יוראָוועצער גאַס), איז שטאַרק באַלעזן, אַ וואַרעמער ייד און אַ הייסער ציוניסט און גלויבט. אַז עס נישט ווייט די צייט, ווען די יידן וועלן האָבן אַן אייגן לאַנד.

אָבער אויך קונסט, מאָלעריי אינטערעסירט מיך, פון די יאָרן פאַרבראַכטע אין ״רעמעסלענאַיע״ ביים לערנען קונסט, מאָלעריי אונטער דער אויפזיכט פון דעם דיקלעכן, בלאָנדן, מיט פיינע מאַניערן, אַבוקאָוו. דאָרט האָבן אויך גע־לערנט די צוויי טאַלאַנטפולע שילערס: אוטקעס, אַ זון פון אַן אָרעמאַן גלעזער, וואָס האָט געהאַט אַן עלטערן ברודער אַ קונסטמאָלער, וועלכער האָט שטודירט אין פּאַלעסטינע אין דער קונסטשולע ״בצלאל״, און וויינשטיין, אַ סימפּאַטישער, לעבעדיקער און שטיפערישער בחורל. איך פלעג אָפט טרעפן אין גאַס דעם שוין דעמאָלט באַרימטן קונסטמאָלער ראַזאַנעצקי — אַ זון פון אַן אָרעמען מלמד, וועל־כער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער מאָלער פון ״שטיללעבן״, ווי אויך פון רעאַליס־טישער קונסט און אַ פעיקער פּאָרטרעטיסט.

מיינער אַ נאָענטער חבר, מיט וועלכן עס פאַרבינדט מיך די ליבע צו קונסט־מאָלעריי, איז אברהמל בערק, אַ זון פון אַ געבילדעטן לערער אויף מאַזורס גאַס (דער פאָטער בערק האָט געלעבט פון פּריוואַטע לעקציעס און אויך שפּעטער מיט־געאַרבעט אין ״דאָס נייע לעבן״). איך קום אָפט צו מיין פריינד בערק און בין צוגעבונדן צו אים און צו זיין שטוב, צו די אינטעליגענטע טאַטע־מאַמע מיט פיינע מאַניערן. אַ מין פאַרטראַכטע רויִקייט הערשט אין דער שטוב און מיין חבר בערק איז אַ פּראָדוקט פון דער דערציונג. אונדזער הויפּטשמועס איז די וועלט פון קונסט־מאָלעריי אין וועלכער ער איז פאַראינטערעסירט און האָט פאַר איר אַ טיפע פאַרשטענדעניש. ספּעציעל זיינען מיר באַצויבערט פון די מיטלאַלטערלעכע איטאַליענישע, האָלענדישע, בעלגישע און פראַנצויזישע קונסטמאָלערס, אָנהויבנדיק פון פערצנטן ביזן אַכצנטן יאָרהונדערט. די יאָרן פון גרעסטן אויפבלי פון דער רעאַליסטישער קונסט־מאָלעריי מערסטנס געווידמעט רעליגיעזע קריסטלעכע מאָ־

טיוון, וואָס נעמט אָבער אויך אַרום אַ באַטייטיקע פּאָרטרעטן־גאַלעריע פון דעמאָלטיקע נאָבעלע אַריסטאָקראַטן אָדער פּרויען־נאַקעטקייט, פאַרבונדן מיט דער גריכישער יטאָלאָגיע, אין אַ וווּנדערלעכער קינסטלערישער פאָרם פון נאַטירלעכער קערפּערלעכער לעבעדיקייט, וואָס אָטעמט מיט רעאַלן לעבן, אַז עס דוכט זיך, דו קאָנסט אָנטאַפּן די וואַרעמע צאַפּלענדיקע, ראָז־הויטיקע קערפּערס. די גרעסטע קונסטמאָלערס פון יענער עפּאָכע זיינען געווען לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, אַ פּילזייטיקער טאַלאַנט, וואָס האָט געשאַפן אויסער מאָלעריי און סקולפּטורן, אויך דעם ערשטן פלאַן (בליו־פּרינט) פון אַ צוקונפטיקן עראָפּלאַן, ווי אויך די אַנדערע באַרימטסטע קונסטמאָלערס ווי ראַפאַעל, טיציאַן, מיקעל אַנדזשעלאָ, רעמבראַנדט, וואַן דאַיק, וואַן גאָג סעזאַן און אַנדערע, וואָס האָבן געמאָלן די וועלט־באַרימטע בילדער, וואָס געפינען זיך אין די גרעסטע וועלט־מוזעומס, ווי די בילדער: „מאָנאַ ליזאַ״ (דזשיאָקאָנדאַ), „דער לעצטער נאַכטמאָל״, „טיטוס״, פּאָרטרעט פון רעמבראַנדטס יונגן ייִנגעלע (פאַרקויפט אין 1966 יאָר אין לאָנדאָן פאַר דער סומע פון צוויי מיליאָן און פיר הונדערט טויזנט דאָלאַר און אָפּגעקויפט פון דעם באַרימטן מיליאָנער, קונסטזאַמלער, „נאָרטאָן סיימאָן״). „די ווירדזשין מיטן קינד״, „אַמאָר און ווענוס״ און אַנדערע קונסט־מאָלערייען און סקולפּטורן.

איך און בערק פאַנטאַזירן ביידע צו באַזוכן דעם פאַריזער „לוווּר״־מוזיי, דעם לאָנדאָנער מוזיי פון „מאַדאַם טיסאָ״ מיט די סקולפּטור־געשטאַלטן פון באַרימטע מענער און פרויען איבער דער וועלט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די סקולפּטורן פון די גרעסטע פאַרברעכערס ווי פון „דזשעק דער בויך־שניידער — דער מאַסן־מערדער פון לאָנדאָן״ וועלכער האָט דערמאָרדעט פיל גאַסן־פרויען.

מיין געיעג נאָך שיינקייט, פּאָעזיע, חלומות פון יוגנט, וואָס דאָס לעבן האָט צעטרייסלט, איז באַגלייט מיט אַ מעפיסטאָפעלישן געלעכטער פון ביטערן אויסלאַכן די יוגנט־פאַנטאַזיעס. צייטנווייז דאַכט זיך מיר, איך בין אַזוי אַלט, ווי אונדזער פּלאַנעטע „ערד״ — בערך אַ דריי־פיר ביליאָן יאָר; צייטנווייז בין איך פול מיט זיסער צערטלעכקייט און דורשט נאָך ליבע, ווי אין אָנהויב פון מיין יוגנט, און עס דערמאַנען זיך מיר די ווערטער פון אונדזער גרויסן קאָמפּאָזיטאָר און פאָלקס־זינגער מרדכי געבירטיג: „קוקט נישט אויף מיינע גרויע האָר. אין האַרצן בין איך יונג, אין האַרצן בין איך יונג... ווייל פון פרילינג ביז צום ווינטער איז אַ קאַצנשפּרונג...״

סעפּטעמבער 1919. אַ נייע וועלט איז געשטאַנען פאַר מיר, מיט אַזוי פיל נייקייט, נייגעריקייט און האַרצקלאַפּנדיקע איבערלעבענישן. יעדער טייל פון וועלט־שיינקייט האָט מיך געצויגן צו זיך. די ראָמאַנטישע יוגנט־געפילן האָבן נישט געקאָנט זיך זעטיקן, און ליטעראַטור און קונסט זיינען געווען דער גרעסטער קוואַל פון געפילן און שיינקייט נישט אויסצושעפּן. איך בין געשפּרונגען פון איין פעלד פון קונסט צום צווייטן, ווי אַ יונגער שמעטערלינג וואָס איז פאַרשיכורט פון זיין

יוגנט און שפּרינגט פּריילעך פון איין פילפאַרביקן בלום צום צווייטן. די שיינקייט פון קונסט־מאַלעריי, האָב איך אַריינגעזאַפּט אין זיך פון די פיר יאָר פון דער „רעמעסלענאַיע" און שפּעטער פאַרברענגענדיק אָפט מיט מיין פריינד אברהמל בערק.

שפּאַצירנדיק איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן און זעענדיק מענטשן פאַרבייגיין, האָב איך שטענדיק געמאָסטן מיטן מאַלערישן בליק און געזען קאָנטורן, שאָטנס, פּערספּעקטיוו, ניואַנסן פון פאַרבן, פּראָפּאָרציע, שטריכן און ליניעס פון הייזער,ביימער, פלאַנצן, הימל. אָפט בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון די קאָנטורן פון קערפּערלעכער פּרויען־שיינקייט, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לאַנגער צייט און נאָכגעקוקט אַ מיידל מיט אירע שיין געשניצטע געזיכט־פאָרמען, מיט איר גריכיש נעזל, מיט אירע צוציענדיקע שיינע מאַגנעטישע אויגן און פינקלדיקע שוואַרצאַפּלען, מיט אירע געדיכטע צעפּ האָר פאַרפּלאָכטענע פון הינטן לויט דער דעמאָלטיקער ביאַליסטאָקער מאָדע; איר געטאָקטער, גראַציעזער קערפּער האָט זיך געוויגט שפּרייזנדיק אין די הויכע שיך פאַרשפּיליעטע אויף צוועלף קנעפּלעך מיט אַזוי פיל זעלבסטווירדע, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך איין מינוט, וועט זי מיר בייז אַ וואָרף טאָן די ווערטער פון די שטאָלצע ביאַליסטאָקער „באַרישניעס", וואָס, ווען מען האָט געפּרוווט זיי „פּאַרטשעפּען" און שאַפן קאָנטשאַפט, מאַכן אַ „ראַנט־קע" (טרעפן זיך, פון פראַנצויזישן וואָרט ראַנדע־ווו) פלעגן זיי שטאָלץ, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, אָפּענטפערן: — נאַכאַל! יאַ אוליטשניק זנאַקאָמסטוו ניע זאַוויאַזיוואַיו (חוצפּהניק, איך פאַרבינד נישט קיין גאַסן־קאָנטשאַפטן), זיך אַרויס־דרייען און אַוועקגיין. דעמאָלט קאָנסטו נאָר רעדן צום לאָמפּ, ווי מען פלעגט זיך אויסדריקן אין ביאַליסטאָק.

יידיש טעאַטער

אָבער אַ ניי פעלד פון קונסט האָט מיך צוגעצויגן, און דאָס איז געווען: טעאַטער־קונסט. יידיש טעאַטער איז מיר ווייניק געווען באַקאַנט. איך האָב געוווסט פון טעאַטער־שטיק פון וועלט־באַרימטע שרייבערס אין אַנדערע שפּראַכן ווי טשע־כאָווס „דער קאַרשן־גאָרטן", לעאָניד אַנדרעיעווס „אַנאַטעמאַ", סטרינדבערגס „דער פאָטער", אַרציבאַשעווס „אייפערזוכט", שעקספּירס „שיילאָק" (וואָס האָט אַרויס־גערופן אַ שאַרפע דיסקוסיע, צי איז דאָס אַן אַנטיסעמיטיש ווערק), שילערס „די רויבערס", מאָליערס „דער קאַרגער" און אַנדערע. אָבער יידיש טעאַטער איז מיר געווען ווייניק באַקאַנט און עס האָט מיך מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט אַ צי געטאָן צום יידישן טעאַטער, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט יידישער ליטעראַטור.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצופּיקן היימישע טאַלאַנטן פאַר טעאַטער־קונסט, וואָס, אָנהויבנדיק אַלס „לוביטיעלס" (אַמאַטאָרן), האָבן זיי פאַרענדיקט אַלס פּראָ־

פעסיאָנאַלן. אַ טייל פון זיי האָבן געשוועבט צווישן אַמאַטאָרן און פּראָפעסיאָנאַלן, נישט האָבנדיק נאָך קיין רעפּוטאַציע פון טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן. אַ גרויסן טייל פון זיי האָב איך געקענט פּערזענלעך. וואָס שייך די אַנדערע, האָב איך מיט אינ־טערעס נאָכגעפאָלגט זייער קאַריערע, זייענדיק ווי שטענדיק אַ „רואה ואינו נראה" אויף זייערע פאָרשטעלונגען.

איינער פון זיי, וואָס איז געווען אַ גוטער אימיטאַטאָר און אַ טאַלאַנטירטער אַקטיאָר, איז געווען אברהם פיילעט, אַ געוועזענער וועבער. ער איז געווען גוט אין קאָמישע ראָלן ווי אויך אין לעבנסבילדער, אָבער זיין קרוינראָלע איז געווען די באָבע יאַכנע, די ראָל פון דער מכשפה אין דער אָפּערעטע „די כישוף־מאַכערין" פון אברהם גאָלדפאַדען. ווען פיילעט פלעגט אַרויפקומען אויף דער סצענע, איינגעבויגן אין דרייען, מיטן שטעקן אין האַנט, פאַרקליידט ווי אַן אַלטע, אָפּשטויסנדיקע מכשפה, מיט אַ שופרדיקער נאָז און ווילדע אויגן, אין אַ קאָלירפולער ספּאָדניצע, אימיטירנדיק אַן אַלטע, מיאוסע פרוי, מיט אַ ווילדן, טייוולשן בליק, צוהינקענדיק און זינגענדיק פאַרפּירעריש, מיט אַ קוויטשיקער פרויען־שטימע צו דער פאַרבלאָנדזשעטער יתומה „קום, קום, קום צו מיר, קום צו מיר אַהיים", פלעגט דער גאַנצער זאַל פון „פּאַלאַס־טעאַטער" ווערן פאַרציטערט. די אַלטע בלוטיקע מכשפה מיט איר אָפּשטויסנדיקער פיגור איז געווען אַזוי רעאַל, אַז קיינער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, אַז אין איר שטעקט דער פריילעכער, לוסטיקער אברהם פיילעט. גאַנץ ביאַליסטאָק פלעגט זינגען דאָס ליד פון דער באָבע יאַכנע: „קום, קום, קום צו מיר, קום צו מיר אַהיים...".

אַ טאַלאַנטירטער בחור, וואָס איך האָב געקענט נאָך פון „רעמיעסלענאַיע" איז געווען י. גלאַגאָווסקי. אַ שלאַנקער, מאָגערער בחור, אַ גרויסער קענער פון דער רוסישער און יידישער ליטעראַטור. מיין ברודער דוד פלעגט זיך בייטן מיט אים מיט לייען־ביכער.. גלאַגאָווסקי פלעגט רעזשיסירן, מיטשפּילן און דעקלאַמירן צוויי מאָל אין יאָר, אויף די פּורים־ און חנוכה־אָוונטן איינגעאָרדנט אין „רעמעס־לענאַיע". ער איז געווען פּילזייטיק באַגאַבט, האָט אָבער שפּעטער נישט געמאַכט פון טעאַטער קיין פּראָפעסיע און דאָס איז געווען אַ גרויסער שאָד, ווייל מיט די פאָרשטעלונגען וואָס ער פלעגט רעזשיסירן ווי אויך מיטשפּילן האָט ער געוויזן, אַז ער האָט אַ סך טאַלאַנט. איך האָב אים געזען אין די פאָרשטעלונגען פון שלום־עליכמס „דער גט", „אַ דאָקטאָר אַ סוחר", „מזל־טוב" און אַנדערע, אין וועלכע ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט.

צוויי טעאַטער־אַמאַטאָרן, מיט וועלכע איך האָב נאָך געלערנט אין דער תלמוד־תורה אויפן נאָמען פון זאב וויסאָצקי, ווו פּסח קאַפּלאַן איז געווען מיין לערער פון העברעיש (אויפן זעלבן הויף און דער זעלבער אַדמיניסטראַציע ווי פון „רעמעס־לענאַיע"), זיינען געווען: י. קאַמען און שלום שוואַרץ. איך האָב שפּעטער אָפט געזען שפּילן שלום שוואַרץ, וועלכער איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר

אין ביאַליסטאָק. ער איז געווען אַ באַגאַבטער שוישפּילער. עס שטייט נאָך מיר פאַר מיינע אויגן זיין שפּילן די ראָל פון „כּאַצקל דראַכמע" אין איינער פון יעקב גאָרדינס פּיעסן, פאַרשטעלנדיק קינסטלעריש דעם וויצלדיקן ייד, וואָס ווייקט זיינע פאַרחלשטע פיס אין וואַסער, קרעכצט פון תּענוג, פילנדיק דעם טעם ווי ער וואָלט געווייקט די פיס אין סמעטענע. די טיפן, וואָס ער האָט געשפּילט, זיינען געווען טיפּן פון יידן מיט אַלע פּיטשעווקעס און קנייטשלעך.

עס האָבן זיך אויך אויסגעפּיקט טאַלאַנטירטע טעאַטראַלן אויפן געביט פון קינסטלערישער רעציטאַציע און טעאַטער-קריטיק. איינער פון זיי איז געווען מענדל גאָלדמאַן, אַ פּילזייטיקער טאַלאַנט אין דעקלאַמירן, רעציטירן, ווי אויך אַ גרויסער ליטעראַרישער טאַלאַנט. ער איז שפּעטער געוואָרן דער מיטרעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבען" אונטער דער רעדאַקציע פון פּסח קאַפּלאַן, ווי אויך טעאַטער-קריטיקער און פּאָעט, אונטערן נאָמען: מנחם ג-ן.

אַ באַגאַבטער שוישפּילער איז געווען מאיר שוואַרץ, וועלכער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג מיט זיינע לעבעדיקע, רירנדיקע, קאָמישע איינאַקטערס, אין וועלכע ער האָט אָפט מאָל אויך מיטגעשפּילט.

אויך דער פּילזייטיק טאַלאַנטירטער פּסח קאַפּלאַן האָט געהאַט אַ שייכות צו קונסט. ער איז געווען דיריגענט פון דער „יידישער קונסט-געזעלשאַפט", האָט געשריבן מוזיק און גוט פאַרשטאַנען טעאַטער. זיינע טעאַטער-רעצענזיעס אין „דאָס נייע לעבען" געשריבן אונטערן נאָמען „אַרגוס" זיינען געווען אינטערעסאַנט און באַלערנדיק, שטאַרק אָפּגעשאַצט אין דער ביאַליסטאָקער טעאַטראַלער וועלט.

און אָט איז אסתּר זעווקינאַ, וועלכע איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע. אַ מיידל מיט אַ שיינעם, עלאַסטישן קערפּער און אַ שיינעם באַחנטן פּנים, מיט פעיקייטן צום זינגען. זי איז געווען אויסגעצייכנט אין סוברעטן-ראָלן, און גוט אין לעבנסבילדער. אָנגעהויבן האָט זי אַלס אַמאַטאָרין. אַ מיידל אַ ברען, פול מיט לעבן. זע איך זי איצט שפּילן אין „פּאַלאַס טעאַטער" אַ סוברעטין-ראָל, אַרויס-שפּרינגענדיק אויף דער סצענע אין רייטהויזן, מיט אַ שפּיצרוט אין האַנט, און מיט אַ פריילעכן געזאַנג „איך בין כאַנטשע פון אַמעריקע". עס האָט געברענט אונטער אירע פיס. אין ביאַליסטאָק האָט מען נישט אָפט געזען אַקטריסעס-פרויען וואָס גייען אין הויזן, ספּעציעל יידישע, דעמאָלט זיינען נאָר מענער געגאַנגען אין הויזן... אסתּר זעווקינאַ האָט פאַרמאָגט פיל קוואַליטעטן צו זיין אַ גוטע אַקטריסע: אַ שיינעם, שלאַנקן קערפּער, אַ שיין געשניצט, איידל פאַרמירט פּנים, אַ סך לעבן און אַ שיינע שטימע, און אַ גענוגנדיקע מאָס צו קאָנען זינגען. מיט אירע רייטהויזן איז אסתּר זעווקינאַ אַוועקגעריטן אַזש קיין אַמעריקע...

איר שפּעטערדיקער מאַן, ישראל באַרענבוים, וואָס האָט אויך אָנגעהויבן אַלס אַמאַטאָר אין ביאַליסטאָק, איז אויך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. ער האָט געשטאַמט פון דעם מיוחסדיקן הויז פון קאַדעל באַרענבוים וואָס האָט פאַרמאָגט

אַ גרויס טאַפּעטן־געשעפט, מיט גרויסע קאַלאַנען אין פראָנט אין ראָג פון ניקאָ־לאַיעווסקע און ליפּאָווע, קעגן איבער דעם „שיסל". באַרענבוימס משפחה איז נישט געווען צופרידן וואָס זייער שיינער, געלערנטער ישראל איז געוואָרן אַן „אַקטיאָר־שטשיק". אָבער צום שבח פון ישראל באַרענבוים מוז מען זאָגן, אַז ער איז געווען אַן אינטעליגענטער שוישפּילער, מיט בילדונג און פאַרשטענדעניש פאַר ליטעראַרישע פּיעסן פון בעסערן רעפּערטואַר. ער האָט אויך געהאַט אַ גוטע שטימע צום זינגען. אַ הויכער, אַ שיינער, מיט אַ מענלעכן אויסזען, מיט אַ קאָפּ געדיכטע האָר, מיט זיין פיינעם האַלטן זיך אויף דער סצענע, מיט זעלבסטווירדע, אָן ביליקע וויצן, איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַ שוישפּילער פון בעסערן קלאַס טעאַטער. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער שיינער אסתר זעווקינאַ. (איך האָב זיי, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, געזען שפּילן אין אַנטווערפּן, אין אַמעגאַנג טעאַטער, ווען איך בין געווען טעאַטער־קריטיקער און שרייבער אין בעלגיע).

אין זומער 1917 האָב איך צופעליק געטראָפן אין סופּראַסלע דעם אַמאַטאָר־אַקטיאָר אַביגדור פּעקער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. ער האָט געשטאַמט פון דער אינטעליגענטער משפחה פּעקערס, די אַפּטייקערס, וועלכע האָבן געהאַט זייער אַפּטייק אויף יאַטקע־גאַס, אין ראָג פון ליפּאָווע.

אַביגדור פּעקער איז געווען אַ „מאַן" אין פולן זין פון וואָרט. מיטלוווקסיק, ברייטביייניק, מיט קרעפטיקע אַקסלען פון אַ „פּרייז־פייטער", מיט אַ געדיכטן קאָפּ שטענדיק לאַנגע האָר. מיט זיין שאַרף אַקצענטירנדיקער באַריטאָן־שטימע, רעדנ־דיק קלאָר, דייטלעך, מיט אַ שאַרפער דיקציע, איז ער ווי געבוירן געווען פאַרן טעאַטער, און איז טאַקע שנעל געוואָרן אַן אָנגעזעענער אַקטיאָר. שטענדיק אַ פריילעכער, אַ וויצלדיקער, מיט אַ פּערפעקטן יידיש, איז ער געווען אַ גוטער אַקטיאָר, אַ גאָר פעיקער רעציטאַטאָר און דעקלאַמאַטאָר. אַ פייערדיקער דאָן־זשואַן, אָבער מיט גוטע מאַניערן, האָט ער טאַקע געהאַט גרויס דערפאָלג ביי פרויען. ער איז שפּעטער מגולגל געוואָרן אין אַמעריקע, אַלס אַקטיאָר, ראַדיאָ־קאָמענטאַ־טאָר, איז אויך אויפגעטראָטן אויף געזעלשאַפטלעכע פאַרוויילונגען אונטערן נאָמען וויקטאָר פּעקער.

איינער פון די טאַלאַנטירטסטע אַקטיאָרן און זינגערס וואָס ביאַליסטאָק האָט פאַרמאָגט איז געווען יודל גרינהויז. די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט אַלץ, וואָס אַזאַ באַדייטנדיקער טאַלאַנט האָט געדאַרפט האָבן: מיט אַ שיינעם וווּקס, אַ שלאַנקן קערפּער, אַן איידל פאַרטראַכטן אויסדרוק פון פּנים, מיט אַ שיינער, געדיכטער קוטשמענע גלאַנציק־שוואַרצע האָר, מיט אַ דייטלעכער, רירנדיקער שטימע און אַ זיכערן האַלטן זיך אויף דער בינע. יודל גרינהויז איז דערצו נאָך געווען אַ באַגאַבטער רעזשיסער, וואָס האָט פיל בייגעטראָגן צו אַנטוויקלען יונגע טאַלאַנטן אין ביאַליסטאָק. זיין שוועסטער שפרה גרינהויז האָט זעלטן געשפּילט און נישט געווען אַנזעעוודיק.

יודל גרינהויז שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן אין זיין קרוינראָלע אין דער אָפּערעטע „חורבן ירושלים" — אין דער ראָלע פון מאַיעסטעטיש, גרייז־גרויען נביא ירמיהו, געקליידט אין אַ ווייסן, לאַנגן טוניק ביז די פיס, ווי די אַמאָליקע נביאים האָבן געטראָגן, ווי ער זינגט זיין ביטער קלאָגליד:

אוי, אַזוי זאָגט גאָט אַצינד,
איך קען דיך נישט מער,
ביסט נישט מער מיין קינד,
פאַר דיינע זינד... פאַר דיינע זינד...

דער אָנזאָג פון אָנקומענדיקן שטורעם

ביאַליסטאָק, נאָוועמבער־דעצעמבער 1919.

די באַציונג פון דער פּוילישער מאַכט צו די ביאַליסטאָקער יידן ווערט אַלץ ערגער; מען רייסט און מען שניידט בערד; מען שלאָגט יידן אין די באַנען און מען וואַרפט זיי אַרויס פון די פענצטער. אין די „עקסצעסן" (פּאָגראָמען) צייכענען זיך אויס באַזונדערס די „האַלערטשיקעס", די פּוילישע זעלנערס אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל האַלער פון פּויזן (פּאָזנאַן). די פּוילישע לאָזונג: „סוווי דאָ סוועגאָ" (אָן אייגענער ביי אַן אייגענעם) איז אַן אָפענע פּראָפּאַגאַנדע צו די קריסטן צו באָיקאָטירן יידישע סוחרים און קרעמערס.

די פּוילישע פּאַרטייען פירן אַ פאַרביסענעם קאַמף צווישן זיך. די פירנדיקע רעגירונגס־פּאַרטיי איז די אַמאָליקע פּאַרטיי פון פּילסודסקין, די פּ.פּ.ס. (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ), צווישן וועלכער עס געפינען זיך באַרימטע יידישע סאָציאַליסטן ווי: ליבערמאַן, דיאַמאַנד, פּאָזנער.

די עקסטרעם רעאַקציאָנערע פּוילישע פּאַרטיי איז די „נאַראָדאָווע דעמאָקראַציאַ", באַקאַנט אונטערן נאָמען „ענדעקעס" און מער פון אַלע אַנדערע פאַרביסן אַנטיסעמיטיש. אויך די נ.פּ.ר. (נאַראָדאָוואַ פּאַרטיאַ ראַבאָטניטשאַ), כאָטש אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, אָבער פון רעכטן פליגל, איז אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטיש. די פּוילישע פּויערים־פּאַרטיי, אונטער דער אָנפירונג פון וויטאָסן, איז אַ צעשוווּמענע פּאַרטיי, וואָס האָט נישט קיין אויסגעשפּראָכענעם פּראָגראַם און געהערט מער צום צענטער.

*

דערצויגן אין זעלבסטווירדע און שטאָלץ, קאָנען די ביאַליסטאָקער יידן נישט פאַרטראָגן די באַליידיקנדיקע באַציונג פון דער פּוילישער מאַכט. פון די רעגירונגס־

באַמטע און בכלל פון פּאָליאַקן צו די יידן אין שטאָט. ספּעציעל קאָן עס נישט פאַרגעסן די שטאָלצע, געבילדעטע יידישע יוגנט, די געוועזענע שילערס פון העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטן, ווי: רעאַל־שולע, קאָמערץ־שולע, אַלעקסאַנדראָווס גימנאַזיע, לאַכאַנקעס פּרויען־גימנאַזיע, קעגן איבער דער טורמע, „גאַראַדסקאַיע", פון די מיטעלע לערער־אַנשטאַלטן, ווי יאַפּעס שולע, „רעמעסלענאַיע", כוואַלעסעס און בישקאָוויטשעס פּראָ־גימנאַזיום.

אויך שילערס פון געוועזענע קלענערע לערן־אַנשטאַלטן ווי: באַביצקיס, מע־גאַכאָוסקיס און פרידמאַנס לאָזן פילן די פּאָליאַקן, אַז זיי פאַרלאַנגען רעספּעקט צו זיך און זיי רעדן דעמאָנסטראַטיוו רוסיש אויפן קול אויף די שבתדיקע אָדער יום טובדיקע שפּאַצירן אויף די גאַסן: ניקאָלאַיעווסקע (געענדערט אויף סיענ־קעוויטשאַ), אַלעקסאַנדראָווסקע (מיצקעוויטשאַ), דייטשע גאַס (קילינסקי), מאַרק און די „ברעמלעך", אויפן צענטער (רינעק קאָשציושקי), אין שטאָטגאָרטן (אָגרוד מיעיסקי), אָדער אין צערטלס וואַלד, פּאַרק ראָסקאָש א.א.וו.. טראָץ דעם, וואָס די פעיקע יידישע אינטעליגענטע יוגנט האָט שנעל באַהערשט די פּוילישע שפּראַך, און געלייענט די ווערק פון העגריק סיענקעוויטש, פון אַדאַם מיצקעוויטש, פון יול־יוש סלאָוואַצקי און פון אַנדערע, האָט זי אויסגעמיטן דעם באַנוץ פון דער פּוילישער שפּראַך אין הויז און אין גאַס.

די אויפגעשטאַנענע פּוילישע מלוכה האָט שוין אַספּיראַציעס אויף טעריטאָ־ריעלע דעראָבערונגען און שאַרפט די ציין אויף געביטן, וואָס גרענעצן זיך מיט פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד. רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען פאַרנומען מיטן אינעווייניקסטן בירגערקריג. פּוילן איז פאַרשיכורט פון איר דערפאָלג אַלס ניי־אויפגעקומענע מדינה און באַהערשט פון „גרויסקייט־מאַניע"; שאָוויניסטיש־נאַ־ציאָנאַליסטישע קלאַנגען טראָגן זיך איבער גאַנץ פּוילן; זיי שטאַמען פון דעם פאַקט, וואָס פּוילן איז באַפרייט געוואָרן דורך דעם ווערסאַלער טראַקטאַט נאָכן 11טן נאָוועמבער 1918, מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג פון דעם אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר און דעמאָלטיקן אַמעריקאַנער פּרעזידענט ווודראָו ווילסאָן, דעם איני־ציאַטאָר פון די „14 פּונקטן" פאַר באַפרייונג און זעלבסט־באַשטימונג פון פעלקער דורך דעמאָקראַטישע וואַלן; טאַקע דער טראַקטאַט האָט איינגעגלידערט אונדזער היימשטאָט ביאַליסטאָק אין דער נייער פּוילישער מלוכה און זיין דאַטע איז גע־וואָרן אַ „שוואַרצער טאָג" פאַר אונדזער ליבער היים אין קלעם פון די פּוילישע הערשערס. אָט דער טראַקטאַט האָט דערפירט צו דעם אויפשטייג פון דעם מערדער־לעכן בלוטדורשטיקן נאַציזם און צו דער אויסראָטונג פון דעם פּוילישן יידנטום און חורבן־ביאַליסטאָק, צו דעם אומקום פון די זעכציק טויזנט ביאַליסטאָקער יידן אין די דייטשישע מאָרד־פאַבריקן, קאַלכאויוונס און גאַז־קאַמערן.

דער הספד נאָך ביאַליסטאָק

דער קולטורקרייז ביים קלוב פון ביאַליסטאָקער פריינד, ניו־יאָרק, גיט אַרויס דעם אַלבום פון בילדער און געטאָ־לידער פון ביאַליסטאָק, מיט אַ באַשטימטן צוועק: אויף אייביק לאָזן אַן אָנדענקונג פון די טרויער־לידער, וואָס זיינען גע־שאַפן און געזונגען געוואָרן אין אָנבליק פון טויט און אויפן גאַנג צום לעצטן וועג.

די בילדער שפּיגלען אָפּ צוויי צייט־מאָטיוון: ביאַליסטאָק, ווי זי האָט אויס־געזען אין דער פרידלעכער, נאָרמאַלער צייט, פאַרן אומקום, און ביאַליסטאָק בעת און נאָך דער געטאָ־עפּאָכע, וואָס איז איין גרויסער בית הקברות, מיט אָפּגעווישטע גאַסן, אָפּגעברענטע שוואַרץ ציגלנע חורבות, איין שטיק פעלד פון אַ טויטן בית עולם.

די לידער־נאָטן און טיילווייז די בילדער זיינען געזאַמלט געוואָרן דורך אונדזער ליבן, האַרציקן לאַנדסמאַן יצחק ריבאַלאָווסקי, וועלכער איז על־פּי נס ניצול גע־וואָרן און געפינט זיך איצט מיט אונדז אין ניו־יאָרק, און וועלכער האָט שוין איין מאָל אַרויסגעגעבן אַזאַ אַלבום אין פּאַריז, אָבער אין אַ קלענער באַשרענקטער פאָרם.

אַ טייל בילדער האָבן מיר באַקומען פון אונדזער חשובן לאַנדסמאַן, כלל־טוער און דירעקטאָר פון ביאַליסטאָקער צענטער, פריינד דוד סאָהן.

אונדזער פאָרוואָרט מוז איינשליסן אַ קורץ כראָנאָלאָגיש בילד פון די טראַגיש־בלוטיקע געשעענישן פון אומקום פון אונדזער ליבער, טיף איינגעבאַקענער אין האַרצן, ביאַליסטאָק, דאָס וויגל פון אונדזער געבורט, די שטאָט פון אונדזערע קינדהייט־פאַנטאַזיעס און יוגנט־חלומות. און אָט איז זייער טרויעריקער סדר און טראַגישע דאַטעס, וואָס דאַרפן אויף אייביק איינגעקריצט ווערן אין זכרון פון יעדן ביאַליסטאָקער, אַלס זיין ה ס פ ד און זיין ק ד י ש.

דאָס זיינען די דאַטעס פון 7טן פעברואַר און 16טן אויגוסט, וואָס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דעם ערשטן צוזאַמענפאָר אין ביאַליסטאָק אַלס די הייליקע יאָרצייטטעג.

דאָס פאַרברענען פון איבער טויזנט ייִדן אין דער שול, דעם 27טן יוני 1941

דעם 27טן יוני 1941 מאַרשירן אַריין די נאַצישע מערדערס אין ביאַליסטאָק און שוין אין זעלבן טאָג באַפאַלן זיי די ייִדישע איינוווינערס אַרום דער גרויסער שול, דערמאָרדן ייִדן מיט רעוואָלווערן און האַנט־גראַנאַטן, שלעפּן אַרויס פון די

הייזער איבער טויזנט ייִדן, שליסן זיי איין אין שול און צינדן זי אונטער. אין דעם גיהנומדיקן פייער פון דער הייליקער שול קומען אום אין שרעקלעכע יסורים ביי טויזנט קדושים. צוזאַמען מיט די דערמאָרדעטע ייִדן אין די דערבייִיקע קוואַר־טאַלן, ציילט דער טאָג פון 27טן יוני אַריבער 1.500 אומגעקומענע קדושים.

די דאָנערשטיקע

דעם 10טן יולי 1941, ווערן הונדערטער מענער געכאַפּט אין די גאַסן, אַוועק־געפירט אין פּעטראַשע אויפן וועג קיין וואָשליקאָווע, דערשאָסן און באַגראָבן אין פריער צוגעגרייטע גרובן. דאָס האָבן באַשטעטיקט די קריסטן, וואָס ווינען אַרום יענעם דאָרף, און האָבן געהערט די לעצטע, האַרץ־רייסנדיקע קולות פון די אויס־געמאָרדעטע ייִדן.

די שבתדיקע

דעם 12טן יולי 1941 שליסן די דייטשן אָפּ אַ ריי ביאַליסטאָקער גאַסן, נעמען צונויף ביי פינף טויזנט ייִדישע מענער און פאַרלאַנגען ביים ייִדנראַט אויסקויפ־געלט. די ייִדישע באַפעלקערונג שלעפּט צונויף מיט שווערער מי גאָלד, געלט, פוטערוואַרג און טייערע חפצים און פירט דאָס מיט פורן צום ייִדנראַט, וועלכער גיט דאָס איבער צו די דייטשן. די דייטשן נעמען צו די קאָנטריבוציע, זאָגן צו באַפרייען, אָבער די ייִדן קומען נישט מער צוריק. מען דערוויסט זיך שפּעטער, אַז די אומגליקלעכע קרבנות זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין פּעטראַשע.

די ערשטע ליקווידאַציע — פון 5טן ביז דעם 14טן פעברואַר 1943

דעם 5טן פעברואַר 1943 רינגלען די דייטשן אַרום גאַנצע ביאַליסטאָקער געגנטן, זאַמלען צונויף צוועלף טויזנט ייִדן, מיטן ליגנערישן צוזאָג צו שיקן זיי אויף אַרבעט, און דעפּאָרטירן זיי קיין אָשוויענצים, וווּ זיי קומען אום פאַרברענטע אין קרעמאַטאָריעס. ביי טויזנט ייִדן קומען אום אין די טעג אין די גאַסן און הייזער פון ביאַליסטאָק דורך רעוואָלווערן און האַנט־גראַנאַטן פון די דייטשישע רוצחים. צוזאַמען ביי 13 טויזנט ייִדישע לעבנס.

יצחק מאַלמעד, וואָס האָט געוווינט אויף גומיענער גאַס, שטעלט זיך העלדיש

אַנטקעגן. ער גיסט אַרויף וויטריאָל אויפן פּנים פון אַ דייטשישן אָפיציר, וואָס קומט זיי דעפּאָרטירן, און ברענט אים אויס די אויגן. הונדערט יידן פון די אַרומיקע גאַסן ווערן דערשאָסן אין פּראַגערס גאָרטן אַלס שטראָף און מאַלמעד ווערט אויפגעהאָנגען אויף קופּיעצקע גאַס.

די לעצטע ווערטער פון דעם העלד זיינען: — מיין נאָמען וועט אייך איבער־לעבן, איר הינטישע מערדער! זיין נבואה איז מקויים געוואָרן. עס איז היינט דאָ אין ביאַליסטאָק אַ גאַס אויפן נאָמען פון יצחק מאַלמעד.

און דאָס איז די געוועזענע גומיענער גאַס.

דעם 16טן אויגוסט 1943 — די לעצטע און פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ

דעם 16טן אויגוסט 1943 ווערט גאַנץ ביאַליסטאָק 12 אַ זייגער ביי נאַכט אַרומ־גערינגלט דורך דייטשן. 9 אַ זייגער אין דער פרי ווערן צונויפגעזאַמלט אַרום דרייסיק טויזנט לעצט־פאַרבליבענע יידן אויפן זאַמלפּלאַץ און דעפּאָרטירט קיין אַשוויענצים און מאַידאַנעק. אַלטע און קראַנקע ווערן אויפן וועג דערשאָסן. צוועלף הונדערט קינדער ווערן געשיקט קיין טערעזיענשטאָט און דערנאָך אין די קרעמאַטאָריעס פון מאַידאַנעק. אַרום צוויי טויזנט ביאַליסטאָקער יידן שטעלן אַרויס אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, קעמפנדיק העלדיש, פאַרביסן מיט נקמה־געפיל און טויטנדיק אַ סך דייטשישע רוצחים. דער גרעסטער טייל פון אונדזערע העלדן קומען אום אין נישט גלייכן קאַמף. אַ קלענער טייל ראַטעוועט זיך אין די וועלדער און באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער אין אונטערערדישן קאַמף קעגן די בלוטדורש־טיקסטע מערדערס, וואָס די וועלט האָט ווען פאַרמאָגט: די הינטישע, בלוטיקע, מערדערלעכע, נאַצי־דייטשן.

אַזוי איז אומגעקומען ביאַליסטאָק!

*

מיט יראת הכבוד שרייבן מיר די ווערטער. עס דאַכט זיך אונדז, אַז מיר געפינען זיך אין ביאַליסטאָק, אין דער חרובער, אָפּגעברענטער ביאַליסטאָק; און טויזנטער נשמות פון אונדזערע נאָענטסטע, מיט וועלכע מיר האָבן אין די מאַמישע היימען די קינדער־יאָרן פאַרבראַכט, שוועבן אין דער לופטן, און אין דער טויטער

שטילקייט פון איין גרויסן פאַרוויסטן בית־עולם, גאַנץ ביאַליסטאָק, שטייען מיר אין שטילן, פאַרטראַכטן טרויער און מיר באַהעפטן זיך מיט זיי, מיט די טויזנטער טויטע נשמות. מיר זעען זיי נישט, אָבער מיר פילן זיי אַרום אונדז און רעדן זיך צוזאַמען מיט זיי אין דער שטילער שפּראַך פון טיפן דרך־ארץ פאַר זייער קדושים־טויט, אין דער שפּראַך פון צער און טרויער. מיר הערן די יללות פון די קדושים אין זייערע לעצטע גסיסה־שעהען, וואָס הענגען פאַרשטומטע אין דער לופטן, אין דער בית־עולם־שטילקייט און רעדן צו אונדז מיט אַ שטילן תפילותדיקן געבעט: לאָזט נישט פאַרגעסן אונדזער אומקום, דעם אומקום פון אייערע 60 טויזנט ביאַליסטאָקער טאַטע־מאַמעס, ברידער, שוועסטער, קרובים און משפּחות, וואָס האָבן אין אייער ביאַליסטאָק געלעבט. דורות גייען אַוועק. זאָל די ביאַליסטאָקער ערד, דורכגעווייקט מיט אונדזער בלוט, זיין אַ שרייִקע דערמאַנונג פון די בלוטיקע, דייטשישע רציחות! געדענקט אין אונדז! פאַרגעסט נישט אין אונדז! דערמאַנט אונדז!

דאָס איז די לעצטע שטומע צוואה פון אונדזערע אומגעקומענע, זייער לעצטער שטומער ווילן, וואָס מיר דערפילן אין אַ קליינער מאָס, אַרויסגעבנדיק דעם אַלבום פון בילדער און לידער, צונויפגעזאַמלטע אַלס אַ שטילער ה ס פ ד און באַשיי־דענער ק ד י ש נאָך זיי.

כבוד זייער אָנדענק!

ניו־יאָרק, פעברואַר 1948

ווייִנען ווינטן...

ווייִנען ווינטן, ווייִנען ווינטן
איבער ביאַליסטאָקער דעכער,
רייסן קוימענס, וואַרפן ציגל
איבער שוואַרצע סאַזשע־לעכער.

פון כאַנייקעס ביז באָיאַרע
פייפט דער ווינט אַ ווייִנענד ליד,
קלאָגט אַן אומעטיקן קדיש
נאָך דעם ביאַליסטאָקער ייִד.

רייסן קברים, רייסן קברים
פון דייִנע, מייִנע ברידער, שוועסטער,
יאָמערט אַ צעווייטאָקט קלאָגן,
אַז דער חורבן איז דער גרעסטער.

פון שאָסיינע ביז זווערינעץ
טאַפּט דער ווינט די שוואַרצע ווענט,
וואַרפט זיך אין אַ ווילדער אַנגסט
זייַן אייגן שטאָט נישט מער דערקענט.

נשמות שוועבן, נשמות שוועבן
איבער דער בית־עולם־שטאָט,
זייערע פאַרשטיקטע קרעכצן
שיקן זיי צום גרויסן גאָט.

פון די פּיאַסקעס ביז גומיענער
וואַרפט דער ווינט זיך ווי אַ כּעסן,
ווי ער וואָלט געוואָלט די וועלט
אויף קליינע שטיקעלעך צערייסן.

צווייטער טייל

די שפּין

דינע, זעגלדיקע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן צו דעם דערשראָקענעם באַשע־פעניש, וואָס איז געבליבן פאַרגליווערט, דערפילנדיק דעם אָנגעסט פון טויט.

די שפּין האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט צום קרבן. געלאָפן, געקראָכן, ווי זייענדיק זיכער, אַז די קליינע, שוואַכע פליג, אַריינגעפלאָכטענע אין שפּינוועבס, געהערט צו איר, צום שטאַרקערן.

דבורהלע איז געשטאַנען לעם קליינעם פענצטערל, זיך צוגעקוקט צום שטילן געראַנגל אויפן ווינקל פון דער שויב און געקלערט האָט ווי וועגן דער זיכערער רויִקייט פון דער שטאַרקער שפּין.

די שפּין האָט מיט איר קערפּער אין גאַנצן פאַרדעקט די פליג — און דבורהלע האָט נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט שנעל אויפגעהויבן די האַנט און מיט איין ריר פון פינגער אַראָפּגעשליידערט די שפּין, וועלכע האָט פּחדנותדיק, זיך שאַרנדיק לעם וואַנט, זיך געלאָזן לויפן צום פינצטערן ווינקל פון סופיט.

איצט איז דבורהלען די שפּין געוואָרן עקלהאַפט און זי האָט חשק געהאַט זיך צו שטעלן אויף אַ שטול, זי אָניאָגן און לאַנגזאַם, מיט הנאה צעקוועטשן.

דבורהלע קוקט דורך דער שויב. דער פּירקאַנטיקער פאַרקאַן פון אָפּגעבראָכענע צווייגן צוימט אַרום דאָס שטיבל. ס'וואַקסן דאָ דריי גרויסע „פויגל־מילך"־ביימער. אירע אויגן ווערן פאַרטרונקען אין דער ווייסקייט און עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס שטייען דריי באַרמהאַרציקע שוועסטער, מיט אַ שטילן מיטלייד־שמייכל.

דבורה האָט פיינט זייער שטילן מיטלייד. זי קוקט אויף זיי מיט אַ באַדויע־רונג־שמייכל, מורמלט צו זיי עפּעס.

דורכן פענצטער זעט זיך אַ שמאָלער פּאַס פון הימל איבער דער געדיכטער שטאָלצער מאַסע ביימער, וואָס שטייען ברידערלעך געאַרעמט און קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף די קליינע מענטשעלעך, וואָס פּויזען און טוליען זיך צו זייערע פעסט איינגעוואָקסענע פיס.

דבורה האָט מורא פאַרן וואַלד און האָט אים ליב. זי פאַרלירט זיך אין וואַלד, ווערט פאַרפאַלן, שיילט זיך אויס פון זיך אַליין און ווערט צווישן די שטאַרקע ריזן זאַרגלאָז.

די געדאַנקען רייסן זיך איבער אַליין. צו ניינצן יאָר, איז זי צווישן די דריי

שוועסטער די יינגסטע, די פריילעכסטע, די שענסטע, אָבער אויך די ערנסטע, די פאַרקלערטע. מיט די שוועסטער איז זי פון דער ווייטן, האָט נישט מיט זיי וואָס צו רעדן און ווען זי זאָגט אַ מאָל עפּעס, קוקן זיי זיך איבער און ענטפערן נישט. ביים טאַטן איז זי די ליבסטע פון די דריי טעכטער, אָבער זי דעם טאַטן — האָט נישט ליב. זי האָט נאָר מיט אים מיטלייד, אַ טיפן רחמנות. זי קלערט אָפט, אַז איר טאַטנס געבוירן ווערן איז אַ טעות.

איר טאַטע? — אַ קליינער, שטילער בוכהאַלטער, אַ שוואַרץ־גרויליק יידעלע אין די פופציקער יאָרן, וואָס איז „אַ מענטש" ביי משה גראַסוואַלדן, אַ קליין, איינגעהויקערט מענטשעלע, וואָס דרייט זיך אַרום אין די פרימאַרגנס אין די שליי־קעס, מיט די לאַנגע, ברייטע הויזן וועלכע פאַלדעווען זיך ביי די שיך, ווי ביי עמעצן אָפּגעקויפטע, וואָס זוכט און נישטערט אין אַלע שופלאַדעלעך, קריכט אַרום איבערן שטוב מיט קליינע, דריבנע טריטעלעך, עפּעס אַזוי אומבאַהאָלפן נעבעכדיק, ווי ער וואָלט מיט זיין „זיין" עמעצן אַ שטאַרקע טובה געטאָן. ער פרעגט מיט אַ שטילן, בעטנדיקן אויסגעצויגענעם ניגונדל ביי זיין ווייב:

— פעשע, האָסט אפשר אָט אַזוי זיך, צופעליק באַמערקט מיין שפּאַנקע פון דער מאַנישקע? כע, כע,כע... איך דריי זיך דאָ אַרום.

און ווען ער געפינט די שפּאַנקע, קאָלופּעט ער לאַנג דאָס לעכל פון פאַפּירענעם קראַגן ביים קליינעם, דאַרן, איינגעטריקנטן העלדזעלע, מיטן ביינערדיקן גאָרגעלע און שמייכלט אַזוי פאַרשולדיקט.

דער טאַטע איז אין דבורהלעס אויגן פיל קלענער ווי אין דער ווירקלעכקייט. ס'זיינען דאָ צייטן, ווען אין דבורהלעס אויגן ווערט ער צונויפגעשרומפּענער און וואַקסט אַריין אין דער ערד, און אָט־אָט, נאָך אַ ביסל — ווערט ער פאַרשווונדן דורך דער פאַדלאָגע.

די מאַמע? — אַ יידענע וואָס שאַרעוועט מיט די שטעקשיך אַ גאַנצן טאָג איבערן שטוב און פאַרעט זיך ביי די טעפּ. אַ שטיל באַשעפעניש — וואָס איז גרוי, מיט אַן אומבאַוועגלעכן פּנים ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. דאַכט זיך, אַז קיין ברעקל געדאַנק קאָן נישט דורכגיין איבער דער פאַרגליווערטער מאַסע, וואָס הייסט: פּנים. אַ יידענע פון יאָר.

יאָ, די שפּין, די גראָבע, זיכערע שפּין. זי דערמאָנט איר...

*

מיט עטלעכע זומערס, מיט עטלעכע ווינטערס צוריק. זי געדענקט נישט די צייט, נאָר די פאַסירונג געדענקט זי גוט. אָ! שוין צו גוט.

פון דעמאָלט אָן האָט די שנאה צו מענטשן נאָך אַ סיבה באַקומען. געקריגן אַן אַלגעמיינעם, טונקל־גרינעם גאַליקן קאָליר פון אַ מענטשלעכן פּרצוף.

אין איינעם פון די פּראַסטיקע אָוונטן ווען אין דרויסן פרירט דעם אָטעם, איז דבורהלע געזעסן לעם אויסגעהייצטן אויוון און געלייענט אַ בוך. די מאַמע

האָט זיך געשאַרט איבערן שטוב און שטיל געקרעכצט: אַזאַ ברענענדיקער פראָסט און דער טאַטע, אַ צוגעקילטער, איז אַוועק אָן זיין דיקער וואָלענער שאַל.

די מאַמע האָט געזיפצט און שטיל געמורמלט. פון די צוויי עלטערע שוועסטער האָט איינע געלאָפּעט און די אַנדערע האָט לעם קאַכל-אויוון די הענט הינטער דער פלייצע געוואַרעמט. האָט דבורהלע זיך פון אָרט אָפּגעריסן, גענומען די שאַל, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר און איז אַרויס. די מאַמע איז איר ביזן הויף נאָכגעלאָפן:

— דבורהלע, טו אָן דעם מאַנטל!

— מאַמע, ס'איז מיר נישט קאַלט. איך טראָג אַ וואַרעמען לייביאַק.

און זי איז שנעל אַוועק. זי האָט קיין וואַרעמע וועש נישט געטראָגן. דאָס האָט זי נאָר די מאַמע געוואָלט באַרויקן. געדאַרפט האָט זי דורכגיין די לאַנגע אַלעקסאַנדער־גאַס, דאָס שפּאַצירט פון דער שטאָטישער יוגנט און דבורהלע האָט זיך געשעמט פאַר איר אַלטן מאַנטל מיט די אויסגעריבענע עלנבויגנס. איז זי בעסער אַזוי געגאַנגען. זי איז געגאַנגען שנעל, זיך געשאַרט אין שאָטן. דורכ־קרייצנדיק צוויי שמאָלע, צעדרייטע, פאַרוואָרפענע געסלעך, איז זי צוגעקומען צו דעם הויז פון משה גראָסוואַלד. פון די געציילטע שיינע דריישטאָקיקע הייזער פון דער פּראָווינצשטאָט.

געעפנט האָט איר די אַלטע, גרויע, איינגעבויגענע זלאַטע, וואָס איז געווען ביי גראָסוואַלדן אַלץ: קעכין, ניאַניע, באַבע — און פאַרטיע.

זי האָט זיך ליבלעך צעשמייכלט, אָט די אַלטע זלאַטע, רעדנדיק פעסנדיק:

— אין אַזאַ סמאַליעדיקן פראָסט — אָן אַ מאַנטל, ווי איז מיר. אַ וועלט. קום שוין גיכער אַריין!

שאַרנדיק מיט די אַלטע פיס, איז זלאַטע פאַרשוווּנדן אין אַ הינטער־צימער אונטער אַ וויין־רויטן פאַרהאַנג, און אין פינף מינוט שפּעטער אַרויס, האַלטנדיק אַ מאַנטל פון זאַמדקאָליר מיט עטוואָס אָפּגעריבענע פוטער.

— נאַ! טו דאָס אָן!

דבורהלע איז רויט געוואָרן און צוריקטרעטנדיק געענטפערט:

— ניין, זלאַטע, איך דאַנק אייך. איך האָב נישט נויטיק. איך האָב אַ מאַנטל אין שטוב און אים פאַרגעסן אָנצוטאָן.

האָט די אַלטע זלאַטע זיך גוט אַריינגעקוקט אין דבורהלעס אויגן. אַזוי — אַז דבורהלעס גלאַנציק פאַרטרערטער קוק האָט אויסגעמיטן זלאַטעס אויגן און זלאַטעס פּנים האָט זיך מיט אַ שטילער, געטרייער ליבשאַפט באַדעקט. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר צוגעגאַנגען און אַרויפגעשלעפּט אויף דבורהלעס הענט דעם מאַנטל.

דבורהלע איז אַנטקעגן דעם שפּיגל געשטאַנען. האָט זי שנעל אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, כדי נישט צו טרעפן זיך אין שפּיגל מיט איר צעפלאַמטן פּנים.

פּאַמעלעך איז דבורה געקראָכן איבער דעם שמאָלן, לאַנגן טרעטער פון

וואַרטע־צימער ביז די טרעפּ, צו ה׳ גראַסוואַלדס קאַבינעט ווו דער טאַטע האָט געאַרבעט. זי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין, געוואָלט אַראָפּגיין און דעם מאַנטל אויסטאָן. זי וואָלט אַ באַפרײַטע געוואָרן, אָבער זי האָט קיין מוט נישט געהאַט. האָט זי זיך אין די פּאַרענטשעס אָנגעשפּאַרט און פאַרטראַכט.

האַסטיקע טריט האָבן זיך פון די אויבערשטע טרעפּלעך געטראָגן און משה גראַסוואַלדס פּופּצניעריקער זון, אַ דיקער, אַ הויכער, אויסגעפּאַשעטער בחור מיט קורצע הײזלעך, האָט זיך לעם דבורהלען אָוועקגעשטעלט און דערקענענדיק ר׳ מענדל דעם בוכהאַלטערס טאָכטער, האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט, צוריקציענדיק זײַנע ברייטע פּלייצעס פון געלעכטער, געגעבן דבורהלען אין נאָז אַ שטאַרקן פּיק און זיך ווייטער צעלאַכט.

דבורהלע האָט זיך פון ווייטיק פאַרן נאָז געכאַפּט. דאָס האָט נאָך מער דאָס ייִנגל צעיאַכמערט. מיט אַ גראָבן געלעכטער האָט ער דבורהלען פאַרן אויער אַ ריס געטאָן. האָט דבורהלע אירע אויגן־דעקלעך צוגעמאַכט און צאָרנדיק אים געבוירעט מיט די אויגן.

— גראָבער אידיאָט!

האָט זיך ביי משה גראַסוואַלדס זון דער געלעכטער אין מיטן איבערגעהאַקט. דעם קאָפּ האָט ער ווי אַ ווילדער אָקס צוגעבויגן און צוטרעטנדיק נאָענט מיט אַ צעהיצטן טעמפּן קוק, מיט דער פויסט איר אין די ציין דערלאַנגט.

דבורהלע האָט אַ ציטער געטאָן פון ווייטאָק און, נישט קאָנענדיק זיך מער באַהערשן, האָט זי אים מיט אַלע אירע כוחות פון זיך אָפּגעשטויסן. זײַן דיקער קערפּער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם שטויס — און מאַכנדיק עטלעכע טריט הינטער זיך אויפן שמאָלן טרעפּל, האָט ער געפּרוווט זיך אין עפּעס אָנצוהאַלטן. ער האָט אָבער אָנגעטאַפּט בלויז די לופט און האָט זיך מיט געבויגענע קני, אַראָפּגעקייקלט פון די טרעפּ, און איז געבליבן ליגן אויף דער ערד אַן אויסגעצויגענער.

דבורהלע האָט שוין חרטה געהאַט, אָבער די זאַך האָט שוין אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג. פון שטאַרקן קלאַפּ פון זיך קייקלענדיקן קערפּער איז אַרויסגעלאָפן פון עסצימער דאָס גאַנצע הויזגעזינד; משה גראַסוואַלד, זײַן פרוי און זײַנע צוויי טעכטער. משה גראַסוואַלד האָט געשפּרייזט איבער צוויי טרעפּלעך און איבער־בויגנדיק זיך איבערן זון, האָט ער אים געטרייסלט: אַבראַשע! אַבראַשע!

די פרוי גראַסוואַלד האָט כליפּענדיק אים געגלעט איבערן פּנים און די טעכטער האָבן, צעטראָגענע, זיך געוואָרפן פון איין ווינקל צום צווייטן: וואַסער! וואַסער!

אַבראַשע האָט אָבער געעפנט די אויגן אָן וואַסער, זיך גענומען אויפהייבן אָפּשטויסנדיק דעם טאַטן מיט דער מאַמען און געזאָגט קרעכצענדיק:

— איך בין אויף די טרעפּ געגאַנגען, האָט זי מיר אַ שטויס געגעבן.

קיינער האָט דבורהלען ווי נישט באַמערקט, ווי זי איז געלאָפן פון די טרעפ. ס'איז דאָך נישט מער ווי מענדלס מיידל. אָבער איצט האָבן זיך אַלעמענס אויגן צו איר אַ קער געטאָן און משה גראָסוואַלד האָט האַסטיק דעם קאָפּ צום זון אויסגעדרייט און ווייזנדיק אויף דבורהלען מיטן גראָבן פינגער האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— האָט דיר מענדלס מיידל אַ שטויס געגעבן?

אַבראַשע האָט גלייכגילטיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַוועקגעהונקען, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף די אָרעמס פון זיינע צוויי שוועסטער. משה גראָסוואַלד איז אויף די טרעפּ אַרויפגעלאָפן און אין צעהיצטן כעס אַראָפּגעלאָזט דבורהלען צוויי פּעטש.

אין קאָפּ האָט דבורהלען אַ מיש געטאָן און זי איז האַלב איבערגעפאַלן איבערן פאַרענטש. גרויסע פּאַרביקע פייער־רינגען האָבן זיך געדרייט פאַר אירע אויגן. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט, באַהערשט און געקומען צו זיך. זי האָט זיך צוריק־געבויגן און מיט וואַקלענדיקע שיכורע שריט פון די טרעפּ אַראָפּגעקראָכן, זיך אָנהאַלטנדיק אָן דער וואַנט. זי האָט פּלוצעם דערהערט איר פאָטערס קול:

— דבורהלע!

איז דמורהלע געבליבן שטיין ביים גרויסן הילצערנעם קאָפּ פון פאַרענטש לעם וואַזאָן בלומען און מיט פאַרקריצטע ציין, פאַרביסענע ליפּן ביז בלוט, דערזען איר טאַטן, וואָס איז שנעל, מיט דריבנע טריטעלעך אַראָפּגעלאָפן. ווען די לעצטע טרעפּלעך האָבן אים פון דבורהלען אָפּגעטיילט, איז ער געבליבן שטיין, מיט פאַרטערטע אויגן אַריינגעקוקט אין זיין טאָכטערס צעפלאַמטע באַקן און נישט באַגריפן, וואָס דאָ איז פאַרגעקומען.

— דבורהלע, וואָס איז? — און ר' מענדל האָט דער טאָכטער אין די אויגן צעשראָקן געקוקט.

דבורה האָט שטום געקוקט אויף די פּירקאַנטיקע קוואַדראַטן פון הילצערנעם גלאַנציקן פּאַרקעט און געדאַכט האָט זיך איר, אַז די געמאַליעוועטע קוואַדראַטן צערוקן זיך און זי זינקט אין אַ טיפער פינצטערניש. זי קומט צו זיך און ס'קוקן אַרויס פון גלאַנציקן פּאַרקעט פלעקן קליינע, קיילעכדיקע, ווי בלוט פאַרלאָפענע אויגן פון מענטשלעכער שנאה.

— ר' מענדל, אייער טאָכטער האָט מיין זון פון די טרעפּ אַראָפּגעוואָרפן. איר הערט! איך זאָל מער דאָ איר פוס נישט זען! דאָס איז אַ ווילד בלוט...

משה גראָסוואַלדס שטאָלצע שטימע האָט דבורהלען צו זיך געבראַכט און זי האָט אים בייז אויסגעצויגן יעדעס וואָרט:

— איר זייט אַ גראָבע, פלײשיקע שפין.

זי האָט דעם מאַנטל פון זיך אַראָפּגעצויגן און אים אויף דער ערד אַראָפּגע־

וואָרפן און געקוקט מיט אַ צעקרימטן פּנים אויפן טאַטן, וועלכער האָט שנעל, מיט אַ געמאַכט שמייכעלע חניפהדיק גערעדט:

— ר׳ משה, איר זייט דאָך עפּעס אַ מענטש אַ בר־דעת, אַ גרויסער סוחר, אַ קאָפּמענטש... האָט אויף איר קיין פּאַריבל נישט... נאָך אַ יונג, נאַריש קינד...

דבורהלע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום טאַטן און אים אָנגעקוקט, אַט דאָס קליינע יידעלע, מיט דעם קליינעם, פאַרמעט־צעקנייטשטן חניפהדיקן פּנימל, און אויך צום טאַטן האָט זי געשפּירט איצט אַ שנאה.

דבורהלע איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער טיר. געלאָזן דעם פאַררוקער אָפּגערוקט, די קליאַמקע אַראָפּגעדריקט און געבליבן שטיין אויפן שוועל, אַרומגעכאַפּט מיט די קאַלטע נעגל פון ווינטערדיקן, שפּיזיקן פראָסט.

*

דבורהלע האָט זיך אָפּגעריסן פון אירע געדאַנקען, האָסטיק מיט די פינגער איבערן שויב געפּויקט און ביטער געשמייכלט. דער אָפּטער שמייכל, וואָס הויבט אָן פאַרגאַלן אין די יונגע יאָרן דאָס לעבן און מאַכט האַרט דאָס יונגע מענטשלעכע האַרץ.

דימענט־שנײַדערס

אַ בילד פון אַנטווערפּענער דימענט־אַרבעטער

די טונקלקייט שוואַרצט זיך אין אַלע ווינקלען פונעם קליינעם, געקאַלכטן פּירקאַנטיקן צימערל. אַ וויינענדיק בורטשען פון מאָטאָרלעך און אַן אומרעגלמעסיק קלאַפּן פון האַמערלעך אין די שייבעס פון די דימענט־שנייד־מאַשינעס הערט זיך אין צימערל.

פיר געבויגענע רוקנס, קעפּ אַריינגעקוועטשטע אין די אַקסלען. אַ שטילשווייגן. זיי זיינען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, די דימענט־שניידערס פון גרעסערע בריליאַנטן, און הילכיק הערט זיך דאָס שניידן הין און צוריק, קעגן דער דרייענדיקער שייבע מיטן אַרויפגעזעצטן גרויסן דימענט, וואָס פאַדערט — ווי אַ צעפּיעשטשעטע קינד פון אַ רייכן טאַטן — אַ סך אויפמערקזאַמקייט, ליידן און געדולד.

פאַרנאַכט. וואַרעם און אָנגערויכערט אין צימערל. די מידקייט שמידט די גלידער און דער חשק צו אַרבעטן ווערט פאַרביטן אויף אַ פאַרחלשטער שטימונג.

דער אַלטער דזשאָן, אַ קריסט אין די פופציקער, שניידט אַלטן שליף און ס׳פינקלט דער ברילִיאַנט מיט עלעקטרישע בליצן. אַלע יידישע שניידערס באַטראַכטן איינציקווייז דעם ברילִיאַנט פון אַכט קאַראַט. די שטימונג פון אַרבעט איז שוין פאַרשווונדן. ס׳פאַרבינדט זיך אַ שמועס און פיר קעפּ, אַנגעשפּאַרטע אויף שקערבשטאָקן, הערן מעשיות פונעם אַלטן דזשאָן, וועלכער איז שוין דרייסיק יאָר שניידער. זיין ראַזירט פּנים אין קנייטשן, וואָס גלאַנצט יונג ראָז־בלוטיק, פּאַלדעוועט זיך פון קרעפטיקער, פולער דיקקייט און זיינע אויגן גלאַנצן פון הנאה, וואָס ער האָט פאַר וועמען צו דערציילן די מערקווירדיקע געשיכטעס און די פאַנטאַסטישע געשעענישן פון גרויסע ברילִיאַנטן, וואָס האָבן מענטשן אין איין טאָג פאַרוואַנדלט אין גרויסע עשירים.

— ווי איר ווייסט, איז מיין טאַטע אַ גרויסער דיאַמאַנטער געווען — ציט ער פאַמעלעך די ווערטער — אַליין זיך געוואַלגערט אין די דימענטן־מינעס פון דרום־אַפריקע, קאָנגאָ און גויאַנע. גליק געזוכט, אַ ברייטן פאַרנעם געהאַט. קליינע רווחים פיינט געהאַט. עס האָט גערדאַפט שמעקן מיט קאַפּיטאַלן און ריזיקע. און איין מאָל אין עטלעכע יאָר פלעגט ער צוריקקומען קיין אַנטווערפּן. עד... אַ מאָל האָט אַ נסיעה געדויערט וואָכן, נישט ווי היינט! איין מאָל, קומענדיק פון וועג און נישט אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך דעם שווערן קראַטענעם רייזע־מאַנטל, האָט ער מיט מיין מאַמען זיך פאַרשלאָסן אין אַ באַזונדער חדר און זיך לאַנג געסודעט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט: דער טאַטע האָט געפּאַקט אַ דימענט פון דריי און אַכציק קאַראַט, פון טונקל־גרויען אַשפאַרב, וואָס ער האָט שטילערהייט אָפּגעקויפט ביי אַ שוואַרצהויטיקן קאָנגאָלעזער, וועלכער האָט דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן. מ׳האָט אים דערשאָסן און לאַנג האָט זיך זיין טויטער קערפּער געוואַלגערט מיטן פּנים אין זאַמד, לעבן דער דימענט־מינע, אַנדערע אָפּצושרעקן. יע, קינדער! אַזוי איז עס! ברילִיאַנטן זענען לייבלעכע שוועסטער פון מאָרד און טויט.

דער אַלטער דזשאָן האָט זיך אַ ווײַלע פאַרקלערט, מעכאַניש זיין סיגאַרעטל געפּיפּקעט און ווייטער דערציילט:

— דער טאַטע האָט דעם שטיין אין אַנטווערפּן געשליפן. די גרויע הויט אַראָפּגעשליפן. פינף מאָל געראָנדיקט. און עס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַנטפּלעקן אַ וווּנדערלעכער בלוי־ווייסער ברילִיאַנט, מיט אַ בלאָזקע און אַ גרייַנטשע און אַ ווינקל פון אויבן, וואָס איז אַוועק מיט אַ לייכט פּאַסטעל. ס׳איז אויפגעקומען אַ ברילִיאַנט פון זעכצן און האַלבן קאַראַט, בלוויווייס, ליפּן־זויבער, וואָס האָט געפינקלט און זיך איבערגעגאָסן מיט שימערירנדיקער פייער־באַשטראַלונג. ער האָט געבלענדט די אויגן מיט זיינע אומצאָליקע פייערלעך פון אַלע קאָלירן. אַ יקר־המציאות איז עס געווען. יע, יע! מיינע ליבע! — האָט דזשאָן

געפּיפּקעט זיין סיגאַרעטל און געקוקט שמייכלענדיק אויף אונדזערע פּאָרטראַכטע פּנימער, האָבנדיק הנאה פונעם עפעקט פון זיין דערציילונג.

— דריי הונדערט טויזנט פראַנק האָט מען אים דעמאָלט באַצאָלט. מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק. דעמאָלטיקע פראַנקן.

דזשאָנס פּנים האָט זיך נאָך מער צעוואָרעמט און צערויטלט קעגן שיין פונעם אַרבעט־לעמפּל, ווי אַ שטיק צעגליט פייערדיק אייזן און מיט אַן איראָנישן שמייכל האָט ער ווייטער געזיפּט די ווערטער:

— און ווילט איר וויסן דעם סוף? די ווייטערדיקע לעבנס־געשיכטע פונעם בריליאַנט? גוט! דורך אַ צופאַל ווייס איך עס. דעם בריליאַנט האָט אָפּגעקויפט אַן אַנטוועראַפּענער יוועליר. דער יוועליר האָט שפּעטער באַנקראָטירט און פון עגמת־נפש זיך אויפגעהאַנגען. דערנאָך האָט דעם בריליאַנט אָפּגעקויפט אַ פּאַריזער סוחר, וואָס האָט אים פאַרקויפט זיינעם אַ רייכן קליענט, אַ רוסישן מיליאָנער, אַ גוט־באַזיצער פון כערסאָנער גובערניע. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקע־רעניש האָט ער געפּרוווט, דער פּרינץ, זיך אַדורכשמוגלען דורך דער סאָוויעטישער גרענעץ. מ'האָט אים געכאַפּט און דערשאָסן. זיין דינער האָט אים געמסרט. דער בריליאַנט מיט די אַנדערע צירונג איז אַריינגעפאַלן צום סאָוויעטישן קאָמיסאַר פון דער גרענעצוואַך, וועלכער איז מיט אים אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און פאַר־קויפט די בריליאַנטן אין דעם זעלבן אַנטוועראַפּן, ווו אַ קורטיע האָט לויט די איניציאַלן פון די רינגען דערקענט דעם שטיין.

דזשאָן האָט געענדיקט. עס איז שטיל געוואָרן. די דימענט־שניידערס זיינען געזעסן אַנגעשפּאַרט אויפן טיש אין פאַרשידענע פּאָזעס און געטראַכט וועגן די גרויסע גליקן און אומגליקן, וואָס די בלישטשענדיקע טויט־לעבעדיקע בריליאַנטן, וואָס גייען אַדורך זייערע אַרבעטער־הענט, ברענגען צו מענטשן, וועגן די אוצרות און רייכטום, וואָס ליגן אין די שעמערירנדיקע בריליאַנטן, וואָס ווינקען מיט זייערע ליכט־פאַרפירערישע אויגן צו גנבה, מאָרד און פאַרקויפטע פרויען־קער־פּערס.

דער מייסטער פראַנס, אַ הויכער, לאַנגוואַנציקער פלעמער, מיט גלאַנציקע, נערוועזע, פיבערדיקע אויגן פון שטענדיקן קוקן מיט דער לופּע, האָט געעפנט דאָס פענצטערל פון אַרבעט־צימערל און פיר דערשראָקענע אַרבעטער האָבן גיך אַריינגערוקט זייערע אויגן צו די דימענטן, געמאַכט זיך כלומרשט לופּען, און זיך גענומען צוריק צו דער אַרבעט.

— עך! וואָס העלפן די חלומות? מ'מוז אַרבעטן! אַ שאָד די צייט! שלעכטע צייטן, ווייניק אַרבעט און שלעכטע לוינען. און די הוצאה.. אַזוי גרויס!...

און ווידער הערט זיך פון פינצטערן צימערל דאָס ווייַנענדיקע אומעטיקע וואָיען פון די מאָטאָרלעך. און עס וואַרפן זיך קאַנטורן פון שטיקלעך רויט־באַלויכ־

טענע פּנימער אין טאַקט פון רוישיקן שניידן פון די דימענטן, אינעם ענגן, פאַר־שטיקטן, מיטן ריח פון גאַז אָנגעפּילטן צימערל. און אין דרויסן איז אַזוי מחיהדיק, עס שמעקט מיט פרילינג־ריחות, פון ערשט צעלאָזענע שפּראָצונגען אין דער פינצטער פון פאַרנאַכט.

די צוואה

דזשעק האָט שטייף איינגעפּרעסט די שער אין זיין האַנט, פאַרוואָרפן זיין קאָפּ אויף אַ זייט אַזוי אַז זיין געדיכטע טשופּרינע האָר האָט אונטערגעטענצלט. ער האָט געשניטן די שטיקער צוזאַמענגעלייגטן שטאָף בעת אויף זיין פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ גליקלעכער שמייכל, און אונטערגעברומט זיין ליבלינג־מאָטיוו פון קוואַרטינס „ומפני חטאינו":

— איי, איי, ומפני חטאינו, אינו... אינו. גלינו מארצנו... אינו... אינו.

זיין קרעפּטיקער קערפּער מיט איין אַקסל אַ ביסל אַן אויגעבויגענעם פון שטענדיקן שניידן מיט דער שער אין דער רעכטער האַנט און פון דער געוווינהייט צו שטיין איינגעבויגן, האָט זיך באַוועגן צום טאַקט. זיין אָפענער, הערלעכער, יונג־פרישער פּנים האָט זיינע זעקס און פערציק יאָר נישט אויסגעזאָגט.

אין צווייטן צימער האָבן געאַרבעט זיינע צוויי אַרבעטער און זיין זון. די אַרבעטער האָבן געטראַסקעט אויף זייערע ניי־מאַשינען און, אַרונטערפּאַלנדיק אונטער זייער „באָס" מוספדיקן "מפני חטאינו", האָבן זיי לאַנגזאַמער געצויגן די שטיקער שטאָף פון אונטערן נאָדל, זיך שטאַרק איבערגעבויגן איבער די ניי־מאַשינען און צוגעברומט מיט אַן ערנסטן, געשעפטלעכן טאָן, באַגלייט "פּיאַניסימאָ" זייער „באָס", וועלכער איז געווען צו זיי מער חבר, ווי „באָס".

זיין זון, מאָריס, האָט קאַלט טרוקן גענייט אויף זיין מאַשין און צוגעוואָרפן צום טאַטן פון צייט צו צייט פאַראַכטנדיקע בליקן, וואָס האָבן ווי געזאָגט:

„אַ „באָס" זאָל נישט וויסן ווי צו האַלטן זיך מיט זיינע אַרבעטער און ווערן מיט זיי אַ קאַמראַד"...

דער זייגער איז שוין געווען אַרום פיר און דזשעק האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און ווי אויף עפּעס געוואַרט. דער טעלעפאָן האָט איין מאָל לייכט אַ קלונג געטאָן. מאָריס האָט גענומען דאָס טרייבל און מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד, מיט אַ פאַרכמאַרעטן בליק און אַ קאַלט פרעמדער שטימע, אַ זאָג געטאָן צום טאַטן קורץ אָפּגעהאַקט:

— פאַר דיר.

דזשעק האָט מיט שמחה גענומען דעם טעלעפאָן, ליבלעך אים געגלעט און, זיך פאַררויטלענדיק ווי אַ יונג בחורל, שטיל אויסגעצויגן: — העלאָו... דער־הערנדיק פון יענער זייט טעלעפאָן רבקהלעס שטימע, וואָס ציט אויס מחיהדיק זיס יעדעס וואָרט און לייגט אַריין אַ באַזונדערע צערטלעכקייט אין זיין נאָמען „דזשעק", ווייס ער שוין, אַז היינט זעקס אָוונט דאַרף ער זיין ביי איר אין ווינונג אין די בראָנקס.

*

מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק איז יעקב קעלנער מיט זיין ווייב און צוויי קינדער געקומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט איבערגעמאַכט דעם נאָמען אויף „דזשעק", שווער געאַרבעט, געשוויצט אין די זומערדיקע היצן, זיך געקאַרטשעט פאַר קעלט אין די שניידיקע ווינטערדיקע קעלטן און ווינטן.

שטענדיק שטיפעריש וויצלדיק, מוטיק און זינגענדיק, זיך אַרויפגעאַרבעט. זיין טאָכטער אַרבעט אין אַן אָפיס. דעם זון נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט היי־סקול, האָט ער צו זיך אין שניידערשאָפּ גענומען. זיי ספּעציאַליטעט: קליידער אויף מאָס. אַ קליינע צאָל קונדן, אָבער גרויסע פאַרדינסטן. זיין זון קריגט יעדע צוויי וואָכן פינקטלעך אויסגעצאָלט זיינע ווייזשעס פון טאַטן לויט דעם טאַריף פון אַנדערע אַרבעטער און טראָגט זיי אין באַנק. פאַר שטוב־הוצאות גיט נישט מאָריס קיין פעני, אַזוי אויך די טאָכטער. ער וויל גאָרנישט פון זיי, און איז שטאָלץ, וואָס ער האַלט אַליין אויס די שטוב.

די קינדער פאַרדינען גוט, קויפן שטענדיק נייע קליידער און קלאָגן זיך — זיי האָבן נישט וואָס אָנצוטאָן.

דזשעק האָט שוין אַן אייגן הויז אין פלעטבוש מיט אַ בעק־יאַרד און פראָנט־יאַרד, אין וועלכע עס וואַקסן זומער גרויסע, ווייסע רויזן, אַרומגעצוימט מיט גרינע „העדזשעס".

דזשעקס ווייב מירקע האָט ברייט זיך צעפלאָסן. אירע גרויסע האָר הענגען אַראָפּ קודלעוואַטע. די טיפע קנייטשן אויפן ווייס־פאַרחלשטן פנים מאַכן זי אויסזען מיד און אויסגעלאָשן און זי אָטעמט מיט גרויען מאָך פון אַלטקייט. זי איז אייפערזיכטיק, קוקט נאָך דעם מאַן, זיין געלעכטער און זיין פוצן זיך; זיין יוגנט־ליכטיקייט און געזאַנג שניידן די אויגן מיטן קאָנטראַסט פון איר צו אים. לעבט אין איר האַרצן אַן אומרו פאַר איצט און אַ שרעק פאַר שפּעטער, און איר זון מאָריס העלפט אונטער, שפּיאָנירט אים, גיט איר פּחד אַ באַשטימטע פאָרעם. לעצטנס זיינען די טעלעפאָן־רופן פון דער פרויען־שטימע, צוויי־דריי מאָל אַ וואָך. פינף ענדיקט ער די אַרבעט און אַכט איז ער אין דער היים.

קוים עפנט ער די טיר, שטייט זיין ווייב מירקע פאַרלייגט די הענט אויפן

בויך און פרעגט מיט אַ שניידנדיקער שטימע און שאַרף אָנגעצונדענע אויגן־פלעמלעך:

— ווו שלעפסטו זיך דאָס אַרום גאַנצע אָוונטן אַז סך־הכל דויערט דאָס סאָבוויי־פאָרן דריי פערטל שעה? איז ווו געפינסטו זיך די אַנדערע צוויי שעה?

שטייט ער אַ פאַרצאַרנטער, אַ פאַרביטערטער. זיין שטענדיקער געזאַנג איז אויסגעלאָשן אויף זיינע ליפּן און ער איז צו שטאָלץ זיך צו פאַרענטפערן.

די כמאַרעס פון ,אומצוטרוי' און בייזקייט פאַרציען זיך איבער זייער פאַמי־ליע־לעבן און דראָען מיט שטורעמס.

✶

אין אַ מיטוואָכיקן טאָג האָט דאָס פּאַסירט. דזשעק איז ווי געוויינטלעך געשטאַנען מיט זיין שער אין האַנט ביים צושניידן. ער האָט אָבער נישט געזונגען. שוין לאַנג ווי ער זינגט נישט ביי דער אַרבעט, ווייל יעדעס מאָל, ווען דזשעק איז אין אַ פריילעכער שטימונג, באַגלייט אים זיין זון מיט קאַלטע, פאַרדעכטיקע בליקן.

ווי אין אַלע מיטוואָכס האָט אויך אין אָט דעם מיטוואָך געקלונגען דער טעלעפאָן און מאַריס האָט געהערט די זעלבע פרויען־שטימע אויסציען מיט אַ ברוסטיק־צערטלעכן טאָן: „איי וואָנט טו טאָק טו מיסטער דזשעק!" און ווי געוויינטלעך האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומוואַשן פלייסיק און זיך ראַזירן מיט שייווינג־קרעם, קוקנדיק זאָרגעוודיק אין שפּיגל און פילנדיק אויף זיך זיין זונס קאַלטן בליק פון פאַרדאַכט, וואָס באַגלייט יעדע פון זיינע באַוועגונגען.

אָבער צוויי זאַכן האָט שוין דזשעק נישט געטאָן אַזוי ווי פריער: ער האָט נישט צוגעזונגען ביים ראַזירן זיך און זיך נישט פאַרפומירט נאָכן ראַזירן זיך. און ווען ער האָט אָן אויסגעפּוצטער פאַרלאָזט זיין שאָפּ, זאָגנדיק אַ האַרציקן „גוד־ביי" זיינע אַרבעטער און זיין זון, האָבן די אַרבעטער האַרציק, העפלעך געענטפערט, אָבער זיין זון האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נישט געענטפערט אויף זיין „גוד־ביי" און שטייף, קאַלט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו זיין אַרבעט.

✶

דזשעק איז געפאָרן מיטן סאָבוויי אין בראָנקס. אויף דער 182טער סטריט האָבן געוווינט אַ פּאָרפאָלק. יונגע מענטשן, אין די מיטן די צוואַנציקער — רבקה און נאָטע פולטוסקי — וועלכע זיינען מיט זיבן חדשים פריער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, געראַטעוועטע פון טרויעריק באַרימטן דאַכאַו־לאַגער.

רבקהלע האָט חתונה געהאַט פאַרן קומען קיין ניו־יאָרק מיט אַ בריסקער יונגערמאַן, וואָס האָט אַריינגעמאַרשירט אַלס סאָוויעטישער סאָלדאַט מיט דער רויטער אַרמיי. רבקהלעס מוטער איז געווען דזשעקס קוזינע און אויך זיין ערשטע ליבע, די ערשטע פרוי, וואָס האָט פאַר אים געזונגען יידישע ליבע־

ראָמאַנסן אין זייער שטעטלדיקן וועלדל, אין די לאַנגע בלויע אויסגעשטערנטע זומערדיקע נעכט. דזשעק האָט געפילט צו רבקהלען אַ געטריישאַפט פון אַ פאָטער, געמישט מיט ליבע־שפורן צו איר אומגעקומענער מוטער. ער האָט זיי געשיקט אַן אַפידייוויט, געהאָלפן אויפזוכן אַ באַשיידן, קליין וווינונגל אין די בראָנקס, און איר מאַן צוויי מאָל אַ וואָך געגעבן לעקציעס אין קליידער־צושניידן.

✱

ווען דזשעק האָט געעפנט די טיר אין רבקהלעס וווינונג און אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט אים רבקהלע אַרומגענומען מיטביידע הענט און צוויי קושן אין ביידע באַקן געגעבן.

דזשעק האָט דערשפּירט אַ גליקלעכע וואַרעמקייט אין זיין גאַנצן קערפּער, אָבער אינסטינקטיוו אַ קוק געטאָן אויף רבקהלעס האַנט, אויף וועלכער פינף בלויע ציפערן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער זיינען געווען אויסגעטאַטויִרט און זיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט פון ווייטיק: — וויפל יסורים איז די יונגע פרוי אין איר לעבן דורכגעגאַנגען.

איר מאַן, נאָטע, איז געשטאַנען אין הינטערגרונט פון צימער און הילכיק געלאַכט פון די רויטע צייכנס פון ליפּסטיק אויף דזשעקס ביידע באַקן. אויך רבקהלע האָט מיטגעלאַכט פאַרוואָרפנדיק לעבנסלוסטיק דאָס קעפּל אויף הינטן און דזשעקן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לאַכט איר מוטער, שיינדעלע. די זעלבע שוואַרצע ברעמען, די שמאָל צענויפגעזשמורעטע אייגעלעך ביים לאַכן, דאָס זעלבע קלינגענדיקע ברוסטיקע געלעכטער.

— אַנקל דזשעק! — האָט רבקהלע געלאַכט — אייער פרוי האָט אייך איצט געדאַרפט זען. איך וואָלט זי שוין אַזוי געוואָלט קענען. פאַר וואָס ברענגט איר נישט אַ מאָל אונדז צו אייך?...

דזשעק האָט אויף דעם נישט געענטפערט, נאָר געקלערט: — ווען דו קענסט מיין פרוי און איבערהויפּט מיין זון, וואָלסטו דאָס פאַרשטאַנען.

— נו, נאָטעלע! — האָט דזשעק געזאָגט צו רבקהלעס מאַן, ליבשאַפטלעך דריקנדיק אים די האַנט — הייַנט איז די לעצטע לעקציע און איך האָף די נעקסטע וואָך דיר צו קריגן אַ דזשאָב, אפילו אין אַ יוניאָן־שאַפּ. איך האָב אַ „פול", בין „גוד פרענדס" מיט די יוניאָן־מאַכערס. זע פאַרשעם מיך נישט.

דזשעק מיט נאָטען האָבן זיך געזעצט צום טיש. דזשעק האָט אַריבערגעוואָרפן דעם לעדערנעם יאַרד־סטיק איבערן האַלדז, זיך גענומען צו דער שער, פאַרצויגן זיין באַליבטן טאָן פון „מפני חטאינו". נאָטע האָט מיטגעהאָלפן מיט זיין רוסישן „רייש". רבקהלע, גרייטנדיק צום טיש, האָט מיט איר קלינגענדיקן קולכל געשיקט צוגעהאָלפן אין די קנייטשלעך און דריידלעך פון מוספדיקן „מפני חטאינו" און דזשעק, אַ גליקלעכער און שטראַלנדיקער, האָט זיך איבערגעטראָגן אין פאַנטאַזיע

און געפילן אין זיינע בחורישע יאָרן, אין זיין ווייטן, וואַלד־פעלדיקן שבת־יום־טובדיקן היים־שטעטעלע פון דער ווייטער ליטע.

*

געדיכטע וואָלקנס האָבן ווי טונקעלע, גיגאַנטישע פלעדערמייז זיך געטראָגן איבערן הימל. אַ דראַבנע גימזשענדיק רעגנדל האָט דאָס וואַרעמע לייב נעצנדיק געקילט. דזשעק האָט זיך דערנעענטערט צו זיין הויז, גיך שפּאַנענדיק אין גוטן מוט פון פריידיקער שטימונג פאַרביי דעם הויז־גערטנדל, געעפנט די טיר און אַריין אין שטוב, ווישנדיק מיט אַ טיכעלע זיין פּנים פון רעגן און שווייס.

אַראָפּלאָזנדיק זיין אויפגעשטעלטן קאָלנער פון רעקל איז ער געבליבן שטיין פאַרוואונדערט, טרעפנדיק אין „ליווינג־רום" זיין פרוי און זיין זון ערנסטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און געהיימנישפול שווייגנדיקע. דזשעק האָט פּלוצלינג דער־שפּירט ווי די טונקעלע וואָלקן־כמאַרעס פון גאַס וואָלטן הענגען איצט אין דער לופטן אין דעם צימער אין אַנזאָג פון אַ שטורעם.

ער האָט שטום איבערגעפירט זיינע אויגן פון זיין פרוי צו זיין זון און מיט אַ צוזאַמענגעפרעסט מויל און עקשנותדיקן בליק געוואַרט.

— הער פּאַ, — האָט זיך זיין זון דער ערשטער אָפּגערופן, זיצנדיק איינגע־בויגן אויף דער קושעטקע מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן צו דער ערד — איך האָב גערעדט מיט דער מאַ... יו נאָו... עס איז אַזוי פיל עקסידענטן אין ניו־יאָרק... מענטשן שטאַרבן פּלוצלינג... אָט די וואָך איז אונדזער שכן פון דער סעווענטי־סעקאָנד סטריט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע. יו נאָו... די לאָוס זאָגן, אַז אַ פרוי שטאַרבט, געהערט אַלץ דעם מאַן, אָבער אַז אַ מאַן שטאַרבט, געהערט אַ ביג פּאַרט צו דעם גאָווערנמענט... איז וועל פּאַ... האָסטו געדאַרפט מאַכן דיין לעסט וויל (צוואה) און אָפּשרייבן דאָס הויז אויף דער מאַ.

דאָס אָפּזאָגנדיק, האָט זיין זון צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט קאַלט און ביזנעס־מעסיק דעם טאַטן אין די אויגן אַריין.

דזשעק איז געבליבן ווי צוגעשמידט צום אָרט, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון זיין זון. ער האָט שטודירט זיין פּנים און זיך צוגעהערט צו זיין קאַלטער, פרעמד־מאַנאָטאָנער שטים. ער האָט ראַשיק איבערגעפירט די אויגן צו זיין פרוי, וואָס האָט אַ פאַרשעמטע מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק אַרום אים, נישט האָבנדיק די דרייסטקייט אים צו קוקן אין די אויגן, אויסגעשטאַמלט:

— נו יאָ, דזשעק,... מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... און מאָריס ווייסט דאָך די לאָוס...

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. אין דער געשפּאַנטער שטילקייט האָט זיין זון זיך נערוועז געדרייט אויף דער קושעטקע; זיין ווייב האָט געווישט מיט איר פאַרטעך דעם שווייס און דזשעק האָט געפילט, ווי ספּאַזמעס דריקן זיין האַלדז.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זיין זון דערטראָגן צו זיין ווייב וועגן די געהיימע „טעלעפאָן־קאָלס״ פון אַ פרויען־שטימע און אַ פחד איז זיי באַפאַלן, אַז אַנגסט פאַר דער אומבאַקאַנטער פרוי, וואָס אפשר גייט ער אַוועק פון שטוב מיט איר און שרייבט אָפּ דאָס הויז אויף איר נאָמען.

אין געציילטע מינוטן האָבן זיך פאַר דזשעקן פאַרבייגעטראָגן צענדליקער יאָרן פון זיין אומגליקלעך פאַמיליע־לעבן. זיין לעבן מיט אָט דער קאַלטער, אָפּ־געלאָזטער ידענע, וואָס רופט זיך פאַר דער וועלט: זיין ווייב, די נעכט, ווען ער האָט זיך געוואָרפן אין אומעט פון נישט־באַפרידיקטע פאַרלאַנגען, זיין נישט־געשטילטע בענקשאַפט נאָך ליבע און צערטלעכקייט פון אַ פרוי. און דאָך איז ער געווען אַ געטרייער מאַן און אַ גוטער פאָטער... אַ פאָטער, וואָס האָט פּינקטלעך אויסגעצאָלט זיין זון די פול באַצאָלטע טשעקלעך און אַליין אויסגעהאַלטן די גאַנצע שטוב.

זיין האַרץ פאַרלאָפן פון ווייטיק האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. קאַלט, גיפטיק האָט ער געזיפט די ווערטער צווישן די ציין:

— מיין צוואה ווילט איר... מיין לעצט וויל... איר וועט דאָס האָבן...

✶

ווען דזשעקס פרוי האָט מיט טרייסלענדיקע הענט אויפן צווייטן טאָג פון דזשעקס פאַרלאָזן די היים געעפנט אַ בריוו, זיינען דאָרט געווען געשריבן פאָלגנדיקע געציילטע ווערטער: „איר האָט געוואָלט מיין צוואה... איר האָט דאָס! איך שרייב אָפּ מיין הויז אויף דיר, מיין ווייב... געזעגנט נאָך דעם לאָו, ווי דו און דיין זון האָבן עס פאַרלאַנגט... אָבער נאָך אַ צוואה האָב איך, אַ פאַרלאַנג, אַ לעצטע וויל.. אייך קיין מאָל מער נישט זען״...

רחמנות פון אַ קאָזאַק

געדיכטע כמאַרעס האָבן פאַרצויגן דעם הימל פון דער פּויליש־יידישער טעקסטיל־שטאָט ביאַליסטאָק. כמאַרעס פּאָליטישע, פון מלחמה און מענטשנהאַס, פאַרניכטונג און מאָרד, טויט און צעקריפּלונג האָבן עלעקטריזירט די לופט. אָנגעשפּיצט מיט אַנגסט די אויערן, געלויערט אין דער לופטן מיט טויטשרעק און פאַרקלעמטע הערצער האָבן זיך יידן געפרעגט: „וואָס וועט די נאָענסטע מינוט געבן? ווער פון די טייערסטע, געליבסטע און נאָענטסטע, וועט מיט אַ פאַרבלוטיקטן קערפּער און געל טויטער מאַסקע ביים אָנקום פון טויט, אויסהויכן זיין לעצטן אָטעם?...״

אויגוסט נײַנצן הונדערט און צוואַנציק. די ריזיקע, צעכוואַליעטע, רויטע אַר־מיי, צעשפּאָלטן אין טײלן, קאַרטשעט זיך צוריק ווי אַ גיגאַנטישע שלאַנג און ציט זיך צוריק צו איר נעסט. דער „נס ביים ווייסל״ איז געשען. אומבאַהאָלפנקייט פון יונגע סאָוויעטישע מיליטער־פירערס, דער ריזיק צעצויגענער אַריערגאַרד (הינטער־פראָנט־אַרמיי), פאַרראַט פון קאָזאַקישע און ווייס־גוואַר־דייישע אָפּטיילונגען און גענייטע, ערשט־קלאַסיקע סטראַטעגיע פונעם פראַנצויזישן גענעראַל וועיגאַן, האָבן באַוויזן דעם נס... צעשפּליטערטע אַרמיי־טײלן פון פוס־גייערס, רײַטערס און אַרטילעריע טרעטן אָפּ כאַאָטיש אין אומאָרדענונג און לאָזן איבער די שטאָט הינטער זיך.

פאַרטייעט ליגט די שטאָט אין אַנגסטיקער שטילקייט, ווי אין די צאַרישע צײַטן פאַר אַ פּאָגראָם. מיט קלאַפּנדיקע הערצער ליגן יידן באַהאַלטן אויף די בוידעמער, אין קעלערס, הינטער פאַרהאַקטע, פאַרריגלטע טירן. די זיגרייכע פּוילישע פאַטערלאַנד־אַרמיי דאַרף באַלד אַריינמאַרשירן און נישט איין יונגער יידישער בחור אָדער מיידל, וועלכע האָבן געהאַט די אומפאַרזיכטיקייט צו זײַן באַשעפטיקט ביי דער סאָוויעטישער מאַכט, ליגט באַהאַלטן מיט ציין־קלאַפּעניש וואַרטנדיק מיט אומרויִקן אַנגסט אויף דער „שטראַף־עקספּעדיציע״ פון דער פּוילי־שער מאַכט, און נישט איין שכן פּאָליאַק וואַרט מיט אַ צעקרימט פריידיק נקמה־פּנים איבערצוגעבן זײַן שכן „יאַנקעלס״ זון אָדער אים אַליין, אַלס פאַררעטער צו זײַן „פּויליש פאַטערלאַנד״...

✶

דער פּוילישער גענעראַל, וואָס האָט פאַרנומען די שטאָט, האָט „גוט־ברודעריש״ דערלויבט זײַן פאַרשידנפאַרביקער אַרמיי אַ הוליע צו טאָן איבער דער זשידאָווסקער באַפעלקערונג און זיך לאָזן ווילגיין ווי איר האַרץ גלוסט. דאָס איז אַ באַלוינונג זײַן העלדישער אַרמיי, וואָס האָט אַזוי פאַטריאָטיש געקעמפט, און דאָס איז אַ בלוטיקע לעקציע פאַר די זשידאָווסקע באָלשעוויסטישע פאַררעטערס פאַרן „פאַר־קויפן״ זייער פּויליש פאַטערלאַנד.

באַנדעס פּוילישע שיכּורע סאָלדאַטן מיט ווייס־גוואַרדייישע קאָזאַקן צעשיטן זיך איבער די גאַסן פון דער שטאָט צו רויב, רציחה, זנות און מאָרד.

✶

אומגעוויינטלעך שטיל, אויסגעליידיקט פון יעדן מענטש, פאַרטייעט אין מוראַדיקער דערוואַרטונג, ליגט דאָס „טשענסטאָכאָווסקע געסל״.

אויפן צווייטן שטאָק פון בורשטיינס רויט־ציגלדיק הויז וווינט אַ קליינע משפּחה: בערל קאַלינסקי, אַ יונגערמאַן פון צוויי און צוואַנציק יאָר, אַן עלעק־טראָטעכניק, זײַן ווייב מאַשע און זייער צוויי־חדשימדיק קינד, דאָס ערשטע קינד.

שטייט בערל אין הינטער־צימער פון דער קליינער צוויי און אַ האַלב־צימער־דיקער וווינונג און פירט אַ חשבון פון זיינע געפילן, אַ באַלאַנס פון זיין שטימונג.

אין קליינעם שלאָפצימערל ליגט דער צוויי־חדשימדיקער הערשעלע און קעמפט מיט אַלע מיטלען אַריינצושטופּן זיין קליין, ראָז פיסל און מויל אַריין און עס געלינגט אים נישט. ער גלאָצט זיינע גרויסע, גראָע נישט־פינטלענדיקע אויגן צום סופיט. זיצט מאַשע מיט אַ פאַרשטיינט פּנים און פאַרוויינטע אויגן נעבן קינד און וואַרפט פאַרוואורף־בליקן צו איר מאַן אין צווייטן צימער און ס'דאַכט זיך איר דורך די נאַס־פאַרטרערטע אויגן, אַז עס ליגט אין וויגל עפּעס אַ גרויס צעשוואָמען ווייס פּעקל און נישט איר קינד, איר הערשעלע.

און בערל ציט ווייטער דער סך־הכל פון זיינע געדאַנקען: אָט נאַר־וואָס, מיט עטלעכע טעג צוריק, איז ער געווען דער פאַרזיצער פון עלעקטראָטעכנישן פראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין „סאָוונאַרכאָז", געטראָגן כאַקי־קאָלירטע הויזן, מיט לאַנגע, ברוין־געשנורעוועטע שיך ביז צו די קני, און אַ כאַקי־רעקל מיט אַ געשלאָסענעם קאָלנער, מיט זיבן געלע, לעדערנע קנעפּ, וואָס האָבן געמאַכט זיין קליינעם יונג־שלאַנקן קערפּער עפּעס העכער און „פּאַוואַזשנער". אַרומגעפאָרן איז ער אין אַן אָפענער בריטשקע פון „סאָוונאַרכאָז" איבער ליפּאָווע און סיענקעוויטשאַ־גאַסן, זיצנדיק אויף דעם הילצערנעם אויסגעבעטן ברעטל מיט גאווה און שמאַטש־קענדיק מיט די ליפּן אין דער הויך, אַלע זאָלן זען, ווי ער, בערל קאַלינסקי, איז דערהויבן געוואָרן. אמת, ער איז נישט קיין קאָמוניסט און נישט קיין פירער, אָבער אַלס פאַרזיצער פון זיין פאַראיין איז ער דאָך דער דעלעגאַט אין „סאָוונאַר־כאָז" און וואָס פאַרא פאַרגעניגן האָט ער געהאַט ווען דער רויט־אַרמייער האָט ביים טיר פון „סאָוונאַרכאָז" אין „בעלוויו־האָטעל" קאָנטראָלירנדיק זיינע דאָקו־מענטן אים סאַלוטירט, זיך אויסגעצויגן פאַר אים אין זיין גאַנצער רויט־אַרמייִשער הויך און מיט דרך־ארץ אַריינגעלאָזט.

דריי וואָכן האָט געדויערט די שמחה, כאָטש די שמחה איז שוין דאַן קיין שמחה נישט געווען. דער הונגער איז געווען גרויס. די פּויערים האָבן פאַר די „סאָדרעצקע" געלט, ווי זיי האָבן דאָס גערופן, מער ווי פאַרפרוירענע עפּל נישט געוואָלט פאַרקויפן. די סאָוויעטישע מאַכט האָט נאַציאָנאַליזירט אפילו קליינע קראָמען און צוגענומען די סחורות. און אפילו די „ברעמלעך" אויפן מאַרק נישט געשאַנעוועט, און זיין מומע אסתר־רחל וואָס האָט געהאַט אַ שניטקרעמל אין „ברעמל", האָט אים געשטאָכן מיט די ווערטער:

— דיינע באָלשעוויקעס, אַז קיין גוטער ייִד זאָל זיי נישט קענען, זיי האָבן מיך דאָך בדיל הדל געשטעלט... — כאָטש איין גאָט ווייסט, אַז ער איז קיין קאָמוניסט נישט געווען און קיין שייכות צו די רעקוויזיציעס נישט געהאַט.

און פּלוצלינג דער צוזאַמענברוך פון דער רויטער אַרמיי, דער צוריקטריט. ער, וואָס האָט געטרייסט זיינע קרובים אַז שפּעטער וועט בעסער ווערן. עס איז

נאָר פון אָנהויב — האָט ער געטענהט און האָט אָפט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער פאַרטיידיקט די סאָוויעטן־מאַכט, ווייל גוואַלדמאַכט איז נישט אין זיין כאַראַקטער... און וואָס מער מען האָט געהאַט טענות צו אים, ווי ער וואָלט כאָטש געווען דער שטאָט־קאָמענדאַנט, אַלץ מער האָט ער „זיי" פאַרטיידיקט, געריימט די העלדישקייט, גרויסקייט און שטאַרקייט פון דער רויטער אַרמיי. און דאָ דער צוריקטריט, דאָס כאַאָטישע אַנטלויפן. עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג.

שטייט נאָך אַלץ בערל אין מיטן שטוב און אים פאַלט גאָרנישט איין צו לויפן און ערגעץ זיך באַהאַלטן. אָבער זיין האַרץ איז אים מאָדנע צוזאַמענגעפּרעסט, ווי אָט, אָט, שטעלט זיך אָפּ דער אָטעם. דאָס האַרץ, קוים וואָס עס קלאַפּט, און איין געדאַנק קלאַפּט אים איצט אין קאָפּ:

— מאַשע און דאָס קינד... מאַשע און דאָס קינד...

לויפן זוניקע שאָטנס ווי מייזלעך אויף די ווענט. די שטילקייט פון אַרומיקע הייזער דריקט ווי אַ בית־עולם־לופט. אַ פליג צאַפּלט זיך טומלדיק אין טויט־קאָנוואַלסיעס אין שפּינוועבס אויף דער שויב, און ווי דונערן קלינגט דאָס איצט אין דער טויטער שטילקייט, און ס'דאַכט זיך אים, אַז די פליג איז זיין ברודער און ער, בערל, און די פליג לעבן איבער איצט דאָס זעלבע.

פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט געשרייען, פאַרדומפּטע, אַנגסטיקע גוואַלדן פון פרויען און מענער. ווי קנויליקע וואָלקנס פון מטורפדיקער שרעק האָבן זיך די קולות געקייקלט פון איין הויז צום צווייטן און אָנגעזאָגט דער גאַס, אַז באַנדעס באַוואָפנטע, שיכּורע, קאַלט־האַרציקע רוצחים אין פוילישע מיליטערישע מונדירן רויבן און מאָרדן.

בערל האָט געביילט זיינע פויסטן. דער פּחד, וואָס האָט געפּראַסטיקט זיין מאַרך, איז אָפּגעטראָטן און ער האָט זיך אַ ריס געטאָן צום טיר באַהערשט מיט איין געדאַנק: קאַמף!

לייכט איז אים געוואָרן אויף דער נשמה. דאָס פּחדנותדיקע וואָרטן און די אונטערטעניקייט האָבן אים אין פּנים געשפּיגן מיט חוזקדיקע דערנידערנדיקע ווערטער: „פּחדן".

אָבער אויך מאַשע, זיין ווייב, האָט זיך פון אָרט אַ ריס געטאָן. זי איז צו אים צוגעפאַלן און מיט ווילדע גרויסע אויגן פון שרעק אים פאַרן האַנט אָנגעכאַפּט:

— משוגענער, וואָס לויפסטו? דו זוכסט דעם טויט פאַר דיין ווייב און קינד?

די ווערטער האָבן אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, אים געבראַכט אַ קאַלטע פאַרגליווערונג און ער איז געבליבן שטיין.

פּלוצלינג האָבן בערל און מאַשע דערהערט ווי די טיר קרעכצט אונטער עמעצנס קרעפטיקן ציען. דאָס אייזערנע קייטעלע גיט נאָך. אין דער שפּאַרונע

פון טיר קריכט אריין אַ שטאָלענע גלאַנציקע שווערד און מיט איין הויב שפּרינגט דאָס קייטל אָפּ. די טיר רייסט זיך קוויטשיק אויף, און צוויי ריזן, הויכגעוויקסיקע, פעסט־געבויטע קאָזאַקן מיט רויט־פאַרברענטע פּנימער, צעפּאַטלטע געל־בלאָנדע קאָזאַקישע טשופּרינעס, קאַלט־שטאָלענע שיכּורע אויגן, צעכראַשטשעטע מונדירן און רויטע הויזן־לאַמפּאַסן, טרעטן אַריבער די שוועל און דערנענטערן זיך צו זיי שטייף, קאַלט פאַרביסן. טריט נאָך טריט, נענטער און נענטער. די גלאַנציקע שווערד, וואָס האָט איצט אויסגעזען מוראדיק גרויס, איז געווען פעסט איינ־געקוועטשט אין דעם ערשטן קאָזאַקס האַנט.

— שטיין בלייבן! — האָט דער פאָדערשטער קאָזאַק, קאַלט, רויִק באַפוילן. — דו זעסט — האָט ער לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער, — אָט מיט דער שווערד האָב איך נאָר־וואָס דריי זשידעס דערשטאָכן.

אויף דער שווערד האָט זיך געצויגן אַ רויט שנירל בלוט אין דער לאַנגער, שמאָלער רינעלע. שטיקער פאַרטריקנט רויט בלוט האָבן געקלעפּט אויף איר. ריח פון קאַזאַרמע און זויערקרויט האָט זיך געטראָגן פון זייערע מונדירן. די צוגויפּ־געפּאָלדעוועטע כאַלעוועס, פאַרשפּריצטע פון בלאָטע און רויט בלוט, האָבן באַ־שטעטיקט זייער ווערטער.

מאַשע האָט געהאַלטן בערלען פאַרן האַנט, ווי זוכנדיק שוץ ביי אים, אָבער ריכטיקער, אָפּהאַלטנדיק אים פון אַן אומפאַרזיכטיקער טאַט. בערל האָט קאַלט זיי געקוקט אין פּנים אַריין.

„הייסט עס, אַזוי זעען אויס די לעצטע מינוטן פאַרן טויט!״ — איז אַ געדאַנק דורכגעלאָפן ביי בערלען.

— געלט גיב אַהער, דו זשיד, מאַשעניק! — האָט דער קאָזאַק מיט דער שווערד האַסטיק אַ זאָג געטאָן. דער צווייטער קאָזאַק האָט זיך געשטעלט ביים טיר.

מאַשע האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, איז צוגעלאָפן צום שאַנק, אַרויסגערוקט אַ שופלאָד און ווילד צעוואָרפנדיק די וועש אַרויסגעשלעפּט פון אונטן איר גאָלדן זייגערל, איר חתונה־רינגל, אַ פּאַק סאָוויעטישע רובלעס און מיט איין אָטעם אַ שטעק געטאָן דעם קאָזאַק אין די הענט.

דער קאָזאַק האָט פּרובירט אַרויפציען דאָס פינגערל אויף זיין האַנט, אָבער דער גראָבער קאָזאַצקער פינגער האָט זיך צום קליינעם דאַמען־פינגערל נישט געפּאַסט. האָט ער עס מיטן זייגערל האַסטיק אַריינגערוקט אין זיין ברייטער, טיפער מונדיר־קעשענע. די סאָוויעטישע רובלעס האָט ער אַ טאַש געטאָן ווי אַ טאָליע קאָרטן און אַ וואָרף געטאָן צו מאַשעס פיס, אויסרופנדיק:

— די גאָוונאָ, זשידאָווקאָ, האָב איך נישט נויטיק, דאָלאַרן גיב!

מאַשע איז טויט בלאַס, פאַרגליווערט, געבליבן שטיין מיט פאַרוויינטע, גרויסע

אויגן צום פּנים פון קאָזאַק, געזוכט צו דערוועקן מיטלייד און מיט בלאָס־ציטערנ־דיקע ליפּן אַרויסגעשטאַמלט:

— מיר האָבן נישט, גאָספּאָדין דאָראָגאָי!

האָט זיך דער קאָזאַק מיט נאָך אַ טריט דערנענטערט צו בערלען און מיט בלוט־פאַרלאָפּענע אויגן פון שנאה אויסגערופן צו בערלען:

— קום מיט אונדז, זשידאָווסקער באָלשעוויק! אַזעלכע ווי דו זוכן מיר.

מאַשע האָט מיט משוגענע, ווילד־אויסגעגלאָצטע אויגן אָנגעכאַפּט בערלען ביים אָרבל און מיט ווילדע קולות געשריגן:

— ניין, ניין, איך וועל נישט לאָזן!.

דעם קאָזאַקס פּנים איז מיט בלוט פאַרלאָפן פון אויפרעגונג און ער האָט אויפגעהויבן זיין גלאַנציקע שווערד איבער בערלס קאָפּ. אָבער אין דער מינוט האָט זיך פון צווייטן צימער דערהערט אַ קינדעריש געוויין. דער קליינער הערשעלע איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטאַרקן געוויין, עפּעס ווי דערפילנדיק אין דער מאַמעס געשריי אַ געפאַר פאַר איר. זיין געוויין האָט זיך רחמנותדיק, כליפּענדיק און פאַרגייענדיק געטראָגן פון זיין יונג שטימעלע, ווי אַ קלאָגליד, ווי אַ געבעט.

דער קאָזאַק האָט אַראָפּגעלאָזט זיין שווערד, איז געבליבן שטיין מיט ברייט צעעפנטע אויגן ווי אַ פאַרגליווערטער. זיין פּנים האָט זיך פּלוצלינג אומגעביטן. די האַרטע חיה׳שע ווילדקייט איז פאַרשוואונדן, דאָס פּנים האָט אַ מענטשלעך אויסזען באַקומען, די אויגן פאַרטראַכט, ווי זוכנדיק מיט זיי בלאָנדזשענדיקע ווייטע געשטאַלטן: אפשר פון זיין אייגן קינד, וואָס ליגט אין אַ שטרויענעם קויש צוגעבונדן מיט שטריק צום הילצערנעם בעליק, אין זיין דאָרפישער כאַטע ערגעץ אין דער זאַפּאָראָזשע אָדער אין ווייטן קאַווקאַז, צווישן די פעלדער זאַנגען, און זיין ווייב, די ברייטע, דאָרפישע קאָזאַטשקע, זינגט אַ וויגליד פון דעם טייך טערעק. און שטיל האָט דער קאָזאַק אַ זאָג געטאָן צו מאַשען, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן:

— גיי, באַבאַ, באַרויִק דיין קינד. זיין טאַטן וועט גאָרנישט געשען.

ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט, אַרויסגעשלעפּט פון זיין טיפער מונדיר־קעשענע דאָס פינגערל, אַ וואָרף געטאָן עס אויפן טיש און, אַ ווונק טוענדיק צו זיין איבערראַשטן חבר, דעם צווייטן קאָזאַק, איז ער צוזאַמען מיט אים פאַרשוואונדן דורך דער אָפענער טיר.

דער באָבעס נחת

אין שטילן פרימאָרגן פון יוטיקאַ עוועניו, ווען די גאַס האָט נאָך קוים געעפנט די וויעס פון נאַכטיקן שלאָף, האָט זיך הילכיק דערהערט אַ בראַזג פון אַן אייזערנער טיר. דאָס האָט מאַקס קוריצקי, דער אייזנקרעמער, געעפנט זיין „האַרדוועאַר סטאָר".

צו ביסלעך האָבן די הייזער זיך אויסגעטשוכעט פון נאַכטיקן דרימל און מיט פרישן אימפּעט פון ניו־יאָרקער רויש און באַטויבנדיקן טומל באַלעבט די גאַס.

היינט האָט מאַקס געעפנט זיין קראָם פריער ווי געוויינטלעך. עס האָט זיך אים נישט געשלאָפן. עס איז ביי אים היינט אַ גרויסער טאָג. זיין טאָכטער פּערל דאַרף היינט פאַרשטעלן איר „סטעדי באָי־פרענד", וואָס קומט אָפיציעל היינט פרעגן איר האַנט. האָט זיך מאַקסן און זיין כאַשקען נישט געשלאָפן. יעדער ווייַלע האָט עמעצער פון זיי געזיפצט און ווי גערעדט פון שלאָף און געטורעט אין אַ זייט דעם בעט־שכן, זיך צו טיילן מיט פלענער וועגן פּערלס חתונה.

האָט שוין מאַקס מער נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אַרויסגעקראָכן פון בעט, זיך באַטאַפּט דאָס פּנים, צי דאַרף ער זיך נישט ראַזירן, אַרויסגעשטעקט די צונג צו זען, צי זי איז נישט ווייס, ווייל עפּעס דאַכט זיך אים, אַז „ער האָט אין מאָגן" און דאַרף נעמען אַן אַפּפיר־מיטל, זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרלוירענער אין די שקאַרפּעטקעס און מיט אַראָפּגעהאָנגענע שלייקעס פון די הויזן און אַרומגעזוכט אַ רעכטן שוך, וואָס האָט, ווי אויף צו שטיפן מיט אים, זיך פאַררוקט ווייט אונטערן בעט. אַרויסשאַרנדיק צום סוף מיט דער לאַנגער באַרשט דעם שוך, האָט ער גערעדט מיט ברוגז צו אים ווי צו אַ לעבעדיקער זאַך:

— איך האָב דיך אָבער געפּאַקט... אַ? וואָסי? סט'געמיינט איכל דיך נישט דערזען.

אַ האַלב־פאַרשלאָפענער, רייבנדיק די ראַבסקע פון די אויגן, איז מאַקס ווי פאַרשיכורט אַראָפּ „אונטן" עפענען די קראָם. ער האָט געקוועטשט מיט די באַרקעס און, ברייט געגעצנדיק, זיך געוווּנדערט וואָס טוט ער דאָ אין טונקל־גרויען פרי־מאָרגן, איינער אַליין אין דער גרויסער קראָם.

✶

אַ גאַנצן טאָג זיינען מאַקס און כאַשקע אַרומגעגאַנגען צעררודערטע. ווען די טיר האָט זיך נאָר געעפנט, פלעגן זיי ביידע אויטאָמאַטיש, מיט איין ריס אומדרייען צו איר די קעפּ מיט אַן אָנגעשטרענגטער האַרץ־קלאַפּעניש, אין דערוואַרטונג צו זען זייער פּערלען מיט איר באַשערטן. דער הויכער, שווער־לייביקער מאַקס איז

נאָך געווען מער צעטומלט פאַר דער קליינער, פולער כאַשקען. ער האָט געווישט מיטן אַרבל דעם שוויס פון שטערן און זיך געבייזערט אויף די קונים, וועלכע פלעגן אים אַנקוקן פאַרוואונדערט, ווען ער פלעגט דערלאַנגען אַ פאַרקערטן אַרטיקל. אויפן אָרט פון טשוועקעס — אַ באַרשט און אַ שיסל פאַרבייטן אויף אַ שליסל. ביז כאַשקע האָט שוין נישט אויסגעהאַלטן, זיך קוויטשיק צעלאַכט, זיך אַ קראַץ געטאָן מיטן גראָבן פינגער אין קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— זע, מאַקס, עפּעס ביסטו דאָך אַ מאַנספאַרשוין און באַנעמסט זיך ווי אַ יידענע! מאַלע וואָס מען דערוואַרט אַ חתן?... — כאַשקע האָט אָבער אַליין נישט אויסגעהאַלטן, זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, זיך תענוגדיק צעשמייכלט און אַ וויש געטאָן מיטן פאַרטעך אַ טרער, וואָס איז מעשה־שטיפער אַרויסגעשפרונגען פון אירע אויגן און זיך אַראָפּגעקייקלט איבער איר צעשמחהט פּנים...

✶

פאַר נאַכט, אַרום זעקס אַ זייגער, האָט זיך אַריינגעריסן מיט ווינטיקער יוגנט די מאָגערע, שמאָל־ברוסטיקע פערל, אין אַ פּאָר לעדערנע רייטהויזן און מיט אַ בייטששטעקל אין האַנט. אירע צעשויבערטע, קאַשטאַן־שטייפע, געקרייזלטע האָר האָבן זיך צעפּאַכעט אין דער לופטן און מיטגעטאַנצט צום טאַקט פון איר צאַפּלדיקן קעפּל. הינטער איר איז געשטאַנען אַ הויכער, ברייט־ביינעקער בחור, מיט איין אַקסל אַ ביסל אַ העכערן פון דעם צווייטן, מיט אַ ברייט־ביניק פּנים אין רויטע פלעקן, אַ צעפּלאַטשעטער נאָז און אַנגעבלאָזענע אויערן, מיט אַ גוטן, האַרציקן, צעשוווּמענעם שמייכל פון אַ קינד.

כאַשקע און מאַקס זיינען פאַרלוירענע געבליבן צוגעשמידט צום אָרט, זיך נישט געקאָנט רירן און ווי געפּלעפטע געקוקט אויף זייער צוקונפטיקן איידעם. כאַשקע האָט נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון זיינע גרויסע, גראָב־קלעצלדיקע פינגער — פון זיינע הענט און געטראַכט: „סאַראַ הענט, ווי ביי סטעפּאַן דעם האַלצהעקער אין מיין היימשטאָט וואַשליקאָווע".

אַרום מאַקסן האָט זיך געדרייט אַ קליין באַיטשיקל, אַ „קאַנסאַמער". ער האָט פאַרריסן צו אים זיין קעפּל, אים געשטופּט אַ „דיים" אין האַנט און געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— מאַ, עסק טוילעט פּייפּער...

איז מאַקס געקומען צו זיך, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צום באַיעלע און געשריען:

— וואָט דו יו וואָנט? — און מיט אַ געמאַכטער בייזקייט פאַרענדיקט אויף יידיש:

— טוילעט פּייפּער האָט זיך אים פאַרוואָלט, וואָס נאָך האָט זיך דיר פאַרוואָלט? מיינע קאַסטאָמערס...

פערל האָט כסדר געפּלאָפּלט. מיט גליקלעכע, צעשטראַלטע אויגן געקוקט יעדע ווײַלע אויף איר באַשערטן, איבערחזורנדיק אָן אויפהער:

— יו נאָו, מאַ, פּאַ, הי איז עי טשעמפּ... עי באָקסינג טשעמפּ... די סטראַנגעסט מען פראַם אָל נייבערהוד... סאָטש עי גיבור... — און, אויפהויבנדיק זיך אויף די שפּיץ־פינגער, האָט זי געטאַפּט מיט צעברויזטע, צעפייערטע אויגן זײַנע שטײַפע מוסקולן.

כאַשקע און מאַקס האָבן זיך שטיל איבערגעקוקט. מאַקס האָט אַ וויש געטאָן די נאָז, כאַשקע האָט געווישט די הענט אין פאַרטעך און ביידע האָבן גערישעוואַטע הילפלאָז געשמייכלט.

★

פונקט צום יאָר נאָך דער חתונה פון פערלען מיט סטענלין, זײַנען כאַשקע און מאַקס געוואָרן באָבע און זיידע. דאָס קליינטשיק באַשעפעניש, אַ ייִנגעלע, איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען: סטיפען. געווען אין גאַנצן זײַן טאַטקע אין מיניאַטור. דאָס זעלבע צעפּלאַטשעטע ברייטע נעזל, די זעלבע צעפּאַרענע, אָנגע־בלאָזענע אויערן, נאָר די געקרײַזלטע קאַשטאַנהאָר האָט ער געהאַט דער מאַמעס.

כאַשקע האָט זיך כסדר געפּאָרעט אַרום דעם אייניקל, קיינעם צו אים נישט צוגעלאָזט און זי האָט פאַרנאַכלעסיקט די קראָם. מאַקס האָט זיך שטענדיק גע־בייזערט און כאַשקע האָט שטענדיק געשמייכלט און, וויקלענדיק דאָס קליינע עופעלע וואָס האָט נאָר גערוקט זײַנע קליינע רויטע הענטלעך אין מויל, האָט זי שטיל געבורטשעט, פּאַטשנדיק אים מיט ליבשאַפט איבערן הינטער־חלק:

— אַ נאָמען אויסגעקליבן! סטיפען! דאָס האָט געפּאַסט פאַר סטעפאַן דעם האַלצהעקער פון אונדזער וואַשליקאָווע, אָבער נישט פאַר אַ יידיש קינד. וואַרט, וואַרט... זיי אויף צו להכעיס וועל איך דיך רופן מיט דײַן יידישן נאָמען „שמואליקל"... שמואליקל פּאַסט זיי נישט, נאָר סטעפאַן... אוי אַמעריטשקע, אין גאַנצן פאַרגויִישט געוואָרן.

כאַשקע איז שוין פון קינד נישט אָפּגעטרעטן און דער קליינער סטיפען האָט זיך שוין געהאָדעוועט אין שויס פון זײַן באָבען, געוואַקסן אויף אירע אויגן און זי איז געווען אײַפערזיכטיק צו יעדן וואָס האָט געפּרובירט אים צו קושן. אַ פרישע ליכט אין לעבן איז אויפגעגאַנגען פאַר כאַשקען און, זײַענדיק לעם קינד גאַנצע טעג, פלעגט איר פּנים שטראַלן מיט באָבעשער פרייד. זי איז ווי ייִנגער, בעסער און שענער געוואָרן.

★

גאָטס וועלטל איז גרויס און דרייט זיך, און עס דרייען זיך די יאָרן מיט אים. אָט קומט אָן דער ווינטער, טריקנט אויס מיט טרוקענער קעלט די ביימער, באַהאַלט דאָס גרינס פון די פעלדער אונטער אַ שנייִיקן צודעק און קאַלטע ווינטן

בלאָזן, פייפן וויינענדיק, ווי מיט אַ קול פון אַ ווילדער מכשפה. און אַט קומט אָן דער זומער, צעבליט זיך די ערד, צעשפּראָצט זיך דאָס גרינס, פּילט אָן מיט שמייכל דאָס פּנים פון בן־אדם און יונגע בלוטן צעזינגען זיך. דאָס אייביקע געזאַנג פון „פּרו ורבו ומלאו את הארץ".

צוועלף יאָר זיינען פאַרביי. ביי מאַקסן וואַקסט דער בויך. און ס'וואַקסן די זאָרגן. זיין מאָגן בונטעוועט זיך און דער הויכער, גראָבער מאַקט זיצט איבער אַ קליין קינדער־שיסעלע מיט מילך און „קאָרן־פלעיקס" און זופּט דאָס, ווי אַ רעצעפּט. ביי כאַשקען צעוואַקסט זיך דער גוידער, שוין דריי גאַרנדיק געוואָרן און ווען זי רעדט, טרייסלט ער זיך ביי איר, ווי ביי אַן אינדיק. סטענלי איז שוין אויס באָקסער, דאגות־פּרנסה האָבן אים געמאַכט פאַר אַ מענטש. ער ווינט שוין צוזאַמען און אַרבעט צוזאַמען מיט די שוויגער־עלטערן אין „האַרדוועַר סטאָר", און מאַקס שעפּט נחת פון זיין איידעם, וועלכער הויבט אויף מיט איין האַנט אַ קאַסטן טשוועקעס און טראָגט אים אַריבער, זינגענדיק אַ דזשאַזליד, אין צווייטן עק קראָם. אויך פּערעלע האָט זיך געענדערט. אירע רייטהויזן מיט בייטש ליגן אַלס „סוווענירֿ" פון אירע מיידלשע יאָרן אין אַ קאַסטן, אין סעלער. זי איז אויס־געראונדלט געוואָרן, זעט אויס וויניקער יינגליש און מער ווייבלעך, און סטיפען — שמואליקל ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג, קומט אין דער היים אין אָוונט אַ פאַרסאַפּעטער, מיט אַ פּנים אַ פאַרשמירטן פון שמוץ און שוויס און זיינע רויטע באַקן גליען, ווי דער רויטער זון־אונטערגאַנג.

סטיפען איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט אַ כאַפּטע חברים מיט פאַרקלעפּטע נעזער פון שלאָגן און באָקסן זיך, און מיט מיידלעך אין פאַרקאַטשעטע, בלויע, גראָב־לייוונטענע הויזן. סטיפען איז דער פירער, דער הויפּטשלעגער, רעדט באַפּע־לעריש, שנעל, שלינגט ווערטער און פירט די גרענדע. זיין נאָענסטער חבר איז משהלע דער „רעפּיודזשי", וואָס איז נישט לאַנג אין אַמעריקע. אַ פליכטלינגס אַ זון פון אַ פרומער משפּחה, אַן איינגעדאַרט, איינגעקוואַרט, מאָגער יינגל מיט ברוינע ברענענדיקע אויגן, וואָס קוקט מיט פאַרגעטערונג אויף סטיפענען און איז זיין גייענדיקער שאָטן.

און סטיפען איז אַן אָפטער גאַסט ביי משהלען. ער האָט ליב זייער הויז, זייער שטילקייט, דעם דרך־ארץ פון די קינדער צו זייערע עלטערן. און ווען סטיפען, דער ווינט, פליט אַזוי אַריין אין הויז פון משהלעס עלטערן, בלייבט ער מאָמענטאַל ווי איינגעפרוירן. משהלעס מאַמע, אַ ווייס־פּנימדיקע, צאַרטע, מיט אַ הויט־דורכזיכטיקן פּנים, גייט שטיל איבערן שטוב מיט אַ פּאָר ברייט צעעפנטע, טרויעריקע אויגן; און די צוויי מיידלעך, פערצן־פופצניאָריקע שוועס־טערלעך, גייען איבערן שטוב שטיל, ווי אויף שפּיץ־פינגער, און משהלעס „דעדי", מיסטער אייבראַם כהן, זיצט מיט זיין צעפּעכערטער טאַבאַקבאָרד איבער אַ גרויען, פאַרגעלטן ספר און ברומט אונטער עפּעס אַזאַ „פאַני" שטילן, אומעטיקן „סאָנג"...

בלייבט סטיפען שטיל און עפּעס ווילט זיך אים נישט אַוועקגיין פון דער רויִקער, שטילער, פאַרקלערטער שטוב.

איין מאָל האָט זיך אין געסל געמאַכט אַ געשלעג. דער פּערצניאָריקער, רויט־האָריקער, שטאַרקער, איירישער שייגעצל דזשאָני האָט זיך צוגעטשעפּעט צו משהלען, אויף כּוח אַראָפּגעריסן פון אים זיין היטל, און אַרויסשטעלנדיק אים אַ צונג, איבערגעקרימט און אָנגערופן „דוירטי פאָריין דזשו". האָט זיך אין סטיפענען זיין בלוט צעשפּילט און ער האָט אים גלייך אַריינגעבאָקסט אין מאָרדע, און נאָך אַ פאַרביסענעם געשלעג איז סטיפען אַרויס דער זיגער, און אַלע באָיעס האָבן מיט גרויס הוראַ אויפגעהויבן די האַנט פון סטיפענען און מיט צעפּלאַמטן שטאָלץ אים פּראָקלאַמירט פאַר זייער „טשעמפּ". און ווען זיי זיינען ביידע אַריינגעלאָפן אין סטיפענס היים, האָט משהלע, לאַנגזאַם אויסציִענדיק די ווערטער, ווי מיט אַ פרומען גמרא־ניגון, אויסגערופן צו דער באָבע כאַשקען:

— יו נאָו מיסיס קוריצקי, סטיפען איז עי טשעמפּ, עי טשעמפּ...

האָט כאַשקע אונטערגעשפּאַרט ביידע הענט אונטער די זייטן און בייז געענטפערט:

— אַ גדולה דער באָבען... וואַקסט אַ שלעגער, ווי אַ מאָל דער טאַטע זיינער. וואָס דען, אַז אַ באָי האָדעוועט זיך אויף דער גאַס. ווי די דאָרפישע שקצים ביי אונדז אין וואַשליקאָווע. — אָבער — אויסהערנדיק משהלעס געשיכטע פון סטיפענס אָנגעמען זיך פאַר זיין יידישן חבר, האָט כאַשקע אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און אַ וואַרעמקייט איז אַדורך איר האַרץ, אַ טיף־גערירטע האָט זי געמורמלט:

— אוי, אַ נחת אויף דיר. וואָס דען? פאָרט אַ ייִדישע נשמה! ווייט פון ייִדישקייט, אָבער דאָס האַרץ איז אַ ייִדישע, אוי אַ ייִדישע.

*

אויב איר האָט געטראָפן אין סאָבוויי אַ ייִנגל מיט געקרייזלטע קאַשטאַנהאָר, מיט אַ צעפּלאַטשעט נעזל און אָנגעבלאָזענע אויערן, אין באַגלייטונג פון אַ קליין מאָגער ייִנגל, מיט טויבישע, געטרייע אויגן, וואָס שטעלן זיך אַוועק אין מיטן וואַגאָן פון סאָבוויי און האַלטן אַ קורצן, אויסגעחזרטן, הייסן „ספּיטש" צו העלפן די דייפּיס, וועלכע פאָרן קיין פּאַלעסטיין, און קלאַפּן מיט שטאָלץ מיט דער בלוי־ווייסער פּושקע און לויפן געשווינד פון איין פּאַסאַזשיר צום צווייטן נאָך ניקלס און דיימס — טאָ זייט וויסן, אַז דאָס זיינען מיינע העלדן: סטיפען בראָדווין און משהלע כהן...

ווען ער קומט אַהיים אַ מידער, אַ פאַרסאַפּעטער, אַ פאַרשוויצטער, און האַלט נאָך אין האַנט די קליאַמקע פון דער טיר, דערציילט ער שוין דער באָבען די גליקן פון זיינע היינטיקע אויפטועכצן. דער נס פון אַ גאַנצן דאָלאַר, וואָס אַ געלער איירישמאַן האָט אַריינגעוואָרפן, און פון אַ גאַנצן פינף דאָלאַר־פּאַפּירל

וואָס אַ דאַרער גלח מיט אַ יִדישער נאָז האָט קוים מיט צרות אַריינגעקוועטשט אין דעם שפּאַלט פון זיין פושקע. משהלע שטייט דערביי און שאָקלט צו מיטן קאָפּ צו אַלץ, וואָס סטיפען דערציילט און קוקט מיט ליבשאַפט און שטאָלץ אויף זיין חבר.

איין מאָל, אַ פרייטיק אָוונט, איז סטיפען אַריינגעפאַלן צו זיין חבר משהלען אין שטוב, ווען משהלעס טאַטע, ר׳ אברהם, האָט געהאַלטן אין מאַכן קידוש. ווי שטענדיק, איז סטיפען אַרומגעלאָפן אָן אַ היטל. האָט ר׳ אברהם אויף שטום־לשון אים צוגערופן, מיט אַ ליבלעכן שמייכל אים איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ נאָזטיכל און פאַרגעזעצט דעם קידוש. סטיפען האָט זיך געפילט עפּעס דערהויבן, באַקוקט מיט נייגעריקייט די סצענע, ווי ר׳ אברהם זינגט אויס דעם קידוש. אַלע שטייען אַרום טיש. שבת־ליכט ברענען. דער טיש געשפּרייט מיט אַ ווייסן טישטעך, מיט געפלאָכטענע, איבערגעדעקטע חלות און דער זילבערנער בעכער מיט ווייַן אין ר׳ אברהמס האַנט, אויף וועלכער די ליכט־פלעמלעך טאַנצן אונטער, זיך אָפּ־שפּיגלענדיק.

געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן ווי געוויינטלעך דעם טאַטן אָן אַ היטל און די מאַמען פּרעגלען פליישׁ אויף דער פּאַטעלניע. די באָבע איז געזעסן אַ פּאַרקלערטע ביים טונקעלן פענצטער, אַרויסקוקנדיק אויף דער גאַס. אַ לאַנגע צייט האָט סטיפען זיך אַרומגעדרייט איבערן שטוב אַ פאַרקלערטער, אַ שווייגנדיקער און צום סוף נישט אויסגעהאַלטן, צוגעגאַנגען צו דער באָבען, זי אַ צי געטאָן ביים קלייד און שטיל אַ פרעג געטאָן, איר קוקנדיק שאַרף אין די אויגן:

—גרענד־מאַ, ווי אַר דזשוס. איז פאַר וואָס צינדט נישט די מאַ קענדלס אַזוי ווי משהלעס מאַ? און דער פּאַ גייט נישט אין סינאַגאָג אַזוי ווי משהלעס פּאַ?

כאַשקע איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטע. זי האָט אָנגעהויבן צו זוכן ווערטער עפּעס צו ענטפערן און נישט געפונען. און, צוציענדיק סטיפענס קעפּל צו זיך, האָט זי אים אַ הייסן קוש געגעבן אין שטערן, מורמלענדיק: — אוי נחת מיינער... נחת מיינער... — און נישט קאָנענדיק זיך מער איינהאַלטן, איז זי אַריינגעלאָפן אין קיך, זיך געמאַכט כלומרשט ווי זי זוכט עפּעס, געווישט די הענט אין אַ ווינקל פון האַנטעך און שטילע ספּאַזמעס האָבן געשטיקט איר האַלדז.

פערל, שטייענדיק לעבן פּליטע אַ צעזשאַרעטע, האָט דעם סטייק קונציק אין דער לופטן געוואָרפן און צוריק אין פּאַטעלניע געכאַפּט און, דערזעענדיק די מאַמען אין ווינקל ווישנדיק די אויגן, האָט זי פלוצלינג זיך אומגעדרייט צו איר און ערנסט געפרעגט:

— מאַ, ווהאָט העפּענד?...

האָט כאַשקע האַלב כליפּענדיק דערציילט פערלען סטיפענס פראַגן, און, שנייצנדיק די נאָז אין פאַרטעך, ברוגזדיק געערעדט:

— וואָס דען, איז ער נישט גערעכט? ער קומט ביי לייטן, זעט ער אַ יִדישע

שטוב, אַ שבת... און ביי אונדז? מיר באַהייוון זיך דאָך ווי גוייִם, ווי גוייִם... אַ שיינע דערציונג פאַר אַ ייִדישן באַי.

האָט פּערל מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער מאַמען און ערנסט אַ זאָג געטאָן:

— מאַ, איי'ל העוו טו טאָק וויט סטענלי! איי פּראָמיס יו, מאַ, מירן זיך אָנהויבן באַהייוון ווי ייִדן, איי פּראָמיס יו! נו, סמייל מאַדער, גיב אַ שמייכל. — און, אומדרייענדיק זיך צו דער מוטער, האָט זי דערזען ווי כאַשקעס פּנים מיט די גלאַנציק־פאַרטערטע אויגן פאַרציען זיך מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

דער טויט פון לייזער בעל־תשובה

(אַ דערציילונג וואָס איז באַזירט אויף אַ פאַקט, וואָס האָט פּאַסירט אין אַ קליין שטעטל נעבן ביאַליסטאָק)

ביים ר' שמואל בעל־מופת אין שטוב האָט געהערשט אַ צערודערונג. אַ געדיכטע כמאַרע פון אומרו און זאָרג איז געהאַנגען איבער דער רבנישער שטוב. די שטענדיקע פרידלעכע רויִקייט פון די שבתים און יום־טובים מיט זייער פאַרטראַכטער נשמהדיקייט האָבן זיך שוין אויסגעוויזן ווי אַ לאַנג פאַרשווונדענער זיסער חלום. הייזעריקע, נערוועזע, קוויטשיקע שטימען האָבן זיך אין דער רבני־שער שטוב צוזאַמענגעפלאָכטן אין אַ גרילצנדיקן געמיש.

דער רב ר' שמואל איז געזעסן אין ברייטן רבנישן ווייכן פאָטעל, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. ווי פון דער ווייטן האָט זיך דערטראָגן צו אים די שטימע פון אברהם־הערש דעם שוחט וועלכער איז געשטאַנען צוקאָפּנס פון רבנישן ווייכן שטול, אויסגעפוצט אין אַ מיטן־וואָכנדיקן דינסטיק אין זיין שבתדיקער קאַפּאָטע, און אויסגעצויגן שאַרף יעדעס וואָרט, וואַרפנדיק גיפטיקע בליקן אויף דער קליי־נער, איינגעשרומפּענער, איינגעטריקנטער, מיט צעשראָקענע לויפנדיקע אייגעלעך פּעשע דער פליקערקע. פּעשע איז געשטאַנען אין צווייטן ווינקל קעגן איבער דעם רב, לעם דעם טישעלע מיטן ברייטן בייכיקן קופּערנעם סאַמאָוואַר און איר האָט זיך יעדע ווייַלע אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט וועט זי פאַרטשעפּען דאָס נעזל פון רבנישן סאַמאָוואַר, וועלכער שטייט אַזוי יחסנדיק צעפּעשטשעט אויף דער קופּערנער טאַץ, איבער אַ ווייס געשטריקט סערוועטל, און ער וועט זיך מיט אַ ברוגזן בראַזג אַראָפּקייקלען אויף דער ערד. דער שוחט האָט מיט זיין כּעסנ־

דיקער שטים געשניטן די לופט און, טייטלענדיק מיטן פינגער בייז אויף פעשען דער פליקערקע, האָט ער אויסגעצויגן יעדעס וואָרט:

— אַלץ איר זון, רבי, אַלץ אָט דער פושע-ישראל! ער האָט אַלע יונגע קינדער פון שטעטל פון וועג אַראָפּגעפירט! מחלל שבת בפרהסיה געווען! אַ כופר בעיקר, אַן אפיקורס גמור! גערופן זיי צו רעוואָלוציעס און זיי אַלע פאַר באַלשע־וויקעס געמאַכט. מיין זון, מיין טייערן שטילן בערישן, פון וועג אַראָפּגעפירט. און אָט זעט, ווען די דייטשן די ערשטע אַרעסטירט? מאָטקע דעם רויטן, נח קאָוואַל און מיין זון, דעם אומשולדיקן קרבן, בערישן. אויף זיי האָב איך קיין רחמנות נישט. רעכט אויף זיי. אָבער מיין בעריש, מיין כשרער בעריש, רבי, מען טאָר נישט שווייגן! מען מוז עפּעס טאָן כל־זמן עס איז נישט שפּעט! מען מוז גיין צו זיי, צו די דייטשן, בעטן, וויינען, קלאָגן. זיי זיינען דייטשן, אָבער דאָך מענטשן. אפשר וועט דאָס העלפן...

ר' אברהם־הערש דער שוחט איז געבליבן שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום רב, ווי אין אַ תּפילה. פּעשע די פליקערקע האָט זיך אַ ביסל דערנענטערט צום רב. איר קליין קערפּערל האָט אויסגעזען נאָך נעבעכדיקער און אויף אירע דאַרע איינגעפאַלענע באַקן האָבן לאַנגע נאַסע ריטשקעלעך טרערן גערונען.

אַ לאַנג שטילשווייגעניש האָט אומעטיק געבויערט די לופט. אברהם־הערש דער שוחט און פעשע די פליקערקע, פאַראייניקט דורך איין צרה, זיינען געשטאַנען איינער לעם צווייטן און מיט תחנונים געקוקט אויפן רב, וועלכער איז געזעסן פאַרטראַכט אין ווייכן ברייטן שטול, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און זיינע ליפּן האָבן שטיל חוזקדיק נאָכגעמורמלט אברהם־הערשס לעצטע ווערטער: „זיי זיינען דייטשן, אָבער דאָך מענטשן... מענטשן"... ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, באַטראַכט די צוויי פאַרשידענע קאָנטראַסט־טיפּן, וואָס איין צרה האָט זיי פאַראייניקט, און קוקנדיק אים דורכדרינגלעך אין די אויגן, האָט ער געלאָסן אַ פרעג געטאָן אברהם־הערשן:

— נו, און איר, ר' אברהם־הערש, וועט גיין מיט מיר צו די דייטשן?

דער שוחט איז געבליבן צעטומלט פון דער פלוצלינגדיקער פראַגע, אויסגע־דרייט די אויגן און צעפירט מיט די הענט. עפּעס אָפּגעהאַקטע נישט דייטלעכע זאַצן האָבן זיך געריסן פון זיין צונג. זיין האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט. ערשט איצט האָט ער באַגריפן, וואָס פאַראַ קרבן ער האָט פאַרלאַנגט פון רב, און דער שוחט איז געבליבן שטיין שטיל, אַ ווילע געפּלעפט און געשפּירט האָט ער אויף זיך דעם בליק פון רב, וואָס זייגט זיך אַריין אין זיינע אויגן. און נאָך אַ פּאָר אויגן האָבן אויפגעשווומען פאַר אים: אויגן פון ווילדן טויטשרעק, פון זיין בערישן, ווען די דייטשן האָבן אים אין מיטן נאַכט פון בעט אַרויסגענומען. ער האָט געפילט ווי אַ שאַרפער חלף וואָלט געדריקט זיין האַלדז, נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן און מיט אַ פרעמד קול זיך אָפּגערופן:

— רבי, איך גיי מיט אייך. איך גיי על קידוש השם.

ווי ערנסט די סצענע איז געווען, האָט זיך דער רב נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ שמייכל געטאָן. און ווען דער רב האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול און אויסגעגליכן זיין הויכן מאַסיוון קערפּער, האָט ער ליבשאַפטלעך געקוקט אויף פּעשע דער פליקערקע, וועלכע האָט מיט אַ בליק פון גליק און פאַרגעטערונג, ווישנדיק די טרערן, אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. ווען דער רב האָט זיין האַנט אַריינ־געטאָן אין ערשטן אַרבל פון זיין באַשיידענעם אויבער־מאַנטל, האָט זיך אויפן שוועל באַוויזן די הויכע געשטאַלט פון לייזער דעם משרת פון בית דין־שטיבל, אָדער, ווי מען פלעגט אים רופן: לייזער בעל־תשובה. איין פלייצע העכער פאַר דער צווייטער, מיט זיין פּעט־הויטיקן, ברוינעם געשטופּלטן פּנים, האָט ער מיט זיין הייזעריק באַסאָווער שטים פּשוט אַרויסגערעדט:

— רבי, לאָזט מיך, איכ׳ל גיין מיט אייך...

דער רבי האָט אויפגעהויבן די אויגן צו לייזערן, זיי צונויפגעזשמורעט, ווי קעגן בלענדנדיקע שטראַלן פון דער זון און ער האָט זיך דערמאַנט, ווי לייזער, דער געטרייער שמש, האָט זיין נאָמען באַרימט געמאַכט.

לייזער איז אַ מאָל געווען באַרימט אין שטעטל אונטערן נאָמען „לייזער דער גבור״ אָדער לייזער פערד־גנב. די יידן און להבדיל די גויים האָבן פאַר אים געציטערט. ווו אַ פערד איז פאַרשוווּנדן, האָט מען געוווּסט, אַז דאָס איז לייזער דעם פערד־גנבס שטיקל אַרבעט. ביז איין מאָל האָט מען אום שבת, ביי שרה־לאהן דער אלמנה, אַרויסגעגנבעט דעם ברוינעם „בולאַנעק״ און ווען שרה־לאה איז גלייך נאָך הבדלה אַריינגעלאָפן צום רב מיט יללות, אַז איר „בולאַנעק״ איז פאַר־שוווּנדן האָט זי צוגעגעבן, אַז מען האָט געזען מיט אַ פאָר טעג פריער, זיך אַרומ־דרייען לייזער־גנב נעבן איר גאָרטן, ווו די שטאָל געפינט זיך.

דער רב האָט גלייך אויפן אָרט באַפוילן דעם שמש אויפצוזוכן לייזערן און אים אויפפאָדערן קומען צום רב. לייזער איז געקומען. און ווען ער האָט געפּרובירט לייקענען פאַרן רב אַז ער האָט געגנבעט שרה־לאה דער אלמנהס „בולאַנעק״, האָט דער רב אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף לייזערס אַקסל, געקוקט צו אים מיט גוטע, מילדע אויגן און צו אים צערטלעך אַ זאָג געטאָן:

— לייזער! קיינער קען דיך נישט. אונטער דיין פאַרגאַנגענהייט ליגט דאָס צעוואַקסן זיך פון אַ ווילדן בוים, וואָס קיין האַנט פון קיין גערטנער האָט קיין מאָל נישט געפלעגט און געצערטלט. יונג ביסטו אַ קיילעכדיקער יתום געבליבן. מענטשן האָבן אַרום דיר האָס און פאַראַכטונג געזייט, האָבן זיי פון דיר האָס און נקמה געשניטן. אונטער דיין פעטער הויט ליגט אַ ווייך האַרץ. אַ יידיש האַרץ. לייזער, באַדענק זיך. דיין טאַטן האָב איך געקענט, אַ בעל־מלאכה געווען, אַ שוסטער, אָבער דער ערלעכסטער ייִד און דער גרעסטער לערנער פון שטעטל. לייזער, איך רעד צו דיר ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן. ווי אַ ייִד צו אַ ייִד.

אויפן צווייטן טאָג האָט לייזער־גנב צוריקגעבראַכט צו שרה־לאהן איר „בולאַנעק". דריי טעג נאָך דעם האָט לייזער געשיכורט אין אַלע שטעטלשע שענקען און אויפן פערטן טאָג איז ער שטיל אַריין צום רב אין שטוב, אים געקוקט אין די אויגן ווי אַ געטרייער הונט און נישט אָפּגעטראָטן מער פון רב, אים געטריי געדינט, אַלע שווארצע אַרבעטן געטאָן און ווי אַ גייענדיקער שאָטן פון רב געוואָרן.

אַט די דריי זיינען איצט צו די דייטשן נאָך רחמנות געגאַנגען: דער רב ר' שמואל, אברהם־הערש דער שוחט און לייזער בעל־תשובה.

✱

די קאָמענדאַנטור פון די דייטשן האָט זיך געפונען אין דעם הויז פון שמעון קרוגלאַק דעם אַפּטייקער, אין אַ צוויי־שטאָקיקן רויטן מויערל מיט אַ באַלקאָן. אַ דייטשישער סאָלדאַט אין אַ מיליטערישן מאַנטל מיטן שפּיז אַרויפגעטאָן אויף אַ ביקס האָט געהאַלטן וואַך, שפּאַנענדיק אַהין און צוריק. עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער אָקטאָבער־ווינט, וואָס האָט געשניטן די פּנימער פון די דריי שליחים.

ביים אַריינגאַנג האָט זיי דער דייטשישער זעלנער אָפּגעשטעלט, אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן בליק געמישט מיט פאַרוווּנדערונג פאַר זייער דרייסטקייט און געפרעגט, צו וועמען זיי דאַרפן. דער רב, וועלכער האָט געקענט דייטש נאָך פון דער דייטשישער אָקופּאַציע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט העפלעך געענטפערט:

— צום הער קאָמענדאַנט!

—ווער זינד זי? — האָט דער סאָלדאַט שטרענג אַ פרעג געטאָן, זייענדיק נאָך אַלץ פאַרוווּנדערט פון דער יידישער דרייסטקייט אַליין צו קומען צום קאָמענ־דאַנט.

— איך בין דער ראַבינער — האָט דער רב שטיל געענטפערט.

— היר שטיין בלייבען! — האָט דער סאָלדאַט שטרענג אַ זאָג געטאָן און אַריין אין קאָמענדאַנטור. נאָך אָפּזיין עטלעכע מינוט איז ער צוריקגעקומען, אַריינ־געפירט דורך אַ שמאָלן קאָרידאָר אין אַ גרויסן, פּירקאַנטיק צימער און זיי געהייסן וואַרטן.

אין צימער איז קיינער נישט געווען, אָבער פון נעבן־צימער האָבן זיך געהערט צוויי שטימען פון דייטשן, פון וועלכע איין שטימע האָט גערעדט באַפעלע־ריש און די צווייטע האָט כסדר קורץ אונטערטעניק געענטפערט:

— יאַוואָל, הער לייטענאַנט.

ר' שמואל האָט געהאַט צייט זיך אומצוקוקן. דער גרויסער צימער איז געווען באַהאָנגען ביי די פענצטער מיט שווערע ברוינע טוכענע פאָרהאַנגען. דיקע, האַריקע טרעטערס אויף דער פּאָדלאָגע האָבן פאַרטרונקען דעם גערויש פון טריט. אין

ווינקל פון צימער — אַ גרויסער, מאַסיווער שרייבטיש מיט אַ שאַרבן פון אַ טויטנ־קאָפּ מיט צוויי שוואַרצע אויגן־לעכער און נעבן דעם טויטנקאָפּ צוויי שוואַרצע רעוואָלווערן און פלעשער שנאַפּס. איבער דעם שרייבטיש, אין אַ ברוינער ראַם, איז געהאָנגען אַ גרויסער פּאָרטרעט פון היטלערן.

אברהם־הערש דער שוחט איז געווען בלאַס, זיינע הענט האָבן אים געציטערט און ער האָט געהאַלטן אין איין פאַרריכטן זיין יאַרמלקע אויפן קאָפּ. ר׳ שמואל האָט ווי פאַרגליווערט געקוקט אויפן פּאָרטרעט און ווי געוואָלט פאַרשטיין פאַר וואָס אַ וועלט האָט געציטערט פאַר אים, און נאָר ער, דער רב ר׳ שמואל, קאָן נישט פאַרשטיין, ווי מען קאָן מורא האָבן פאַר אַ בשר־ודם. דער קאַלטער גזלנישער בליק האָט ווייניק גוטס אָנגעזאָגט און פאַרשטאַנען האָט ר׳ שמואל די געוואַגטקייט פון זייער קומען און אַז ווייניק רחמנות קאָן ער דערוואַרטן פון משרתים פון אַזאַ בעל הבית.

דער דריטער שליח, לייזער בעל־תשובה, דער געוועזענער פערד־גנב, איז געבליבן ביי דער טיר. ער האָט נישט געוואַגט צו שטיין צו נאָענט צום רב ר׳ שמואל. אַ בלינדע ליבע געטריישאַפט און אונטערטעניקייט צום רב איז געלעגן אין זיין בליק. אין האַרצן האָט איצט דער הויכער ריז, דער געשטופּלטער ברייט־ביינִיקער לייזער, געפילט אַ פייער פון אינערלעכן ציטער, צוזאַמענגעמישט מיט אַ געפיל פון זיסקייט, פון אַ לאַנג פאַרגעסענעם געפיל, ווי בשעת ער פלעגט דאַרפן אָפּטאָן אַ געוואַגט שטיקל אַרבעט: אַרויסגנבענען אַ יונג הירזשענדיק, שטאָלץ ראַסאָווע פערד פון שטאַל פון דעם מעכטיקן פריץ דאָמבראָווסקי אַליין.

לאַנג האָבן זיך די מינוטן געצויגן. אַזוי האָט זיך מסתמא געפילט דניאל אין שטייג, וואַרטנדיק ביז מען וועט אַריינלאָזן דעם לייב.

דער שמועס פון די דייטשן אין צווייטן צימער האָט זיך אָפּגעהאַקט און די שווערע, געפּאַלדעוועטע ברוין־טוכענע פּאָרטיערן האָט זיך געעפנט. צוויי דייטשן, אין מיליטערישע אוניפאָרמען, זיינען דערשינען אין באַגלייטונג פון אַ גרויסן ברוין־געלן ראַסאָווען „שעפערד"־הונט אויף פיר דינע, מאָגערע הויכע פיס. דער העכערער, אַ שלאַנק־געבויטער, מיט אַ רויטן, פליישיק־געפּאַלדעוועטן האַלדז און קאַלטן גאַווהדיקן געראַזירטן פנים, מיט צוויי שניטן איבער די אויגן, און אויפן האַלדז — צייכנס פון דועל־געפעכטן, אָנגעטאָן אין ברוינע לעדערנע רייטהויזן מיט אַ לעדערנעם בייטש אין האַנט, אין אַן עלעגאַנטן מונדיראַק און אויפן אַרבל אַ ווייסער אַרמבאַנד מיט אַ שוואַרצן האַקנקרייץ, אַרומגערינגלט מיט אַ רויטן קרייז. אָט דער רויטער צירקל האָט ר׳ שמואלן געשניטן די אויגן און אַזוי ווי אַ היפּנאָטיזירטער האָט ער נישט געקאָנט אָפּווענדן זיין בליק און געדאַכט האָט זיך אים, אַז פונקען פון האַרמאַטן־שאָסן און קוילן פון עראָפּלאַנען שפּריצן פייער, איינגעטונקען אין מענטשלעכן רויטן בלוט, צעגיסן זיך ווי פאַרמלאָזע פלעקן פון דעם בלוט־רויטן קרייז, וואָס רינגלט אַרום ווי אַ שוואַרצער צודעק

פון אַן איבערגעדעקטן ארון פון אַ מת, דעם שוואַרצן האַקנקרייץ. דאָס איז געווען דער לייטענאַנט, דער דייטשישער קאָמענדאַנט פון שטעטל. דער צווייטער: אַ גראָבער, קורצער דייטש מיט פלייש פאַרשוואָלענע אויגן און קורץ־געשאָרענע שטייפע האָר, איז געווען דער וואַכמייסטער, זיין געהילף. דער דייטשישער לייטע־נאַנט האָט אימפּאָנירט מיט זיין עלעגאַנטער פיגור, שיין געשניצטן פּנים און עפּעס קאַפּריזנעס איז געלעגן אין זיין שיין מיילכל, ווי ביי אַ פרוי, אָבער זיין בליק, דער שטאָלענער גלאַנץ פון זיינע קאַלטע נישט פינטלענדיקע אויגן, האָבן עדות געזאָגט פון דעספּאָטיזם און נישט־וואָקלדיקייט.

ר׳ שמואל האָט באַוווּנדערט זיין שיינקייט, אָבער אויך זיך געחידושט אויף גאָטס מעשים. שאַפן אַ מענטשן בצלם אלוהים, אויספורמענדיק אַ קערפּער און אַ פּנים פון אַזאַ געטאַקטער עסטעטישער שיינקייט און אַריינבלאָזן אין אים אַזאַ קאַלטע רוצחישע נשמה. אַז דער דייטש איז ליידיק פון יעדן מענטשלעכן געפיל, האָט ר׳ שמואל נישט געצווייפלט. דאָס האָט אים זיין לאַנגע מענטשן־קענערישע דערפאַרונג אונטערגעזאָגט און ער האָט געוווּסט, אַז דאָ האָט ער זיך צו פאַרמעסטן מיט אַ שטאַרקן קעגנער, אַן אומברחמנותדיקן.

— אַך זאָ, זינד זי דער הער ראַבינער? — האָט דער לייטענאַנט מיט אַן איבערגעטריבענער העפלעכקייט זיך פאַרנויגט.

ר׳ שמואל האָט רויִק געקוקט אין די אויגן פון דייטשישן לייטענאַנט און האָט געענטפערט, קאָנטראָלירנדיק יעדן אויסדרוק:

— יאָ, הער לויטענאַנט, איך בין דער ראַבינער.

— ביטע, זאָגען זי מיר, הער ראַבינער — האָט דער לייטענאַנט אָרויפ־געשטעלט איין פוס אויפן שטול, און זיין פוס, מיט די רייטהויזן, מיט דעם גלאַנציקער, ברוינעם לאַקירטן שטיוול האָט שיינענדיק אַ בליץ געטאָן און דער שפּאַר האָט אַ קלונג געטאָן און זיין לעדערנער פּאַסיק האָט אַ צי געטאָן דעם בייז־וואָרטשענדיקן הונט — קאָן איך מאָל וויסען דען צוועק איהרעס בעזוכעס?

— הער לויטענאַנט, זי האָבען פאַרהאַפטעט דריי יונגע, יודישע לויטע. וויר גלאָובען דאָס איסט איין אירטום. איך קאָן דיזע לויטע פילע יאָהרע אַלס עהרליכע און פערנונפטיקע, אונד אַלס ראַבינער, גנעדיקער הער לויטענאַנט, ביטע איך זיי זיי פריי שטעלען.

דער לייטענאַנט האָט אַן איבערראַשטער געקוקט אויף דעם הויכן, ראָז־הויטיקן, מאַסיון, ווייס־האָריקן יידן, מיט זיין רויִקן, ווירדיקן רעדן, און ער האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרלוירן און ווי דערגידעריקט געשפּירט. אַ בייז פלעמעלע האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן און ער האָט פּלוצלינג געביטן זיין טאָן און אָפּגעהאַקט אַ פרעג געטאָן:

— זינד זי געקאָמען ביטען גנאַדע פיר איהרע דריי באָלשעוויסטישע יודען?

— הער לויטענאַנט, איך בין געקאָמען ביטען פיר דריי יודען...

דער קאָמענדאַנט האָט אַראָפּגענומען דעם פוס פון שטול, זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך און, אָפּמעסטנדיק דעם רב מיט אַ בליק פון פאַראַכטונג, האָט ער צווישן די ציין דורכגעזופּט:

— די דריי יודישע קאָמוניסטען ווערדען ערשאָסען.

דער רב האָט אַ קוק געטאָן אויף אברהם־הערש דעם שוחט, וועלכער האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, דערנאָך זיינע אויגן אַריבערגעפירט צו לייזערן, וועלכער איז געשטאַנען איינגעהויקערט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן און שפּיציק צונויפגעזשמורעטע אויגן, און דערנאָך צום לייטענאַנט, וואָס האָט פאַרביסן גע־רייניקט מיט שטעקל פון בייטש זיין שפּיץ פון שטיוול, און זיך צו אים מיט געבעט געווענדט:

— הער לויטענאַנט, די קריסטען גלאָובען דאָך, ווי וויר יודען, אין גאָט. איך ביטע זי, אין גאָטעס נאָמען, שפּאַרען דיזע דריי יונגע אונשולדיגע לעבענס.

דער לייטענאַנט האָט געווענדט זיין פּנים צו ר׳ שמואלן און קוקנדיק אים אין די אויגן שאַרף געזאָגט:

— וויר נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען גלאָובען ניכט אין גאָט, דען קריסטוס וואַר יודע. — און פלוצלינג אויפפלאַמענדיק פון צאָרן, וואָס דער ייד האָט אים געבראַכט אַזוי פיל צו רעדן און וואָגט זיך מיט אים אויסצוטענהן, האָט ער מיט צוזאַמענ־געפּרעסטע ליפּן אַרויסגעשיפּעט:

— דו שמוציגער, פערדאַמטער יודע! — און מיט זיין גאַנצן צאָרן אויפ־געהויבן זיין בייטש און צוויי מאָל אַראָפּגעלאָזן מיט אַ שניידנדיקן פייפן איבער די באַקן פון רב.

לייזער בעל־תשובה האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הויך. זיין ברוין פּעט פּנים האָט געגלאַנצט ווי מיט בוימל באַשמירט. די לעכער פון זיין גע־שטופּלטן פּנים זיינען טיפער געוואָרן און, אוועקשליידערנדיק דעם שטול וואָס איז אים געשטאַנען אין זיין וועג, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום לייטענאַנט, וועלכער האָט מיט גיפטיקע אויגן נאָכגעפאָלגט זיינע באַוועגונגען, און אַראָפּ־לאָזנדיק דעם הונט פון פאַסיק, אַ געשריי געטאָן צו אים מיט אַ שאַרפן טאָן פון אַ יעגער:

— ביסמאַרק, נעהם איהן.

דער הונט האָט מיט איין שפּרונג זיך איינגעביסן אין לייזערס האַנט, דערנאָך אַ שפּרונג געטאָן אים אין פּנים אַריין און מיט די שאַרפע ציין אַריינגעביסן זיך אין זיין באַק. לייזערס פּנים האָט באַקומען אַן אויסזען פון ווילדקייט. די לאַנג געצוימטע ליידנשאַפטן פון גנבה און שכרות האָב געפונען אַן אויסגאַנג אין דעם געראַנגל פון מענטש און חיה, פאַרמישט מיט אַ זיסן תענוג, אַז דאָס איז אַ הייליקער געראַנגל, פאַר זיין הייליקטום, פאַר גאָט, פאַרן רב ר׳ שמואל. זיינע אָדערן אויפן האַלדז האָבן זיך אָנגעבלאָזן און זיינע דאַרע, ביינערדיקע, אָדערדיקע

הענט האָבן געשטיקט לאַנגזאַם, מער און מער דעם הונט פאַרן האַלדז. מיט אַ שוימענדיקן מויל און אַרויסגעשטעקטער צונג איז דער הונט אַראָפּגעפאַלן ווי אַ כאָרכלענדיקע מאַסע צו דער ערד.

דער לייטענאַנט האָט, מיט צאָרן געמישט מיט נייגעריקייט, זיך צוגעקוקט צום געראַנגל, ווי אַ צושויער אויף אַן אָקסנקאַמף, אָבער ביי די לעצטע אַגאָניע־סעקונדן פון זיין הונט, האָט ער אַ ווונק געטאָן צו די צוויי סאָלדאַטן ביי דער טיר, וועלכע זיינען צעטומלט געוואָרן פון דער פּלוצעמדיקער אומגעריכטער סצענע און פון לייטענאַנטס ווונק. קומענדיק צו זיך, האָבן זיי אַ כאַפּ געטאָן דעם צעווילדע־וועטן לייזערן און נאָך גרויסע ראַנגלענישן פאַרדרייט אים די הענט אויף הינטן און געוואָרט אויף די באַפעלן פון לייטענאַנט.

דער לייטענאַנט האָט נאָך אַ מאָל אַ ווונק געטאָן און צוויי סאָלדאַטן האָבן זיך געשטעלט נעבן רב, האַלטנדיק אים פעסט די אָרעמס. דערנאָך האָט דער לייטענאַנט קאַלט, לאַנגזאַם אויסגעצויגן די האַנט צום טיש, צוגעשאַרט צו זיך איינעם פון די צוויי שוואַרץ לאַקירטע רעוואָלווערן, אָנגעצילט אים אויף לייזערן און אויסגעצויגן יעדעס וואָרט:

— אונד יעצט, יודישער ראַבינער, ווערדע איך ביז דריי ציילען, אין איהרען יודישען גלאַובענס־גענאָסע און ויר ווערדען זעהען, וואָס איהר יודישער גאָט בעוויזען קאַן.

— איינס! נו, יודע! וואָ איסט דיין גאָט?

ר׳ שמואלן האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט געקוקט שטאַר אויף דעם גלאַנציקן שוואַרץ לאַקירטן רעוואָלווער און פון דער געשפּאַנטער שטילקייט, אין וועלכער ער האָט געקאָנט ציילן יעדן קלאַפּ פון זיין האַרץ, האָט ער, אומבאַוווסט־זיניק צעשוווימען, געוואָרט, אַז עפּעס זאָל געשען, און מיט די געדאַנקען ווי פליענדיק אין די הימלישע וואָלקנס, געחלומט פון די אומצאָליקע נסים, וואָס דער יידישער גאָט האָט באַוויזן.

עס האָט אים געבראַכט צו זיך די קאַלטע שטייפע שטים פון לייטענאַנט:

— צוויי! אַלזאָ יודע? וואָרום שווייגט דיין יודישער גאָט?

ר׳ שמואל האָט זיינע אויגן געווענדט צו לייזערן, וועלכער, שטייענדיק אין מואדיקע ווייטאָקן פון די פאַרדרייטע הענט אויף הינטן און איין באַק אַ פאַר־גאָסענע מיט בלוט ביז דעם אויג, האָט אָבער מיט דער אַנדערער באַק און אויג צערטלעך געקוקט אויפן רב און מיט פאַרביסענע ליפּן, שטאָלץ און רויק נישט באַוועגט מיט קיין אבר.

— דריי! יודע! — דיין גאָט האָט דיך בעטראָגען!

צוויי שאָסן האָבן זיך דערהערט און געטראָפן לייזערן אין שטערן און אין אַן אויג. אַ באַגאָסענער מיט בלוט, האָט ער ווי אַ זאַק זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, צונויפגעדרייט אין אַ בלוטיקער פליישיקער מאַסע.

די צוויי שאָסן האָבן ר׳ שמואלן געבראַכט צו זיך און ער האָט זיך גענומען רייסן פון די הענט פון די דייטשן, ריטשענדיק ווי אין אַ שגעון־אָנפאַל:

— רוצחים! מערדער. איר וועט זיך אויסגליטשן אויף יידיש בלוט.

דער לייטענאַנט איז האַסטיק אַרויס פון צימער, זיך נישט אומקוקנדיק אויף קיינעם און די סאָלדאַטן האָבן אָנגענומען ר׳ שמואלן און אברהם־הערשן פאַר די קאָלנערס, אַרויסגעפירט זיי פון קאָרידאָר אין גאַס און מיט דער גאַנצער קראַפט זיי אַ שטויס געטאָן.ביידע זיינען אומגעפאַלן אויף דער ערד, הערנדיק הינטער זיך די חוזקדיקע געלעכטערס פון די דייטשן.

דער ערשטער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן אברהם־הערש. אַ בלאַסער, אַ ציטערנדיקער, מיט צעשויבערטע האָר און קלאַפנדיקע ציין, האָט ער ווילד אָנ־געכאַפּט ר׳ שמואלן פאַרן אַרבל, שעפּטשענדיק:

— ר׳ שמואל! קומט, קומט שנעל פון דאַנען אַוועק, קומט.

ר׳ שמואל האָט זיין קאָפּ צוגעבויגן צו דער ערד, ווי שעמענדיק זיך פאַרן הימל. ער וואָלט איצט געוואָלט, אַז די ערד זאָל זיך עפענען און אים אַריינעמען אין זיך. נישט קוקן מער אַ בן־אדם אין פנים. אַ ווײַלע האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ ביז צו חלשות. ער האָט צו ביסלעך אויפגעהויבן זיין קאָפּ. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ גרויען, פאַרכמורעטן הימל, מיט קליינע, שמוציקע, גרויע וואָלקנדלעך. ליידיק האָט אים איצט אויסגעזען דער הימל, ווי ליידיק עס איז אים איצט געוואָרן אין האַרצן.

דריי יאָרצײַטליכט

איך האָב ליב געהאַט זיך אַריינצושלייכן אין פאַרנאַכטיקער טונקלקייט, צווישן מנחה און מעריב, אין גרויסן הילצערנעם בית־מדרש, פאַררוקן זיך אין דער פינצ־טערניש הינטערן וואַרעמען, ליימענעם אויוון און חלומען. חלומען פון די מעשיות און לעגענדעס, וואָס האָבן געשפּאַרט פון אַלע ווינקלען פון מרה־שחורהדיקן אַלטן בית־מדרש און וועלכע עס פלעגט מיר דערציילן דער לאָמער אונטער־שמש מאָטיע: אַ קליין, איינגעהויקערט, איינגעטריקנט יידעלע מיט אַ גרוי, אויסגעצופּט טאַבאַק־בערדעלע, מיט אַ קליין פּנימל, מיט פלינק לויפנדיקע אייגעלעך, קינדיש שמייכלענדיקע, וואָס פלעגן זיך ברייט צעעפענען, דערהערנדיק די טרוקענע שטימע פונעם שמש ר׳ אייזיק.

אויף אַ הילצערנער, דרייפיסיקער באַנק, אָן אונטערגעשפּאַרטער מיט אַ היל־

צערן אָפּגעזעגטן קלעצל האָלץ, האָב איך אויך אָט די מעשה פון די דדיי יאָרצייט־ליכט פון זיין מויל געהערט. דערציילן פלעגט ער פאַמעלעך, ציענדיק יעדעס וואָרט, פאַררייסנדיק אַן אייגעלע צום פאַרקאַלעכטן בעליק און דאָס אַנדערע אייגעלע האַלב־פאַרמאַכנדיק און טשמאָקענדיק מיט די ליפּן פון זיסן תענוג אונטערן איינדרוק פון זיינע אייגענע זכרונות.

*

געווען איז דאָס מיט אַ יאָר צוועלף צוריק, בשעת ר׳ ליפּעלע איז געווען ביאַליסטאָקער רב. ר׳ אייזיק שמש איז דעמאָלט נאָך יינגער געווען און נישט אַזוי ברוגזדיק.

געווען איז דאָן אַן ערב יום־כיפּור אַ רעגנדיקער. ס׳האָט נישט געגאָסן נאָר געטריפט און די לופט איז פול געווען מיט אַ דריבנעם זיפּלדיקן רעגנדל. אין בית־מדרש האָט מען זיך געגרייט מקבל צו זיין דעם יום איום ונורא, און איך האָב אַרומגעשמייעט אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרסאָפּעטער.

אין מיטן זע איך ווי דער שמש ר׳ אייזיק, וואָס קלאַפּט אָן די צדקה־פּושקעס נעבן טיר, גייט עמעצן אַנטקעגן הכנעהדיק, און אין טיר באַווייזט זיך מרדכי בונימס משרת. מרדכי בונים, דאַרפסטו וויסן, קינד מיינס, איז געווען דער גרעסטער פאַדריאַדטשיק, אַ קרוב למלכות, דער גרעסטער גביר פון שטאָט, אַ מענטש מיט תרפט אלפים קערבלעך, אַן אַריינגייער ביי די גרעסטע שררות, און האָט זיך געחברט מיטן פּאָליצמייסטער אַליין.

אייזיק דער שמש, דערזעענדיק אפילו נאָר דעם משרת פון ר׳ מרדכי בונים, איז שוין מבולבל געוואָרן און נישט געוווסט וואָס דאָס באַטייט? דער סוד איז אָבער שנעל אַנטדעקט געוואָרן: ר׳ מרדכי בונים האָט געשיקט מיטן משרת אַ גרויס שניי־ווייס צווייפונטיק יאָרצייט־ליכט, אויפצושטעלן אין דעם הייליקן טאָג. אויך אין אונדז האָט ער נישט פאַרגעסן און מיטגעשיקט אַ זילבערנעם קאָר־באַוואַניעץ פאַרן שמש און פינף־און־צוואַנציק קאָפּיקעס פאַר מיר.

דאָס איז געווען אַ ריזיק ליכט — שטייף, שטאָלץ און ווייס ווי אַ סאָסנאָוועער יונגער בוים אין אַ פראָסטיקן ווינטער. מען האָט דאָס יאָרצייטליכט פאַרזיכטיק אָנגענומען, צוגעטראָטן צום עמוד פון חזן און אַריינגעשטעלט אויפן בכבודיקסטן אָרט, פון דער רעכטער זייט, נעבן די צוויי גאָלדענע לייבן. ר׳ אייזיק האָט ליבשאַפטלעך געגלעט דאָס ליכט, ווי מען צערטלט אַ ניי געבוירענעם ערשטלינג, אַ בן־זקונים. ער האָט עס פעסט אַריינגעשטעלט אין דער גרויסער קופּערנער מנורה, אַריינגעשמעלצט און אַרומגעשטאָפּט מיט פּאַפּיר, באַוואָרנט, הייסט עס, פון אַלע זייטן.

עס איז נישט אַריבער קיין האַלבע שעה ווי די טיר פון בית־מדרש האָט זיך געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן די רויטע דינסטמויד פון ר׳ סנדר חלפן,

אָדער, ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל: סענדער פּראָצענטניק. געווען איז דאָס אַ ייד אַן עושר, אַ חזיר, אַ קאַרגער, און אַ בעל־הבית פון דריי הייזער אויף דער שענסטער ניקאָלאַיעווער גאַס.

אויך סענדער חלפנס דינסטמויד האָט געטראָגן אַ יאָרצייטליכט, שוין נישט קיין צווייפונטיקס, נאָר אַ פונטיקס, אַ ביסל אַ קלענערס, אָבער אויך גענוג גרויס; און אויך פאַר אונדז איז געווען אַ מתנת־יד, אָבער נאָר אַ קאַרגלעכע, ווי מען האָט זיך געקאָנט ריכטן פון סענדער פּראָצענטניק. אויך אָט דאָס יאָרצייטליכט האָט ר׳ אייזיק שמש אוועקגעשטעלט ביים חזנס עמוד, פון דער לינקער זייט פון גאָלדענעם לייב, און אָנגעקוואָלן פון די צוויי גרויסע, ווייסע, שטאָלצע ליכט.

בקיצור, מיין קינד, מעגסט הערן ווייטער. דער ערב יום־כיפור האָט נישט געוואָרט, די צייט האָט זיך גערוקט, די גרויע וואָלקנדלעך אויפן הימל האָבן שוין אָנגעהויבן בלוילעך צו ווערן. מיר האָבן זיך שוין געגרייט אין גיכן צו מנחה. אין דרויסן האָט נאָך אַלץ גערעגנט און עס האָט זיך שוין געפילט ווי די פליגלען פון יום־הדין שוועבן איבערן שטעטל.

פלוצלינג האָט זיך ביים טיר פון בית־מדרש דערהערט אַ קאַראַשקען און סקריפּען, און אין בית־מדרש איז אַריין די אַלמנה זעלדע דעם קאַלכערס, וואָס איר מאַן איז געשטאָרבן פאַר אַ יאָרן ערב יום־כיפור פון אַ האַרצשלאַק און האָט זי איבערגעלאָזט מיט פינף יתומימלעך. אויך זעלדע די אַלמנה האָט געבראַכט אַ יאָרצייטליכט, אָבער אַ קליינס, אַ דאַרס, אַן איינגעטריקנטס, ווי איר לייב און לעבן. ר׳ אייזיק האָט זיך אויסגעדרייט, זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ שנעלן ברוגזן בליק ווי זיין שטייגער איז. האָט זיך זעלדע די אַלמנה איינגעשרומפּן, איינגעטריקנט אונטער זיין בליק. מיטן נאָסן פאַרטעך האָט זי אָפּגעווישט איר פאַררעגנט אָפּ־געבליאַקעוועט פאַרשוויצט פנים און זיך אַנטשולדיקט פאַרן שפּעטן ברענגען דאָס ליכט. מיט תחנונימדיקע אויגן האָט זי דערקלערט אַז זי האָט נישט געוואָלט באַרגן ערב יום־כיפור אויף אַ יאָרצייטליכט. האָט זי געוואָרט ביז זי וועט אין מאַרק עפּעס לייזן, און פאַר די ערשטע פאַר קאָפּיקעס פון די פאַרקויפטע ציבעלעס האָט זי אין איילעניש דאָס יאָרצייט־ליכטל געקויפט. איצט איילט זי זיך צו אירע „קליינע פייגעלעך" צוזאַמען מיט זיי עפּעס פאַרפאַסטן.

ר׳ אייזיק האָט דאָס יאָרצייט־ליכטל צוגענומען און זוכנדיק לאַנג מיט די אויגן אין ווינקל פון פאַליש, וווּ עס זיצן געוויינטלעך קבצנים און אורחים, האָט ער דאָס יאָרצייט־ליכטל אַריינגעשטעקט אין אַ פּראָסט הילצערן קעסטל, אָנגע־פילט מיט געלן זאַמד.

דער כל־נדרי איז אַדורך ווי שטענדיק. געדאַוונט האָט ר׳ משה סנדקי. דער עולם האָט צוגעהאָלפן, די ליכט האָבן געברענט. ווייסע קיטלען האָבן זיך געשאָקלט. אין מזרח אין אַ ווינקל איז געשטאַנען איינגעוויקלט אין אַן אַלטן פאַרגעלטן טלית דער רב ר׳ ליפּעלע. אויבנאָן אין מזרח פוןביידע זייטן אָרון־קודש האָבן

געדאַוונט די „פּני״: ר׳ מרדכי בונים מיט זיינע צוויי בנים אין די שול־היטלען ווי די גובערנאַטאָרס, און סנדר חלפן מיט זיין זון און זיין איידעם, דעם אַדוואָקאַט.

אויף צו מאָרגנס, זונעלע מיינס, איז אָבער געווען אַ יום־כּיפור, וואָס איך וועל אים נישט פאַרגעסן ווי לאַנג איך וועל לעבן. דער טאָג איז טאַקע געווען אַן אמתער טאָג פון גזר־דין. אין דרויסן האָט נאָך שטאַרקער געדעגנט, דער הימל איז געווען באַצויגן מיט אַ גרויער פלאַכטע, וועלכע האָט פון צייט צו צייט אויפגעלויכטן מיט בליצן און אָפּגעדונערט פון ווייטן.

מען האָט שוין געהאַלטן ביי מוסף. ר׳ משה סנדקי האָט געדאַוונט מיט מתיקות, זיך צעגאָסן, געוויינט, געבעטן ביים רבונו־של־עולם, זיך אויסגעטענהט מיט אים מיט גוטן און מיט אַ ירגזון ווי אַזאַ שליח־ציבור ווי משה סנדקי האָט געקענט, און צוקומענדיק צום „ונתנה תוקף״ צו די ווערטער: „אמת כי אתה הוא דיין ומוכיח״, האָט מיט אַ מאָל דאָס יאָרצייטליכט פון מרדכי בונים זיך אַרויסגעגליטשט פון מאַסיוון לייכטער, זיך אַראָפּגעקייקלט פון דער בימה, אַריינגעפאַלן מיטן קנויט אין שפּייקעסטל און זיך אויסגעלאָשן.

עס איז געוואָרן שטיל אין בית־מדרש. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן איבער־צוקוקן, זיך סודען, און אין דער לופטן איז עפּעס געהאַנגען אַ ניט־גוטקייט. מענטשן האָבן זיך אין די אויגן נישט געקענט קוקן. האָט דער שמש ר׳ אייזיק אַ פּאַטש געטאָן דריי מאָל איבערן שטענדער און מען האָט ווייטער אָנגעהויבן צו דאַווענען. ר׳ משה סנדקי האָט זיך מיט נאָך מער טרערן און געוויין גענומען צום „ונתנה תוקף״, אָבער עפּעס אַ פאַרשטיקטער שרעק איז געלעגן אין זיין שטימע, און דער שרעק האָט זיך איבערגעגעבן אַלע מתפּללים. ר׳ משהס שטימע האָט געציטערט און ווען זי איז צוגעקומען צו די לעצטע ווערטער „ותכתוב את גזר דינם״, האָט אַ שטאַרקער דונער אַ זעץ געטאָן איבערן דאַך, באַגלייט מיט אַ פייפנדיקן ווינט, וועלכער האָט אָפּגעריסן דעם לאָדן פון דרויסן און, צעוויגנדיק מיט אימפּעט דעם אייזן, דורכגעבראָכן די שויב. דורך דער צעבראָ־כענער שויב האָט דער ווינט, פייפנדיק, געגעבן אַ שניט אַדורך די לופט ביז צו דער בימה, אויסגעלאָשן דאָס יאָרצייטליכט פון סנדר חלפן, אויסגעריסן עס פון לייכטער און אַוועקגעשמיסן אין ווינקל נעבן דעם קופּערנעם האַנטפאַס אין אַ בערגל מיסט אַריין.

דאָ איז שוין די בהלה אין בית־מדרש געוואָרן אין לשער. אַן אַנגסטיקער שרעק האָט זיך צעשפּרייט איבער די בלאַסע פּנימער פון די מתפּללים. עס האָט זיך דערהערט אַ יללה, אַ ספּאַזמירן אין דער ווייבערשול, אַ געפילדער צווישן די מענער, אַ פאַרשטיקט קרעכצן פון די זקנים.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט צום רב ר׳ ליפּעלע, וועלכער איז גע־שטאַנען, איינגעוויקלט דעם דאַרן גופּ אין אַ גרויסן טלית, אומבאַוועגלעך. פון הינטער זיין טלית האָט זיך געהערט אַ פאַרשטיקט געוויין. ר׳ ליפּעלע האָט זיין

גרויען קאָפּ פון אונטערן טלית אַרויסגערוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי עמעצן באַדויערנדיק, ווי פאַר עמעצן רחמנות בעטנדיק. זיינע ליפּן האָבן געמורמלט: זינדיק... זינדיק... און ער האָט געגעבן אַ צייכן מען זאָל ווייטער דאַווענען.

מען האָט געענדיקט מוסף, געענדיקט מנחה און אין בית־מדרש איז שטאַרק טונקל געוואָרן. די פינצטערניש האָט זיך געקנוילט איבערן בית־מדרש, איינגע־שלונגען די יידן אין די טליתים, אויפגעעפנט הערצער צו תשובה־געפילן פאַר באַגאַנגענע זינד.

מען האָט געזוכט דעם שבת־גוי ער זאָל אָנצינדן די ליכט. איז ער אָבער ווי אין וואַסער אַריין און מען האָט אים נישט געקאָנט געפינען. האָט ר׳ אייזיק שמש געפרעגט ביי ר׳ ליפּעלען וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז האָבן כאָטש ביים עמוד אַ ליכט. האָט ר׳ ליפּעלע מתיר געמאַכט אַ זעקס־יאָריק יינגעלע איבער־צוטראָגן דאָס זאַמד־קעסטעלע מיטן יאָרצייט־ליכטל פון זעלדע דער אַלמנה, און אוועקשטעלן עס אויבנאָן אויפן עמוד.

מיט נעילה דאַווענען האָט מען מכבד געווען, ווי שטענדיק, דעם גביר ר׳ מרדכי בונים. אָבער נישט דער זעלבער ר׳ מרדכי בונים איז דאָס געווען. זיין פּנים טויטבלאַס, די ליפּן ציטערדיקע, די הענט טרייסלענדיקע, אַן אויסזען פון אַ מענטש, וועלכער איז רחמנא־לצלן אויפגעשטאַנען פון אַ לאַנגער קרענק. מענטשן האָבן זיך געוווּנדערט: וואָס איז געשען? ווו איז זיין גדלותדיק צופרידענער אויסזען? ווו איז זיין תקיפות? זיין שררהדיקע שטימע? ער האָט זיך מיט שווע־רע, שוואַכע טריט צוגעשלעפּט צום עמוד, איינגעוויקלט דעם קאָפּ אין טלית און מיט אַ הייזעריק געוואָרענער שטים זיך געשטעלט דאַווענען נעילה.

די ווערטער זיינען געגאַנגען פון זיין מויל פרעמד, פאַרגליווערט, פאַרשטיקט, און יידן האָבן זיך געשושקעט, אַז ער שלינגט ווערטער, כאַפּט אַריין פּסוקים, היפּערט איבער, און ווען דאָס איז נישט ר׳ מרדכי בונים, וואָלט מען אים זיכער נישט געלאָזט ווייטער דאַווענען. אָבער עס איז דאָך ר׳ מרדכי בונים, קוקט מען אים אָן, מען חידושט זיך. פאַרשטייט מען, אַז דאָס איז עפּעס נישט גלאַטיק, אָבער מען לאָזט אים דאַווענען. אגב, איז דער היינטיקער יום־כיפּור פול מיט שרעק און סודות.

דאָ פּאַסירט אָבער ווייטער אַ שרעקלעכע זאַך. ווי ר׳ מרדכי בונים קומט ביי „אשמנו", וואַרפט ער אַריבער דעם קאָפּ איבערן שטענדער, רעדט נאָך אַרויס דעם וואָרט „בגדנו", בלייבט שטעקן מיטן וואָרט „גזלנו". הויבט זיך אָן מיט אים צו שטיקן, גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן גוף, קריצט אַריין די נעגל אין שטענדער, פאַרגלאָצט די אויגן צו דער אלמנהס יאָרצייט־ליכטל און פאַלט אַנידער. און ווען דער ערשטער שרעק איז אַריבער און מען איז אים צוגעלאָפן מונטערן, שרייען גוואַלד, רופן הילף, האָט ר׳ מרדכי בונים געעפנט די אויגן, געקוקט מיט אַ פאַרגלעזערטן קוק אויף דער אלמנהס יאָרצייט־ליכטל ביים עמוד און

אַרויסגעשטאַמלט: — זיי מיר מוחל! — און פאַרמאַכט אויף אייביק די אויגן. ר׳ מרדכי בונים איז געווען טויט.

ר׳ ליפּעלע האָט צוגערופן אייזיק דער שמש און אים לאַנג אויסגעפרעגט. ווען ער האָט זיך דערוווּסט ווער עס האָט די דריי יאָרצייטליכט געבראַכט, איז ר׳ ליפּעלע נאָך עצבותדיקער געוואָרן, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ווייטער געמורמלט: זינדיק, זינדיק...

✱

די זעלבע נאַכט פון מוצאי יום־כּיפּור, ווען דאָס שטעטל איז געווען פאַר־זונקען אין שלאָף, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דאָס טרובען פון דער פייערלעשער־טרובע, וואָס איז געשטאַנען אויפן שפּיץ פון שטאָטזייגער. דער שרפה־סיגנאַל איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און אַ האַלבע שטאָט מענטשן, האַלב־נאַקעטע זיינען אַרויסגעלאָפן אין די גאַסן און איינער דעם אַנדערן די בשורה אָנגעזאָגט, אַז עס איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אין דער טוכפאַבריק פון ר׳ סענדער חלפנס הויז, ווו עס שטייען אַ סך פעסער מיט בוימל און אַלע זיינע דריי קאָמעניצעס שטייען אין מוראדיקע פלאַמען. די הייזער קנאַקן אין פייער רויכיקע וואָלקנס, דער הימל איז באַשפּריצט מיט רויט־פייערדיקע פונקען און מען האָט מורא פאַר די שכנותדיקע הייזער. מען שמועסט אַז די הייזער זיינען נישט פאַרסטראַכירט, ווייל, ווי דער עולם ייִדן האָט זיך געוויצלט, סענדערל חלפן האָט שטענדיק געמאַכט אַ חשבון אַז פון דעם געלט, וואָס מען דאַרף צאָלן פאַר סטראַכאָווקע, האָט ער צינזן און פון דעם צינזגעלט ווייטער צינזן... לוינט אים דעריבער נישט צו זיין פאַרסטראַכירט.

אויף צו מאָרגנס, ווען ר׳ ליפּעלע האָט נאָר וואָס געענדיקט אין זיין שטוביקן מנין דאַווענען שחרית, איז אַריינגעפאַלן צו אים אין בית־דין־שטיבל ר׳ סענדער חלפן. זיינע האָר זיינען געווען צעשויבערט, דאָס פּנים טויטבלאַס, דער קאָלנער פון רעקל אויפגעשטעלט. מיט זיין נאַקעט האָריקער ברוסט און מיט אַ פּאָר ווילד־גלאָציקע אויגן, האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ משוגענעם. ער האָט זיך געוואָרגן אין געוויין און מענערישע ספּאַזמעס, און געבעטן ביים רב ר׳ ליפּעלע רחמים, ער זאָל רופן זעלדע די אַלמנה, ביי וועלכער ער וויל מחילה בעטן.

ר׳ ליפּעלע, אַ צעטומלטער, אַ פאַרלווירענער, האָט אים אַריינגענומען אין אַ חדר מיוחד, ווו סענדערל חלפן, שלינגענדיק די טרערן, האָט אים דערציילט די מעשה־נורא:

זעלדע דער אלמנהס מאַן, מענדל קאַלכער, האָט געהאַט ליגן ביי זיך דריי הונדערט רובל פון זיין ברודערס טאָכטער, אַ קיילעכדיקער יתומה, אַ כּלה־מיידל, וועלכע האָט געדאַרפט אָט אָט חתונה האָבן. האָט אָבער געדאַרפט זיך מאַכן, אַז מען האָט מענדל קאַלכער פאַרגעשלאָגן אַ פּאַדריאַד צו קאַלכן און מאַליעווען

די מיליטערישע קאַזאַרמעס, ווו עס איז אים געשטאַנען צו פֿאַרדינען אַ סך געלט. איז מענדל קאַלכער אַוועק צו סענדער חלפֿן און אים געבעטן לייען אויף צינזן פֿינף הונדערט רובל. סענדער חלפֿן האָט אים צוגעזאָגט. איז מענדל קאַלכער אַוועק צום בריגאַדנער גענעראַל און איינגעלייגט אַלס דעפּאָזיט דער כּלהס, דער יתומהס דריי הונדערט רובל, אָנגענומען דעם פּאָדריאַד און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

פֿון דעם פּאָדריאַד האָט זיך אָבער אויך דערוווּסט ר׳ מרדכי בונים און ער האָט געשיקט רופֿן צו זיך סענדער חלפֿן, פֿאַרשלאָסן זיך מיט אים אין אַ צימער און לאַנג מיט אים איינגעטענהט, ער זאָל מבטל מאַכן דעם צוזאָג צו מענדל קאַלכער און אים קיין געלט נישט לייען; וועט דאָך דער פּאָדריאַד בטל ווערן, וועלן זיי ביידע, דאָס הייסט ר׳ מרדכי בונים און סענדער חלפֿן, איבער־נעמען דעם פּאָדריאַד אויף שותּפֿות, ווייל ער, מרדכי בונים וויל נישט, אַז אַזאַ פּראָסטאַק, אַ קבצן, ווי מענדל קאַלכער, זאָל אַריינקריכן צו נאַטשאַלסטווע.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען: מענדל קאַלכער, נישט קריגנדיק דאָס צוגעזאָגטע געלט פֿון סענדער חלפֿן, איז דריי טעג אַרומגעלאָפֿן ווי אַ משוגענער זוכן געלט; און נישט באַקומענדיק קיין געלט אויף מאַטעריאַל און אויף אויסצוצאָלן די אַרבעטער. האָט דער בריגאַדנער גענעראַל בטל געמאַכט דעם קאָנטראַקט מיט מענדל קאַלכער און איבערגעגעבן אים צו ר׳ מרדכי בונים, וועלכער האָט שותּפֿות געמאַכט מיט סענדער חלפֿן.

דער סוף איז געווען, אַז מענדל קאַלכער האָט פֿאַרלוירן זיין ברודערס יתומהס, דעם כּלה־מיידלס דריי הונדערט רובל און צוליב דעם איז דער שידוך אָפּגעגאַנגען. דאָס מיידל איז פֿאַר עגמת־נפֿש משוגע געוואָרן. און מענדל קאַלכער, פֿון גרויס קרענקונג, האָט באַקומען ערב יום־כּיפּור אַ האַרצשלאַק און איז געשטאָרבן.

✶

— אַזוי, קינד מיינס, איז אַרויסגעקומען דורך די דריי יאָרצייטליכט די גאַנצע מעשה ווי בוימל אויפֿן וואַסער — האָט פֿאַרענדיקט, מיט פֿאַרטראַכטע, פֿאַרחלומטע אויגן מאַטיע אונטער־שמש, אַזוי ווי אין דער יום־כּיפּורדיקער שמונה־עשרה שטייט:

„מה נאמר לפניך יושב מרום ומה נספר לפניך שוכן שחקים הלא כל הנסתרות והנגלות אתה יודע...” האָט מאַטיע צעזינגענדיק זיך און צעשאָקלענדיק זיך מיטן קאָפּ, פֿאַררייסנדיק די אויגן צום פּאָלאָפּ אין פֿרומער התלהבות אויסגעטייטשט אין יידיש:

— צי דאַרפֿן מיר דיר זאָגן, צי דאַרפֿן מיר דיר דערציילן, דו גרויסער האַר, וואָס דו געוועלטיקסט אין די הימלען, אַז אַלץ וואָס איז פֿאַרבאָרגן, אַלץ וואָס איז פֿאַרדעקט, איז דאָך דיר באַוווּסט?

דער בוקעט פון זשאַסמין און רויזן

די שיינע, גבירישע ליזע, דעם רייכן טעקסטיל־פאַבריקאַנטס משה גאָלדמינצס טאָכטער, האָט מיט אירע ראָז־הויטיקע געצערטלטע פינגער געדרייט דאָס קליינע בלומען־קרענצל. עס איז געווען אַן אָרעם אָבער אַ שיין קאָמבינירטער בוקעט פון זשאַסמין און רויזן.

איר שמאָל מיילעכל האָט זיך קאָקעטיש געקרימט און איר יונגער, אויסגעּ־רוטער קערפּער האָט זיך ברוגזדיק געטוליעט אין לייכטן יאַפּאַנישן מאַרגנראָק.

זי האָט איראָניש געשמייכלט: זאב אבן יקיר.

איצט ווייסט זי שוין די באַדייטונג. דער פּאַפּאַ האָט איר דערקלערט, אַז דאָס איז אַ נאָמען פון דער ביבל. אויף דייטש הייסט עס: וואָלף טויערשטיין. דער פּאַפּאַ זאָגט אַז ער איז מסתמא אַ סאָציאַליסט, אַ ייִדישיסט און מען דאַרף מיט אים זיין פאָרזיכטיק.

זי האָט אַן אַנדער וויזיט־קאַרטל אַרויסגענומען פון אַ גרויסן, ראָז־בלויען געּ־פלאָכטענעם קאָרב, אַרומגעזוימט מיט לאַנדיש־בלומען: בריס טרילינג, סאַ פּאַר־גלייך.

זי איז לאַנגזאַם צו צום ברייטן פענצטער, אַ שמעק געטאָן דאָס אָרעם בוקעטל און מיט אַ לייכטער באַוועגונג עס אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער.

די בלומען האָבן זיך געדרייט איבערן גאָרטן, טשעפּענדיק זיך אין די רונד־געשוירענע צווייגלעך, אַראָפּגעפאַלן אויף די פאַרביקע צעשאָטענע שטיינדלעך, אונטערן ברייטן, מיט ליכט פאַרגאָסענעם פענצטער פון רייכן עסזאַל.

רחמנותדיק האָבן די זשאַסמין־בלומען זיך געטוליעט צו די פאַרחלשטע רויזן.

די סירענע פון דער פאַבריק האָט אומעטיק פאַרהילכט די לופט מיט איר פייף. הונדערטער אַרבעטער האָבן געשטראָמט כוואַליעסווייז און זיך צעגאַנגען אויף פאַרשידענע זייטן.

דאָס איז די טעקסטיל־פאַבריק פון ליזעס פאָטער, דעם גרויסן פאַבריקאַנט משה גאָלדמינץ.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָבן זיך די גרויסע אייזערנע טויערן פון דער פאַב־ריק פאַרמאַכט מיט אַ סקריפּענדיקן געוויש, וואָס האָט זיך נאָך דערטראָגן צום אויער פון דעם יונגן וועבער שלמה, מיט אַ בלאַסן געזיכט, איינגעפאַלענע אויגן, וועלכער האָט קריכנדיק זיך געשלעפּט אַהיים.

דער יונגער וועבער איז פאַרטראַכט: שלעכטע צייטן, שלעכטע אַרבעט, שלעכ־טער לוין. מען זאָגט אָפּ אַרבעטער. ווער ווייס וועמענס מאָרגן עס איז?

שלמה האָט זיך אָפּגעריסן פון די געדאַנקען. זיך אַרומגעקוקט און צו זיך אַליין געשמייכלט. פאַרקראָכן, פאַרבלאָנדזשעט, טראַכטנדיק, אין שיינעם קוואַרטאַל

פון די ווילעס, דאָרט ווו ס׳זיינען צעוואָרפן צווישן וואַלד און פעלד לוקסוס־נעסטן, ווילעס פון רייכע מענטשן און מיט צען שריט ווייטער — די ווילע פון זיין פאַבריקאַנט.

אַ שטילע נייגעריקייט. צי האָט געווירקט אויף שלמהן דער זומער־פאַרנאַכט? צי די שיינע ווילעס מיט זייער רויִקער זאָרגלאָזיקייט?

ער האָט שטיל, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, זיך דערנענטערט צו דער גרינער ווילע אין פאַרק, מיט די ליכטיקע, בליציקע פייערלעך, וואָס ווינקען אַזוי לוסטיק.

ער האָט זיך שטיל צוגעגנבעט צום הינטערשטן איינגאַנג אַרומגערינגלט מיט שיטערע בלומען, אַריינגערוקט דעם קאָפּ צווישן די אייזערנע שטאַכעטן און זיין בליק האָט זיך איינגעזויגן אין די געבלומטע גאַרדין־פענצטער.

ס׳האָט זיך געהערט אַ געזאַנג פון אַ יונגער פרויען־שטימע. אַ לייכט ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן און געעפנט אַ האַלבן פענצטער. שלמה האָט דערזען אַ יונג מיידל, אַ האַלב־נאַקעטע. די בלענדנדיקע ווייסקייט פון איר צאַרטן קערפּער, די אויסגעכאַוועטע פולקייט, די אויסגעצערטלטע הענט, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געאַרבעט, האָבן שלמהן אין שפּאַנענדיקן פיבער געבראַכט.

דאָס זעלבע ווינטל האָט אָבער שטיפעריש צוריק פאַרמאַכט דאָס פענצטער.

זיינע אויגן האָבן אין דער טונקלקייט, אונטערן פענצטער, דערזען צעוואָרפענע בלומען, זשאַסמין און רויזן. שלמה האָט זייער נאָמען נישט געוווּסט, אָבער אַז דאָס זיינען עכטע לעבעדיקע בלומען, דאָס זעט ער.

ער האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און אָוועקגעלייגט אַלע פאַנטאַזיעס פון דער געצערטלטער שיינער פרוי, וואָס איז פון אַן אַנדער וועלט.

נישט פאַר אַזוינע שלמה ווערעבערס.

שלמה האָט אַ מינוט געקלערט און דאַן באַשלאָסן: די בלומען ברענגען חווהלען אַ מתּנה, איר אָרעם פענצטער צו באַפּוצן. ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ־פינגער כדי אָרויפציען זיך מיט זיינע מוסקולירטע הענט אויפן שפּיץ פּאַרקאַן און ער איז שטיל אַריבערגעקראָכן אויף יענער זייט און אָנגעקליבן די בלומען.

אַ בילן פון אַ הונט האָט זיך פּלוצעם דערהערט לעם שלמהן. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי פון טיר און פענצטער. אַ רעש, אַ געלויף, און שטאַרקע הענט האָבן אָנגעכאַפּט שלמהןביים קאַרק.

אין צען מינוט אַרום איז שוין שלמה געווען אין די הענט פון דער פּאָליציי. דעם קאָמיסאַר, מיט זיין גענייטן קוק אויף דעם אַרבעטער מיט די בלומען אין האַנט, איז עפּעס אויסטערליש פאַרגעקומען די געשיכטע. ער האָט אים געשטעלט עטלעכע פראַגן און זיך גלייך גענומען צום טעלעפאָן.

ווען דער קאָמיסאַר האָט געענדיקט זיין שמועס מיטן פאַבריקאַנט משה גאָלדמינץ, האָט ער שעלמיש געשמייכלט:

— דיין פאַבריקאַנט האָט וועגן דיר זייער אַ גוטע מיינונג און דו ביסט פריי. אָבער מיר שיינט, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַן אינטריגעלע, אַ ליבע־אינטריגעלע, כע־כע...

אויף מאָרגן, ווען שלמה איז געקומען אין פאַבריק און צוגעגאַנגען צו זיין דאַמפּשטול, האָט צו אים דער וועבמייסטער, נישט קוקנדיק אים אין די אויגן, געזאָגט:

— ברודער שלמה, דו ביסט אַ וווילער בחור און אַ גוטער בעל־מלאכה, נאָר וואָס זאָל איך טאָן... איך בין נישט מער ווי אַ משרת... דער בעל־הבית... נו פאַרשטייסטו? האָט געזאָגט, ביסט פריי.

פאַר נאַכט. איבער דער כאַאָטיש אָנגעוואָרפענער דעכער־מאַסע טראָגן זיך טונקעלע שאָטנס. אונטער די דעכער וווינען מענטשן און די מענטשן זיינען צעטיילט אויף לעבנס, מיט מזל און אָן מזל.

אין רחלס שניידערישן צימערל אין דער פינצטער זיצן אויך צוויי שאָטנס. רחל מיט שלמהן. זיי זיצן ביידע אויף אַ קליין נידעריק בענקעלע און ביידע קוקן זיי אין פענצטער.

רחל האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף שלמהס אַקסל און זיס געשמייכלט. רחלס ווערטער, אָפּגעהאַקטע, בלייבן הענגען אין דער לופטן. אָבער שלמה שווייגט — און רחל ווערט פלוצעם שטיל. עפּעס געפעלט איר היינט נישט שלמה, נישט דער זעלבער. און נעכטן איז ער אויך נישט געווען... און היינט איז ער עפּעס ווי אַ פרעמדער. זי האָט זיך אַ גאַנצן אָוונט געהאַלטן פריילעכער ווי שטענדיק, אים פריילעך צו מאַכן. נאָר עס גייט נישט.

רחלס קעפּל אַרבעט, בויערט צו דערגיין מיט איר פרויען־חוש, וואָס דאָ קומט פאָר. נעכטן נישט געווען... היינט קוקט ער איר נישט אין די אויגן, אַ פרעמדער, ווי אַ פאַרזינדיקטער... און בלומען געבראַכט... בלומען... אַזעלכע שיינע בלומען? פון וואַנען? פון וואַנען?

— שלמה, וואָס איז מיט דיר? וואָס ביסטו אומעטיק? ביסט נישט דער זעלבער. זאָג.

שלמה האָט געעפנט דאָס מויל און אַרויסגעשטאַמלט מיט גרויס אָנשטרענגונג:

— מיר איז גאָרנישט.

— נו, און פון וואַנען זיינען די דאָזיקע בלומען? דו האָסט זיי דאָך נישט געקויפט.

שלמהס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן און אַ רויטקייט האָט באַגאָסן זיינע בלאַסע באַקן.

— דאָס איז נישט דיין דאגה! פאַרשטייסט!

— יאָ, יאָ, די בלומען האָט דיר עמעץ געגעבן... עמעץ... עמעץ.. און איך דאַרף זיי נישט... אָט האָסטו זיי... נאָ, נאָ!

און רחל האָט די בלומען געשטעקט שלמהן אין האַנט און געכליפּעט.

שלמה איז צו איר צוגעגאַנגען, געזוכט ווערטער און נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך דערציילן די נעכטיקע געשיכטע. איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען און נאַריש האָט אויסגעזען זיין שטיין דאָ. ער מוז זיין אַליין, קלאָר באַרעכענען, וואָס עס קומט דאָ פאַר מיט אים פון נעכטן אָן.

ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט ער באַמערקט די בלומען ביי זיך אין די הענט. ער איז לאַנגזאַם אַראָפּ פון די טרעפּ און געדאַכט האָט זיך אים, אַז נישט קיין בלומען האַלט ער, נאָר עפּעס גיפטיקע, גליטשיקע באַשעפענישן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט שלמה געהאַט שווערע חלומות: צוויי פרויען־געשטאַלטן האָבן געטאַנצט אין זיין צעהיצטן מוח. איינע אין אַ געשטאַלט פון אַ מלאך. דאָס איז געווען זיין פאַבריקאַנטס טאָכטער, ליזאַ גאָלדמינץ. די צווייטע — אַן אַלטע מכשפה, נישט קיין אַנדערע ווי זיין כלה, רחלע. אוןביידע האָבן דערנאָך זיך אַריינגעלאָזן אין אַ ווילדן געשלעג.

אַ שווערע נאַכט איז דאָס געווען.

פאַר טאָג איז שוין שלמה געלעגן מיט אָפענע אויגן צום סופיט און באַטראַכט די לעצטע געשעענישן: דאָס אָפּזאָגן פון פאַבריק און די נעכטיקע סצענע מיט רחלען.

שלמה האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ער האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און אַריינגעלאָזט די אַלטע מוטער פון דער סטאַראָזשיכע, מאַריאַנע. די אַלטע האָט מיט בעטנדיקע אויגן געקוקט אויף אים און קרעכצנדיק געשטאַמלט:

— בראָנטשע... די קליינע... מיין אייניקל.., וועט מסתמא שטאַרבן,,,

— נו? — האָט נאָך שלמה נישט פאַרשטאַנען.

די אַלטע באָבע האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אירע פאַרוויינטע אויגן אָפּגעדרייט צום פענצטער אויף וועלכן עס זיינען געלעגן די האַלב־פאַרחלשטע זשאַסמין און רויזן.

— די בלומען... די קליינטשינקע בראָנטשע וויינט כסדר... בלומען!...

שלמה איז שנעל צו צום פענצטער, גענומען די בלומען, אַ ווײַלע אַריינגעאָטעמט זייער גוססן ריח און שנעל אַ זאָג געטאָן צו דער אַלטער: — קום!

שלמה איז שנעל אַראָפּגעקראָכן פון די פינצטערע טרעפּ פון קעלער־קאָרידאָר און זיך איינגעבויגן אין טונקעלן, פאַרדומפּטן קעלער־שטיבל.

אין ווינקל איז געשטאַנען אַ קליין הילצערן בעטל, אין וועלכן עס איז גע־לעגן די קליינע בראַנטשע מיט אַ געל־וואַקסענעם געזיכט. שלמה האָט פאַרשטאַנען אַז אירע שעהען זיינען געציילטע. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי די קליינע בראַנטשע פלעגט זיצן ווינטער איינגעבויגן אין דרייען אויף דעם פענצטערל אין קעלער־שטיבל. זי האָט קיין מאָל די ליכטיקע וועלט נישט אָנגעזען. דער אַרומגעצוימטער הויף מיט די הויכע מרה־שחורהדיקע מויערן איז איר פּאַרק געווען.

דאָס קליינע פענצטערל אין די קאַלטע ווינטערדיקע טעג, איר פּאַסיק ליכט אָן זונענשיין. קיין זון, קיין גראָז, קיין וואַלד, האָט זי קיין מאָל נישט געזען.

ווען בראַנטשע, כמעט אַ גוססע, האָט דערזען שלמהן מיט די בלומען אין די הענט, האָט זיך איר געל־טויט פּנימל צעשמייכלט:

— קוויאַטי... קוויאַ... טעטשקי... האָט זי מיטן לעצטן אָטעם אַרויסגעשעפּטשעט.

שלמהן האָבן זיך טרערן באַוויזן אין די אויגן. ביי די עטלעכע גויעס וואָס האָבן זיך שוין געצלמט, זיינען די אויגן פייכט געוואָרן און אַ שטיל געוויין האָט זיך דערהערט אין קעלער־שטיבל.

איינע האָט נישט געוויינט — דאָס איז געווען די קליינע בראַנטשעלע, וועלכע האָט די בלומען געדריקט צו זיך און געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך מיט אַ סודות־פולן שמייכל.

שיין און וואַרעם איז געווען דער נאָכמיטאָג. אַלץ האָט געלעבט, געווען פריילעך און זיך זאָרגלאָז געלאָזט גלעטן דורך די צערטלענדיקע שטראַלן פון דער מילדער זון.

די קליינע בראַנטשע איז אין דעם זונענטאָג נישט געווען אין דער פינצטע־רער קעלערשטוב. זי האָט זיך געוויגט אונטער די הייסע זונען־שטראַלן אויף אַ שוואַרצן טרומנע־וואָגן.

אָבער בלומען האָט בראַנטשע געהאַט. נישט קיין סך, נאָר עכטע, לעבעדיקע בלומען. און צווישן די בלומען, אויבן־אָן, איז געלעגן דאָס קרענצל, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן דורך דער שיינער ליזע, דער בוקעט פון זשאַסמין און רויזן.

זי איז געוואָרן אַ כּלל־טוערין

צום ערשטן מאָל נאָך פיל יאָרן פון פאַרהייראַטן לעבן, האָט מערי, זיצנדיק ביים פרישטיק, באַטראַכט איר מאַן, נישט אַראָפּנעמענדיק פון אים אירע אויגן. זי האָט אים רויִק, קאַלט אָבסערווירט, ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער מאַן, נישט איר אייגענער מאַן, מיט וועלכן זי האָט אָפּגעלעבט ניינצן יאָר און געבוירן אַ קינד.

אָט בויגט ער זיך איבערן שיסעלע פון קאָרן־פלעיקס מיט מילך, וואָס ער עסט יעדן פרימאָרגן לויטן פאָרשריפט פון זיין דאָקטער צוליב זיין מאָגן־קראַנקייט און זופּט אַריין די קאָרן־פלעיקס פון לעפל מיט אַ קליין קרעכצעלע; ווישט אָפּ די שטייפע, שטעכעדיקע, גרויע וואָנצעס אין שפּיץ פון טישטעך, שטעקט אַרויס די צונג און לעקט אַרום די ליפּן, נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פון ווייסן שיסעלע, ווי עס וואָלט געווען אַ רפואה און נישט קיין איינפאַכע מילך. ער פאַרבייסט דערנאָך מיט אַ פּאָר שטיקלעך געברוינטן טאָוסט פון ווייסער חלה, אַ ביסל באַשמירט מיט פּוטער, בראָמזשעט מיט זיינע איבערגעבליבענע אָפּגעבראָכענע שטיקלעך ציין, וואָס זיינען ברוין־פאַרגעלט פון שטענדיקן רייכערן, און קייענדיק מיט אַזאַ געררויש, ווי מען וואָלט געשייערט אַ פּענדל, אַז מערין ווערט אַזש איבלדיק און עס רופט אַרויס ביי איר עפּעס אַ נערוועזן פאַרדרוס קעגן אים, אַ כּעס, וואָס דערגייט ביז האַס.

מאָדנע, ערשט היינט זיינען איר געוואָרן שווער אָט די אַלע איינצלהייטן וואָס זי האָט שוין פיל יאָרן געמערקט און געווען דערצו גלייכגילטיק; אָבער היינט רעאַגירט דערויף איר גאַנץ וועזן צום ערשטן מאָל מיט אַ שטילן פאַרדרוס ביז כּעס פאַר זיין אָפּגעלאָזנקייט און נישט־עסטעטישקייט. אַ מאַן זאָל נישט פאַרשטיין וואָס אַ פרוי פילט ווען זי זיצט מיט אים ביים טיש.

דערלאַנגענדיק אים זיין ווינטער־מאַנטל, האָט זי אויך דערזען אייניקע קלייניקייטן, וואָס זי האָט שוין פיל מאָל געזען און רויִק פאַרבייגעלאָזט, נישט רעאַגירנדיק אויף זיי. אָבער איצט האָט די וואַקסנדיקע אויפרעגונג אין איר פּינקטלעך פאַרנאָטירט: זיין מיד אַרויפשלעפּן אויף זיך זיין מאַנטל מיטן זעלבן קרעכצעלע, זיין פאַרפאָרענער שניפּס אויף אַ זייט פון זיין באַפלעקט, ברודיק אויבערהעמד, זיינע שיך מיט קליינע שפּריצלעך בלאָטע און זיין פאַרשטויבטער ברוינער קאַפעליוש, וואָס איז געווען צעקנייטשט, באַזייט מיט דראָבנע ווייסע פּעדערן, ווי מען וואָלט אים נאָר וואָס אַרויסגעשלעפּט פון הינטערן קישן. און אַרויפגעשלעפּט האָט ער אים אַזוי צעדרייט אויף זיין קאָפּ, אַז ער האָט באַקומען אַן אויסזען פון אַן אַלטן, אָפּגעלאָזענעם ייִדן.

ווען סעם איז אַוועק, איז מערי געבליבן שטיין אין מיטן צימער. זי איז

פאַרטראַכט צוגעגאַנגען צום פענצטער, אָפּגעווישט מיט איר נאַזטיכעלע דעם גרויען טוי און אַריינגעקוקט אין קליינעם גערטנדל, צו די נידעריקעביימעלעך, מיט שניי פאַרשאָטענע, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ווייסע בית־עולם־מצבות.

ווי אַ ווייסער פילם־לייוונט האָט דאָס פאַרשנייטע גערטנדל אויסגעזען אין אירע אויגן און אירע געדאַנקען האָבן אויף דעם איר לעבן געמאָלן. ברעקלעך בילדער זיינען כאַאָטיש געשפרונגען אין איר פאַרטראַכטן מוח, וואָס האָט אויטאָ־מאַטיש געאַרבעט, איר נישט פרעגנדיק.

זי איז נעכטן אַלט געוואָרן צוויי־און־פערציק יאָר, און אַ קליינע, באַשיידענע „פאַרטי" געפייערט צווישן איר קליינער משפחה. איר מאַן, איר זון דזשעק, אַ בחורל זעכצן יאָר אַלט, צוויי שכנות פון איר געסל אין „פאָרעסט הילס" מיט עטלעכע חברים פון איר מאַן, דרעס־מאַנופעקטשערס און לאַנדסלייט. זי האָט זיך געפילט עלנט אויף דער „פאַרטי" צווישן איר מאַנס פריינד, מענער צווישן פינף־און־פופציק און זעכציק, מיט פליכן, באַגרויטע קעפּ, צעקנייטשטע פּנימער, אַראָפּעהאַנגענע גראָבע תּאווהדיקע ליפּן, וואָס האָבן איר קאָמפּלימענטירט מיט אַ האַלב־מאַטן, אָפּגעלעבטן אויגנגלאַנץ פון פאַרוועלקטע געפילן. אויך איר סעם איז שוין ביי זעקס־און־פופציק און ער פּאַסט זיך גוט אַריין צווישן זיינע חברים. אָבער צום ערשטן מאָל נאָך פיל יאָרן צוזאַמענלעבן, האָט די נעכטיקע „פאַרטי" מיט זיינע חברים איר קלאָר געוויזן דעם אונטערשיד פון די פערצן יאָר צווישן איר און איר מאַן. עס איז איר פּלוצלינג געוואָרן פאַרשטענדלעך איר געוואַלדיקע בייגונג זיך צו פּוצן אין די לעצטע יאָרן, און אָפּהיטן זאָרגפעליק איר יוגנטלעכקייט, און איר באַזונדער פאַרגעניגן, ווען מען רימט די שיינקייט פון איר געזיכט, פרישקייט פון איר הויט און יונג־בויגעוודיקייט פון איר קערפּער.

אין איר איז אויפגעוואַקסן אַ פרעמדקייט צו איר מאַן און זי האָט געהאַט אַן איינדרוק, אַז דאָס איז נישט איר מאַן, נאָר אַן עלטערער, זייער נאָענטער פריינד און קוואַרטיראַנט, וועלכער וווינט מיט איר אונטער איין דאַך.

ציטערדיק איז איר געוואָרן איר יעדער טאָג פון לעבן. געפילן נישט באַ־פרידיקטע און אויפגעברויזטע, לאַנג פאַרשלאָפענע און פאַרשטיקטע, האָבן זיך אין דרויסן געריסן. און מערי האָט אויפגעשוידערט, פאַר זיך אַליין מורא באַקומען און דאָך געשפּירט אַ זיסן פאַרגעניגן פון די בייגונגען צו אַוואַנטורעס, וואָס קאָנען איר גאַנץ לעבן איבערקערן. און דערפילט האָט זי, אַז זי איז נישט מער איבער זיך דער בעל־הבית, אַ צווייטער טייל פון לעבן רוקט זיך אָן און זי פאַרמעסט זיך אָפּהאַלטן די אָנרוקנדיקע עלטער, אויסנוצן דעם היינט, אויסברענען דעם לעצטן פלאַם פון דעם ליכט, וואָס הויבט זיך אויף פאַרן אויסלעשן און זי זוכט אַ וואַנזיניק באַדערפעניש צו שטילן איר ראָמאַנטיק און חלומות פון ליבע, זיסקייט פון אידיליע פון צוויי ליבנדיקע נשמות און זי פילט, אַז אָט די בונטאַרישע געפילן באַדראָען איר פאַמיליע־לעבן, איר נאָמען, רעפּוטאַציע אַלס פרוי, ווייב און מוטער.

קורצע וואָכן זיינען געלאָפן פאַר מעריין, און לאַנגע מאָנאַטן האָבן זיך געשלעפּט. טיף פאַרבאָרגן אין אירע געדאַנקען האָט געלעבט איר פיקס־אידעע צו באַגעגענען דעם מאַן, וואָס זאָל פאַר איר אויפהויבן דעם פאָרהאַנג פון צוויי הערצער, פאַרטרונקענע אין עקסטאַז פון קעגנזייטיקן גליק און פאַרגעטערונג. אָפט האָט איר האַרץ געקלאַפּט פון זיסן ציטער און גלויבן, אַז דאָס איז ענדלעך דער מאַן, וואָס וועט זי באַרוישן מיט זיסער שיכּרות פון ליבע. אָבער עפּעס האָט שטענדיק געבראַכט צו אַנטוישונג. איינער האָט איר אימפּאָנירט מיט זיין קערפּערלעכער מענלעכער קראַפט, האָט ער זי אַנטוישט מיט זיין קליינלעכער פּחדנות־דיקער נשמה. געטראָפן האָט זי קינסטלערס און סתם אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן ווי שאַרפע קריטיקערס צו יענעם און ענגהאַרציקע עגאָ:סטן, בלינד וועגן זיך אַליין. אַן אַנדערער, מיט אַ פייערדיקער ראָמאַנטישער רעטאָריק פון אַ רעדנער, האָט זיך ביי די ערשטע באַגעגענישן אַרויסגעוויזן פאַר אַ מענטש מיט אַ באַגרענעצטער צאָל געדאַנקען, וואָס ער חזרט איבער פאָפוגייִש אַנצאָליקע מאָל. זייענדיק אָפט באַגייסטערט פאַר אַן אַרטיסטישן טאַלאַנט, האָט זי אָבער, טרעפנדיק זיך פערזענלעך מיטן באַרימטן אַקטיאָר, געצווייפלט אין זיינע ליבע־אָנצוהערענישן, וועלכע האָבן געשמעקט מיט געמאַכטן פאַטאָס פון די ברעטלעך פון דער בינע. אויך אַ באַרימטן שרייבער האָט זי באַגעגנט צווישן אירע פאַרערערס. איז זי איבערראַשט געוואָרן פון די שמוציקע מאַנזשעטן פון זיין אויבערהעמד און פון שלעכטן גערוך פון זיין מויל. האָט זי זיך איין מאָל אין אַן עלעגאַנטן קאַפע באַקענט מיט אַ באַרימטן פינאַנסיסט, איז ער נאָך דער צווייטער שעה פון באַקאַנטשאַפט ברוטאַל צוגעטראָטן צו איר, וועלנדיק זי אָפּקויפן מיט אַ מתּנה.

מערי פלעגט פיל אַרויסגיין. די היים איז איר געוואָרן פרעמד. און כּדי צו האָבן אַן אַליבי פאַר איר מאַן, האָט זי געהאַט איר פריינדין פעני זילבער, אַ יונגע אלמנהלע, וועלכע פלעגט קומען זי אַרויסנעמען דריי מאָל אַ וואָך. צוזאַמען האָבן זיי באַזוכט „פאַרטיס" פון אַלטע, עלעגאַנטע בחורים, טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון פאַרשידנפאַרביקן קינסטלערישן פאַרנעם, ווילטעטיקע בעלער און בילדער־אויסשטעלונגען פון פוטוריסטיש־אימפּרעסיאָניסטישע אָריגינעלע קונסטמאָלערס. און ווי אַ שמעטערלינג איז זי געפלויגן צום פייער. אָבער נאָר פון דער וויטן איז דאָס פייער געווען פינקלענדיק און לאָקנדיק. פון דער נאָענט האָט עס זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ קאַלט, וואָכעדיק פלעמל פון אַ גראָשנדיק ליכטל.

סעם איז געווען פאַרטאָן אין זיינע ביזנעס. זיין שאָפּ פון דרעסעס איז זיך צעוואַקסן אין די מלחמה־יאָרן. די פאַרגרעסערטע ציפערן פון זיינע מאָנאַטלעכע טשעק־באַלאַנסן האָבן אים אַריינגעבראַכט אין די געפילן פון אַ געמבלער אויף פערד־געיעגן. דעם טאָג האָט פאַרשלונגען דער שאָפּ און אַ גרויסע צאָל אוונטן זיין לאַנדסמאַנשאַפט און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אים צוגעטיילט כּבוד פאַר

זיינע טשעקלעך. און צווייי באַזונדערע וועלטן, פון מערי און סעם, האָבן אונטער איין דאַך געלעבט. סעמען האָט מען שוין אין זיין לאַנדסמאַנשאַפט און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס נישט מער גערופן סעם, נאָר „מיסטער פּריסמאַן״ און מען האָט אים שוין מכבד געווען מיט האַלטן „ספּיטשעס״, כאָטש זיין צונג האָט זיך נאָך נישט פריי באַוועגט ווי ביי פּראָפעסיאָנעלע רעדנערס. ער האָט זיך באַמיט זיי נאָכצומאַכן, אויסציענדיק יעדעס וואָרט, קוקנדיק צום סופיט ביים רעדן און זוכנדיק פּאַסנדיקע ווערטער.

אָבער סעמס פאַרגעניגן פון זיין בכבודיקן אָרט אין די אָרגאַניזאַציעס איז לעצטנס פאַרשטערט פון מעריס קאַלטקייט. שוין אַ צייט, אַז מערי איז צו אים פריינדלעך, העפלעך, אָבער פרעמד. נישטאָ מער איר אַמאָליק פריילעך פּלאַפּלען מיט אים און אויסדערציילן אים אירע טעגלעכע געשעענישן. אויך איר לעבנס־לוסטיקייט איז ביי איר אַן אויסגעלאָשענע. אַ פאַרבאַרגענע, ווי זי וואָלט דאָס נישט געוואָלט אַרויסווייזן פאַר אים. דורך פאַרשידענע תירוצים מיידט זי אויס פיזיש צו זיין נאָענט מיט אים. און כאָטש ער אַליין איז שוין אָפּגעקילט, דאָך ליגט ביי אים אַ מורא זי צו פאַרלירן. ער קאָן נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם, אַז ער, צו זיינע אַכט און פופציק יאָר, זעט אויס ווי אַ פינף־און־זעכציקער, און זי, מערי, צו אירע פיר־און־פערציק ווערט העכסטנס געשאַצט אויף אַכט־און־דרייסיק. און נישט איין מאָל, גייענדיק מיט איר איבער די געשעפטן איינ־קויפן, פרעגט מען אים צופעליק וואָס וויל ער קויפן פאַר זיין טאָכטער. ער שמייכלט דעמאָלט פאַרלעגן, נאַרישוואַטע, מאַכט פון דעם אַ וויץ, אָבער אין האַרצן ווערט אים קאַלט און אומהיימלעך פאַר איצט און נאָך מער פאַר דער צוקונפט. מערי לאַכט דערביי הילכיק און צופרידן און טוט סעמען ברייטהאַרציק אַ טובה, זאָגנדיק צום פאַרקויפער מיט אַ געקינצלטן שמייכל, אַז איר מאַן איז פיל יינגער ווי ער זעט אויס און זי איז פיל עלטער ווי זי זעט אויס.

סעם איז שטאַרק נישט צופרידן מיט מעריס פאַרשווונדן ווערן פון דער היים אויף פיל אָוונטן, אַט מיט דער אַלמנהלע פעניטשקע, אָבער האָט מורא איר צו מאַכן אַ פאָרוווּרף, האָט מורא צו ברענגען צו אַ שאַרפן שמועס, וואָס קאָן דער־פירן צו נישט קיין גוטע רעזולטאַטן און אפשר אַפילו... ער וויל דעם געדאַנק נישט צולאָזן, ער וויל נישט קלערן דערפון און באַשליסט די זאַך נעמען לייכטער ווי זיין פאַנטאַזיע מאָלט אים און לאָזט גיין ווי עס גייט. עס איז אַ צייטפּעריאָד אַזאַ, וואָס פּאַסירט אָפּט ביי פרויען אין די איבערגאַנגס־יאָרן און עס וועט פאַר־בייגיין — האָט ער געטראַכט.

זיינע דערפאָלגן אַלס ביזנעסמאַן האָט ער געהאַט אַ סך צו פאַרדאַנקען זיין געדולד. האָט ער באַשלאָסן אויך צו מערין אַנצווענדן די פּאָרזיכטיקע, באַרעכנטע מאָס פון זיין סוחרישער דערפאָרונג — געדולד.

מערי איז דערוויל געווען אַריינגעדרייט אין ראַד פון פאַרווײַלונגען, וואָס האָבן איר ווי אין אַ ווילדן קאַרוסעל פאַרדרייט דעם קאָפּ אין אַ ראַשיקן גלויף. זי איז געווען ווי אַן אַזאַרט־שפּילער, וואָס זוכט די גליקלעכע קאָרט. און אַזוי האָבן אָנגעהויבן צו לויפן מאָנאַטן און יאָרן און מיטשלעפּן מערין נאָך זיך.

די עטלעכע יאָר פון באַזוכן טעאַטערס, בעלער, קונסט־אָוונטן, פאַרלעזונגען און זיך דרייען אין קרייזן פון קינסטלערס האָבן געהאַט זייער רעזולטאַט. מיט איר פעיקייט פון שנעלן אויפכאַפּן געדאַנקען און מיט איר געבוירענעם געשמאַק, האָט זי שוין געזאָגט מבינות איבער קונסטבילדער און דיסקוטירט איבער לעבנס־פּראָגן און סאָציאַלע פּראָבלעמען. מערי איז געווען גענוג קלוג צו פאַרשטיין, אַז זי איז הינטערשטעליק אין בילדונג, אָבער איר מאַרך, וואָס האָט זיך אין די לעצטע פּאָר יאָרן צוגעוווינט צו טראַכטן, פאַרטיפן און גריבלען זיך, האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט אין אַן איינפאַכער שפּראַך צו דיסקוטירן וועגן פאַרוויקלטע לעבנס־פּראָבלעמען אין וועלכע זי האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפן, רייפן פאַרשטאַנד און איינגעבוירענע לאָגיק. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זי האָט לעצטנס באַקומען אַ פאַרלאַנג צו הערן וואָס „גרויסע" מענטשן זאָגן וועגן מאַן, פרוי, פאַמיליע, סעקסועלן צוזאַמענלעבן, וועגן דער פילאָזאָפישער באַגרינדונג פון ליבע און פאַמיליע־לעבן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז טיף אין איר אונטערבאַוווסטזיין איז געלעגן אַ דורשט צו גריבלען זיך אין דעם פּלאָנטער פון געפילן אין וועלכע זי אַליין געפינט זיך. און דאָס האָט זי אינסטינקטיוו געטריבן צו רעפעראַטן איבער פילאָזאָפישע, פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, אין וועלכע אונדזער דור, אַן אויסגעליידיקטער פון רעליגיע, טראַדיציע און מאָראַל, זוכט אַן ענטפער.

אין אַ פּראַסטיקן דעצעמבער־אָוונט איז מערי געשטאַנען און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. אַ ווייסער שניי האָט באַדעקט איר שמאָל געסל מיט די קליינע הייזלעך, וואָס האָבן זיך, ווי זוכנדיק וואַרעמקייט, געטוליעט איינס צום אַנדערן אין דער קאַלטער, אויסגעשטערנטער לבנה־נאַכט און דערמאָנט מערין אין דעם בית־עולם פון איר געבורט־שטעטל אין ליטע. איר איז געוואָרן אומהיימלעך און זי האָט זיך געטוליעט אין איר געבלומטן וואָלענעם טוך. אין שטוב איז קיינער נישט געווען. סעם האָט געהאַט אַן אזכרה־אָוונט נאָך זיין אומגעקומענעם שטעטל ערגעץ אין פּוילן. און אפשר דאָס האָט פאַרקירעוועט אירע געדאַנקען צום בית־עולם פון איר היימשטעטל. און דזשעק, איר זון, פאַרברענגט דעם אָוונט ביי זיינעם אַ חבר.

זי האָט אויסגעלאָשן די עלעקטריע פון די וואַנטלאָמפּן און געלאָזט ברענען אַ קליין טישלעמפּל אין אַ געבלומטן אַבאַזשור, וואָס האָט דעם ליווינג־רום איינגעהילט אין אַ פאַרקלערטער טונקלקייט. זי האָט זיך אויסגעצויגן פויל אויפן דיוואַן, געפילט איר רונדן אויסגעכאַליעטן קערפּער אין וועלכן ס'איז צעגאָסן

געווען אַ זיסע ליידנשאַפט וואָס האָט אַרויסגעבּרויזט פון יעדן גליד פון איר נישט באַפרידיקטן גוף, פון איר פאַראומערט האַרץ און פון דער זיסער בענקשאַפט נאָך צערטלעכקייטן. זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין אַ פּאָר שורות פון אַ ליד וועגן אַ פּאַווע וואָס זי האָט נישט לאַנג געהערט, נישט וויסנדיק אַפילו, אַז דאָס איז חיים נחמן ביאַליקס אַ ליד. זי האָט שטיל אָנגעהויבן אונטערצוברומען די ווערטער:

זאָג, אַ גאָרטן בליט אַ שיינער
נאָר עס ווייסט דעם וועג נישט קיינער,
און אַן עפּל זאַפטיק זיסן,
איז נישטאָ ווער ס'זאָל געניסן....

די שטילקייט האָט זי פאַרוויגט אין לאַנגע, אומענדלעכע מינוטן. זיי האָבן אויפגעוואַכט אין איר די דינע שפּיזיקע געפילן וועגן אירע אַוועקלויפנדיקע יאָרן און די מורא פאַר דער אָנקומענדיקער עלטער. די געפילן האָבן זיך אין איר פונאַנדערגעוואַקסן ווי אַן אָנזאָג פון אָנקומענדיקן אומגליק און ווי אַ ריזיקער באַרג פון ווייסן שניי האָבן זיי זיך אין איר געקייקלט און פאַרפּראַסטיקט אירע געהירן.

זי איז אין שרעק אויפגעשפּרונגען פון דיוואַן, דערשפּירט די קאַלטע איינזאַמקייט פון דער פּראַסטיקער נאַכט, אומגעדולדיק צוגעלאָפן צו דער שאַנק, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם ווינטער־מאַנטל און די שיך און שנעל פאַרשליסנדיק די טיר, האָט זי זיך געלאָזן אויפן סקריפּענדיקן שניי אין דעם לבנה־באַגאָסענעם געסל צום סאָבוויי.

שוין אין סאָבוויי האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי ווייס אַפילו נישט וווהין זי פאָרט. האָט זי אויף אַ צענטראַלער סטיישן זיך אַרויסגעכאַפּט, געקויפט אַן ענגלישע און יידישע צייטונג און אַריינגייענדיק צוריק אין סאָבוויי דורכגעבלעטערט די ענגלישע צייטונג, זי אַוועקגעלייגט און דאַן מיט מער אינטערעס גענומען בלעטערן די אַנאָנסן־זייט פון די פאַרוויילונגען אין דער יידישער צייטונג. לעצטנס לייענט זי כמעט נאָר יידישע צייטונגען. עס אָטעמט פון זיי אַ וואַרעמקייט, אַ היימישקייט און זיי שפּיגלען אָפּ דאָס קאָכעדיקע לעבן פון יידישע געזעלשאַפטן, ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן און יידישן טעאַטער. זי האָט זיך די לעצטע יאָרן צוריק דערנענטערט צו דער שפּראַך פון איר קינדהייט און יוגנט, צו דער יידישער שפּראַך, צו יידישע לידער, זי האָט גענומען בענקען נאָך אַמאָליקער קליינשטעטלדיקער ראָמאַנטיק. לויפנדיק מיט די אויגן איבער דער יידישער צייטונג, האָט זי זיך אָפּט אָפּגעשטעלט אויף דער מעלדונג פון דער „ווימענס דיוויזשאָן" פון אַ גרויסער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס אַנאָנסירט אויף

היינט אָוונט אַ רעפעראַט פון אירס אַ באַרימטן לאַנדסמאַן, וועלכער איז איצט געקומען פון ניו־יאָרק. זיין נאָמען איז ד״ר נאַטאַן ווייס און די טעמע איז אַן אָפּהאַנדלונג איבער דאָקטאָר זיגמונד פרוידס לערע פון פסיכאָאַנאַליז.

עס האָט זי אַ צי געטאָן זיך קלאָרער צו באַקענען מיט דער טעאָריע, צוליב דעם וואָס פרויד באַטאָנט די גוואַלדיקע ווירקונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אויפן כאַראַקטער, נייגונגען, אַקטן און קאָמפּלעקס פון פּראָבלעמען אין פאַמיליע־לעבן.

מערי איז צוגעקומען צו אַן עלעגאַנטן האָטעל אויף טאַימס סקווער, ווו עס זיינען, אין אַ בראָנז־באַצירטן זאַל מיט פאַרביקע טעפּיכער, געווען פאַרזאַמלט אַריבער צוויי הונדערט געסט, מערסטנס פרויען אין עלטער פון דרייסיק ביז פופציק, וועלכע זיינען געקומען הערן דעם חשובן רעפערענט, זייער באַרימטן לאַנדסמאַן פון אייראָפּע, דאָקטאָר נאַטאַן ווייס.

ווען מערי איז אַריינגעקומען, איז שוין אויף דער בינע מיט דעם געפאַלדע־וועטן ברוינעם פּליושענעם פאָרהאַנג געשטאַנען אַ יונגע עלעגאַנטע שמאָל־ביינערדיקע פרוי אין ברילן, מיט קורציכטיקע צונויפגעזשמורעטע אויגן און געהאַלטן אַ דערעפענונג־רעדע, שילדערנדיק די ביאָגראַפיע פון דעם חשובן גאַסט און די געפאַרן וועלכע ער איז דורך ביז ער האָט זיך געראַטעוועט און דורך די באַמיונגען פון דער „ווימענס דיוויזשאָן״ ביי דער לאַנדסמאַנשאַפט, באַקומען די מעגלעכקייט צו קומען קיין אַמעריקע.

ביים טישל אויף דער בינע איז געזעסן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך צוהערנדיק קאַלט, פלעגמאַטיש, אַ מאַן אין אָנהויב פון די פופציקער, אַ פעסט־געבויטער, מיט אַ פולן, רונדן פּנים, שיינע געזיכט־שטריכן, אַ ביסל פרויענלעך, מיט אַ קאָפּ געדיכטע שאַטענע האָר, אין די זייטן אַ ביסל באַגרויטע, און מיט ברוינע מיט מידקייט באַדעקטע אויגן וואָס האָבן אויסגעדריקט טרויער און ערנסט. דאָס איז געווען דאָקטאָר נאַטאַן ווייס.

די טשערליידי פון אָוונט האָט פאַרענדיקט איר פאַרשטעלן דעם רעפערענט און נאָך אַ שטורמיש אַפּלאָדירן מצד דעם פובליקום, האָט זיך ד״ר ווייס אויפגעשטעלט און מיט זיין רויִקער פלעגמאַטישקייט זיך דערנענטערט צום מיט פון דער בינע.

מערי האָט זיך איינגעזויגן אין אים מיט אירע אויגן. מאָדנע: דער מאַן איז איר אויסגעקומען ווי באַקאַנט, כאָטש זי זעט אים צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט דעם קאָפּ האָט זי אָפט געזען אין אירע חלומות. זיין שיין אַריסטאָקראַטיש פּנים מיט די ווייכע, סענטימענטאַלע געזיכט־שטריכן און זיינע שאַרף־דורכדרינגלעכע אויגן, וואָס האָבן געאָטעמט מיט צאַרט־קייט, האָבן געשוועבט אין אירע פאַנטאַזיעס און מאָדנע איז געווען דער קאָנ־טראַסט פון מאַסיוון קערפּער און האַלטונג, וואָס האָט געוויזן עקשנות און אַנט־

שלאָסנקייט, און זיין פאַרחלומט דענקעריש דורכדרינגלעכן בליק, וואָס האָט ווי געלייענט אין די געדאַנקען פון זיינע צוהערערס און אויף אַן איידעלן אופן אַריינגעדרונגען אין די טיפסטע קעמערלעך פון זייערע מוחות.

דאָקטאָר ווייס האָט אָנגעהויבן זיין רעדע אין אַ ריינעם, ליטעראַרישן ייִדיש, ציילנדיק און קאָנטראָלירנדיק יעדעס וואָרט:

— „טייערע, ליבע ייִדישע פרויען און מענער! איר זענט געקומען היינט אָוונט צו הערן פון מיר אַן ענטפער און אַן אויסטייטשונג איבער דער אַנאָנסירטער טעמע, פסיכאָאַנאַליז, פון דאָקטאָר זיגמונד פרויד מיט די טעזיסן: באַוווסטזיין, צווישן־באַוווסטזיין און אונטער־באַוווסטזיין, די באַדייטונג פון סעקסועלן לעבן אויף אונדזערע עמאָציעס און טאָטן און זיין רעאַקציע אויפן פאַמיליע־לעבן, פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען און זייער איינפלוס אויף אונדזערע חלומות; די ווירקונג פון געירשנטע כאַראַקטער־שטריכן, און דעראָבערטע אין דער סביבה. און דערציונג, נאָרמאַלע, און אַנאָרמאַלע נייגונגען, און זייערע קוועלן. אויך די לערע פון פראַנצויזישן דאָקטאָר קוּע, וועגן אויטאָסוגעסטיע, וואָס איז נאָך אין אַן עקספּערימענטאַלן צושטאַנד און וואָס וועט פאַרנעמען אַ גרויס אָרט און וועט זיין דער באַזיס פון דערציונג אין דער צוקונפט.

„מיינע ליבע ייִדן, איך וועל היינט אָוונט אַנטוישן! איך קאָן נישט פועלן ביי זיך צו האַלטן מיין ערשטן רעפעראַט אין ניו־יאָרק און פאַר ייִדן וועגן אַבסטראַקטע פילאָזאָפישע, פסיכאָלאָגישע טעמעס, וואָס, ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין, זאָל איך, אַ ייִד אַ נאָר־וואָס צוריקגעקומענער פון „דאָרטן״, פון דעם גיהנום, פון ייִדישן אומקום, פון פוילן, פאַר זיי אָפּגעבן אייך מיין ערשטן אָוונט. איך קאָן עס נישט! מיין געוויסן בונטעוועט זיך אין מיר און איך קאָן נישט האָבן אייער רויִקייט, די רויִקייט פון אַמעריקאַנער ייִדן, ווען עס קלינגען נאָך אין מיינע אויערן די לעצטע גסיסה־כאָרכלענישן און איך זע נאָך די לעצטע אַגאָניע־קראַמפּן פון אונדזערע משפּחות. איך קום פון די שטעט פון די שחיטות און הריגות, נאָך וועלכע עס זיינען פאַרבליבן שוואַרצע פאַרברענטע קוימענס און בערג פאַרברענטן אַש, אין דער טויטער שטילקייט פון חרובע שטעט. קרעכצן ענגען נאָך דאָרטן אין דער לופטן, און נשמות פלאַטערן אין טויטע, שטילע הימלען, ווי נישט קאָנענדיק קומען צו זייער אייביקער רו.

„איך מוז היינט פאַרגעסן מיינע רביים פון פילאָזאָפיע און פסיכאָלאָגיע און גאַנץ ווייט איז פאַר מיר איצט די וויסנשאַפט און פאָרשונג פון מענטשלעכן כאַראַקטער. אין די דייטשישע לאַבאָראַטאָריעס פון וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן איבער אונדזערע ייִדישע פרויען, איז דער אַזוי גערופענער נאָרמאַלער צוגאַנג צו וויסנשאַפט אויף אַ צייט באַגראָבן געוואָרן, איבערהויפּט פאַר אונדז ייִדן. מיר ייִדן וועלן דאַרפן שאַפן אַן אייגענע פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון מענטשלעכן כאַראַקטער אויפן יסוד פון די בלוטיקע דערפאַרונגען, וואָס מיר ייִדן האָבן מיט־

געמאַכט, פון אַ פאָלק, וואָס האָט געשאַפן פילאָזאָפישע קאָנצעפּציעס און טעאָריעס, אין עקסטאַז איבער מענטשלעכער פּאָעזיע געזונגען און זיין קולטורעלן טייל בייגעשטייערט אין דער וועלט־מוזיק. מיר יִדן דאַרפן געפינען אַ נייעם צוגאַנג, שאַפן אַ נייע פאָרשונג פון מענטשלעכע געהירן, מענטשלעכע אינסטינקטן, ירושה־שטריכן און לייגן דעם וועג צו אַ נייער טעאָריע פון קינדער־דערציונג און פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פון מענטש צו מענטש. מיר יִדן זיינען די הויפּט־מחותנים, ווייל מיר זיינען געווען די הויפּט־קרבנות פון דער בלוטיקער חתונה, פון פייער, שווערד, פּולווער און בלוט.

„אויך מוזן מיר שאַפן אַ נייעם ווערטער־לעקסיקאָן, ווייל צו אָרעם איז מיין שפּראַך, די שפּראַך פון כּלומרשט געבילדעטן, היינט־וועלטיקן מענטשן, און מיט זיין גאַנצער אַקאַדעמישער בילדונג, זוך איך ווערטער און איך האָב זיי נישט, און מוז אומצאָליקע מאָל איבערחזרן די זעלבע אויסדרוקן צו וועלכע דאָס מענטש־לעכע אויער איז שוין פאַרטעמפּט געוואָרן און זיי קלינגען פאַלש, ווייל צוליב פאַלשע צוועקן זיינען זיי אָפּט באַנוצט געוואָרן. נישט קיין פראַזן וועל איך היינט באַנוצן, איך וועל אייך דערציילן און איר אורטיילט...״

אין דער געשפּאַנטער שטילקייט האָט מעלאָדיש געקלונגען די שטימע פון ד״ר ווייס, מיט ווייכע, סענטימענטאַלע וויבראַציעס, וואָס זיינען ווי טרויעריקע טענער אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון אָט דער פאַרגליווערטע מאַסע, וואָס איז איצט געווען ווי איין שטיק צוזאַמענגעגאָסן און וואָס האָט זיך ווילנסלאָז געלאָזט נאָכציען און נאָכגיין נאָך דער צאַרט־געלאַסענער שטימע, וועלכע האָט געאָטעמט מיט געוויסן, איבערצייגונג און טיפער מענטשלעכקייט.

אַ ווילע איז דאָקטאָר ווייס שטיל געבליבן, ווי פאַרטיפט אין די בילדער, וועלכע ער האָט מיט זיין פאַנטאַזיע אַרויסגערופן און ווערנדיק באַהערשט דורך זיי, ווי פאַרגעסן אין די הונדערטער אויגן, וואָס האָבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אין דער דריקענדיקער שטילקייט אין אים קאָנצענטרירט זייערע פאַרגאַפטע בליקן. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן איבער דער מענטשן־מאַסע ווי אַ נביא, וואָס דעקט אויף בילדער מיט צויבערקונסט — אַזוי האָט זיך מערין געדאַכט, — און נאָך אַ לאַנגער פויזע פאָרגעזעצט:

„שטודירן מענטשלעכע פּסיכיק איז מיין געביט, און איך האָב געמיינט, איך נאַר, אַז איך בין שוין דער ספּעציאַליסט, עקספּערט אויף פּסיכאָטעראַפּיע, לויט דער פאָרשונג פון ירושה, כאַראַקטער, סביבה, דערציונג, אויסדרוקן פון פיזיאָנאָמיע, קאָן איך פעסטשטעלן די אַנאָרמאַליטעטן, פּסיכישע פאַרקריפּלונגען און שוין האָבן אַ פּאַרטיקע דיאַגנאָסטיק און אַן אַנטשפּרעכנדיקע רפואה. אָבער איך שטיי איצט פאַר אייך אַן אומוויסנדער, אַן איגנאָראַמוס, אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייע מינים פון פּסיכישע קראַנקייטן, וואָס אונדזערע אומגליקלעכע יִדן אין אַלגעמיין און יִדישע אומשולדיקע קינדער בפרט, זיינען געווען די קרבנות ווי געיאָגטע חיהלעך,

יתומים אָן עלטערן, לעבנדיק אין אונטערערדישע קעלערן און אין וועלדער, בוצנ־דיק זייערע אינסטינקטן פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, מיט אַלע מיטלען און וועגן.

„יידישע מיידלעך פון צוועלף ביז אַכצן יאָר, וואָס זיינען פון די דייטשן אין די פּראָסטיטוציע־הייזער אַריינגעגעבן געוואָרן, און שפּעטער באַפרייטע, נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז אַזוינס פאַמיליע־מאָראַל, נישט פאַרשטאַנען די קאָנסעק־ווענצן און פאַרברעכן פון סעקסועלן לעבן, נישט געצוימטע דורך געזעלשאַפט־לעכע געזעצן; נישט פאַרשטאַנען, אַז גנבה איז פאַרברעכן און פּראָסטיטוציע איז אוממאָראַליש, ווייל דורך די מיטלען האָבן די אומגליקלעכע יידישע קינדער זייער לעבן געראַטעוועט און נישט געוווּסט דעם טעם פון מאַמע־ליבע און טאַטע־ווערגווייזונג. שאַנדע איז פאַר פיל אַ פּוסט וואָרט, ווייל זיי האָבן זיך געהאָדעוועט צווישן דערוואַקסענע מענטשן־בעסטיעס, וואָס זיינען פאַר זיי געווען אַ בלוטיקערביישפּיל פון מאָרד, ציניזם, געזעץ פון שטאַרקערן און רעטונג פון ראַפינירטן. פילע יידישע קינדער, דערצויגענע אין קאַטוילישע קלויסטערס, האָבן איז זיך איינגעזאַפּט די פאַלשע וויזיעס פון קריסטלעכן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און געהאַסט די יידן, וועלכע האָבן געקרייציקט יעזוסן, וויסנדיק עפּעס אומקלאָר, ווי אין אַ וויַיטן עכאָ־אָפּקלאַנג, פון עפּעס יידישקייט אין זייער אייגענער פריער קינדהייט.

„מיר אַ קליינע גרופּע יידישע דאָקטוירים, זיינען געבליבן הילפלאָז קעגן די נייע מינים פּסיכישע קראַנקייטן און גייסטיקע פאַרקריפּלונגען פון קינדערישע נשמות, וואָס פיגורירן נישט אין אונדזער פּסיכאָטעראַפּישער טערמינאָלאָגיע און מיר ווייסן נישט ווי אַזוי זיי צו היילן. אָבער איינס ווייסן מיר: אַז דאָס זיינען אונדזערע יידישע קינדער, דאָס קליינע הייפעלע לעבן געבליבענע פון מוראדיקן חורבן און אומקום, פון אונדזער שטאַלץ פון יידנטום, פון פּוילישן יידנטום! דאָס איז די גרופּע יידישע קינדער און יוגנטלעכע, ווי אויך מיטליעריקע, וועלכע דאַרפן אין גיכן איינגעגלידערט ווערן דורך עמיגראַציע אין יידישע קיבוצים פון ארץ־ישראל און אין אַמעריקע, און וואָס שטעלן פאַר מיט זיך אַן אומגעהויער פּראָבלעם פאַר ברענגען זיי צוריק צו דער גייסטיקער און מאָראַלישער גלייכגעוויכט, און זיי מאַכן אומשעדלעך אַלס אוממאָראַלישע צעשטערערס פון אונדזערע יידישע סביבות און טאָן אַלץ וואָס עס איז אין אונדזער מאַכט אַלס וויסנשאַפטלערס און פּעדאַגאָגן, זיי צו דערציען אַלס גייסטיק געזונטע קינדער פון דעם חרוב געוואָ־רענעם און אַזוי פאַרמינערטן יידישן פאָלק.

„דאָס זיינען מיינע און אייערע קינדער, אַמעריקאַנער יידישע מאַמעס און טאַטעס, און ווער פון אייך וועט אָוועקגיין היינט אָוונט פון דער פאַרזאַמלונג, נישט העלפנדיק דאָס פּראָבלעם פון איבערדערציונג פון אונדזערע אומגליקלעכע יידישע קינדער, שיריים פון אַ מאָל גרויסן בליענדיקן אייראָפּעישן יידנטום?"

מערין האָט זיך פּלוצלינג אויסגעוויזן, אַז דאָקטאָר ווייס'עס אויגן קוקן שאַרף דורכדרינגלעך אין אירע, ווי אַ פייערדיקע ליניע וואָלט זיך געצויגן פון זיינע אויגן

צו אירע, ווי היפּנאָטיזירנדיק זי אין אַ פּאַרכּישופטן עקסטאַז. געדאַכט האָט זיך איר, אַז דאָקטאָר ווייס רעדט נאָר צו איר. און האַלב־דרימלענדיק האָט זי זיך איינגעזויגן אין די פייערלעך פון זיינע אויגן און ווי זיך פאַראייניקט מיט זיי. און געדאַכט האָט זיך איר אויך, אַז דאָס זיינען די אויגן פון איר שוועסטער באַשעס קינדערלעך פון איר ליטוויש געבורט־שטעטל, וואָס זייער פאָטאָגראַפיע שטייט אויף איר דרעס־שפּיגל אין איר שלאָפצימער און זיי קוקן שטענדיק מיט פאַרוואורף אויף איר.

זי האָט פּלוצלינג באַנומען ווי זינלאָז איר לעבן איז, ווי זי איז אַריינגעטאָן נאָר אין זיך, זעט נאָר זיך. און איר לעבן איז פאַרפולט מיט אומענדלעכע קלייניקייטן. איר לעבן פעלן וויכטיקע לעבנס־צוועקן און אינהאַלט. אירע צעטאָכ־לעוועטע טעג און יאָרן זיינען פאַר איר איצט געשוווּמען אין אַ געדראַנג צו שטילן איר געוויסן און פּיין, אָפּגעבן זיך אָט די אומגליקלעכע ייִדישע קינדער, אויס־קויפן איר גרויסע זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען, אַנטלויפנדיק פון ייִדישן צער און פאַרשטאָפּענדיק די אויערן צו זייערע קרעכצן. און זי האָט געפילט, אַז זי באַקומט אַ צופלוס פון פרישע כּוחות, מוט און ענערגיע, און עפּעס אַ גרויסער בלויז ווערט אויסגעפילט אין איר לעבן.

פאָרנדיק צוריק אַהיים, איז מערי נאָך אַלץ געווען באַרוישט פון דאָקטאָר ווייס'עס פּערזענלעכקייט, פיזישער שיינהייט, ווייך צערטלעכער שטימע, און ביל־דער פון חורבן פון אייראָפּעישן ייִדנטום און די געשטאַלטן פון די אומגליקלעכע קינדער האָבן דייטלעך געשוועבט פאַר אירע אויגן.

אין סאָבווי איז זי אַריין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג און אַנשטאָט אָפּטאַון איז זי פאַרפאָרן דאַון טאַון, און זיך ערשט געכאַפּט נאָכן אָפּפאָרן דריי סטיישנס. ביים בייטן דעם „לאָקאַל", איז זי שיער נישט צעדריקט געוואָרן פון דער וואַגאָנ־טיר, שטייענדיק אַ ווײַלע פאַרקלערט און אַריינכאַפּנדיק זיך אין דער לעצטער מינוט פאַרן שליסן.

ווען זי איז אַהיימגעקומען, איז שוין סעם געשלאָפן. זי האָט געזען זיין אויבער־מאַנטל און הוט אויף איינעם פון די ברייטע פאָטעלן אין ליווינג־רום אויף די שפּיץ־פינגער איז זי אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, ווו דאָס שלאָפצימער האָט זיך געפונען, און פאַרזיכטיק, גערוישלאָז, זיך אויסגעטאָן און אַריין אין איר באַזונדער בעט און זיך איבערגעדעקט ביז איבערן קאָפּ מיט דער דעק.

מערי האָט אָבער נישט געקאָנט איינשלאָפן. צום ערשטן מאָל נאָך פיל יאָרן האָט זי קלאָר דערשפּירט אַ שטרעבונג, אַ ציל. נאָך שעהען פון שלאָפלאָזיקייט און איבערקערן זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, איז זי ענדלעך איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן האַלב־פאַרנעפּלטן שלאָף. ס'האָבן זיך איר געפּלאָנטערט אין מוח בילדער פון איר אַלטער היים, איר געבורטאָרט, איר קליין שטעטעלע אין ליטע,

די פּרייטיק־צונאַכטיקע אָוונטן, מיט די אָנגעצונדענע ליכט־פלעמעלעך און די אויפגערוימטע ווייס געקאַלכטע הייזלעך, די שבת נאָך מיטאָגדיקע שפּאַצירן פון דער שטעטלדיקער יוגנט ביים טייך, און די צאַרטע, אומעטיקע יידישע פאָלקס־לידער אין געדיכטן שטעטלדיקן וואַלד, געזונגען פון די בחורים און פון אירע חברטעס. זי זעט נאָך איר געטרייע שוועסטער באַשע, די מאַמע ווי זי שאָקלט זיך פאַר די וואַקלענדיקע ליכטפלעמלעך אין פרייטיקצונאַכטיקן ליכטבענטשן און איר ווייס קאָפּטיכל פאַרשטעלט דאָס פּנים און טראָפּנס גלאַנציקע טרערן שיינען אויף אירע גוטע, שיינע אויגן.

מערי איז געוואָרן אַ מעמבער אין דער פּרויען־דיוויזשאַן ביי דער לאַנדסמאַנ־שאַפט. זי האָט פלייסיק באַזוכט אַלע זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, איז געוואָרן די אַקטיווסטע געלט־זאַמלערין און אָרגאַניזאַטאָרין פון אונטערנעמונגען. זי האָט געהאָלפן גרינדן אַן אינטערנאַט פאַר אייראָפּעישע קינדער־יתומים, ווו דאָקטאָר ווייס איז באַשטימט געוואָרן אַלס דירעקטאָר; זי האָט געשיקט קליידלעך און שפּייזפּעקלעך אין די די־פּי־לאַגערן, געהאָלפן זוכן פאַמיליעס, וואָס זאָלן אַדאָפּ־טירן יידישע יתומים פון אייראָפּע. אויך איז איר געלונגען צו געפינען אַן איינציק לעבנגעבליבענעם זונעלע פון איר שוועסטער באַשע, וועלכער איז גראַטעוועט געוואָרן פון אַ דאָרפישן רוסישן פּאָפּ און איז שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ פּאַריזער יתומים־הויז.

איר נאָגנדיקע פּוסטקייט אין האַרצן איז פאַרשווונדן. זי פלעגט אַהיימקומען אַ צעהיצטע, און, עפענענדיק די טיר, נאָך שטייענדיק אין מאַנטל, פלעגט זי שוין פאַר סעמען אויסדערציילן אין קאָמישע איינצלהייטן, דעם צוגאַנג פון די פאַר־זאַמלונגען, מיטטיילנדיק מיט גליקלעכן עקסטאַז דעם דערפאָלג פון אונטערנעמונ־גען. איר באַציונג צו סעמען האָט זיך געביטן, און זי איז צוריק געוואָרן די פריינדלעכע, לעבעדיקע „פלאַפּלערקע" און סעם איז געווען גליקלעך און אין האַרצן זיך געריימט פאַר זיין סוחרישן געדולד צו מערין, געדולד, וואָס האָט אים געראַ־טעוועט פון אַ פאַמיליע־דראַמע.

נאָך צוויי יאָר אומדערמידלעכער, דערפאָלגרייכער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דער פרויען־דיוויזשאַן, איז מרס. מערי פרייסמאַן, פאַר אירע גרויסע פאַרדינ־סטן, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענטין. איר ציגנל האָט זיך שוין גאַנץ פיין געדרייט צו האַלטן אַ „ספּיטש", מאַכן באַמערקונגען צום טאָג־אָרדענונג און אַריינברענגען אַקטועלע, שטענדיק נוצלעכע פאָרשלאָגן.

דער פייערלעכער מאָמענט, ווען מערי האָט צום ערשטן מאָל געעפנט אַ גרויסע צאָלרייכע פאַרזאַמלונג פון הונדערטער מעמבערס, האָט איר פאַרשאַפט אינערלעכן שטאָלץ. אַלס פּרעזידענטין האָט זי זיך אויפגעשטעלט און הונדערטער אויגן האָבן געקוקט אויף איר מיט אינטערעס, די מענער מיט גיריקע אַנטציקטע פייערלעך

אין זייערע אויגן, באַטראַכטנדיק איר שיין צעפּלאַמט פּנים און די זיך הויבנדיקע ברוסט פון אינערלעכער אויפרעגונג. און די פרויען — מיט אַ קליינעם טייל דרך־ארץ און אַ גרויסן טייל קנאה. האָט מערי אויפגעהויבן די אויגן איבער דער מענטשלעכער מאַסע כדי צו באַהערשן אירע געדאַנקען און זיך באַפרייען פון דער מורא פאַר די הונדערטער אויגן פון די פאַרזאַמלטע. דעמאָלט זײַנען אין איר פאַנטאַזיע אויפגעשווומען נאָך צוויי פאַר אויגן: אויגן פול מיט טרערן און דאַנקבאַרקייט, פון איר אומגעקומענער שוועסטער באַשע, פאַר ראַטעווען איר קליין יתומל; און אויגן פון דאָקטאָר נאַטאַן ווייס, מיט פריידיקן שטאָלץ גע־ווענדט צו איר.

ווידער צו שפּעט

אין קליינעם האַלב־טונקעלן שלאָפצימער האָט אַ שטילקייט פאַרוויגט די לופט און טונקעלע שאָטנס האָבן געדרימלט אויף די ווענט. די באָבע כאַשקע, אָנשפּאַרנ־דיק איר צעקודלעטן, גרוי־שוואַרצן געשטרייפטן קאָפּ אויף דעם קינדס קינדער־וויגעלע, האָט זיך פאַרטראַכט אין ווייטע געדאַנקען.

דער טומלדיקער גערויש פון בראָדוויי אין דעם זומערדיקן יוני־נאָכמיטאָג האָט זיך אין צימערל אויפן צוועלפטן שטאָק נישט דערטראָגן. די שטילקייט איז אפילו נישט געשטערט געוואָרן דורכן עלעקטרישן זייגער, וועלכער האָט גערויש־לאָז געדרייט זײַנע סעקונדעס אין רונדע, זיכערע קרייזן, ווי סימבאָליזירנדיק דערמיט דעם שטייפן, אומברחמנותדיקן גאַנג אויפן ציפערבלאַט פון מענטשלעכן לעבן.

דאָס קינד אין וויגל האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, געעפנט די אייגעלעך, זיך ברייט צעגענעצט, זיך אויסגעצויגן מיט זײַן ראָז־פּולבלוטיקן קערפּערל, פאַרקרימט די ליפּלעך און ווי האָבנדיק שטילע טענות צו עמעצן.

כאַשקע איז היינט טרוימעריש געשטימט, ווי עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ באָבען. אין איר קאָפּ טראָגן זיך זכרונות פון אַ מאָל, די געדאַנקען פליסן אויטאָ־מאַטיש און באַהערשן זי אין גאַנצן. אַזוי פאַרקלערט, הויבט זי אויף דאָס געזעסל פון קינד, ווישט עס אָפּ, ציט אַראָפּ דאָס נאַסע, געל פאַרפּלעקטע ווינדל, בייט איבער אויף אַ ריינס און בלייבנדיק שטיין מיט דעם שמוציקן ווינדל, באַטראַכט זי אירע פינגער, וואָס האַלטן דאָס — פינגער פאַרעמלאָזע, בלוי־רויטע און אָנ־געבלאָזענע מיט פאַסקעלעך טונקעלן שמוץ אונטער די צעדרייטע נעגל. און קוקנ־דיק אַזוי שטאַר, שטייף אויף אירע פינגער, זײַנען פאַר אירע אויגן אויפגעשווומען

אַנדערע פינגער, אירע פינגער פון אַ מאָל, פינגער שמאָלע, לענגלעכע, ראָז־הויטיקע, צאַרטע, מיט גלאַנציק פּאָלירטע נעגל ווי פּערלמוטער. און זי זעט ווי עמעצער בויגט זיך איבער איר האַנט, טראָגט צו איר פּאַרפּומירטע האַנט צו זיינע ליפּן, קושט די שפּיצן פון אירע פינגער, און זי, אַ יונגע, אַ גליקלעכע, אַ שטאָלצע, באַטראַכט דעם בלאָנדן, געלאָקטן קאָפּ פון סאַשאַן, אַריבערגעבויגן איבער איר האַנט.

אין ביאַליסטאָק איז דאָס געווען אין יאָר ניינצן הונדערט דרייצן. אויף אַ באַל פון דער קאָמערץ־שולע, ווו זי איז געווען אַ שילערין, אַ באַל לטובת די נויט־באַדערפטיקע שילערס.

די הויכע געביידע פון דער קאָמערץ־שולע מיט די פיר ריזיקע ווייסע קאָלאָנעס ביים אַריינגאַנג איז העל באַלויכטן. דראָזשקעס פאָרן צו, סטודענטן, יוגנט שטייגן אויס. געלעכטער אין דער לופט, רייץ פון דער ערשטער יוגנט, רוסישע ראָמאַנטיק, שטיפערישע בליקן פון יוגנטגליק.

„אָסיאַ" האָט מען זי אין דער היים גערופן. די רוסישע צערטלעכע איבער־זעצונג פון כאַשקע. „אָסיאַ גראָדסקאַיאַ", מורמלט כאַשקע שטיל און זאָגט איבער עטלעכע מאָל, באַוועגנדיק מיט די ליפּן: „אָסיאַ גראָדסקאַיאַ... אָסיאַ גראָדסקאַיאַ"...

אָט גייט זי לאַנגזאַם, הויבנדיק גראַציעז אירע שלאַנקע פיסלעך איבער די גרויסע, מאַרמאָרענע טרעפּ. באַקאַנטע גריסן זי, פריינדינס באַגלייטן זי מיט גרינע פייערלעך פון קנאה אין די אויגן. זייערע קאַוואַלירן מיט אַנטציקטע בליקן פאָלגן איר נאָך מיט הונגעריקע אויגן, און בויגנדיק זיך צו זייערע באַגלייטערינס, פרעגן זיי ווער זי איז, ווילן וויסן איר נאָמען.

זי מאַרשירט אַליין שטאָלץ, גליקלעך צווישן דער מאַסע, גריסנדיק און לאַכנדיק איינגעהאַלטן, אָפענטפערנדיק מיט שאַרפזיניקער איראָניע די מער צודרינגלעכע קאַוואַלירן.

אירע אויגן בלאָנדזשען, זיי זוכן עמעצן. און אָט דערזעט זי אים. ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע מיידלעך אין ראָז־ווייסע־לילאַ־קליידער, און זיינע בלאָנדע, געקרייזלטע האָר טאַנצן אויף זיין קאָפּ אין טאַקט פון זיין ברוסטיקן לאַכן צו זיינע באַגלייטערינס, וואָס לאַכן פאַרשייט אונטער די בלומיקע פעכערס.

אָט שטעלט זי זיך אַוועק אונטער אַ לאַנגן שפּיגל אין ווינקל נעבן דער סטאַטוע פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און זי באַטראַכט זיך: מיטל־געוויקסיק, אַ ביסל צו שמאָל געבויט, אָבער מיט געפילטע היפטן און אויסגעפילטן, שמאָל־שטייפן בוזעם, רונדע אַקסלען, מיט אַ רונדלעכן האַלדז, אַ געטאָקט פּנימל מיט אַ גריכיש געשניצט נעזעלע און אַ געדיכטן קאָפּ שאַטענע האָר, וואָס פאַלן איר אין רינגלדיקע לאָקן איבער די אַקסלען. זי לאַכט צו זיך אַליין און איז גליקלעך, זיכער, אַז איר צוקונפט וועט זיין אויסגעשפּרייט מיט בלומען.

כאַשקע איז איבערגעריסן געוואָרן אין אירע געדאַנקען. זי האָט דערהערט

אַ שליסן פון דער טיר. דאָס איז איר טאָכטער דזשין געקומען פון שאָפּינג. אין קיך האָט זיך שוין געהערט דאָס גערויש פון בענקלעך, גערוקטע שטולן, געעפנטע פּעקלעך. זי האָט דערהערט איר טאָכטערס שטימע:

— מאַ, אַר יו דרימינג? איך רוף דיך שוין צום צווייטן מאָל און דו הערסט נישט! פּליז, מאַ, נעם דאָס קינד אויף אַ וואָק אין פּאַרק. איך קום באַלד צוריק, איך מוז נאָך מאַכן שאָפּינג.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און עס איז צוריק שטיל געוואָרן. אין כאַשקעס קאָפּ האָט אָבער איצט געברענט דאָס וואָרט פּאַרק... פּאַרק...

פיר יאָר איז זי מיט סאַשאַן אַרומגעגאַנגען. אַ שטענדיקע באַזוכערין געווען אין דעם באַרימטן ביאַליסטאָקער פּאַרק, „פּאַרק ראַסקאָש״. אַלע שאַנסאָנעטן־לידער געקענט און צוזאַמען מיט סאַשאַן געזונגען די שלאַגערס פון „פּאַרק ראַסקאָש״, ווי „קאַט מאַמאַ, קאַט מאַמאַ״, אָדער „שאַנטעקלער״. „געוווינט האָט אויף כאַנייקעס ברוך פּיק״, אָדער צוזאַמען געבלאָנדזשעט שעהען לאַנג אין צערטלס וואַלד מיט צעשטראַלטע פּנימער און ליבנדיק־צוטרוילעך איינער דעם אַנדערן אין די אויגן געקוקט, זיך האַלטנדיק פאַר די הענט און שפּירנדיק זייער וואַרעמקייט, זיינען זיי איבער קוסטן און צווייגן געשפּרונגען אין דער גרינער, האַלב־טונקעלער געדיכטעניש פון די גוטמוטיקע, זיך שאַקלענדיקע הונדערט־יאָריקע ליפּעס אָדער יונגינקע, מיט שוואַרץ־ווייסער קאָרע באַדעקטע בערעזענעביימער.

איר טאַטע, דער פרומער חסיד, האָט געבורטשעט אין דער ברייטער טאַבאַק־באָרד. אים איז נישט געפעלן וואָס זיין כאַשקע גייט אַרום מיטן „פרייען״ סאַשאַ בערנסאַן. און דעם טאַטן האָט צוגעהאָלפן איר ברודער שלמהקע, וועלכער פלעגט אָפּט אַריינוואַרפן אַ פּאָר גיפטיקע אָנצוגעהערענישן, אַז סאַשאַ וועט נישט זיין קיין גוטער מאַן, ווייל ער לויפט צו פיל נאָך פרויען.

דער סם האָט געווירקט. אויך זי האָט זיך געוואָרפן צווישן ליבע און צווייפל, צוציונג צו אים און מורא פאַר איר צוקונפטיקן לעבן מיט סאַשאַן. זי וועט דאָך דאַרפן זיין נישט נאָר זיין פרוי, נאָר אויך אַ מאַמע, ברענגען קינדער אויף דער וועלט. און סאַשאַ? סאַשאַ אַ טאַטע? סאַשאַ אַן איבערגעגעבענער פאָטער? — אין דעם האָט אפילו זי נישט געגלויבט.

און איין מאָל האָבן זיי זיך צעקריגט, זיך צעוועטלט איבער אַ קלייניקייט, איבער איר ברודער שלמהקען, וועמען סאַשאַ האָט נישט ליבט געהאַט. דאָ האָט כאַשקע דערזען אַ געלעגנהייט זיך צו דערווייטערן פון סאַשאַן. זי האָט קינסטלעך געשפּילט דעם ברוגז, כאָטש איר האַרץ איז אויסגעגאַנגען נאָך אים. אָבער דער שטאָלצער סאַשאַ האָט זיין שטאָלץ נישט געוואָלט בויגן און נישט געוואָלט מאַכן דעם ערשטן שריט זיך איבערצובעטן. ביז איין מאָל האָט זי אַן אינטימע פריינדין, גענלע שטיין, אָפּגערופן און געבעטן צו איר צו קומען אין אָוונט, ווייל סאַשאַ וועט ביי איר זיין און ער דאַרף מיט איר רעדן.

איר האַרץ האָט געציטערט פאַר פרייד און זיך געוואַקלט אין צווייפל: וואָס זאָל זי טאָן? זי איז געגאַנגען צו איר פריינדין און זיך דאָרט מיט סאַשאַן געטראָפן. ער האָט זי פאַר די הענט געהאַלטן, צערטלעך אין די אויגן געקוקט און גערעדט מיט אַ פייערלעכן ציטערדיקן קול:

— אָסיאַ, מען רעדט מיר שידוכים. איך האַלט ביים מאַכן מיין וויכטיקסטן שריט אין לעבן. אָסיאַ, איך האָב דיך ליב, אָסיאַ! — זיין שטימע האָט אַזוי מעלאָדיש געקלונגען — אָסיאַ, דו ווילסט זיין מיין פרוי?

זי האָט דעמאָלט אַ לאַנגע צייט געשוויגן. זי האָט נאָכגעטראַכט זיין פלוצלינגן איבערראַשנדיקן אָנבאָט.

כאַשקעס געדאַנקען זיינען ווידער איבערגעריסן געוואָרן. ווידער האָט זי דער־הערט אַ טומל אין צווייטן צימער און איר טאָכטערס שטימע:

— נו, וואָס שווייגסטו, מאַ? איך רוף און דו הערסט נישט! מאַדהער, ווילסט מאָרגן גיין צו אַ שאָו אין דזשואיש טעאַטער? דזשאָ האָט געמוזט קויפן בענעפיס־טיקעטס און ער קאָן נישט גיין, ער איז ביזי.

— יאָ, דזשין, איך וועל גיין, — האָט כאַשקע ווי מיט אַ פרעמד קול אָפּ־געענטפערט און ווידער האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער קיכטיר און עס איז שטיל געוואָרן.

— יאָ, טעאַטער, יידיש טעאַטער. טאַקע אָט די זעלבע ווערטער קלינגען אין איר אָפּ מאָדנע. וואָס פאַראַ צופאַל דאָס איז, וואָס איר דזשין האָט פונקט איצט דערמאָנט דאָס יידישע טעאַטער. יאָ, אויך זי האָט דעמאָלט דערמאָנט דאָס יידישע טעאַטער, ווען זי איז געוואָרן צעטומלט פון סאַשאַס הייראַט־אָנבאָט. זי האָט זיך געוואָרפן צווישן געפילן פון ליבע און מורא צו פאַרבינדן זייער לעבן. און וואָס מער זי האָט געשוויגן, אַלץ אומגעדולדיקער איז סאַשאַ געוואָרן, ביז ער איז אויפגעשפרונגען אויפגערעגט און אויסגעשריען:

—נו, וואָס שווייגסטו?

זי האָט זיך דעמאָלט לאַנג געראַנגלט פון צווייפל ביז זי האָט אַרויסגע־שטאַמלט:

— מאָרגן אָוונט, סאַשאַ, קום אין יידישן טעאַטער, וועל איך דיר געבן אַן ענטפער.

סאַשאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרריכט זיינע בלאָנדע צעוואָרפענע קודרעס. זיין פּנים איז געווען בלאַס, אויפגערעגט. שטייף און קאַלט האָט ער כאַשקען געענטפערט:

— איך האָב שוין דיין ענטפער נישט נויטיק. אויב דו דאַרפסט נאָך איבער־קלערן צי דו ליבסט מיך און ווילסט ווערן מיין פרוי.

סאַשאַ האָט זיך טרוקן געזעגנט און איז שנעל אַרויס, אַ קלאַפּ געבנדיק האַסטיק מיט דער טיר. און נאָך לאַנג האָבן איר געקלונגען אין די אויערן זיינע

לויפּנדיקע טריט איבער די טרעפּ. דאָס גאַנצע לעבן קלינגען איר אין די אויערן זיינע לויפנדיקע טריט איבער די טרעפּ.

עטלעכע טעג האָט זי זיך געוואָרפן אין געפילן צווישן מורא זיך צו פאַרבינדן מיט סאַשאַן אויף אייביק און דער צאַפּלענדיקער ברענענדיקער ליבע צו אים, ביז אירע ליבע־געפילן האָבן געזיגט. זי איז אַוועק צו איר פריינדין און, אָננעמענדיק זיך מיט מוט, געבעטן איר, זי זאָל רעדן מיט סאַשאַן און אים זאָגן אַז זי איז איינשטימיק צו ווערן זיין פרוי.

איר האַרציקע פריינדין האָט עפּעס מאָדנע אָפּגעדרייט דאָס פּנים, געקוקט צום סופיט, דערנאָך צוגעגאַנגען צו דער גלעזערנער סערוואַנטקע, געבישטערט צווישן בריוו און פאָטאָגראַפיעס, אַרויסגעשלעפּט אַ קאַרטקע און, שווייגנדיק, צוגעטראָגן כאַשקען. און ווען כאַשקע האָט דאָס גענומען לייענען, האָבן זיך דער סופיט און די גלעזערנע סערוואַנטקע און איר פריינדין גענומען דרייען פאַר אירע אויגן. ווילדע, ראַשיקע, קאָלירטע פאַרבן האָבן אין אַ פייערדיקן דרייענדיקן רעגנבויגן שווינדלענדיק געפּרעסט איר מוח. זי איז אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטישן געוויין, שלוכצנדיק און שעפּטשענדיק מיט פאַרבראָכענע הענט:

— צו שפּעט, צו שפּעט.

די קאַרטע איז געווען אַן אָפיציעלע איינלאַדונג פון סאַשאַן צו איר פריינדין צו זיין חתונה מיט פריילין סאָניע פישער אין זאַל „האַרמאָניע". די חופּה וועט זיין היינט, פּינקטלעך אַכט אין אָוונט.

*

זעקס חדשים שפּעטער האָט כאַשקע חתונה געהאַט מיט משה מאַריין, אַ יונגער־מאַן פון אַ פרום חסידיש הויז, אַ לעדער־סוחר. זי האָט צו דער חתונה געשטעלט איר מאַן אַ באַדינג: זיי מוזן פאַרלאָזן ביאַליסטאָק און פאָרן קיין אַמעריקע. זי האָט איר מאַן נישט דערציילט די סיבה, אָבער איר מאַן האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז כאַשקע קאָן מער נישט בלייבן אין ביאַליסטאָק און הערן רעדן פון סאַשאַן, וויסן, אַז ער איז נישט ווייט פון איר און דאָך אַזוי ווייט.

איר חתונה איז געווען אַ דורכפאַל. צו וואָס איר מאַן האָט זיך נישט גענומען האָט אים געריסן פון די הענט. ער האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צום ניו־יאָרקער ראַשיקן, שנעלן טעמפּאָ און זיין כאַראַקטער האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. שטענדיק איז ער געווען אויפגערעגט און פאַרביטערט אויף דער גאַנצער וועלט און אויסגעלאָזט דעם כעס צו איר. ער האָט געקאָנט איבערחזרן אומצאָליקע מאָל די זעלבע טענה, געמאַכט איר פאָרוווּרפן, אַז זי איז פאַרשווענדעריש, קאָקעטירט מיט מענער, ווייסט זיך נישט ווי צו האַלטן אין געזעלשאַפט און אַז זי ווייסט נישט ווי צו דערציען זייערע צוויי קינדער. אַז די מאַמע האָלט נישט פון

גאָט און פון תורה, ווי זאָלן די קינדער האַלטן? — פלעגט ער כּעסדיק שיפּען צווישן די ציין.

✶

צוואַנציק יאָר זיינען אַריבער. די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, פאַרצויגן אייראָפּע מיט פייער, חורבן און פאַרניכטונג. דער חורבן אין ביאַליסטאָק האָט אויף כאַשקען שרעקלעך געווירקט. דער אומקום פון דער גרויסער משפּחה און פון אירע יוגנטפריינד האָט אויסגעלאָשן דעם גלאַנציקן לעבנספייער אין אירע אויגן, פאַרנאַכלעסיקט איר קליידונג. זי האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אַ צעטרייסלטע, ווי אַ וואַכעדיקע אין אַ שווערן חלום.

איין מאָל אין זומער ניינצן זעקס און פערציק האָט זי אַ מיטגליד פון איר לאַנדסמאַנשאַפט, אַ געוועזענע יוגנט־פריינדין, אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איר מיטגעטיילט, אַז סאַשאַ בערנסאָן האָט זיך געראַטעוועט פון ביאַליסטאָק. ער איז געווען פאַרשיקט אין סיביר און שפּעטער, נאָך דער באַפרייונג איז ער, איבער יאַפּאַן, געקומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט אָפּגערופן די טשערליידי פון זייער סאָסייטי, זיך נאָכגעפרעגט אויף כאַשקען און געזאָגט, אַז ער וויל זיך מיט איר זען.

כאַשקע האָט די נייעס פאַרשוויגן פאַר איר מאַן. דעם גאַנצן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען אין פיבער. עטלעכע מאָל האָט זי זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל, באַטראַכט איר פיגור, אירע לייכטע קנייטשן אין שטערן און אַרום אירע אויגן. זי האָט געפילט, אַז איר קערפּער גלייכט זיך אויס, ווערט שטייף און קרעפטיק, אירע באַקן באַקומען אַ ראָזע פאַרב, אירע אויגן הויבן אָן צו גלאַנצן מיט דער אַמאָליקער לעבנסלוסט און עפּעס ברומען אין איר בלוט זיס פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען, וואָס זי האָט געמיינט, אַז זיי זיינען שוין אויף אייביק פאַרשוווּנדן. איר פּנים האָט אָנגעהויבן צו לאַכן פון יעדער קלייניקייט, די זון האָט מאָדנע פריינדלעך געוואָרעמט, און, שפּאַצירנדיק אויף בראָדוויי דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט, רויק און געלאַסן, מיט געציילטע טריט און פאַרחלומטע אויגן, וואָלט זי ווי געשוווירן, אַז היינט איז יום־טוב: די מענטשן זיינען פריינדלעכער און דער בלויער הימל דערמאָנט איר דעם ביאַליסטאָקער הימל אַזוי ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק.

✶

היינט פינף פאַרנאַכט דאַרף זי זיך טרעפן מיט סאַשאַן און געדוכט האָט זיך איר, אַז אין דער לופט שוועבט די פראַזע „פינף אַ זייגער". זי איז געווען זיכער, אַז די גאַנצע מאַסע בראָדוויי־גייערס לייענען אַראָפּ פון איר פּנים דעם „פינף אַ זייגער" און עפּעס קוקן די פאַרבייגייענדיקע מענער פאַרשנדיק און דורכדרינגלעך איר אין די אויגן, ווי זיי וואָלטן דערגאַנגען איר סוד.

„פינף אַ זייגער", „פינף אַ זייגער"... די ווערטער האָבן איר געקלאַפּט אין קאָפּ, אין די שלייפן און אַזוי ווי צום טאַקט פון אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס טראָגט זיך אויף איר מיט אַ ראַשיקער שנעלקייט, אַז אָט־אָט וועט עס צעשמעטערן איר ביזאיצטיק לעבן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — צען מינוט נאָך צוויי. מער נישט, ווי צען מינוט שפּאַצירט זי. אוי, ווי לאַנג די מינוטן ציען זיך. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ שוכגעשעפט, אַרייַנגעקוקט אין שויפענצטער און אין דער הויך, אויף אַ ניקלגעם שטאַנג האָט זי דערזען הענגען אַן עלעגאַנט שוואַרץ־ווייס שיכל מיט גאָר הויכע קנאַפּל. ווי אין אַ היפּנאָטישן טראַנס איז זי מיט איר פאַרחלומטן שמייכל אַריין אין געשעפט, געקויפט די שיך, נישט באַמערקנדיק אפילו ווי דער פאַרקויפער, אַ קליינוווקסיקער יונגערמאַן מיט וואָנצעלעך, ווינקט זיך שטיפעריש איבער מיט דער קאַסירערין, ווי לאַכנדיק פון דער מיטליאָריקער פרוי, וואָס קויפט אַ פּאָר יונג־מיידלשע שיכלעך מיט הויכע קנאַפּל.

כאַשקע איז געגאַנגען פון איין געשעפט צום צווייטן און אַ באַלאָדענע מיט פּעקלעך, אויף וועלכע זי האָט אויסגעגעבן אַ העלפט פון איר „קניפּל" וואָס זי האָט אויסבאַהאַלטן פון איר מאַן, איז זי מיט אַ גליקלעך הארצקלאַפּעניש געגאַנגען אַהיים. זיבן אין אָוונט דאַרף זי זיין צוריק אין דער היים גרייטן פאַר איר מאַן און זון סאַפּער. איצט איז דריי אַ זייגער. זי האָט נאָך צוויי שעה צייט זיך אָנצוטאָן און צופאַרן אין די בראָנקס זיך זען מיט סאַשאַן. סאַשאַ אין ניו־יאָרק ? צי איז דאָס מעגלעך ? טאָ פאַר וואָס שרייט נישט אַרויס די ערד אונטער איר און די מיליאָנענדיקע שטאָט איז רויִק, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געוווּסט, אַז סאַשאַ איז דאָ ?

זי האָט זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל און לאַנג באַטראַכט איר קאָפּ האָר. צווישן די שוואַרץ געפאַלדעוועטע האָר וואַרפן זיך דורך גרויע פּאַסמעס. זי האָט לאַנג געטראַכט און דערנאָך זיי קונציק פאַררוקט און צוגעדעקט מיט די שוואַרצע. איצט איז געקומען די ריי פון איר נייעם קאָרסעט. זי האָט זיך צוזאַמענגעשנורעוועט פעסט פון הינטן און זי איז געוואָרן איבערראַשט צו זען, ווי איר קליין אַרויסגעשטעקט בייכל פאַרשווינדט, גלייכט זיך אויס און זי באַקומט אַ גראַציעזע, אויסגעפולטע פיגור. אויך דער נייער ברוסטהאַלטער האָט באַוויזן וווּנדער און אויסגעפורעמט אַ פּאָר קליינע, שטייפע ברוסטן. מיט ליבשאַפט האָט זי געהאַלטן אין האַנט איר ניי ווייס קליידל מיט שוואַרצע פּינטעלעך, עס איבערגעצויגן איבערן קאָפּ און אַ קוק טוענדיק אין שפּיגל, איז זי געוואָרן איבערראַשט ווי פריש, יונג, עלעגאַנט זי זעט אויס. אירע נייע שיכלעך מאַכן זי פיל העכער, בויגעוודיקער איר גאַנג.

דער לעצטער אַקט פון איר קערפּערלעכער ענדערונג איז געווען די געזיכט־קאָסמעטיק : קרעם, פּודער, פאַרב, ליפּסטיק און פּאַרפום. איר איז צונויף געקומען

איר געשמאַק פון באַשיידנקייט, טעטיקייט און האַרמאָניע. די הויט האָט באַקומען אַ נאַטירלעכן, פרישן קאָליר באַהויכט גאַנץ לייכט מיט ראָזער פאַרב. זי האָט אַ ביסל באַדעקט די ליפּן מיט רוזש און זיך באַשפּריצט מיט „קאָטי״ לילאַ־פּאַרפום, אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ ווייסן הוט מיט ברייטע פליגל, באַפּוצט מיט רויטע בלימלעך און איז געבליבן פאַרגאַפט זיך אָנקוקנדיק אין שפּיגל. זי האָט נישט געגלויבט אירע אויגן.

פּלוצלינג האָבן איר אָנגעהויבן קלינגען אין די אויערן די ווערטער פון איר מאַן, ווען ער פלעגט ווערן אייפערזיכטיק, ווערטער, וועלכע ער פלעגט דורכזייען מיט חוזק און מיט צאָרן דורך די ציין:

— דו פאַרגעסט, אַז דו ביסט שוין אַ באָבע... אַ באָבע, און דו האַלטסט זיך נאָך ווי אַ יונג מיידל... פע... פע!...

זי האָט זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל מיט אַנטציקטע אויגן, זיך צוגעפּרעסט צו אים און אין זיסן עקסטאַז געקושט דאָס קאַלטע גלאָז און פון איר ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ הילכיק, שפּאָטיש, גליקלעך, טריומפירנדיק געלעכטער.

*

זי האָט געעפנט די טיר פון דער דירה פון איר פריינדין אין די בראָנקס, וועלכע האָט, מיט אַ שטראַלנדיקן געהיימנישפולן געזיכט, צולייגנדיק אַ פינגער צו אירע ליפּן, איר געגעבן אַ צייכן אַז ער איז דאָ. אויף די שפּיץ־פינגער האָט די פריינדין זי אַריינגעפירט אין שלאָפצימער, באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז צו די פיס און אַזש אַ פּליאַסקע געטאָן מיט די הענט:

— אוי, כאַשקעלע, זעסט דאָך היינט אויס ווי אַ יונג מיידל. ביסט דאָך גאָרנישט די זעלבע, ווי אַ פּרינצעסין זעסטו אויס.

כאַשקע האָט געזען, אַז איר חברטע קוועלט אָן פון פאַרגעניגן, ווערט צע־שמאָלצן פון נחת, וואָס איר איז דאָ באַשערט צו שפּילן אַזאַ ראָלע אין דער ראָמאַנ־טישער באַגעגעניש פון דעם אַ מאָל פאַרליבטן פּאָרל, וועלכן זי קען נאָך פון דער אַלטער היים. זי האָט געפילט ווי די אייגנשאַפט פון פרויען־נייגעריקייט, סענסאַציע און רכילות זיינען די הויפּט־מאָטיוון פון איר פריינדינס „גוטסקייט״.

— כאַשקע — האָט די פריינדין שטיל שעפּטשענדיק אָנגעהויבן — ער איז אין צווייטן צימער. אוי, האָסטו אים געדאַרפט אָנקוקן, ער האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אַ ביסעלע עלטער געוואָרן... אוי וויי, מען קאָן זיך נאָך היינט אין אים פאַרליבן.

אָננעמענדיק כאַשקען פאַר דער האַנט, האָט זי ראַשיק געעפנט די טיר פון קליינעם ווייכן ליווינג־רום, ווו אַ מאַן האָט נערוועז, האַסטיק געשפּאַנט אַהין און צוריק.

כאַשקע איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין ביי דער טיר ווי פאַרגליווערט. זי האָט

אים פּרובירט באַטראַכטן, אָבער זי איז געווען אַזוי צעמישט, אַז די ווענט און די מעבל האָבן זיך גענומען דרייען פאַר אירע אויגן.

ער האָט זי דערזען און ס'איז קענטיק געווען אַז אויך ער לעבט איבער דאָס זעלבע. ער איז אַ ווילדע געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צום אָרט. מיט אַ מאָל האָבן ביידע זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אָרעמס, זיך פעסט איינגעקלאַמערט און אַ שטילער שלוכצנדיקער געוויין האָט אויפגעטרייסלט כאַשקעס ברוסט. זיי זיינען ביידע ווי צוזאַמענגעוואַקסן געוואָרן, זיך פעסט איינגעשלאָסן אין די אָרעמס, ווי מורא האָבנדיק, אַז עמעצער זאָל זיי אָפּרייסן און פונאַנדערשיידן.

סאַשאַ האָט זי ווילד געקושט פון איר הויכן, רונדן שטערן ביז איר שמאָליב־קער מאָרדעלע. יעדן טייל פון איר פּנים דורשטיק געקושט, ווי זיך ווען אָנזע־טיקן פאַר אַזוי פיל יאָרן, און צערטלעך געגלעט די האָר פון דער ווייבענדיקער, האַלב־פאַרחלשטער כאַשקע.

זייערע ביידנס פּנימער האָבן געשטראַלט פון גליק. אַ ווילדע פרייד איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיי און דורשטיק האָבן זיי זיך געקוקט אין די אויגן און ערשט איצט האָט זיך ביי ביידן אַרויסגעריסן:

— אָסיאַ!

— סאַשאַ!

איצט האָט כאַשקע געהאַט אַ ביסל צייט אים צו באַטראַכטן. אין זיינע בלאָנדע האָר האָבן זיך באַוויזן שמאָלע, ווייסע שטרייפן, וואָס האָבן זיין קאָפּ נאָך שטאָלצער און רעספּעקטפולער געמאַכט. אויף זיין שטערן און אַרום זיינע אויגן האָבן זיך געזען טיפע קנייטשן. אָבער עס האָט געאָטעמט פון אים ענערגיע, אַמביציע און אַנטשלאָסנקייט. זיינע אויגן, דורכדרינגלעכע, האָבן עדות געזאָגט אויף זיין גע־ווינהייט צו דענקען. זיי האָבן זיך איינגעזויגן אין איר פּנים און ווי דאָרט אַרויסגעלייענט, עפּעס ווי גענישטערט אין איר אַרכיוו פון צעברויזטע געפילן און פון דער דורכגעלעבטער ביטערער פאַרגאַנגענהייט. זי האָט געפילט, אַז אַלץ ווייסט ער און אַלץ איז פאַר אים אַנטפּלעקט.

ער האָט ווי געטראָפן אירע געדאַנקען, און, קוקנדיק נאָך אַלץ שאַרף אין אירע אויגן, זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר אויף דער סאָפע און, ווי שעמענדיק זיך פאַר איר פאַר זיין אויסברוך פון געפילן, האָט ער, אויסציִענדיק יעדעס וואָרט, מיט אַ צערטלעכן טאָן איר געפרעגט:

— נו, אָסיאַ, ווי לעבט זיך דיר?

— אָט אַזוי, נישט שלעכט. איך האָב צוויי קינדער און אַן אייניקל. איך בין שוין אַ באָבע. — האָט זי פון זיך אַליין שפּאַסנדיק געלאַכט.

סאַשאַ האָט זיך צוגערוקט צו איר, צוגעבויגן איר קאָפּ צו זיין אַקסל, זי אָנגענומען פאַר ביידע הענט, און געווען איז דאָס ביי כאַשקען אַזוי נאַטירלעך, אַז אָט דער מאַן האָט אַלע רעכט אויף איר, אַז זי האָט זיך גאָרנישט געוווּנדערט.

אין איר גאַנצן קערפּער איז איר וואַרעם געוואָרן — פון די שפּיץ־פינגער פון אירע פיס ביז איר קלאַפּנדיק האַרץ. פון איר ברוסט האָט אַ זיסער טשאַד זי אַרומגעוויקלט און געוואָלט וואָלט זי זיצן אַזוי נעבן אים איר גאַנץ לעבן. אַלע זאַרגן זיינען פון איר אַוועקגעפלויגן. אַ רויִקע, גליקלעכע, זאַרגלאָזע שטימונג האָט זי באַהערשט און עס איז איר איצט אַלץ איינס געווען, וואָס מענטשן וועלן זאָגן.

סאַשאַ האָט לאַנג געטראַכט און ווי געזוכט פּאַסיקע ווערטער, איר נישט ווי צו טאָן, האָט ער פאַרזיכטיק גערעדט:

— אָסיאַ, דאַרפסט מיר גאָרנישט דערציילן, איך ווייס אַלץ. איך ווייס ווי דיר לעבט זיך אין אַמעריקע. איך ווייס וואָס פאַראַ לעבן דו האָסט ביי דיין מאַן. איך ווייס, אַז דו האָט נישט געטראָפן מיט דיין הייראַט, איך ווייס, אַז דו ביסט אומגליקלעך און איך ווייס, אַז דו האָסט מיך נאָך אַלץ ליב פונקט ווי איך דיך. אָסיאַ, איך קום פון אייראָפּע, ווו מיליאָנען מענטשן זיינען פאַרגאַזט און דער־שטיקט געוואָרן אין מיינע אויגן. דאָרטן האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אָפּצושאַצן דעם גוואַלדיקן ווערט פון לעבן, די זיסקייט און פרייד פון אָטעמען, דאָס פאַרגעניגן פון בלויען הימל און פון גרינע נאַטור־שפּראַצונגען. און דאָרטן האָבן מיר באַגריפן די קורצקייט פון מענטשלעכן לעבן. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו לעבן ראַשיק, שנעל און אָן הקדמות. איך זאָג עס דיר, אָסיאַ, כדי דו זאָלסט מיך פאַרשטיין און זיך נישט וווּנדערן אויף מיין אַנדערן צוגאַנג צו אַ סך לעבנס־פראַגן, ווי אייערע אַמעריקאַנער אין ווילטאָג און רויִקייט געהאָדעוועטע, אין זיכערקייט פון מאָרגנדיקן טאָג דערצויגענע, זיינען געוווינט. אָסיאַ, מיר האָבן אַ מאָל צוליב נאַרישע, יונגע קאַפּריזן און אומבאַהאָלפנקייט, פאַרלוירן יאָרן פון גליק. אָסיאַ, דאָס לעבן איז קורץ, מיר זיינען שוין אין די מיטעלע יאָרן און גליק איז אַזאַ זאַך, וואָס מען מוז נעמען מיט כוח. אין לעבן גיט מען נישט, אין לעבן נעמט מען. אָסיאַ, גיב מיר און דיר דעם לעצטנס שאַנס אָנצוהויבן אַ ניי גליקלעך לעבן. אָסיאַ, קום מיט מיר, געזעצלעך אָדער אומגעזעצלעך. אָסיאַ, איך בין געווען אַ „קאַצעטניק". מיר זיינען געוואָרן אַנדערע מענטשן מיט אַנדערע געפילן און מיט אַן אַנדערן צוגאַנג. פאַרשטיי מיך, באַגרייף מיך.

אָסיאַ איז געזעסן ווי פאַרטרונקען אין אַ גליקלעכן עקסטאַז, זיך צוגעהערט און אַלע זיינע ווערטער איבערגעזעצט אין איין זאַץ: „ער האָט מיך ליב, ער האָט מיך ליב". זיינע ווערטער זיינען געווען ביי איר נאַטירלעך, איינפאַך, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף זיי פיל, פיל יאָרן. איר פּנים איז געווען אַזוי גליקלעך צעשטראַלט, אַז ער האָט קיין ענטפער פון איר נישט דערוואַרט. ביידע האָבן זיך צוגעשפּאַרט קאָפּ צו קאָפּ איינזויגנדיק אין אַ לאַנגן, לאַנגן קוש, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שטילע שבועה זיך קיין מאָל מער נישט צו צעשיידן.

*

ווען כאַשקע איז געקומען אַהיים, איז שוין געווען האַלב נאָך זיבן. צו איר גרויסער צופרידנקייט זיינען איר מאַן און זון נאָך נישט געווען. זי האָט זיך געריכט אויף זייער אַהיימקומען. און ווירקלעך, ווי נאָר זי איז אַריין אין שלאָפ־צימער און האָט אָנגעהויבן אַראָפּציען פון זיך דאָס נייע קלייד און די הויך־קנאָפּלדיקע שיך, האָט זי דערהערט ווי די קיכטיר שליסט זיך און די שטימען פון איר מאַן און זון. זי האָט פיבערהאַפט גענומען ציען פון זיך דעם נייעם קאָרסעט און זיך געפּלאָנטערט אין די בענדלעך. אַ ווײַלע שפּעטער איז איר מאַן אַריין אין שלאָפצימער און, באַטראַכטנדיק כאַשקעס צעפלאַמט פּנים, די שמינקע, דעם קונציק צוזאַמענגעדרייטן קאָפּ האָר און דעם גערוך פון פּאַרפום, האָט ער אָנגעהויבן שווער צו סאָפּען, ער האָט זי גיפטיק געשטאָכן מיט זיינע שמאָלע, צוזאַמענגעפּרעסטע אויגן, באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס, געצוקט מיט די אַקסלען און געזייט צווישן די ציין:

— באָבע... אַ באָבע און מאַכט זיך נאַריש.

כאַשקע האָט דערלאַנגט עסן צום טיש. איר זון האָב לעבהאַפט דערציילט עפּעס קאָמישס פון זיין לעצטער „גוירל פרענד". איר מאַן האָט פאַרכמורעט געשוויגן און פויל, לאַנגזאַם געקייט, נישט אויפהערנדיק צו באַגלייטן איר יעדע באַוועגונג מיט אַ פאַרשנדיקן בליק פון פאַרביטערונג און אומצוטרוי.

נאָך דעם, ווי זי האָט צעוואַשן די כלים, ווען איר זון איז אַוועק און איר מאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט איבער אַ צייטונג, איז זי אַריין אין שלאָפצימער, זיך אויסגעצויגן אויפן בעט אין די קליידער און צוגעשלאָסן די אויגן.

איר קאָפּ האָט פיבערהאַפט געאַרבעט. „סאַשאַ, סאַשאַ!" דער נאָמען האָט איר געקלונגען די גאַנצע צייט אין די אויערן. ווי ליב ער איז איר, וואָס פאַראַ קוואַל פון נייע האָפענונגען! דער נאָמען גיט איר אַ ניי לעבן... אַ נייע ליבע... איז דאָס מעגלעך? אָט שפּאַצירט זי מיטן שטאָלצן, פעסטן, ענערגישן סאַשאַן אונטערן אָרעם אָוונטצייט נאָך דער אַרבעט, שבת און זונטיק אין די פּאַרקן און אפשר גאָר אויף אַ וויקענד אָדער „וואַקיישן" אין די מאַונטעינס? אָט טוליעט זי זיך אין די טונקעלע, שטילע נעכט צו אים אויף זיין געלעגער און אַ גליקלעכע, מיט אַ רויִקן, גליק־געזעטיקטן קערפּער, איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס, שלאָפט זי רויִק איין, פאַרוויגט אין זיינע צערטלעכקייטן און זיסע חלומות. סאַשאַ! ווי ער קאָן צערטלען. עס אָטעמט פון אים מענלעכע ענערגיע, ווייבלעכע ווייכקייט, מענלעכע דרייסטקייט און צאַרטע נשמה־אינטעליגענץ. „סאַשאַ"! — זי האָט זיין נאָמען שטיל אַרויסגעמורמלט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איר מאַן איז אַריינגעקומען אין שלאָפ־צימער מיט שווערע סקריפּענדיקע טריט. ער האָט זיין בליק, אַ ביסל אַ באַרויִקטן, געוואָרפן אויף זיין ליגנדיק ווייב און, נישט האָבנדיק קיין גרויס צוטרוי צו

איר „שלעפעריקייט”, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר בעט און מיט אַ ביסל קרעכצנדיקן ניגון זיך גענומען קלאָגן:

— לויפּסט אַרום, כאַשקע. דו ווייסט גאָרנישט, ווי קראַנק איך בין, קוים איך שטיי אויף מיינע פיס. ווייסטו דען נישט, אַז אין ניו־יאָרק האָט מען נישט קיין צייט צו קרענקען, בלויז צייט צו שטאַרבן? איך האָב היינט שיער נישט געחלשט אויפן סטריט און ווען מען האָט מיך אַריינגעפירט צו אַ דאָקטאָר, און ער האָט מיך אונטערגעזוכט, האָט ער מיר לאַנג געקוקט אין די אויגן, אויסגע־פרעגט, צי איך בין פאַרמעגלעך און מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ לייכטע האַרץ־אַטאַקע, אָבער איך מוז זיך היטן, ווייל די צווייטע קאָן זיין אַ שווערע און אַ פאַטאַלע.

דעם לעצטן זאַץ האָט כאַשקע געהערט מיט אָפענע אויגן און פאַרוווּנדערט איז זי געווען, ווען, איבערזאָגנדיק דעם זאַץ, איז ער שנעל אַרויס און זי געלאָזט אַליין. אָבער איר מוח איז איצט געווען באַשעפטיקט מיט עפּעס אַנדערש. דאָס איז געווען די באַמערקונג וועגן זיין וויזיט ביים דאָקטאָר. „האַרץ־אַטאַקע”. זי האָט שוין אַ לענגערע צייט באַמערקט זיין שווערן אָטעם, זיין אָפּשטעלן זיך אין מיטן גיין, זיין באַקלאָגן זיך אויף קאָפּשווינדלען, און אַ שאַרפער געדאַנק, אַ שפּיזיקער, אַ גליטשיקער, ווי אַ נאַסע שלאַנג, האָט זיך דורכגעגליטשט דורך איר מוח: „ער קאָן דאָך פּלוצעם שטאַרבן”. אַ שוידער פון שאַרף זיסער פרייד איז דורכגעלאָפן דורך איר לייב און אַ ציטער פון זיסן תענוג האָט געמאַכט שפּרינגען איר האַרץ. זי וואָלט דאָך געווען דאַן פריי!

פּלוצלינג האָט זי באַנומען שרעקעוודיק די מוראַדיקייט פון איר געדאַנק, פון איר קאַלטער, אכזריותדיקער פרייד פון בויען איר גליק אויף איר מאַנס טויט. אַ ווילדע אַנגסט איז זי באַפאַלן. זי האָט אויפגעשוידערט דערפון וואָס זי האָט זיך אויף אַ מאָמענט דערפרייט דורך אַזאַ וועג פריי צו ווערן. אוי ווי, צו וואָס זי איז דערגאַנגען, אויף וועלכן וועג זי גליטשט זיך!! כאַשקע האָט זיך דערפילט מוראַדיק געפאַלן אין אירע אויגן. זי האָט פאַרבראָכן מיט די הענט און מיט אַ קאַלטן, שטאַרן פּנים און טרוקן בלאַנדזשענדיקע אויגן, האָט זי זיך אַראָפּגעשלעפּט פון בעט, צוזאַמענגעדרייט, צוזאַמענגעבראָכן, איינגעקלאַמערט איר קאָפּ אין די הענט און געוויגט זיך ווי אין אַ משוגעת־אָנפאַל. פּלוצלינג האָבן ווייטע קלאַנגען, ווי פון קלויסטער־גלאָקן פון אירע ווייטע קינדער־יאָרן אויסגעקלונגען אָן אויפהער:
„באָ־בע, באָ־בע, באָ־בע!...”

פאַר אירע אויגן איז אויפגעשווומען איר אייניקל הערעלע, געצויגן זיך צו איר מיט די ראָזע פוכיקע הענטעלעך און, אָנשטעלנדיק די ליפּלעך, פאַרגאַנגען אין געוויין: „באָבע, באָבע”...

זי האָט געזען אַזוי דייטלעך פאַר זיך הערעלען, אַז זי האָט אים ווי אָנגעטאַפּט מיט די הענט, געפילט די וואַרעמקייט פון זיין קליין, צאַפּלדיק, ראָזהויטיק קער־

פּערל. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי דריקט אים צו איר ברוסט און ער נעמט אַרום מיט איין הענטעלע איר האַלדז און טוליעט זיין פּאַרווינט, פּייכט פּנימל צו אירע באַקן און וויינט. זי וויינט מיט, טוליענדיקן זיין יונג, אומשולדיק, אומבאַהאָלפן קערפּערל. און געדריקט האָט זי צו זיך הערעלען אַזוי שטאַרק, שטאַרק, ווי עמעצער וואָלט געוואָלט אים אָפּרייסן פון איר. איר גאַנצער קערפּער איז אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ פאַרצווייפלטן געפיל, אַז אויך איצט איז שוין צו שפּעט.

דער טעות

(סקיצע)

הויכע גרינצווייגיקע רויזן־ביימער רינגלען אַרום דאָס קליינע דאַטשע־דערפל. אַלטע, נידעריקע הייזלעך, וואַלד, פעלד, סעדער, גערטנער זיינען אַרומגענומען מיט תמימותדיקער גרינער אומשולד. פון הילצערנע, רונדע קלעצער זיינען די הייזלעך געבויט, באַוואַקסן מיט גרינעם מאָך און בלויען שימל. אַלטקייט איז זייער יחוס און אַ קלוגע רויִקייט ליגט אויף זיי.

יאָגן זיך? נישטאָ צו וואָס... לעבן מיט די רויִקע מינוטן, צווישן די גרינע לאַנקעס און אַלטע ביימער, די שומרים. מינוטן פון צופרידענער רויִקייט הייסט געלעבט. דער הו־האַ קירצט דאָס לעבן.

✶

משה פלאַנסקי האָט זיך אַרויסגעריסן פון שטאָט. מיט פרייד פּטור געוואָרן פון די שטויביקע גאַסן, רינשטאָקן און פונעם סקריפּענדיקן טומל, וואָס גרילצט און רוישט ביז שפּעט אין דער נאַכט. פלאַנסקי האָט ליב געהאַט דעם וואַלד און גיין פלעגט ער צום וואַלד דורך דעם קליינעם פעלד לעם ברונעם, ווו די פּויערים טרינקען אָן זייערע פערד. דער אַלטער קלאָץ קרעכצט און בויגט זיך צום שוואַרץ שפּיגלדיקן וואַסער און צום פאַרחלומטן ברונעם, שלעפּט אַרויס מיט אימפּעט דעם עמער, פון וועלכן די מידע פערד זופן דאָס קאַלטע, קלאָרע וואַסער און יאָגן אָפּ פויל מיט די ווידלען די עקשנותדיקע פליגן.

אָבער דאָרט ווו דאַטשע, דאָרט איז יוגנט, דאָרט איז פלירט — און פלאַנסקי האָט אויך אַ פלירט. אַ דאַטשניצע, אַ שולמיידל, וואָס איז ערשט דריי טעג אין דעם דאָרף פון דער גרויסער ווילנער גובערניע. געקענט האָבן זי נאָר דריי בחורים — משה פלאַנסקי און צוויי חברים, וועלכע האָבן איר זונטיק אין דער

פרי געהאָלפן אַראָפּצוגיין פון דער פויערישער פור און אַלס דאַנק האָט זי איינעם אַריינגעשטעקט אַ רויטן עפּל אין מויל און דעם אַנדערן האָט זי געשיקט אַ לופטקוש מיט אַ האַרציקן געלעכטער.

אַ צווייט מאָל האָט זי משה פּלאַנסקי געטראָפן בלאָנדזשענדיק אַליין אין וואַלד, שפּרינגענדיק פון איין קוסט צום צווייטן. שאַרף האָט זיך אויסגעטיילט איר קינדיש־מיידלשע פיגור, אַ פּאַרלוירענע דורך דער הויכקייט פון ברייט צעוואַקסענע ביימער, וועלכע האָבן כמורעדיק פאַרשלונגען איר קליין פיגורל ווי אַ קליין אומבאַהאָלפן באַשעפעניש אויפן פּאָן פון די באַגרינטע צווייגן און גרינגראָזיקער קאָלדרע. און ווען זיי האָבן זיך דערזען, די צוויי נאַטורן, האָבן זיי אָן אומרויִקייט דערשפּירט פאַר עפּעס אומבאַמערקטס, וואָס פאַרבינדט זיי פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט.

די לוסטיקע דאָבקע האָט שרעקעוודיק געפינטלט מיט די אויגן און איז שטיל געוואָרן און ווען פּלאַנסקי האָט זי אונטערן האַנט גענומען און שפּרייזנדיק געקוקט צופוסן אויף די געקנעטענע בלעטער, זיך צוהערנדיק צום זשומעדיקן וואַלדלעבן, האָט דאָבקע מיט הנאה און דרך־ארץ זיך צוגעהערט צו פּלאַנסקיס ווייך לאַשטשענדיקער שטימע, וואָס האָט דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס פון רוסלאַנד. פּלאַנסקי, אַלס האַנדלס־רייזנדער, האָט אַרומגערייזט אין אַלע עקן פון דער ברייטער, אומענדלעכער רוסלאַנד, איז אויסגעווען אין אירע פאַרוואָרפנסטע ווינקלען, פון וואַרעמען קאַווקאַז ביזן קאַלטן סיביר, און באַזוכט פאַרבאָרגענע מקומות, ווו קיין יידישער פוס האָט נאָך קיין מאָל נישט באַטראָטן.

פון דעמאָלט אָן האָט די גאַנצע דאַטשע־קאָלאָניע אָפּט געזען דאָבקען, אָדער ווי מ'עז פלעגט זי דאָרט רופן, דאָרע זילבערשטיין, מיט פּלאַנסקין אין די זומער־אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, בלאָנדזשענדיק אין וואַלד.

דאָס לעבן האָט זיי צעשיידט. ער האָט געוואַנדערט איבער דער ווייטער צעוואָרפענער רוסלאַנד אַלס פירמע־רייזנדער און זי האָט שטודירט אין אַ גרעסערער שטאָט.

ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג. דער גאַנצער מזרח־געביט איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשישע חיילות און בתוכם אויך די גאַנצע ווילנער גובערניע. און דאָרט האָט זיי דער גורל צוזאַמענגעבראַכט אין דער אַלטער ווילנע.

ער האָט שוין אָבער דאָבקען נישט דערקענט. די זעקס יאָר, וואָס פאַר אַנדערע וואָלטן זיי אַדורך אומבאַמערקט, האָבן אָבער אַזאַ נאַטור רייף געמאַכט. דאָבקע איז גיך צייטיק געוואָרן אין דעם גרויסשטעטישן לעבן אונטערן איינדרוק פון לייכטן צוזאַמענקומען זיך און שיידן.

אַ קנויל רויך האָט זיך געפּלאָנטערט אין דער לופטן שפּילנדיק און זיי צעשיידט.

דאַבקע איז געזעסן אין ווייכן פאָטעל, וועלכער האָט אַרומגענומען איר שלאַנקע פיגור, און פאַרלייגנדיק איין פוס אויף דעם צווייטן, מיט האַלב־פאַר־מאַכטע אויגן באַטראַכט פלאַנסקין.

פאַרגליווערט און אומעסטעטיש האָט זיך איר אויסגעוויזן זיין פּאָזע: אַלט, איינגעהויקערט.

ס'האָבן אַריינגעקוקט דורכן פענצטער די לאַנגע פּאַסן פון בלאַטיקן שניי, צעשניטענע דורך די שווערע סאַפּענדיקע אויטאָמאָבילן און סקריפּענדיקע פויערישע וועגענער.

איר מוח האָט פיבערהאַפט געאַרבעט און אירע אייגעלעך האָבן שטודירט זיין פּנים, אַזאַ באַקאַנטן און אַזאַ אומבאַקאַנטן. ער האָט זי פאַרשטאַנען און דאָס האָט אים פאַרשאַפט נאָך מער ביטערניש.

„אַן אינטערעסאַנטער מאַנספּערשוין", — האָט דאַבקע, פאַרזשמורענדיק דאָס לינקע אויגל געטראַכט. זי איז נאָך מיט זעקס יאָר צוריק געווען אַ יונג נאַריש מיידל, קיין מענטשן נישט געקענט.

זי באַמערקט אָבער אַ בייזקייט צו איר, אַ שאָטן פון פאַרוואורף, אַ קאַלטקייט אין זיין אומגאַנג מיט פרויען.

ער האָט פאַרשטאַנען איר טראַכטן, פון איר אָפּטן קוק אויף די קנוילן רויך פון איר דין סיגאַרעטל, דורך די נערוועז־האַסטיקע באַוועגונגען.

דאַבקע האָט דעם לעצטן לאַנגן צי געגעבן און מאַיעסטעטיש אַוועקגעשליידערט דאָס אויסגערייכערטע סיגאַרעטל.

„אַן ענלעכן סוף האָבן אירע ליבע־אַוואַנטורעס, דאָס זעלבע אַוועקשליידערן".

— האָט פלאַנסקי געטראַכט און אויף איר קרום אַ קוק געגעבן. ער האָט זיך דערשפּירט נישט היימלעך און מיט איין זייט פון מויל געשמייכלט.

זי האָט געכאַפּט זיין שמייכל און זיין גלייכגילטיקן קוק. ס'האָט איר פאַרדראָסן. ער זיצט לעם איר און מאַכט זיך, ווי אים איז לאַנגווייליק. זי פאַרשטייט, אַז דאָס איז אַן אָנזאָג, אַ גרייטן זיך. נאָר דאָך, זי איז דאָך פרוי.

אָבער שיין איז ער. איינגעבוירענע אינטעליגענץ, געשליפנקייט. און זיין קוק — אַ האַלב פאַרטונקלטער, דער סימן פון זיין איינגעהאַלטענעם טעמפּעראַמענט. זי האָט אים מיט זעקס יאָר צוריק נישט געקענט. רוי געווען.

„איז ער פעיק צו ליבן?" — האָט אַ געדאַנק ביי איר דורכגעבליצט. זי האָט אָנגעהויבן לאַכן. פלאַנסקי האָט פאַרוואונדערט אויפגעהויבן זיינע ברעמען.

— ווען איר ווייסט פון וואָס איך האָב איצט געלאַכט?

— איך שטעל זיך פאָר... — האָט פלאַנסקי געשמייכלט.

— וואָס שטעלט איר זיך פאָר? — האָט זי אים חוזקדיק געקוקט אין די אויגן.

— מסתמא פון נישט קיין גאַנץ צניעותדיקע זאַכן — האָט ער גלייכגילטיק באַמערקט.

זי האָט אים דורכדרינגלעך געקוקט אין די אויגן. נאָך דעם, גענעצנדיק און אויסציענדיק די האַנט מיט אַ געמאַכטער פוילקייט, זיך אויפגעהויבן, זיך געשטעלט לעם שפיגל, פאַרריכט אירע האָר, אָפּדעקנדיק די עלנבויגנס פון אירע נאַקעטע הענט, גלעטנדיק זיי מיט ליבשאַפט.

ווען דאָבקע האָט זיך אומגעדרייט פון אַ שטילן געוויש האָט זי אים שוין געזען ביי דער טיר, העפלעך גריסנדיק, מיט דער זעלבער לאַנגווייליקייט, מיט זיין מידן, אָפּגעלעבטן פּנים.

זי האָט זיך פאַרלוירן און צוגעלאָפן צו דער טיר:

— היינט אין אָוונט וואַרט איך אויף אייך... אַלע וועלן זיין!

זי איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין און חרטה געקריגן. צו וואָס האָט זי דאָס באַדאַרפט? דאָבקע האָט אומצופרידן געביסן די שפּיציקע, מאַניקירטע נעגל.

אין אָוונט איז אין דאָרע זילבערשטיינס צימער געווען טומלדיק. אַ דריי סטו־דענטן, אַן אַקטיאָר פון אַ צוגעפאָרענער טרופּע און אַ סוחרס אַ זונדל האָבן דעם קליינעם צימערל מיט דער גאַנצער מענערישער פּשטות אין אומאָרדענונג געבראַכט.

דאָרע איז געזעסן אויפן טיש און דערציילט עפּעס פריילעכס. די מענער האָבן געלאַכט. דעם סוחרס זונדלס קוויטשיק געלעכטער האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיטן אַקטיאָרס באַריטאָן־שטימע.

פאַרוואָרפנדיק דאָס קעפּל אויף הינטן, האָט דאָרע געלאַכט און געקינצלט האָט געהילכט איר לאַכן. ס׳האָט עפּעס געפעלט צו דאָרעס געוויינטלעכן פרייען האַלטן זיך און דאָס האָבן אַלע געשפּירט און דאָרע אויך.

„שוין האַלב צען. פּלאַנסקי וועט שוין זיכער נישט קומען. ס׳פּיקט נישט" — האָט זי בייז געטראַכט.

די דינסט האָט אַנגעקלאַפּט און דערלאַנגט אַ בריוול. דאָרע איז אומגעדולדיק צוגעלאָפן, זיך צוריקגעהאַלטן און גלייכצייטיק אַ קוק געוואָרפן אויף איין זייט קאָרטע, ווי משה פּלאַנסקיס נאָמען איז געדרוקט און אויפן צווייטן זייט געלייענט:

„פריילין זילבערשטיין! איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך קאָן ליידער נישט מיטזיין אין אייער אַנגענעמער געזעלשאַפט און איך האָף, אַז אייערע פריילעכע קאָלעגן וועלן פאַרפילן מיין אָרט. אייער פאַרשולדיקטער משה פּלאַנסקי".

דאָרע האָט איראָניש פאַרקרימט די ליפּן. באַמערקנדיק די נייגעריקע בליקן פון די אַרומיקע, איבערהויפּט פון דעם זיך רויטלענדיקן רעזניקן, דעם סוחרס זונדל, האָט זי מיט אַ געמאַכטער עניוות באַמערקט: אַ בריוול פון אַ באַקאַנטן, וואָס בעט מיך מאָרגן אַ באַזוך.

רעזניק איז נאָך מער רויט געוואָרן און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט

זיין צעפלאָמטן פּנים. ער האָט כסדר מיט דעם פּערפומירטן טיכל געווישט דאָס פּנים. די סטודענטן האָבן געשמייכלט איינער צום אַנדערן פילבאַדייטנדיק און דער אַקטיאָר האָט זיך געטרייסלט פון לאַכן:

— מסתמא עפּעס אַ נייער העכט, וועלכן אייערע ווייסע ציינדעלעך האָבן איינגעביסן... כע,כע, כע...

— נאָך ווי... — האָט זיך נישט דרייסט ביי רעזניקן אַרויסגעריסן און ער האָט גלייך חרטה געהאַט.

— וואָס, דו יינגל אויך? דעם טאַטנס קינד... — האָט זי אים גיפטיק נאָכגעקרימט.

— פריילין זילבערשטיין! איר דערלויבט זיך מיט מיר צו פיל! — האָט רעזניק געענטפערט אַ צעפלאָמטער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע.

דאָרע האָט פאַרשטאַנען איר אומטאַקטישקייט. זי האָט האַסטיק מיטן פינגער געווישט דעם פאַרטויטן פענצטער, דורך וועלכן ס'האָט זיך געזען דער צעריבענער שניי אין דער צעצויגענער ווי מיט טינט באַשפריצטער גאַס אין בלייכן שיין פון די גאַזלאָמפּן.

די געסט זיינען זיך צעגאַנגען. די סטודענטן, טופּענדיק אויף איין אָרט, דער אַקטיאָר מיט אַ טאָן פון אַ גוטן ברודער און רעזניק האָט געמאַכט אַ שריט פאָרויס, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דערנענטערט זיך, באַרעכנט און אַן אָנגעברוגזטער אַרויס.

דאָרע איז געבליבן אַליין. זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך נישט דערקענט: אַ מיד, אומעטיק פּנים האָט פון דאָרט אַרויסגעקוקט. אָט אַזוי איז זי נאַטירלעך.

דאָרע האָט מיט אַ ציטער דערזען אין שפּיגל אַ בלאַס פּחדנותדיק פּנים מיט גרויסע, ווילדע אויגן. מיט געוואַלד האָט זי זיך פון שפּיגל אָפּגעריסן, זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל ווייַן, מיט איין מאָל אויסגעטרונקען און געוואָרט. די קליינע שפּינען־געדאַנקען זיינען צעטראָגן געוואָרן. זי האָט אַ צווייט און אַ דריט מאָל אויסגעטרונקען, האַלטנדיק דאָס גלעזל מיט אַ צערטלעכער ליבשאַפט. זי האָט געפילט אַ לייכטקייט אין גאַנצן קערפּער, נאָר אין הארצן אַ טיף נאָגן, ווי עמעצער וואָלט דאָרט געדריקט און געצויגן מיט דער גאַנצער שווערקייט. און וואָס מער זי האָט געטרונקען, וואָס לייכטער און צעשוווּמענער אירע געדאַנקען זיינען געוואָרן, האָט זי די טעמפּע שווערקייט, דאָס האַרץ־דריקעניש שטאַרקער אָפּגעפילט. עס איז זיך אין איר צעוואַקסן אַן אינערלעכער ווייטיק, אַן אומבאַוווּסט געפיל פון אויפרעגונג.

מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ציין און פאַרביסנקייט האָט זי געקנאַטן דאָס גלעזל אין די הענט און דאָס העלדזל איבערגעבראָכן אויף אַ העלפט. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן אויפן באָדן און צעטראָטן די האַרט כרושטשענדיקע שטיקלעך גלאָז

מיט די פיס. כליפּענדיק, האָט זי איר נאָזטיכל געריסן אויף שטיקלעך. מיט ברייט צעעפנטע אויגן פלאַנסקיס וויזיט־קאַרטע אין דער האַנט געקנאָטן, ווידער זי אויסגעגלעט, איבערגעלייענט טעמפּ און מיט די ציינער צעביסן אויף פּיצלעך. אומגעדולדיק האָט זי אַראָפּגעריסן פון זיך די קליידער און אוממעכטיק אַנידער־געפאַלן אויף דער סאָפע, ציטערנדיק מיט איר גאַנצן קערפּער. זי האָט געשפּירט אַ פאַרדרוס צו עמעצן, אַ רחמנות צו זיך אַליין.

דאָרע האָט לאַנג געכליפּעט ווי אַ קליין קינד, פאַרשטעלנדיק דאָס פּנים מיט די הענט, ווי זי וואָלט זיך געשעמט פאַרן קאַלטן גלייכגילטיקן עלעקטרישן לאָמפּ און פאַר די שטיל פאַרטראַכטע שטובמעבל.

✶

פאַרנאַכט. פאַרכמורעטע וואָלקנס פּילן אָן מיט טונקעלע שאָטנס דאָרעס צימערל. זי זיצט אין טיפן פאָטעל, זיך עטוואָס וויגנדיק. דאָס פּנים בלאַס, פאַרגליווערט.

פלאַנסקי זיצט נעבן איר, גלעט איר האַנט, קוקט אויף איר מיט נייגעריקייט און צופרידנקייט. אַ ליבלעך געפיל וואַרעמט אין אים. שטיל אין צימערל. די האַלב־טונקלקייט וויקלט זיי אַרום, פאַראייניקט זיי, גיסט צונויף די צוויי צונויפגעטוליעטע געשטאַלטן, וואָס זיינען איצט מיט די געדאַנקען אַזוי ווייט פון דער אַרומיקער וועלט.

פלאַנסקי פילט די וואַרעמקייט פון דאָרעס קערפּער און דאָרען דוכט זיך, אַז זי וויגט זיך אויף אַ שיף אין אַ וואַרעמער זומערנאַכט.

פלאַנסקי איז אומרויִק. ער שפּירט די נאָענטקייט פון דאָרעס קערפּער, זי רייצט אים, וועקט זיינע בלוט־אינסטינקטן פון זיין לאַנג איינגעהאַלטענער ליידנ־שאַפט. זיינע באַוועגונגען ווערן דרייסטער.

דאָרע קומט צו זיך, עפנט אויף די אויגן און טרעפט זיך מיט פלאַנסקיס פינקלדיקן בליק, מיט זיין פייכט־גלאַנציקן ברען אין די אויגן. זי קען גוט דעם מענערקוק, וואָס באַליידיקט זי אַזוי אָפט.

פלאַנסקי האָט זי ליידנשאַפטלעך געקושט און איז אַלץ ברוטאַלער געוואָרן. דאָרע האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס און אַ טעמפּער געדאַנק האָט איר מידן קאָפּ דורכגעשניטן: ער, פלאַנסקי, אַזוי חוצפהדיק. זיינע פינגער ווי אַ נאָסע, גליטשיקע זשאַבע. זי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט און מיד, אויפגערעגט, געשמיסן אים אין פּנים די ווערטער:

— איר זענט נישט בעסער ווי אַלע... און איך האָב געהאַט אַ טעות... פאַרלאָזט מיך. נישט ווערט די מינוטן.

✶

פלאַנסקי זיצט לעם וואַשטיש מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ. ער דריקט צונויף פּעסטער די שפּיצן פון דער נאַסער סערוועטקע.

ער קוקט אין פענצטער... דעכער פאַרשנייטע. דעכער מיט נאַקעטע קוימענס, אַ ווייסער בית־עלמין, וואָס יאָגט זיך צו אים, קומט נענטער פון דער אַלטער ווילנע און זוכט אים, פלאַנסקין, צו דערשטיקן.

פון דער ווייטן קוקט אויף אים גלייכגילטיק דער ווילנער באַרגשלאָס. דער פאַרשנייטער שפּיץ זעט אויס ווי אַן אינדזל פון טרוימען.

פלאַנסקי רייסט פּלוצלינג אַראָפּ דאָס טיכל פון שטערן, כאַפּט דעם ווינטער־מאַנטל און לויפט אַרויס פון צימער. ער גליטשט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ, לויפט מיט אימפּעט צום ראָג פון דער פאַרפרוירענער גאַס, צו די ברייטפּלייציקע שאַטנס, שפּרינגט אַריין אין שליטל.

— פּאַשאָל!

דער שליטלמאַן דרייט זיך האַסטיק אום, באַקוקט אים פאַרוווּנדערט, שאָקלט מיט די פאַרפרוירענע וואָנצעס:

— וואוהין?

— פּאַשאָל! — ריטשעט פלאַנסקי ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה און פילט אַ בלוטיקע שנאה צו דעם פעלצענעם, גרויסן קאָפּ.

דער שליטלמאַן קוועטשט מיט די פּלייצעס, גיט אַ האַסטיקן צי די לייצעס און שוין גליטשן זיך פאַרביי די בלאָטיק צעטראָטענע שניי־אַספּאַלטן. פלאַנסקי יאָגט אַלץ דעם שליטלמאַן צו פאָרן שנעלער.

ס'פליט פאַרביי דער שיינער, ברייטער נאָווא־געאָרגיעווסקער פּראָספּעקט, די שענסטע גאַס פון ווילנע. די רוסישע צערקווע מיט די ביבלישע אָרנאַמענטן. דער שלאָסבאַרג, דער הויכער, פאַרשנייטער ריז, פון וועלכן ס'פלעגט זיך הערן אין פרידנסצייט איבער גאַנץ ווילנע 12 ביי טאָג דער קאַנאָנען־שאָס.

דאָס שנעלע פאָרן האָט פלאַנסקין אָפּגעקילט און ער איז צוגעפאָרן צו זיין רעסטאָראַן, ווו ער איז געווען אַן אָפטער באַזוכער. פלאַנסקי האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל. ער האָט נישט געגעסן, נאָר האַסטיק געריכערט איין סיגאַרעט נאָכן צווייטן. ער האָט באַשטעלט קאָניאַק.

זיין פּנים האָט זיך געקרימט אין אַ האַלב־שיכורן שמייכל. זיין קאָפּ האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, ווי ער וואָלט נישט אויסגעהאַלטן זיין שווערקייט.

אַ קלאַפּ אין פּלייצע און אַ באַסאָווער געלעכטער האָט אים אויפגעמונטערט.

— פלאַנסקי? דו? גליקלעכער...

פלאַנסקי האָט זיך דערפרייט. דאָס איז געווען זיין שטענדיקער פריינד פון קאָרטן־שפּילן און פריילעכע אַוואַנטורעס, דער אַלטער, רייכער בחור, זיידמאַן.

— גליקלעכער? — האָט פּלאָנסקי געקרימט די ליפּן.

— זע, ברודער! וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? לאָמיר נעמען אַ כּוסע! — האָט זיידמאַן זיך צוגעזעצט און, נישט וואַרטנדיק, זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל איין מאָל און אַ צווייט מאָל.

זיידמאַן האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו פּלאָנסקין און פריילעך גערעדט:

— ברודער פּלאָנסקי, איך זע, אַז דו ווייסט נאָך גאָרנישט... דעריבער, גוטער ברודער, מוז איך דיר דערציילן אַ געשיכטע, וועלכע איז פאַרלאָפן נעכטן אָוונט און אין וועלכער דו שפּילסט אַ גרויסע ראָל.

— דו ווייסט, דאָרע זילבערשטיין איז נישט גלייכגילטיק צו דיר. נעכטן זיינען מיר געווען אויף אַ באַל, איינגעאָרדנט דורך איינעם, אַ רעזניק, אַן אויפגעקומענעם מלחמה־גביר. מיר זיינען דאָרט געווען אַ גרופּע פון די „אַלטע" יונגוואַרג און מיר האָבן געמאַכט אַ היפּש ביסל כּוסות, זיך פיין געוויילט און דערציילט אַנעקדאָטן און רכילותן. איינער פון אונדז, דו קענסט אים, דער גראָבער טוך־סוחר מילמאַן, האָט, דערציילנדיק רכילות פון דער סוחרישער וועלט, אָנגערופן דיין נאָמען, ער האָט געזאָגט, דער גראָבער מילמאַן, אַז... צוליב דיר האָט דיין בעל־הבית באַנקראָטירט... דאָס הייסט, נו... ער האָט געזאָגט, אַז דו האָסט אים באַגנבעט. וואָלסט געדאַרפט זען, ווי דאָרע האָט זיך אויפגערעגט! זי האָט אים שיער נישט די אויגן אויסגעדראַפּעט.

פּלאָנסקי האָט שוין מער נישט געהערט. זיך האַסטיק אָוועקגעריסן פון טיש און דריקנדיק די האַנט זיידמאַנען, וועלכער האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, האָט ער זיך געלאָזן צום אַרויסגאַנג.

*

פּלאָנסקי האָט נערוועז אָנגעקלונגען ביי דאָרעס טיר. די דינסט האָט אים געעפנט און אַריינגעלאָזט אין פּירהויז. ווען ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דאָרעס צימער, האָט אים די דינסט פאַרשטעלט דעם וועג און געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל פון רויִקייט:

— מיין הער, אַנטשולדיקט! די פריילין דאָרע האָט מיר געהייסן אייך מעלדן, אַז זי קאָן אייך נישט אויפנעמען... זי האָט זיך פאַרלאָבט מיטן יונגן סוחר רעזניק...

פענדזל־שטריכן פון ביאַליסטאָקער באַל

(געשטאַלטן פון אַ מאָל און היינט)

— אַלזאָ, גייען מיר אויפן ביאַליסטאָקער באַל ? האָט מיך מיין פרוי פּאָר־זיכטיק געפרעגט און דיפּלאָמאַטיש אַנטשוויגן געוואָרן, וואַרטנדיק אויף אַן ענט־פער. איך האָב געשוויגן.

— איך מיין נישט גיין, נאָר פאָרן — האָט מיין פרוי וויצלדיק פאַרגעזעצט.

— ניין, מיין ווייב, — האָב איך געענטפערט — מיר וועלן נישט פאָרן צום ביאַליסטאָקער באַל... און נאָך אַ לאַנגער פויזע, האָב איך פאַרענדיקט: — מיר וועלן פליען צום ביאַליסטאָקער באַל.

איך האָב זיך לאַנג פאַרטראַכט. ביאַליסטאָק... עך, ביאַליסטאָקער באַל! ביאַליסטאָק! מיט וואָס פאַר אַ כישוף האָסטו מיך באַצויבערט, אַז דיין נאָמען וועבט מיך אַרום מיט פאַנטאַזיעס און חלומות, מיט די זיסטע, צאַרטסטע קלאַנגען, וואָס מאַכן שטאַרקער קלאַפּן מיין האַרץ און ווי אַ פאַרליבטער אין חלום ציִ איך זיך צו דיר.

אָ, ביאַליסטאָק! איך בין צוגעוואַקסן צו דיר ווי אַ סיאַמישער צווילינג, וואָס אַפילו די כירורגישע אָפּעראַציע פון די היטלעריסטישע מערדערס האָט מיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דיר, און מיין פאַרליבטע נשמה שוועבט איבער דיינע פּאַר־ברענטע חורבות און פלאַטערט אין דער הויך אונטער דיין הימל, זוכנדיק און נישטערנדיק אין דיינע חרובע גאַסן רעשטלעך פון מיין קינדהייט און טרוימען פון מיין יוגנט...

בלייב שטיין, פעדער! גיי נישט ווייטער! ווייל איך קאָן נישט מער. ספּאַז־מעס דריקן מיין האַלדז. פאַרגעס אַז דו ביסט מאַנסביל? בלייב קאַלט, גיב זיך נישט אונטער! אָבער איך בין באַזיגט. איך קאָן נישט מער. איך לאָז אַראָפּ מיין קאָפּ איבער דעם פּאַפּיר, קלאַמער אים איין אין מיינע הענט, גראָב איין מיין פּנים און קאָנוווּלסיעס צוקן מיינע פּלייצעס, און אַ שטילער שלוכצן שטראָמט פון מיינע אויגן. וויין, וויין, ביאַליסטאָקער ייִד, וויין מיט דיינע פּוילישע ברידער ייִדן, וואָס זייערע גסיסה־אַנגסטן הענגען אונטער די הימלען פון פּוילן. אָ, ווען איך קאָן ווי שמשון הגיבור אַרומנעמען די פיר עקן פון דער וועלט, זי מיט סאַטאַ־נישע כוחות צוזאַמענפּרעסן, זי זאָל לאַנגזאַם קראַכן, פונאַנדערפאַלן, באַגלייט מיט מוראַדיקע בליצן און דונערן און זי באַגראָבן אונטער זיך, אָט די וועלט פון רשעות און די גזלנישער קאַלטקייט.

האָטעל „דיפּלאָמאַט". דיפּלאָמאַט? ווי קומט צו ביאַליסטאָקער ייִדן אַ צוזאַמענ־טרעף פּונקט אונטער אַזאַ נאָמען? מיר, ביאַליסטאָקער ייִדן האָבן פון דיפּלאָמאַטיע

נישט געהאַלטן. גראַדלינקייט, גלייך־שכלדיקייט, אָפנהאַרציקייט און אויפריכטיקייט — דאָס זיינען געווען אונדזערע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס האָבן אונדז געשטעלט אין שאַרפער אָפּאָזיציע צו דער פּוילישער רעגירונג, וואָס האָט אָנגעווענדט קעגן אונדז די היפּוכדיקע פּאָליטיק: יעזויִטישע אינטריגאַנטישקייט, ראַפינירטע אויס־פלינדערונג, פאַלשקייט און סם־סובסטאַנצן איינגעוויקלטע אין פאַרזיסטע טאַבלעטן.

ביים טיר פון גרויסן זאַל, זיינען אונדז מקבל־פּנים עטלעכע גוטמוטיקע, שמייכלענדיקע, מיטליעריקע פרויען, וואָס דערפרייען זיך מיט זייערע „ערשטע קונדן" און שפּיליען אונדז אַן אמתע לעבעדיקע בלומען.

מיר זיינען פון די ערשטע. איך קום אַריין אין גרויסן זאַל, און שוין זיינען מיינע נערוון אָנגעצויגן. איך בין פינף יאָר אין אַמעריקע און דאָס איז דער צווייטער באַל פון די ביאַליסטאָקער, וואָס איך באַזוך, און שטענדיק האָב איך דאָס זעלבע געפיל: ווי איך וואָלט געניִשטערט אין פאַרשטויבטן אַרכיוו פון מיין יוגנט.

איך קוק זיך שאַרף איין אין די פּנימער, באַטראַכט ווי אַ געניטער פיזיאָ־נאָמיסט זייערע קאָנטורן, און ס'בליצט אויף פאַר מיר עפּעס באַקאַנטס פון זייערע אויגן, בליקן און באַוועגונגען. אַן אויסגעהונגערטער נאָך חברים פון די קינדער־יאָרן און נאָך יוגנטפריינד, בלאָנדזשע איך דורך דער מאַסע פון עלטערע באַ־גרויטע פרויען, מיט צעשוווּמנעע פרויען־היפטן, פון מענער אין פיליאַריקער צע־גאַנקייט און בעל־הביתישע בייכלעך, צעפּאַלדעוועטע פּנימער און ווייסע קעפּ. מיטליעריקע מענער אין ברייט צעפּלאָסענע אָנצוגן, ווייסע, געפּרעסטע אויבער־העמדער, מיט ווילד־רויטע אָדער ראַשיק־פאַרביקע קראַוואַטן וואָס שניידן מיין אייראָפּעיש אויג, וואָס איז נאָך נישט צוגעוווינט צו די לעבעדיקע פאַרבן פון אַמעריקאַנער „סטיילס". דער לעבעדיקער, רוישיקער זשומיקער שמועס, צוזאַמענ־געמישט מיט רויך, הענגט אין דער לופטן. עס אָטעמט מיט וואַרעמע געפילן פון פריינדשאַפט און נאָענטקייט. קלאַסן זיינען דאָ אָפּגעווישט. דער רייכער פאַבריקאַנט און אָרעמער אַרבעטער, דער באַס און שאַפּמענטש, אַלע זיינען זיי צוזאַמענגעמישט אין דער מאַסע פון ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט, וואָס טרעפן זיך דאָ פון יאָר צו יאָר, דערפרייענדיק זיך, אַרומכאַפּנדיק זיך, אויספרעגנדיק אויף די בני־בית און דערוויסנדיק זיך ווער פון די קינדער האָט חתונה געהאַט, און ווער רחמנא לצלן איז געשטאָרבן, ווער עס „האָט געמאַכט געלט" און ווער עס איז געגאַנגען גע־בראָכן, ווער עס האָט באַקומען אַ גרוס פון אַ לעבן־געבליבענעם קרוב און ווער עס האָט שוין אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען. צווישן דעם עולם דרייט זיך „די דריטע גענעראַציע" פון ביאַליסטאָקער, די אייניקלעך, יונגע מיידלעך אין פאַר־ביקע קליידלעך, וואָס שפּרינגען ווי קוועקזילבער, רויכערן סיגאַרעטן מיט דער עלעגאַנץ פון אַ פאַריזער סוברעטין, טאַנצן אויס אַ „דזשיטערבאַג", דרייענדיק

קונצנמאַכעריש מיט די פלינקע היפּטן ווי אַ בויך־טענצערין אויף אַ פּערסישן מאַרק. דער געזשום פון קולות און געלעכטער, די בליצנדיקע אויגן און די געהויבענע שטימונג ווערן געדעקט פון דעם אָרקעסטער אונטערן נאָמען „וואַרשעווער קאַפּעליע" און עס גייט אַן אַ קאַנקורס ווער עס וועט וועמען איבערשרייען — דער עולם די „וואַרשעווער קאַפּעליע", אָדער פאַרקערט.

און די „וואַרשעווער קאַפּעליע" צעלאָזט זיך: פאַרצייטיקע וואַלסן און פּוילישע פּאַלקעס, אַ קראַקאָוויאַק און „פּאַי לאַסטאַטשקאַ פּאַי" פאַרבראָקט מיט אַ נעגעריש האָטענטאָטישן דזשאַז, שאַרעוודיקער פאָקסטראָט און עלעגאַנטער טאַנגאָ, וואָס באַצויבערט מיט זיין פאַרוויגנדיקן ניגון און פּלאַסטישע פיגורן, און פאַרשיכורטן טאַנץ פון פּראָנצוויזישן לאַזונג: דורשט נאָך לעבן.

איך טרעף שוין געוויסע באַקאַנטע. אָט מאַרשירט אַדורך די שטייפע, הויכע פעסטע פיגור, מיט זיין רויִק אַסקעטישן פּנים און באַזילבערטן קאָפּ: דוד סאַהן! אַ געפיל פון ענערגיע און פאַראַנטוואָרטלעכקייט דריקט אויס זיין געזיכט. ער קען מיך נישט. איך האָב אייביק אין לעבן ליב געהאַט צו זיין אַן אָבסערוואַטאָר פון אַ זייט, אַ רואה ואינו נראה.

אַ בילד פון האַרציקער איבערגעגעבנהייט צום ביאַליסטאָקער „האָום" שטעלט פאָר מיט זיך דער „היימיש אימפּראָוויזירטער" בופעט. אַכט אָדער צען פרויען, מיטליעריקע, מיט גוטע, מאַמישע אויגן, האָבעווען אַרום בופעט צו סערווירן געסט, און, מאַמעלעך, וואָס פאַר אַ מאכלים! אָט האָט איר היימישע קלאָפּסלעך וואָס שמעקן מיט יידישן באַטעמטן קנאָבל, פיש געפרעגלט אין אַ שבתדיקער מעל־פאַרמושקע, געדיכטע אייער ווי אין אַ יידישער קרעטשמע, ביאַליסטאָקער קוכעלעך, אַ ביסל צו מיקראָסקאָפּיש פאַר אַ ברייטן אַמעריקאַנער מאָגן. אַ געזאַלצענער מאָדערנער לאַקס און אַ דעליקאַטעסן־סטאָר־„סאַלאַמי", וואָס דערמאָנט אין טעם אין פערטלס דאַרער קישקע.

און מיט וואָס פאַר אַ מצווהדיקן אַרומהאָבעווען האָבן דאָס די „דאַמען פּאַטראָנעסעס" באַדינט, יעדן סענדוויטש ליבלעך אַרומגעלייגט מיט סאַלאָט און „וויטאַמין־גרינסן" און צוגעווונטשן מען זאָל עסן געזונטערהייט.

און אויך דעם „בירסאַלאָן" האָט מען נישט פאַרשעמט. צום טרינקבופעט האָבן זיך שוין צוגעקלעפּט מערסטנס יוגנט, וואָס האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אַמעריקאַנער סקאָטש און וויסקי. זיי האָבן קונציק געמישט אין קאָקטייל־סיסטעם מיט סאָדעס ווי געניטע פאַכלייט, און זיס צערטלעך, שטיפנדיק, זיך געקוקט אין די אויגן, פאַרשייט זיך צורוקנדיק גאַנץ נאָענט און זיך ברייענדיק מיט גלאַנציקע אויגן פון צעברויזטן, יונגן בלוט. „באַקכוס", דער גאָט פון שיכּרות, האָט זיך צוזאַמענגעפּאָרט מיט „אַמאָר", דעם גאָט פון ליבע.

אָט איז פאַר מיר אַן אָנגענעמער סורפּריז! איך טרעף מיין אַמאָליקן שול־חבר, שאַצקי (מאַניע דער אַקושערקעס זון), דעם אַמאָליקן דאָן־זשואַן און האַרצ־

פּרעסער פון די שילערינס פון פּראָפעסיאָנאַל־שולע. מיר ווערן פּאַרפּלייצט פון זכרונות פון די שוליאָרן. אַ קאַליידאָסקאָפּ פון לערער־טיפּן שווימען פאַרביי, יוגנט־שטיפעררייען און זיס גערוועבטע האָפענונגען אויף דער ווייטער, אַזוי פיל צוזאָגנדיקער צוקונפט; און עס קלינגען אין מיינע אויערן די ווערטער פון דעם אַ מאָל אַזוי באַרימטן רוסיש־יידישן דיכטער נאַדסאָן:

ווי ווייניק געלעבט, און וויפל דורכגעלעבט
ליכטיקע האָפענונגען, יוגנט און ליבע
אַלץ באַוויינט, אויסגעלאָכט און פאַרגעסן
באַגראָבן אין יאָרן די טריבע...

און אַ ווייטערדיקע איבערראַשונג. איך טרעף זיך מיטן ביאַליסטאָקער פאַברי־קאַנט איזאַק ראַסקעס, וואָס האָט היינט אַ טעקסטיל־פאַבריק אין מאָנטרעאָל. איך דערמאָן זיך, ווי איך פלעג אים באַגעגענען אין ביאַליסטאָק פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ביי מיין אָנקל מלך דאַרשין, דעם פרומען ציכטיקן חסיד אין דער זיידענער קאַפּאָטע, אין גאַרטל איינגעוויקלט, וואָס איז געווען פון די גרויסע טוך־קאָמיסיאָנערן און טאָג און נאַכט „געקלאַפּט" דעפּעשן קיין לאָדזש, זגערזש און טאָמאַשאָוו.

נעבן דעם ענערגישן, טיכטיקן, אייביק באַוועגלעכן איזאַק ראַסקעסן, דערקען איך זיין פרוי, מיין אַמאָליקע שכנה, דער געבוירענער אָנין און ווי אַ מאָל איז זי נאָך שלאַנק, בויגעוודיק, גראַציעז און האַרציק לאַכנדיק. נעבן זיי, אין אַ באַשיידענעם ווינקעלע, אַנטדעק איך מיין אַמאָליקן שכן פון ביאַליסטאָטשאַנסקע, דעם גוט באַקאַנטן פאַבריקאַנט מאַריין. דער זעלבער פרישער פּנים, פעך־שוואַרצע האָר און ברענענדיקע אויגן. ער האָט זיין יוגנטלעכקייט נישט פאַרלוירן, און זיין אַדלערנאָז־פּראָפיל אָטעמט מיט אַריסטאָקראַטישקייט. מיט זיין פרוי, דער טאָכטער פון טוכמאַגנאַט און סופּראַלסער „קעניג" ה׳ שמואל ציטרין, האָבן מיר געמיינזאַמע זכרונות. מיר האָבן געוווינט אין זייער הויף אויף גומיענער גאַס, און אין יאָר 1914, בעת דער דייטשישער אינוואַזיע, ווען די האַרמאַטן האָבן געדונערט איבער ביאַליסטאָק, און די דייטשישע „באַפרייערס" האָבן שוין דעמאָלט דעמאָנסטרירט זייער „קולטור", וואַרפנדיק באָמבעס פון עראָפּלאַנען אויף דער שוצלאָזער באַפעלקערונג, האָבן מיר אויסגעקליבן, מיר, אַ גרופּע שכנים, אַלס שוצפּלאַץ, דעם איינשטאָקיקן טוכלאַגער פון ה׳ שמואל ציטרין, און מיר האָבן זיך פריילעך אונטערגעהאַלטן, מיט אַ געמאַכטער בריהשקייט. איך האָב עס דע־מאָלט געפונדעוועט די „לאַנדרין"־צוקערקעס פון וועלכע איך האָב געהאָט אַ היפּשן „סטאָק".

און דאָ שטעלט מען מיר פאָר אַ מאַן מיט אַ פאָר שאַרפע, דורכדרינגלעכע

אויגן, מיט וועלכן איך צערעד זיך אין דער פּרעכטיקער שפּראַך פון פּושקין און לערמאַנטאָוו. ער רעדט אַ ליטעראַרישן פּליסיקן רוסיש, אַריינבראַקנדיק דעם בלומיקן „עך טי יאַבלאָקאָ זיעליאָנאַיאַ". דאָס איז אַלעקסאַנדער מאַץ, דער נישט־יונגער מאַן, מיט אַ גאָר יונגער נשמה, דער פּאַטענטירטער געקרוינטער גראַמ־מייסטער פון דער „ביאַליסטאָקער שטימע", וואָס האָט באַצויבערט מיט זיינע לידער, מיטן קלינגענדיקן ריטם, ליריק און טיפן אינהאַלט.

אַלץ איז ביי מיר צוזאַמענגעמישט. עס אָטעמט אויף מיר מיטן זומערדיקן וואַרעמען אָוונט פון „גאָראָדסקאָי סאַד", מיט מעלאַנכאָלישע נעכט און רוסיש־יידישער לידער פּאַרטרונקענע, געזונגענע אין דער חלומות געוועבטער פינצטערקייט פון דער „גרינער אַלעע" אין צערטלס וואַלד, און מיט שאַנסאַנעטן־לידער פּאַר־בראַקטע פון פּאַרק ראַסקאַש.

עס דערמאָנען זיך די שבת נאָכמיטאָגדיקע שפּאַצירן פון דער ביאַליסטאָקער יוגנט אויף ניקאָלאַיעווסקע, דער קלינגענדיקער געלעכטער פון די ביאַליסטאָקער טעכטער, וואָס האָבן געקאָנט פּופציק מאָל דורכמאַכן דעם אַספאַלט־שפּאַציר פון ווילבושעוויטשעס אַפּטייק ביזן פּאַלקאָוואָי בית המדרש, די ווייסע, ביליקע, ציצינע, חנעוודיקע בלוזקעלעך איבער זייערע ליידנשאַפטלעכע בוזעמס וואָס האָבן גע־אָטעמט מיט נאַיִוו סענטימענטאַלער פּאַרבאָרגענער ליבע.

עך, ביאַליסטאָק! נישט נאָר דו ביסט אומגעקומען, נאָר האָסט אויך אונדז מיטגעשלעפּט! קיין מאָל וועלן מיר שוין נישט לאַכן הילכיק, האַרציק, — אַ פאַרשטיקטער געוויין וועט זיך שטענדיק וויקלען אין יעדן שמייכל אונדזערן.

דריי ביאַלסטאָקער מיידלעך...

דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ פייערווערק. פון געבוירן גייט מען העכער און העכער, פאַרכאַפּט מיט פאַנטאַזיע פון אַ שיינער, הויכער, פילפאַרביקער צוקונפט, און אין דער העכסטער הייך פּלאַצט דאָס, גאָרנישט לאָזנדיק נאָך זיך, נאָר ליידיקייט און פוסטקייט.

★

פאַר וואָס באַשרייב איך נאָר דריי ביאַליסטאָקער מיידלעך? עס זיינען דאָך געווען הונדערטער יידישע ביאַליסטאָקער טעכטער, אויפגעהאָדעוועטע אין יידישע היימען מיט צניעות, חלומות פון ליבע און טראַדיציעס פון יידישע יום־טובים און שבתים, אין ליבן, געטרייען ביאַליסטאָקער פאַמיליע־לעבן? ווייל יעדער איינע

פון אָט די דריי ביאַליסטאָקער מיידלעך איז געווען פאַר זיך אַ באַזונדער טיפּ, וואָס האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט איינע פון דער צווייטער. און איך בין זיכער, מיינע ליבע ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט, אַז יעדער איינע ביאַליסטאָקער מיידל וואָס איר האָט געקענט גייט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון איינער פון די דריי ביאַליסטאָקער מיידלעך. יעדער איינער פון אייך וועט שווערן, אַז איך האָב געמיינט די אָדער יענע ביאַליסטאָקער מיידל. און אפשר וועט איר טרעפן.

*

דאָס ערשטע מיידל האָט געוווינט אויפן שולהויף, אין אַ קליין געסל, הינטער דער גרויסער שטאָטשול, מיטן גרויסן רונדן קופּאָלדאַך, וואָס האָט זיך אָנגעזען פון אַלע פיר זייטן.

דאָס געסל איז געווען אַ שמאָלס, אַ לאַנגס, מיט צוויי רינשטאָקן פון ביידע זייטן. דאָס הויז, ווו שיינדל האָט געוווינט, איז געווען אַ צוויי־שטאָקיקער רויט־ציגלנער מויערל, מיט אַ שווערן, הילצערנעם טויער מיט אַ קליין טירל, לעבן וועלכן איך פלעג אָפּשטיין פיל שפּעטע שעהען אין דער פאַרטראַכטער נאַכט, מיטן אויסגעשטערנטן הימל, שטיפנדיק און רעדנדיק מיט שיינדלען, זיך האַלטנדיק ביידע פאַר די הענט און קושנדיק זיך ביים געזעגענען, און די זעלבערנע לבנה האָט גלייכגילטיק אַראָפּגעקוקט צו מיר מיט איר פאַרגליווערטן שמייכל פון פאַר־באָרגענע סודות פון דער אייביקייט.

שיינדל האָט זיך געהאָדעוועט ביי אַ באָבען, ווייל דער טאַטע — אַן אָרעמער מלמד — האָט אַזוי אַרום געהאַט מיט אַ מויל ווינציקער אין שטוב צו געבן עסן, און דאָס איינזאַמע לעבן פון דער אַלטער באָבען איז פאַרזיסט געוואָרן דורך דער שיינער שטיפערישער שיינדל.

ווען איר טוט אָן שיינדלען אין ווייסע זיידענע קליידער, מיט טייערע בריסע־לער שפּיצן, עלעגאַנטע שיכעלעך, און איר פירט זי אַריין אויף אַ גרויסאַרטיקן באַל פון אַריסטאָקראַטן, וואָלט זי, די ביאַליסטאָקער אָרעמע טאָכטער, מיט איר שיינעם פנים, פיין־געשניצטן גריכישן נעזל, מאַטער, גלאַטער אַלבאַסטער־הויט, קליין מיילעכל מיט צערטלעכע ליניעס דאָרט אַלע פרויען פאַרטונקלט. זי האָט פאַרמאָגט אַ גראַציעזע פיגור און אין איר וווּנדער־פּנים האָבן געבליצט אַ פּאָר ברוינע מאַגנע־טישע אויגן, וואָס האָבן געאָטעמט מיט וואַרעמקייט, שפּרודלדיקן לעבן, און וואָס פלעגן ווערן שמאָל, ווי קליין פאַרזשמורעטע פאַסיקלעך, ווען שיינדל פלעגט לאַכן, פיין, איידל, אָבער מיט טויזנט חנען.

שיינדל איז געווען אַן אָרעם מיידל, אָבער ציכטיק, געשמאַק געקליידט. פון שטיקלעך שטאָף האָט זי פאַר זיך אַליין גענייט אירע קליידלעך, ווייל זי האָט זיך געלערנט אין דער פרויען פּראָפעסיאָנעל־שולע אויף ליפּאָווע ביי קאַלעצקין אויפן הויף. שיינדל וואָלט מיט איר געשמאַק צוצופּאַסן קליידלעך געקענט פאַר־

נעמען אַ הויכן אָרט אין די אויסשטעלונגען פון פּאַריזער סאַלאָנען, ווען זי וואָלט נישט געווען קיין אָרעם מיידל פון אַ הינטער-געסל אויפן שולהויף...

שיינדל האָט אָבער געהאַט איין גרויסן חסרון: זי האָט זיך צופיל געחברט מיטן שפּיגל און דער שפּיגל האָט איר אָן שום חכמות דערציילט אַז זי איז זייער שיין און באַחנט, און כיטרע מעפיסטאָפעליש פאַרפולט איר שיין קעפּל מיט חלומות פון אַן אויסערגעוויינטלעכן באַשערטן, וואָס זי האָט אַרויסגעלייענט פון די רוסישע ראָמאַנען און פּאָעמעס. שיינדל איז געווען קלוג, אָבער פאַרשיכּורט פון איר דערפאָלג ביי די בחורים. איר קלינגענדיק געלעכטער, וואָס פלעגט שטיפעריש באַגלייטן אירע שנעל-דערציילטע עפּיזאָדן פון טאָג, האָבן געאָטעמט מיט גלויבן און אומבאַגרענעצטער זיכערקייט אין זיך.

זי איז געווען שטענדיק אַרומגערינגלט מיט בחורים, וואָס האָבן געזוכט איר פריינדשאַפט, און זי האָט זיך קיין מאָל נישט געקאָנט באַשליסן אויסצוקלייבן איינעם.

איך בין מיט שיינדלען אַרומגעגאַנגען פיל יאָרן. זי שטאַרק געליבט, געקושט איר גלאַטן האַלדז, אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון אירע האָר, וואָס האָבן געשמעקט מיט מאַנדלען, פאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן קוש אויף אירע ווייכע, ציטערדיקע ליפּעלעך, אָבער קיין מאָל נישט געווען זיכער, אַז זי וועט זיין מיינע.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט פון אירס אַ חברטע, אַז שיינדל האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט, אָבער אַלץ געוואַרט אויף דעם באַשערטן פּרינץ — ווי אין אַ סך מעשהלעך — וואָס דאַרף זי אַריינפירן אין רייכקייט און פּאַלאַצן. און דער פּרינץ, ווי אין אַ סך מעשהלעך פון שיינע מיידלעך מיט אויסגעטראַכטע חלומות, איז קיין מאָל נישט געקומען. אפילו נישט אין חלומות.

*

דאָס צווייטע מיידל האָט געהייסן חנה. זי איז געווען אַ פעסט-געבויטע, אַ ברייט-ביינערע, מיט אַ פולן, רונדן פּנים, מיט אַ דיק נעזל, ענלעך צו אַ רוסישער פּויערטע. עס האָט געאָטעמט פון איר מיט ענערגיע און מיט לעבן. איר לאַכן איז געווען אַן אָפנהאַרציק ברוסטיק לאַכן, וואָס האָט געמאַכט ציטערן דעם אויבערשטן טייל פון איר פול-לייביקן קערפּער. זי איז געווען אַ מין טיפּ פון קאַטיושאַ מאַס-לאָוואַ אין טאָלסטאָיס „דערוואַכונג": קורץ-געשוירן, ווי די אַמאָליקע רוסישע רעוואָלוציאָנערקעס, פאַרמאָגט אין זיך אַ ים פון דרייסטקייט, און מיט איר בילדונג, אינטעליגענץ און באַלעזנקייט, אַריבערגעשפּרייזט וויט-וויט די קליינע גרענעצן פון קליינשטעטלדיקן ביאַליסטאָק.

זי איז געווען אַ לערערקע אין אַ העברעישער שולע, האָט זי געקענט כמעט אויף אויסנווייניק אַ גרויסן טייל פון דער רוסישער און פּוילישער ליטעראַטור; און זייענדיק אַ טאָכטער פון אַ טאַטן אַ תּלמיד-חכם, פלעגט זי איינזאַפּן אין זיך

יִדיש־לַמדנישן וויסן, און זיך פּילפּולען מיטן טאַטן איבער רש״י און תוספות און זיך אַריינכאַפּן אין בית־מדרש, און דווקא צווישן די מענער, און פּאַרפּירן מיט זיי אַן אַפּיקורסישן שמועס וועגן גמרא, שולחן־ערוך, און אַריינפּאַמפּען אין די פרומע באַבערדיקטע יידן אַ ריי חוזקדיקע פּירושים, וואָס האָבן געשמעקט מיט מאָדערנע אויפפאַסונגען פון דינים פון חתונות און גטן און פאַמיליע־לעבן. מען איז שוין געווען געוווינט צו איר אין בית־מדרש און נישט איין בערדיקער ייד האָט זיך תאווהדיק באַלעקט דיסקוטירנדיק היציק מיט דעם פּיקחותדיקן מיידל. אפילו די מער פרומערע, וואָס האָבן געקוקט קרום וואָס אַ מיידל טענהט זיך אויס אין בית־מדרש מיט מענער, האָבן הנאה געהאַט פון אירע פּילפּולדיקע איינפאַלן, און זייענדיק מתנגדים, זיינען זיי געווען מער טאָלעראַנט.

חנה איז געווען זייער אַ ראָמאַנטישע נאַטור און זייער אַ דרייסטע, אָבער ווי אַלע ביאַליסטאָקער מיידלעך, האָט זי געצוימט איר טעמפּעראַמענט. דאָך האָט זי געהאַט שוין עטלעכע ליבעס, צווישן זיי מיט אַ באַרימטן לערער, אַן אַדוואָקאַט פון גאַליציע מיטן טיטל דאָקטאָר, וואָס איז געווען אַ לערער אין אַ העברעישער גימנאַזיע און וואָס האָט געקאָנט קאָנקורירן מיט חנהן אין ציטירן גאַנצע זייטן פון דער פּוילישער ליטעראַטור פון סלאָוואַצקי, סיענקעוויטש, פּשיבישעווסקי און עליזאַ אָזשעשקאָוואַ...

איך בין געווען חנהס דריטע ליבע. באַקענט האָבן מיר זיך אויף אַ דראַמאַטיש־ליטעראַרישן אָוונט אין לינת־חולים און צוזאַמען געשפּילט אַן אַקט פון אַרצי־באַשעווס „אייפערזוכט". זי — אין דער ראָל פון עלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ, און איך — אין דער ראָל פון סערגיי פּעטראָוויטש. און ווען איך האָב זי געהאַלטן אויף דער בינע אין מיינע אָרעמס, שטיקנדיק זי, אין דער סצענע פון אייפערזוכט, האָב איך געדאַרפט מאַכן אַ גרויסע אָנשטרענגונג, זי נישט צו האַלטן לאַנג צוגע־דריקט צו מיר — און די סצענע פון אייפערזוכט זאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ סצענע פון ליבע.

איר האָט אימפּאָנירט מיין באַלעזנקייט און מיין מענערישע קראַפט אויפ־צוטרעטן אַלס יונגער בחור אין ליטעראַרישע משפטים פון „מאָטקע גנב" פון שלום אַש און נאָמבערגס „צווישן בערג" צוזאַמען מיט ביאַליסטאָקער שרייבערס פון „דאָס נייע לעבען", וועלכע זיינען געווען מיט אַ צוויי צענדליק יאָר עלטער פון מיר.

איך פלעג זיך טרעפן מיט חנהן אין ביאַליסטאָקער וואַלד, אין די לאַנגע בלוי־נעכטיקע אָוונטן, נישט ווייט פון דער גרינער אַלעע, אין דער גרינער טונקלקייט פון ריזן־ביימער, וואָס זייערע געדיכטע צווייגן האָבן זיך געשאָקלט פון ווינט אַקעגן די שרעקעוודיקע שאָטנס פון דער לבנה. זי פלעגט אָוועקלייגן איר קאָפּ מיט די צעשויבערטע, קורץ־געשוירענע האָר אויף מיין שויס, פאַרמאַכן

די אויגן און דעקלאַמירן אויף אויסנווייניק שטיקעו פון פּושקינס „יעווגעני אָנעגין" אָדער פון פּשיבישעווסקיס „האַמאַ סאַפּיענס".

איך פלעג אויסקושן יעדן טייל פון איר קאָפּ און זי, אין טראַנס פון אירע אַרטיסטישע דעקלאַמאַציעס, פלעגט פאַרזעצן — ציילנדיק אַ זאַץ נאָך אַ זאַץ — אַזוי ווי די פראַנצויזישע סאַראַ בערנאַר. מיר פלעגן ביידע פאַרגעסן וווּ מיר געפינען זיך און נישט האָבן קיין מורא צו ליגן אין באַהעלטעניש אין אַ ווינקל פון ביאַליסטאָקער וואַלד, ווייט פון מענטשן. אַזאַ איז די קראַפט פון ליבע, וואָס קאָן ברענגען דרייסטקייט ביז משוגעת.

שפּעטער פלעגט זי צומאַכן די אויגן, מיך אַרומנעמענדיק מיט אירע פעסט־געבויטע וואַרעמע הענט, און מיר פלעגן ביידע בלייבן האַלב־פאַרחלשטע, צע־שטורעמטע פון ברויזנדיקע געפילן, פון צוויי יונגע קערפּערס עקזאַלטירטע פון די טאַלאַנטפולע פּאָעמעס, פון דער זומערדיקער לבנה־נאַכט, פון דער זיסקייט צו צוימען ליידנשאַפט, און זיך קאָנען באַהערשן אַלס קינדער פון ביאַליסטאָקער באַלעבאַטישע היימען.

חנה האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ רייכן וואַלד־סוחר, כאָטש קיין געלט האָט איר נישט אימפּאָנירט, און זי איז געבליבן די זעלבע עקזאַלטירטע, ראָמאַנטישע נשמה. געטראָפן האָב איך זי אין יאָר 1939 אויף אַ דאַטשע אין צערטלס וואַלד, ווי אַ מוטער פון צוויי קינדער. איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ גוט באַקאַנטער שרייבער אין בעלגיע, פון דריי זשורנאַלן און צייטונגען.

איך האָב זי ספּעציעל באַזוכט אויף דער דאַטשע, און זי געטראָפן בלאָנדזשענ־דיק אין וואַלד, רייסנדיק בלעטלעך פוןביימער און דעקלאַמירנדיק שטיקער פּאָעזיע.

זי איז געווען פולער, צעשוווּמענער, אָבער נאָך מער פאַרחלומט, און נאָך מער קינדיש זינגעווּדיק, זיך אויסלעבנדיק אין קלאַנגען פון פּאָעזיע און שיינקייט.

ווען מיר האָבן זיך ביידע דערזען, זיינען מיר געבליבן שטיין ווי פאַר־גליווערטע, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. מיר האָבן זיך איינגעזייגט איינער אין אַנדערנס פּנים, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ פאַרבלענדעניש, אַ חלום. פופצן יאָר זיך נישט געזען. מיר האָבן ביידע שווער געאָטעמט פון געפילן־אויפברויז, אָבער ביידע זיך באַהערשט. זי, אַ מאַמע פון צוויי קינדער, אויך איך — אַ טאַטע פון צוויי קינדער.

פאַר מיין געזעגענען זיך מיט איר — אויף אייביק — האָב איך איר איין פראַגע געשטעלט:

— זאָג מיר, חנה, צי געדענקסטו די נעכט אין צערטלס וואַלד, ווען דו פלעגסט אַוועקלייגן דיין קאָפּ אויף מיין שויס, און אָפט מאָל אַנטשלאָפן ווערן, האָבנדיק צוטרוי צו מיר? צי פאַרשטייסטו וויפל ליידנשאַפט און אויפברויז דיין נאָענטקייט אין יענע לבנה־נעכט האָט מיין בלוט געשטורעמט? וואָס וואָלט

געוועזן, ווען איך וואָלט אויסגענוצט דיין צוטרוי און זיך נישט באַהערשט און מיין הייסע ליידנשאַפט געשטילט? וואָס וואָלסטו דעמאָלט געטאָן?

חנהס אויגן האָבן געגלאַנצט פון שטילע טרערן. דערנאָך האָט זי זיך באַרויקט און מיט אַ שטימע פול מיט ווירדיקייט צו מיר געזאָגט:

— איך וואָלט אויסער מיט דיר שוין מיט קיינעם נישט חתונה געהאַט.

ערשט דעמאָלט האָב איך באַדויערט מיין ביאַליסטאָקער באַלעבאַטישע דערציונג. איך האָב באַקומען שלעכט באַצאָלט פאַר מיין פיינקייט און מיין זעלבסט־קאָנטראָל.

צי לוינט זיך נישט אַ מאָל נאָכגעבן אינסטינקטן און געפילן, און נעמען מיט כוח דאָס וואָס מען קאָן נישט נעמען מיטן שכל?

*

דאָס דריטע ביאַליסטאָקער מיידל האָט געהייסן אסתר. זי האָט געהאַט אויך אַ צווייטן נאָמען, אָבער צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים רוף איך זי מיטן נאָמען וואָס איז געווען ווייניק באַקאַנט.

זי איז געווען אַ מיידל פון מיין גרופּע. געוווינט האָט זי אויף פּיאַסקעס, אין אַ מויערל אויף אַ הויף, ווו פון פראָנט זיינען געווען קראָמען: אַן אייזן־געשעפט, אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, אַ בשמים־געשעפט און נאָך אַזוינע קראָמען.

איך האָב אסתרן געקענט פיל יאָרן און קיין גרויסן אינטערעס צו איר האָב איך נישט אַרויסגעוויזן, כאָטש צו איר אין שטוב פלעג איך אַרויפקומען זייער אָפט. ווען איך פלעג זיך צעקריגן מיט סאָניען און ווערן ברוגז און נישט רעדן מיט איר, פלעג איך, אויסגייענדיק פון ליבע צו איר, אַרויפגיין צו אסתרן דערוויסן זיך וואָס מען הערט ביי סאָניען, וואָס זי מאַכט, מיט וועמען זי גייט אַרויס, וויסנדיק, אַז סאָניען פעלן נישט קיין אוכאַזשאָרן, און דיפּלאָמאַטיש, כלומרשט גלייכגילטיק, זיך ווענלן דערוויסן צי סאָניע רעדט וועגן מיר און וואָס זי רעדט.

אסתר איז געווען אַ מערקווירדיק מיידל. פון מיטעלן וווקס, מיט אַ פולן רונדן מאַט־הויטיקן גלאַטן פּנים, אַ רויקן און שטייפן, מיט קאָנטראָלירטע קערפּער־באַוועגונגען און זעלבסטווירדע, וואָס ווייניק פּיאַסקאָווער מיידלעך האָבן דאָס פאַרמאָגט.

אָבער די רויִקע געלאַסענע באַוועגונגען האָבן גאָרנישט געשטימט מיט אירע צוויי ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ ים מיט פייער. עס קאָן זיין, אַז צוליב איר געמאַכטער קאַלטקייט האָב איך פיל יאָרן, זיך טרעפנדיק מיט איר אין אונדזער גרופּע און אַרויפקומענדיק צו איר אין שטוב, צוליב סאָניען, נישט געשענקט איר צו פיל אויפמערקזאַמקייט אַלס פרוי, נאָר באַטראַכט זי אַלס פריינד.

זייער אָפּט פּלעגט זיך אסתר פאַרראַטן. זייענדיק באַהערשט פון מאָמענט־אימפּולסן, פלעגט זי זיך האַסטיק אויסדרייען מיטן פּנים צו מיר און אין אירע ברענעדיקע אויגן פלעגט ליגן אַזוי פיל געבעט, אַז עס פלעגט מיר הייס ווערן און דאָס גאַנצע בלוט פלעגט מיר אַ זעץ טאָן אין פּנים. איך פלעג דאָס אויס־טייטשן ווי מאָמענט־שטימונגען פון אסתרן, און נישט צוגעבן זיי קיין ערנסטע באַדייטונג. ביז איך בין זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט גרויס האַרצווייטיק מיט סאָניען — צוליב איר ליבשאַפט צו פלירטעווען אויף רעכטס און לינקס — כאָטש זי האָט מיך מער ליב געהאַט ווי איך האָב גערעכנט, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט. אָבער שוין צו שפּעט!

אסתרס פעסט־געבויטער קערפּער, מיט די רונדע, געטאָקטע ליניעס פון הענט און האַלדז (פיס האָט מען נאָך דאַן נישט געזען ביי אַ מיידל, מען איז אויף דער פּליאַזשע אין ביאַליסטאָק נישט געגאַנגען און קיין באַדקאָסטיום נישט געטראָגן, קיין ביקיני אַוודאי נישט.) זי האָט אָנגעהויבן מיר צו אימפּאָנירן, ערשטנס, ווייל איך בין שוין געווען צוריק אַליין, אָן אַ שטענדיקער פריינדין, און צווייטנס, ווייל אסתר האָט שוין איר אויסערלעכע רויִקייט און קאַלטקייט צו אָפט פאַרראַטן דורך איר צו אָפטן שטיין בלייבן נאָענט צו מיר. אירע ברענענדיקע אויגן האָבן זיך דעמאָלט איינגעזויגן אין מיינע, מיט אַ העלישן פייער, אויף לאַנגע מינוטן. ביז איין מאָל, ווען איר טאַטע־מאַמע מיט די קינדער זיינען אַוועקגעפאָרן אין אַ דערבייִיקן שטעטל — זאַבלודאָווע אָדער כאָראָשטש — און זי, אַלס דאָס עלטסטע מיידל געלאָזן אין דער היים, האָב איך, אַרויפקומענדיק צו איר, זי געטראָפן אַליין.

אסתר האָט מיט איר שטענדיק געמאַכטער רויִקייט דערציילט, אַז זי איז אַליין אויף צוויי טעג, און מיך מכבד געווען מיט טיי און וואַרעניע, היימיש־געמאַכטע האָניק־קיכלעך און פּרוכט, און זיך געזעצט אַזוי נאָענט צו מיר, אַז איך האָב דערפילט די היץ פון איר קערפּער. איך בין נאָך אַלץ געווען רויִק, קענענדיק אסתרס שטייפקייט און קאַלטקייט. איך האָב אויסגעטרונקען די טיי, און, רעדנדיק מיט איר וועגן רוסישע פּאָעמעס און דעם דעמאָלט סענסאַציאָנעלן ראָמאַן „סאַנין" פון אַרציבאַשעוו, זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, און צום ערשטן מאָל דערשפּירט אין אסתרס אָנוועזנהייט אַ האַרץ־קלאַפּעניש און אַן אומרויִקייט... אין דערוואַרטונג פון עפּעס.

און פּלוצלינג האָט אסתר מיך אַרומגענומען, צוציענדיק מיין קאָפּ מיט אירע פעסטע הענט, און זיך פיבערדיק איינגעזויגן אין מיינע ליפּן. איר בלוזקע איז געווען אויפגעשפּיליעט, און ווייסע זויבערע אונטערוועש האָבן ווי איינגעראַמט שטיקער פון איר פולן ברוין־הויטיקן קערפּער.

אסתר האָט געציטערט ווי אין ספּאַזמעס. איר פּנים האָט זיך צעקרימט ווי אין קאָנוווּלסיעס און איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען דעם אמתן פּנים פון אסתרן — אַ שטיק ברוינזנדיקע ליידנשאַפט, אַזוי קונציק שטענדיק פאַרמאַסקירט,

מיט קינסטלעכער גלייכגילטיקייט, וואָס נאָר די ברענענדיקע אויגן האָבן מאָמענטנ־ווייז פאַרראַטן.

איך האָב פאַרבראַכט מיט איר וווּנדערבאַרע שעהען אין ראַפינירטע צערטלעכ־קייטן, אין אַ ים פון רוישנדיקע פאַרגעניגנס, האָבנדיק פאַר זיך די אמתע אסתר. אָבער פאַר דער וועלט איז זי נאָך אַלץ געווען די רויִקע, קאַלטע, שטייפע, געלאַסענע אסתר.

פאַרגאַנגענהייט

(סקיצע)

אַ קליינער דאַמען־בודואַר מיט טונקל־גרינע בלומען־טאַפעטן. אַ מיניאַטור פּליוש־מעבלירונג פון אַ פּיקאַנטער פּרוֹי, מיט ווייך לאַשטשענדיקע טרעטערס, וואָס גנבענען יעדן רויש. די ווענט באַזוימט מיט בילדער: טרוים מעלאַנכאָלישער פּייזאַזש, לאַנדשאַפטן, רעפּראָדוקציעס פון גרויסע מייסטערווערק; פרויען, מענער צוזויפגעפלאָכטענע פיגורן, האַלב־קינסטלעריש פּרעכע.

אין די ווינקלען, אויף טונקל־ברוינע טומבעס, סקולפּטור־סטאַטועטקעס פון גריכישער מיטאָלאָגיע; מיט טיול־גאַרדינען באַהאַנגענע פענצטער, איינגעראַמט מיט הויכע אָלעאַנדערס, קאַקטוסן, בלומען־געוויקסן צוזויפגעקאָרטשעט־שלענגל־דיקע.

דער קליינער תּאווה־גן־עדן איז אָנגעזויגן מיט אַ לייכטן פאַרשיכּורנדיקן אַראָמאַט פון אָריגאַן־פּאַרפום.

דאָס שיינע פּייגעלע פון דעם גאָלדענעם שטייגעלע רייניקט אירע ראָזע נעגל, וואַרפנדיק אַן אָפּטן בליק אין שפּיגל, וועלכער בלאַנקט מיט אַ יונג־זויבערער, קאָכעדיקער בלאַנדינקע, אַ נאָר וואָס אויסגעבאָדענער.

זי בלייבט צופרידן מיט זיך, שמייכלט שפּילעוודיק, בליצנדיק מיט די האַלב־פאַרחלומטע קוואַלכלעך.

ער קושט אירע פוך־גלאַטע הענט, פאַרקוקט דורשטיק אין אירע ברייט צעעפנטע אָן אָפּגרונט אויגן.

אַ לאַשטשענדיק לאַכן מיט באַהאַלטענעם פרעגן: „ס׳איז דערלויבט?״, מיט אַ פּיל זאָגנדיקן און גאַרנישט צוזאָגנדיקן פריוואָלן געלעכטער.

זיינע אויגן גליטשן זיך איבער אירע רונדע ווי נאָר וואָס באַשאַפענע געזונטע, בלוטיקע הענט און שטעלן זיך פאַר די ווייטערדיקע קאָנטורן פון איר רונדליניקן,

פּוכיקן קערפּער. בלאַנדזשענדיק גליענדיקע אויגן שטעכן דורך דאָס לייכט־דורכ־זיכטיקע געוועב. זי כאַפּט אויף זיין אָנגעשטרענגטן, היציקן בליק:

— צו פיל דערלויבט איר זיך — לאַכט זי מיט אַ געמאַכטער בייזערקייט. ער ווערט האַפּנונגספולער.

— פּרויען האָבן ליב דרייסטקייט.

— אָבער נישט פון יעדן מאַן — קאָקעטירט זי.

— און ווי איז אין דעם פאַל? — איז ער פאַראינטערעסירט.

— שטויסט אייך אָן.

— כ'וויל נישט זאָגן גינסטיק, ווייל פרויען ליבן צו להכעיס — לאַכט ער מיט.

— צו להכעיס איז טאַקע אינטערעסאַנט.

— אייך אינטערעסירט אַלץ וואָס קומט אָן שווער — פּראַזירט ער.

— נישט שטענדיק — שמייכלט זי שעלמיש.

— און איצט?

— דעם צווייטן מאָל ווי איר פּרוווט אַטאַקירן. דאָס איז אומדערטרעגלעך! — שיט זיך אַ דראָבנער, תאווהדיק־צופרידענער געלעכטער.

ער איז צערייצט. איר האַלב־אָפן מיילכל ציט זיך איינזויגן, בייסן ביז בלוט. זיין פאַרוואָלקנט זודיקער געדאַנק פאַרכלינעט אים. איר האַלב־איבערגעבויגענער קערפּער איז ביי אים אין די הענט. אַ האָגל פון קושן. זיינע פאַרטריקנטע ליפּן דאָרשטן אַלץ מער.

זי וויל נישט צו גיך זיך אונטערגעבן. מען דאַרף פאַרלאַנגען און נאָך מער צערייצן, דאָס בלוט זאָל בריען די אָדערן. זי ציט זיך צוריק און גליטשט זיך אַרויס ווי אַ גאָלדשופּיק פישל. לאַכט שפּאַטיש, אַרויסשטעלנדיק איר פרישן, פאַר־לאַנג וועקנדיקן קערפּער; פאַרברעכט די הענט אויף הינטן, פאַרוואַרפט דאָס בלאָנדע קעפּל און אין אויער קלאַפּט אים דער אָפּקלאַנג פון איר געלעכטער.

שלאַנק־בויגעוודיק, פאַרפירעריש און נישט־דערגרייכבאַר ווי דער מזל. אַזוי נאָענט פון אים און אַזוי ווייט. ער איז עקזאַלטירט און האַפנונגסלאָז.

ער קוועטשט צונויף די פויסטן. ס'כרושטשען ביי אים די פינגער פון בלוט שטראָמיקן פאַרלאַנג. ער גלויבט נישט זי צו באַזיגן. חייש בליצן זיינע געדאַנקען. אַלץ איז פאַרשוווּנדן. דער תהום ווערט גרעסער. די בלוט־אינסטינקטן זיינען גובר. טאַקט, דערציונג, חרפה — אַלץ פאַרזונקען.

אירע שמאָלע, לענגלעכע פינגער אין זיינע צונויפגעקוועטשט. איר מאַכטלאָזער קערפּער, צונויפגעקנוילט מיט זיינע ווילד דורשטיקע, דרייסט ציטערנדיקע באַווע־גונגען. אין העכסטן עקסטאַז פון אַ דערגרייכטן אויסגעמאַטערטן באַגער. שאַרף־זיסע געפילן ווילדעווען, ציטערן אין אים. רגעס — אייביקייטן.

✱

האַרבסט אין שטאָטפּאַרק. די פאַרטריקנטע שרייַק־געלע, אַראָפּגעפאַלענע בלעטער טוליען זיך ווי קינדער צו זייער שטאַרבנדיקער מאַמען, צו די האַרבסטיקע ביימער.

„ער״ זיצט אויף אַ באַנק און לעבן אים אַ דאָרפישער פאַרמער, וואָס האָט זיך צוגעזעצט אַ ווײַלע אָפּרוען פון ווייטן וועג און דער דאָרפישער פאַרמער וווּנדערט זיך: — שטאָטישע מענטשן אין מיטן טאָג אויסגעפּוצטע, זיצן אין פּאַרק און טוען גאָרנישט.

און „ער״ לעבן פויער ווונדערט זיך אויך. ער קוקט אויף דער פרויען־פיגור, וואָס דערווייטערט זיך אין דער באַגלייטונג פון אירע צוויי אײדל דערצויגענע, בלאָנדע קינדערלעך, און ס׳דאַכטן זיך אים ספקדיק, אומגלויבלעך, די אינטים־פאַרבראַכטע שעהען, מיט דער שטאָלץ־ערנסטער „מאַמאַ״ וואָס ווערט פאַרזונקען אין דער טוי־זומפּיקער אַלעע; אין דער געדיכטעניש פון ביימער־פּלאָנטער, אין דעם אומעטיקן, גרוי־בענקשאַפטלעכן, האַרבסטטאָג.

וועקן אומעטיקע מחשבות, פון ווייטן עבר... פון דעם נעכטן, וואָס שטאַרבט אָפּ.

אין אַ רעגנדיקן אָוונט

(רעפלעקסן)

דער אָרגל פון קאַפע־רעסטאָראַן אויפן גרויסן בולוואַר דרייט אויס געגרימפּלטע, צעדרייטע טענער פון אַלטע, קופערנע דראָטן אין דער פּיאַנע.

ליכט, לאָמפּן, מענטשן אַרום טישלעך. אײנציקע פרויען־סילועטן שוועבן פאַרביי די נאַס־באַטראָפּנטע, גרויסע פענצטער. פאַרלעך אונטער שירעמס זשמורען צונויף די געזיכטער מיט אָנגעשטעלטע קאַלנערס. האַסטיק פאָרן די אויטאָמאָבילן און גליטשן זיך איבער די נאַס־גלאַנציקע צעמענטענע גאַסן. עס הענגט אין דער לופטן אַ דין, זיפּלדיק רעגנדל און מאַכט גרוי די נאַסע לופט, וואָס איז אַדורכגעלויכטן דורך שוואַכע עלעקטרישע שיינען, וועלכע פאַרלירן זיך אינעם נאַסן נעפּל.

צווישן אָוונט און נאַכט. דער קאַפע־רעסטאָראַן פון גרויסן בולוואַר איז ענג פאַרבונדן מיט דער שיטערער, וואָלקן־באַהאָנגענער גאַס און די באַמבלדיקע טענער פון די טרוקענע קלאַווישן גיבן צו אַן אומבאַשטימטקייט, אַ צעשוומענקייט פון זאָרגן און פּאַמפּען אַרויס פון מאַרך יעדן געדאַנק.

איינציקע פאָרלעך, פאַמיליעס און געזעלשאַפטן ביי די טישלעך. די איינציקע

פרויען ביי די טישלעך גיבן זיך אונטער דעם גאַרנישט־דענקען און נאַגנדיקן אומעט פאַרפולט מיט לייכטזין; און נישט איין באַשיידענע בירגערפרוי ווערט פאַרפירט אין אַזאַ רעגנבאַכט פון דער גרויסער שטאָט, אונטערן קלאַנג פון מוזיק, פון נישט וועלן דענקען פון שפּעטער.

מינוטן־אייביקייטן וואָס ענדיקן זיך נישט, און הערצער עפענען זיך צו אומ־באַקאַנטע אוואַנטורעס. עס דרימלען געפילן, דערוואַכטע פון לעבנס־לאַנגווייל און ס׳טרוימען אויגן וואָס קוקן נישט פינטלענדיק אין דיינע. זיי זוכן דאָרט און פרעגן: — „צי שפּירסטו מיין רייסן זיך צו וואַרעמקייט, צו צערטלעכקייט? און צי פאַרמאָגן דיינע אויגן איצט אויך די לעכצענישן? נישט וויכטיק איז מיר ווער דו ביסט און פון וואַנען דו קומסט, צי ביסטו איצט אָבער פון די מענטשן, וואָס פאַרשטייען זיך אַזוי גוט אויף דער אויגנשפּראַך און וואָס לייענען אין דיין איינגעזויגטן בליק דאָס קערפּערלעכע אַנטבלויזן און די גלוסטעניש?"

אויגן! ווי וויניק קענען זייער שפּראַך — און אין די נאַסע רעגנדיקע גרויסשטאָטישע אָוונטן לערנען זיך אַ סך זייער תּורה און עס אַנטפּלעקן זיך פאַר זיי קוואַלן אין שוואַרצאַפּל פון אַנשפּראַכיקן דערציילער: די אויגן!

עס שלייכן פאַרביי פאַרלעך שמייכלענדיקע, ליבשאַפטלעך זיך קוקנדיק אין די אויגן.

ס׳אַ ליגן! ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז דער פרילינג איז פאַר ליבע! דעמאָלט באַגרינט זיך די נאַטור און ס׳שמעקן דיביימער, און די מידע חלומות וועבן זיך פון נעכטן, פון וויטן עבר און עס דערווייטערט מענטש פון מענטש. דער חשבון פון פאַרגאַנגענהייט, וואָס זוכט איינזאַמקייט. אָבער אין די נאַסע רעגנדיקע אָוונטן פון דער גרויסער שטאָט, מיט די סודותפולע איינגעטונקטע פינצטערע פענצטער, וואָס וועקן די פאַנטאַזיע צו דענקען וואָס עס טוט זיך איצט הינטער די פענצטער; פון די אויסגעליידיקטע גאַסן, מיט טראָטואַרן באַ־פלעקטע מיט שיטערע איינצל־פיגורן, וואָס קוקן זיך אַרום, באַטאַפּן גיך מיט די אויגן זוכנדיקע, געשלעכט נאָך געשלעכט, אין דעם נאַסן עלעקטרישן שיין פון פאַלנדיקן רעגן, ווי דינער שטויב וואָס פאַלט נאַס, באַרירנדיק דאָס דערוואַרעמטע מענטשלעכע לייב און וואָס רופט אַרויס דעם דורשט נאָך צופעליקע באַגעגענישן מיט אומבאַקאַנטע, וואָס זיינען אָבער איינע די אַנדערע אַזוי באַקאַנט, דורכן זעלבן זוכן, דורך ציען זיך צו שיינקייט פון קערפּערלעכע פרויען־פאַרמען און מענלעכער קראַפט. האַרץ קרענקט דאָן פון דורשט נאָך ליבע און געזאַנג פון רייפע קערפּערס.

נאַסע, רעגנדיקע אָוונטן, מיט גרויען עלעקטריש־באַלויכטענעם שיין פון דער גרויסער שטאָט.

דער אייביקער קאַמף צווישן יידישע קריטיקערס און יידישע אַקטיאָרן

אַזוי לאַנג ווי דער יידישער טעאַטער באַשטייט, אַזוי לאַנג שטייען די צוויי צדדים, די קריטיקערס און די אַקטיאָרן, ווי צוויי פאַרריסענע העגער, גרייט צום קאַמף. טענות פליען פון ביידע זייטן. דער אַקטיאָר שרייט: מיט דער שלעכטער רעצענזיע, מיט דער קריטיק פון מיך „אַרונטעררייסן" אין מיין ראָל שעדיקט איר נישט נאָר מיר, נאָר איר באַגראָבט אויך דעם יידישן טעאַטער, וואָס קריגט מוראַדיקע קלעפּ פון דער אַסימילאַציע און דער פרעמדער שפּראַך פון דעם לאַנד אין וועלכן יידן וווינען.

דער קריטיקער בעט זיך רחמים:

— וואָס ווילט איר האָבן פון מיר? איך בין דאָך דער „שומר", דער היטער פון גוטן שפּילן טעאַטער, פון ריינקייט פון דער שפּראַך, איך זאָג אַרויס אַ מיינונג אַלס „ספּעץ", אַלס מענטש וואָס איז באַרופן אַריוסצוטראָגן זיין ערלעכן אורטייל נישט נאָר וועגן דעם אַקטיאָרס שפּילן, נאָר אויך וועגן דער פּיעסע, ווו דער אָרעמער דראַמאַטורג פאַלט אַ קרבן פון דעם שלעכטן אַקטיאָר, וואָס באַגראָבט נישט נאָר דעם טעאַטער, נאָר אויך דעם פּיעסן־שרייבער.

„די פּאָלעמיק" ציט זיך פון די צייטן ווען אויף דער יידישער בינע האָבן „געקיניגט" אַזוינע באַליבטע און געקרוינטע אַקטיאָרן ווי דזשעיקאָב פּ. אַדלער (הנשר הגדול), דוד קעסלער, באָריס טאָמאַשעווסקי, אסתר רחל קאַמינסקי (די מאַמע פון יידישן טעאַטער), רודאָלף שילדקרויט און דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבע־נער גרינדער און פירער פון „יידישן קונסט־טעאַטער" מאָריס שוואַרץ.

דער קאַמף איז שטענדיק געווען אַ שאַרפער, די פאַרביסנקייט — גרויס. דער אַקטיאָר האָט געטענהט: איך קאָן נישט שפּילן נאָר „קונסט". דער עולם פאַרשטייט זיך נישט אויף דעם און דאַרף דאָס נישט. „משה" (דאָס טעאַטער־צונעמעניש פון יידישן טעאַטער־באַזוכער) קומט אין טעאַטער אַריין זיך אַמוזירן.

מיט 50 — 60 יאָר צוריק האָט יעקב גאָרדין פולשטענדיק איינגענומען דאָס יידישע טעאַטער. זיינע דראַמען ווי: „סאַפּאָ", „כאַשע די יתומה", „גאָט, מענטש און טייוול", „דער ווילדער מענטש", „דער אומבאַקאַנטער", „קרייצער סאָנאַטע", האָבן געשלעפּט „פּאַלנע סבאָרן" (פולע הייזער); די אַקטיאָרן זיינען געווען צופרידן, דער יידישער עולם — דער נאָר וואָס אַריבערגעקומענער פון אייראָפּע — האָט פאַרגאָסן ביטערע טרערן.

עס האָט אָבער אָנגעהויבן אויפשטיין אַ נייער יידישער שרייבער, אַ מער אינטעליגענטער, מיט מער בילדונג און מיט טיפערע קענטעניש. זייערע פּיעסן

זיינען געווען פון אַ טיפערן אינהאַלט, מער רעאַלע טיפּן, אַרויסגענומענע פון לעבן, ווי למשל פון דוד פינסקי, פּרץ הירשביין און לעאָן קאָברין.

די יידישע אינטעליגענטע קריטיקערס האָט נישט באַפרידיקט דער יעקב גאָרדינישער צוגאַנג צו אַ דראַמע וואָס האָט אַרויסגערופן אַ טרער ביים צושויער און וואָס איז געווען אַ „גוטע קאַסע־איינגאַמע". די אַקטיאָרן האָבן נאָך פאַר־גרעסערט גאָרדינס דראַמאַטישקייט מיט שפּילן איבערגעטריבן טראַגיש, געקינצלט, מיט קוויטשיקע מעלאָדראַמאַטישע טענער. דעם סאָרט אַקטיאָרן האָט מען גערופן „הילצערנע" אָדער „דראַנגען". געוויסנהאַפטע, אינטעליגענטע קריטיקערס האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי ערלעך, אָביעקטיוו אויפווייזן די פעלערן פון אַזאַ שפּילן. זיי האָבן געפּרווווט פירן דעם יידישן טעאַטער אויף דעם פיינעם, געשמאַקפולן, קינסטלערישן וועג. דער רעזולטאַט: אַ געוואַלד פון די אַקטיאָרן, אַז די קריטיקערס שאַפן אַ שלעכטן נאָמען דעם יידישן אַקטיאָר און דעם יידישן טעאַטער.

יאָרן שפּעטער, ווען כ'האָב געשריבן אין דער טעגלעכער צייטונג „דער בעלגישער טאָג", און געווען אויסער אַ פּובליציסט אויך דער טעאַטער־קריטיקער, האָט מיין רעדאַקטאָר, ד"ר יום־טוב לעווינסקי (היינט אין ישראל) מיר געגעבן אַ „פרייע האַנט" אין שרייבן די רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער לויט מיין איינזען. ער האָט פאַרשטאַנען מיינע גוטע כוונות אָפּצוהיטן די ריינקייט פון יידישן טעאַטער פון די אָרטיקע אָדער גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס. דאָן האָב איך דורכ־געמאַכט דאָס קאַפּיטל פון זיין אַ יידישער טעאַטער־קריטיקער, און דער ביטערער טעם ליגט מיר נאָך היינט אין מויל.

מיר האָבן נאָך היינט אַ רייכן אויסוואַל פון פּיעסן, וואָס קאָנען זיין אַ גרויסער דערפאָלג, מיט דעם באַדינג, אַז מען זאָל מער מאָדערניזירן דעם טעאַטער. מיט רייכערער אויסשטאַטונג און מיט יינגערע אַקטיאָרן. מיט מאָדערנע טעאַטער־עפעקטן און נייע, אָריגינעלע איינפאַלן און טעאַטער־אַטראַקציעס, קאָן מען נאָך ציען אַ גרויסן עולם. מען דאַרף אַ ציכטיקן, פאַראַנטוואָרטלעכן, גוט צוזאַמענ־געשפּילטן אַנסאַמבל, וואָס קאָן באַשיינען דעם יידישן טעאַטער און רעהאַביליטירן דעם יידישן אַקטיאָר.

מיט אַ מאָדערניזירטן יידישן טעאַטער קאָן מען אויפפירן פּיעסן געשאַפענע אויסשליסלעך פון יידישע אויטאָרן און נישט דאַרפן אָנקומען צו איבערזעצונגען פון פרעמדע ליטעראַטורן. מיר קאָנען נאָך אַלץ אויסנוצן די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקערס ווי מענדעלע מוכר ספרימס „מסעות בנימין השלישי", „פישקע דער קרומער" די „בעל־טאַקסע"־טיפּן, וואָס זיינען אַזוי ענלעך צו די קאָרומפּירטע אַמעריקאַנער פּאָליטישנס, ווי אויך שלום עליכמס ווערק, וואָס מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געגוג אויסגענוצט. וואָס פאַראַ וווּנדערבאַרע סאַטירישע טיפּן זיינען

מנחם מענדל און שיינע שיינדל, מיט די „ביזנעס־חלומות״, וואָס פּאַסן זיך נאָך גוט אַריין צו אַ געוויסן עלעמענט יידישע סוחרים אין אַמעריקע.

און ווי וויניק האָבן מיר אויסגענוצט אונדזער גרויסן יצחק לייבוש פּרץ, מיט זיינע שיינע, גוטע און איידעלע געשטאַלטן פון די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״, די פאַנטאַסטישע לעגענדעס, וואָס בעטן זיך ממש אויף דער בינע, פון זיינע חסידישע מעשיות, זיין „מאָניש״. מ׳קען אויך אויסנוצן דוד פרישמאַנס לעגענדע פון מהר״ל פון פּראַג, און פון שפּעטערדיקע שרייבערס ווי למשל פון מיין לאַנדסמאַן זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, זיינע „ראָמאַנטישע יאָרן״ (חלומות פון אַ רעוואָלוציאָנערער יוגנט). פון בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען״ (טיפן פון פאַרשווונדענע יידן אין די קליינע שטעטלעך, מיט זייערע פּרנסות), אָפּאַטאָשוס „אין פּוילישע וועלדער״ (אַ שטיק לעבן פון פּוילישן יידנטום).

אָט די אַלע ווערק, צוגעפּאַסטע צו דער בינע, באַאַרבעטע און אינסצעניזירטע, זיינען אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פאַרן יידישן טעאַטער, וואָס קאָן צוציען נישט נאָר דעם עלטערן דור, נאָר קאָן אויך שטאַרק אַפּעלירן צום יונגן יידישן דור.

דער אַמאָליקער טעאַטער און די פּרעסע אין ביאַליסטאָק

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

אין „פאָרווערטס״ פון שבת, דעם 26טן יאַנואַר, איז דערשינען אַן אַרטיקל פון י. שמולעוויטש וועגן דעם באַקאַנטן טעאַטער־מענטש און שרייבער פון ביאַליסטאָק, מענדל גאָלדמאַן. דאָס אַרטיקל רופט אַרויס אַ רייע זכרונות וועגן די טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן און שרייבערס, וועלכע די פּראָווינציעלע ביאַליסטאָק, די הויף־קולטורעלע — מיט אירע 60 טויזנט יידן — האָט פאַרמאָגט.

פאַר די וואָס זיינען באַקאַנט מיט דעם ביאַליסטאָקער טעאַטער און מיט דער ביאַליסטאָקער פּרעסע, איז דער נאָמען מענדל גאָלדמאַן גוט באַקאַנט. ער איז געווען אַ טייל פון דער פּילפאַרביקער, לעבעדיקער געשיכטע פון ביאַליסטאָקער טעאַטער און פּרעסע, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דער ביאַליסטאָקער צייטונג „דאָס נייע לעבען״, וואָס האָט שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף „אונזער לעבען״, אונטער דער רעדאַקציע פון פּסח קאַפּלאַן.

קאַפּלאַן איז געווען אַ פילזייטיקער טאַלאַנט — אַ שאַרפזיניקער, בייסיקער פעליעטאָניסט, פעיקער פּובליציסט, איבערזעצער פון קרילאָווס משלים אין יידיש (אין סטיל פון טאַלאַנטירטן פּאָעט און איבערזעצער נחום יוד, פון ״פאָרווערטס״), ווי אויך אַ גלענצנדיקער טעאַטער־קריטיקער.

דער ביאַליסטאָקער „פּאַלאַס־טעאַטער", וואָס איז געווען נישט ווייט פון ראָמאַנטישן ביאַליסטאָקער „גאָראָדסקאָי סאַד", איז געווען אַ מאָדערנער טעאַטער, מיט שיינע דעקאָראַציעס, מיט אַ גרויסן זאַל, וואָס האָט געקאָנט אַריינגעמען ביי 800 באַזוכערס. דאָרט האָבן גאַסטראָלירט פאַרשידענע טרופּן, צווישן זיי — אין די יאָרן 1918־1920 — די ווילנער טרופּע מיט די דעמאָלטיקע ליבהאָבער־אַקטיאָרן טאַנין, נאַכבוש, קאָוואַלסקי, עלמית, עזרא, שטיין און אַנדערע. שפּעטער איז צוגעקומען דער כאַראַקטער־אַקטיאָר, אברהם מאָרעווסקי.

די פּיעסן, וואָס מען האָט דעמאָלט אויפגעפירט, זיינען געווען „דער דאָרפס־יונג", „די פוסטע קרעטשמע" און „דער דיבוק".

די ביאַליסטאָקער אַקטיאָרן זיינען דעמאָלט באַשטאַנען פון יודל גרינהויז, אַ ליבהאָבער, שיין קערפּערלעך געבויט, מיט אַ שיינער שטימע, וועלכער האָט געשפּילט אין יעקב גאָרדינס דראַמעס און אין גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס; פּיילעט, אַ געוועזענער ביאַליסטאָקער וועבער, אַ פעיקער אַקטיאָר און גוטער אימיטאַטאָר, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אין גאָלדפאַדענס „די כישוף־מאַכערין" אין דער ראָל פון „באָבע יאַכנע"; און די פרויען שליאַפּאַק און לעווינאַ, אין פרויען־און מוטער־ראָלן.

עס זיינען דאָרט אויך געווען: שלום שוואַרץ, אַ באַגאַבטער קאָמיקער; מאיר שוואַרץ, אַ שרייבער פון קאָמישע איינאַקטערס (וועלכע האָבן געהאַט גרויס דער־פאָלג), ווי אויך אַ סופליאָר; זשווקינאַ, אַ טאַלאַנטירטע אָפּערעטן־שוישפּילערין און סובּרעטקע; ישראל בירנבוים, אַ פעיקער אַקטיאָר אין וועלטלעכע ראָלן; אייזענשטאַדט, דער זון פון טעאַטער־דירעקטאָר, אַן אינטערעסאַנטער אַקטיאָר; ראַש, אַ גראַדנער ליבהאָבער, אַ גוטער אַקטיאָר, און טרילינג, אַ גראַדנער יונגער־מאַן מיט אַ שיינער שטימע אין אָפּערעטן־ראָלן.

דער ביאַליסטאָקער טעאַטער איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער צייטונג „אונזער לעבן" מיט פּסח קאַפּלאַן אַלס רעדאַקטאָר און מענדל גאָלדמאַן אַלס מיטרעדאַקטאָר, באַקאַנט אויך אונטערן פּסעוודאָנים „מנחם ג־ן", אַ הויך־טאַלאַנטירטער יונגערמאַן אויף די געביטן פון פּאָעזיע, פּובּליציסטיק און טעאַטער־קריטיק, דערצו שיין געבויט, מיט איידעלע מאַניערן. זיין ווייב, ראָזע זאַבלודאָווסקי, אַ טאָכטער פון אַ טוך־קאָמיסיאָנער, האָט געשמט אַלס איינע פון די שענסטע מיידלעך אין ביאַליסטאָק.

פאָלגנדיקע שרייבערס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער ביאַליסטאָקער פּרעסע: אהרן בערעזינסקי — בעלעטריסט, שרייבער פון סקיצן און נאָוועלן; חיים וויסאָצקי — בעלעטריסט, שרייבער פון סקיצן און דערציילונגען; משה וויסאָצקי — פּובּ־ליציסט פון פּאָליטישע אַרטיקלען און לאָקאַלע פּראָבּלעמען; שטיינסאַפּיר — אַ פיינער, שאַרפזיניקער הומאָריסט; אברהם זבאַר — אַ טאַלאַנטירטער פּובּליציסט; טרעשטשאַנסקי — אַ באַגאַבטער פּאָעט; לאַמפּערט — ראָמאַנען־שרייבער; שאַצקי

— שרייבער פון דערציילונגען און ראָמאַנען; טרוזשאַנאָוויטש — אַ לערער, אַ פּעיקער פּובליציסט; צביווידער — פּאָרזיצער פון האַנטווערקער־פּאַראיין — אַ גוט־אינפאָרמירטער פּובליציסט.

די ביאַליסטאָקער טעאַטער־גרופּן האָבן זיך שטאַרק געדעכנט מיטן רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן, וועלכער איז געווען די אַבסאָלוטע אויטאָריטעט אין טעאַטער־פראַגן, זייענדיק אויך אַ טאַלאַנטירטער דיריגענט פון כאָר ביי דער באַליבטער גרופּע „אידישע קונסט". גלייכצייטיק איז ער אויך געווען זייער אַקטיוו אַלס פירער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען אין פּוילן דער באַרימטער יידישער אַדוואָקאַט און סיים־דעפּוטאַט, נח פּרילוצקי.

איך האָב זיי אַלעמען געזען דאָס לעצטע מאָל אין ביאַליסטאָק אין יאָר 1939, אויף אַ דורכרייזע פון בעלגיע דורך דייטשלאַנד. איך בין געווען אומלעגאַל אין בערלין, כדי צוזאַמענצושטעלן פאַר מיין צייטונג אַ באַריכט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין בערלין, און בין געפאָרן קיין ביאַליסטאָק, ווו איך האָב אָפּגעדרוקט די לעצטע דערציילונג אין ביאַליסטאָקער „אונזער לעבען", „אַנטווערפּענער דימענט־שניידערס". דאָס איז געווען פיר וואָכן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט טאָטאַל פאַרניכטעט מיין ביאַליסטאָק.

דאָס איז אַ שטיק געשיכטע פון דער רומפולער ביאַליסטאָקער פאַרגאַנגענהייט, וואָס דאַרף און מוז פאַרצייכנט ווערן — די געשיכטע פון שיינקייט און גלאַנץ, בלוט און טרערן, וואָס איז געבליבן נאָכן חורבן ביאַליסטאָק.

צו דער דיסקוסיע צווישן וואַרשאַווסקי, שעפנער, רייך

חשובער רעדאַקטאָר,

איך האָב נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אינטערעס די פּאָלעמיק צווישן די חשובע שרייבער יצחק וואַרשאַווסקי, ברוך שעפנער און יעקב רייך. אין זיין פּאַרטיידיקן זיינע אידעען, שטיצט זיך פריינד יצחק וואַרשאַווסקי אויף די „רעכט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג". דאָס איז אַבסאָלוט קאָרעקט, דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון אַלע בירגער פון אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. אָבער פריינד יצחק וואַרשאַווסקי פאַר־געסט: אויב אין ליטעראַטור (בעלעטריסטיק און פיקציע־ראָמאַנען) קאָן דער שרייבער ברייט פאַנאַנדערלאָזן זיין פאַנטאַזיע (ווי אין „דער שטן פון גאָריי") אָדער אין פאַנטאַסטישע ראָמאַנען און אוטאָפּיסטישע סקיצן און אויסגעחלומטע

וועלטן, פון שדים, גייסטער, לאַפּיטוטן און פּרימיטיווע אַלט־פּרענקישע אָבער־גלויבערישע געשטאַלטן — האָט אָבער נישט אַ פּובליציסט דאָס רעכט צו אָפּערירן מיט אימפּולסיווע, נישט קאָנטראָלירטע, אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, וואָס באַזירן זיך אויף טעאָרעמעס (טעאָריעס פון וואַרשיינלעכקייטן). ער דאַרף און מוז זיך גיכער שטיצן אויף פעסטגעשטעלטע פאַקטן.

פריינד וואַרשאַווסקי, איך דאַרף אייך נישט דערציילן, איר ווייסט דאָס פּונקט ווי איך, אַז אַ שרייבער אין אַ צייטונג, אַ פּובליציסט, איז נישט נאָר אַ מעשה־דערציילער, נאָר אויך אַ לערער, אַ מדריך, אַ וועגווייזער און אַ מענטש וואָס ברענגט צום לעזער נוצלעכע אינפאָרמאַציע, און דער שרייבער האָט אַ פליכט צו לערנען דעם לעזער „פּאָזיטיוון וויסן". די לעקציע האָב איך געהאַט פּופצן יאָר אין בעלגיע, ווו איך האָב מיטגעאַרבעט אין טעגלעכע און וועכנטלעכע צייטונגען און זשורנאַלן. אין רוסיש זאָגט מען: „קאַמו מנאָגאָ דאַיאָטסיאַ, ס׳טאָוואָ מנאָגאָ טרעבויעטסיאַ", (וועמען עס גיט זיך אַ סך, פון דעם פאָדערט זיך אַ סך). אַ זשורנאַליסט, אַ פּובליציסט, האָט גרויסע פאַרפליכטונגען.

און איצט וועגן אייער איראָנישער באַמערקונג וועגן דער באַרימטער אַרבעטער־לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך". איר זאָגט, אַז די לאָזונג איז נישט מער ווי אַ מליצה, אַ פרומער ווונטש, גלויב איך, אַז אַ שרייבער מיט אָפענע אויגן, קאָן רויִק פעסטשטעלן, אַז אַ דאַנק אָט דער „מליצה" און דעם אומאויפהערלעכן קאַמף אין די לעצטע זעכציק יאָר, פון דער בעסטער הומאַניטאַרער, אידעאַליסטישער טייל פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, אַרבעט מען היינט נישט זעכציק שעה אַ וואָך, נאָר פינף און דרייסיק. מען האָט אויסגעקעמפט: אַרבעטלאָזע־פאַרזיכערונג, „סאָשעל סעקיוריטי" און עלטער־פּענסיע, און איצט „מעדיקעיר". די אַרבעט האָבן אָנגעהויבן: קאַרל מאַרקס, לאַסאַל, ענגעלס און אַנדערע און זי איז שפּעטער איבערגענומען געוואָרן דורך טויזנטער קליינע מאַרקסעס, לאַסאַלס און ענגעלסעס, וואָס האָבן איינגעשטעלט און אויסגעקעמפט מענטשלעכע באַדינגונגען פאַר דעם גרעסטן טייל פון פאָלק, דעם אַרבעטער־קלאַס.

וועגן אייער גלויבן אין איבערנאַטירלעכע וועזנס ווי: שדים, גייסטער און געשפּענסטער, האָט איר גרויס גליק, וואָס איר לעבט אין יאָר ניינצן הונדערט און פינף און זעכציק און נישט מיט הונדערט יאָר צוריק. דעמאָלט וואָלט איר געשטאַנען פאַר דער גרויסער געפאַר באַשולדיקט צו ווערן אין שטיין אין געהיימען קאָנטאַקט מיט מכשפים און גייסטער, און איר וואָלט געקאָנט אַריינגיין צווישן די העלדן פון דער מאַרטיראָלאָגיע, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף די שייטערהויפנס, זייענדיק פאַרדעכטיק אין שוואַרצן כישוף. איר האָט זיכער געלייענט אַרטור מילערס באַשרייבונג פון יענע יאָרן.

ניין, פריינד יצחק וואַרשאַווסקי, מיר געפעלט די היינטיקע וועלט פיל בעסער,

ווי די וועלט פון זעכציק יאָר צוריק. ווייל די געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט באַוויזן אַז די וועלט — מיט אַלע אירע טונקעלע שאָטנס — גייט פאָרויס צו פאַרבעסערן די לאַגע פון דער מענטשהייט, אָפּשאַפן קאָלאָניאַליזם, דערנענטערן מענטש צו מענטש, רעליגיע צו רעליגיע, שאַפן פּערמאַנענטע סאָציאַלע רעפאָרמען און אפילו אָפּשאַפן מלחמות. איך בין אַ גרויסער אָפּטימיסט.

דער 11־טער נאָוועמבער אין פּאַריז

(איינדרוקן און שטימונגען)

יום־טוב פון וואַפנשטילשטאַנד. דער יום־טוב, ווען קאַנאָנען ווערן אַנטשוויגן און סאָלדאַטן לייגן אַוועק זייער געווער צו ווערן פּשוטע בירגער, ווערט געפייערט דורך קאַנאָנען און מיליטערישע פּאַראַדן — איינע פון די פיל פּאַראַדאָקסן פון היינטיקן „ציוויליזירטן דור”.

איך גיי איבערן בריק פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, אַ באַצירטן מיט בראָנזענע מיטאָלאָגישע פיגורן, גיי פאַרביי דעם גרויסן און קליינעם „פּאַליי רויאַל”, קום אַרויס אויף די עליזע־פעלדער צום „פּלאַס דע ל׳עטואַל”, וווּ ס׳קומט פאָר די פייערונג.

אַ שיינער, טרוקענער האַרבסטטאָג. די ריזנגאַס, וואָס איז דער צענטער פון אויטאָמאָביל־געשעפטן, האָטעלן, רעסטאָראַנען, איז פאַרפּלייצט מיט אַ פיל־טויזנט־קעפּיקן עולם. אין דער גאַנצער לענג פון בולוואַר — מיליטער אין יום־טובדיקע אוניפאָרמען.

אין דער ערשטער ריי דער שטאָלץ פון פּאַריזער מיליטער: די „רעפּובליקאַנער גוואַרדיע” אין שוואַרצע אוניפאָרמען, שטאָלענע העלמען מיט רויטע און שוואַרצע פערדישע וויידלען, וואָס הענגען אַראָפּ פון די העלמען ביזן גאַרטל. זיי זיצן שטאָלץ אויף די ברוין־גלאַנציקע פערד.

נאָך דער רעפּובליקאַנער גוואַרדיע דאָס „פּשוטערע” מיליטער: די קאַוואַלעריע אין גרינלעכע אוניפאָרמען און שוואַרץ־לאַקירטע טראַנשיי־קאַסקעס. הינטער דער קאַוואַלעריע פאָרן שווערוואָגיקע געפּאַנצערטע טאַנק־אויטאָמאָבילן מיט משונהדיקע קייטן־רעדער, וואָס פאַרנדיק מאַכן זיי דעם איינדרוק פון קריכנדיקע שלאַנגען. די דעפילאַדע פון מיליטער ווערט באַוואונדערט פון די אַנטציקטע פּאַטריאָטישע פּאַריזער, וואָס נעמען אַלץ אויף לייכט, לוסטיק און זאָרגלאָז.

פונקט 11 אַ זייגער דערהערט זיך אַ קאַנאָנען־שאָס. אין איין אויגנבליק ווערט דער צענדליק־טויזנט־קעפּיקער עולם פאַרגליווערט אין אַ טויטער שטילקייט. די קעפּ ווערן אַנטבלויזט. איין מינוט פון שטילשווייגן. די מינוט זעט אויס אַנענדלעך און מאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. דער ריזן עליזע־פּלאַץ מיטן „פּלאַס דע ל׳עטואַל״ ביז דער טריומף־אַרקע, ווו ס׳ליגט דער אומבאַקאַנטער זעלנער, איז פאַרזונקען אין אַ טויטן שטילשווייגן.

נאָך אַ קאַנאָנען־שאָס און אַלץ איז צוריק אין באַוועגונג. צוריק וואָכעדיקע מענטשן אין אַ יום־טובדיקער שטימונג.

דריי פערטל צוועלף פאָרט פאַרביי דער פּרעזידענט דומערג אין דער באַג־לייטונג פון אייניקע מיניסטאָרן. דער פּרעזידענט איז מער ענלעך צו אַ גוטמוטיקן געשעפטסמאַן, מיט זיין קיילעכדיקן בייכל, קליין פיגורל, רונדיקן פּנים, וואָס שמייכלט אַזוי ליבלעך, היימיש, גוט־ברודעריש צו זיינע פּאַריזער בירגער. דער־פאַר איז ער טאַקע זייער ליבלינג און מען באַגלייט אים מיט צופרידענע, ליבלעכע אָוואַציעס.

ס׳מאַרשירן די אַלטע קאָמבאַטאַנטן מיט 250 פענער פון צעלאָזענע רעגימענטן וואָס ווערן באַגלייט מיט אַנטבלויזטע קעפּ. אַלץ מאַרשירט צו דער טריומף־אַרקע, צום דענקמאָל פון אומבאַקאַנטן זעלנער.

אייזקאַלט איז די שטיינערנע, פאַרגליווערטע טריומף־אַרקע, וואָס האָט אָבער אַ סך צו דערציילן פון די נעמען, וועלכע זיינען אויסגעקריצט אויף איר. דאָס זיינען די נעמען פון די שטעט, וו ס׳זיינען פאָרגעקומען שלאַכטן: אַ בלוטיק געמיש פון פּוילישע, רוסישע, דייטשישע, פראַנצויזישע שטעט. שטעט פון דער בלוטיקער מלחמה־געשיכטע, וואָס דערציילן זייער אַ סך פון דער שטיינערנער טריומף־אַרקע.

אַרום דעם נר־תמיד זיינען פאַרזאַמלט דעלעגאַציעס, פאַרשטייערס פון אויס־לענדישע קאָנסולאַטן, אַ געמיש פון נאַציעס, וואָס זיינען געקומען באַשטעטיקן זייער פרידנס־פאַרשלאַג און דרשענען שוין 11 יאָר אויף די קאָנפערענצן פון פעלקערבונד וועגן שלום, וואָס קאָן עפּעס דאָך נישט געבוירן ווערן. נעבעכדיק און צביעותדיק זעען זיי אויס, אָט די אַלע אַטאַשעס פון די אויסלענדישע מלוכות, אין די פאַרשידענע מונדירן, וואָס פייערן דעם וואָפנשטילשטאַנד.

שיינקייטן פון פראַנקרייך און פון מיין פראָווינצשטאָט

אין מיינע וואַנדערונגען איבער לענדער, געאָגראַפיש צעזייטע איבער דעם גיגאַנטישן ערדקוגל, האָב איך פיל ווונדערלעכע, שיינע מערווירדיקייטן געזען, אָבער דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די דריי פראַנצויזישע רעזידענצן פון די אַמאָליקע קעניגן פון פראַנקרייך: פאָנטענבלאָ, ווערסאַי, און פאַרק טריאַנאָן.

איך בין מיטגעריסן געוואָרן פון די לאַנדשאַפטן, פון דעם צויבער פון שטילן אָבער מאַיעסטעטישן פאָנטענבלאָ, פאַרטראָגן געוואָרן אין חלומות פון קעניגלעכן גלאַנץ און צוזאַמענברוך.

באַטראַכטנדיק אין קעניגלעכן פאַלאַץ פון ווערסאַי די קונסטווערק, מייסטער־ווערק, מאָלערייען פון דער בילדער־גאַלעריע, פון דעם אימפּאָזאַנטן לוקסוס־גלאַנץ־פּעריאָד, פון דער וואַקכאַנאַלישער צייט פון ווילדע שכרות־אָרגיעס און פון ראַפינירטער אויסגעלאַסנקייט אין פראַנצויזישן סטיל פון עלעגאַנץ און טראַגישן פינאַל פון אינטריגעס: עשאַפאָט און גיליאָטינע.

בלאָנדזשענדיק אין פאַרשטומטן, שטיל פאַרכמורעטן ווערסאַי, בין איך שטיין געבליבן פאַר דעם צימער מיט ברייט צעעפנטע טירן, דעם מיט גאָלד באַפּוצטן שלאָפצימער פון מאַרי אַנטואַנעט, ווו זי האָט, איבערגעדעקט מיט שווער דראַפּירטן זייד־געבלומטן באַלדאַכין, אין נאַכטיקן קאָשמאַרן־דרימל פאַרבראַכט אירע יאָרן, די פראַנצויזישע קעניגין, די עסטרייכישע שיינהייט, וואָס איר בלאָנדער קאָפּ איז אָפּגעהאַקט געוואָרן פון אַ רויען, קצבישן תלין, אין אַ גרויען, אויפגייענדיקן פרימאָרגן.

און אָט איז דער טרוימעריש קעניגלעכער פאַרק טריאַנאָן, באַזייט מיט שפּריצנ־דיקע אין קאָלירן מיניעדיקע וואַסער־קאַסקאַדן, פאָנטאַנען, אונטערגעהאַלטענע פון סקולפּטור־געשניצטע קופּידאָנען. אין דעם פאַרק, אין וועלכן עס זיינען שטיל פאַרגנבעט געהיימנישפולע ליטאַנקעס, מיט גרינע בלעטער פאַרפלאָכטענע, ווו אין די פאַרנאַכטיקע מילדע, וואַרעמע אָוונטן, באַלויכטענע מיט אייביק צאַנקענידקע שטערן, אין אַלע דורות פאַרפירערישע — האָבן די קעניגלעכע פאַוואָריטקעס, זייערע ראַנדעוווס געמאַכט. אין דער כלומרשט אומשולדיקער שטילקייט פון פאַרק טריאַנאָן, האָבן זיך שטילע זיפצן, באַגלייט מיט ליידנשאַפטלעכע קושן, פון פאַר־באָרגענע ווינקלען דערטראָגן ווי אין פאַרצייטיקע ליבעס גן־עדן־אידיליעס פון צאַרטן ראָמאַנטיזם. חלומות פון דורשטיקע הערצער, צוגעדעקט מיט דעם קאַלטן, אָפיציעלן עטיקעט פון פראַנצויזישן הויף, האָבן דאָ אַן אָפּרו־ליבע געפונען. אין דער אייביק אָנקומענדיקער נאַכט האָבן זיי דעם קאַלטן עטיקעט אַראָפּגעוואָרפן און זיך אָפּגעגעבן מיט פליסטערנדיקע שבועות, שווערנדיק זיך טרייהייט, אין

ליבע־עקסטאַז, אין שאָטן פון די גרינע געבלומטע ביימער, אין פאַרחלומטן פּאַרק טריאַנאָן.

✶

שיין זיינען פאָנטענבלאָ, ווערסאַי און פּאַרק טריאַנאָן. אָבער פיל איידעלער און שענער האָט געווונקען צו מיר דער ראָמאַנטיזם פון דעם שטאָטגאָרטן אין ביאַליסטאָק, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן. צוליב זיין צניעות, באַשיידנקייט, אויפריכטיקער ליבע און געטריישאַפט. שעהען פון צאַפּלען זיך ביי די אומשולדיקע באַגעגענישן אין די גרין קוסטיקע אַלעען, אין חנעוודיקן, שטיל פאַרטרוימטן ביאַליסטאָקער שטאָטגאָרטן. אין די ערשטע אויפוואַכנדיקע יאָרן פון לייב־און פרויען־רייץ, הייס בלוט און ערשטער ליבע.

צי איז דען ליבע נישט בלינד? צי איז אין מיין ליבע צו מיין פּראָווינציעלן ביאַליסטאָקער שטאָטגאָרטן נישט געלעגן מער צויבער ווי אין דעם מאַיעסטעטישן פּאַרק טריאַנאָן? צי איז דען דאָ לאָגיק ביי געפילן? צי איז דען ליבע נישט אַ פאַרמעסט קעגן וואָג און מאָס, פון צייט און גרויסקייט? צי איז דען שיינקייט נישט אַ רעלאַטיווער באַגריף? אַן אָרעמע, איינגעטריקנטע, פאַרחושכטע מאַמע, מיט גוטע, געטרייע, מאַמעשע אויגן, זעט זי דען נישט אויס ווי אַ מלאך פון דערהויבענער שיינקייט און הימל־געטלעכער גוטסקייט?

1965